STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07703

NEKHTN

L. Chain-Shimoni

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. חיין-שמעוני

נעכטן

(פון נאָנטער פאַרגאַנגענהייט)

פארלאג
אונדזער
וואָרט

בוענאָס איירעס

1959

Copyright by
L. CHEIN-SHIMONI,
Haifa, Israel

Hecho el depósito
que marca le ley
Nº 11.723

L. CHEIN-SHIMONI

AYER

BUENOS AIRES
1959

מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן האָט דער סובאַלקער לאַנדסלייט־פאַריין זיך אָנגעשלאָסן אין דער איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן דאָס ווערק פון זייער לאַנדסמאַן לייבל. חיין־שמעוני „נעכטן".

דער פאַריין האָט אין דעם געזען דעם פּאַסיקסטן אופן, ווי צו באַצייכענען זיין פייערן דעם יובל פון צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ, און באַזונדערס, ווען דאָס ווערק פון לייבל חיין־שמעוני איז געווידמעט דעם זכר פון אַלע אומגעקומענע בעת די נאַציסטישע רציחות יידן פון אונדזער היימשטאָט סובאַלק.

לייבל חיין־שמעוני איז נישט קיין פרעמדער פאַר זיינע לאַנדסלייט אין בוענאָס איירעס. בעת זיין שליחות קיין אַרגענטינע אין די ענינים פון דער „הסתדרות" איז ער געווען דער אָפיציעלער גאַסט פון די סובאַלקער און אויף דער איניציאַטיוו פון די סובאַלקער איז אויך דערשינען זיין ראָמאַן פון ארץ־ישראל־לעבן „טאָג־איין, טאָג־אויס". און דער סובאַלקער פאַריין האַלט עס פאַר אַ באַזונדערער חשיבות און כבוד צו זיין באַטייליקט און מאַטעריעל בייצוטראָגן פאַר דער דערשיינונג פונעם איצטיקן וויכטיקן ווערק „נעכטן", וואו עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון די יידן אין ליטע צווישן די ביידע וועלט־מלחמות.

דעריבער דריקט אויס דער פאַריין זיין אָנערקענונג דעם פרעזידענט פונעם פאַריין מאזשעשניצקי, וואָס האָט נישט געזשאַלעוועט קיין מי און ענערגיע, אַז צו זיין ערשטן יובל פון צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ, זאָל דער פאַריין קענען הינטערלאָזן די מיטגלידער די שיינע מתנה פון אַזאַ וויכטיקן ווערק ווי עס וועט זיין פאַר דער יידישער געשיכטע און יידישער קולטור בכלל לייבל חיין־שמעונים בוך „נעכטן".

סובאַלקער לאַנדסלייט־פאַריין
אין בוענאָס איירעס



ל. חיין־שמעוני

געמאָלן: שמואל לאַם, ישראל

געהייליקט:

מיין אומגעקומענער גרויסער משפחה, מיט אַלע אומגעבראַכטע יידן פון מיין געבורטס־שטאָט סובאַלק, און געוועזענער היימלאַנד ליטע.

געהייליק זיי, אַלע אומשולדיקע פריידלעכע מענטשן פרויען, מענער, קינדער — אַלט און יונג, דערמאָרדעטע, דערשטיקטע, געשאָכטענע, פאַרגאַזטע און פאַרברענטע לעבעדיקערהייט, — דורך די ליטווישע און דייטש־נאַצישע טעווטאָנען, אין די פינצטערע יאָרן פונעם צווייטן וועלט־קריג 45 ־ 1940.

דער מחבר.

ל. חיין־שמעוני — ביאָגראַפישע שטריכן

ווי מ'יר ווערן געוואויר פון בוך שטייט איצט ש. שמעוני אויפן שוועל פון 60סטן לעבנס־יאָר, ווילן מיר דעריבער מאַכן אַ שטיקל ביאָגראַפישן סך־הכל פון מחברס טעטיקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון זיין 15טן לעבנס־יאָר און האַלט־אָן ביזן היינטיקן טאָג.

צייט 1915 איז ער אַקטיוו אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג.

ש. שמעוני איז געווען דער מיטגרינדער פון פועלי־ציון אין סובאַלק. דאָס זעלבע אין 1918 אין ליטע, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון דער דערמאָנטער פאַרטיי. אַ מיטגליד פון מאַריאַ־פּאָלער און שפּעטער פון קאָווּנער ועדי־הקהילות, אַ מיטגליד פון דער נאַ־ציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע.

אין קאָווּנע האָט ער שטודירט פּעדאַגאָגיק און פאַרענדיקט אַלס לע־רער. געווען גלייכצייטיק דער סעקרעטאַר און צום סוף דער געשעפטס־פירער פון סאַניטאַר־מעדיצינישן אָמט ביים יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום, געווען איניציאַטאָר און מיטגרינדער פון אָוונט־שולן, ביבליאָטעקן, און יידיש־וועלטלעכע שולן, מיטגעאַרבעט אין „אָזע״ און „קולטור־ליגע״, ווי איינער פון די מיטבויער פון דער אויטאָנאָמער נעץ, האָט ער דורכגערייזט ליטע אין דער לענג און ברייט, ווי אַ אינס־טרוקטאָר אויפן שטח פון פאָלקסגעזונט, ווי אַ פאַרטיי־טוער, לעקטאָר, רעפערענט, און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון ליטעראַטור. ער האָט פאַרלאָזן לי־טע אונטערוועגס קיין ארץ־ישראל סוף 1924 נאָך שווערע רדיפות און תפיסות.

אין 1920 האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַריש־פּובליציסטישע אַר־בעט, אין דער פועלי־ציוניסטישער „אַרבעטער צייטונג״, אין אַ גאַנצער רייע איינמאַליקע זשורנאַלן. אין דער אויסגאַבע פון יידישן סטודענטן־פאַראיין, אין „פאָלקסגעזונט״ אין קאָווּנע.

זינט 1924 האָט ש. שמעוני אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין וואַרשעווער פּועלי־ציוניסטישער „אַרבעטער צייטונג", וואו ער האָט געשריבן ביזן אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. גלייכצייטיק אין זשורנאַל „די פרייע יוגנט", ווי אין אַ רייע צייטונגען און זשורנאַלן אין פאַרשיידענע לענדער, נאַטירלעך אויך אין צפון־ און דרום־אַמעריקע, וואו ער שרייבט ביזן היינטיקן טאָג אונטער כלערליי פּסעוודאָנימען, וואָס איז ביי אים גע־בליבן אַ געוואוינשאַפט פון די אַמאָליקע אומלעגאַלע צייטן. הויפּטזעכ־לעך זענען באַקאַנט זיינע פּסעוודאָנימען ל. חיין, אבא גוטעס, ר. גוטקין, ל. ליטוואַק אאַז"וו, נאַטירלעך מחוץ „ל. שמעוני".

ביז 1928 האָבן מיר אויך געזען זיינע אַרטיקלען אין רוסיש אין דער נאָך לעגאַלער פּועלי־ציון־אויסגאַבע „יעווריסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ מיסל".

זינט 1925 האָט ש. שמועני אַנטוויקלט אַ ברייטע ליטעראַריש־פּוב־ליציסטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל, און פון ארץ־ישראל אין אויסלאַנד און פאַרעפנטלעכט אַ שלל אַרטיקלען, פעליעטאָנען, רעפּאָרטאַזשן, דערציי־לונגען און ליטעראַרישע קריטיק איבער שרייבער און ביכער אין יידיש און העברעאיש.

אין 1928 (אויגוסט חודש) איז ער געווען דער איניציאַטאָר און מיט־גרינדער פון ע ר ש ט ן י י ד י ש ן ל י ט ע ר א ר י ש ן זשורנאַל אין ארץ־ישראל דער „אָנהויב". פאַר דעם אין 1926, שאַפט ער דעם דראַ־מאַטישן קרייז אין חיפה „אונדזער ווינקל", וואָס שפּילט 4 יאָר צייט יידיש טעאַטער; שפּעטער שאַפט ער דאָרטן אַ ליטעראַרישן קרייז, וואָס האָט געווירקט כמעט ביז דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, מיט זיין איניציאַטיוו און ליטעראַרישער הילף זענען אין חיפה אַרויסגעגעבן גע־וואָרן אַ רייע יידיש־ליטעראַרישע זאַמלהעפטן, אגב אַרבעט ער דאָרטן אַק־טיוו מיט אין די העברעאישע אויסגאַבן פון הסתדרות, פריער אין „לחוץ" און אין „לחוף" און לעצטנס אין „חיפה העובדת", גלייכצייטיק האָט ער אָנטיילגענומען אין רוב ליטעראַרישע אויסגאַבן פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין.

22 יאָר צייט, האָט ער וואָך־איין וואָך־אויס געשריבן אין דער באַ־רימטער „נייוועלט", איצט שרייבט ער אין דער „פאָלקסבלאַט", אין „ישׂ־ראל־שטימע" און „היימיש" אין תל־אביב. זיינע אַרבעטן זענען אויך גע־דרוקט געווען אין „די גאָלדענע קייט".

אין העברעאיש האָט ער פריער מיטגעאַרבעט אין „דרך הפועל" און אין „למשמר", איצט אין „למרחב" און „המשק־השיתופי", ווי אין אַנדערע פאַך־אויסגאַבן געווידמעט דעם פּאָלקסגעזונט און „קאָאָפּעראַציע".

פון 1930 ביז 1938 איז ער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין קאָוונער „פאָלקסבלאַט" (רעדאַקציע יודל מאַרק און ד"ר מענדל סודאַרסקי ז"ל).

פון 1951 ביז 1957 האָט שמעוני מיטאַרגעאַרבעט אין „די פּרעסע" אין בוענאָס איירעס, גלייכצייטיק שרייבט ער ביז הייגט אין „אונדזער וואָרט", אַרגענטינע און „אונדזער וועג", ניו־יאָרק; זיינע דערציילונגען זענען אויך געדרוקט געווען אין די יאָרביכער פון „האַלץ־אינדוסטריאַל" (בוענאָס איירעס), אין די ביכלעך און אויסגאַבן פון „צווישאַ", אין די אַלמאַנאַכן און „פנקס" אין פּוילן, ווי אין נאָך אַ גאַנצער ריי ביכער און זאַמלביכער. בקיצור: זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן זענען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע טיילן פון דער יידישער וועלט אין די הונדערטער.

אין 1951 איז דערשינען אין בוענאָס איירעס זיין בוך דערציילונגען „באַרג אַרויף", אַרויסגעגעבן דורך „צווישאַ" — שלום עליכם" שול.

אין 1954 איז דערשינען זיין א"י־ראָמאַן „טאָג־איין, טאָג־אויס", אַרויסגעגעבן דורך דער סובאַלקער לאַנדסמאַנשאַפט אין בוענאָס איירעס.

אין 1956 איז דערשינען זיין באַרימטער בוך דערציילונגען „אונטערוועגס", אַרויסגעגעבן דורך דער „שלום עליכם" שול מאַטאַדעראָס. „אונטערוועגס" איז פּרעמירט געוואָרן מיט דער „לייב־האָפער פּרעמיע" דורך דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, אָפּשאַצנדיק עס ווי דאָס ב ע ס ט ע בוך דערציילונגען וועגן ישראל פון מדינת ישראל, וואָס איז דערשינען אין 1956".

אַלע דריי ביכער זענען אויספאַרקויפט געוואָרן ביזן לעצטן.

אין 1957 זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן זיינע דריי דערציילונגען אין שפּאַניש, אינעם בוך "Israel Por Dentro" אַרויסגעגעבן פון פּרעסטיזשפולן פאַרלאַג „קאַנדעלאַבראַ, בוענאָס איירעס. איצט ווערט צוגעגרייט צום דרוק זיינער אַ באַנד דערציילונגען אין העברעאיש, אין פאַרלאַג „ילקוט" פון חיפהער קולטור־אַמט פון הסתדרות, און אַט ווערט רעאַליזירט זיין חלום מיטן פאַרעפנטלעכן אַ טייל זכרונות פון זיין 40־יאָרי־

קער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און שטורמישן לעבן, אַ לעבן פון קאַמפן, געראַנגלען, פרייד און ליידן; דערפון 34 יאָר אין ישראל.

פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ישראל ווייסן מיר, אַז זיין טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין תל־אביב אין 1925. אין זעלבן יאָר באַזעצט ער זיך אויף שטענדיק אין חיפה, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ קליין שמוציק אַראַביש שטעטל מיט עטלעכע טויזנט יידישע איינוואוינער. אין חיפה האָט זיך ש. שמעוני געוואָרפן מיט ברען אין דער אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אַ ק ט י ו אָנטיילגענומען אין בויען דאָס יידישע לעבן צוזאַמען מיטן בויען די הסתדרות מיט אַלע אירע פּראַקטיקע אינסטיטוציעס. באַזונדער אַקטיוו איז שמעוני אין קופת חולים, וואו ער איז אָן איבעררייס 31 י אָ ר צ יי ט אַן אַקטיווער מיטגליד פון צענטראַלן אויפזיכטס־ראַט און פאַרזיצער פון חיפהער קרייז־ראַט, און פון דער צענטראַלער פינאַנץ־קאָמיסיע פון קופת חולים, וואָס אָפּערירט איצט מיט אַ בודזשעט פון מיליאָנען סומעס.

ש. שמעוני איז מער ווי 30 יאָר צייט אַן אַקטיווער מיטגליד פון חיפהער אַרבעטער־ראַט און יאָרן־לאַנג פון ועד הפועל; ער איז דער מיטבויער פון דעם גרויסן קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו „הצרכן“ מיט זיינע 40 פיליאַלן; זייט 1940 איז ער דאָרטן אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער ליטונג.

אין חיפה איז ער געווען לאַנגע יאָרן אַ מיטגליד אין וועד הקהילה, מיטגעווירקט אין „הגנה“ און מלחמה־צייט אין הג״א (פּאַסיווע פּאַרטיידיקונג קעגן לופט־אָנפאַלן), מיטגליד פון מועצת ההסתדרות, און פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון הסתדרות (וועדת בקרת מרכזית). ש. שמעוני איז אין דער בריטישער תקופה געווען אַ שופט אין „בית המשפט העברי“ אין חיפה און אַ שופט אין העכסטן געריכט פון הסתדרות.

ש. שמעוני האָט אויסגעפירט שליחותן פון הסתדרות אין צפון־ און דרום־אַמעריקע און דאָס אַלץ ווי אַ וואָלונטיר „שלא על מנת לקבל פרס“, ווייל, ער איז גאָר פון פאַך אַ דיפּלאָמירטער אַגרימענסאָר, וואָס מעסט און צייכנט פּלענער, ווי אַ העכערער רעגירונגס־באַאַמטער אין דעם קאַרטאָגראַפיע מעסטונגס־אַמט ביים אַרבעט־מיניסטעריום פון ישראל.

מיר דאַרפן אויך צוגעבן זיין פּאַרטייאישע אַקטיווע אַרבעט. ער איז פריער געווען אַ צ. ק.־מיטגליד אין פועלי־ציון, דערנאָך אין מפ״ם. איצט

איז ער מיטגליד פון צ. ק. פון „אחדות עבודה פועלי־ציון״ אין ישראל.

מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן אַ ט יי ל פון זיינע אַקטיוויטעטן, דאָס וואָס מיר ווייסן און געדענקען.

אין 1915, בעת דער ערשטער וועלט־שריפה, האָט ש. שמעוני אָנ־געהויבן זיין מענטשן־שטודיום, ווי אַ געפאַנגענער אין אַזאַ דייטשישן קאַצעט אין די וועלדער פון ליטע. צו זיין פרייד און גליק האָט ער זוכה געווען צו דערלעבן — געניסן פון די פרוכט פון זיין לעבנסגאַנג: — מדינת ישראל, וואו ער זעצט ווייטער פאָר זיינע מענטשן־שטודיעס אין קעסל פון ק י ב ו ץ ג ל ו י ו ת אין יידישן לאַנד, אין דער געדיכטע־ניש צווישן יידן, טייערע יידן פון אַלע טיילן פון וועלט. פון אַלע גלותן, יידן פון צענדליקער קולטורן, זיטן, שטייגערס און שפּראַכן, וואָס שמעלצן זיך צענויף אין איין נאַציאָנאַלער גאַנצקייט; אין אַ פרייער שעפערישער אומה.

די אַרויסגעבער

**
*

יאָרנלאַנג האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אויסצולאָדן דעם מוח פונעם באַרג זכרונות, בעיקר פון די, וואָס טראָגן צום גרעסטן טייל אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, באַווירצט מיט אַ קרענצל שילדערונגען פונעם פריערדיקן יידישן לעבן און שטייגער, וואָס איז מער נישטאָ. יאָרן לויפן אַוועק, היסטאָרישע פּאַסירונגען און מעשים ווערן פאַרגעסן, צוזאַמען מיט אַ סך פון די יעניקע, וואָס האָבן געשאַפן יידישע געשיכטע אין לעצטן צעשטורעמטן יאָרהונדערט.

ס'ווערן פאַרגעסן מעשים, ס'ווערן פאַרגעסן וואונדערלעכע טיפן, וואָס האָבן געפורעמט און באַווירקט אונדזער לעבן און גאַנג, זיי ווערן פאַרגעסן, ווייל נאָכן אויסהרגענען אונדזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע, איז שוין באַלד נישטאָ ווער ס'זאָל זיי, מיט זייערע מעשים דערמאָנען.

מיר זענען רייך געוואָרן מיט אַ נייער חורבן־ליטעראַטור (אַז ווי איז אונדז!) אָבער ס'ווערט איצט, זייער ווייניק געשריבן פון ערב דער חורבן־תקופה, באַזונדערס פונעם אומגעבראַכטן וואָרצלדיקן, שפּרודלדיקן, פאָלקסטימלעכן יידנטום פון מדינת ליטע.

האָב איך זיך באַמיט בייצוטראָגן מיין קליינעם צושטייער, אַביסל אויסצולאָדן אָנגעזאַמלטע פּערזענלעכע זכרונות, זיי איינצוּוועבן אינעם געזעלשאַפטלעכן גאַנג פון די ערשטע דריטהאַלבן צענדליק יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט, אינעם שטח פון קאָוונער ליטע און פון מיין שוין באַלד פאַרגעסענער פאַרוואָרפענער געבוירן־שטאָט, אַן עיר ואם בישראל, וואָס הייסט סובאַלק, איצט שטחים אויסגעבראָכטע, אויסגעמעקטע פון דער יידישער געאָגראַפישער מאַפּע.

נאַטירלעך האָב איך דאָ פאַרצייכנט זכרונות פון ד ע ר סביבה וואו כ'האָב געלעבט, פון דער באַוועגונג וואו כ'האָב געצויגן מיין גייסטיקע יניקה, פון דעם געזעלשאַפטלעכן שטח וואו איך האָב געווירקט, אַזוי אַז קיינער זאָל מיך נישט חושד זיין אין איינזייטיקייט, צו דערציילן נאָר דאָס וואָס „איך וויל", וואָס מיר „לוינט",

צו פֿאַרשווייגן אָדער איגנאָרירן וואָס מיר געפֿעלט אָדער וואָס מיר „ווינטש” אויסצומיידן חלילה! — איך דערצייל דאָ נאָר אַביסל פֿון דעם, וואָס איך ווייס און געדענק נאָך, צוצוגעבן יענע כראָנאָלאָגישע דאַטן, וואָס האָבן זיך ביי מ י ר אויפֿגעהיט אָן דער מינדסטער פּרעטענזיע צו שרייבן „היסטאָריע”.

איך מוז מקדים זיין מיין אַרבעט מיט אַ באַמערקונג, אַז די וואָס האָבן געלייענט דעם ערשטן בוך פֿונעם קאַפּיטאַלן ווערק „ליטע”, וואו מיין אומפֿאַרגעסלעכער פֿריינט ד״ר מענדל סודאַרסקי, זכרונו לברכה, האָט אַריינגעלייגט אָן אַ שיעור כוח, ביזן לעצטן טראָפּן געזונט, קענען מיר חושד זיין אין באַנוצן מאַטעריאַל פֿון דערמאָנטן ווערק, אָן רשות, נישט אָנצוגעבן דעם מקור — איז דער חשד אַן אומזיסטער, ווייל בשעתו, באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך אויסגעליען ד״ר סודאַרסקין ז״ל אַ שפּאָר ביסל אויטענטישע דאָקומענטן, בילדער, פּראָטאָקאָלן, אַלטע צייטונגס־אויסשניטן וכדומה, מאַטעריאַלן וואָס זענען ביי מיר אויפֿגעהיט געוואָרן צענדליקער יאָרן. די דערמאָנטע מאַטעריאַלן זענען באַנוצט געוואָרן פֿאַרן דערמאָנטן ווערק, וואָס האָט לויט ד״ר סודאַרסקיס ברייוו, געזאָלט הייסן „400 יאָר ליטע” (יידישע ליטע). דאָס גרעסטע טייל מאַטעריאַלן זענען מיר שפּעטער צוריקגעשיקט געוואָרן, אָדער צוריקגעקערט פּערזענלעך, בעת מיין באַזוך אין ניו־יאָרק זומער 1949.

ס׳איז אַ היסטאָרישער שאָדן, וואָס ביז היינט האָט זיך נישט געפֿונען אַ גואל פֿאַרן צווייטן בוך „ליטע”, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך ד״ר מ. ס. ז״ל צום דרוק, קורץ פֿאַר דעם ווי דער גרויזאַמער טויט האָט דעם טייערן מענטשן אַרויסגעריסן אין מיטן דער אַרבעט. אין צווייטן בוך דאַרף אַריין אַ שלל וויכטיקע היסטאָרישע אַרבעטן — אַ גרויסער צושטייער צו דער נייער יידישער געשיכטע.

אין ערשטן בוך „ליטע” איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן מיין קאַפּיטל וועגן דער ערשטער און לעצטער סעסיע פֿון דער „יידישער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג”. פֿאַרן צווייטן בוך האָב איך צוגעשטעלט אַ גרעסערע אַרבעט „די געשיכטע פֿון פּועלי־ציון (לינקע) אין ליטע”, פֿון וואָס ס׳איז מיר ליידער נישט פֿאַרבליבן קיין קאָפּיע, (אַ

תמצית פון דער אַרבעט, אין העברעאיש, האָב איך צוגעשטעלט פאַר דער אויסגאַבע וועגן ליטע, וואָס דערשיינט אין ישראל).

האָפנטלעך, וועלן נאָך זען די ליכטיקע שיין אַלע מאַטעריאַלן, וואָס שילדערן היסטאָריש דאָס לעבן און וואונדערלעכן גאַנג פון הונדערטער יאָר לעבן און שאַפן, פון הונדערטער טויזנטער טייערע יידן אין ליטע, צו דערציילן און דינען די ווייטערדיקע דורות, די ממשיכים פון יידישן פאָלק, אַלע איינגעזאַמלטע, איינגעוואָרצלטע אין אייגענעם יידישן לאַנד ישראל.

דער מחבר.

חיפה, תשרי תשי״ט

סעפטעמבער 1958.

ערשטער טייל

אין אָנהויב

באַגינען

אַן אַלטע יידישע לעגענדע דערציילט, אַז אינעם זעלביקן טאָג ווען ס׳איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש איז געבוירן געוואָרן משיח. דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן מיט וואָסערע צוויי טויזנט יאָר צוריק, ניין טעג אין חודש אב — תשעה באב.

כאָטש מיינע מעטריקאַציע־דאָקומענטן זאָגן, אַז איך „סעמיאָן אַראָנאָוויטש״ בין געבוירן געוואָרן דעם 26סטן יולי 1900, לויטן רוסיש־גרעגאָריאַנישן קאַלענדאַר, — בין איך, שמעון ראובן, אין דער אמתן געבוירן געוואָרן דעם זעלבן יאָר תשעה באָב, וואָס שטימט נישט גאָנץ גענוי מיטן 26סטן יולי. ווייזט אויס אַז מען האָט מיך אייגגעמעלדעט אַ וואָך שפּעטער, ווען ס׳איז אויסגעפאַלן דעם 26סטן יולי, האָט מען אָט דעם דאַטום פאַרצייכנט אין צאַרס מעטריקאַציע־ביכער פון מיין געבורטס־שטאָט, ווי דעם טאָג פון מיין געבוירן.

מיין זיידע האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון צאַרישן מעטריקאַציע־אַמט, שוין מחמת זיין נישט משלים זיין מיטן צאַרס קרוין איבער ליטע און פוילן. האָט ער געפירט אַן אייגענע פאַרצייכענונג אויף אַ טאָוול פון אַ גרויסן מחזור, וואו ס׳זענען געווען פאַרשריבן אַלע פערזענלעכע פּרטים פון זיינע 5 זין, 2 טעכטער און 18 אייניקלעך. ביים זיידן אין מחזור איז בפירוש פאַרשריבן: הנכד הראשון, הבחור שמעון ראובן בן אהרן נולד במזל, ביום תשעה באב, בבקר בשנת תר״ס, בעיר סובאלק.

ליידער איז פון מיין משפּחה נישט געבליבן לעבן קיין איין איינציקער, וואָס זאָל זיין עלטער פון מיר, עדות צו זאָגן וועגן גרויסן עגמת־נפש, וואָס מיין געבורט, דווקא תשעה באב, האָט פאַרשאַפן מיין גאָטס־פאָרכטיקער מוטער, פרומע, די טאָכטער פון ר׳ משה דעם שלאָסער, און שרה די באָבע.

מיין מוטער האָט זיך געערגערט, הלמאַי זי האָט מחמת מיין גע־

בורט, איר בכור (דער עלטסטער פון אירע זעקס בנים) נישט געקענט פאַסטן יענעם תענית, דעם טאָג פון חורבן בית־המקדש.

מיין פאָטער אהרן, דער זון פון דניאל דעם דאַטשניק פון דרוזגעניק, און פון דער קליינינקער ליכטיקער באָבע העניע, האָט געטרייסט זיין יונגער פרוי, מיט דער פריער דערמאָנטער לעגענדע, אַז תשעה באב איז נישט נאָר אַ טרויער־טאָג. תשעה באב איז אויך אַ טאָג פון טרייסט און האָפנונג, ווייל יענעם טאָג איז געבוירן געוואָרן משיח. אין זכות פון משיחס געבורט מעג זי ברעכן דעם תענית אין ערשטן טאָג פון איר ע ר ש ט ן קימפּעט. ווי ס׳זאָל נישט זיין, נעמט ער אויף זיך די עבירה.

מיין שאַרפזיניקער, שטענדיק הומאָרפולער פאָטער, האָט געהאַט נאָך אַ מאָטיוו מתיר צו זיין כלערליי פרומע פאַרבאָטן יענעם יאָר 1900, מחמת דאָס יאָר איז געווען דאָס ע ר ש ט ע פון אַ נייעם יאָרהונדערט, פונעם צוואַנציקסטן, „דור הלך ודור בא״, אָבער ד ע ר מאָטיוו האָט זיך שוין נישט געלייגט מיין מוטער אויפן שכל.

יאָ, איך בין געבוירן געוואָרן אינעם ערשטן יאָר פון שטורמישן, בלוטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַ יאָרהונדערט פון פּראָגרעס און וועלט־דערשיטערונגען, גוואַלדיקע המצאות און מאָנומענטאַלע מלחמות, שחיטות, „קאַלטע״ און „וואַרעמע״, אַ יאָרהונדערט פון רעוואָלוציעס, אַ יאָרהונדערט פון יידישן חורבן און אויפקום, „אתחלתא דגאולה״ פון גע־ליטענעם יידישן פאָלק אין אייגענעם לאַנד ישראל. דער יאָרהונדערט פון אַטאָמישער, פון הידראָגען און מאָלעקולאַרער א ו מ ק ו ם ־ ענערגיע.

מיין פאָטער איז געווען אַ הדרת־פּנים, אַ פרייער מענטש, אַ ייד אַ גבר, אַ דעמב, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין שווערער אַרבעט און אין צאַרישן מיליטער נאָך קנאַפּע 4 יאָר אַקטיוון דינסט.

קיין סך נחת האָבן מיינע עלטערן נישט געהאַט פון זייער בכור אין זיין קינדהייט און יוגנט־יאָרן. דער בכור האָט זיך געפונען אין זייער מחיצה בס״ה די ערשטע 13־14 לעבנס־יאָר, ווייניקער פון דעם אין דער מחיצה פון פאָטער. ווייל בעת איך בין אַלט געווען קנאַפּע 4 יאָר, האָט ער צוזאַמען מיט מיינע פעטערס, די ברידער פון מיין מוטער, אָשר און

די עלטערן פון ל. חיין־שמעוני אהרן און פרומע ז״ל (1920).
(דערמאָרדעט דורך די נאַציס אין ליטע בעת דער צווייטער
וועלט־מלחמה).

מאָטל, געדאַרפט גיין אָפּהיטן און באַשיצן אין ווייטן מזרח די פעסטונג פּאָרט־אַרטור — דעם באַזיץ פון צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער.

דעם 26סטן יאַנואַר 1904 האָט יאַפּאַן פּלוצים באַפאַלן דעם צאַרישן פלאָט אינעם האַפן פון פּאָרט־אַרטור צו דערטרינקען מיט איין קלאַפּ דריי צאַרישע קריגסשיפן, פון די בייסטע און בעסטע פון רוסישן פלאָט. מיין פאָטער מיט זיינע ביידע שוואָגערס אָשר און מאָטל, וואָלטן זיך שוין ווי נישט איז מתגבר געווען אויף אַזאַ באַליידיקונג און אַזאַ דונער אויפן צאַרישן פּרעסטיזש, אָבער די צאַרישע מאַכט האָט זיך מיט דעם נישט גערעכנט. כאָטש אַלע דריי דערמאָנטע רעזערוויסטן זענען זשידעס, האָט מען זיי מאָביליזירט מיט נאָך טויזנטער זשידעס פון זייער גלייכן, מען האָט זיי געגעבן זעלנערשע בגדים, שטיוול, הילצערנע לעפל, סוכאַרעס, צוקער, אַ קופּערנעם שפּייז־קעסעלע, קאָלדרעס, ביקסן מיט פּאַטראָנטאַשן פול אָנגעזעצט מיט קוילן און געצוואונגען זיך רירן קיין יאַפּאַן. מעשה־שטן האָט נאָר דער יינגסטער פון די דריי, דער פעטער מאָטל אַליין זוכה געווען צו דערגיין ביזן שלאַכט־פראָנט, איינצושטעלן זיין לעבן פאַרן „צאַר און פאָטערלאַנד״, ער האָט „זוכה״ געווען אָנצוקומען קיין פּאָרט־אַרטור, בעת מיין פאָטער מיטן פעטער אָשר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין די אומצאָליקע עשאַלאָנען, פאַרשוואונדן ערגעץ אונטערוועגס אין די שטעפּן פון סיביר, און זיך שפּעטער אָפּגעפונען אַזש אין באָסטאָן, אין דער מדינה מאַסאַטשוסעטס אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע...

דעם צאַרס אַרמייען האָבן דעמאָלט געליטן שווערע מפּלות, איינע גרעסער פון דער צווייטער, כאָטש מיין פעטער מאָטל האָט אַלץ געטאָן אויפצוהאַלטן פּאָרט־אַרטור אין צאַרישן באַזיץ און אָפּצושלאָגן די יאַפּאַנישע אָנגריפן. פּאָרט־אַרטור וואָלט זיך זיכער געהאַלטן אַ פּאָר יאָר צייט, זיך נישט אונטערגעגעבן, וואָרום דאָרטן זענען געווען מאַגאַזינירט אוצרות געווער, שפּייז און אַמוניציע, און פּאָרט־אַרטור האָט זיך סטראַטעגיש געפונען אין אַ גינסטיקן צושטאַנד, הויך אויף אַ באַרג, אָבער צוויי טרייע פראַוואָסלאַוונע צאַרישע גענעראַלער, סטיסעל און אַלעקסייעוו, האָבן אַלץ פאַרדאָרבן. ביידע גרויסע צאַרישע „גיבורים״ און פּאַטריאָטן

האָבן פֿאַרראַטן און אויסגעליפֿערט די פֿעסטונג; ביידע בוגדים האָבן פֿאַר־קויפֿט פּאָרט־אַרטור צו די יאַפּאַנער בשכר פֿון אַ באַרג גאָלד...

מיין פֿאָטער פֿלעגט זיך פֿאַרענטפֿערן, אַז אַפֿילו ווען ער געפֿינט זיך דעמאָלט יאָ אין פּאָרט־אַרטור צוזאַמען מיטן פֿעטער מאָטל, צוזאַמען מיט אָשרן, וואָלט ער מיט גאָרנישט געקאָנט פֿאַרמינערן ס׳פֿאַלן פֿון דער מעכ־טיקער פֿעסטונג אין וווייטן מזרח, — נאָך יענער שפּלער בגידה פֿון ביידע טרייע צאַרישע גענעראַלער.

מיין פֿאָטער האָט דעמאָלט געפֿינצטערט אין דער „שוויץ־שאָפּ״ פֿון „אַנקל מאָזעס״, און זיין שוואָגער אָשר — ביים רוימען די הויכע שניי־בערג פֿון ניו־יאָרקער גאַסן. ס׳איז זיי מער ניחא געווען ביי דער עבֿודת־פּרך אין אַמעריקע, אַבי נישט מיטצומאַכן די שאַנד פֿון פּאָרט־אַרטור...

די יאַפּאַנער האָבן פּלאַנמעסיק חרובֿ געמאַכט די צאַרישע ווייט־מזרחדיקע אַרמייען. אין פֿעברואַר 1905 איז שוין געווען „נאָך אַלעמען״. אין די טעג פֿון 14טן, 15טן מאַי, אין דער ים־שלאַכט ביי צוסימאַ, האָבן די יאַפּאַנער משלים געווען די מפּלה מיטן דערטרינקען כ מ ע ט דעם גאַנצן צאַרישן קריגס־פֿלאָט, אַלע מעכטיקע קריגסשיפֿן מיט די בעסטע רוסישע מאַרינע־זעלנער אין די טויזנטער.

דער פֿעטער מאָטל האָט זיך צוריקגעקערט נאָך אַזאַ בראָך אַהיים, „בבושת פּנים״, צו האָבן טענות, נאָר קעגן די פֿאַנישע גענעראַלער, וואָס האָבן זיך פֿריער געריימט, אַז זיי וועלן יאַפּאַן „פֿאַרוואַרפֿן מיט זייערע היטלען״ („אין זייערע טאַטנס־טאַטנס־עלטער זיידעס מאַמעס אַריין, סוואָלאָטשי״, האָט דער פֿעטער מאָטל צוגעגעבן אין אַ ליטעראַרישן רוסיש). „די אַרמיי״, האָט זיך מאָטל פֿאַרטיידיקט, „איז געווען אייזן״, אָבער „אַז אַן אַרמיי האָט אַזעלכע גענעראַלער״ (אין זייער טאַטנס־טאַטנס אַאַז״וו), „פֿאַרפֿוילטע, פֿאַרקויפֿטע בוגדים, טויגעניכצן, שיכורים „ווזיאַ־טאָטשניקעס״, אורן־שלעפּער (אין זייער מאַמעס־מאַמעס אאַז״וו), מוז אַזאַ רוסלאַנד ברעכן הענט און פֿיס, מוז אַזאַ רוסלאַנד זיך שטעלן אויף די קני און קאַפּיטולירן פֿאַר די קליינע געלע חיהלעך, די יאַפּאַנטשיקעס״.

דעם 23סטן אויגוסט 1905 האָט רוסלאַנד געשלאָסן שלום מיט יאַ־פּאַן, אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך אין פּאָרטסמוט, ענגלאַנד, מוותר צו

זיין אויף אירע פריערדיקע פאַרריסענע פאָדערונגען צו קריגן חלקים פון קאָרייע און מאַנדזשוריע. אַנשטאָט קריגן האָט רוסלאַנד געמוזט געבן יאַפּאַניע אַ שטיק לאַנד פון אירע שטחים: די העלפט פון אינדזל סאַכאַלין, וואָס זי האָט צוריקגענומען ערשט מיט 40 יאָר שפּעטער, נאָכן צווייטן וועלט־קריג.

אין די פּוסטריט פון דער צאַרישער מפּלה אין ווייטן מזרח, האָט זיך אָנגערוקט די רעוואָלוציע פון „פינפטן יאָר״ (1905).

אָט אין ד י יאָרעלעך און ד ע ר אַטמאָספער, אין אַ ליידיקער, פּאַראומערטער שטוב, האָב איך צוזאַמען מיט מיין ברודער יונה פאַרבראַכט די ערשטע קינדער־יאָרן. מיר האָבן דעמאָלט געלעבט אין ליכט פון די שטילע טרערן פון אונדזער יונגער מוטער, וואָס איז פון צער קראַנק געוואָרן. מיר האָבן זיך געהאָדעוועט אונטער די שאַרפע אויגן פון אונדזערע פעטערס, פון זיידן און פון דער גוטער שווייגנדיקער באָבע שרה, וואָס האָט געפירט אונדזערווירטשאַפט צוזאַמען מיט אירער. מיר האָבן אַלע געלעבט אין זיידנס גרויסן הויז אין סובאַלק, אויף פּעטערסבורגער פּראָספּעקט נומער 23, ביי דער פּאָסט.

מיין מוטער האָט געקענט זינגען בלחש, מיט אַ צאַרטער סאַמעטענער שטים פאַרשיידענע האַרציקע יידישע און רוסישע לידער. אַ פּאָר פערזן פון אַזאַ יי ד י ש ליד אין רוסיש־לשון איז מיר געבליבן פאַרקריצט אין זכרון עד היום.

„נאַ שעסטאָם גאָדו סקאַזאַלאַ,
ראָדנאַיאַ מאַיאַ מאַט,
מאַי סין, פּאָראַ נאַסטאַלאַ,
וו כעדער פּאַסטופּאַט.״

צו לייענען עס אין יידיש: „אויפן זעקסטן יאָר האָט מיין אייגענע מוטער מיר געגעבן צו פאַרשטיין: — זונעלע מיינער! שוין צייט אין חדר צו גיין.״

אין יענע יאָרן איז דאָס פירן אַ קינד ס׳ערשטע מאָל, אין ערשטן טאָג אין חדר, געווען פאַרבונדן מיט יום־טובדיקייט, מיט כיבוד, מיט אינטי־

מער משפּחה־פרייד. ווער רעדט נאָך אַז דער בעל־שמחה איז געווען אַ בכור.

ביי אונדז אָבער איז דעמאָלט געווען טריב און אומעטיק: מלחמה, רעוואָלוציע, פּעטערס און פֿאָטער פֿאַרטריבן און פֿאַרוואָגלט, פּאָגראָמען, אומרוען מיט נישט זיכערקייט, האָבן באַגלייט מיינע ערשטע קינדער־יאָרן.

מיין מוטער האָט מיט יאָרן שפּעטער דערציילט, מיט וואָס פֿאַר אַ עגמת־נפש זי האָט מיך אַ טאָג פֿריער פֿאַרן גיין אין חדר, געפֿירט צום שערער אָפּשניידן דאָס „צירונג" פֿון קאָפּ, די שיינע זיידענע לאָקן, וואָס האָבן זיך „מער נישט געפּאַסט" פֿאַר אַ „חדר־בחור", אַריין אין חדר, — אויס קינד...

יענעם טאָג האָבן זיך ביי אונדז פֿאַרזאַמלט ס'רוב פֿון דער גרויסער משפּחה מיט די נאָענטע שכנים. אונדזער ליידיקע שטוב איז פֿול און לעבעדיק געוואָרן. מען איז געקומען מיך, דעם בכור, באַגלייטן אין חדר אַריין. איך בין געווען דאָס עלטסטע קינד און ערשטער תלמיד אין דער יונגער משפּחה. מען האָט אָנגעטראָגן אַ „פֿולע שטוב" מתנות, מען האָט מיך פֿייערלעך איינגעוויקלט אין זיידנס שווערן טלית, (זיין באַזונדערן ריח פֿיל איך עד היום...) און ווי להבדיל, אַ ספר תורה, גענומען אויף די שטאַרקע שלאָסערישע הענט אַוועקצוטראָגן אין חדר.

אני הקטן האָב זיך געוועדט און געטומלט, היתכן? „אַט בין איך שוין אַ גרויסער, קורץ געשאָרן, ווי מיין פֿעטער מאָטל, וויל איך אַליין גיין" — — — ס'האָט נישט געהאָלפֿן, וואָרום טראָגן דעם ערשטן טאָג, צום ערשטן מאָל אין חדר, איז אין דער משפּחה געווען אַ פּרייד, אַ מצווה מיט אַ זכות, הלמאַי זאָל מען אויף אַזוינס מוותר זיין?

אַזוי בין איך אָנגעקומען אין חדר, צו מיין ערשטן רבין (וואָס האָט געהייסן בורדע, אַ משכיל און העברעאישער מדקדק).

אין די פֿאַר גאַסן פֿון אונדזער שטוב ביזן חדר האָבן זיך יענעם פֿרימאָרגן אויפֿגעעפֿנט פֿענצטער, פֿון וואַנען מען האָט אונדז באַגלייט מיט „מזל טוב" און באַוואָרפֿן מיט צוקערלעך, ראָזשינקעס און ניסלעך. אונטערוועגס האָט מען זיך געגריסט און געבענטשט מיט באַקאַנטע יידן און

דער מחבר מיט זיינע קינדער אין ישראל, אין 1951. די טאָכטער גוטא — אַ לייטענאַנט און דער איידעם נחום אַ קאַפּיטאַן אין דער ישראל־אַרמיי.

קריסטן; נאָענטע האָבן מיך געגלעט און געמונטערט, אַנדערע האָבן מכבד געווען מיט אַ קוש. אַזוי ביז איך האָב זיך געפונען אויף אַ באַנק צווישן נאָך צעטומלטע קינדער ווי איך, אין חדר, אַרומגערינגלט פון פריידיקע קרובים — — — אַ מלאך וואַרפט מ׳יר אַראָפּ פון אויבן, פון דער סטעליע, זילבערנע מטבעות מיט אַ זעקעלע אָנגעפולט מכל טוב, פון די בעסטע זיסוואַרג מיט געצוקערטע פרוכט. מיין מוטער הערט נישט אויף ווישן די אויגן; דאָס נעמלעכע די שלאַנקע הויכע באָבע שרה.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

פריער האָט מען אונדז געלערנט די תורה פון „צורת האות״, וואָס דער רבי האָט געהאַט אויסגעפּאַרטיקט, אויסגעכתיבעט אויף ווייסע פּירקאַנטיקע טאָוועלעך, אַזוי צו פאַרשטיין: א, ב, ג, ד, ה, קמץ, חיריק, פּתח, שורוק.

קמץ אַלף — אָ, קמץ בית — באָ, פּתח אלף — אַ, פּתח בית — באַ. אַזוי, ביז כ׳האָב אַ שבת נאָך קידוש געזעסן ביי מיין זיידן אויפן שויס און זוכה געווען אַליין מיט „אייגענע כוחות״, קלאָר אַרויסלייענען פונעם גרויסן משפּחה־חומש אינעם לעדערנעם איינבונד: „ב ר א ש י ת״.

בראשית, אין אָנהייב, אינעם באַגינען פון לעבן.

בראשית האָט בלחש, מיט פּאַרכטיקער פרייד נאָכגעזאָגט מיין זיידע.

ט ו י ב ן

ס׳איז אַ געשיכטע, וואָס איז פאַרלאָפן מיט קנאַפע 50 יאָר צוריק אין מיין געוועזענער פאַרברענטער היים. בעת ס׳דערמאָנט זיך דער צופאַל, וואָס איך ברענג דאָ, גייט מיר דורך ווי אַ שטראָם פון ווייטיק מיט וואַרעמקייט; אַ צופאַל, וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסע סכנה פאַר די יידן פון מיין געוועזענער היים, און צום סוף זיך געענדיקט גוטמוטיק אין שלום און פריינטשאַפט, נישט צו גלויבן היינט, ה יי נ ט נאָכן חורבן פונעם יידישן לעבן אין יענע מקומות, אַז אַזוינס האָט זיך גלאַט פאַרענדיקט.

מיין געוועזענע היימשטאָט סובאַלק, איז אַ גרענעץ־שטאָט גאָר נאָענט פון פרייסן. זי ליגט אין אַ טאָל צווישן צוויי הויכן: דער קאַלוואַ־ריער און אויגוסטאָווער בערג. כאָטש סואוואַלק איז אין די צאַרישע צייטן געווען איינע פון די 10 גובערניע־שטעט, וואָס האָבן אין רוסישן אַטלאַס באַצייכנט פוילן, איז זי גאָר דעמאָלט געווען ליטע לויט איר כאַראַקטער, לויט איר באַפעלקערונג, אַפילו לויטן נאָמען. ס׳וואָרט סובאַלק שטאַמט פונעם ליטווישן וואָרט „סובאַלקיאַס״, וואָס מיינט אַ צונויפקום, אַ כינוס.

אָט דאָ, אין וואונדערשיינעם טאָל צווישן די בערג און געדיכטע וועלדער, וואו ס׳שלענגלט זיך דער שטראָמיקער טייך די „שוואַרצע גאַנזשאַ״, וואו ס׳שפיגלען זיך די אָזערעס וויגרע און אַרקאַדיע, פלעגן פאָרקומען גרויסע מערק־טעג און ירידים זינט דער היסטאָרישער תקופה פון די ליטווישע קעניגן געדימין, וויטאָווט וכדומה. דאָ פלעגן זיך צונויפקומען ליטווישע שבטים אויף באַראַטונגען פון ווייטע מרחקים, פון די מאַזורישע זומפיקע געגנטן, פון קאַראַליאַוטשוס (קעניגסבערג), פון די ניעמען־שטעט גאָרדינאַס (גראָדנע), קאַונאַס (קאָוונע), אַליטוס (אָליטע), פון דרוזגעניק („דרוזגעניק״ שטאַמט פון ליטווישן וואָרט „דרוזקוס״ — זאַלץ, מחמת די דאָרטיקע זאַלציקע הייל־קוואַלן) ביז, ביז דער ווייטער עיר הבירה פון ליטע ווילניוס (ווילנע), אָדער די נאָענטערע שאַוליס (שאַוול), ווילקאָווישקי

און מאַריאַמפּאָל. דאָ פלעגן קומען קאַראַימער פון טראָקי, דאָ פלעגן זיך אויף צונויפקומען יידישע סוחרים פון ליטע, זשעמאַיטע (זשמוד) און פון גרויסן שכנותדיקן פוילן. ווייזט אויס אַז זיי, די יידן, פלעגן פריער דאָ, אין סובאַלק, אויסשלאָגן זייערע געצעלטן, און ערשט שפּעטער אויסגעבויט דעם באַזעסענעם יידישן ישוב, וואָס האָט דאָ געלעבט הונדערטער יאָרן, נאָך פאַרן „וועד ארבע הארצות“ אין לובלין מיט קנאַפּע 340 יאָר צוריק, ביז די האַק פון די האַקנקרעציקע צוררים איז געפאַלן איבערן פרידלעכן יידישן קאָפּ, אויסגעבערענט, אויסגעקאָרטשעוועט אַלע יידן, ביזן לעצטן, מיט די וואָרצלען צוזאַמען.

איך פאַרבינד בכוונה מיינע לעצטע צער־ און טרויער־שורות מיט דער „מעשה שהיה“, ווייל ס'איז פאַרבונדן מיט אַ דייטשישן קלויסטער, אַ דייטשישן פּאַסטאָר און דייטשישע שכנים, מיט וועמען מיר האָבן דאָרטן, ד ע מ אָ ל ט, געלעבט מי יודע וויפל דורות, געלעבט מיט זיי אין שלום, געווען אויסגעמישט אין האַנדל, מלאכה, אין שמחות און צער, געבורטן, חתונות, לוויות און קעגנזייטיקע יומים־טובים מיט באַזוכן. פאַרגעסט נישט, אַז ס'איז געווען מיט 50 יאָר צוריק, אין דער שוין לעגענדאַרער וועלט פון נעכטן.

יאָ, מיר האָבן געוואוינט אין דער נאָענט פון דייטשישן קלויסטער, מיר האָבן געלעבט אין אַ געמישטער געגנט פון דייטשן, רוסן, פּאָליאַקן און ליטווינער. ואני הקטן, ווי אַנדערע פון מיין דור, האָבן דעמאָלט גערעדט יידיש אין דער היים, רוסיש מיט די רוסישע שכנים פון דער שכנותדיקער פּאָסט און מיט די קינדער פון דער רוסישער זשאַנדערמעריע, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט. מיר האָבן גערעדט פּויליש מיט די קינדער פון די פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי מיין זיידן, ביי מיין פאָטער און פעטערס. דייטש — מיט די דייטשישע שכנים פון אַרום קלויסטער. איך האָב גערעדט ליטוויש מיט דער שטוב־פרוי, מיט מיין לערער טאַמסטאַ קוביליוס און מיט די ליטווישע קליענטן פון מיין פאָטער — פּריצים פון אַרומיקע הויפן, וואָס פלעגן באַשטעלן ביי מיין פאָטער זייערע בעקעשעס און פּעלצן, סורדוטן און פראַקן. ווי משונהדיק, כמעט אומגלויבלעך דאָס קלינגט היינט!

שווער צו געדענקען ממשותדיקע פּערזענלעכע דיסקרימינאַציע אָדער שנאת ישראל, דעמאָלט, אין דעם טייל שטאָט וואו מיר האָבן געוואוינט, ווייל דאָרטן זענען יידן געווען די מערהייט פון די איינוואוינער, נוציקע בירגער, וואָס האָבן געאַרבעט טריי און אָרנטלעך, געאַרבעט פאַר די באַ־אַמטע און רוסישע אָפיצערן, ווי פאַר אַלע אַנדערע נישט־יידישע שכנים; געהאַנדלט, צוצושטעלן אַלדאָס נויטיקע פאַר זיי, ווי פאַר די מענטשן פון די דערפער אַרום, על פי רוב, צו נעמען ס׳געצאָלט פאַר סחורות און פאַ־בריקאַטן פון די פויערים מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.

יידישע דאָקטוירים, פעלדשערס, אַקושאָרינס, אַפּטייקערס, אַדוואָקאַטן און אינזשינירן פלעגן דינען יידן ווי נישט־יידן.

צו די פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס (בדרך כלל אומלעגאַלע) ווי „בונד״, „פּועלי־ציון״ און ציוניסטן האָט ד ע מ אָ ל ט סובאַלק געהאַט אַן אייגנאַרטיקן צוגאַב: יידיש־דייטשישע פּאַטריאָטן, יידיש־רו־סישע און יידיש־פּוילישע פּאַטריאָטן... היינט קלינגט אַזוינס פאַנטאַס־טיש. אָבער ס׳איז אַ פאַקט, וואָס האָט געדויערט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז 1914, — די ערשטע וועלט־ערדציטערניש.

איך בין געווען אויסגעמישט און זיך געחברט מיט די קינדער און יוגנטלעכע יידישע און קריסטלעכע שכנים, כאָטש מיין משפּחה האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן אַזאַ תכשיט ווי איך, נאָר אין דער היימיש־יידישער ראַם און יידישער אַטמאָספער, אָבער אַן איבעריקן דערפאָלג; זיי האָבן אונדז, יונגוואַרג און דערוואַקסענע שול־קינדער, נישט געקאָנט איזאָלירן פון צאַפּלדיקן אַרום.

די סובאַלקער יידן, אַלע, זענען געווען פרייע „ליטוואַקעס״ — מת־נגדים, ווייט פון חסידישן פאַנאַטיזם. אין סובאַלק זענען נישט געווען נישט קיין „שטיבלעך״, נישט קיין רביים מיט קוויטלעך, נישט קיין „הויפן״. מען האָט נישט געזען אין גאַס קיין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, קיין לעקלדיקע לאַנגע פּיאות. אַ שטריימל פלעגט טראָגן נאָר אַ רב אָדער אַ דיין שבת אָדער יום־טוב. אַלע יידן אַן אויסנאַם זענען געווען אייראָפּע־איש, קורץ געקליידט. דעמאָלט שוין, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אין מיין שטאָט געווען אַ „חדר מתוקן״, אַ רוסישע מלוכה־שול פאַר

ייִנגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען. אמת: ייִנגלעך זענען געזעסן צוזאַמען אויף באַזונדערע בענק; דאָס נעמלעכע מיידלעך. אין דער רוסישער מלוכה־שול האָט מען געלערנט אַ פּאָר שעה אַ וואָך יידיש לשון (איינער פון די „רוסישע״ לערער איז געווען ראַבינזאָן, דער פאָטער פון וועלט־באַרימטן יוריסט פון „יון״ ד״ר יעקב ראַבינזאָן און פונעם פיזיקער פּראָפעסאָר ד״ר נתן ראַבינזאָן פון חיפהער פּאָליטעכניקום; דער צווייטער לערער גאָספּאָדין מאַרימפּאָלסקי, איז געווען געקליידט אין רוסיש־צאַרישן מלוכה־אוני־פאָרם, אין אַ מונדיר מיט זילבערנע אָדלער־קנעפּ, קאַנטן, פּעטליצעס און גאַלאָנען; ער איז אויך געווען דער רוסישער מפקח אויף די יידישע חדרים און תלמוד־תורה). אין סובאַלק איז שוין דעמאָלט געווען אַ יי ד י ש ע ג י מ נ אַ ז י ע, אפשר די ערשטע יידישע וועלטלעכע מיטלשול אין דער וועלט. איר דירעקטאָר האָט געהייסן שוואַרצמאַן.

איך האָב זייער ליב געהאַט דעם דרויסן, די נאַטור. אין און אַרום אונדזער גרויסן הויף מיטן גאָרטן מיטן טייך — די גרענעץ פון אונדזער באַזיץ, די ווערבעס, די איוועס, די בעריאָזעס, די פּרוכטביימער, ווי די קאַשטאַנעס און זשוראַווינעס־ביימער, וואָס האָבן באַצירט די פּראָנטן פון אונדזערע היימען אין אַ סך גאַסן, די וועלדער וואו מיר פלעגן אָפט אַרויס־גיין, גאַנצע משפחות, אויף אַ שבתדיקן אָפּרו־טאָג, פון פּרי ביז אָוונט; די עופות, די פייגל; נאַכטיגאַלן, שפּערלינגען, דיאַטלען, בושלען (זומער שוואַלבן. איך האָב באַזונדערס ליב געהאַט די טויבן, די שטילע צאַרטע טויבן. (אגב, האָט מען ביי אונדז יידן, זייער געשעצט שוואַלבן מחמת אַ לע־גענדע, אַז בעת דער בית שני האָט געברענט, האָבן שוואַלבן געבראַכט אין זייערע שנעבעלעך וואַסער מיט בלאָטע צו לעשן די שריפה פון בית־המקדש...).

נישט צו וויסן פאַרוואָס האָט מיין משפחה פיינט געהאַט טויבן מיט אַ נישט־פאַרשטענדלעכער אייפעריקער שנאה. אפשר דערפאַר, וואָס מיי־נע קריסטלעכע חברים האָבן זיי אַזוי ליב געהאַט ווי איך, אפשר אויך דערפאַר, וואָס די שפּילעריי מיט טויבן פלעגן אונדז אָפּרייסן פון לער־נען, אַנשטאָט צו זיצן ביים ספר, פלעגן מיר יונגאַטשעס יאָגן און האָדע־ווען טויבן. איך פלעג קויפן מיין חזקה ביי די נישט־יידישע תכשיטים, צו

זיין אַ שותף צו דער טויבן־פרייד, פאַרן פרייז פון פולע קעשענעס אַרבעס מיט גרויפּן, וואָס כ׳פלעג „רעקווירירן" פון דער שפּייז־שאַפע אין דער היי־מישער קיך, פאַר שטיקער חלה מיט לעקעך, אַפילו פאַר די גראָשנס קעשענע־געלט. איך האָב געקענט די ראַסן און נעמען פון די טויבן, זייערע „מנהגים", די צייטן פון זיך „לייגן", בריען און אויסזיצן. איך פלעג אָנ־טיילנעמען אין פאַרנאַרן טויבן פון די שכנישע שלאָקן און דעכער, וואו איך פלעג צוטראָגן מיין „נסיון", אין צוריק אָפּשלאָגן די אייגענע פאַרנאַר־טע טויבן, באַזונדערס די „ווייבעלעך", די „זיען" פאַרפירטע דורך פּיפּיקע זכרים, פאַרפלאָנטערטע אין פוילע פייגלשע ליבע־אַפערעס... איך טראַכט אָפט:

— ווען מיינע אומגעקומענע פאַרברענטע און פאַרגאַזטע עלטערן און משפּחה־מענטשן, וואָלטן געלעבט און ד ע ר ל ע ב ט צו זען מדינת ישראל, וואָלטן זיי זיכער געשטוינט צו זען ווי אַזוי „יידן מיט בערד", זעלנער און אָפיצירן פריער אין פלמ״ח, איצט אין צבא הגנה לישראל, פאַרנעמען זיך און צערטלען די טייערע מיליטערישע פּאָסט־טויבן. זיי וואָלטן זיכער חרטה געהאַט אויף זייערע „רדיפות" כלפי מיר, באַזונדערס ווען זיי ווייסן דעם חלק און ראָל פון דער צאַרטער טויב אין פּיקוח און הצלת־נפשות, בעת דעם יידישן באַפרייאונגס־קריג און בעת דער סיני־קאַמפּאַניע.

איצט האָבן מיר, ברוך־השם, יידישע טויבן, מיט יידישע טויבן־ציכ־טער און „טויבן־יעגער" באַצירטע מיט אָפיצירן ראַנגען. מיר האָבן טויבן אין דינסט פון די באַשיצער פון ישראל.

אַזוי האָט מיין טויבן־פרייד און ספּאָרט געדויערט ביז אַ פאַטאַלן פרילינגס־זונטיק אין 1908, ווען איך האָב זיך געיאָגט נאָך אַ שניי־ווייס פּאָרל, מיט רויטע שנעבעלעך, מיט פעדערן ווי שפּאָרן אויף זייערע איי־דעלע פיסלעך, די טויבן פון מיין חבר ראָמעק. אַ וואונדערלעך פּאָרל, וועמען ס׳איז מיאוס געוואָרן דער נודנער „אינדיווידועלער" שלאָק פון אונ־טערן שטאָל־דאַך. ס׳איז זיי, ווייזט אויס, ליבער געווען די שמעקעדיקע בלומיקע פרילינג־רחבות, די בליענדע סעדער פון אונטן, די אָן־סופיקע

תכלית פון אויבן, ס׳האָבן נישט געפעלט קיין טיפּע לעכער אין אַלטע ביי־מער וואו צו נעסטן, אָן ראַמעקס טובות...

ס׳פּאָרל איז אַנטלאָפן, פאַרשוואונדן אויף אַ וואָך צייט נישט צו געפינען זייערע שפּורן, כאָטש מיר האָבן אויסגענישטערט און איבערגע־דרייט די גאַנצע סביבה אַרום, נאָכצושפּירן אַ יעדער פאַרדעכטיקן טויבן־שלאַק און באַהעלטעניש, ביז איך האָב זיי פּלוצים אַנטדעקט אונטער אַן אויסערלעכן קאַרניז פון אַ הויכן האַלב־רונדן פענצטער פונעם שכנותדיקן דייטשישן קלויסטער.

כ׳בין געוואָרן איבערראַשט און פאַרכלינעט פון פרייד, בעיקר פאַר־נעם אויסזיכט צו ווערן דער „העלד פון טאָג״, דער „שערלאָק כאָלמס״, וואָס האָט אַנטדעקט די אבידה, דעם טויבן־אוצר. כ׳געדענק ביז היינט אַלע פּרטי־פּרטים פון יענעם פאַטאַלן טאָג, וואָס קען אויך פאַרצייכנט ווערן ווי דער אָנהייב פון סוף פון מיין קורצן קינדער־„גן־עדן״, פונעם זאָרגלאָזן לעבן פון אַ יידיש ייִנגל אין אַ נישט אָרעמער פרייער היים מיט 50 יאָר צוריק. איך געדענק, אַז מעשה שטן, איז יענעם טאָג קראַנק גע־וואָרן מיין רבי און מען האָט אונדז פרי געשיקט אַהיים.

ווי דער אמת זאָל נישט זיין גרויזאַם, האָבן מיר נישט געהאַט קיין גרויס עגמת־נפש פון רבינס פאַרשלאָפונג, פאַרקערט: אַזאַ פּאָר פרייע שעה אין אַ זוניקן פרילינגס־טאָג, זענען געווען ווי אַ מתנה אַראָפּגעפאַלן פון הימל. ס׳איז פאַר אונדז געווען אַ יום־טוב, כאָטש מיר האָבן דעם רבין, אין אַ געוויסער מאָס, ליב געהאַט, ווייל ער האָט זעלטן ווען געהויבן אַ האַנט אויף אַ תלמיד. אונדזער רבי האָט געהייסן לערנער ז״ל, ער איז געווען אַ הדרת־פּנים, מיט אַ שיינער טונקל־בלאָנדער באָרד, תמיד אויפ־גערוימט, גוטמוטיק און זויבער געקליידט. שטעלט אייך פאָר אַ רבי מיט 50 יאָר צוריק וואָס האָט ווייליק זיין זון געלאָזט שטודירן אין אַן אוניווער־זיטעט אין קיעוו. ביי אַזאַ רבין איז דער חדר געווען אַ שול, וואו מיר האָבן ביז מיטאָג געלערנט העברעאיש געטייטשט אויף יידיש, דקדוק, תנ״ך, העברעאישע ליטעראַטור, אַריפמעטיק, שטיקלעך יידישקייט ווי פּרקים תלמוד און משניות, שטיקלעך געשיכטע, געאָגראַפיע וכדומה. נאָך מיטאָג, פון 4 ביז 8 אָוונט (!!) האָבן מיר געלערנט רוסיש און דייטש

מיט קריסטלעכע לערער. אַט אַזאַ חדר איז שוין דעמאָלט געווען אין סור־וואַלק, מחוץ דעם „חדר מתוקן״... ובכן, אַהיים זענען מיר יענעם טאָג נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן און געשפּרונגען, און אַזוי לויפנדיק בין איך גע־קומען צום דייטשישן קלויסטער און דערזען ס׳פּאָרל פּאַרלוירענע ווייסע טויבן.

בעת איך האָב זיי דערזען, האָב איך מיין ביכער־רענצל אַ וואָרף גע־טאָן אין רונדן אָפּצוים אַרום אַ יונגן קאַשטאַן־בוים, אַרויפגעקלעטערט אויף אַ דערנעבנדיקן פּאַרקאַן, און שוין ביים קלעטערן געליטן די ערש־טע מפּלה: צעריסן, מוראדיק צעריסן מיינע נייע הויזן. אלא וואָס זענען מיר דעמאָלט אָנגעגאַנגען די צעריסענע הויזן? — כ׳האָב גענומען אויס־פייפן מיינע תחנונים צום טויבן־פּאָרל, זיי די טייערינקע, זאָלן חוזר בתשובה זיין און זיך צוריקקערן אַהיים. איך האָב צו זיי געשמועסט מיט די צאַרטסטע ווערטער, מיט גוטן, דערנאָך מיט בייזן; כ׳האָב זיי צוגע־זאָגט אַ פולע אַמנעסטיע, מיט געקאָכטע אַרבעסלעך ווי אַ צוגאָב, און זיי, די טויבן? — זיי האָבן זיך געמאַכט ווי געפּגרט, ווי כ׳וואָלט גע־רעדט צו דער וואַנט פון קלויסטער. ביידע האָבן זיך געשפּילט מיט די שנעבעלעך, זיי האָבן זיך געקיצלט, געהויבן און געדרייט מיט די עקן און ברוגזלעך געוואָרקעט: מרו, מרו... די צייט איז געלאָפן, איך האָבן פאַר־לוירן מיין געדולד און האָפענונג עפּעס דאָ אויפצוטאָן מיט גוטן. בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון פּאַרקאַן, געכאַפּט אַ שטיין גרויס ווי אַן איי און נישט צו טראַכטן, מיט אימפּעט אַ שליידער געטאָן אין דער הויך צו די ווידערשפּעניקע טויבן.

אין דער צייט האָבן די דייטשן געפּראַוועט אין קלויסטער זייער זונטיקדיקע עבודה, זיי האָבן געדאַוונט בקול, האַרמאָניש, אַלע צוזאַמען, געזונגען אין אַ קרעפטיקן כאָר, בעת פון אויבן, פון שפּיציקן טורעם, האָט געקלונגען דער איינציקער גלאָק.

איך פלעג שטענדיק מקנא זיין די קריסטלעכע מתפּללים פאַר זייער פּיעטעט צו די תפילות און צו זייער מקום קדוש, ווייל, ווייל ביי אונדז, אין אונדזערע שולן און קלויזן אין „רוסלאַנד, ליטע און פוילן״ האָט גע־פעלט די כאַראַלע האַרמאָניע ביים דאַווענען. אַ יעדער האָט זיך געמאַכט

זיין אינדיווידועלן חשבון מיטן רבונו של עולם, ווער בקולי קולות, ווער בלחש, ווער מיט געוויין, און ווער רואיק געלאַסן. אַנדערע פלעגן זיך שאָקלען הין און צוריק פון מזרח צו מערב, אָדער אין די זייטן פון צפון צו דרום; אַנדערע פלעגן נאָך צופּאַטשן מיט די הענט און אַריינוואַרפן אינעם תפילה־טעקסט דעם האַרציקן היימישן „טאַטע אין הימל", „טאַטע דערבאַרמיקער"... אַ יעדער האָט זיך געפילט אינעם מקום קדוש ווי ביי זיך אין דער היים, וואָס האָט וואָכעדיק געמאַכט די קדושה, ווער רעדט נאָך אַז אין סאַמע אויסשרייען „שמע ישראל", פלעגסטו זען מאחינו בני ישראל געגנוג יחידים, וואָס פלעגן בכלל שווייגן, אָדער שטיל שמועסן צווישן זיך וועגן ענינים, וואָס זענען הימל־ווייט געווען פון שול און פון דאַוונען, און וואו איז דער טומל אין דער עזרת נשים מיטן יריד אין פּאַליש?

יאָ, בעת די דייטשן האָבן אַזוי פרום כאַראַליש געזונגען צו זייער דיסציפּלינירטן דייטשישן הער גאָט, בראש מיטן פּאַסטאָר, וואָס איז גע־שטאַנען אויף אַ בימה מיט אַן אָפענעם געבעט־בוך, אָנגעטאָן אין אַ קורצן ווייסן קיטל, אויסגעניית מיט שפּיצן, מיט אַ רויטן שאַליקל, האַלטנדיק אַביסל פאַרריסן זיין שיינעם באַבערדלטן קאָפּ, באַצירט מיט אַ הויכער סאַ־מעטענער יאַרמעלקע מיט אַ קנאָפּ אין מיטן, — איז געפלויגן מיין געוואָר־פענער שלימזלדיקער שטיין, און אָנשטאָט צו טרעפן די טויבן, געטראָפן אין פענצטער פון קלויסטער, צעזעצט די שיינע קאָלירטע שויבן און חוצ־פּהדיק געפאַלן, אָט־אָט, אַ פּאָר סענטימעטער פון פּאַסטאָרס קאָפּ, אויף די אָפענע בלעטער פון הייליקן געבעט־בוך...

דער פּאַסטאָר איז לכתחילה מבולבל געוואָרן, אָפּגעלאָזט די הענט און דאָס געבעט־בוך איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דער עולם, וואָס האָט פּאַקטיש נישט געזען וואָס דאָ האָט פּאַסירט, איז אויך פאַרגליווערט געוואָרן ווי אַ סטאַדע, וואָס האָט מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם פּאַסטוך: דער פּאַסטאָר האָט פּלוצים אויפגעהערט דאַוונען בקול רם, דאָס געבעט־בוך איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט, אַ געבראַזג פון צעבראָכענע שויבן, „וואָס איז ליאָז"?

לאַנגזאַם האָט זיך דער פּאַסטאָר איינגעבויגן, אויפגעהויבן דאָס גע־

בעט־בוך, אַרויפגעלייגט אויפן עמוד, און אַראָפּ פון דער בימה, אַרויסצו־גיין אין דרויסן אין די כּהונה־קליידער באַגלייט פון זיינע משמשים מיט עטלעכע מתפּללים. וואָס האָט פּאַרט פּאַסירט?

בנוגע מיין ווייניקייט געדענק איך ווי כ׳בין געבליבן געליימט פון שרעק, אָן לשון, מיט אַ פּאַראַליזירטן ווילן זיך נישט צו רירן פון אָרט, וואָרום כ׳האָב דאָך געדאַרפט און געקענט אינסטינקטיוו אַנטלויפן פון געפערלעכן אָרט, איידער עמיצער וועט פאַרלאָזן דעם קלויסטער. אָבער, ווי געזאָגט, איז מיין ווילן פּאַראַליזירט געוואָרן פון שרעק.

איך בין צו זיך געקומען ערשט צו דערפילן ווי עמיצער האַלט מיך פאַר אַ אויער. אין פּאַניק און קאָנוואולסיוון ציטער האָב איך זיך צוגע־טוליעט צו דעם, וואָס האָט מיך געהאַלטן פאַרן אויער. — ס׳איז געווען הער רידעל, דער פּאַסטאָר בכבודו ובעצמו, אָנגעקליידט אין זיין פולער תפילה־אוניפאָרם, אינעם ווייסן שפּיצן־קיטל, מיט אַ רויטן שאַליק, אין דער הויכער קאָנטיקער סאַמעטענער יאַרמולקע, און אַזוי מיך האַלטנדיק, האָט ער אָפּגעטריבן יונגע היציקע דייטשן, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן מיך קורע כדג זיין, מקיים פּסק זיין, ס׳האָט מיר געקומט אַ האַרבע שטראָף!

— „יאָ, יאָ, יונגע, מאַך מאָל דאָס דו וועק קאָמסט, אָבער שנעל, שנעלער“ — האָט מ׳ר באַפוילן דער פּאַסטאָר רידעל, — „מאַך מאָל דאָס דו פערשווינדסט!“

פּאַסטאָר רידעל האָט מיך געקענט מיט מיין משפּחה, מיר זענען גע־ווען לאַנגיאָריקע שכנים. הער רידעל האָט צוריקגעבראַכט זיינע „צאן קדר־שים“ אין קלויסטער פאַרענדיקן די תפילות, בעת איך בין אין פּאַניק אַנטלאָפן זוכן הילף און שוץ צו מיין שטענדיקן באַשיצער און פּאַרטיי־דיקער, מיין מלאך־הגואל, צו מיין ליבן גוטן זיידן רבי משה דעם שלאָ־סער, וואָס האָט זיך בעת מעשה געפּאָרעט איבער אַ צענומענער ניי־מאַ־שין. איך האָב אַפילו פאַרגעסן מיטנעמען דאָס ביכער־רענצל, וואָס איך האָב געלאָזט ליגן אונטערן קאַשטאַן־בוים ביים קלויסטער־הויף. כ׳בין גע־ווען מוראדיק אומגליקלעך!

איך בין צוגעפאַלן צום זיידן מיט אַ געוויין, שלוכצנדיק, אָפּגעריסן,

האַלב־היסטעריש האָב איך אים דערציילט וואָס ס׳האָט נאָר־וואָס פּאַסירט.

לכתחילה האָט עס דער זיידע נישט געקאָנט תופס זיין, אַזאַ ווילדע געשיכטע! נאָכהער אַז כ׳האָב ווידער און ווידער איבערגעחזרט מ׳יינע רייד, האָט מיך דער זיידע אָפּגעשטופּט פון זיך, ער איז בלאַס געוואָרן, די הענט האָבן אים געציטערט, ער האָט געוואָרפן די אַרבעט, אַלץ געלאָזט ליגן אויפן וואַרשטאַט. ער איז גיך אַריין אין שטוב, אָנגעטאָן דעם שבתדיקן סורדוט איבער די אַרבעט־קליידער, געכאַפּט אַ היטל אויפן קאָפּ און גע־לאָפן צום אַרויסגאַנג פונעם קלויסטער־הויף אָפּוואַרטן זיין גוטן באַקאַנטן פּאַסטאָר הער רידעל, צו דערגיין דעם אמת. וואָרום מיין פּלוצימדיקער אַריינפאַלן צו אים פאַר מיטאָג אין דער לערן־צייט, מיט מיין אויסטער־ליש־היסטערישער דערציילונג, האָט זיך מיין תמימותדיקן שטילן זיידן שווער געלאָזט לייגן אויפן שכל. אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין האָט מען גע־מוזט זאָרגן, פאַר יעדער פּרייז, אַז דער צופאַל זאָל נישט מפורסם ווערן אין שטאָט. ס׳איז סכנות נפשות!

איז דאָך די מעשה פאַרלאָפן מיט 50 יאָר צוריק, ווען די מענטשלע־כע קולטור און קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן געמיינדעס און פעלקער זענען נאָך נישט געמאָסטן געוואָרן דווקא מיט שאַרפן פון שווערדן. ס׳איז נאָך געווען 6 יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידן אין די שטחים פון צאַרישן רוסלאַנד, האָבן נאָר געקאָנט חלומען אַזוי פריי זיך אויסצולעבן ווי ס׳האָבן זיך אויסגעלעבט זייערע ברידער צווישן די דייטשן אין דעמאָלטיקן קייזערלעכן דייטשלאַנד.

יענע יאָרן פלעגט נאָך אַ דייטשישער פּאַסטאָר קומען צו אַ יידישן שכן טרינקען טיי מיט איינגעמאַכטס, און צווישן מיין זיידן, רבי משה דעם שלאָסער, מיטן פּאַסטאָר הער קורט רידעל, פלעגט אָנגיין אַ פאַר־צויגענער דיספּוט וועגן גאָט, מענטש, גלויבן, ייד און נישט־ייד.

פאַרגעסט נישט אַז די דייטשן זענען נישט געווען קיין פּראַוואָסלאַוור־נע, פאַרהעצטע, גלויביקע, אַז יידן נוצן מענטשלעך קינדער־בלוט אויף פּסחדיקע מצות. פאַרגעסט נישט, אַז די ריזיקע מערהייט פון די דייטשן זענען אויך נישט געווען קיין פאַרביסענע קאַטאָליקן, נאָר עוואַנגעליסטן, לוטעראַנער און קאַלוויניסטן; זייער קלויסטער אין מיין געווזענער היים־

שטאָט איז נישט געווען באַהאַנגען מיט הייליקע בילדער, מחוץ איין איינ־ציקן גרויסן לייוונט „דער לעצטער מאָלצייט״; די ווענט אין זייער קלויס־טער זענען געווען ריינע ווענט, נאַקעטע אָן תרפים, מיט קאַלירטע האַלב־רונדע פענצטער, לופטיק, אָנעם טשאַד פון ווייררוך. מיר, יינגלעך, פלעגן זיך דאָרטן צייטנווייז, שטילערהייט אַריינכאַפּן מחמת נייגיר, און צו אונדזער שטוינען געזען, אַז דאָרטן אינעווייניק זעט מער אויס ווי אין אַ יידישער כאַר־שול איידער אין אַ קלויסטער.

בקיצור, דער פאַסטאָר איז אַרויס פון קלויסטער רואיק, בנעימות־דיק, באַגלייט פון דייטשן, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. אַז זיי האָבן דערזען מיין זיידן דעם גוט־באַקאַנטן שטילן שלאָסער, האָבן זיי אים ווי שטענדיק באַגריסט: — „גוטן טאָג הער מייסטער״ — — — יאָ, יאָ, אָבער דאָס מאָל האָט אים דער פאַסטאָר גענומען אונטערן אָרעם, זיך געזעגנט מיט זיינע באַגלייטער און אַוועק פאַרויס, אים צו דערציילן וואָס ס׳האָט אָקאָרשט פּאַסירט. דער זיידע האָט אויסגעהערט די געשיכטע, נישט צו פאַרלירן אַ וואָרט, מיטגעגאַנגען אַ ווײַלע שווייגנדיק, ביז ער האָט געקאָנט מיט אַ ציטערדיקער שטים אויסדריקן זיין צער, זיין אויפריכטיקן טיפן פאַרדרוס, צוזאָגן נישט נאָר צו פאַרריכטן און גאַנץ־מאַכן די קאָלירטע שויבן, נאָר אויך שפּענדן אַ פרייוויליקע סומע פאַרגיטיקונג פאַר יעדן צוועק, וואָס דער הער פאַסטאָר אַליין וועט באַשטימען.

ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל היינט נישט קלינגען, פלעגט דער זיידע יאָרן שפּעטער דערציילן, אַז ד ע מ אָ ל ט האָט דער פאַסטאָר רידעל גאָר אים, דעם זיידן, באַרואיקט, געטרייסט און געטענהט, אַז גראָד דער־פאַר וואָס ער איז נישט קיין ייד, פאַרשטייט ער דאָס קינד בעסער, ווי דער „יודע״.

— „וואָס ווייסט דער יודע״ — האָט געטענהט דער פאַסטאָר, — „וואָס ווייסט איר פון דער נאַטור, פונעם דרויסן, פון פרילינג, פון פייגל און בלומען? צי פילט דער פאַרטומלטער דערוואַקסענער מענטש, אַזאַ טי־פע פרייד פון דער נאַטור, ווי ס׳פילט אַ קינד? (אַ טעמע פאַר אַ נייעם דיספוט צווישן אים מיטן זיידן) צי קענט איר ליבער נאָכבאָר אַזויפיל

געגיסן פֿון אַזאַ צאַרט באַשעפֿעניש ווי אַ טויב, ווי ס׳גענישט אייער עלטסטער אייניקל?״

— „וואָס פֿאַר אַ שלעכטס אָדער כּפּירה זעט איר אין דעם, ווער רעדט נאָך אַז די טויב, הער מייסטער, איז אַ כּשר פֿויגל, לויט אייער יידישער רעליגיע? וואָס איז אַ הון, אַן אינדיק, ביי אייך, מער יחסן ווי אַ צאַרטע טויב, האַ?״

„אינשא באינשא פּגש״, האָט מען זיך געדריקט די הענט, געזעגנט אין שלום און פֿריינטשאַפֿט, וחסל. ליקווידירט דעם קליינעם געפֿערלעכן אינצידענט, וואָס וואָלט געווען עלול, אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער אַרויסצורופֿן אַ שחיטה און אַ חורבן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער נאָכן אָפּקומען און מקבל זיין די שטראָף פֿון מיין פֿאָטער, מיטן ווייטיק פֿון די פֿאַרגאָסענע לויטערע פֿרומע טרערן פֿון מיין מוטער, מיט די תּוכחות פֿון מיין גרויסער משפּחה און פֿון רבין, בין איך געגאַנגען מיטן זיידן באַזוכן דעם פּאַסטאָר. ס׳איז געווען חול־המועד פּסח, מיר האָבן אים געבראַכט מתּנות, ווי מיר פֿלעגן ברענגען אַלע פּסח די נאָענטע נישט־יידישע שכנים. איך האָב געבראַכט אַ טעלער מיט רונדע מצות, ניס, אימבערלעך, מיט שמעקעדיקע באַצוקערטע כרעמזלעך געקנעטענע אין צימרינג, מעשׂי ידיה פֿון מיין דערמאָרדעטער מוטער, זכרונה לברכה, — איינגעדעקט אין אַ שניי־ווייסן שפּיצן טישטעכל. דער זיידע האָט אין אַ צווייטן טישטעכל געבראַכט, איינגעוויקלט אַ פֿלאַש ווייַן מיט אַ פֿלאַש אַלטן מעד פֿון אייגענעם קעלער, מיט, מיט — — — אַ פֿינף און צוואַנציקער באַנקנאָט, אַ שפּענדונג פֿאַרן דייטשישן „הכנסת אורחים״, וואָס האָט זיך געפֿונען אינעם פּאַראַפֿיע־הויף אַנטקעגן קלויסטער, וואו ס׳האָט אויך געוואוינט דער פּאַסטאָר מיט זיין פֿרוי און צוויי הויכע טרוקענע טעכטער.

ווייניקע פֿון מיין שטאָט האָבן געוואוסט פֿון דער פּאַסירונג, וואָס איז געווען צו פֿאַרדאַנקען דעם טאַקט פֿון פּאַסטאָר צוזאַמען מיט דער איינגעבוירענער חכמה פֿון מיין זיידן, דעם טייערן פּשוטן יידישן בעל־מלאכה, דעם שלאָסער און פֿיינעם מעכאַניקער, וואָס פֿלעגט יעדע פֿרייע שעה זיך פֿאַרכלינען ביים לייענען אויפֿן קול, מיט אַ ניגון, דעם יידישן

טעקסט פון „עין יעקב", אדער דאס באליבטע „ספר הישר", כדי אונדז יונגאטשעס, איבערדערציילן די „פלאים".

— — — „אט פליען יהודה מיט זיינע ברידער אויף זייערע פערד, מלחמה צו האלטן מיט די רשעים פון שכם, וואס האבן פארכאפט זייער שטילע צניעותדיקע שוועסטער דינה, צו פארלויפן פון פארנט, אים, דעם כאפער, דעם באצווינגער דעם רשע. אבער, דער רשע האט זיך אוועקגע־דרייט און ווי א שד צוגעלאפן צו יהודהן און מיט זיין דאפלט־שארפיקער שווערד אים געשפאלטן דעם קאפ אין צווייען. פליט פון אונטן אן ווי א שטורעם איינער פון יהודהס ברידער און זעצט אים ארויף א רייף אויפן געשפאלטענעם קאפ. דער קאפ וואקסט באלד צוריק צונויף און יהודה, ווי גארנישט וואלט אים פאסירט, פליט ווייטער אויף זיין היציקן פערד. נק־מה נעמען פון די רשעים פון שכם" — — —

האט אונדז דער פאסטאר אויפגענומען זייער פריינטלעך אין דער סאלע, און ווי תמיד געבעטן זיצן, נישט אראפצונעמען די היטלען.

מחמת כבוד, איז נאר דער זיידע געזעסן אין ווייכן פאטעל, בעת איך בין געשטאנען אויסגעצויגן צוקאפנס ביים אנלען און געווארט.

„נאטירלעך" האט זיך דער שמועס געוויקלט ארום דער פאסירונג מיט די טויבן. דער פאסטאר האט געלאסן איבערדערציילט, אז ער האט נישט פארלוירן דעם שכל־הישר, זיך פארצושטעלן אז דא האנדלט זיך אין קינדער־שטיפעריי, א נישט געלונגענע שפילעריי אין ווארפן שטיינער.

— „האב איך באלד בארואיקט מיין געמיינדע, זיי צוגעזאגט, ביים באגייען די תפילה, אז דעם צווייטן זונטיק וועל איך זיי איבערגעבן אלע פרטים, נאכן אויספארשן די זאך, צי דא איז חלילה נישט פארגעקומען א בייזוויליקע גאטעס־לעסטערונג."

דער הער רידעל האט מיך אוועקגעזעצט לעבן זיך אויף דער סאפע, און איך האב צום וויפלטסטן מאל איבערגעחזרט און איבערדערציילט אין אפגעהאקטע ווערטער מיין „אומגליקלעכע" שוואכקייט צו טויבן, וואס האט מיך דערפירט צו דער צרה.

מיין אפנהארציקע חרטה האט געווירקט, און יענעם אסטערן (פסח) האט ער מיין דערציילונג, די דערציילונג פון א יידיש יינגל, וואס איז

נבשל געוואָרן זיך דייסנדיק צו דער נאַטור אַריינגעפּלאָכטן אין זיין יום־טובדיקן פרײדיקן, וואָס האָט שטאַרק געווירקט אויף זיין עולם: — „עט, אַ יונגע, אַ יינגל, אַ ליבהאָבער פון טויבן, איז גבשל געוואָרן מיט אַ שטיינדל, יאָ, יאָ"...

אַ צוויי יאָר שפּעטער בין איך געוועזן איינער פון זיינע בעסטער שי־לער פון דייטש־לשון. קיינמאָל, נישט צו דערמאָנען אַפילו מיט אַ רמז יענעם צופאַל.

יאָרן זענען אַוועק, ביז מען האָט מיר געשריבן פון דער היים, שוין אין ארץ־ישראל, אַז דער פּאַסטאָר רידעל איז געשטאָרבן, און די גאַנצע שטאָט, קריסטן פון אַלע עדות צוזאַמען מיט יידן, האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו. מען האָט מיר געשריבן, אַז ער פלעגט זיך שטענדיק נאָכפרעגן אויף מיר און זאָגן דערביי, אַז אויב ער וועט אַמאָל זוכה זיין באַזוכן דאָס הייליקע לאַנד, וועט ער מיך זיכער אויפזוכן און באַזוכן...

איך, פון מיין זייט, האָב געשריבן זיין פרוי און טעכטער אַן אויפ־ריכטיק מיטלייד־בריוו, זיי צו דערמאָנען די געשיכטע מיט די טויבן און — — — איך טראַכט איצט, ווי גליקלעך דער פּאַסטאָר הער קורט רידעל איז געשטאָרבן צו דער צייט, נישט איבערצולעבן די מוראדיקע ירידה פון זיין פאָלק, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות, אין אַ געשפּענסט און קללה פאַר דער ציוויליזירטער וועלט, ווי גליקלעך דער פּאַסטאָר איז געוועזן נישט צו וויסן און נישט צו זען ווי זיינע טעווטאָנען, די בלוטדור־שטיקע פאַרווילדעוועטע דייטשן האָבן פאַרניכטעט, אויסגעמאָרדעט אַלע זיינע יידישע פריינט און שכנים צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן.

וואויל איז אים געוועזן אַוועקצוגיין פאַר דער האַקנקרעציקער וועלט־אינוואַזיע.

זאַלץ

ווען ס׳דערמאָנט זיך מיר דער פּרוכטן־סאָד, נישט ווייט פון מיין קינדערשער היים אין יאָר 1910, פאַרמאַך איך די אויגן און דערזע די שורות צעבליטע עפּל־ און באַרן־בוימער אין זייער גאַנצער פּראַכט און צעבלי, אָפּגעשאָטן מיט ווייס־ראָזלעכן צוויט, ווי אַ שניי נאָך אַ ניטל־נאַכט. זייער בשמים־דופט איז נישט צו פאַרגעסן און דו נעמסט אָטעמען שנעל, שנעל, ווי דו וואָלסט אָט איצט איינגעזאַפּט אין אַלע דיינע פאָרן יענעם וואונדערלעכן פּערפום פון דער ליטווישער נאַטור אין פרילינג. און וואו זענען די דופטן פון די צייטיקע פּרוכטן, וואָס פלעגן שפּעטער, נאָך סוכות אַרויסשלאָגן פון די קליינע קעלער־פענצטערלעך פון שכנס בנין, וואו די רויטע עפּל און האַרטלעכע באַרנעס זענען געלעגן אויסגעבעטע, איינגעפּאַקטע אויף נאַרעס אין שטרוי־שיכטן, פון אויבן און פון אונטן?

אָט דריי איך זיך אַרום מיט מיין חבר פון די קינדער־יאָרן אַנדריי, דעם זון פונעם צאַרס זשאַנדאַרמעריע־פּאָלקאָווניק פון מיין געוועזענער היים; אַ נישט ווייטער שכן. מיר דרייען זיך אַרום דעם פּרוכטן־סאָד, פריער זיך צו זעטיקן מיט דער וואונדערלעכער מראה פון די צעבליטע בוימער, איינצוזאַפּן זייערע דופטן, און שפּעטער אויסצוקוקן אַ פּאַסיקע שפּאַרע אין הויכן הילצערנעם פאַרקאַן אַרום, וואו מען קען אריינשטופּן אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ טשוואָק אין שפּיץ, אַריינקלאַפּן אים אין אַ האַרטלעכן האַלב־צייטיקן עפּל, אַ ראָנעט, און פּאַוואָליע, אַרויסציען אין דרויסן ווי אַ שלל... אָדער: אויסקוקן אין אַ פאַרנאַכט, ווען קיינער איז נישטאָ אין סאָד, אַריבערקלעטערן די הילצערנע מחיצה, און געניסן פון וויי‏ניקן דופטיקן האָניק פון די עפּל און באַרנעס, ביז די ציינער ווערן איילִיק, און אָט אַזוי הנאה האָבן פון „הפקר“.

ביידע, איך און אַנדריי פלעגן שפּעטער די זעלבע שפּיל איבערחזרן אַרום אַ פענצטערל פון קעלער, וואו דאָס פּרוכט איז געלעגן מאַגאַניזירט



אונטערוועגס קיין ארץ־ישראל, דעצעמבער 1924. ס׳זיצן ד״ר נ. ראפאלקעס־ניר (וויצע־פאָרזיצער פון כנסת אין ישראל), זיין טאָכ־טער אליא (וואַרשע); ס׳שטייט ל. חיין־שמעוני.

ביז סוף ווינטער. איינער פון אונדז פלעגט שטיין אויף שמירה, און דער צווייטער פלעגט אַראָפּלאָזן דורך די מרובעדיקע גראַטעס דעם שטעקן מיטן טשוואָק, זיך גריבלען אין שטרוי און אַרויפציען אַ שמעקעדיקן עפּל, אַ שטיק תאווה... מ׳יינט חלילה נישט, אַז אין אונדזערע היימען האָט געפעלט פּרוכט, דאָס אומגעקערטע איז ריכטיקער. אין אונדזערע היימען איז געווען שפּייז מכל טוב, אַ פּשיטא פּרוכט, וואָס איז דעמאָלט געווען שפּאָט ביליק אין אונדזערע מקומות. נאָר דאָ האָט זיך גאָר געהאַנדלט אין אַזאַ יוגנטלעכן ספּאָרט, אין דער שפּאַנונג, וואָס האָט דיר אַרויסגעהויבן פון דער זאַטקייט, פון דער פאַרגליווערטער רוטין און רואיקייט. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין דעם אונטערבאַוואוסטזיניקן ווילן פון אַ יוגנטלעכן בייצושטיין נסיונות מיט סכנות, כדי נאָכדעם צו דערשיינען אין דיין קינדערשער וועלטל, ווי אַ געוואַגטער, שיעור נישט אַ „גיבור“, ווער רעדט נאָך אין דעם פאַל, בעת מיר ביידע האָבן זיך געליבט אין יאַדוויגאַ העגריצי, דאָס 11־יאָריקע בלאָנדע טעכטערל פון דייטשישן קאָנדיטאָר, און ביידע פלעגן מיר ברענגען דעם שלל: צוויי, דריי עפּל, אַ גרינע באַרנע. זי פלעגט ברענגען אַ פּאָר קיכעלעך, און מיר פלעגן פּראַווען אַ בשותפותדיקע סעודה אונטער אַן אַלטער ווערבע, נישט ווייט פון טייך, אין מיין זיידנס רחבותדיקן גאָרטן. יאַדוויגאַ פלעגט זיך גרויסן מיט אירע „קאַוואַליערן“ אין די אויגן פון אירע חברים, אונדז אַרויסשטעלן ווי „ריטער“, ווי אַ מוסטער פון „חברה־לייט“, וואָס האָבן פאַר גאָרנישט מורא... מיין יידישער אָפּשטאַם, האָט אין דער בשותפותדיקער קינדערשער „ליבע“ געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע, באַזונדערס, בעת איך פלעג עפּעס אַ זאָג טאָן צו יאַדוויגאַן אין אַזאַ יידיש־דייטש, אַנדריי זאָל נישט פאַרשטיין, אָדער זי פלעגט זיך וועלן רייצן מיט אים נאָך אַ ברוגז, און אויך ריידן צו מיר דייטש־לשון; דאָ פלעגט אַנדריי פאַרלירן דעם קאָפּ און זיך דערפילן מינדערווערטיקער פון אונדז ביידן. ראשית רעד איך „דייטש“, איך רעד „זשידאָווסקי“ לשון, איך רעד רוסיש און פויליש און גאָרנישט שלעכט ליטוויש, בעת ער רעדט נאָר רוסיש און פאַרשטייט קוים פויליש. יאַדוויגאַ רעדט פריי דייטש און פויליש און פאַרשטייט גוט רוסיש...

נישט איינמאָל פלעגט זיך איזדיעקעווען אָט די קליינע אשה איבער

אונדזביידן, העצן, טרייבן רכילות, דערציילן שקרים און אונדז אָנציען ביז אַ געשלעג מיט אַ ברוגז. נישט איינמאָל, האָבן מיר זיך געשוואָרן איבעררייסן מיט איר און אויסמיידן אַ יעדער באַגעגעניש, אָבער דער פאַרבאָרגענער קינדערשער יצר פלעגט נישט אויסהאַלטן. מיר פלעגן זיך איבערבעטן על פּי רוב אַ דאַנק איר ווייבערשער פּאַרמיטלונג. מיר פלעגן אַזוי שפּאַצירן בכונה ביים ברעג טייך אָנגעבלאָזענע, בעת זי, די אשה, פלעגט זיצן מיט נאַקעטע פיסלעך אין שטראָמיקן וואַסער און וואַרפן אירע בליצן צו ביידע ריוואַלן...

ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין מיין געוועזענער היים, האָבן זיך די יידן געקליידט אייראָפּעאיש, דאָס זעלבע די קינדער און יוגנט; נישט געטראָגן די יידישע היטעלעך און אַטלאַסענע לאַנגע קאַפּאָטעס, די קליידונג האָט ביי אונדז נישט געשאַפן די מחיצה צווישן אונדז און די נישט־יידישע שכנים, ווי אין קרוין פּוילן.

נאַטירלעך זענען אונדזערע נאָענטע באַציאונגען און מעשים נישט געווען צופיל באַוואוסט אין אונדזערע היימען, וואָרום ווען האָבן די על־טערן צייט געהאַט אַכטונג צו געבן אויף אונדזערע דרויסנדיקע שפּילע־רייען? אמת, די עלטערן פלעגן זיך באַגעגענען מיט די נישט־יידן, שכנים, אָפיציעל פריינטלעך, מיט אַ גוט יאָר, אַ גוטן טאָג און גוטן יום־טוב. ביי געלעגנהייטן פון אַ שמחה זיך אָפּשטאַטן וויזיטן, אָדער בעת אַ צרה זיך טיילן מיט הילף, ווי אַ טערמאָמעטער, באַנקעס, אַ פּראַשעק, אַ גראָז, אַ אייז־פּענכער וכדומה. בדרך כלל איז ביידע צדדים נישט שטאַרק ניחא געווען אונדזערע בשותפותדיקע קינדער־שטיפערייען און צו נאָענטע פאַר־בינדונגען.

אין יענעם יאָר 1910, 2 יאָר פאַרן ביילים־פּראָצעס, האָט מען אין אונדזערע מקומות, אין דער ליטע, ביי דער דייטשישער גרענעץ, נישט צו שטאַרק געפילט די נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע אין פּריוואַטן לעבן, בין אדם לחברו; אמת די קריסטן פלעגן קוקן אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ. די רוסישע באַאַמטע און אָפיצירן זענען בדרך כלל געווען כלפּי אונדז גלייכ־גילטיק, די דייטשן און ליטווינער — פריינטלעך, אָבער אָפענע אַנטיסע־מיטישע גיפט פלעגט אַרויסשפּריצן נאָר מצד די פּאָליאַקן, כאָטש די לי־

בעראָלע, כמעט אהבת־ישראל־פּערזענלעכקייטן פון דער פּוילישער געזעל־
שאַפטלעכקייט ווי עליזאַ אָרזשעשקאַ (גראָדנע) און מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ
(סובאַלק) פלעגן נישט ווייניק ווירקן אויף דער יוגנט. די פּוילישע שנאה
פלעגט מען ביי אונדז נישט נעמען צו ערנסט, ווייל זיי, די פּאָליאַקן,
זענען דאָך אויך געווען מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען, אין גלות ביי די גרויס־
רוסן, ביים צאַר, ווי מיר יידן זענען געווען אין גלות ביי זיי אַלעמען...
ס׳פלעגן אַמאָל פאַלן ספּאָנטאַנע, אַנטיסעמיטישע אויסרופן אויף אונדזער
אַדרעס מצד די שכנישע נישט־יידישע קינדער בעת שטיפערייען און שפּי־
לערייען, וואָס פלעגן זיך אויסלעשן אַזוי גיך, ווי גיך זיי פלעגן אויפ־
פלאַקערן.

ס׳איז ערשט געווען 1910, אין אַ ווייטער פרידלעכער גרענעץ־שטאָט,
וואָס איז נאָך געווען געזעלשאַפטלעך פּאָליטיש צעשראָקן און דערשטיקט
נאָכן רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905; אונטערדריקט פון דער רעאַקציע פון די
מאַסן אַרעסטן און גירושים קיין סיביר. די פרידלעכע קליינבירגער האָבן
געהאַלטן פון „דו טשעפּע מיר נישט״ — „איך טשעפּע דיר נישט״ —
לאָזט אונדז לעבן... די אַרבעטער זענען געווען זייער שוואַך אָרגאַניזירט,
אַחוץ קליינע שטרענג קאָנספּירירטע גרופּקעלעך אין דער לעדער־אינדוסט־
ריע פון אונדזער שטאָט. ערשט צוויי יאָר שפּעטער, בעת און נאָכן בייליס־
פּראָצעס, האָט זיך ביי אונדז אויך אָנגעצונדן די שנאת ישראל, ווי אומע־
טום אין דער צאַרישער אימפּעריע. ס׳געדענקט זיך, ווי ביי אונדז זענען
ווידער געווען די פּאָליאַקן די הויפּט־צינדער פון אַנטיסעמיטיזם אין פּאַ־
טאָלן יאָר 1912; די פּאָליאַקן און נישט די הערשער די רוסן. אין אונדזער
יוגנט־וועלטל האָבן די פּאָליאַקן מיטן בייליס־ענין פּרובירט דעקן די אויפ־
געדעקטע ברודיקע מאַצאָך־אַפערע פון אַ טשענסטאָכאָווער קלויסטער.

ס׳לאָזט זיך נישט פאַרגעסן ווי אין יענע צייטן פלעגט מען אונדז
אָנרופן אַנשטאָט „זשיד״ — בייליס, און מיר פלעגן באַלד צוריקענטפערן
מיט „מאַצאָך״. מאַצאָך, דער באַרימטער קאַטוילישער גלח, דער „צדיק״
פון טשענסטאָכאָווער מאָנאַסטיר, וואָס האָט באַשלאָפן, מזנה געווען מיט
דער „גאָטספּאָרכטיקער״ נאָנע העלענאַ, ביידע צוזאַמען האָבן דערמאָר־
דעט זייערע ממזרים, באַגנבעט דעם קלויסטער, און אָפּגעטאָן אַנדערע

קרימינעלע מעשים, וואָס זענען אַנטפּלעקט געוואָרן אויף אַ סענסאַציאָ־נעלן משפט, און דערשיטערט די נישט־יידישע וועלט. כ׳געדענק נאָך דעם אָנהויב פון דער ליד, וואָס מיר פלעגן אויפזינגען צו די פּאַרווילדעוועטע פּוילישע יידן־פרעסער:

„וו טשענסטאָכאָוויע, קשאָנדז דאַמאַזי, *
„פּרזשייאַטשוכע העלע מיאָל...״

* * *

אין איינעם אַ סוף זומערדיקן פאַרנאַכט, נאָכן אָפּזיצן מיט מיין חבר אַנדריי אַ פּאָר שעה איינצוקנעלן די „פּאַדיעזשן״ (דעקלינאַציעס) פון דער רוסישער גראַמאַטיק, האָבן מיר, נאָך אַ שטומען זיך איבערוואַרפן מיט די אויגן, באַשלאָסן זיך לאָזן אויף „יאַגד״ אין שכנותדיקן, כמעט צייטיקן פרוכט־סאַד. איך בין אַוועק עסן אָוונטברויט און דערציילט דער מוטער ז״ל, אַז איך מוז גיין צו אַנדרייען ענדיקן איינחזרן די רוסישע גראַמאַטיק, בעת אַנדריי האָט דערציילט זיין מוטער אַז ער גייט צו מיר איינחזרן דעם לאַ־טייניִשן אויסלייג, וואָס קומט אים אָן מיט גרינע ווערים... שפּעטער האָבן מיר זיך שטום באַגעגנט, אַוועק צום סאָד, וואו אונטער אַ בריקל, ביים פּאַרקאַן איז געלעגן אויסבאַהאַלטן אונדזער „וואָפן״: — דער שטעקן מיטן טשוואָק.

דאָס מאָל איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן, אַריינצודרינגען אינע־ווייניק, בעת אַנדריי איז געבליבן אין דרויסן אויף שמירה צו זיצן אויף אַן אַלטע קלעפּיק־געדיכט בלעטערדיקן קאַשטאַן־בוים. לויטן אָפּמאַך, האָט דער „שומר״ פילנדיק אַ סכנה, געדאַרפט געבן אַ שאַרפן פייף (מיט צוויי פינגער אין מויל), ווי אַ סיגנאַל זיך אָפּצוטראָגן פון מסוכנדיקן אָרט. איך האָב זיך בשלום פאַרקליבן אין טונקעלן סאָד, און צו מיין איבעררעשונג געפונען אַ דאָפּלטן לייטער, האָרט ביי אַ פול באַלאָדענעם עפּל־בוים, ווי צוגעגרייט פאַר מיר... נישט געטראַכט, מלא שמחה, בין איך פלינק אַרויף

* דאַמאַזי איז געווען מאַצאָכס פאָרנאָמען.

אויפן העכסטן שטאָפּל פון לייטער און — — — איידער איך האָב באַ־ וויזן אויסצושטרעקן די האַנט צום ערשטן עפּל, האָט אַ דונער געטאָן אַ שאָס; אַ בליץ מיט אַ קנויל רויך, און איך האָב דערפילט אין מיין „ווייכן אָרט", אַ מוראדיקן ווייטיק. איך בין אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן, ס'האָט מיר אָפּגענומען ס'לשון, און פון יסורים, בין איך אַראָפּגעפּאַלן אויפן ווייכן באָדן ביים בוים. כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן מיטן האַנט דעם ווייטיקדיקן אָרט, און דערפילט אַ קלעפּיקע נאַסקייט: — בלוט.

ובכן לויט מיינע דעמאָלטיקע השגות און וויסן, האָט עס געזאָלט זיין מיין סוף, דער טויט. אַלע סימנים האָבן דעם פאַקט עקספּראָמט באַשטע־ טיקט, א) דער דונער שאָס מיטן בליץ און רויך, ב) די מוראדיקע יסורים, ג) דאָס בלוט... הייסט עס, אַז מען האָט מ י ר דערשאָסן, און ס'בלייבט מיר נאָר רואיק צו וואַרטן אויפן מלך המות, וואָס וועט אָט, אָט קומען צופליען מיר פירן פאַרן בית דין של מעלה, ס'איז געעקט.

בין איך געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געבלוטיקט אין ווייטיק. כ'האָב שוין געוואוסט אַז טויטע האַלטן די אויגן געשלאָסן, באַוועגן זיך נישט, שרייען נישט, ריידן נישט, קרעכצן נישט, אָבער צום טייוול, וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג, — גוואַלט! איך וועל משוגע פון ווייטיק...

ווייזט אויס אַז איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און געחלשט, ווייל בעת איך בין געקומען צו זיך, בין איך געלעגן מיטן „ווי רופט מען דאָס" צום הימל; כ'בין געלעגן אויף אַ באַנק אין דער רחבותדיקער קיך פון אַ פענסיאָנירטן צאַרישן גענעראַל, דעם אייגנטימער פון סאַד, וואָס האָט גוט געקענט זיינע יידישע שכנים. צו מיין בושה בין איך געלעגן אויסגעטאָן ביז דער העלפט און די קעכן מיט זיין אַלטן משרת, אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער זעלנער, אַ שיכור, האָבן מיר געלייגט נאַסע טיכער צו דער וואונד.

יענע וואָך האָבן זיך אַביסל צעדרייט אונדזערע חשבונות: איך מיט אַנדרייען, זענען נישט געווען די איינציקע ליבהאָבער פון די שמעקעדיקע פּרוכט פון גענעראַלס סאַד. אַזוינע ליבהאָבער זענען געווען נאָך תכשיטים ווי מיר, נאָר איין חברותא האָט נישט געוואוסט פון דער צווייטער. דער סאַד איז געווען גענוג גרויס, ער האָט זיך געגרענעצט מיט צוויי גאַסן,

און יעדער חברותא האָט געווירקט אין אַן אַנדער ווינקל; כל זמן מען פלעגט נאָך שלעפּן עטלעכע עפּל מיט באַרנעס, האָט מען עס נישט גע־מערקט, אָבער ביסלעכווייז פלעגן יענע חברה אַריבערכאַפּן די מאָס; זיי האָבן אָנגעהויבן ברעכן צווייגן און שעדיקן בוימער, וואָס דער גענעראַל האָט באַמערקט און באַשלאָסן מקיים פּסק זיין די מחבלים.

יענעם פּאַטאַלן פּאַרנאַכט האָט דער אַלטער געבומען זיין יאַגד־ביקס מיט עטלעכע לאַדונגען שרויט־קוילן. לויט זיינעם אַ „פּאַטענט״ צו פּאַנ־גען פויגל זיי נישט צו דערמאָרדן, פלעגט דער אַלטער אויסשיסן פון דער טאַקטורענער גילזע די לאַדונג, און אנשטאָט דעם קליינעם שרויט אַריינ־שיטן גראָבע גרויפּן זאַלץ, וואָס פלעגן דעם געטראָפענעם פּאַרוואונדן, אָנ־געטאָן ביטערע יסורים, אָבער נישט דערהרגעט. נאַטירלעך אויף אַ מענטשן, פלעגט מען צילן נאָר אין אונטערשטן טייל קערפּער, אַ מענטש איז נישט קיין פויגל... בקיצור, האָב איך געכאַפּט אַזאַ פיינע לאַדונג זאַלץ אין מיינע „ווייכע ערטער״. איך בין געקומען צו זיך אין גענעראַלס קיך ערשט בעת איך האָב דערהערט אַז מען גייט רופן מיין — — — פאָטער, (און דער מלאך המות טראַכט גאָרנישט מיר פירן צום בית דין של מעלה).

דעם אמת געזאָגט, האָט מיין שפּילן די ראָל פון אַ טויטן אַ ביסל דערשראָקן דעם אַלטן געניטן שיסער; נאָך אַלעמען איז ער געווען אַ וואוי־לער, ברייטהאַרציקער פּאַניע, אַ רוס. — וואָס? גיין דערהרגענען אַ יינגל פאַר אַן עפּל? האָט ער דאָך געקאָנט צוזאַמען מיטן משרת כאַפּן אַזאַ תכשיט פאַר די אויערן נישט צו שיסן, אַן טומל, און מקיים פּסק זיין אַזוי, אַז ס׳זאָל אים פאַרגיין דער חשק צו קומען נאָכאַמאָל בגניבה געניסן פון זיינע עפּל. איז דער אַלטער אויך געווען נערוועז, צעטומלט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

„באָזשע מאָי באָזשע״, האָט ער געמורמלט, —„דאָס איז דאָך נאָר אַ זשוליק, אַ סמאַרקאַטש, און ווי די קעכן זאָגט, איז ער דעם גוטן מאָווּשאַ, דעם שלאָסערס אייניקל, דער אַלטער גוטער שכן, דער מעכאַניקער מאָווּ־שאַ, דער יעווריי — — — וואָס טוט מען?״

אין יענע יאָרן פלעגט מען, אין אַזעלכע קרייזן, אַמווייניקסטן טראַכטן פון אַ דאָקטער. ווער רעדט נאָך אַן אַלטער זעלנער, אַ גענעראַל, וואָס פאַר־

טראָגט נישט בדרך הטבע די „ליעקאַרעס", ווען ער ברענגט בעת מעשה דעם פּוילישן דאָקטער באָקאַנאָווסקי, אָדער דעם יידישן ציניקער ד"ר נאַטאַנזאָן, וואָלטן זיי מיר באַלד „מחיה מתים" געווען. זיי האָבן גוט גע־קאָנט מינטערן שיכורע, אַ פּשיטא אַ פאַרוואונדעטן צעשראָקענעם יידישן ייִנגל, אָבער ס'איז געווען איבעריק, ווייל נאָר דערהערנדיק, אַז מען גייט דאָ ברענגען מיין פאָטער, בין איך אויפגעשפּרונגען אַ צעדולטער פון באַנק און פאַרגעסן אַלע ווייטיקן און חרפּות — — — איך בין געווען גרייט צו בעטן סליחה ומחילה; איך בין געווען גרייט אויף אַלץ, און יעדער שטראָף אַט דאָ אויף אָן אָרט, זאָלן זיי נאָר צורו לאָזן מיין פאָטער, באַזונדערס דעם זיידן, וואָס האָט נישט לאַנג איבערגעלעבט מיין צרה מיט די טויבן... איך האָב זיך צעכליפּעט און ביטער געשלוכצט.

אַז דער אַלטער האָט מיר דערזען אַ לעבעדיקן, אין אַזאַ נעבעכדיקן מעמד, איך בעט אייך איבער אָן הויזן, מיט אַ וואונד גרויס ווי אַ טעלער פון הינטן, איז אים ווי אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן, ער איז געוואָרן איבער־גליקלעך! — אָט איז בין רגע פאַרשוואונדן דער קאָשמאַר מיט אַלע צרות, מיט זיין שיעור נישט צעשטערטער אויסגעחלומטער רו. דער זשוליק לעבט, ווייִנט און שרייט, טשודאָ! גיך האָט זיך צוריקגעקערט זיין גלייכ־געוויכט מיטן קאַלטן שכל הישר און ער האָט געפּסקנט, אַז דער „זשי־דיאָנאָק" „זאָל גיין צו אַלע רוחות, צום טייוול"... די געזאַלצענע לעקציע וועט אים צונויץ קומען. האָט ער אַ שפּיי געטאָן, מיר מכבד געווען מיט אַ פּעטשל אין באַק און פאַרלאָזן די קיך מיט אַ פּעטער „פּאַמאַטערי" אויף די ליפּן אויפן חשבון פון אַלע ציוויליסטן מיט אַלע יידן פון דער וועלט. ער האָט מיר איבערגעלאָזן אויפן באַראַט פון דער קעכן מיטן משרת... און אַז ס'האָט שוין געהאַלטן אַזוי, האָב איך זיך אויך אַ ביסל באַרואיקט און געגומען בעטן ביי מיינע „באַשיצער", געבעטן רחמים, מען זאָל גיין ברענגען מיין שטילע גוטע מוטער, וואָס וועט מיר זיכער אַרויסהעלפן אין דער צרה, און זיי ביידע פּיין באַלוינען פאַר זייער גוטסקייט און הילף.

אַ פערטל שעה שפּעטער האָט מיין מוטער, צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, באַטרעטן דעם גענעראַלס קיך, כאָטש זי איז דאָ אין שכנות געבוירן געוואָרן מיט אַ 30 יאָר פריער, און האָט קיינמאָל פאַר דער צייט נישט

פאַרלאָזן איר װאױנאָרט. איך בין שױן װי נישט איז דורכגעקומען מיט מײן מוטער, װאָס האָט פון איר טבע נישט געקאָנט פאַרמײדן טרערן בײ יעדער געלעגנהײט פון פרײד, פון צער, פון טרױער, ערגערניש אָדער עמאָציע, איז איר ניחא געװען אירע אײגענע טרערן, אָבער אַזױנס נישט צו פאַרטראָגן אָדער צו זען בײ אַנדערע; אַ פּשיטא בײ די אײגענע קינדער, װאָס האָבן געװאוסט פון אָט דער שװאַכקײט פון דער שרה־בת־טובימדיקער מאַמע. פלעגן מיר עס אױסנוצן אָן רחמנות...

אַז מײן מוטער האָט מיר געפונען אין פריער געשילדערטן מעמד, האָט זי פון שרעק און צער שיעור אַלײן נישט צוזאַמענגעבראָכן און... איך האָב זיך געלאָזט איר טרײסטן. ס׳האָבן זיך געביטן די ראָלן, איך האָב זיך פאַרנומען מיט איר ביז זי האָט זיך באַרואיקט. באַטראַכט מײן װאונד׳, מיר געהײסן װאַרטן, ביז זי האָט געבראַכט אַ שטיק רײנע לײװנט, באַשמירט מיט עפּעס אַ זאַלב, װאָס זי האָט פאָרזיכטיק צוגעלײגט צו דער װאונז׳, און מיר געהאָלפן אָנטאָן נײע רײנע בגדים, װאָס זי האָט נישט פאַרגעסן מיטברענגען. ס׳איז מיר נישט אָנגעקומען צו שװער אַרױסצו־קריגן פון איר אַ צוזאָג צו העלפן בײשטײן די חקירה ודרישה פון מײן פאָ־טער׳, װאָרום אינגאַנצן פאַרבאָרגן דעם „עסק“ איז נישט געװען מעגלעך, שױן מחמת דעם פאַקט, װאָס איך האָב נישט געקענט זיצן און נישט ליגן מיטן פּנים צום הימל, נאָר אומגעקערט.

דערװײל האָט אַנדרײ אױך איבערגעלעבט שװערע אַנגסטן, חלילה נישט צוליב מײן בראָך און צרה, נאָר פון פּחד און אומרו, טאָמער דער־װיסט זיך זײן פאָטער, דער זשאַנדאַרמעריע־פּאָלקאָװניק; דער טרײער שומר פון געזעץ און אָרדענונג, דער טרײער זעלנער פון באַטיושקאַ דער צאַר ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָװיטש ירום הודו — טאָמער דערװיסט ער זיך פון דער מעשה... אַזאַ בושה און סכנה! — מיט אַ ײדישן ײנגל זיך לאָזן באַרױבן זײן עקסעלענץ, דעם פּענסיאָנירטן גענעראַל, זײן עקסעלענץ, דער גיבור פון פּאָרט־אַרטור, װאָס אַלע גאַזעטן פון רוסלאַנד זענען בשעתו פול געװען מיט זײן רום און גדולה. אַנדרײ האָט געװאוסט, אַז ער האָט באַ־װיזן זיך אָפּטראָגן בשלום פון דער געפערלעכער שמירה באַלד נאָכן שאָס, פון קײנעם נישט צו װערן באַמערקט נישט פון אַ לעבעדיקן נפש, שלעכט



ניר, ווי דער פאָרזיצער פון דער כנסת אין ישראל אין אַ שמועס מיט זרובבל, צוויי פון די אבות פון פ״צ.

און ביטער קען זיין, אויב איך וועל נכשל ווערן מיט דער צונג און בעת דער חקירה, פּרובירן אַריינפּלאָנטערן זיין ריינעם נאָמען אין אַזאַ מיאוסער מעשה, ס׳איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דער שאָס האָט מיר גע־טראָפן... טשטאַ בודיעט? וואָס וועט זיין און וואָס טוט מען? אויב דער באַטיאַ וועט זיך יאָ עפּעס דערוויסן, וועט ער שוין מאַכן יענעם „צימעס“ ס׳וועט אים, אַנדרייען, נישט אויסמיידן דעם טאַטנס צאָרניקע שטראָף, הלמאַי ער חברט זיך מיט אַזאַ זשידאָווסקען באַנדיט ווי איך...

נאַטירלעך האָט אַנדריי נישט געשלאָפן יענע נאַכט, פּונקט ווי איך בין נישט געשלאָפן פון ווייטיק, און, אַז ס׳איז אים געלונגען איינדרעמלען פּאַרטאָג, האָט ער זיך געוואָרפן און געשריען פון שלאָף, ביז זיין איבער־געשראָקענע מוטער איז געקומען צולויפן אים טאַפּן דעם קאָפּ מיטן בויך און דריי מאָל איבערצלמען איר טייערן מאַלטשיק; און איר טייערער מאַלטשיק פלעגט אין אַזעלכע פאַלן זיך נאָך מער וואַרפן און ברומען, אויפמאַכן אַ פּיק־פּיצעלע שפּעלטל פון אַן אויג, כדי צוזאַמען מיט דער הנאה פון ווערן געגלעט פון די צאַרטע מוטערלעכע הענט, אויך זען איר שיינע ווייסע געשטאַלט אין דער לאַנגער נאַכט־העמד, מיט דער קרוין אויסגעפלאָכטענע גאָלדענע צעפּ אַרומגענומען דעם הויכלעכן שטערן און שיין געפורעמטן בלאַסלעכן אויסגעליטענעם פנים, וואָס פלעגט נישט איין מאָל זיין באַצירט מיט שטאַרק פּאַרפּודערטע בלוילעכע סימנים, מעשי ידיו פון זיין טאַטן, נאָך אַ פיינער כוסה, פון אַן איבערגעפרעסענעם און גלייכצייטיק, סעקסועל קיינמאָל נישט געזעטיקטן זעלנער.

אויף מאָרגן, בעת איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, שטופּנ־דיק איבערגוואַלט אין מויל שטיקלעך פרישטיק זעמל, האָט זיך אַנדריי אַריינגעכאַפּט צו אונדז מיט אַ תירוץ אפשר קען איך אים באָרגן מיין רוסישע גראַמאַטיקע; ער האָט זיינע פאַרגעסן אין שול, און דערווייל מיר געעגבערט, געבויערט מיט די אויגן דורך און דורך. מיין תשובה איז גע־ווען אַ דאָפּלטע מיט די אויגן און מיט...עוויות, אַז זיין שרעק איז אַן איבעריקע, אַזאַ ווי איך וועל אַ חבר נישט „פאַרשיטן“, פאַר קיין פאַל נישט...

ס׳איז מיר באמת נישט איינגעפאַלן צו דערמאָנען זיין נאָמען, וואָס

וואָלט געקאָנט פאַרלייכטערן מיין שטראָף. מיין מוטער מיט איר פאָטער — מיין זיידע, מיינע ביידע שוץ־מלאכים, מיינע סניגורים וואָלטן געקענט טענהן, אַז באשר אַנדריי איז מיט אַ יאָר עלטער פון מיר, האָט ער מיר זיכער איינגערעדט און אַריינגעשלעפּט אין אַזאַ מין נישט יידישלעכער מערכה...

איך האָב זיין נאָמען נישט דערמאָנט, אַנדריי האָט עס נישט גע־קענט פאַרגעסן, און דערפאַר מיר צוריקגעצאָלט ערשט מיט 14 יאָר שפּע־טער, און ווער ווייסט צי כ׳וואָלט נישט מיטגעמאַכט דעם גורל פון מיין אומגעקומענער אויסגעמאָרדעטער גרויסער משפחה צוזאַמען מיט די על־טערן אין יענע גרויל־ און אימה־יאָרן פון דער האָקנקרעציקער אינוואַזיע אין ליטע, ווער ווייסט ווי מיין גורל וואָלט זיך דעמאָלט אַנטשיידן ווען נישט אַנדריי?

* * *

צען יאָר שפּעטער האָב איך שוין געהאַט הינטער זיך אַלע גרוילן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך האָב שוין באַוויזן צו ווערן אַ באַ־קאַנטער יונגער פּועלי־ציוניק אין דער ליטע, ווי חבר לייבעלע ראַבינאָ־וויטש, און נאָך 4 יאָר שפּעטער זיין מפורסם ווי אַן אַקטיווער פּאַרטיי־מענטש, אַ מיטגליד פון צ. ק. אין דער שטרענג קאָנספּיראַטיווער פּועלי־ציון באַוועגונג (לינקע).

פּוע״צ אין ליטע פלעגט אין דער עפנטלעכקייט דערשיינען ווי די „פראַקציע נומער 7״ אין די וועדי הקהילות, מוניציפּאַליטעטן, נאַצ. ראַט, נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, אָדער פראָפ. באַוועגונג, קאָאָפּעראַציע און קול־טור־ליגע, וואָס האָט אויסגעבויט די יידישע וועלטלעכע שול־באַוועגונג אין ליטע.

ווייל כ׳בין געווען אַ געוויילטער ראַטמאַן אין קאָוונער ועד הקהילה, אָדער אַ מיטגליד אין יידישן נאַצ. ראַט, וואָס איז אין יענער תקופה שיעור נישט געווען אַ מלוכה־קערפּערשאַפט, האָב איך זיך איינגערעדט, אַז איך מעג שוין עפנטלעך טאָן אַזוינס, וואָס קען אַנדערע אין מיין מעמד שטעלן אין סכנה דעם לעבן אין יענעם קלעריקאַל פאַשיסטישן רעזשים,

וואָס האָט געהערשט אין ליטע פריער ווי אין דייטשלאַנד. איך האָב פאַרגעסן, אַז בס״ה מיט אַ געציילטע פאָר יאָרעלעך צוריק, האָב איך אונטער אַן אַנדער נאָמען אַנטלאָפן פון מאַריאַמפּאָל, ממש פון די הענט פון דער זשוואלגיבע אַרויס (געסטאַפּאָ), ווי איך בין נאָך פריער אַנטלאָפן פון סובאַלק קיין מאַריאַמפּאָל פון... די הענט פון דער פוילישער רעפּע־סיווע. פון מאַריאַמפּאָל איז מיר געלונגען צו אַנטרינען אַ דאַנק דער הילף פון מיינעם אַ קרוב פון אָליטע, וואָס האָט ווי אַ זעלנער געדינט אין דער מיליטערישער קאָמאַנדאַנטור פון יענער שטאָט (דעמאָלט זענען נאָך געווען יידישע אָפיצירן אין דער ליטווישער אַרמיי, מחוץ יידישע מיליטער־דאָקטוירים). לאָמיר ביי דער געלעגנהייט נאָר פאַרצייכענען און דערמאָנען, אַז איינער פון די זשוואלגיבע מנוולים און אינקוויזיטאָרן פון פּאָליטישע אַרעסטירטע אין מאַריאַמפּאָל, איז געווען אַן אינטעליגענט, אַזאַ באַבערדלטער דאָסטאָיעווסקי־טיפּ, כולו סאַדיסט. אָט דער ליטווישער געסטאַפּיסט פון 1920 פלעגט שלאָגן און פייניקן אַרעסטירטע אַרבעטער און פויערים, ווארום ווער האָט אים געקענט? ער פלעגט די שמוציקע מלאכה טאָן מחמת פּאַטריאָטיזם צום נאָרוואָס עטאַבלירטן באַנייטן ליטווישן שטאָט, און ערשט איצט, שוין מיט קנאַפּע 40 יאָר שפּעטער, נעמט מיר דורך אַ ציטער, בעת איך דערמאָן זיך זיינע שפּיציקע אויגן אין אַזאַ קאַלטער סוף אַפּריל נאַכט, אין אַ טורמע קאַרצערל, וואו מען האָט מיר אַריינגעוואָרפן צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק מענטשן, אַרעסטירטע כדי מיט אונדזער אַרעסט צו פאַרמיידן אַן ערשטע מאַי מאַניפעסטאַציע...

ס׳האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעריסן די טיר און מען האָט אונדז גענומען אַרויספירן אייגציקווייז צו אַן אויספאָרשונג, אָן אַ זייט ביי דער טיר איז ער געשטאַנען דער דאָסטאָיעווסקי־טיפּ, מיליטעריש געקליידט, מיט אַ געלבלעך קרענקלעך פּנים, מיטביידע אָנגעשפּיצטע וועלפישע שפּיציקע אייגעלעך, מיט דעם שיטערן בערדל, און ווען ס׳האָט זיך אים געגלוסט האָט ער מכבד געווען מיט אַ דינעם עלאַסטישן שפּיץ־רוט, וואָס האָט געלאָזט בלוטיקע שפּורן...

איך בין דעמאָלט דורך בשלום דאָס גהינום־טירל, אָן בלוטיקע פּאַסן אויפן פּנים, ווייל אין געדרענג, האָב איך זיך פלינק אַ רוק געטאָן אַן אַ

זייט, אָבער ער האָט מיר שפּעטער אָפּגעצאָלט זיין חוב אין דער אינקוויזיציע־קאַמער פון דער פּאָליציי. געווען איז עס דער איצט באַרימטער גרויסער, גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער פון דער איצטיקער קאָמוניסטישער ליטע ליודאַס־ביראַס... נאָר לאָמיר אים צורו לאָזן און נישט שטערן דיכטן קאָמוניסטיש פּאַטריאָטישע לידער, און זיך צוריקקערן צו דער טעמע:

מעגלעך, אַז דער קאָוונער זשוואלגיבע פון יענע ערשטע יאָרן פון איר אויפקום, איז נישט איינגעפאַלן, אַז לייבל ראַבינאָוויטש איז דער געוועזענער אַהרן בענדל קראַוויעץ פון זשאגער, אָדער שמעון בן אַהרן פון מאַריאַמפּאָל, מ׳ט אַ דאָקומענט, וואָס האָט מיר עלטער געמאַכט אויף גאַנצע 16 יאָר צייט; מעגלעך, אַז מיין העכערע פּאָזיציע ווי אַ באַאַמטער אין אַ כמעט מלוכה־אַמט, האָט מיר דאָך קאָמופלאַזשירט אין נישט קיין קליינער מאָס, אָבער אויף דער טריבונע פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרזאַמלונג מיט אַ קנאַפּן יאָר פריער, האָב איך אריבערגעכאַפּט די מאָס; פאַרגעסן די עלעמענטאַרסטע פאָרזיכטיקייט און זייער שאַרף אָנגעגריפן דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים פון ליטע, וואָס האָט מקדים געווען דעם היטלעריזם, און אויף יענער סעסיע זענען בייגעווען הויכע מלוכה־מענער, מיניסטאָרן מיט מיניסטעריאַלע און פּאָליצייאישע דירעקטאָרן, היימישע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן, און אַט פרעגט אַזאַ בחור, ווי איך דעם מיניסטער פאַר יידישע ענינים שמשון ראָזנבוים, „צי ער האָט טאַקע אַרויסגעגעבן דער זשוואלגיבע אַלע נעמען און אַדרעסן פון די יעניקע בירגער, וואָס האָבן אונטערגעשריבן די אַרויסגעשטעלטע קאַנדידאַטן־ליסטעס בעת די וואַלן״? — — —

ווייזט אויס, אַז די זשוואלגיבע האָט שוין דעמאָלט פאַרוואָרפן אַ נישט געזעענע נעץ צו פאַנגען נישט נאָר מיר אַליין, וואָס איז לחלוטין נישט געווען שווער; די זשוואלגיבע האָט געצילט אויף אַ פעטערן פאַנג, אויף אַלע אונדזערע אַקטיוויסטן, באַזונדערס אויפן נייעם יונגען צ. ק. פון דער פּאַרטיי. האָבן זיי מיר געלאָזט פריי טאָן אַלץ, כדי נאָכצושפּיאָנירן אַ יעדערן מיט וועלכן איך בין געשטאַנען אין פאַרבינדונג. אמת, ס׳איז נישט געווען אַזאַ לייכטע מלאכה, ווייל מיין פּאָסטן האָט מיר

געהאַלטן פאַרבונדן מיט פיל באַזוכער פון פאַרשיידענע שיכטן, וואָס פלעגן קומען אין מיין ביורא דערליידיקן זייערע ענינים, אַפילו רבנים. היינט גיי און זיפּ אַלעמען דורך דורך דער געסטאַפּאָ־זיפּ, פון דער נישט איבער־ריק אָרגאַניזירטער ליטווישער געסטאַפּאָ אין אירע ערשטע יאָרן.

דערווייל איז די צייט געלאָפן, אַזוי ביז אַפּריל 1924, ווען דער צ. ק. פון די פּועלי־ציון אין ליטע האָט באַשלאָסן, אַז קאָווגער אָרגאַניזאַציע נעמט אָנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע פון יענעם יאָר 1924. ווער האָט געקאָנט וויסן פאָרויס, אַז ס׳קען קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי, אַפילו מיט מיליטער, וואָס וועט זיך נישט אָפּשטעלן פון רעאַגירן מיט הייסן בליי.

דורך די דינע פעדים פון די פּראָפּאַריינען, וואָס האָבן אונדז פאַר־בונדן מיט די נישט־יידישע אַרבעטער פּאַרטייען, בעיקר מיט דער שטאַר־קער ל. ק. פּ., האָבן מיר באַקומען די פּאַראָלן מיטן פּלאַן פונעם מאַרש־רוט פון דער דעמאָנסטראַציע, די באַשטימטע אויסגאַנגס־פּונקטן און די גענויע צייט פון אַרויסטריט.

אני הקטן האָב דעמאָלט פאַרענדיקט מיין לערנען און געדאַרפט דורכ־מאַכן מיינע לעצטע לערער־עקזאַמענעס, צו קריגן דעם דיפּלאָם.

מיינער אַ שכן, אַן אַלטער אויסגעפּרואוווטער יידישער קאָמוניסט, אַ זעצער, וואָס האָט געוואוסט פון דער דעמאָנסטראַציע, האָט מיר געראָטן נישט אָנטיילנעמען אין איר, ווייל דאָס קען מיר חלילה צעברעכן ס׳לעבן: — „מוזסט דורכמאַכן דיינע עקזאַמענעס און נישט פאַרברענען אַזוי פיל יאָרן לערנען אונטער אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, די פּאַרטיי וועט עס פאַרשטיין און דיר באַפרייען פון אַזאַ פליכט; איך משה מדפיס (משה שוחט) בין גרייט צו גיין זיין דיין מליץ יושר, איך דער אַלטער קאָמו־ניסט וואָס וועט זיכער מאַרשירן אין שפּיץ פונעם צוג“.

איך האָב זיך באַליידיקט פון אַזאַ „קליינבירגערלעכער פּחדנישער“ אַרגומענטאַציע, — היתכן? — „איך דער מיטגליד פון צ.ק. וועל שיקן אַנדערע און אַליין בלייבן אין דער היים? — וואָס פאַלט דיר איין?!“

האָב איך אָנטיילגענומען אין דער דערמאָנטער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שיסעריי, בלוט און מאַסן אַרעסטן. די לינקע

פוע״צ חברים זענען כמעט אַלע געקומען, אַלט און יונג (אַראָפּצורעכענען אַ פּאָר צ. ק.־מיטגלידער). ס'זענען אויך געקומען די פּוע״צ חברים, וואָס האָבן שטודירט צוזאַמען מיט מיר און געדאַרפט דורכמאַכן די זעלבע עקזאַמענס.

יענעם ערשטן מאַי אָוונט, בין איך געלעגן אויף די האַרטע נאַרעס פון דער קאָוונער מיליטערישער תפיסה „אויפן גרינעם באַרג״ צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער ווי איך, יידן און קריסטן, בתוכם דער צ.ק.־מיטגליד פון פּוע״צ אברהם מאַנדל (דערמאָרדעט אין לעטלאַנד), א. ריק, די סטו־דענטין דבורהלע רוטשטיין (די איצטיקע פּרוי פון יידיש־סאָוויעטישן שריי־בער אייזיק פּלאַטנער) און ביילע אַלעקסאַנדער — די פּוע״צ סטודענטן־טורין (איצט אין תל־אביב).

די שטימונג איז ביי אַלעמען געווען אַ געהויבענע, אַפילו ביי די מיט די באַנדאַזשירטע קעפּ און פאַרבלוטיקטע קליידער: אָט האָבן מיר געוויזן, אַז מיט דער נאַהייקע און קריגס־געריכטן, מיט תליות און תפיסות קען מען נישט ליקווידירן די אַרבעטער באַוועגונג.

מ'ר האָבן דעמאָלט „טרוקן״ אָפּגעשניטן. נאָכן אָפּזיצן דריי חדשים אין דער באַרימטער קאָוונער „געלער״ טורמע, האָט מען אונדז באַפרייט, ווייזט אויס, מיטן ציל אונדז נאָכצושפּירן און אויסקוקן אַ ברייטערן שלל, בעיקר, די ניי אַקטיוויזירטע פּוע״צ טוער, נאָכן פריערדיקן פּאָליציי־פּאָגראָם אויף דער פּאַרטיי.

מיין אַרעסט איז זייער נישט געווען צום האַרצן די טוער פון די העכערע יידישע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, ווייל איך, ווי אַ מיטגליד פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און ועד הקהילה, האָט נישט געדאַרפט אַרעסטירט ווערן אין יענע פּאָליטישע אומשטענדן, צו געבן אַ פּתחון פּה די ליטווישע אַנטיסעמיטן, כדי צו פאַרשטאַרקן זייער העצע קעגן דעם גוססן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום, וואָס באַשעפטיקט „מורדי מלכות״, שונאים „פון דער רעגירונג״ אאַ״וו. האָט דעמאָלט גע־דונערט דער „ריטאַס״, דער אָפיציאָז פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי: די פּאָליציי האָט ענדלעך געפּאַקט דעם: „ניע־פּאַפּראַסטאַס פּאַוקשטיס״ *

* די נישט פּשוטע פויגל.

לייבעלע ראַבינאָוויטשאַס, דער כל ולך פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, דער באַלשעוויסטישער ציוניסט"...

פונדעסטוועגן מוז איך מיט שבח צוגעבן, אַז די דעמאָלטיקע לעצ־טע טוער פון די גוססע אויטאָנאָמע מוסדות, אָן חילוק פון פּאַרטייאישער שייכות, האָבן מיר געגעבן די נויטיקע הילף, און נאָך דער באַפרייאונג, בעת כ'האָב זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט, איז חלילה מיין אָנזען, און די באַציאונגען כלפּי מיר נישט געפאַלן, נאָר להיפך...

איך האָב געוואוסט, אַז לאַנג וועל איך שוין נישט געניסן פון דער „פרייהייט", ווי איך האָב געוואוסט, אַז איך מוז זיך שטרענג היטן נישט צו באַגעגענען אָפן מיט מיינע פּאַרטיי־חברים, פלעגן מיר זיך „צופעליק" טרעפן אין די קאָרידאָרן פון יידישן מיניסטעריום, אין נאַצ. ראַט, אין אוניווערזיטעט, אָדער יידישן שפּיטאָל, מיט וועלכן איך בין געווען פאַר־בונדן דורך מיין אַמט ווי דער „סעקרעטאַר פון סאַניטאַר־מעדיצינישן אַמט".

כ'האָב זיך צוריק הונגעריק געוואָרפן צו מיינע ביכער, און זיך געגרייט צו די רעגירונגס־עקזאַמענעס פאַר לערער, וואָס פלעגן פאָרקומען יעדער יאָר אין האַרבסט חודש, פאַר די יעניקע סטודענטן און סעמינאַריסטן, וואָס פלעגן מחמת באַגרינדעטע סיבות נישט קענען עקזאַמינירט ווערן אין די לערן־אנשטאַלטן וואו זיי האָבן שטודירט. וועגן דעם האָט שוין געזאָרגט ד"ר שמואל לעווין ז"ל און מיין ליטווישע לערערין, אַ געוויסע ס. ר. טורין, וואָס האָט דעמאָלט אַליין געדאַרפט ענדיקן איר שטודיום (געשיכטע) אין ליטווישן אוניווערזיטעט.

סוף סעפּטעמבער 1924 האָב איך געלונגען דורכגעמאַכט אַלע פּרו־וואונגען בכתב און בעל פה, און אַ גליקלעכער זיך געלייגט שלאָפן. פאַר־טאָג, האָט מיר אויפגעריסן פון שלאָף אַ דונערן אין טיר, מזל־טוב! די זשוואַלגיבע איז ווידער דאָ, נישט געפונען קיין פּאַסיקערע צייט מיר צו באַזוכן, ווי 4 פאַרטאָג, אויפצוואַועקן און איבערשרעקן אַלע שכנים פון הויז, און באַלד נאָך די עקזאַמענעס, ווען איך בין געווען טויט מיד.

די רעוויזיע איז געווען אַ קורצע: מען האָט פאַרנומען דאָס מינדסט פּאַפּירל, וואָס האָט זיך געפונען אין מיין צימער, אַריינגעוואָרפן אין אַ

זעקל, פאַרבונדן, מיטגענומען דעם שלל צוזאַמען מיט מיר און אַוועקגע־פירט אין די באַקאַנטע אינקוויזיציע־קאַמערן פון דער זשוואלגיבע אויף „מישקו" גאַס (וואַלד־גאַס) וואו ס'האָבן גרענעצלאָז געהערשט אַ כנופיה ליטווישע געסטאַפּיסטן־סאַדיסטן, בראש פון וועלכע ס'זענען געשטאַנען צוויי באַרימטע צוויפיסיקע חיות ראַטשיס און ספּירידאָנאָוו.

פּערזענלעך האָט מיר דעמאָלט גאָרנישט געקימערט. כ'בין געווען צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז אין וועל זיך דאָ צוריקקערן. ס'וואָלט געווען מער ווי אַ „נס", אַז די זשוואָלאַגיבע זאָל נאָכן ערשטן מאַי אַרעסט נישט האָבן אויסגעפּאַרשט מיין עבר, און נישט דערגאַנגען, אַז מיין פּאַס איז גאָר אויפן נאָמען פון אַ יידן, וואָס האָט אַמאָל געלעבט אין דער שטעטעלע זשאַגער אויף דער לעטישער גרענעץ, וואו ס'זיצן איצט אין פּחד עטלעכע טייערע פּוע"צ מענטשן מומחים אויף פּעסער פּאַר פּאָליטישע נצרכים. מומחים אויף ליטעראַטור־עקספּעדיציע איבער די גרענעצן וכדומה. דעם אמת געזאָגט, האָט מיר אַמפּיינלעכסטן באַאומרואיקט דער גורל פון איי־נער פון זיי, אַן עלטערע נייטאָרין רחל ברענער, אַ זעלטן טרייע פּוע"צ טוערין, אַ אידעאַליסטקע, וואָס האָט מיט איר נאָדל באַשפּייזט אַ משפּחה מיט אַלטע קראַנקע עלטערן — און דאָך געפונען צייט פאַר אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט. כ'געדענק ווי איך האָב אויף מיין נאָזטיכל אָנגעשריבן מיט אַ בלייער בס"ה צוויי ווערטער — „ראַטעוועט רחלען". דאָס טיכל געלאָזט אין טואַלעט־צימער, וואו מען פלעגט אונדז פירן אונטער אַ שמירה ביז צו דער טיר, פון דאָרטן, פון צווישן די שמוציקע פּאַפּירן, פלעגט איי־נער אַ פּאַרטרויאונגס־מענטש פון ל.ק.פּ. וואָס פלעגט זיך ווי אַן „אייגע־נער" אַרומדרייען צווישן די שפּיצלען; ער איז מכלומרשט געווען אַ מיט־גליד אין דער ליטוויש־פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע („געלעזשינאַ־וויל־קאַס") דער „אייזערנער וואָלף", איבערנעמען די „פּאָסט", אָפּגעבן וואו מען באַדאַרף, און אָפּט צוריקברענגען נויטיקע ידיעות. נישט וויכטיק ווי אַזוי מיין טיכל איז דערגאַנגען צו די חברים, צו דער צייט, וואָס האָט געהאָלפן די ח"ח אין זשאַגער אויסמיידן אַ קאַטאַסטראָפע לויטן רעצעפּט, וואָס לייענט זיך: „כסף וזהב מטהר ממזרים".

נאָך אַ וואָך פּיזישע חקירות האָט מען מיר אַ שווער צעשלאָ־

געגעם צוריק געבראַכט אין דער „געלער" טורמע. און אויף מיין „וויזיט־קאַרטל" אַריינגעשטעקט אין טיר טאָוול אידענטיפיצירט מיין „יחוס" — „פוע"צ — ב. ק." (פועלי־ציון — באָלשעוויק־קאָמוניסט) נישט מער, און נישט ווייניקער.

אַזוי ווי כ׳וועל נאָך דערציילן וועגן די „ליטווישע תפיסות" פון יענער צייט, גיי איך איבער צום סוף פונעם קאַפּיטל און נעמלעך:

אין אַ ביטער קאַלטן נאָוועמבער פרימאָרגן, האָט מען מיר „פאַר־בעטן" אויף אַ „ביער" אויספאָרשונג, דאָס מאָל אין פּראָקוראָטור פון קאָוונע. מען האָט מיר געקייטלט די הענט און איבערגעגעבן 2 זשאַנדאַרן, וואָס האָבן מ׳יר אַ ציטערדיקן פון קעלט (כ׳האָב נאָך נישט באַקומען קיין ווינטער־מאַנטל!) געפירט צופוס איבער די גאַסן פון קאָוונע (מיט דער כוונה מיר אויך מבזה צו זיין), ביז מען האָט מיר געבראַכט צום פּראָקו־ראָר, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ בנין אין צענטער פון שטאָט אויף דער „לייסוועס־אַלייע" („לייסוועס" מיינט, פרייהייט...).

דער קאַבינעט פון פּראָקוראָר איז געווען גרויס, רחבותדיק, ליכטיק, בעיקר וואַרעם אָנגעהייצט. ביי אַ שווערן גרויסן שרייבטיש באַלייגט מיט פּאַפּירן און מיט בערג אַקטן־טעקעס, איז געזעסן אַ יונגער מאַן מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, פאַרטאָן אין לייענען אַ דאָקומענט. נישט אָפּצורייסן די אויגן פון פּאַפּיר, האָט ער באַפוילן די באַגלייטער באַפרייען מיינע הענט, און זיך זעצן וואַרטן אויף יענער זייט טיר.

אַז דער פּראָקוראָר האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָבן מיר זיך אָנגעקוקט און איבערגעלעבט אַ טיפע דערשיטערונג און איבעראַשונג. ער, דער שליט, און איך זיין געפאַנגענער, דער יונגער פּראָקוראָר איז נישט געווען קיין אַנדערער, ווי מיין קינדער־חבר אַנדריי, דער זון פון סובאַל־קער זשאַנדאַרמעריע־פּאָלקאָווניק. ער האָט מיר דערקענט מיט אַ רגע פריער, ווייל דעם ערשטן „האַ" האָט ער אויסגערופן... און אפשר האָט ער שוין לחתחילה געוואוסט פון די זשוואַלגיבע ידיעות, ווער איך בין? ווער ווייסט... אָן ווערטער איז ער אויפגעשטאַנען און מיט אַ ציטערדיקער האַנט מ׳יר אַריינגעשטופּט אַ ציגאַרעט אין מויל...

— דאַ, דאַ, שימקאַ, אי װסטרעטיליס — יאַ, יאַ, מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָבן מיר —

— דאַ, דאַ, „האָבן מיר זיך באַגעגנט" — האָט ער איבערגעחזרט.

כ׳בין מיך מודה, אַז כ׳בין געװען אַזױ צעטומלט פון איבעראַשונג, אַז כ׳האָב קוים פאַרשטאַנען, װאָס ער האָט געזאָגט, און װאָס ער האָט שפּעטער גערעדט צו מיר. כ׳האָב זיך נאָר געכאַפּט, אַז ער שיקט מיך איצט צוריק אין טורמע, און אַז בקרוב, װעלן מיר זיך װידער זען, אלא װי דאָס לעבן איז מיר ליב: „האַלט די צונג! — דו קענסט מיר נישט, געדענק, ס׳גײט דיר אין דײן גורל און צוקונפט, אויף װידערזען, שימקאַ".

װי די באַגעגעניש זאָל נישט קלינגען פאַנטאַסטיש, איז זי פאָרגע־קומען יענעם קאַלטן הארבסטיקן פרימאָרגן, און נאָכדעם װי מען האָט מיר צוריק אַרײַנגעשטופּט אין דער תפיסה־צעל, האָב איך אינאַגנצן געפיבערט, װי אין אַ שיקל־פראָסט. מײַנע פרײַנט האָבן געמײנט, אַז מען האָט מיר געשלאָגן, װײַל כ׳האָב געפיבערט, נישט גערעדט, װי כ׳װאָלט פאַרלוירן ס׳לשון. אַזױ ביז אַ האַלבע נאַכט, ביז איך בין שװער אײַנגעשלאָפן אויף דער תפיסה־נאַרע און ערשט נאָכדעם צו זיך געקומען, און צוריק באַקומען מײַן אויסערלעכן גלײַכגעװיכט טראַגנדיק אין זיך אומרו.

אַ קורצע צײַט שפּעטער, דוכט מיר אין אַ װאָך אַרום, בײַם אָװנט אפּעל, האָט מען מיר געמאָלדן, אַז מאָרגן פרי פירט מען מיר אין געריכט. מײַנע מיטזיצער האָבן זיך געװאונדערט, װי קען עס געמאָלט זײַן? אַזױ גיך צום געריכט, נישט אָפּצוזיצן אַ סך חדשים, נישט דורכצומאַכן מי יודע װיפל אויפאַרשונגען?

װידער אַ שװערע אומרואיקע שלאָפלאָזע נאַכט, װער װײסט? טאָ־מער פאַלט אויף מיר אַ חשד בײַ מײַנע מיטזיצער, אַז עמעצער פון די „ציעניסטן" (לויטן יעװסעקישן לשון) טוען עפּעס לטובת מיר הינטער מײַנע פּלײצעס, אָן מײַן װיסן? װאָרום װען איך זאָל אפילו דערצײלן װעגן מײַן פאַנטאַסטישער באַגעגעניש מיט מײַן אַמאָליקן קינדער־פרײַנט אַב־דרײ, װאָס פאַרנעמט איצט אַזאַ הויכע פּאָזיציע אין ליטע, װאָלט עס גע־קלונגען װי אַ באָװע־מעשה, באַזונדערס בײַ מענטשן, װאָס זיצן פאַר־שפּאַרט אין טורמע לאַנגע טערמינען, געליטענע, פאַרביטערטע; אַ יעדע־

רער מיט אַ ווערעמל אין מוח, וואָס נאָגט, נאָגט און עגבערט... מענטשן מיט פאַנאַטישע חשדים צו יעדערן נישט פון זייער פּאַרטיי, נישט פון זייער סביבה און שניט, אַ פּשיטא מיט אַזאַ „ווילדער" אָנשויאונג ווי ציוניזם סאָציאַליזם, און ווי כ'פלעג נישט באַשטיין און הייס פּאַרטיידיקן מיינע אָנשויאונגען; ווי כ'פּלעג נישט אַנאַליזירן און צעקייען די באָראָכאָוויסטישע תורה, איז דער דערפאַלג געווען געגוג ווייט פון מיר, ווער רעדט נאָך, אין דער געדעמפּטער צערייצטער אַטמאָספער און אַנטי־ציוניסטישער העצע, וואָס די פּאָר יידסעקן האָבן געפירט אין תפיסה־צעל. ס'זאָל זיך עפּעס פון מיינע רייד נישט צוקלעפּן צו די נישט־יידישע קאָמוניסטן, די נישט־יידן, וואָס האָבן זיך זייער אינטערעסירט אין מיינע רייד וואָס איז פאַר זיי געווען כולו חידושים.

כ'האָב קוים דערלעבט דעם מאָרגן, בעת מען האָט מיר אַרויסגערופן: באַפוילן זיך אַרומראַזירן און ברענגען אין אָרדענונג מיינע „קליידער". נאָכהער האָט מען מיר ווידער געקייטלט די הענט און אַוועקגעפירט אין פרידנס־געריכט, וואו כ'האָב אַ שפּאָרע צייט געוואַרט אין אַ טוכלען קאַלטן קאָרידאָר, ביז מען האָט מיר געבראַכט פאַרן שופט — אַ ברייטער, אַפּאַטישער עלטערער מענטש, מיט אַ געלבלעכן פּנים, מיט אויגן־זעקעלעך, וואָס האָט מיר מעלאַנכאָליש אָנגעקוקט, אויסגעפרעגט כלערליי רוטינערע פּערזענלעכע פּרטים, בעיקר וועגן מיין נאָמען, דעם פאָטערס נאָמען, וועגן עלטער, געבורטס־אָרט, פאַך, ביז, ביז ער איז געקומען צו מיין פּאַס...

כ'קען נישט זאָגן, אַז איך בין אינערלעך געווען רואיק, אויסצוהערן פראַגן וועגן מיין נאָמען און פּאַס, כאָטש כ'בין זינלעך שטענדיק געווען גרייט אויף אַ חקירה און קאַטאַסטראָפע, אין שייכות מיטן פרעמדן נאָמען, עלטער און דאָקומענטן, וואָס איך האָב באַנוצט אין קאָוונע.

כ'בין געווען פולשטענדיק גרייט אויף יעדער שטראָף, צו דערשטיקן מיין אומרו און זאָרג פאַר מיינע נאָענטע חברים, זיי זאָלן נישט אַריינגעפּלאָנטערט ווערן אין דער זעלבער צרה. כ'האָב אויך געזאָרגט פאַר מיין פּרעסטיזש און כבוד, כלפּי די מענטשן און סביבה אויסער מיין פּאַרטיי, וואָס קענען מיר פאַראורטיילן הלמאַי, כ'האָב זיי גענאַרט און אויס־

באַהאַלטן דעם נישט באַקוועמען „סוד" פון מיין פרעמדן נאָמען, אָט די גוטע פריינט מיינע, וואָס האָבן געהאַט צו מיר גרענעצלאָזן צוטרוי, בעת איך האָב פון זיי אויסבאַהאַלטן מיין אמתן נאָמען... אמת, לויט דער פּאָליטישער מאָראַל און עטיק פון יענער תקופה איז עס נישט געווען קיין חטא, אויב מען האָט עס געטאָן מחמת פּאָליטיש־קאָנספּיראַטיווע טעמים, אָבער, אָבער — — —

— — — נאַטירלעך זענען מיינע תשובות געווען וואַקלדיקע. כ'האָב נישט געקוקט גלייך אין די אויגן דעם עלטערן קרענקלעכן מענטשן מיט די זעקעלעך אונטער די אויגן — דעם געניטן שופט. ווי האָב איך געקאָנט אַנטקעגנשטעלן די דערפאַרונג פון מיינע קנאַפּע 24 יאָרעלעך, קעגן דער דערפאַרונג פון אַ 60־יאָריקן אַקטיוון יוריסט, אַן אַלטן געניטן שופט, וואָס האָט כּלפּי מיינע פריערדיקע אינקוויזיטאָרן, געמאַכט אַ סימפּאַטישן רושם. און מיין מאָראַלישע באַזירונג פון געברויכן דעם פרעמדן פּאַס און נאָמען, האָט דאָ אינגאַנצן געפעלט. דער שופט האָט אַפילו מיט אַ רמז נישט דערמאָנט מיין פּאַרטייאישע אָנגעהעריקייט און פּאָליטישע טעטיקייטן, און אינסטינקטיוו, האָב איך עס אויך פאַרשטאַנען, בעת מען האָט עס נישט דערמאָנט, צו וואָס?

ווייזט אויס, אַז מ'יין יונגקייט און געוואַגטקייט, האָט ביים אַלטן פּאַרטשעפּעט עפּעס אַ פּאַטערלעך פינטעלע, דערפאַר האָט ער אָפּגעהאַקט די חקירה, און אָן צערעמאָניעס געבעטן דעם אָנקלאָגער אַוועקלייגן זיינע פּאַפּירן, וואָס ער האָט צוגעגרייט אַרויסצולייענען פון זיי זיין תוכחה, און ער האָט זיך אָנגערופן צו מיר בזה הלשון:

יונגערמאַן! שפּיל נישט קיין טיפּש — „ניע וואַליאַי דוראַקאַ", (דערמאָלט האָט מען נאָך גערעדט רוסיש) און זיי זיך מודה, אַז דו האָסט געברויכט אַ פרעמדן נאָמען מיט פרעמדע דאָקומענטן. דיין נאָמען איז אַזוי און אַזוי, ביסט געבוירטיק פון סובאַלקי, און אויב דו ווילסט, קען איך דיר אויסרעכענען די נעמען פון דיין גאַנצער משפּחה, וואָס לעבן און וואוינען דאָהי אין סערייי, אין קאָוונע, אין אָליטע און אין דיין היימשטאָט וואָס איז איצט אָקופּירט דורך די ליאַנקאָס (פּאָליאַקן)... כ'האָב נישט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, אָדער אָפּפרעגן, ווי דער שופט, האָט מיט זיין

אַפּאַטישן קול ממשיך געווען, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין: „איך בין נאָר אַ פּרידנס־ריכטער, און פאַרמשפּט דיר מ'יט צוויי חדשים תפיסה פאַרן געברויכן אַ פרעמדען פּאַס און נאָמען. מיט די איבעריקע פּאָליטישע חטאים, וואָס דער אָנקלאָגער האָט דאָ געבראַכט, וועט זיך פאַרנעמען אַן אַנדערע פּאַסיקע אינסטאַנץ". צו מיין באַגלייטער האָט ער מיט אַ געגעץ מיט דער זעלבער מאָנאָטאָנקייט און אַפּאַטיע געזאָגט: — „פירט אים אַרויס".

אין מיין תפיסה־קאַמער האָט מען דעם פּסק דין אויפגענומען גלייכ־גילטיק, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווייל אַלע האָבן פון זייער ביי־טערן נסיון „געוואוסט", אַז די צוויי חדשים תפיסה, איז נאָר אַן „אינ־טערמעצאָ", די אמתע שפּיל וועט נאָך קומען.

איך האָב משלים געווען מיטן מצב, ווייטער צו טראָגן אין באַוואוסט־זיין די זאָרג פאַר מ'יינע נאָענטע חברים. אָבער אַז עס זענען אַוועק עט־לעכע וואָכן און די צייטונגען האָבן נישט דערמאָנט ווייטערדיקע אַרעסטן פון פּועלי־ציוניסטן, האָב איך זיך ביסלעכווייז באַרואיקט און גאָר גע־זאָרגט פאַר דער פאַרטיי־אַרבעט. אַזוי זענען אַוועק די צוויי חדשים, ביז מען האָט מיר ווידער געמאָלדן: —„זיך אַרומראַזירן, זיך צוגרייטן, ברענ־גען אין אָרדענונג די קליידער" — און זיין גרייט מאָרגן אויף אַ נייעם „שפּאַציר".

* * *

מען האָט מיר נאָכאַמאָל געבראַכט אין גרויסן ליכטיקן קאַבינעט פון פּראָקוראָר.

אַנדריי איז געזעסן מכלומרשט אָפיציעל, קאַלט, שטייף מיטן ציגאַ־רעט אין מויל. ער האָט לכתחילה געשוויגן, נאָכהער געפרעגט מיינע באַ־גלייטער:

—„וואָס האָט איר אים געבראַכט צו מיר?"

האָט איינער געענטפערט: — „לויטן באַפעל פון דעם תפיסה־די־רעקטאָר, אויף אַ ווייטערדיקער אויספאָרשונג; נאָכן אָפּקומען די שטראָף פון צוויי חדשים אַרעסט, נאָר פאַרן געברויכן אַ פרעמדן נאָמען און פּאַס".

— „איז וואָס האָט עס צו מיר? וואָס אויספאָרשן?״, האָט ער בייז געפרעגט.

— „צו אייער באַפעל, פראָקוראָר״!

— „צו מיין באַפעל? אָן שום דאָקומענטן, אָן זיין טעקע מיט די אַקטן, וואָס בין איך אַ פּאָליציאַנט, בין איך, וואָס? אָפּגעזעסן, זאָל ער גיין! גיי, וואָס קוקסטו, וואָס? — אַ־ור־ע־ק פון מיינע אויגן, — „פּ ר אָ־וו אַ ל י וו אַ י״, האָט ער אַ דונער געטאָן אויף רוסיש מיט זיין באַס, — „אַ ר ר ו ־ י ס״ — — — —

בעתביידע וועכטער מיינע זענען שטייף געשטאַנען אויסגעצויגן, צעטומלטע אין אַכטונג־פּאָזיציע, האָב איך אינסטינקטיוו געכאַפּט דאָס היטל און אַנטרונען פון זיין קאַבינעט אַרויס.

ווי אַ בליץ בין איך אַרויסגעפלויגן אין דער רוישיקער „לייסוועס־אַלייע״, זיך אַריינגעכאַפּט אין ערשטן בעסטן וואַגאָן פון דער פולער פערדן־קאָנקע און אַזוי אַריינגעפאַלן צו דער פּאַרטיי־חברטע, די סטו־דענטין מאַשאַ, וואָס האָט געוואוינט אין אַ קליינטשיק צימערל, ערגעץ אויף דער גרויס־ווילנער גאַס.

יאָ, אין דער קאָנקע האָב איך זיך שיעור נישט פאַרפּלאָנטערט אין אַ נייער צרה. כ׳האָב נישט געהאַט קיין פּרוטה צו באַצאָלן פאַרן פאָרן. און דאָס האָט פאַר מיר געטאָן אַ ייד אָן אַ פאַרוואָס, מיר נישט קענענדיק, ווייזט אויס, אַז מיין פּנים, מיינע אויגן און הילוך האָבן אים אַלאַרמירט: — אָט מוזסטו העלפן אַ מענטשן בסך הכל מיט עטלעכע פּרוטות — — — — ווי דאַנקבאַר איך בין אים דעמאָלט געווען!

פאַרנאַכט, ווען די באַוועגונג איז געווען גרויס אין גאַס, האָב איך זיך פאַרקליבן אין יידישן קינדער־שפּיטאָל אויפן גריגעם באַרג, וואו כ׳האָב געפונען שוץ און באַהעלטעניש אינעם צימערל פון דער שוועסטער, די האַרציקע געניאַ פּילניק (היינט אין תל־אביב) און אונטער די אהבת יש־ראל פליגל פונעם אָרדינאַטאָר פון שפּיטאָל, מיין לערער און פריינד ד״ר לאַזאַר פינקלשטיין ז״ל, וואָס איז ווי אַ קדוש אומגעקומען אין געטאָ ווילנע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיין אינסטינקט האָט מיר נישט אָפּגענאַרט מיטן נישט לויפן אין

מ י י ן היים, אָדער אַנדערשוואו אין אַ באַהעלטעניש, וואָרום דעם זעלבן פּאַרנאַכט האָט די זשוואלגיבע אַרומגערינגלט דאָס הויז, וואו איך האָב געוואוינט. זיי האָבן מיר געזוכט ביי אַלע שכנים און מלא רציחה אַוועק מיט ליידיקן נאָכן דעמאָלירן מיינע פּאָר „מעבל־שטיק״, אַראָפּרייסן די טאַפּעטן פון די ווענט, צערייסן דאָס בעטגעוואַנט און מאַכן אַ תל פון מיין קליינער ביכער־זאַמלונג.

ד״ר פינקלשטיין האָט נאָך דעם זעלבן אָוונט מאָביליזירט מיינע גוטע פריינט, בתוכם דעם זעלטענעם מענטשן־פריינט י. ראָזאָווסקי, דעמאָלט דירעקטאָר פון „האַיאַס״ (איצט אין ניו־יאָרק), ד״ר מענדל סודאַרסקי, נאַטירלעך צוזאַמען מיט די פּאָר פאַרבליבענע ל ע ג אַ ל ע פּאַרטייחברים, און מיינע מיטאַרבעטער פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום, — דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געהאַט גוטע פאַרבינדונגען אין „הויכע פענצטער״. מען האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, אויסגענוצט אַלע פּראָטעקציעס אין דער פּאָליציי און — — — וואו מען האָט געקאָנט און געדאַרפט „צוגעשמירט״ ביז מען איז דורכגעקומען מיר געבן, אַזאַ פּאַפּירל במקום אַ פּאַס, וואָס הייסט „סאַף־קונדי״ איך זאָל וואָס גיכער פאַרשווינדן פון ליטע, נישט וויכטיק וואו, אין וועלכן לאַנד.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער, בעת מיינער אַ שליחות אין די פּאַריי־ניקטע שטאַטן זומער 1949, האָט מיר דער פריינט ד״ר סודאַרסקי מגלה געווען אַ „סוד״, אַז צו זיין שטוינען האָט מיר פּאַקטיש געראַטעוועט פון אַ סך פּיין און צרות, פון לאַנגע תפיסה־יאָרן נישט קיין אַנדערער. ווי זיינער אַ קליענט, דער פּראָקוראָר אַנדריי וו. — — —, וואָס האָט אים פאַרטרויט, אַז ער האָט אַ באַזונדערן אינטערעס איך זאָל, וואָס גיכער פאַרשווינדן פון ליטע... אַנדריי האָט אויסגענוצט אַ יורידיש־ביוראָקראַטישע פאַרנאַכלעסיקונג פון דער זשוואלגיבע, וואָס איז געווען אין אַן אַנטאַגאָניזם מיט דער פּאָליציי, באשר מען האָט אים צוזאַמען מיט מיר נישט צוגעשטעלט די „נייע״ באַשולדיקונגס־אַקטן, וואָס האָבן געזאָלט זיין פאַרטיק כדת וכדין, איידער איך האָב פאַרענדיקט די שטראָף פון פרידנס־געריכט. די דאָזיקע „פּאַפּירן״ זענען אָנגעקומען אין זיין ביוראָ

בחפזונדיק ערשט מיט עטלעכע שעה שפעטער, שוין נאָכדעם ווי ער האָט מיר „געזעצלעך אַרויסגעטריבן״ פון זיין קאַבינעט, ווי געזאָגט, נישט צו האָבן די מינדסטע פאָרמעלע אסמכתא מיר צו פאַרהאַלטן...

האָב איך בתשובה אויפגעקלערט מיין אַלטן ליבן פריינט מענדל סודאַרסקי, די „מיסטעריע״, אים דערציילט אַלץ; אָנגעהויבן פון דער מעשה מיט דער לאָדונג זאַלץ אין שמעקעדיקן עפּל־סאָד פון אַלטע פּענ־סיאָנירטן גענעראַל אין מיין געוועזענער אַמאַליקער פאַרברענטער היים אין 1910. אַנדריי האָט ווייזט אויס געדענקט, ווי איך האָב אים דעמאָלט נישט „פאַרשאָטן״, און נאַטירלעך האָבן דאָ אויך געווירקט פאַרבאָרגענע נאָסטאַלגישע סענטימענטן פון אָן אַלטער, גליקלעכער קינדער־פריינט־שאַפט, וואָס לאָזט זיך נישט אויסראַדירן פון מענטשלעכן זכרון און נשמה. מיטן לאָזן מיר „פאַרשווינדן״ האָט ער בעיקר אויסגעגלייכט אונ־דזער „זאַלץ״־חשבון, וואָס איז נישט געווען באַלאַנסירט גאַנצע פערצן יאָר צייט.

אין אַ פּראַקטיקן דעצעמבער באַגינען האָב איך זיך געלאָזט איבער דער גרענעץ קיין דייטשלאַנד אין וועג קיין ארץ־ישראל, און מיין עליה איז אויך ווערט צו ווערן באַזונדער באַשריבן.

דאָס היטל

עס ווילט זיך דערציילן אַ געשיכטע פון יאָר 1911, בעת מיר האָבן נאָך געלעבט אין טיפן פרידן אונטער דער מאַכט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן אין אַ ווייטער גרענעץ־שטאָט (סובאַלק).

מיר האָבן געלעבט אין דער „וועלט פון נעכטן", און ווי נישט איז אויסגעהאַלטן אָן די אַטאָמישע, הידראָגענישע און מאָלעקולאַרער ענער־גיע, מיר האָבן געלעבט אָן דער אימה פאַר ראַדיאָ־אַקטיווער אויסשטראַ־לונג; מיר האָבן דאָך דעמאָלט געלעבט אין „ווילדן מיטלאַלטער", נישט היינט, אין דער תקופה פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע, סאַטעליטן און באַליס־טישע ראַקעטן.

מיר האָבן דעמאָלט ווי נישט איז אויסגעהאַלטן אָן אַ לופט־קאָמוני־קאַציע, אַפילו אָן אויטאָמאָבילן און באַנוצט די אייזנבאַן, קאָטשן, דראָזש־קעס מיט בוידן, געטריבענע פון נאַטירלעכע פערד־קראַפט...

מיר האָבן דעמאָלט געלעבט אין שוואַרץ־מאהדיקן צאַרישן רעזשים, און געחלומט פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג און וועגן — — — אַ יידישער מלוכה.

אמת, די סאָציאַליסטישע אָרדענונג האָט אונדז דעמאָלט אויסגעזען רעאַלער און נאָענטער פון פאַרווירקלעכונג ווי אַ „יידישע מלוכה", אָבער, דער „יידישע מלוכה" חלום איז געווען אַזוי נאָענט־אינטים ביז ווייטיק, ביז אָנצוטאַפּן מיט די הענט.

דער „ותחזנו עינינו בשובך לציון", וואָס מיר פלעגן איבערחזרן עט־לעכע מאָל אַ טאָג איז געווען גלויבן, רעליגיע, יידישער יש, וואָס איז געפלאָסן אין דיינע אָדערן צוזאַמען מיט דיין בלוט.

יידישקייט האָט דעמאָלט, ביי „עמך", געזוכט אויסדרוק אין יידישן וויסן, אינעם קענען דעם עבר וואו מען האָט צוזאַמען מיט ליידן געפונען טרייסט. ווער ס'האָט די טרייסט געפונען אין סידור און קלויז, אין חדר,

אין דער ישיבה, ווער אינעם אויפגייענדיקן נאָך פאַרנעפלטן, אויסגע־חלומטן ציוניזם, און שטודירן יידישע געשיכטע, יידישע און העברעאישע ליטעראַטור; ווער ס'האָט געזוכט אין אַלטע היסטאָרישע מקורות צו גרויסן, פאַרגעטערן און פאַרהייליקן די אַלטע יידישע וואָרט־מייסטערס צי פייטנים און נביאים צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע גאונים און „עסקנים", די גייסטיקע געשטאַלטער פון אונדזער פאָלק. ווער ס'האָט עס געזוכט אין די נייע אויפגייענדיקע ליטעראַרישע און גייסטיקע סאָציאַלע ווי נאַציאָ־נאַלע קוואַלן פון די אויפגייענדיקע נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען אין יידישן לעבן — די פאַרטייען.

נאָך אַלעמען האָבן דאָך אַלע צוזאַמען, אַלע יידן אין „רוסלאַנד, ליטע און פוילן", פּרעציזער: — ס'רוב יידן, געלעבט אין אַזאַ גאַרנישט דמיו־נותדיקער אינטימער, נישט געזעענער „יידישער מלוכה" מיט איר אייגע־נעם קאָדעקס, שפּראַך און שטייגער, מיט אירע אייגענע זיטן און מנהגים, נישט געקוקט אויף דעם אָנוואוקס פון דער קלאַסן־דיפערענצירונג, אין די פוס־טריט פונעם אויפגייענדיקן קאַפּיטאַליזם. נאָר ווייניקע פון מיין שטאַנד זענען אַוועק פון שורש, אינגאַנצן דערטרונקען צו ווערן אינעם ים פון אַסימילאַציע, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין יידישן לעבן פון אונדזער סביבה מיט דער „השכלה"־לוסט.

ווי שווער ס'איז נישט געלעגן די אייזערנע צאַרישע פויסט אויפן יידישן לעבן, האָט די צאַרישע מאַכט ס'יידיש וואָרט נישט פאַרברענט. דאָס בוך געדרוקט מיט מרובעדיקע אותיות נישט פאַרוועררט; די יידישע שרייבער נישט דערמאָרדעט. נישט פאַרניכטעט צוזאַמען מיט דער יידי־שער ליטעראַטור און קולטור, וואָס האָט גראָד דעמאָלט אָנגעקוואָלן אין פולע קנאָספּן, גענומען בליען און אויפגיין אינעם דעמאָלטיקן תחום המושב פון רוסלאַנד, אין ליטע און אין פוילן, וואָס זענען נאָך געלעגן אונטער דער מאַכט און רעזשים פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן.

מיין משפחה האָט זיך דעמאָלט אויסגעדוכט, אַז אַזאַ עלף־יאָריקער בחורל ווי איך שטייט אויפן שוועל פון „כפירה"; אַזאַ בחורל איז צופיל וועלטלעך, צופיל אויסגעמישט מיט דער נישט יידישער שכנישער יוגנט, ובכן איז מיין גוטן זיידן געלונגען איבערצורײדן, אָדער איינרײדן מיין

פאַטער, ער זאָל מיר אויפן „זמן" פון 1911 אָפּגעבן אין אַזאַ צוגרייטונגס־קלאַס פון דער שטאָטישער תלמוד תורה, וואו מען לערנט דורכויס תלמוד מיט מפרשים, כדי פון דאָרטן גלייך „אַריינפאַלן" אין אַ ישיבה.

משמעות איז דער דרוק געווען גאָר גרויס אויף מיין פאָטער אַז ער, דער פרייער מענטש פון וועלטלעכן שניט, זאָל איינגיין אויף אַזאַ משונה־דיקן פאָרשלאָג. כאָטש, יאָרן שפּעטער, שוין ווי דער זיידע פון מיין טאָכ־טער, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט נישט געקענט זיין קעגן דער מיינונג, אַז איך דאַרף „איינזאַפּן" אין זיך אַ ביסל ידיעות וועגן יידיש־קייט, לכל הפּחות איין יאָר צייט, אַ זמן.

מיין פאָטער האָט געוואָלט איך זאָל אַ ביסל לערנען תלמוד און זיך באַקענען מיט די אַלטע יידישע מקורות. כ'זאָל לערנען גמרא, ווי כ'לערן העברעאישע ליטעראַטור מיט תנ"ך, און ווי כ'לערן להבדיל, רוסיש מיט דייטש (שפּעטער פראַנצויזיש אנשטאָט דייטש). ער האָט נישט געוואָלט, אַפילו נישט געחלומט מיר צו מאַכן פאַר אַ „רב", אַ פרומאַק, מיטן שיקן לערנען אין גמרא־קלאַס. חלילה! — ער האָט נאָר געוואָלט איך זאָל אין דעם פּרט נישט זיין קיין „עם הארץ". ער האָט נאָר געוואָלט, איך זאָל קענען און וויסן אַן שום רעליגיעזן צוזאַמענהאַנג.

אַנדערש איז געווען מיט מיין שרה־בת־טובימדיקער מוטער. זי איז דעמאָלט געווען די גליקלעכסטע פון אַלע יידישע מאַמעס, דאָס נעמלעכע מיין זיידע, ביידע האָבן שוין געזען, מיר זיצן מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ, אויפן כסא הרבנות פון אַ יידישער שטאָט...

אין דעם פּרט האָט נישט ווייניק געווירקט די פּערזענלעכקייט פונעם רבין פון גמרא־קלאַס, הרב ווייל, אַ שלאַנקער צאַרטער ייד, דורכויס פון סאַמעט, אַן איידעלער, אַ גרוי־גרויאיקע טראַנספּיראַנטע געשטאַלט, וואָס דערמאָנט איצט דעם גרויסן דיכטער ה. לייוויק.

הרב ווייל פלעגט רעדן בלחש, קוים אים צו הערן, ווי ער וואָלט שטענדיק געשטאַנען „שמונה־עשרה". זיין שטים פלעגט ער אויפהויבן נאָר ביים לערנען דעם טעגלעכן שיעור, שטייענדיק ביים בעלעמער מיט ביידע הענט אָנגעלענט אויף אַן אָפענער גמרא, קיינמאָל נישט אַריינקוקנדיק דאָרט בעתן שיעור.

דאָס משונהדיקע איז געווען, וואָס מחמת כבוד און באַזונדערער באַ־ציאונג צו מיין זיידן, דעם „שדכן" צווישן מיר און הרב ווייל, האָט מען מיר נישט „פאַרהערט", ווי ס'פלעגט זיך פירן אין אַזעלכע פאַלן, נאָר באַלד אָנגענומען ווי אַ תלמיד, זיך פאַרלאָזנדיק אויפן וואָרט פון מיין זיידן, וואָס האָט נאַאיוו געגלויבט אין מיינע „גרויסע פעאיקייטן". מען האָט זיך אויך פאַרלאָזן איופן גוטן נאָמען פון מיין פריערדיקן רבין, וואָס האָט געהאַלטן פון מיר „שטאָל און אייזן". מיר גופא האָט מען נישט געפרעגט, גאָרנישט געזאָגט פון פריער, נאָר אַלץ צוגעטראָגן פאַרטיק, באַגלייט מיט אַ „פריקאַז", אַז דעם נייעם זמן, גיי איך אַריבער לערנען תלמוד צום הרב ווייל, און געענקט.

די ידיעה האָט מיר שווער געטראָפן, ווייל כ'האָב געלעבט אין גאָר אַן אַנדער וועלט; אין אַן אַנדער ספערע, צווישן אַנדערע מענטשן, און פאַר אַן אַנדערער דערציאונג. צו זיין באַלעזן ווי אַ „פויק", צו האָבן איי־בערגעלייענט אַ ים וועלטלעכע זשורנאַלן, צייטונגען, ביכלעך מיט ביכער אין העברעאיש, אין יידיש און רוסיש, שוין אָפגערעדט פון טורגעניעוו, קאָראָלענקאָ, טאָלסטאָי, פושקין, לערמאָנטאָוו, דאָסטאָיעווסקי, אָדער פרוג, פרץ סמאָלענסקי, ביאַליק, מענדעלע, שלום עליכם און זשור ווערן. אפילו — — — עמיל זאָלאָ. פאַקטיש האָט דעמאָלט קיינער נישט געלענקט מיין גייסטיקע דערציאונג, קיינעם האָט נישט אינטערעסירט, וואָס איך לייען. אומגעקערט: — מען פלעגט מיר נעמען פאַר אַ ביישפיל; פון איין זייט אַ היציקער שטיפער, פון דער צווייטער זייט, איז דער בחור יעדע פרייע מינוט פאַרזונקען אין לערנען און לייענען.

די שמועסן און וויכוחים אין מיין היים צווישן די אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן, נאָכהער אין די שבת־צו־נאַכטן, ביי אונדזער גרויסן עס־טיש, צווישן מיין פאָטער מיט זיינע ידידים, דערנאָך אין מיין זיידנס „מנין" שבת און יום־טוב, צווישן מנחה און מעריב, און... אין אַ זייטיקן צימער, בעתן לייענען די תורה, — האָט מיר געגעבן נישט ווייניק כאַאָטישע פאַר־שיידנאַרטיקע ידיעות מיט אַ ק ט ו ע ל ן וויסן, וואָס פלעגן אָנצינדן און צעשפּילן מיין פאַנטאַזיע, און צושפּיצן מיין ווילן צו גאָר אַנדערע צילן, ווי לערנען גמרא. איך האָב גאָר געחלומט צו ווערן אַן אַדוואָקאַט, אָדער

אַ שרייבער, אַ „פּאַרטיידיקער פון שוואַכע״, וואָס שטייט און קלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש און שרייט אַ־לאַ־זאָלאַ: — „איך באַשולדיק!״ כ׳פלעג חלומען וועגן לערנען מעדיצין און אַרבעטן אין אונדזער נעבעכדיקן יידישן שפּיטאָל (הקדש) כדי צו העלפן און צו ראַטעווען קראַנקע...

נאַכהער, נאָכן זיך אָנלייענען מיט די ערשטע ציוניסטישע בראָשורן מיט די „וואַסכאַדן״, האָב איך גענומען חלומען וועגן ווערן אַן ערד־אַרבעטער אין ארץ־ישראל, (קיין „החלוץ״ האָט נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט) „וואו געבראָטענע גענדזלעך און קאַטשקעס פליען, און יין צמוקים גיסט זיך אָן אַ מאָס״...

דאָס אַלץ פלעג איך חלומען, בעת מיין פאָטער האָט גאָר געוואָלט, אַז איך, זיין בכור, זאָל זיך גרייטן איבערנעמען זיינע געשעפטן. איך און נישט ער זאָל פאָרן קיין וואַרשע, קיין קעניגסבערג, לאָדזש אָדער קלינצי, איינקויפן די טייערע שטאָפן, קאַראַקולן, ביבערס און גאַגע־פוך, צו באַקליידן די אָפיצירן, זעלנער, צאַרישע באַאַמטע מיט די פריצים פון אונדזער געגנט. איך זאָל פאָרן מיט אים קיין גראָדנע און ווילנע אָנטיילנעמען אין די „טאָרגעס״ צו באַקומען „פּאָדריאַדן״ אויף באַקליידן גאַנצע רעגימענטן פון ניקאָלאַיס אַרמיי. ער, דער פאָטער, וועט פירן די „דיפּלאָמאַטיע״ — און איך זאָל, לכתחילה, נאָר פירן די טעכנישע אַרבעט, די ביכער, די שרייבעריי, די צאָלונגען וכדומה.

כאָטש מיר, אַלס יינגל איז דאָס אַלץ ווייניק אָנגעגאַנגען, האָב איך אָבער געלעבט און געאָטעמט אין דער געשילדערטער אַטמאָספער. ובכן, איז זיך פאָרצושטעלן מיין מעמד. פלוצים, אַריינצופאַלן אין אַ נייער וועלט, שיעור נישט אין אַ ישיבה, צווישן אַ פרומער, באַשרענקטער יוגנט פון הרב ווילס גמרא־קלאַס, על פּי רוב בחורימלעך פון אַרומיקע קליינע שטעטלעך, וואָס פלעגן זיך אויסהאַלטן פון עסן „טעג״ און שלאָפן ערגעץ ביי קרובים, אין בית־מדרש אויף די בענק, בעת אונטער די בענק איז געשטאַנען זייער אָרימער רכוש, אין קעסטלעך און זעקלעך.

ווידער וואו זענען מיינע נישט־יידישע יוגנט־חברים, די שכנישע קינדער פון אַרום? אַפילו מיינע יידישע יוגנט־חברים, זענען אויך געווען

הימל ווייט פון אַ ישיבה, ווי פון יעדער אַנדערער שטרענג רעליגיעזער אַטמאָספער.

איין „קאָנצעסיע" האָט מיין פאָטער געפאָדערט ווי אַ תנאַי אויף זיין הסכמה, מיר צו לאָזן לערנען גמרא: — איך זאָל ווייטער לערנען שפראַכן, ווי כ׳האָב פריער געלערנט אין מאָדערנעם חדר פון מיין רבי לערנער. ער האָט נאָר מוותר געווען אויף דייטש לשון, וואָס כ׳האָב שוין אַ ביסל געקענט. „דייטש", האָט מיין פאָטער געטענהט, „וועט ער קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקן". די שפּראַך איז אונדז נישט פרעמד, מיר וואוינען מיט דייטשישע שכנים, מיר לעבן נאָענט צו דער גרענעץ, מיר האָבן אַפילו „דייטשן" אין דער משפחה, יידישע „דייטשן" פון גאָלדאָפּ און אינסטערבורג, אָט איז די טאַנטע אסתר, זיין שוועגערן אַ „דייטשקע".

מיין פאָטער האָט נאָר נישט געטראַכט, ווי מען מאַכט עס און אַז אין אַזאַ גמרא־קלאַס, זיצט מען אָפּ פון 8 פרי ביז 8־9 אין אָוונט, מחוץ דעם קורצן מיטיק איבעררייס.

אַזוי בין איך געוואָרן אַ „סטודענט" פון „גמראלאָגיע".

אויף וויפיל ס׳געדענקט זיך, בין איך די ערשטע טעג געווען ווי באַטויבט, פון זיצן אין קלאַס, אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל, צווישן פרעמדן עולם יונגוואַרג, וואָס האָט געלערנט און געחזרט דעם שווער גמרא מיט אַ ניגון, בקום רם. ווער ס׳האָט זיך שטאַרק געשאָקלט, ווער ס׳האָט נאָר צוגעברומט ציפּנדיק מיט די נעגל די ערשטע דינינקע בליטן פון דער אויבערשטער ליפּ. ווער ס׳האָט זינגענדיק געדרייט אַ פּאה־לעקל, און ווער ס׳האָט גאָר געביסן די נעגל, בעת — — — הרב ווייל איז זיך געשטאַנען אין מזרח, פאַרן ארון קודש. ער איז געשטאַנען פאַרזונקען אין מחשבות איבער אַן אָפּענער גמרא אויף אַ סטענדער, ווי ס׳וואָלט אים נישט אָנגיין דער גאַנצער אַרום, מחוץ איינמאָל, אַמאָל צוויי מאָל אַ טאָג, ווען ס׳פלעגט ווערן שטיל און ער פלעגט „געבן" דעם שעור.

ווי הרב ווייל האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין לערנען פון זיינע תלמידים, האָבן אים אַלע געפילט. די גאַנצע לופט — אַלץ איז געווען דורכגעזאַפּט מיט זיין אָנוועזנהייט.

ביסלעכווייז האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז דאָ איז גאָרנישט „סטראַש־

נע״, קיינער קוקט זיך אויף מיר נישט אום, און כ׳קען גאָר האַלטן צווישן די גמרא־בלעטער אַ ביכל, אַ זשורנאַל וכדומה, מיט אַן אינהאַלט, וואָס איז געווען ווייטער ווי מזרח פון מערב, פונעם „שור שנגח את הפרה״ וכדומה, — אַ לערע, וואָס איז מיר בשום אופן נישט אַריין אין קאָפּ און אַבסאָלוט נישט אינטערעסירט.

אַזוי בין איך אַרויסגעריסן געוואָרן פון מיין פריערדיקער וועלט און אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער נייער ספערע, וואָס איז מיר געווען ווייט און פרעמד ביז אימה. כ׳בין שטיל געוואָרן, כ׳האָב אויפגעהערט שטיפן, כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע. אַזאַ צושטאַנד האָט געפּרייט דעם זיידנס מיט דער מוטערס צד אין דער משפּחה: — „אָט וואָס פּאַר אַ איבערקערעניש, וואָס פּאַר אַ גוטע און ערנסטע ווירקונג דאָס גמרא־לער־נען האָט אויפן „תכשיט״, בעת מיין פאָטערס צד, האָט מיט חשד אָנגעג־הויבן נאָכשפּירן מיין נייעם גאַנג. אַזוי, ביז איינמאָל אַ ווינטערדיקן שבת נאָכמיטיק, האָט מיר דער פאָטער איינגעלאַדן זיך אַ ביסל דורכגיין מיט אים, און אונטערוועגס, אַרום אַרום, געגומען אויספרעגן, ווי מיר געפעלט דער גמרא־קלאַס, די נייע חברים, הרב ווייל, און ס׳עצם לערנען. ער האָט מיר געפרעגט צי איך בין מרוצה, צי מיר אינטערעסירט די תלמודיסטישע טעמאַטיק וכדומה.

כ׳האָב געשוויגן. ס׳האָט מיר פאַרקלעמט מיין פאַרוואונדעט האַרץ. אַנשטאָט אַ תשובה, האָב איך זיך צעוויינט פאַרן פאָטער, וואָס האָט בדרך כלל געהאַט אַזוי ווייניק צייט זיך צו אינטערעסירן מיטן חינוך פון זיינע בנים, שוין אָפּגערעדט פון פירן אינטימע פאָטערלעכע געשפּרעכן, אַפילו מיט זיין עלטסטן זון, מיט מיר, זיין „בכור״.

מיין פאָטער האָט מיר גענומען אונטערן אָרעם און באַרואיקט. צום ערשטן מאָל האָט ער גערעדט צו מיר ווי צו אַ דערוואַקסענעם, וואָס האָט מיר שטאַרק אימפּאַנירט, זיינע דעמאָלטיקע פּאָר ווערטער זענען מיר גע־בליבן אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג. ער האָט געזאָגט: — „כ׳האַלט נישט פון וויינען, שוואַכע וויינען, אַז מען איז נישט קיין נאַר, קען מען זיך אומעטום אויסגעפינען״.

איך האָב זיך שנעל „אויסגעפונען״. כ׳האָב כמעט ווי אויפגעהערט

זיך אינטערעסירן מיטן „שעור“. כ׳פלעג אָפט אַרויסגיין אין דרויסן, און וואָס ווייטער בלייבן אַלץ לענגער אויף דער פרישער לופט. כ׳האָב צוריק פאַרבונדן די איבערגעריסענע באַציאונגען מיט מיינע יידישע און נישט־יידישע יוגנטלעכע שכנים. כ׳פלעג אַפילו וואָגן שבת נאָכמיטיק נעמען מיינע „קאָנקי“ (ליזשבעס) און גיין אויפן שטאָטישן „קאַטאָק“ (אייז־פעלד) זיך גליטשן, ווי אין די פריערדיקע „גוטע צייטן“.

כ׳האָב גענומען „לעבן אַ טאָג“, אָבער די מערכה מיט אַלץ און אַלע־מען האָבן צעשטערט. אַ פּאָרל פון מיינע קלאַסן־חברים, 2 קליינשטעטל־דיקע בחורימלעך, וואָס האָבן געגעסן „טעג“ ביי אונדזער טיש און ביים זיידן;ביידע האָבן געוואָלט אָדער זיך צוחנפענען צו זייערע „טעג־געבער“ (צוויי מאָל אַ וואָך!), אָדער זיי האָבן זיך מתכוון געווען מיר ראַטעווען פון דער „סטרא אחרא“ און צוריקקערן אויפן „גלייכן וועג“, — פלעגן ביידע צוטראָגן מיין מוטער און מיין באָבען, ווי אַזוי איך פיר זיך אויף אין קלאַס...

אַ פּאָר מאָל האָט מען מיר גענומען אויפן פאַרהער צו ווירקן מיט גוטן און מיט בייזן, איך זאָל אויסבעסערן מיינע גענג, אָבער כ׳בין גע־בליבן ביי דאָס מייניקע. מיין פאָטערס שווייגן און איראָנישע בליקן צו מיין זייט, האָט געשטאַרקט מיין מוט. איך האָב נישט געוואוסט, אַז מיין פאָטער האָט פאַקטיש ווייניק געוואוסט פון מיין אויפפירונג, ער האָט געמיינט, אַז איך זיץ יאָ אויס גאַנצע טעג ביי דער גמרא, נאָר כ׳בין פאַסיוו, און כאַפּ נאָר צייטנווייז אַ „זייטנשפּרונג“. ער האָט געמיינט, אַז עפּעס וועל איך יאָ „נאַשן“ פון תלמוד, אַפילו אָן ווילן. די מערכה מיט מיר אין דער היים האָט געפירט די מוטער מיטן זיידן, כדי צו פאַרשפּאָרן דעם פאָטער עגמת נפש, און נישט צו בלייבן אין זיינע אויגן אומגערעכט, ווייל אין מיין איצטיקן מצב, איז ער ווייט נישט שולדיק געווען.

מען האָט זיך אויך געווענדט צו הרב ווייל, הלמאַי ער האַלט מיר נישט אין די הענט. פלעגט ער ענטפערן, אַז ביי אים לערנט מען נישט איבערגוואַלד, געצוואונגען, קעגן רצון. — „לאָזט דעם יינגל צורו, ער וועט קומען צום שכל און אַרויף אויפן דרך הישר“, אַזוי האָט געטענהט הרב ווייל און מיט מיר גופא נישט פאַרלאָרן קיין וואָרט.

געכטן

ערשט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט יאָ גע־רעדט מיט מיין פאָטער אים אַנצודייטן, אַז „ער זעט נישט פאַר מיר קיין תכלית אין זיין קלאַס", נאָר מיין פאָטער האָט בעת מעשה געוואָלט אויס־מיידן „ליטישע געלעכטער", מיטן אַרויסנעמען מיר פון קלאַס אין מיטן „זמן". בעת מיין מוטער מיטן זיידן, האָבן געוואָלט פאַרשפּאָרן דעם פאָ־טער עגמת נפש, האָט ער דאָס זעלבע געוואָלט פאַרמיידן זיי...

איינמאָל זענען די „טעג־עסער" אַוועק דערציילן הרב ווייל, אַז איך חבר זיך מיט שקצים, און אַז — — — האָט ער זיי איבערגעהאַקט, און מיט זיין שטיל־סאַמעטענעם קול געענטפערט: — „מסירה איז נישט קיין שיינע מידה"... זענען זיי אַוועק פאַרשעמטע מיט אַ שטאַרקער שנאה כלפּי מיר, כאָטש איך פלעג מיט זיי בכלל גאָרנישט האָבן צו טאָן, אַפילו נישט שמועסן ווי מיט אַנדערע תלמידים.

אַזוי איז אַוועק דער ווינטער מיטן פּסח. ס'האָבן זיך אָנגערוקט די ליכטיקע פרילינג־טעג, וואָס האָבן מיר צוריקגעקערט מיין „הומאָר" מיטן גאַנצן מוט. מיין יוגנטלעכער לעבנסלוסט האָט זיך געריסן אין דרויסן. ס'האָט זיך געוואָלט לויפן, פאַרברענגען, שטיפן, זינגען און טומלען, אָפּ־צוטאָן כלערליי שפּיצלעך מיינע גמרא־חברים, וואָס פלעגן זיך פון מיר אָפּקערן, ווי פון אַ זלידנער פליג: „העי, ספירה־טעג, און דאָס ווילדעוועט ווי פּורים, ווי שמחת תורה, גוי, אפּיקורס"...

נאָר די פאַראומערטע אויגן פון הרב ווייל פלעגן מיר צוימען, באַזי־גען, אַרויסרופן געפילן פון חרטה און צוריקקערן אין „דער ראַם". קעגן זיינע גוטע אויגן בין איך געווען מאַכטלאָז. כ'פלעג נישט אַרויס אין דרויסן בעת ער האָט געלייענט דעם שעור, אָבער מיט מיינע אַלע אינערלעכע אָנשטרענגונגען, פלעג איך פאָרט ניט קענען אויסזיצן 8, 9 אָדער 10 שעה אַ טאָג אויף אָן אָרט, איבערצוחזרן, איבערצוקייען יעדער פאַרשטענדלעך וואָרט, אַלץ צעלייגן אויף פּיץ־פּיצלעך, וואָס רש"י זאָגט, וואָס די „תוס־פות" זאָגן, וואָס די „מרשאות" מיינען, ס'איז געווען איבער מיינע קרעפטן, בעת ס'האָט מיר לחלוטין נישט אינטערעסירט.

ס'איז פאַר מיר געווען גענוג צו פאַרשטיין דעם ווערטלעכן טעקסט פון תלמוד, און איך פלעג אַלץ פרעגן און טענהן: — „וואָס וואָלט דאָ

געשטערט ווען מען לערנט צו דעם צו אַ ביסל יידישע געשיכטע, אַ ביסל תנ״ך, „אגדה״ אָדער פון מיין זיידנס באַליבטן „עין יעקב״ וכדומה״? ס׳וואָלט דיר מער אינטערעסירט און צוגעצויגן, אָבער, אנשטאָט דעם פלעגט מען דיר גאָר פאַרגעבן אויסצולערנען גאַנצע זייטן פונעם „שולחן ערוך״ מיט „יורה דעה״.

העברעאישע אָדער „חלילה״ יידישע ליטעראַטור איז געווען טריף־פסול, שוין אָפּגערעדט אַן אַנדער מער וועלטלעכן לימוד פון אומשול־דיקסטן כאַראַקטער, וואָס שטערט נישט די פרומקייט און אינטערעסירט זייער און זייער אַ יונגן בחור.

אַזוי האָט זיך מיין „פרומע״ בילדונג געשלעפּט פון חשוון ביז תמוז, 9 חדשים צייט.

פאַר דער צייט זענען „פאַרדאָרבן״ געוואָרן נאָך אַ פּאָר גמרא־יינגלעך, וואָס האָבן זיך גענומען חברן מיט מיר. ס׳איז געווען נישט אויסצוהאַלטן די שווערע היצן נישט צו גיין איינמאָל אַ טאָג זיך אויסבאָדן, אָפּפרישן אין שטראָמיקן טייך, וואָס איז געווען שטרענג פאַרווערט במשך פון אַ גאַנצער וואָך, ווי עפּעס אַן „עבודה זרה״, מחוץ פּרייטיק נאָכמיטיק, ווען מען פלעגט נישט לערנען.

איינמאָל, אין אַזאַ הייסן פרימאָרגן האָבן מיר, עטלעכע יינגלעך, זיך אַרויסגעגנבעט פון קלאָס און אַוועק זיך טובל זיין אין פרישן טייך וואַסער. האָבן דאָס אויסגעגנוצט די דערמאָנטע קנאים די „טעג־עסער״, וואָס האָבן אַליאַרמירט די עלטערן, „באשר אנשטאָט צו זיצן און לערנען, פאַרברענגען מיר זיך גאָר ביים טייך צו שווימען און ווילדעווען צוזאַמען מיט שקצים און שיקסעס. ס׳איז אַ חילול השם, כפירה, ווער ווייסט אויב נישט שמד״...

גראַדע יענעם טאָג בין איך געווען „אויסער יעדער סכנה״, כ׳האָב נישט מורא געהאַט, מיין פאָטער איז געווען פאַררייזט, מיין זיידע מיט זיינע עלטערע בנים, מיינע פעטערס זענען געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן אויספּאַקן און צונויפשטעלן אַ נייע פּאַרטיע ראָווערן מיט ניי־מאַשינען, וואָס זענען פּאַרטאָג אָנגעקומען פון דייטשלאַנד. איך האָב געהאַט גענוג פאַרשטאַנד, אַ צייט פריער, אָנצושרעקן מיינע ריוואַלן די „טעג־עסער״,

אַז מײנע חברים װעלן זײ די „פּאַטראָנעס" צעברעכן די בײנער און פּאַר־טרײבן פון שטאָט, אױב זײ װעלן װאַגן עפּעס דערצײלן מײן מוטער אָדער דער באָבען װעגן מײנע שפּאַצירן צום טײך". (אגב פלעגט מען בײ אונדז רופן אַזעלכע טעג־עסער „פּאַטראָנעס").

צומאַרגנס האָב איך מיט מײנע פאַרטרױאונגס־חברים אָפּגעהאַלטן אַ „קריגס־ראַט" צו באַשליסן: „גענוג מיט אַזאַ לעבן, מיר פאַרלאָזן תיכף דעם קלאַס מיט די הײמען, מיר װעלן אַנטלױפן אין „קלײנעם װאַלד", פון יענער זײט טײך, װאו ס'זענען פאַראַן לײדיקע מיליטערישע בונקערס מיט גראָבנס. מיר װעלן זיך דאָרטן באַזעצן, שאַפן אַ חברה „גזלנים", װאָס װעט אָנװאַרפן אַן אימה אויף „אַלץ מיט אַלעמען" און געעקט מיטן צרה־דיקן פריערדיקן לעבן".

װי ס'שטײט געשריבן אין די ביכלעך האָבן מיר זיך געגעבן יעדע־רער, אײנער דעם צװײטן אַ „תקיעת כף" מיט אַ שבועה פון אױספירן דאָס באַשלאָסענע, און אַװעק אין „קלײנעם װאַלד". מיר האָבן אױסגעזוכט און אױסגעראַמט אַ לײדיקן בונקער, אָנגעריסן אַ באַרג שמעקעדיקן גראָז מיט מאָן', אױסגעלײגט אױף דער ערד, און אײדער װאָס װען זיך געלאָזט צום טײך זיך טובל זײן צו אָנהױבן געניסן פון דער פרײהײט, פון דעם נײעם „גזלנים"־לעבן.

מיר האָבן זיך געבאָדן אַ פּאָר שעה צײט און דערפילט אַ שאַרפן הונגער, װאָס טוט מען? קײנער האָט נישט געהאַט קײן פּרוטה. גײן עסן אין דער הײם האָט מען זיך געשעמט און מורא געהאַט (דער „תקיעת־כף" מיט דער שבועה!). ס'איז געװאָרן שפּעט נאָך מיטיק. איז מיר אײנגע־פאַלן זיך לאָזן צו אַ קרוב עפּעס „לקחענען" צום עסן. ס'איז מיר געלונגען בשלום קומען „צום ציל", צושלעפּן אַ פײנע שטיק ברויט, און אָנפילן בײדע הױזן קעשענעס מיט נאַסע זױערע אוגערקעס. דאָס איז פאַקטיש געװען דער ערשטער „רױב־אַקט" בײ דער מומע שרה, װאָס איז בעת מעשה געװען פאַרטאָן אין קרעמל, װען איך בין מכלומרשט אַװעק אין קיך טרינקען װאַסער, און אַזױ פאַרשװאונדן מיטן „רױב" נישט צו װערן באַמערקט.

כ'האָב דעם שלל געבראַכט אין בונקער, די שמחה איז געװען גרױס.

מיר האָבן גיך אַלץ פאַרצערט און זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרעמל אין שמע־קעדיקן פרישן גראָז.

ווי האָט געזונגען ביאַליק: „החמה מראש האילנות נסתלקה״ — די זון איז פאַרשוואונדן פון יענער זייט בוימער. ס׳איז געוואָרן טונקל און פייכט, אַ מחנה מאָסקיטן האָבן זיך צעזונגען, אונדז געפרעסן לעבעדי־קערהייט, בעת דער הונגער האָט געפּייניקט פון ס׳ניי מיט מער שאַרפ־קייט. וואָס טוט מען?

האָבן מיר זיך מיישב געווען, זיך לאָזן צו די נאָענטע גערטנער, רייסן גרינע אַרבעס־שויטן, אוגערקעס, רעטעכלעך; אפשר וועט זיך מאַכן קאַר־טאָפל, אָדער אַנדערשוואָס, סוף כל סוף, זענען מיר דאָך גזלנים, זענען מיר!

נאַטירלעך זענען אַליאַרמירט געוואָרן די משפחות פון די פאַרשוואונ־דענע „גמרא־סטודענטן״. ס׳איז ביי זיי געוואָרן אַ שטיקל בהלה, אָט זענען זיי פאַרשוואונדן, די תכשיטים, נישט צו קומען עסן מיטיק, געלאָזט ליגן אָפענע גמרות, נישט געקומען צו מנחה, ס׳איז באַלד נאַכט ואין קול, ואין קשב. זענען די קרובים געלאָפן צוזאַמען מיט „סטודענטן״ זוכן די חברה אין כלערליי ווינקעלעך פון שטאָט, אין די שפּאַציר־גערטנער, לענגאויס דעם טייך, ביי דער „אַרקאַדיאַ״־אַזיערע. מיין מוטער האָט געבראָכן די הענט און פאַרגאָסן טרערן — אפשר אַן אומגליק? — „אפשר איז ער שוין דערטרונקען״? דער זיידע מיט די פעטערס האָבן אויך פאַרלוירן זייער רו, און אַוועק זוכן, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַ שמעק טאָן אין „קליינעם וואַלד״, וואָסערע 10־15 מינוט גאַנג, וואו מיר האָבן זיך באַ־האַלטן.

צוריקגערעדט, וואָלטן זיי אונדז במילא נישט געפונען, ווייל בעת זיי האָבן אונדז געזוכט, האָבן מיר „געראַבעוועט״ אויף די נאָענטע גרינ־צייג־שטחים, ווי ס׳פּאַסט פאַר הונגעריקע גזלנים, ווי מיר זענען.

בקיצור מיר דערנענטערן זיך צום סוף המעשה, וואָס האָט צעשטערט אַלע אונדזערע פּלענער צוליב מיין — — — היטל.

ס׳איז נישט צו וויסן, צי אין אַנדערע מקומות, ווייטער פון אונדזער היים, פלעגן קריסטלעכע „עמך״־ניקעס און פויערים וועלנדיק באַשטראָפן,

אָדער באַליידיקן אַ יידישן יוגנטלעכן, — אַראָפּכאַפּן זיין היטל און מיט איר פאַרשווינדן, אַפילו ווען דאָס היטל איז גאָרנישט ווערט געווען. ביי אונדז יוגנט פון דעמאָלט פלעגט אַזאַ „אקט" קוואַליפיצירט ווערן ווי אַ שווערע „אַנטיסעמיטישע באַליידיקונג", אַזוי אַז מיר פלעגן נישט אָפּשטיין זיך צו פאַרוויקלען אין שווערע געשלעגן.

ובכן, בעת איך בין אַזוי געזעסן אין אַ גרינצייג־גערטנדל, און הונגעריק געקייט זאַפטיקע מייערן, נאָרוואָס אַרויסגעצויגענע פון דער ערד, האָט מען מיר געכאַפּט פון הינטן, פאַרדרייט די הענט, אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל, און מיט אַ פּאָר פוס טריט אין דער הינטערשטער „אַנאַטאָמיע", פאַרטריבן פון „שלאַכטפעלד". בעת אַזאַ מעשה האָב איך אויפגעהויבן אַ געשריי — „גוואַלט, דאָס היטל! — דאָס היטל גיט מיר אָפּ, מיין היטל"!

כ'האָב זיך געוואָרפן מיט די פויסטן און נעגל אויף אַ פעסטן, געזונטן קריסטלעכן אייזנבאַנער, דער אייגנטימער פון דער „באַרויבטער פּלאַנטאַציע".

מיינע געשרייען זענען דערגאַנגען און האָבן אַליאַרמירט מיינע „ברידער־גזלנים", וואָס האָבן „געראַבעוועט" אין דער נאָענט אין אַ שטח פון גרינע אַרבעס־שויטן, די חברה זענען תיכף געקומען צו הילף. בעת עס זענען אויך געקומען צולויפן נאָך קריסטלעכע שכנים פון דער נאָענט. מען האָט אונדז אַרומגערינגלט, גאַנץ פיין „מקבל פּנים" געווען צוגענומען אַלעמענס היטלען און פאַרטריבן, אָבער מיר האָבן זיך באַלד צוריקגעקערט צו אַ באַנייטער „אַטאַקע" מיט שטיינער אין די הענט, נישט אויפגעהערט צו פאָדערן די היטלען, די היטלען...

די פולע לבנה פון אויבן האָט אַלץ צוגעזען און געשוויגן, אַפילו ווען מען האָט אויף אונדז, ווי אַ צוגאָב, אָנגערייצט בייזע הינט.

ווער ווייסט, מיט וואָס די פּרשה וואָלט זיך פאַרענדיקט ווען נישט וואַסילי דער „סטראַזשניק" (פּאָליציאַנט) וואָס האָט געוואוינט נישט ווייט.

וואַסילי האָט דערהערט אַ טומל, האָט ער גיך אַרויפגעצויגן די שטיוול, אָנגעטאָן זיינע בגדי־מלכות, מיטן היטל אָן אַ זייט, נישט פאַרגעסן אָנגורטן די „שאַשקע" (שווערד) און אַזוי זיך באַוויזן מיט זיין גאַנצן אוי־

טאַריטעט אויפן שלאַכטפעלד, וויסנדיק פאַרויס, אַז צו אַזאַ עסק לייגט מען קיינמאָל נישט צו, באַזונדערס, ווען ס׳איז ווייט פון שטאָטישן צענ־טער. וואַסילי האָט געהאַט זיין פשוטן חשבון פון אַ בעל־נסיון: איין צד פונעם עולם, אָדער געשלעג, איז תמיד גרייט אויסצומיידן חקירות אין דער פּאָליציי, וואָס פּטרט צייט, נערוון מיט געלט. אַט דער צד, איז שטענדיק גרייט זיך „איינצואָרדענען" מיט אים, מיט וואַסילי דמיטריטשן, דעם פאַרשטייער און אויסדרוק פון דער מאַכט, פון זיין מאַיעסטעט, דער באַטיושקאַ צאַר.

וואַסילי האָט מיר גוט געקענט, מיר מיט מיין משפחה. מיר האָבן געוואוינט וואַנט ביי וואַנט מיט דער פּאָסט, וואו ס׳פלעגט שטענדיק שטיין אַ פּאָליציייאישע שמירה. קיין שמירה־ביידל איז דאָרטן נישט גע־ווען, פלעגט דער פּאָליציאַנט אויסנוצן דאָס דעכל פון אַ באַלקאָן איבערן אַריינגאַנג אין אונדזער קראָם. דאָרטן פלעגט ער שטיין, אָדער זיצן אויף אַ טרעפּל בעת אַ רעגן, אָדער שטאַרקע זון; דאָרטן פלעגט ער זיך טוליען בעת אַ שניי־שטורעם און קעלט. מ׳יין פאָטער פלעגט זיך נוהג זיין מכבד זיין דעם שומר מיט אַ טרונק בראָנפן, אַ גוטן ציגאַר, די מוטער פלעגט זיי געבן אַ הייסע גלאָז טיי מיט אַ יידישן צובייס. נישט זעלטן פלעגט אַזאַ וואַסילי, אָדער אַרקאַדי שטילערהייט, שבת איינהייצן ביי אונדז אַן אויוון, אויסלעשן דעם „בליץ־לאָמפּ" וכדומה. מיט מיר זענען זיי גאָר געווען גרויסע פריינט, איך פלעג טיילן מיט זיי מיינע ניסלעך, קיכלעך. כ׳פלעג ברענגען שוועבעלעך און זיי געבן מיליטערישע קנעפּ ווי שפּיל־צייג פאַר די קינדער, (מיר פלעגן די דערמאָנטע קנעפּ אָנרופן סאָנדזשאַ־קעס). מצה — פסח, און פורים אַ המן־טאַש. די פּאָליציאַנטן זענען דע־מאָלט געווען פשוטע פּאָלקס־מענטשן, זייער געהאַלט פלעגט קוים קלעקן אויף „ברויט מיט זאַלץ", ס׳רעשט פלעגן זיי מוזן „צופאַרדינען" פון דער זייט.

אַז וואַסילי האָט זיך באַוויזן אין זיין גאַנצער גדולה, האָבן זיך צו אים געלאָזן ביידע צדדים, ווי צו דער מאַכט, צום פוסק אחרון: די קריסטן האָבן געפּאָדערט אונדז תיכף: „אַרעסטירן, אָנטאָן קאַנדאַלן (קייטן) און פאַרשיקן אין סיביר אויף קאַטאָרגע", אַזעלכע באַנדיטן ווי מיר זענען.

אני הקטן, דער ראש המדברים פון צווייטן צד האָב נאָר געפּאָדערט צוריק די היטלען, „אָן די היטלען וועלן מיר זיך נישט רירן פון אָרט, אַפּילו אַז מען וועט אונדז דערהרגענען״.

אין דער אמתן זענען די קריסטן געוועזן דערשטוינט און זייער פאַרוואונדערט, צו זען צום ערשטן מאָל יידישע קינדער אין אַזעלכע אומשטענדן, דאָס נעמלעכע וואַסילי.

וואַסילי האָט אויסגעגלעט די וואָנצעס, פאַרריכט זיין היטל, עס זאָל גוט שטיין אויף אַ זייט אָנגעלענט אינעם רעכטן אויער, נאָכהער האָט ער גענומען אין האַנט, דאָס הענטל פון שווערד און אויסגערופן: — „טישע גאָספּאָדאָ, שטילער מיינע הערן״.

ער האָט צוריקגעפאָדערט אונדזערע היטלען, די היטלען פון די יידישע „גזלנים״, און מעשה סטראַטעג אַלעמען פאַרבעטן, „וואָ אימיאַ זאַקאָנאַ — אין נאָמען פון געזעץ״, מיטגיין מיט אים אין „אוטשאַסטאָק״ (קאָמיסאַריאַט), „גדיע ראַזבערוט וסיאָ דיעלאָ״ — וואו מען וועט זיך שוין פאַנאַנדערקלייבן אין גאַנצן ענין״.

אַז די קריסטן האָבן דערהערט „אוטשאַסטאָק״, איז זיי באַלד אַוועק דער חשק צו „קעמפן״ און זיך אַמפּערן. אומגעקערט, איצט וואָלט אַ יעדערער פון זיי צוריקגעקערט גוטוויליק די היטלען און מיט פאַרגעניגן אַלעמען מכבד געווען מיט מייערן, מיט אוגערקעס, מיט רעטעכלעך, מיט כל טוב, אַבי אַרויס פון דער צרה — „אוטשאַסטאָק״, וואו, איידער וואָס ווען, יאָ שולדיק, נישט שולדיק, פאַרברענגט אַזאַ גאַסט אַ גאַנצע נאַכט, און מאָרגן קען מען זיכער פאַרלירן אַ טאָג אַרבעט און ווער ווייסט, וואָס ווייטער, וואָרום „נאַטשאַלסטוואָ״ האָט וויכטיקערע זאָרגן, ווי אָט שוין באַלד דערליידיקן סכסוכים...

דער באַגריף „אוטשאַסטאָק״, פלעגט אין דעמאָלטיקן צאַרישן רעזשים אָנוואַרפן אַן אימה אויפן פּשוטן קליינעם מענטשן, אַזוי אַז וואַסילי האָט גוט געצילט, און גוט געוואוסט זיינע „פליכטן״. די קריסטן האָבן אים אַוועקגערופן אָן אַ זייט עפּעס צו „דערליידיקן״, דערנאָך האָבן זיי זיך ביי אים קוים „איינגעבעטן״ ער, וואַסילי דמיטריטש זאָל זיי גאָר מוחל זיין פאַר דער טרחה... ווי אַ גוטער פּראַוואָסלאַוונער קריסט האָט ער זיי

גרויסמוטיק מוחל געווען, און זיין גאַנצע „זאָרג״ געלענקט אויף אונדז, דעם צווייטן צד, ער האָט אונדז מיטגענומען מיט זיך.

מיר האָבן זיך נישט געווערט, אומגעקערט, מיר האָבן גאָר געזען אין זיין פּערזאָן אַ מלאך הגואל, וואָס האָט אונדז צוריקגעקערט די היטלען, און געראַטעוועט פון די „גויאישע הענט״, ווי פון די הינטישע ציין.

משונהדיק איז דער פאַקט, וואָס מיר פאַר זיך, האָבן זיך געפילט און געהאַלטן ווי „גאָט די נשמה שולדיק״, ווי יענע וואָלטן גאָר באַטרעטן אונ־דזערע גערטנער, און נישט מיר זייערע...

וואַסילי האָט געוואוסט זיין חשבון: ער האָט אונדז נישט פרייגע־לאָזן, ניין.

— „איר באַרטשאַנקי־זשידיאַטאַ — איר פריצימלעך יידעלעך, וועט שוין יאָ גיין מיט מיר אין „אוטשאַסטאָק״, „אַ טאַם ראַזבערוט״ — דאָרטן וועט מען זיך שוין פאַנאַנדערקלייבן, האָט ער מעכאַניש געטענהט.

אַז איך האָב אים געכאַפּט פאַרן האַנט און פאַרוואונדערט געפרעגט „פאַרוואָס״? זיך געבעטן ער זאָל אונדז צורו לאָזן, האָט ער קורץ און לאַ־קאַניש געענטפערט:

— „ניעט שימקאַ, אי טי סנימי, — ניין שימקאַ, וועסט מיטגיין מיט זיי״, ווי ער וואָלט מיר מער נישט געקענט.

וואַסילי האָט אונדז נאָר אָנגעשראָקן און געדראָעט. אנשטאָט אין „אוטשאַסטאָק״, האָט ער אונדז גאָר געבראַכט אויפן וואָקזאַל, וואו ס׳איז געווען אַ טעלעפאָן, פון דאָרטן האָט ער טעלעפאָנירט צו זיינעם אַ באַ־קאַנטן אין פּאָסט, ער זאָל תיכף צו וויסן געבן ביי מיר אין דער היים, מען זאָל קומען אָפּנעמען די „אבידות״...

נאָטירלעך זענען באַלד געקומען צולויפן אויף דראָזשקעס מיינע צע־שראָקענע פעטערס, (מיין פאָטער איז געווען פאַררייזט, די מוטער האָבן זיי אויסגעמיטן מיטצונעמען, טאָמער חלילה איז מיט אונדז עפּעס גע־שען). דערנאָך זענען געקומען צעטומלטע די קרובים פון די איבעריקע גזלנים, און נאָך אַ קורצן משא ומתן איז וואַסילי צופרידן אַוועק אַהיים מיט עטלעכע פּאַפּירלעך פאַררוקטע אין אַ קעשענע. וואַסילי האָט זיך צו־געזונגען, געמאַכט לחיים און פאַרביסן מיט אַ שטיקל געריכערטע סאַלע,

שפּעטער האָט ער אויסגעטאָן די שווערד, די שטיוול, די בגדי מלכות, און שוין געקליידט אין ציווילן היימישן קאַפּטאָן, האָט ער זיך ווידער געלאָזט צו זיינע „באַפרייטע" שכנים פּרובירן נאָך עפּעס אויסמעלקן פאַר דער מחילה מיטן חסד, זיי נישט צו שלעפּן אין „אוטשאַסטאָק", אויב נישט קיין „פּאַפּירלעך", איז לכל הפּחות אַ פּאָר גוטע כוסות, — „יאָלקי זעליאָנניע" — איר גרינע טאַנען־בוימלעך!

מיר מיט מיינע „אחים־לצרה" האָט מען בכבוד געבראַכט אין שטאָט, מיר מיט נאָך 2 חברה־לייט צו די עלטערן, די איבעריקע קליינשטעטלדיקע ערב ישיבה־בחורימלעך, האָט מען געלאָזט לויפן שלאָפן הונגעריקע, אָנגעשראָקענע — אויף נאַכטלעגער אין בית־מדרש, און מיטגעגעבן פיינע פּעטש, הלמאַי זיי גאָר האָבן — — — מ'ר פאַרפירט און נישט אומגעקערט...

מיינע פּעטערס, וואָס האָבן מיר דעמאָלט אויסגעלייזט פון גויאישע הענט: ישראל, אשר און יצחק זכרונם לברכה, האָבן די דייטשן דערמאָרדעט צוזאַמען מיט די משפחות (זאָל זיי די ערד גרינג זיין), חוץ אייניקע פון זייערע קינדער, וואָס זענען עולה געווען אין א"י, פאַרן צווייטן וועלט־חורבן. ווי־דער דער פּעטער מאָטל, אַ וועטעראַן פון רוסישן מיליטער פון יאַפּאַנישן קריג און פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אומגעקומען ערגעץ אין אַ סיבירישער טייגע אין ראַטנפאַרבאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיין זון זעליג דער אַפּטייקער, מיין ברודער דוד מיט זיין פרוי און קינד, און דוד אָשרס זון האָבן די דייטשן דערמאָרדעט, מאָטלס פרוי מיין מומע גאָלדע מיט נאָך אַ זון און טאָכטער איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון דער סאָוויעטישער טייגע און זוכה זיין עולה זיין קיין א"י מיט דער באַרימטער מעפּילים־שיף „יציאת אייראָפּע", כדי רואיק בכבוד שטאַרבן און איינגעזאַמלט ווערן אין דער ערד פון ישראל אין רעננה.

כ'דערמאָן דאָ נאָר יענע פון מיין מוטערס פיר ברידער, וואָס האָבן מיר יענעם אָוונט „אויסגעלייזט" פון וואַסיליס הענט און בשלום, מיטן היטל אויפן קאָפּ געבראַכט אַהיים.

די דערמאָנטע פּעטערס האָבן עטלעכע טעג שפּעטער, אָנטיילגענומען אין אַ נייעם „קריגס־ראַט" צוזאַמען מיט מיין פאָטער און זיידן, געקומען

צום אויספיר, אַז היות ווי פון מיר וועט שוין במילא קיין רב נישט ווערן, לאָ־מען אָפּהאַקן מיין תלמודיסטישע בילדונג און ביזן נייעם „זמן" לאָזן פּריוואַט לערנען ביים משכיל און בונטאַר, גאָספּאָדין לעדווינאָווסקי, כדי כ'זאָל אָניאָגן דאָס פאַרנאַכלעסיקטע, און צום נייעם „זמן" זיך קענען צוריקקערן אין דער שטאָטישער רוסישער שול.

איך קען נישט פאַרבאָרגן די „סטיכישע" באַרעכטיקטע פעטש, וואָס כ'האָב יענעם אָוונט, בחסד, „געגאָסן" פון מיינע פעטערס אונטערוועגס אַהיים פון וואָקזאַל. יענע פעטש האָבן מיר אַ סך ווייניקער וויי געטאָן ווי די מתנה, וואָס איך האָב דעמאָלט נ י ש ט באַקומען פון פאָטער, בעת ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער רייזע אַהיים. כ'האָב דעמאָלט ביטער געוויינט ביז האַלבע נאַכט, ביז איך בין איינגעשלאָפן, און ווי כ'בין געוואויר געוואָרן האָט מיין מוטער געוויינט ביזן ליכטיקן טאָג נישט איינצושלאָפן. זי האָט געוויינט אויף איר שיינעם אויסגערונענעם חלום מיר, איר בכור, מער נישט זען ווי אַ רב. זי האָט געוויינט אויף די חרפּות, וואָס כ'האָב גורם געווען מיין גוטן זיידן, וואָס האָט מיר אויך באַשטראָפט אויף זיין שטייגער, וואָכן לאַנג האָט ער נישט גערעדט מיט מיר, נישט געגעבן אַ ראָווער פון זיין סקלאַד אַרומצופאָרן פאַרנאַכט שפּאַצירן (יאָ, מיין מור־טערס משפּחה האָט חוץ מיט שלאָסעריי און מאַשינען פאַרקויפט און פאַר־דונגען ראָווערן). נישט געגעבן יעדן נאָכמיטיק די קאָפּיקע נאַש־געלט (סאַנקציעס!), אַפילו נישט דערלויבט מיר, ווי תמיד, אַלע פרייטיק נאָכ־מיטיק, צושערן און צופוצן זיין קליין גרוי בערדל, וואָס האָט שטענדיק געשמעקט מיט אתרוגים־דופט.

צוויי יאָר שפּעטער, בעת מיין בר־מצוה־פייערונג, נאָכדעם ווי מיין פאָטער האָט מיר אַרומגענומען, אַרומגעאָרעמט און אַ קוש געטאָן (ביי אונדז האָט מען זיך זייער זעלטן געקושט), האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע זיינע מתנות: דעם ערשטן זייגער אין מיין לעבן, און אַזאַ וואונ־דערשיינע שרייב־פעדער מיט אַ הענטל פון פערלמוטער, וואו ס'האָט זיך געפונען אַ קליינטשיקע גלעזעלע, גרויס ווי אַ קעפּל פון אַ שפּילקע. אַז מען האָט געקוקט אין דער מיניאַטור־גלעזעלע, וואָס פלעגט גלאַנצן ווי אַ דימענט, פלעגט מען זען די פּאַנאָראַמע פון דער אייביגער שטאָט

נ ע כ ט ן

ירושלים, מיטן הר־הבית. אָט די מתנה, וואָס ער האָט מיר געזאָלט געבן יענעם טראַגישן אָוונטביים פאַרענדיקן מיין תלמודיסטישע קאַריערע, מיין פאָטער האָט די מתנה אויפגעהיט 2 יאָר צייט, ווי ער האָט שפּעטער אָפּגעהיט 27 יאָר זיין גאָלדענעם זייגער, מיט דער שווערער גאָלדענער קייט, אַ מתנה פאַר מיר, זיין בכור, אָבער ער האָט עס נישט זוכה געווען מיר איבערגעבן, ווייל די האַקנקרעציקע דייטשן האָבן אים פאַרברענט לעבעדיקערהייט צוזאַמען מיט מיין אויסגעדאַווענטער שרת־בת־טובימדיקער מוטער. צוזאַמען מיט זייער האָב און גוטס, מיט זייערע בענקשאַפטן, צו־זאַמען מיט די וואָרצלדיקע טייערע יידן פון ליטע.

די ערדציטערניש

ביז תשעה באב 1914 (אויגוסט) איז אונדזער לעבן אין ליטע גע־פלאָסן שטיל און רואיק, ווי די וואַסערן פונעם ניעמאַן און פון דער וויליע, אָדער פונעם היימישן סובאַלקער טייך די „שוואַרצע האַנזשאַ״. ס׳איז נישט געווען קיין ראַדיאָ־געברויך און צייטונגען, וואָס פלעגן אָנקומען 3־4 טעג שפּעטער אין די פּאַרוואָרפענע רוסיש־דייטשישע גרענעץ־שטעט און שטעטלעך, פלעגן זיין געניג „פריש״ און „אינטערעסאַנט״ פאַר די לעזער. 1912 איז געווען דער לעצטער פרידלעכער יאָר פון דער נײַנצ־טיקער סטאַבילער וועלט (לויט סטעפאַן צווייגס אַ טיטל אויף אַ בוך).

און אָט איז געפאַלן דער שאָס אין סאַראַיעוואָ, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פון אַ היסטאָרישער תקופה; דער שאָס וואָס האָט איבערגעהאַקט דעם האָר אויף וואָס ס׳איז דעמאָלט געהאנגען דער וועלט־שלום. דער שאָס וואָס האָט צעשטערט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן גלייכגע־וויכט ביזן היינטיקן טאָג.

מיר, פשוטע יידישע פאָלקס־מענטשן פונעם דעמאָלטיקן ריזיקן צאַ־רישן מרחב, וואָס האָבן זיך געהאַט קוים באַרואיקט נאָכן „בייליס פּראָ־צעס״, וואָס האָט באַזונדערס דערשיטערט דאָס יידנטום פון „רוסלאַנד, ליטע און פּוילן״ ביז די טיפסטע טיפן, — האָבן זיך נישט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז יענער שאָס אין סאַראַיעוואָ אין 1914, וועט זיין דער אָנזאָג מיטן אָנהויב פון אַן ערדציטערניש, פון אַ וועלט־מלחמה מיט גוואַלטיקע פּאָליטישע פאַרוויקלונגען, רעוואָלוציעס מיט עליות און ירידות, וואָס האָבן זיך צייטווייליק פאַרענדיקט נאָר מיליטעריש מיט די שלום־פּאַקטן אין בריסק און ווערסאַל, כדי צוריק אויפפלאַקערן מיליטעריש, מיט מער אימה, מיט מער חורבן און בלוט־דורשט, אין סעפּטעמבער 1939, און מי־ליטעריש ווידער זיך אויסלעשן אין מאַי 1945, באַגלייט מיטן חורבן און מאַסן־מאָרד פונעם אייראָפּעאישן טייל פון יידישן פאָלק.

די מיליטערישע אַפּאַראַציעס זענען בדרך כּלל אויסגעלאָשן געוואָרן אין 1918 און 1945, אָבער די פּאָליטישע, דיווירטשאַפטלעך, געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלע באַגלייט־דערשיינונגען זענען נישט אויסגעלאָשן געוואָרן ביזן הייַנטיקן טאָג... ס'האָבן זיך נאָר געענדערט די קאַמפּס־פאָרמען און קאַמפּס־מעטאָדן פון די אינערלעכע סאָציאַלע דערשיטערונגען אין יעדן לאַנד באַזונדער, ווי די שטרייטיקייט־סטראַטעגיע און טאַקטיק צווישן איין מדינה מיט דער צווייטער, ביז ס'האָבן זיך אויסגעפורעמט די „וועלט־בלאָקן" מיטן „קאַלטן" קריג, באַגלייט פון אַ פאַנטאַסטישער אַנטוויקלונג פון אַלע כּלי זיין און כּלי משחית; ביזן דערגייין די סודות פון געברויכן אַטאָם־ און הידראָגען־ענערגיע, ביז די באַליסטישע ראַקעטן און... „פליענדיקע לבנות", וואָס זענען עלול צו צעשטערן אַלע „סודות" פון קאָסמישן גלייכגעוויכט, פון דער נאַטור, פון מעשׂי בראשית צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס לעבט און עקזיסטירט אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

קאָמוניזם, סאָציאַליזם, קאַפּיטאַליזם, אימפּעריאַליזם אא"וו, אא"וו!

ווי אַזוי האָבן מיר געזען און פאַרגעסן דעם קאַמף צווישן קאָמוניזם־סאָציאַליזם, קעגן קאַפּיטאַליזם־אימפּעריאַליזם פאַר דעם שאָס פון סאַראַיעוואָ, נאָכן נצחון פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איבערן בלוטיקן צאַרישן רעזשים? ווי אַזוי האָבן מיר געזען און פאַרגעסן אַלס מענטשן — — — אַלס יידן? צי האָט זיך גאָר דעמאָלט געקאָנט געפינען אַזאַ גאון און נביא, אַזאַ דיאַלעקטיקער און וויסנשאַפטלער, וואָס זאָל וואַגן אָט דאָס אַלץ פאָראויסזען, ווי מיר זעען עס איצט אין דער באַליסטיש־הידראָגענישער ליכט?

אין 1914 האָט זיך אָנגעהויבן די פיזישע, די גייסטיקע און געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלע ערדציטערניש — — — וואָס איר סוף איז נאָך נישט צו זען ביז היינט צו טאָג, כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, און וואָס פאַר אַ שטורמישער האַלבער יאָרהונדערט!

* * *

פאַרמאַכן מיר די אויגן און שווימען אַוועק אין עבר, מיר גראָבן אַרויס אַ ביסל זכרונות, וואָס ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער אויסגעחלומטער ווי עפּעס אַ „לעגענדע" — — —

ל. חיין־שמעוני

אַט לעבן מיר איבער דעם ערב תשעה באָב 1914 אין מײַן געװעזע־נער היימשטאָט סובאַלק.

ס׳איז אַ דושנער שטויביקער נאָכמיטיק, איך זעץ זיך אַרויף אויף אַ ראָווער און פאַרקלייב זיך אין טיפן טונקעלן שמעקעדיקן אויגוסטאָווער אורוואַלד, הויך באַרג אַרויף. איך געפין דאָרטן אַ פּאָר חברים, יונגע היציקע גאולה־זוכער פאַר „גאָר דער וועלט״, גימנאַזיסטן, מיט די ערש־טע שפּראָצן פון פיזישער צייטיקייט אויף די ייִדישע פּנימער, ביי וועמען אַזאַ פייניקער האָריקער פוך גידעריקער פון די שלייפן, איבער די ליפּן, אַרום די גאָמבעס, ביי וועמען פרישטשיקלעך ווי אַ צוגאָב. מיר זיצן אין קילן וואַלד און חלומען בקול רם. ווער פון אַ וועלט־רעוואָלוציע און ווער פון אַזאַ פּאַלעסטינע־ארץ־ישראל מיט אַ „פּראָגראַם מינימום״ און אַ „פּראָגראַם מאַקסימום״, דער ביילים־פּראָצעס ליגט נאָך אַלץ אַ יעדערן אויפן שפּיץ צונג, בעת דער שאָס פון סאַראַיעוואָ ליגט אונדז גאָר אין דער לינקער פּאה — — — וואָרום נאָך אַלעמען זענען מיר 14־15־16־יאָריקע בחורימ׳לעך, מיט אָפּגעריסענע שטיקלעך וויסן מיט נישטיקע השגות אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט־פּאָליטיק.

די זון בויגט זיך צו מערב־זייט און לייכט אַריין אומעטיק אין דער געדיכטעניש פון די הויכע סאָסנעס און יאָדלעס, ווי דורך צעבראָכענע שויבן. די פיצלעך זון־ליכט טאַנצן אונטן אַרום אויפן ווייכן מאָך ביי יעדער בלאָז פון ווינט. עפּעס טומלט זיך אויפן שאָסיי, וואָס שניידט דורך דעם וואַלד, ס׳הערט זיך דער גאַלאָפּ פון פערד, ס׳הילכט אַ האַרמידער פון באַשמידטע וועגענער, טאַנצנדיקע איבער די שטיינער פון ברוק (פון אַספאַלטירטע וועגן האָט מען נאָך ביי אונדז נישט געוואוסט) און די אויי־טאָמאָבילן אין 1914 אין אונדזער געוועזענער היים, האָט מען געקענט אויפציילן אויף די פינגער פון איין האַנט.

אַן אינסטינקטיווער אומרו האָט אונדז אויפגעהויבן פון די ערטער, מיר האָבן גענומען די ראָווערן און אַרויס אויפן שאָסיי צוריק אַהיים. ס׳איז ערב תשעה באב, ווען עלטערן גייען צו קינות צוזאַמען מיט די זין, און פאַר שקיעה דאַרף מען נאָך פאַרפאַסטן כדי צו זיין גרייט צום 24־שעהדיקן תענית.

צווישן שטאָט און אויגוסטאָווער וואַלד, האָבן געלאַגערט פיר רעגי־מענטן פוסגייער־מיליטער צוזאַמען מיט אַ בריגאַדע אַרטילעריע פונעם רעגולערן צאַרישן מיליטער — די גרענעץ־וואַך, מחוץ די קאַוואַלעריע־הוזאַרן און אולאַנען רעגימענטער, וואָס האָבן געלאַגערט אין אַנדערע טיילן שטאָט.

בעת מיר זענען פאַרבייגעפאָרן די קאַזאַרמעס האָבן מיר געזען אַ נישט געוויינלעכע באַוועגונג און טומל; זעלנער זענען געלאָפן הין און צוריק, טראָמפּייטן האָבן געשאַלט, רייטער זענען געפלויגן ווי שדים. כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון ראָווער, אָפּגעשטעלט אַ גוטמוטיקן פאַניע און נאַאיוו געפרעגט, וואָס ס׳איז געשען?

— „וואָינאַ — מלחמה“! — האָט ער אַרויסגעקריצט פון צווישן די ציינער — „מלחמה, בעת דאָרטן ביי מיר אין דער היים, טיף רוסלאַנד, אין אַ דאָרף, וואַרט מען אויף מיין אורלויב“.

— „עך טי גאָריע גאָרקאָיע — דו טרויעריקער טרויער“!

מיט אַ פיר־גאָרנדיקן „מי שברך“ האָט ער פאַרענדיקט דעם „אינטער־וויו“ בזה הלשון: — „איצט באַרישאָנאָק (פּריצל), זעסט אויס צו זיין אַ זשידיאָנאָק — דריי זיך נישט צווישן די פיס, און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען“.

דאָס שרעקלעכע וואָרט „וואָינאַ“ האָט דיר געטראָפן ווי אַ שטיין אין קאָפּ און אַ דריי געטאָן אין אינגעווייד, ס׳האָט זיך דערמאָנט מיין מו־טערס טרערן בעת דער „יאַפּאַנישער“ תקופה, ווען כ׳האָב נישט באַגריפן וואָס ס׳איז פאַרלאָפן. מיין פאָטער האָט דעמאָלט מוותר געווען אויפן זכות און כבוד דערהרגעט צו ווערן פאַרן פאָטערל צאַר, און עוקר געווען צו דער משפחה אין באָסטאָן ־ אַמעריקע, בעת מיינע פעטערס און קרובים פלעגן שיקן בריוועלעך פון הינטער פאַרט־אַרטור מיט כלערליי רמזים און שפּרוכן — — — פיצעלעך קינדער זכרונות פון די יאָרן 5־1904...

אין דער היים איז די בהלה נישט געווען קלענער, בעת די מענער האָבן זיך געקהלט צעטומלטע נאָך נישט איינגאַנצן צו באַנעמען, וואָס ס׳האָט פאַסירט, האָבן אונדזערע מאַמעס, מיט פאַרווייינטע אויגן געדעקט די טישן צום פאַרפאַסטן. ס׳עסן האָט זיך געשטעלט קאַפּויער, מען האָט

געבענטשט און אַוועק צום זיידנס מנין אויף „קינות“, וואו ס'פלעגט זיך בדרך כלל באַגעגענען ס'רוב פון דער פאַרצווייגטער משפחה מ'ט די נאָענטסטע שכנים, דער זיידע האָט בשעתו געשריבן צוויי ספרי תורות, און די באָבע מיט אירע טעכטער און שניר, האָבן אויסגענייט און אויס־געקושט מענטעלעך מ'ט פּרוכתן, אויסגעשטיקטע מיט גילדערנע און זיל־בערנע פעדים, אויפן שענסטן פּליוש, סאַמעט און זיידנס, גראַנאַטענע, גרינע, טונקל רויטע. דער זיידע האָט געלאָזט אויסשמידן קרוינען פאַר די ספרי תורות מיט „ידן“־טייטלען פון ריינעם זילבער. און וואו זענען די געקאַרבטע חושן־ ואפד'ס אויף שווערע זילבערנע קייטן מיט דינע גאָל־דענע גלעקעלעך? וואו איז דער געשניצטער קליינער ארון קודש מיטן סטענדער, מיט די פאָליצעס און שרענק ספרים מכל המינים? וואו זענען די אַלטע זילבער לייכטער און אַכט־רעריקע „שבתניקעס“ מיט די גע־פלאָכטענע קאָלירטע הבדלות — — — און דאָס אַלץ אין דער רחבות־דיקער עס־שטוב מיטן שווערן דעמבענעם טיש, מ'ט דער קרישטאָלענער קאַנדעליאַברע, מיט דער סערוואַנטקע פול מיט בעכערס פון די קלענסטע פאַר די אייניקלעך, ביז די גרויסע „רביעיתן“ פאַר די דערוואַקסענע, פול מ'ט כלערליי קרישטאָלענע און פאַרצעלאַנענע כלים, מיט בשמים־ביקס־לעך, און זילבערנע אתרוגים־פּושקעס. אויף די ווענט: בילדער פון ווילנער גאון, פון משה מאָנטעפיאָרע און ערגעץ ביי דער קאָמאָדע אין ווינקל אַזעלכע „פאָרטרעטן“ פון בערקאָ יאָסעלעוויטש, פון קאָסציושקאָ מיט אַ גרעסערער קאָלעקציע משפּחה־בילדער, צעהאַנגען איבער די געבעטע פאָ־טעלן, ווייכע שטולן און סאָפקעלעך איבערגעצויגענע מיט גרינעם פּליוש, וואָס פלעגן חוץ שבתים און ימים־טובים שטיין איבערגעצויגן מיט טשע־כאָלן פון שווערן ווייסן לייוונט מיט רויטע זוימען פון אונטן, איבער די פאַלבאַנעס.

דאָס איז גערעדט געוואָרן פאַר די מענער, בעת פאַר אַן עזרת־נשים, אין זיידנס מנין, האָט געדינט דער שכנותדיקער שמאָלער און לאַנגער שלאָף־צימער מיט די הויך־פאַרבעטע בעטן, צוגעדעקט מיט פּיקייענע אָדער פּליושענע קאָפּעס. אויף די ווענט זענען געהאַנגען דיוואַנעס: אויף רינגען, מיט אויסגענייטע פאָרטרעטן אויף קאַנווע, אַזעלכע ווי „אליעזר

ביים ברונעם״, „אסתר המלכה״, קבר רחל, און דער כותל־מערבי מיט אַ שורה פאַרשפּיצטע ציפּרעסן לענגאויס דעם כותל (איך פּלעג זיי שטענדיק זוכן אין ירושלים...). לענגאויס דער וואַנט, „וויז־אַ־ווי״ די בעטן זענען געווען אויסגעשטעלט ווייך־געבעטע שטולן און אין ווינקל, ביים קאַכל־אויוון איז געשטאַנען אַ קיילעכדיק דרייפיסיקער טישל מיט דער באַבעס הייליקע ספרים. דער דיקער „קרבן מנחה״, דער „צאנה וראינה״ מיט כלערליי תחינות איבערגעדעקט מיט אַזאַ פרומען טישטוכל מיט אַן אויס־געניייטן מגן־דוד אין דער מיט, מיט אַ סך לאַנגע פראַנזן פון זילבער און זייד־פעדים.

תשעה באב צו קינות, פלעגט מען נישט אַנצינדן נישט די קאַנדע־ליאַברע, נישט דעם וואַנט־לאָמפּ אין שלאָף־צימער. תשעה באב, פלעגט מען נאָר אַנצינדן ליכט אויך נישט אין די שבת־יום־טובדיקע זילבערנע לייכטער, נאָר אין די קליינע פּשוטע מעשענע רעזערוו־לייכטערלעך, אָדער מען פלעגט האַלטן ליכט אין די הענט, וואָס מען פלעגט ברענגען פון דער היים צו זיצן מיט די קינות אויף נידעריקע בענקלעך, ווי אבלים אין די זאָקן, און פון די פלעמלעך פלעגן אויסטאַנצן דערשראָקענע שאָטנס אויף די ווענט — — —

דעם זיידנס מנין איז געווען אונדזער „פּאַרלאַמענט״, אונדזער „ראַט־הויז״ און להבדיל — קלוב, פאַרן און נאָכן דאַווענען, אָדער ביים — — — לייענען, פלעגט זיך דאָ קערן וועלטן אַרום היציקע וויכוחים וועגן אַרטיקע עניני דיומא, אָדער אַרום דער „וועלט־פּאָליטיק״. די מתפללים, די מש־פחה־מענטשן מיט שכנים, וואָס זענען געווען נאָענט ווי אייגענע, זענען געווען „אידייאיש״ דיפערענצירט.

ואלה שמות: דער זיידע ר׳ משה, דער פאָטער אַהרן, די פעטערס, ישראל, אָשר, מאָטל, יצחק, פריער אויך דער יונג פאַרשטאָרבענער פעטער אַרטשיק, מיט זייערע בנים, יונגען ווי דעמבעס, אַלע — אָן אַן עין־הרע. חוץ מיין פאָטער פלעגן די פעטערס זעלטן אַנטיילנעמען אין די וויכוחים, זיי, מיטן זיידן, זענען עס געווען די גוטע צוהערער און פּוסקים, ווער מיט צושאָקלען מיטן קאָפּ, ווער מיט „יאָ״ אָדער „ניין״.

מאיר איטשע דער קרעמער, אַ ייד אַ משכיל, וואָס האָט זיך אויס־

געלערנט דייטש פון משה מענדעלסאָנס איבערזעצונגען, מאיר איטשע איז געווען מיטלוואוקסיק מיט אַ רונדלעכן פּנים, אַן אָפּגעהיטע באָרד, גוטע מילדע אויגן ווי ביי אַ קינד און — — — זיין קאַפּעליוש דער „מעלאַ־ניק" איז שטענדיק געווען ריין און געפּוצט. מאיר איטשע האָט אַבאָנירט די „פּאָסישע ציימונג" און יעדן שבת, ביים לייענען די תורה, פלעגט ער שעפּטשענדיק איבערגעבן מיין פאָטער דאָס געלייענטע, נאַטירלעך איז אַ לייענער פון די „פּאָסישע" אַ פאַרברענטער „דייטש", אַ חסיד פון דער דייטשישער סיסטעמאַטישקייט און גרינטלעכקייט. און וואָס שייך ליטע־ראַטור, איז ער זיכער געווען מער בקי אין דער דייטשישער ליטעראַטור ווי אַ דייטש פון זיין מעמד — אַ קרעמער פון מעל, זאַלץ, הערינג און נאַפּט־לעמפּלעך, אין קעגנזאַץ צו אים פלעגט מיין פאָטער אַבאָנירן דעם רוסישן „ריעטש" מיטן יידישן „פריינד" און זיין בקי אין דער רוסישער ליטעראַטור, אין די דעמאָלטיקע שאַפונגען אין יידיש אוןביידע פלעגן שעפּטשענדיק דיסקוטירן בשעת מען פלעגט לייענען די תורה...

ר' פישל דער „באַקלעראַוער" (גלאָזהענדלער) שוין אַ זקן, מיט אַ דורכזיכטיק לענגלעך ווייסן פּנים, אַ קורץ געשוירן שפּיציק בערדל, וואָס איז אַמאָל געווען העל בלאָנד — היינט ווייס ווי מילך, פלעגט אָן אויפ־הער דערציילן פון די לעצטע קאָנוואולסיעס פון דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע אין די 70־80 יאָרן, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט ווי אַ תושב פון פּאַריז. ר' פישל האָט אַליין געזען די באַסטיליע, די גיליאָטינע. ר' פישל האָט דעמאָלט געגעסן קאַצן־פליש, כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער, ער האָט געהאַלטן אין קעשענע, איינגעוויקלט אין אַ טיכל, אַ קאָקאַרדע אויפן גרונט פון אַ „טריקאָליאָר", וואָס ער האָט אָפּגעהיט ווי אַ קמיע. נאַטיר־לעך איז אַזאַ ר' פישל אַ פייערדיקער „פראַנצויז", וואָס האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז פּואַנקאַרע וועט ווייכער מאַכן דעם צאַר ניקאָלאַי מיט זיינע יועצים, לויט ר' פישלס טעאָריעס איז דער צאַר נישט קיין שונא ישראל, אלא, אלא זיין ווייב די ימח שמוניצע, די נקבה וואָס שטאַמט פון די דייטשישע „קאַשאַנס". זי איז איבערגעלאָדן מיט אַנטיסעמיטיזם, און זי די „באַשיכע" ווירקט עס שלעכט אויפן צאַר ניקאָלאַי.

הערנדיק אַזעלכע דיבורים פלעגט זיך מאיר איטשע אָנצינדן ווי אַ

פייער צו פּאַרטיידיקן דעם דייטשישן אַדל, די דייטשישע קולטור מיט דער האָענצאָלערן־דינאַסטיע, וואָס האָט געהאַט יידישע יועצים און מומ־חים נישט ווי די פּורישקעוויטשעס און ראַספּוטינס פונעם צאַר. — — —

אַז מען פלעגט פוגע זיין דעם צאַר, פלעגט אויפשטיין סטרעליעצקי דער געוועזענער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, אַ ייד הויך און שלאַנק ווי אַ ציפּרעס־בוים, 2 שוואַרצע אויגן אונטער דיקע ווייסע ברעמען מיט אַן אָדלער־נאָז. סטרעליעצקי פלעגט אַ דונער טאָן: „טישע דוראַק! — טישע רררעב איטשע מאַיער, ניע באָלטאַי״ — שטילער טיפּש, פּלאַפּל נישט!... סטרעליעצקי פלעגט נישט לאָזן פאַלן אויפן צאַר נישט אַ שפּרענקעלע, נישט אַ פּוכעלע, דער פאָטערל צאַר, וואָס איז געפאַנגען ביי די „סוואָלאָ־טשעס״ (מנובלים) די פּורישקעוויטשעס, און ביי דער „בליאַד״ — די זונה פון דייטשלאַנד.

פלעגט זיך פאַנאַנדערלאָזן בקול רם דער פּוילישער פּאַטריאָט משה גלאַטשטיין דער זייגערמאַכער (און אים צו הילף זילבערבערג דער „אַמע־ריקאַנער״), וואָס איז כשלעצמו מלא וגדוש מיט אמתע און מיט נישט געשטויגענע מעשיות פון דער פּוילישער פאַוווסטאַניע. משה גלאַטשטיין פלעגט שטענדיק ריידן אַן איבעררייס, אַפילו פון שלאָף, אָדער צו זיך אַליין, אויב ער האָט נישט קיין צוהערער ביז יענעם פּורים 1915, בעת ער איז געזעסן פאַרטיפט מיטן קוקער אויפן אויג גריבלענדיק זיך אינעם אינגעווייד פון אַ פּריצישן זייגער, און עס איז געפאַלן אַ באָמבע פון אַ דייטשישן אַעראָפּלאַן (לויט זיין טערמינאָלאָגיע: אַ „וועראָפּלאַנטשיק״) פונעם לופט־דרוק און פחד האָט ער זיך אָפּגעביסן די שפּיץ־צונג, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין שיסעלע בענזין, וואו ס'האָבן זיך געווייקט רעדלעך מיט שרייפלעך פון אַ צענומענעם זייגער — — — די וויטרינע־גלאָז האָט אים שטאַרק צעשניטן ס'פּנים מיט די אַקסל און ברוסט, אָבער אַזאַ ווי משה גלאַטשטיין, וואָס האָט איבערגעלעבט אַלע נגישות פון אַלעקסאַנדער דעם דריטנס קאָזאַקן און ניקאָלאַי דעם צווייטנס זשאַנדאַרן, האָט מיט קנאַפּע דריי יאָר שפּעטער זוכה געווען צו זינגען „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע סגי־נעלאַ״, בעת מען האָט אַרויפגעצויגן די פּוילישע פאָן מיטן ווייסן אָדלער אויפן טורעם פון סובאַלקער ראַטהויז. אמת, ער האָט געזונגען אָן וואָר־

טער, ווײַל מיט אַן אָפּגעביסענער צונג קען מען אַפילו נישט זאָגן קדיש בקול רם... אַ וואָך שפּעטער, בעת מיר האָבן די זעלבע פּאָן אַראָפּגע־ריסן אויף צו פאַרבײַטן אויף אַ רויטער אָן אַ ווײַסן אָדלער, האָט מיר משה גלאַטשטיין מכבד געווען מיט אַ פײַערדיקן פּאַטש, און מײַן גוטער האַרציקער זיידע האָט געטענהט, אַז איך האָב עס כשר פאַרדינט. מײַן זיידע האָט אויך געהערט צו די פּוילישע פּאַטריאָטן, מײַן זיידע האָט אויס־געגעבן „אוצרות" צו הילף די אומלעגאַלע פּוילישע מיליטער־אָרגאַניזאַציע (פּ. אָ. וו.). אָט די פּוילישע פּאַטריאָטן האָבן נאָך שפּעטער באַלוינט דעם טײַערן אַלטן ייִדישן פּאַטריאָט פון פּוילן, האַלערס זעלנער האָבן אים אויסגעריסן די באָרד און מערדערלעך געשלאָגן בעת ער איז געפאָרן אָנ־קוקן די גדולה פון דער באַפרײַטער וואַרשע, אָנקוקן דעם סיום, דעם בעל־ווּעדער און געניסן פון איר אומאָפּהענגיקן פּוילישן נחת.

דער פּעטער ישראל פלעגט זיך זייער אויפרעגן און פּאַטשן מיט אַ האַנט אין גראָבן סידור: „נו־נו־אָ, אַ חילול השם פּאַנאָוויע, מתפּללים, נו־נו־אָ". דאַן פלעגט זיך אויפהויבן פון פּאַטעל דער למדן און משכיל לע־ווינסקי פונעם האַלץ־סקלאַד און אַרויסגיין אין פּאָדערצימער און אונטער־ברומען: מטורפים! לעווינסקי האָט כסדר געלערנט און געלייענט, דעם „מורה נבוכים" מיטן „כוזרי", פלעגט שטענדיק זיי טראָגן מיט זיך, ווינ־טער אין אַ טיפער קעשענע פון טכוירן פּעלץ, און זומער — ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש פון זײַן שוואַרצן אַלפּאַגענעם סורדוט. אינעם פּאָדערצי־מער פון זיידנס מנין האָט געהערשט דער פּעטער מאָטל, אַן אויסגעדינ־טער צאַרישער זעלנער, וואָס האָט מיטגעמאַכט די יאַפּאַנישע מלחמה און „זוכה" געווען ווידער מאָביליזירט ווערן אין „זאַפּאַס" אין 1914 און אומ־קומען אין סיביר אין 1943. פּעטער מאָטל איז געווען די פרייד און הו־מאָר אַליין, ער פלעגט „אָרגאַניזירן" דעם עלטערן זון פון קאַזיאָנעם ראַ־בינער, דאַוויד, וואָס איז געווען אַן אַלטער בחור, „צערייצט פון צופיל לערנען"; ער פלעגט „אָרגאַניזירן" דאַווידן, ער זאָל זיך אַרײַנכאַפּן אין מיטן אַ פײַערדיקן וויכוח, און נעמען טיילן דעם עולם גלײַכגעשניטענע פּערטעלעך „אשר יצר" פּאַפּיר, וואָס ער פלעגט בדרך כלל טיילן דעם עולם נאָכן דאַווענען, ביים אַרויסגאַנג.

דער קאַזיאָנער ראַבינער זעליגמאַן איז געווען אַ זעלטענער טיפּ פון אַ יידן אַ געלערנטן, אַ משכיל, אַ מופלג, אַ פאַרבאָרגענער ציוניסט, אַן אַריסטאָקראַט און טיפער קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור. דער ראַבינער איז געווען איבערגעלאָדן מיט גוטסקייט און שטענדיקער גרייטקייט אַלעמען צו העלפן דורך זיינע פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער מאַכט, וואָס האָט אים זייער געשעצט. ער איז פרי געשטאָרבן און איבערגעלאָזן צוויי זין, דאַווידן, דעם „צעדרייטן" און יאָסיף כאַצקעל דעם אַקאַדעמי־קער, וואָס איז אין „פינפטן" יאָר געווען אַ פייערדיקער סאָציאַליסט און שפּעטער — — — אַנטוישט אַוועק אין פּריוואַטן לעבן. פריער ווי אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק, און שפּעטער ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה ווי דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „גאָלאָס ביאַלאָסטאָקאַ" אין ביאַליסטאָק. די זעליגמאַנס האָבן פאַרנומען אַ גרויסע דירה אין זיידנס הויז, וואָס איז נאָכן טויט פון ראַבינער געשטאַנען ליידיק, חוץ איין צימער מיט דער קיך, וואו דאַוויד האָט געלעבט. אַלע יאָר צום יאָרצייט פון פאָטער פלעגט קומען צופאָרן יאָסיף־כאַצקעל אויף קבר אבות צו זאָגן קדיש אין זיידנס מנין. יענע שבתים פלעגט זיין שטיל און רואיק ביים דאַווענען, מען פלעגט נישט פירן קיין וויכוחים מחמת כבוד פאַרן גאַסט. דער גאַסט האָט אַלע־מען געקענט פערזענלעך פון זיינע יונגע יאָרן, ער פלעגט אַלעמען דריקן די האַנט און געפּילפּול דאַנקען פאַרן אַכטונג געבן אויפן עלטערן ברו־דער דאַוויד, דעם טרייען שומר פון פאָטערס דירה, וואָס איז געווען פאַר דער משפחה אַ מקום קדוש.

עס דערמאָנט זיך אַ מאַסואווקע אין דער טיף פון אויגוסטאָווער וואַלד, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַן ערשטן מאַי, וואו איך מיט נאָך עטלעכע יוגנטלעכע, האָבן זיך פאַרגנבעט מיט דער הילף פון אַ גרויסן פריינט, דעם שניידער משה „דער קברן", (דער קברן איז גאָר גע־ווען זיין פאָטער ר' אייזיק, אָבער אין „זכות" פון פאָטער האָט מען דעם טיטל צוגעגעבן אַלע זיינע קינדער און קינדס קינדער...). משה דער „קברן" איז געווען אַ בונדיסט, אַ זעלטענער קינדער־ און יוגנט־פריינט, ער וואָלט געווען ראוי צו זיין אַ גוטער פּעדאַגאָג. מיר פלעגן זיך קלעפּן צו אים ווי פליגן צו האָניק. משה פלעגט זיך אָפט אַריינכאַפּן אין זיידנס מנין, ווי

אַ ידיד פון מיין פאָטער, וואָס פלעגט אים געבן אַרבעט אין דער היים. משה דער קברן פלעגט זיין אַ גאַסט אין מנין, ווען מיר פלעגן אים פאַר־בעטן אויף קידוש. משה איז געווען איינער פונעם פאָדערציממער פון זיידנס מנין, וואו ער פלעגט שטיין אָן אַ טלית, און אויסלאַכן די „בורזשואַזע יעזואיטן און פאַראַזיטן". ער פלעגט העלפן דעם פעטער מאָטל אין זיינע מעשי קונדס. ס'דערמאָנט זיך יענער שאָק, בעת צו אונדזער שטוינען האָבן מיר אין וואַלד געטראָפן דעם אַקאַדעמיקער און אַריסטאָקראַט — יאָסיף כאַצקעל. פאַר אונדז יונגוואַרג איז עס געווען אַ גוואַלטיקע אי־בעררראַשונג — ווי קומט ער צווישן די גאַרבערס, די וואַלקערס, די שלאָ־סער', שניידער־ אוּן שוסטער־יונגען? אויף יענער מאָסקאָווקע האָט ער נישט געקעדט, ווייל ער איז שוין געווען ווייט פון סאָציאַליסטישער אַק־טיוויטעט, ער איז געווען צווישן די „נעכטיקע", אָבער דעם ערשטן מאָל האָט ער אָפגעהיט, ווי דאָס גיין אין שול צו „כל נדרי" און יערלעכן באַ־זוכן דעם זיידנס מנין אין טאָג פון פאָטערס יאָרצייט, וואָס איז געווען בערך אין דער זעלבער צייט. שטענדיק פלעגט מען ביי אונדז ציטירן אַ פסוק פון אַזאַ מאַי־רעדע וואָס האָט געזאָגט: — „מיר, רוסישע בירגער מעגן זיך שעמען, די קיטאַיצעס מיט די צעפּ, האַלב־ווילדע מענטשן פון יענער זייט געלן טייך, סוף וועלט, האָבן געוואַגט און באַוויזן צו צע־ברעכן זייערע טיראַנישע זעלבסטהערשער, בעת מיר די קולטורעלע רוסי־שע בירגער האָבן עס נישט באַוויזן"... מיר האָבן זיך טאַקע געשעמט, מיר די 14־15־יאָריקע יידישע יינגלעך, וואָס האָבן געקענט „קיטאַיצעס" (כינעזער) ווי „קונצנמאַכער", אָדער פעדלער, פאַרבלאָנדזשעטע פון דער ווייטער כינע אַזש ביז סובאַלק, און אָט דערוויסן מיר זיך גאָר, אַז זיי זענען גרעסערע „צעלייגער' ווי די רוסישע רעוואָלוציאָנערן...

אין דער גרויסער דירה פונעם פאַרשטאָרבענעם ראַבינער איז פאַר־בליבן אַ רייכע ביבליאָטעק, וואָס איז פאַקטיש געווען מיין „אוניווערזי־טעט". די ביבליאָטעק איז געווען פאַר מיר אָפן, און איך פלעג שלינגען די געבונדענע בענדער „רוסקאַיע באָגאַטסטוואָ", „וואָסכאָד", טשערנישעווו־סקי, פּיסאַרעוו, קאָראָלענקאָ, טאָלסטאָי, פּושקין, טורגעניעוו, כלערליי געבונדענע לייכטערע זשורנאַלן, בראַשורן און יידישע מיט העבראַישע

ספרים, פון פרוג, א. מאַפּו, פּרץ סמאָלענסקי, מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ. דער ספר הישר מיט די וואונדערלעכע מעשיות, מיט בראָשורן וועגן ציוניזם, געדרוקטע אין רוסיש אין אָדעס. מיט מיין לייענען פלעגט קע־רעווען דער פאָטער, וואָס האָט גוט געקענט רוסיש, פּויליש, דייטש, ליט־וויש און אין אַ געוויסער מאָס ענגליש, שוין אָפּגערעדט פון יידיש און העברעאיש. אַרום מיין פאָטערס יונגע יאָרן האָבן זיך געוועבט גאַנצע לעגענדעס, ווייל ער איז דעמאָלט געווען אַ ס. ד., און פּערזענלעך געקענט אַ רייע סאָציאַליסטישע גדולים.

צו די מעגנטשן פון זיידנס מנין האָט געהערט דער „סיבירער", דער שוסטער אינטערשטיין, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אונדזער שטאָט ווי אַ באַפרייטער פון סיביר. איך בין געווען זיין לערער פון יידיש און — — סידור. דער „סיבירער" פלעגט זיך אויך פריינטלען מיטן „יונגן דור" און אַלעמען באַגייסטערן מיט זיינע דערציילונגען פון דער סיבירער פאַר־שיקונג, פון יענע מאַרטירער און פון זייערע וואונדערלעכע העראָישע קאַמפן קעגן צאַריזם. זיין „קאָנקורענט" קרושינסקי פלעגט אים פאַרשרייען ווי אַ „פאַנטאַזיאָר". ערשט יאָרן שפּעטער פלעגן מיר אַזעלכע „סיבירער" דערציילונגען טרעפן אין דער ליטעראַטור, וואָס מיר פלעגן לייענען אויף געהיימע „טשיטקעס" (פאַרלעזונגען) און דעם סיבירערס כבוד איז שטאַרק געשטיגן אין אונדזערע קרייזן. ביז מיר פלעגן אים איינלאַדן אין אונדזע־רע קרייזן ווי אַ לעבעדיקער דערציילער פון יענע רעוואָלוציאָנערע עפּאָ־פּייען. די „רוסישע" פאַטריאָטן פון זיידנס מנין האָבן נאָך געהאַט אַ גאַר וואָגיקן „כוח" אין דער פּערזאָן פון מיליטערישן שניידער מייסטער כאַ־נאָוויטש, וואָס האָט געטיילט זיינע אויסערגעוויינלעך שיינע טעכטער ווי כלות און פרויען פאַר זין פון פּעטערבורגער יידישע מיליאָנערן. כאַנאָ־וויטש האָט אויך געהאַלטן, אַז דער צאַר (ירום הודו...) איז ניט קיין שונא ישראל והא ראיה: — „אָט האָבן מיר אין פּעטערבורג אַ יידישן באַראָן גינזבורג, אָט האָבן מיר יידישע מיליאָנערן ווי מיינע איידעמס. מיר יידן זענען אַליין שולדיק אין אַלע צרות, ווייל מיר לאָזן אונדזערע קינדער טאָן כל דבר אָסור, ווי ציציליסטן און בונטאַרן, אין יעדער מרידה זענען פאַרמישט יידישע זין און טעכטער" — — — דאָ פלעגט שוין אויפ־

שפרינגען משה דער קברן און אויסרופן — „פורישקעוויטש, זובאַטאָוו, פאָן וואַל, דו בורזשויסקער חונף — דו איינער, טשעפּע נישט די טייערע יידישע קינדער" — — — ס׳פלעגט ווערן פריילעך ביז דער פעטער יש־ראל פלעגט אָנהויבן שרייען זיין שטענדיקן נו־נו־אָ... אַ מקום קדוש, נו, נו, אָ, אַנשטאָט דאַוועגען, שטותים, נו, נו, האַ־אָ". אָבער משה דער קברן פלעגט אים איבערשרייען: — „איר ט׳שוין פאַרגעסן בייליסן, איר ט׳שוין פאַרגעסן די פּאָגראָמען, ט׳איר שוין פאַרגעסן". משה פלעגט פייערן און אָנהויבן צוברומען ס׳לידל וואָס פלעגט דעמאָלט אַרומגיין, צווישן „עמך":

ווער ס׳האָט די בלאָט געלעזן,
פון דער באַרימטער שטאָט ביאַליסטאָק,
וואָס פאַר אַן אומגליק דאָרטן האָט געטראָפן,
אין איינע צוויי דריי טאָג.

מערדער לויפן אין די גאַסן,
מיט העק, מיט מעסער אין די הענט געגרייט,
וואו מען האָט נאָר אַ יידן געטראָפן,
געהרגעט, געשלאָגן אויף אַן אָרט אויף טויט...

צייטנווייז פלעגט קומען צום מנין יהודה דער איינבינדער, אָדער משה פידעלע, אַ מאָל דער „פינסקער פעלדשער", דער באַנקיר גליקשטיין און דער אַפּטייקער ריזנבערג (בעת יאָרצייטן) און די מילנער ברידער סמאָ־לינסקי.

יהודה דער איינבינדער איז געווען אַ ווירטואָז אין צוויי „פאַכן", אין שפּילן אין קאָרטן און עסן. ער פלעגט נעמען אַ געבראָטענע גאַנדז פאַר די פיס, איר אויפהויבן, און להבדיל ווי אַ ספר דרייען האַלבע קרייזן „הגבה", און איר אויפעסן און צעקנאַקן מיט די געזונטע ציין אַ יעדערביינדל און פאַרטרינקען מיט אַ קוואָרט שטאַרקע מעד אָדער עפּל־קוואַס.

„משה פידעלע" איז געווען אַן אוניקום. זיין הויך איז געווען ווייניקער ווי אַ מעטער — אַ ליליפּוט, אָבער ער איז געווען אַ ברייטפּלייצי־קער מיט קורצינקע פיסעלעך און לאַנגע הענט. זיין פּרנסה האָט ער גע־

צויגן פון שרייבן בקשות, אָדער בריוו פאַר דינסט־מיידלעך צו זייערע חתנים און להיפך. בלוישטיינס בריוונשטעלער האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק, „וכתוב לבו ביין" פלעגט ער אַראָפּוואַרפן פון רעכטן פוס דעם שטיבלעט, אַריינשטעקן אַ פעדער צווישן פערטן און פינפטן דיקן פינגער און שרייבן, וואָס איר האָט אים געבעטן. נאָך יהודה דעם איינבינדער איז ער געווען דער צווייטער עסער פון שטאָט, אַז מען פלעגט אים פרעגן: — „רבי משה, היתכן? וואו לייגט איר אַזויפיל אַריין אין אייער קליינעם גוף"? פלעגט ער ענטפערן בזה הלשון: „פאַרסטייט איר מיר', אַז אויף יענער וועלט, איידער דער מענטש ווערט געבויערן, גייט ער איבער פאַרסיידענע סקלאַדעס זיך צו נעמען אַלע בויטיקע גלידער, הענט, פיס, לונג און לעבער, נעזער, אויערן, נאַטירלעך אויך מאַגנס. די גלידער זענען צעהאנגען אויף די ווענט, גרויסע און קליינע, מיטעלע וכדומה. אַ גרויסער הויכער מענטש, גרייכט צו נעמען קלענערע סיינע (שיינע) הענט, אינטעליגענטע, אָדער אַ קליינעם איידעלן מאַגן, אָבער אַזאַ קטן ווי איך האָב געמוזט נעמען דעם לענגסטן מאַגן, ווייל כ'האָב ניסט געקאָנט דערלאַנגען צו אַזאַ קליינציקן איידעלן מעגעלע, ווי ס'האָט אַזאַ מיליאָנערסקע מחותן ווי דער וואָיענער סניידער גאָספּאָדין כאַנאָוויץ וכדומה"...

די ברידער סמאָלינסקי פלעגן תמיד פאַרשפּעטיקן צום דאַווענען און על פּי רוב אַריינפאַלן צו דער ערשטער „קדושה", ווי צו להכעיס דעם פעטער ישראל, וואָס פלעגט ברומען „נו־נו־נו־אַ"... דער באַנקיר גליקשטיין איז געווען זייער עמך'דיק, און פלעגט שמחת תורה נאָכן אמתן קידוש ביים זיידן, איינלאַדן דעם עולם אין זיין באַנקירסקער היים מכבד צו זיין מיט ארץ־ישראלדיקן „אייזן" אָדער „כרמל"־וויין.

דער אַפּטייקער ריזנבערג איז געווען איינער פון די ציוניסטישע מנהיגים אין שטאָט. ער פלעגט זיינע רעדעס תמיד אָנהויבן מיטן „מיר מעגן שטאָלצירן מיט אונדזערע סובאַלקער בני עיר, דער קאָמפּאָזיטאָר אַכראָן, דער שרייבער מאָריס ראָזנפעלד, דער ד"ר גליקסאָן (געוועזענער רעדאַקטאָר פון „הארץ" — תל־אביב) מעגן מיר שטאָלצירן מיט זיי ווי די פּאָליאַקן מיט זייער בת עיר מאַריאַ קאָנאָפּניצקאָ, און די רוסן מיט זייער גיבור פון פּאָרט־אַרטור גענעראַל קאָנדראַטענקאָ. — — — מיר

מעגן שטאָלצירן, מעגן מיר, מיט ד״ר הערצלען און מנחם מענדל אוסישקין מעגן מיר׳ און מאַקס נאָרדוי גייט אויך נישט צופוס... (זיין זון דער איי־ביקער סטודענט משה ריזנבערג איז געווען איינער פון די גרינדער פון „פועלי ציון״ אין אונדזער שטאָט, אַ צווייטער זון איז געווען פון די ערש־טע חלוצים און גרינדער פון עין חרוד).

מיר יונגוואַרג, פלעגן נישט איבעריק סימפּאַטיזירן מיטן אַפּטייקער, כאָטש ער איז געווען אַ צוגעלאָזענער און פאַלקסטימלעכער ייד, וואָס פלעגט קיינמאָל זיך נישט אַדרעסירן מיט זיין אַקאַדעמישן מעמד. מיר פלעגן מער סימפּאַטיזירן מיט אַזאַ שניידער געזעל ווי מאָטי „באָק״, — אַן אַלטער אויסגעדינטער זעלנער פון דער צאַרישער אַרמיי, איינער פון די זעלטענע ייזן, וואָס האָט באַקומען אַ „געאָרגיעווסקי־קרעסט״־מעדאַל פון דער דריטער מדרגה מיט אַ שטענדיקער פּענסיע. ווי אַ געוועזענער גיבור פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג אין 1904. מאָטי „באָק״ דער מיליטערי־שער וועטעראַן איז געווען אַן אַלטער עלנטער בחור, אַן אַ קרוב, אַן אַ גואל, ווי אַ „געאָרגיעווסקי־קאַוואַליער״, האָט ער געהאַט דאָס רעכט אָנ־צוטאָן זיינע מיליטערישע קליידער אין יעדער אָפּעציעלן יום־טוב. די אַל־טע מיליטערישע קליידער, האָט ער ווי אַ שניידער אָפּגעהיט ווי די „אויגן אין קאָפּ״, דער מונדיר מיט רויטע פּעטליצעס, מיט גלאַנציקע תמיד גע־פּוצטע מעשענע קנעפּ, די הויזן מיט רויטע קאַנטן — דאָס שטייפע היטל מין לעדערנעם דאַשעק און גרויסער קאָקאַרדע פלעגט ער פּוצן און באַרשטן און פּרעסן. דער שטאָף פון זיינע בגדים איז געווען „שטיגליצער״ מיט אַ „פּאָדקלאַדקע״ (אונטערשלאַק) פון סאַוואַ מאַראַזאָווס באַרימטן סאַ־טין... אָבער צו מאָטיס צער האָט זיך דער שטאָף געגומען אויסרייבן פון צופיל פּוצן, דערצו נאָך ווערן גרינלעך מחמת אַלטקייט, ווי אַ מענטש, להבדיל, ווערט גרוי פון זקנה. יעדן חודש דעם צוואַנציקסטן, פלעגט מען אַ שעה לאַנג הערן ווי ס׳גאַל־מעסער פּאַטשט איבער זיין הויזן־רימען, וואָס ער פלעגט שאַרפן זיך גרינטלעך ריין אָפּצוגאָלן. אין אַזעלכע טעג פלעגט ער צושוואַרצן זיינע ווייסע שטעכעדיקע וואָנצעס און גיין מיט אַ מילי־טערישן ריטם אין טראָט אין קאַזנאַטשייסטוואָ אָפּנעמען די פּענסיע. צו אונדזער שטאָלץ פלעגן אים די פּאָליציאַנטן סאַלוטירן, און אַלע גויאישע

שכנים באַגעגענען מיט אַ „זדראַווסטוואויטיע זעמליאַק"! יענע טעג, פון דער פּענסיע, פלעגט מאָטי זיין וועגעטאַריאַנישן מיטיק פאַרטרינקען מיט אַ פלאַש בייעריש ביר, אַ מחיה!

אין זיידנס מנין פלעגט ער זיצן אין אַ ווינקל, מיט אַן אָפענעם סידור (נישט זעלטן — מיט די אותיות קאַפּויער) און צודרעמלען, אָבער צו קדושה און שמונה עשרה, פלעגט ער אויפשפּרינגען און שטיין אויסגע־צויגן, גלייך ווי אַ סטרונע און אָפּגעוואַרט ביז דער בעל־תּפילה „גייט אויס" — דעם סימן זיך צוריק אַוועקצוזעצן. כדי אים נישט מבייש זיין ביי די ברכות פון אַן עליה, וואָס ער האָט נישט געקענט, פלעגט ער אָפט קריגן „הגבה" — — — און ביי אַזעלכע געלעגנהייטן פלעגט אים מיין פאָטער אויסלייען זיין טלית, ווייל ביי אונדז פלעגן טראָגן טליתים נאָר באַווייבטע. גרויס פלעגט זיין די אייטערקייט אין זיידנס מנין שמחת תורה, ווען מאָטי פלעגט עולה לתורה זיין נאָר מיט „כל הנערים", לכבוד דער געשעעניש פלעגט מיין זיידע געברויכן אַ גרויסן אַלטן טלית. מאָטי פלעגט זיך שטעלן פאַרן ספר מיט אויפגעהויבענע אויסגעשטרעקטע הענט ווי אַ כהן צום דוכענען, מען פלעגט אַזוי אויף אים אַריבערוואַרפן דעם טלית, וואָס פלעגט אויסזען ווי אַ געצעלט, און מיר אַלע פריידיקע יונ־גאַטשעס פלעגן זיך פאַרקלייבן אונטערן טלית, זיך צונויפדריקן אַרום מאָטין ווי הינדעלעך אונטער די פליגל פון אַ הון... און אַז מען פלעגט אויסרופן „צאן קדושים"! פלעגן מיר פריידיק ענטפערן: „מע־ע־ע־ע" — נאַטירלעך פלעגט מאָטי מיטהאַלטן. איינמאָל האָבן מיר געמאַכט אַ שטיקל קאָנספּיראַציע און נעמלעך: מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז בעת מען וועט אויסרופן „צאן קדושים", זאָל קיינער נישט ענטפערן, נאָר מאָטי אַליין. אַזוי איז געווען: נאָכן אויסרוף האָט מאָטי אַליין אויסגעברילט אַ הילכיקן הייזעריקן „מע־ע־ע־ע"...

לכתחילה האָט דער עולם געקייכט פון לאַכן אָבער שפּעטער האָט מען געהאַט עגמת נפש, הלמאַי מען האָט חוזק געמאַכט פון אַ גוטן עלנטן מ'ענטשן. מאָטי האָט זיך באַליידיקט און מער נישט אָנטיילגענומען אין דער „כל הנערים" פרייד צוזאַמען מיט די קונדסים. מיר האָט די פּאַסי־רונג באַזונדערס געקלעמט. כ'האָב אים געוואָלט איבערבעטן, אָבער כ'האָב

נישט געוואַגט. מאָטי איז געווען זייער אַבערגלויביק, ער האָט געגלויבט אין שדים און רוחות, אין עין־הרעס וכדומה. זיין אַבערגלויבן האָט אים צום סוף פאַרטריבן פון אונדזער סביבה. די מעשה איז אַזוי געווען: מאָטיס מיטיק איז באַשטאַנען פון אַ האַלבן ראַזאָוון לעבל שוואַרץ ברויט אָנגע־בראָקט אין אַ ליימענער שיסל פּוטער־מילך („מאַסליאַנקע"), וואָס ער פלעגט אויסזופן מיט אַפּעטיט מיט זיין אַלטער הילצערנער זעלנערישער לעפל. מחמת געוואוינהייט, פלעגט ער די לעפל טראָגן פאַרשטעקט אין אַ שטיוול, ווי אין די אַלטע זעלנערישע יאָרן. ס'מיטיק פלעגט ער עסן ביים וואַרשטאַט, נאָכן עסן אַרויסגיין, אויסוואַשן די שיסל מיטן לעפל און זיך צוריקקערן כאַפּן אַ דרעמל און אַזוי זיצן אָנגעלענט דעם קאָפּ אָנעם האַרטן טיש...

איינמאָל, בעת ער איז אַרויס אויסוואַשן די כלים, האָבן חברה צוגע־נאָגלט מיט אַ טשואַק צום טיש דעם פאַרבליבענעם האַלבן לעבל ברויט. ווי געוויינלעך האָט מאָטי אָנגעלענט זיין גרויען קאָפּ אָן טיש און איינגע־שלאָפן ווי שטענדיק מיט אַ „מוזיק", וואָס האָט געקאָנט אויפהייבן אַ טויטן פון קבר. אַז מאָטי האָט געשנאָרכט האָבן חברה מיט אַ קאַנטיקן פּרעס־קלעצל געגעבן אַ זעץ אין טיש און אויסגעשריען: — „מאָטי, פּאַ־זשאַר... ס'ברענט!" — מאָטי איז אויפגעשפּרונגען אַ צעדולטער פון שלאָף און ס'ערשטע געכאַפּט ראַטעווען דעם פאַרבליבענעם האַלבן לעבל ברויט. צו זיין ווילדער שטוינונג און שרעק, האָט זיך ס'ברויט נישט געלאָזט נעמען פון אָרט... דאָ האָט איינער אויסגעשריען: — „אַנטלויף, מאָטי! לאָמיר אַלע לויפן! אַ טייוול האַלט צו ס'ברויט" — — —

„טשאָרט כליעבאַ דיערזשיט" — האָט מאָטי מיטגעשריען און גע־נומען בהלהדיק לויפן צו דער טיר... אַז מאָטי איז געקומען צו זיך און זיך דערזען אַרומגערינגלט פון דער הילכיקער שטיפערישער חברה חיטים, האָט ער זיך זייער באַליידיקט. נישט געזאָגט קיין וואָרט, אָנגעטאָן דעם ראָק מיט דער היטל, גענומען דעם שיסל און אויף שטענדיק פאַרלאָזן אונדזער וואַרשטאַט. ס'האָבן נישט געהאָלפן די תחנונים פון מיין מוטער, פון פאָטער, וואָס איז נאָרוואָס געקומען צופאָרן, און פון אַ גאַנצער „דע־לעגאַציע" אַרבעטער, אַז מען האָט נאָר געשטיפט, חלילה נישט אויסן צו

זיין אים באַליידיקן. מאָטי איז אַוועק אַרבעטן אין אַ צווייטן עק שטאָט, וואו מען האָט אים ווייליק צוגעטוליעט ווי אַ גוטן געניטן פאַכמאַן און שטילן פריינטלעכן מענטש.

אַזאַ איז בערך געווען דער קליינער אינטימער עולם פון זיידנס מנין, אָט דער עולם, וואָס איז געזעסן יענעם תשעה באב 1914 אויף נידעריקע בענקלעך, אָן שיך, מיט ליכט אין די הענט איבער די קינות. געזעסן פאַר־טייעטע, צעשראָקענע, פאַרטערטע און זיך צוגעהערט צו די ווייטלעכע ערשטע האַרמאַטן־דונערן, וואָס פלעגן ווערן באַגלייט מיט בליצן... אונ־דזער שטאָט איז געלעגן באָענט צו דער דייטשישער גרענעץ... און אַ סך יידישע היימען פון שטאָט האָבן מוטערס און פרויען מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען געפּאַקט די זעקלעך פון די זין און מאַנען וואָס דאַרפן זיך מאָרגן מעלדן אין מיליטער.

ווי היינט, בעת מען דערמאָנט זיך יענע טעג, לעבט מען איבער יע־נעם ציטער, יענע שרעק און דערשיטערונג, וואָס האָט באַגלייט דעם אָנ־הייב פונעם סוף פון פרידלעכן לאַנגיאָריקן איינגעפונדעוועטן לעבן פון יענע שטילע גוטע יידן פון זיידנס מנין און סביבה; אַ לעבן וואָס איז צעבראָכן געוואָרן און צוריק אויפגעקומען און ווידער צעפאַלן ביזן לעצטן חורבן, ביזן סוף פון גאַנצן יידישן ישוב אין יענער ווייטער, ווייטער גרע־נעץ־שטאָט.

* * *

אַ וואָך שפּעטער, איז שוין נישט געווען צו דערקענען נישט די שטאָט, נישט די מענטשן. די געמיטלעכקייט, די רואיקייט איז פאַרשוואונדן. די גאַסן האָבן געשטורעמט טאָג און נאַכט, כסדר פאַרפלייצט פון אָנסופיקע קאַראַוואַנען אַמוניציע, האַרמאַטן, בוידן, וועגענער און טויזנטער, טויזנ־טער זעלנער אין ברוינלעך־כאַקי. אַלץ האָט זיך געצויגן צום מזרח אין אַ נישט איבערגעריסענער קייט.

אָט באַווייזט זיך אין די הימלען דער ערשטער דייטשישער עראָפּלאַן, אַ „טאַובע". ער וואַרפט אַראָפּ סתם אַזוי עטלעכע באָמבעס, וואָס נאָר איינע האָט אויפגעריסן און פאַרוואונדעט אַ פּאָר מענטשן. ס'איז נישט צו

פאַרגעסן, ווי אַזוי זעלנער מיט פּאָליציאַנטן האָבן געשאָסן אויפן אַראָ־פלאַן פון ביקסן, און — לאַכט נישט: — פון רעוואָלווערן...

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן שוין געדונערט האַרמאַטן, מען האָט גע־נומען כאַפּן מענטשן אין די גאַסן (אפילו אַזאַ יינגל ווי איך). מען האָט אונדז געשיקט לענגאויס דעם שאָסיי סובאַלק־ראַטשקי, צו דער גרענעץ, מיט אַ באַפעל צו באַוואַכן די טעלעפאָן־ און טעלעגראַף־ליניעס; יעדערער זאָל זיין באַזאָרגט מיט אַ האַק, אויב עמעצער וועט שעדיקן די ליניעס — געבן איבערן קאָפּ, און אויב ס'וועט געגעבן ווערן אַזאַ און אַזאַ סיגנאַל, זאָלן מיר פאַרניכטן די ליניעס און אויסהאַקן די סלופּעס...

אַזוי נאַאיוו האָבן אויסגעזען די ערשטע שחיטה־טעג פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה.

פאַראומערט און ליידיק זענען געוואָרן אַ סך יידישע און נישט־יידי־שע היימען. די יונגע מענער זענען אַוועק אין קריג און געלאָזן משפחות אָן אַ ביסן ברויט. לכתחילה איז אויך אַלץ רעאָרגאַניזירט געוואָרן אינעם גאַנג פון ציווילן לעבן. די איינציקע, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן די קעפּ זענען געווען די זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי, וואָס האָבן גענישטערט און געזוכט און, נאַטירלעך, געכאַפּט אַנצאָליקע „שפּיאָנען", „נישט זיכערע", „פון 1905", „סאָציאַליסטישע פאַררעטער", פון וועלכע ס'מערסטע זענען געווען מאחינו בני ישראל.

די דייטשישע באַפעלקערונג האָט מען ביזן לעצטן פאַרטריבן אין טיף רוסלאַנד, אָדער סיביר צוזאַמען מיט די „נישט זיכערע", זייער קלויס־טער האָט מען פאַרשלאָסן און פאַרקלאַפּט די טירן מיט ברעטער. „פּאַט־ריאָטישע" רוסישע יינגלעך האָבן מיט שטיינער אויסגעהאַקט די קאָליר־טע שויבן פון די שיינע גאָטישע פענצטער, און דער דייטשישער מקום קדוש, איז געוואָרן אַ מקום מקלט פאַר פלעדערמייז מיט פייגל, וואָס האָבן דאָרטן געפונען שוץ פונעם קאַלטן נאַסן האַרבסט. ביסלעכווייז האָט גע־נומען אויספעלן שפּייז, שפּעטער קליידער, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנ־פיסקאַציעס פון פערד מיט וועגענער, פון פּולע שפּייכלער און סקלאַדעס. מען האָט גענומען רעקווירירן דירות מיט צימערן, דאָ האָבן נישט געהאָלפן נישט תחנונים, נישט פּראָטעסטן, אויף אַלץ איז געקומען די איינציקע

תשובה: „מלחמה"! אפילו אויף די ערשטע טראַנספּאָרטן רויב פון די פאַרנומענע דייטשישע דערפער און שטעטלעך וואָס זענען האַלב אומזיסט פאַרקויפט געוואָרן אין די גאַסן דורך קיינעם נישט געשטערט.

מען האָט גענומען ברענגען די ערשטע טראַנספּאָרטן מיט געהאַקטן מענטשן־פלייש. צוערשטע באַגלייט פון מאַסן באַגלייטער, וואָס פלעגן באַשיטן די פאַרוואונדעטע מיט זיסוואַרג, מיט בלומען און מיטן פּאַטריאָטישן געזאַנג פון „באָזשע צאַריאַ כראַני", אָדער „סלאַווסאַ־סלאַווסאַ־רוס". דאָס באַגלייטן די פאַרוואונדעטע האָט אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט, ביז עס פלעגן די פאַרבלוטיקטע וועגענער נאָכלויפן נאָר קינדער, ביז דאָס האָט אויך אויפגעהערט. אומגעקערט: אַז עס פלעגט זיך באַווייזן אַזאַ בלוטיקער קאַראַוואַן, פלעגט ווערן ליידיק די גאַס. צווישן די פאַרוואונדעטע זענען געווען נישט ווייניק יידן, זעלנער פון דער מינסקער דיוויזיע, וואָס זענען געווען די ערשטע אין פייער. דאָס פאַרגאָסענע בלוט מיטן געהאַקטן מענטשן־פלייש איז געווען פּראָפּאָרציאָנעל צו די שרייאַיקע „פּאָביעדעס — נצחונות", בלוט האָט געטריפט פון די וועגענער אויפן ברוק. מיר זאָגן פון די וועגענער, ווייל זעלטן, זעלטן ווען מען פלעגט זען אַן אַמבולאַנס געשפּאַנט מיט פערד פּאָר — אָפּיצירן. די פאַרוואונדעטע פּשוטע זעלנער פלעגט מען פירן אין רעקווייזירטע פויערישע וועגענער אויסגעבעטעט מיט שטרוי. דאָס געבראַזג און סקריפּעריי פון די באַשמידטע רעדער איבערן חרובן ברוק, פלעגט פאַרטומלען ס'קרעכצן און וויינען פון די צעהרגעטע, שמוציקע, פאַרלייזיקטע מענטשן אין פאַרבלוטיקטע זעלנערישע בגדים.

„מען זאָל נישט געפּרואווט ווערן, צו וואָס מען קען געוואוינט ווערן" — האָט מען זיך צוגעפּאַסט צום נייעם מלחמה־שטייגער. ס'זענען צוריק געעפנט געוואָרן אַלע געשעפטן מיט... ליידיקע וויטרינעס. די גאַרבערייען, די מילן, די טאַרטאַקן און באַלמעלאָכישע וואַרשטאַטן, האָבן ווידער גענומען פונקציאָנירן. ס'זענען נאָר פאַרשטומט געוואָרן די געזאַנגען, די געלעכטערס און באַלמעלאָכישע ליצנות, וואָס פלעגן באַגלייטן דעם רויש פון די ניי־מאַשינען, האַמערס, זעגן און דרילן. ס'זענען אַוועק די ערשטע וואָכן ביז מיר, תושבים אין דער גרענעץ־שטאָט, האָבן גענומען

באַמערקן די ערשטע שפורן פון דער ערשטער רוסישער מפּלה אין מזרח־פּרייסן, אין די מאַזורער געגנטן און ביי קעניגסבערג. אין די נעכט פלעגן מיר זען אָנסופיקע קאַראַוואַנען ווי זיי ציען זיך צוריק פון מזרח צו מערב. ביז מיר האָבן ווידער געגומען הערן די האַרמאַטן־מוזיק. אַזוי ביז, ביז אַ שבת פאַרטאָג, ווען מיר זענען אַריינגעפאַלן ווי אין אַ גהינום, אין אַ ווילדן כאַאָס. צום דונערן איז צוגעקומען דער גרויליקער ניגון פון מאַשין־געווער־שטעפּעריי, וואָס האָבן דערציילט, אַז דער פראָנט איז שוין אָט־אָט, ביים טייך, כמעט אונטער די פענצטער פון דער היים. ווי צעשראָקענע לעמער האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין זיידנס גרויסער עס־שטוב, פאַרלוירענע, צעטומלטע. מען האָט זיך מיישב געווען וואָס צו טאָן, ווי צו האַנדלען. אַ טייל משפחה האָט באַשלאָסן אַלץ איבערלאָזן און לויפן, בעת דער צווייטער טייל האָט אפילו נישט געטראַכט זיך צו רירן פון אָרט, בתוכם דער זיידע מיט דער באָבען.

מיינע עלטערן, באַזונדערס דער פאָטער, וואָס האָבן פּרנסה געצויגן דורכויס פון רוסישן מיליטער און מלוכה־באַאַמטע, האָט נישט „געקאָנט בלייבן ביי די דייטשן", האָט ער געכאַפּט בפּחזונדיק ס'ביסל מזומן, צו פּאָרל וועש, די גרייטע שבתדיקע חלה און פיש מיט... די פיר בנים און צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער און טויזנטער, יידן ווי נישט־יידן פון דער געגנט אַרום, ווי פון דער שטאָט גופא, זיך אַריינגעוואָרפן אינעם גאַנג פון כאַאָטישן קאַראַוואַנען־שטראָם, אויסגעמישט פון ציוויליסטן מיט מי־ליטער, וועגענער מיט אַמוניציע, וועגענער מיט קראַנקע און פאַרוואונדע־טע, האַרמאַטן, און וועגענער מיט פּרויען, קינדער, זקנים... מיט וועגענער זאַקרויב פון מזרח־פּרייסן, וואָס פּויערים און רוסישע זעלנער האָבן אָנ־געטריבן... אַלץ איז געלאָפן, געלאָפן און געטריבן פאַרויס, באַהערשט פון פּחד, וואָס די קאַנאַנאַדע האָט אָנגעוואָרפן אויף אַלץ און אַלעמען.

איינער האָט זיך באַמיט איבערצולויפן דעם צווייטן, דורס צו זיין אַלטן, שוואַכע, פאַרוואונדעטע און קינדער. באַזונדערס אימהדיק זענען געווען די רעשטן פון די צעשמעטערטע צאַרישע גוואַרדיע־רעגימענטן... נאָך אימהדיק־גרויזאַמער זענען געווען די קאָזאַקן, אין זייער חיהשן גע־לאַף מיט אַ ווילדער קוויטשעריי, שמייסנדיק מיט נאַהייקעס, מיט סאָ־

דיסטישן טריב אַלץ און אַלעמען, אַפילו פּאַריואונדעטע רוסישע זעלנער, אַנגעלענטע איינער אָן צווייטן. דאָס גרויליקסטע איז געווען דאָס מפקיר זיין די פאַרוואונדעטע פראַנט־קעמפער, וואָס מיר, ציווילִיסטן, פלעגן העלפן מיט אונדזערע לעצטע ביסנס. מיר פלעגן זיי איבערבינדן, דער־לאַנגען אַ טרונק און דינען ווי אַן אַנלען, אַפילו אָפּטרעטן די ערטער אויף די געדונגענע וועגענער און אַראָפּגעוואָרפן די פעקלעך. דער אימה־געלאַף האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ צענדליק קילאָמעטער. ביז, ביז, דייטשישע גראַנאַטן האָבן גענומען פאַלן אין דער מענטשן־געדיכטעניש און איבער די קעפּ האָט גענומען האָגלען מיט אַנגעגליטע שראַפּנעל־שפּליטערס, האָט מען גענומען פאַרלאָזן די שאָסיי־סטעגנגע און זיך צעשפּרייטן אין די אָפּגעשניטענע תבואה־פעלדער, פאַרלאָרן איינער דעם צווייטן, אַוועקגע־וואָרפן די פעקלעך... און אַזוי זענען מיר געלאָפן פון פאַרטאָג ביז שפּעט נאָך מיטיק־צייט, ביז מיר זענען געקומען אין אַ וואַלדיקער געגנט, נאָענט צום שטעטל סייני, וואו אַפּאַטישע גלייכגילטיקע זעלנער האָבן ווי ניִשט איז פּרובירט סטאַביליזירן אַ נייע פראָנט־ליניע, געגראָבן שוץ־גראָבנס אויף אָפּצוהאַלטן דעם דייטשישן אָנגריף.

נאָך אַזויפיל יאָרן פאַרגעסט זיך נישט דאָס בילד ווי אַ פערד צע־ריסן אויף צווייען ענדיקט אַרויסוואַרפן פון זיך די צואה, און דאָס בלוט גיסט זיך...

אַזוי האָבן מיר אָנגעשפּאַרט ביזן קאַטוילישן גלחים־סעמינאַר פון סייני, וואו מען האָט געהאַלטן אָפן די טויערן פון רחבותדיקן הויף. אין הויף זענען געשטאַנען גרייט קעסלען הייסע שפּייז מיט „קיפּיאַטאָק" (קאָ־כעדיקע וואַסער), וואָס יונגע גלחים מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל האָבן גע־טיילט „כל דיכפין", נאָר מיר יידן האָבן אויסגעמיטן דעם קלויסטער און זיך געטוליעט צו די אָרטיקע צעשראָקענע יידן, וואָס האָבן דערוואַרט דעם זעלבן גורל ווי אונדזערן.

ס'דערמאָנט זיך אויך די שאָדן־פרייד פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן אונדז באַגעגנט. „האָ־האָ, — האָבן זיי בקול רם געטענהט — אָט קומט דער סוף פון צאַרישן יאָך איבער פּוילן" — פלעגן אונדזערע ענטפערן מיט אַ פראַגע: — „וועט אייך לייכטער זיין דער פּרייסישער יאָך?"

מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער קאַנאַדע, זיך אַביסל אָפּגערוט, און זיך געלאָזט ווייטער לויפן אין דער ריכטונג צום ניעמאַן, האָבנדיק דעם איינדרוק, אַז „דעם ניעמאַן וועלן שוין די דייטשן נישט אַריבערגיין". אויף די ברעגעס פון ניעמאַן שטייען צוויי באַרימטע פעסטונגען מיט פאָרטן: גראָדנע און קאָוונע, און פון יענער זייט ניעמאַן לעבן מיין פאָטערס עלטערן און משפחה, אין סעריי. נאָך עטלעכע מעת־לעת עינויים זענען מיר בשלום אָנגעקומען אין דרוסקעניק, אין דער רחבותדיקער דאַטשע־הויז פון מיין זיידן ר' דניאל און די קליינינקע האַרציקע באָבע הע־ניע מיט פעטערס, מיט מומעס, מיט נאָך קרובים, וואָס האָבן אונדז אויפ־גענומען מיט אָפענע אָרעמס און אָפענע הערצער. בעת מיר האָבן זיך געהאַט אויסגעזעצט ביים טיש וואו אַ סאַמאָוואַר האָט געזונגען, האָט מיין מוטער באַמערקט:

— „זעט, קינדער, ווי ביים פאָטער זענען ווייס געוואָרן די פאות". דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר ראש השנה 1914.

* * *

דרוסקעניק איז דעמאָלט איבערפולט געוואָרן מיט פליטים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די ליידיקע דאַטשע־דירות, אָבער אונדז איז געווען „וואויל און גוט". מיר זענען געקומען אין פאָטערס געבורט־שטאָט אין אַ צווייטער היים, וואו ס'האָט „געקיניגט" דער זיידע ר' דניאל, אַ ייד ווי אַ דעמב, הויך, שלאַנק, אַ ריז מיט אַ ווייסער זילבערנער באָרד, מיט אַ קליינינקער ליבער האַרציקער באָבע העניע, אַזאַ סובטעלע, מיט ווייכע סאַמעטענע אויגן, מיט קליינינקע קנאָכיקע אויסגעפּראַצעוועטע הענטע־לעך. אַ יידישע באָבע און מוטער, וואָס האָט פאַרטיילט אַ האַלבן טוץ זין מיט טעכטער די גאַנצע סביבה פון באָסטאָן (מאַסאַטשוזעט) אין אַמע־ריקע. חוץ זיי האָבן מיר דאָרטן געהאַט אַ פעטער בערע לייב, אַ ייד אַ למדן, און אַ מומע בושקע, וואָס פלעגט נישט באַווייזן וויקלען און שטאָפּן דעם טאַבאַק אין גילזן ס'זאָל קלעקן פאַרן פעטער בערע־לייב, פאַרן זיידן, און פאַר די צוגעקומענע געסט, און מעשה וואונדער האָט זי אַליין געררוי־

כערט איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן, אַפילו בפרהסיה אין גאַס. די מענטשן פון דרוסקעניק זענען שוין געווען געוואוינט צו די „מעשה דופן" פון ר' דניאלס קינדער. און מיר האָבן דאָרטן געהאַט פריילעכע קוזינען, מיט קוזינקעס, מיט קרובים, מיט נאָך גוטע רואיקע טייערע פרידלעכע ליטווישע יידן, וואָס האָבן אונדז צוגעטוליעט, געטרייסט און געשטאַרקט. ס'איז ערשט געווען די ערשטע מלחמה־וואָכן 1914, די דרוזקעניקער יידן האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז בסך־הכל אַ צוויי וואָכן שפּעטער וועלן אויך זייערע היימען ליגן חרוב אין בערג ציגל מיט אַש אויסגעמישט מיט בלוט און טרערן...

מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן קומען צו זיך, ווי: — פרייטיק, ערב „שבת שובה" 1914, בעת מיין זיידע האָט פאַרריכט די טיר פון אייזקעלער און איך האָב אים דערלאַנגט ברעטלעך, האָט אַ מוראַדיקער דונער געטאָן אין דער נאָענט, אַ האַרמאַטן־קויל איז געפאַלן נישט ווייט פונעם קלויסטער — — — קאָזאַקן לויפן ווידער ווי מטורפים אויף זייערע פלינקע פערד, מיר שטייען ווידער מיט די פּעקלעך גרייט צו לויפן אין וואַלד, אין דער ריכטונג צו ווילנע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין סך צייט זיך מיישב צו זיין, זיך פאַרבינדן מיט דער משפחה, מיר האָבן זיך נאָר געבעטן ביים זיידן און ביי דער באָבען זיי זאָלן נעמען, וואָס זיי קענען, און גיין מיט אונדז... ביידע אַלטע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אויף ניין, „מיר לויפן נישט פון דער היים, ניין!"

באַגלייט מיט זייערע שטומע ברכות, האָבן מיר פאַרלאָזן דעם הויף נישט צו באַוויזן ווייט אַוועקצוגיין. אין אַ פערטל שעה צייט איז דרוסקעניק, וואָס איז דעמאָלט געווען געבויט פון האָלץ, געשטאַנען אין פלאַמען. די שיינע קוראָרט־שטאָט האָט געברענט פון אַלע זייטן. העל, טרוקן. באַמבעס זענען געפאַלן פון הימל ווי האָגל אויף שריט און טריט. אין די גאַסן זענען געלעגן טויטע אין טייכלעך בלוט. עס האָבן זיך געוואַלגערט פאַרוואונדעטע, וויינענדיקע, קרעכצנדיקע, אָן דער מינדסטער הילף. גאָרנישט איז געווען צוגעגרייט, אָדער אָרגאַניזירט צו באַגעגענען דאָס שלעכטס. מיר זענען ווידער אין אַ גהינום־כאַאָס, אין בהלהדיקן לויפן... אָט שטייט ער, דער פּאָפּ, אַ גברן אין אַ ריזע, ער שטייט ביים אַריינגאַנג

פון צערקווע און שאָקלט מיט אַ גרויסן זילבערנעם צלם, זינגט אונטער עקסטאַזיש: „באָזשע ספּאַסאַי מאַטושקו ראָסיו, האָספּאָדי פּאָמילוי, — גאָט ראַטעווע די מאַמעלע רוסלאַנד, דערבאַרעמדיקער האַר!"

דער האַר אין הימל האָט זיך יענעם בלוטיקן פרייטיק נישט דערבאַרעמט אויף דער פרידלעכער, פּרעכטיקער דאַטשע־שטאָט, נישט אויפן פרומען פּאָפּ. אַ שראַפּנעל־שפּליטער האָט אים אָפּגעריסן די האַנט צוזאַמען מיטן צלם און צוגעפּאַטשט צו דער וואַנט... דאָס דונערן האָט געשטיקן, די היץ פון די שריפות האָט אָנגעגליט די לופט, דער רויך האָט געשטיקט און געוואָרגן, און מיין צעטומלטער פאָטער שרייט צו מיר: — „כ'האָב פאַרגעסן די נייע קאַלאָשן"...

מעשׂי ניסים זענען מיר געקומען צולויפן לעבעדיקע און גאַנצע צום וואַלד, וואו מיר האָבן באַגעגנט דאָס באַקאַנטע בילד: רוסישע זעלנער האָבן אַפּאַטיש און גלייכגילטיק געגראָבן שוץ־גריבער, רויכערנדיק שאַרפע מאַכאָרקע, געוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר. מען באַמיט זיך אַפילו אונדז נישט צו וואָרענען, נישט צו פאַרטרייבן בעת מ'ר דרייען זיך דאָ אין דער מיט צווישן רוסישן און דייטשישן פראָנטאַלן פייער. דאָ קומט צו זיך מיין פאָטער, דער אויסגעדינטער זעלנער. ער ווערט דער „קאָמאַנדיר" פון דער צעטומלטער פּליטים־גרופּע און באַפעלט: — „זיך לייגן אויף דער ערד, זיך אויסציען פלאַך, פלאַך". פאַלן מיר כורעים. מיר ציען זיך אויס, און הערן דעם קוילן־פייף איבער די קעפּ, איבער די שפּיץ־ביימער, אַ פּאָר סעקונדן שפּעטער — דונערן־אויפרייסן. — „אויפשטיין און לויפן!" — קאָמאַנדירט מיין פאָטער, שפּרינגט מען אויף און מען לויפט...

— „זיך לייגן און קריכן!" — לייגט מען זיך ווידער און מען קריכט אויף אַלע פיר... אַ ווילדער אימפּעט טראָגט אונדז פאָרויס. ס'איז טרוקן אין מויל, קינדער וויינען נישט, מיר שפּאַרן פאָרויס. וואו? קיינער ווייסט נישט. דער פאָטער ווייסט יאָ, ער ווייסט דעם גאַנג פון דער זון, וואו זי גייט אויף, און וואו זי פאַרגייט. ס'איז זיין וואַלד, דער וואַלד פון זיין קינדהייט און יוגנט. — „פאָרויס, פאָרויס!" — שרייט דער פאָטער...

נעכטן

אַזוי קריכן מיר, שטייען מיר, גייען, פאַלן, קריכן, לויפן — ביז עס פאַלט צו די נאַכט.

מ׳יר זענען אַרויס פון דער פייער־ספערע און זיך דערקליבן צו אַזאַ ישוב אָדער דאָרף סקלערי, וואו ס׳האָבן געלעבט עטלעכע יידישע משפחות צוזאַמען מיט ליטווישע פּויערים, אין גרויסע הילצערנע הייזער, מיט שטרויענע דעכער.

מיר ליגן האַלב פאַרחלשטע אין שטרוי, וואָס מען האָט אונדז אויס־געבעט. פון ווייטן ברענט דרוסקעניק. ס׳ברענט דער וואַלד, דאָס אימה־דיקע רויטע ליכט שפּרייט זיך בלוטיק איבער די הימלען, פון וואַנען עס קוקט אַרויס אַ פּיצעלע פון אַ לבנה. דער רויך פון ווייטן איז אויך רויט, די הערצער וויינען פון אומרו און ציטער פאַר די פאַרבליבענע אין גהינום. ווילן די עלטערע פאַרטומלען דעם אומרו נישט צוצוגעבן צער די פרויען און עלטערע קינדער. ס׳איז פרייטיק צו נאַכט, שטייען זיי, די עלטערע יידן, און זינגען:

התעוררי, התעוררי, כי בא אורך,
קומי, קומי אורי,
התנערי מעפר קומי...
עורי עורי שיר דברי
והיו למשיסה שאסיך...
לכה דודי לקראת כלה,
פני שבת נקבלה.

איך ליג אין שטרוי, די מ׳ורדיקע מידקייט און דערשיטערונג פילן אָן אַלע גלידער, דיין גאַנץ לייב און לעבן מיט עפּעס אַ שווערקייט ווי מיט בליי. דאָס דאַוונען שלעפּערט דיר איין און טראָגט דיר אַוועק ווייט, ווייט צום זיידנס מנין, צו יענע פריידיקע רואיקע קבלת־שבת־אָוונטן...

מיר זענען געווען די „גליקלעכע”, וואָס האָבן באַוויזן אַנטלויפן אין דער לעצטער רגע.

בעת דאָ האָט געוויינט דער צעבראָכענער „לכה דודי” געזאַנג, איז שוין פון דרוסקעניק ווייניק געבליבן. די באַפעלקערונג איז געלעגן אין

קעלערס, אין גריבער, אין גראָבנס... נישט ווייניק זענען יענעם פרייטיק באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט. ווער ס׳איז דערשטיקט געוואָרן אונ־טער די חורבות און ווער פאַרברענט. ווער ס׳איז אָפּגעלאָפן מיט בלוט אָן מעדיצינישער הילף און ווער ס׳איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער... יענעם פרייטיק איז די אַלטע דרוסקעניק מיט די געשניצטע גאַניקעס, קאַרניזן און דאַטשעס, חרוב געוואָרן ביזן יסוד, אָבער די רוסישע אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן אַ „נצחון״, — אָפּגעשטעלט די דייטשישע אָפּענסיווע.

יענע טעג איז דער ניעמאַן, דער באַזונגענער ליטווישער טייך, גע־פלאָסן רויט, פול מיט טויטע דייטשן, טויטע רוסן, מיט אָנגעשוואָלענע פגרים פון פערד...

מיר זענען אָנגעקומען קיין לענטפעראַווע, און פון דאָרטן, מיט דער באַן, אין דער שפּרודלדיקער, אויפגערודערטער, „ירושלים דליטא״, אין ווילנע, וואו מיר האָבן זיך „איינגעאָרדנט״ 16 נפשות, אין אַ נאַסן קאַלטן טוכלען האַלב־קעלער־צימער, אויף זאַוואַלנע גאַס, נישט ווייט פון די האַ־לעס. עס דערמאָנען זיך יענע ערשטע פּליטים־טעג אין ווילנע, וואו מיר פלעגן תאווהדיק פאַרצערן שטיקלעך טרוקן ברויט, וואָס דער פאָטער פלעגט אונדז א ו י ס ט יי ל ן מיט ציטערדיקע הענט, נישט קענענדיק קוקן אונדז אין די אויגן...

פון יענעם ביטערן קאַלטן האַרבסט אין ווילנע, אין 1914, איז מיר פאַרבליבן אין זכרון די ערשטע פאַרדינסטן אין מיין לעבן. איך פלעג אָפּשטיין 5־6 שעה אין דער ריי ביי די בילעטן־קאַסעס אויפן ווילנער וואָקזאַל, אויפשטיין אין מיטן נאַכט, ציטערן אַ הונגעריקער פון קעלט, כדי אין דער פרי אָפּצוטרעטן מיין אָרט אין דער ריי אַ רייכן סוחר, אָדער סתם רייזנדער, פאַרן פּרייז פון 50־60 קאָפּיקעס, אַמאָל אַ גאַנצן רובל; דעם פאַרדינסט ברענגען „אַהיים״ אויף זאַוואַלנע גאַס, צו קויפן ברויט. וואָרום שטרענג איז געווען דעם פאָטערס פאַרבאָט, נישט צו נישטערן אין די „קיכן״, וואָס כלערליי געזעלשאַפטלעכע קרייזן האָבן אויפגעמאַכט צו הילף דעם ערשטע גרויסן פּליטים־שטראָם פון די אָקופּירטע גרענעץ־גע־ביטן ביז דער ניעמאַן־ליניע. אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן מיר גע־פונען אין ווילנע משפּחה, גוטע פריינט מיט באַקאַנטע, וואָס האָבן אונדז

אויפריכטיק געהאָלפן איבערקומען די היימלאָזיקייט מיט די צרות, און מיר שליסן די פרשה מיט אַ טרויעריק בילד, וואָס איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג.

דער צאַר, ניקאָלאַי דער צווייטער, אונטערוועגס אויף אַ באַזוך אין שטאָב פון מזרח־פראָנט, האָט באַוויליקט צו באַגליקן ווילנער באַפעלקערונג מיט אַ קורצן באַזוך. עפּעס אַ קלייניקייט! — דער צאַר אַליין האָט זיך געלאָזט באַזוכן און דערמונטערן זיינע געשלאָגענע זעלנער... איך, מיט נאָך אַזעלכע פון מיינס גלייכן, האָבן זיך פאַרקליבן ערגעץ אויף אַ פאַרקאַן אויף דער קאַווקאַזער גאַס, נישט ווייט פון וואָקזאַל, אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם לעגענדאַרן צאַר, אָבער מיר האָבן זיך זייער, זייער שווער אַנטוישט, אָנקוקנדיק זיין מאַיעסטעט, ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטשן ירום הודו, אנשטאָט דעם צאַר פון די אָנצאָליקע בילדער אומעטום, דעם הדרת פּנים, דעם גבור, דעם גברן־קעניג מיט דער שווערד אין האַנט, אָדער אויסגעצירט אין די מלכותדיקע בגדים, האָבן מיר דערזען אַ מיטלוואוקסיקן מענטשעלע אין אַן איינפאַכן זעלנערישן שינעל, מיט אַ בלאָנד בערדל און וואָנצעס, אַ פשוטע גרויע פּאַפּאַכע — אַ נעבעכדיקער אויסזען, וואָס האָט גיכער דערמאָנט אַן אײדעם אויף קעסט ווי אַ קיסר, דער קיסר פון רוסלאַנד.... אַלץ וואָס איך האָב דעמאָלט געזען, איז געווען אין אַ שרייאיקן ווידערשפּרוך צו מיין יוגנטלעכער פאַנטאַזיע פון אַ ווייסן צאַר, אַ ריז... כ'האָב אין מיין אַנטוישונג געטראַכט: אַט דאָס איז אַלץ? אַט דאָס מענטשעלע, איז עס דער כל יכול, וואָס וואַרפט אַן אַזוי פיל פּאַטריאָטיזם אויף מיליאָנען, ביזן ווילן צו גיין פאַר אים דערהרגעט צו ווערן?... אַט דאָס נעבעכדיקע מענטשעלע, וואַרפט עס אויך אַן אַזוי פיל אימה אויף „זיין" לאַנד און אויף גאַר דער וועלט... אַט דער... אָבער שרעקלעך איז געווען מיין דערשיטערונג צוצוזען ווי פון צווישן די שפּאַליערן זעלנער און ציווילּיסטן שפּאַרט זיך דורך אַ גרופּע יידן, בראש מיט די רבנים פון ירושלים דליטא — ווילנע... זיי דערנענטערן זיך ווי וואַקלענדיק צו דער צאַרישער סוויטע און דערלאַנגען איינעם פון זיי אַ מתנה פאַר זיין מאַיעסטעט, דעם צאַר — אַ ספר תורה אין אַ העל־בלויען סאַמעטענעם מענטעלע, מיט כתר מיט גלעקעלעך אַרום,

ווי מען וואָלט אָט די אויסגעקושטע הייליקייט אַרויסגענומען פון זיידנס ארון קודש...

דעמאָלט האָב איך גענומען באַנעמען און פאַרשטיין פון וואַנען, פון וועלכן קוואַל אונדזער קינדער־פריינד משה דער קברן, האָט געשעפּט זיין שנאה־תוכחה כלפי די א יי ג ע נ ע יידישע „באַלעבאַטים, בורזשויעס און גבירים". דעמאָלט האָב איך באַגריפן הלמאַי זיין קוואַליפיצירן די אייגענע יידישע ניקאָלאַיעווסקע פּאַטריאָטן ווי „קריכער־חונפים" וכדומה, פלעגט זיי טרעפן שווערער און פיינלעכער ווי אַנדערע, אַ סך סך שאַר־פערע, עפּיטעטן.

— אַ ספר תורה, דאָס הייליקסטע פון פרומען יידן, — דעם צאַר ניקאָלאַי אַ מתנה...

כ'האָב אַלץ אין אָטעם דערציילט מיין פאָטער, און ער האָט עס מיר אויפגעקלערט אומגעקערט:

— „אָט אַזאַ דעלעגאַציע, מיין בכור, סימבאָליזירט אונדזער מצב, דעם יידישן מצב אין צאַרישן רוסלאַנד"...

כ'האָב עס דעמאָלט שווער פאַרשטאַנען.

פאַרברענטע יאָרן

פורים 1915, האָבן די דייטשן צום צווייטן מאָל אָקופּירט מיין געבורט־שטאָט סובאַלק. יענער פּורים איז מיר באַזונדערס געבליבן איינגעקריצט אין זכרון, ווייל יענעם טאָג, בעת פונווייטן האָבן געדונערט האַרמאַטן, און אין שטאָט האָט געהערשט אַ תוהו ובבהו, האָב איך זיך אַנגעשלאָסן אָן דער אומלעגאַלער פּועלי ציון גרופּע, וואָס האָט זיך דאָן פאַרזאַמלט אין אַ קאַפע אַרום אַ ביליאַרד־טיש, אַ שמועס טאָן וועגן מצב אין שטאָט. מען האָט זיך באַגעגנט בחפּזונדיק, דורך קיינעם נישט איינגעלאַדן, וויסנדיק, אַז יעדע רגע וועט עפּעס געשען. די עצם באַגעגעניש אין אַ זאַ שעה, ביי אַזעלכע אומשטענדן, איז פאַר מיר געווען אַ טיפע איבערלעבונג. — אָט, אַ בחור פון 15 יאָר, צווישן דערוואַקסענע מענטשן, אַ פּאָר סטודענטן, אַ פּאָר מוניציפּאַלע באַאַמטע, אַ פּאָר אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דער ראש המדברים איז דער בוכהאַלטער טשארנעס, וואָס האָט אַ כוח, אַפילו ביי אַזעלכע אומשטענדן ביים שמועסן וועגן אַזעלכע וואָכעדיקע ענינים, ווי יאָ אָדער נישט אַנטלויפן צוזאַמען מיטן געשלאָגענעם רוסישן מיליטער, צו קענען אַריינוואַרפן פּסוקים וועגן סאָציאַליזם, ציוניזם, וכדומה.

ס'געדענקט זיך דער שאַרפער פייף פון פּאַטרול, וואָס האָט סיגנאַליזירט מען זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. מיר זענען איינציקווייז אַרויס אין גאַס און געזען ווי די דייטשן שפּאַנען שוין אין גאַס אין דיסציפּלינירטע שורות, זינגען „גלאָריאַ־וויקטאָריאַ", נישט אָנרירנדיק קיינעם. — אַפילו נישט קיין... יידן.

אומגעקערט: כּלפּי די באַגעגנטע צעשראָקענע יידן, האָבן די דייטשישע זעלנער אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט, מכבד געווען מיט משונהדיקע ציגאַרעטן אָן מונדשטוקן און זיך געפרעגט וואו קען מען קויפן... פּוטער. אין אָנבליק פון די דעזאָרגאַניזירטע, געשלאָגענע, אַרומגעריסענע, שמור־

ציקע, רוסישע פראַנט־זעלנער, וואָס זענען געגאַנגען ווער מ'ט אויפגע־הויבענע הענט, און ווער מיט איבערגעדרייטע ביקסן, — האָבן די דייטשישע באַטאַליאָנען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלעמען.

אין געציילטע טעג, האָט די אָקופּאַציע־מאַכט אַלץ געהאַלטן אין אירע הענט. צו אונדזער פרייד און שטוינען, האָט זיך דער קאָמענדאַנט געווענדעט צו דער באַפעלקערונג „אַפצוהיטן רו און אָרדענונג״ מחוץ אין דייטש לשון, אויך אין פויליש און אין ייִדיש.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָבן מיינע בני עיר געזען אַן עפנטלעכע מלוכה־ווענדונג אין יידיש לשון, געדרוקט אין אַ פריינטלעכן סטיל צו די „ליבע יודען״, די פוילישע שונאי ישראל צום פּלאַצן. ס'דוכט מיר, אַז די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט דעמאָלט, אין דער תקופה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, לעגאַליזירט עפנטלעך יידיש ווי אַ שפּראַך, ווייל ס'רוב קאָמוניקאַטן צו דער באַפעלקערונג, זענען פּובליקירט געוואָרן אויך אין יידיש. אַ יאָר שפּעטער, בעת מען האָט פאַרפליכטעט די באַפעלקערונג צו טראָגן פּעסער, זענען פאַר די יידן אָפּגעדרוקט געוואָרן פּעסער, מיט יידישן טעקסט צוזאַמען מיטן דייטשישן.

די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ יידישע טאָג־צייטונג אין יידיש: „די סובאַלקער נאַכריכטן״, און איינגעפירט יידיש, ווי די צווייטע שפּראַך נאָך דייטש, אין אַלע פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער.

וואָס ווייטער און טיפער די דייטשן זענען אַריינגעדרונגען אין די שטחים פון פוילן, ליטע און קורלאַנד, אַלץ שטרענגער איז געוואָרן זייער באַציאונג צו דער באַפעלקערונג. לכתחילה האָט מען אונדזער שטאָט באַלייגט מיט אַ געלט־קאָנטריבוציע, און איידער וואָס ווען, פאַרנומען ווי ערוביניקעס די פני פון שטאָט, יידן ווי נישט־יידן. די דייטשן האָבן דאָס איינמאָנען די קאָנטריבוציע אַרויפגעלייגט אויף דער „מוניציפּאַליטעט״ און גמינע. דערנאָך האָט מען ביסלעכווייז גענומען קאָנפיסקירן די שפּייז און קליידער־רעזערוון, מאַשינען, גומי, לעדער, טוך, לייוונט, פערד און קי. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען ראַציאָנירט די רעשטן שפּייז־פּראָדוקטן און פאַרטיילט ברויט־קאַרטן. דאָס ברויט האָט מען געבאַקן נישט פונעם פאַרכאַפּטן ריינעם גוטן מעל, נאָר פון געבראַכטע פסלות,

פון אַזאַ מישונג פון געמאָלענעם גערשטן, האָבער, קוקורוזע מיט אַ קליינעם פּראָצענט קאָרן אָדער ווייץ. די דייטשן האָבן אין אונדזער געגנט אויפגעשטעלט אַ פאַבריק, וואו מען פלעגט כעמיש נייטראַליזירן געמאָלענע האָלץ־שפּענער, און עס צומישן צום מעל.

ווי רויבער האָבן זיך די דייטשן געוואָרפן אויסהאַקן די געדיכטע וואונדערבאַרע אַלטע אויגוסטאָווער וועלדער. צו דער מלאכה האָט מען געכאַפּט מענטשן אין די גאַסן אויף צוואַנגס־אַרבעט. זיי געשיקט אין די אויפגעשטעלטע טאַרטאַקן פון פלאָטשיצנע, וואו מען פלעגט טאָג און נאַכט שניידן און זעגן די קלעצער אויף באַלקנס און ברעטער מכל המינים און אַלץ טראַנספּאָרטירן קיין דייטשלאַנד. שפּעטער איז אַרויס אַ באַפעל, אַז יעדער ציוויליסט פון „מענלעכן געשלעכט" איז פאַרפליכטעט צו באַגריסן אַ יעדער דייטשישן אָפיציר מיטן אָפּטרעטן אים דעם וועג און ציען די הוט. די דייטשן האָבן ווי היישעריקן פאַרפלייצט און אויסגערויבט אַלע אַרומיקע דערפער, ביז ס'האָט זיך לכתחילה אָפּגעשטעלט דער נאַרמאַלער שפּייז־צופיר צו דער שטאָט. אַ סך פאַראָרעמטע אויסגערויבטע פויערים זענען אַזוי אַרום „פּריוויליק" אַוועק העלפן די דייטשן אויסצוהאַקן די וועלדער פאַרן פּרייז פון ביסן טרוקענעם שלעכטן ברויט.

אָט אַזוי, ביסלעכווייז, האָבן מיר דערפילט די אייזערנע פּרייסישע מיליטער־פויסט, וואָס איז באַזונדערס שווער געפאַלן אויף אַ סך יוגנטלעכע, געכאַפּטע אָדער געצוואונגענע צו גיין אויף צוואַנגס־אַרבעט. די געפאַנגענע ציוויליסטן האָט מען געהאַלטן ווי קאַטאָרזשניקעס, אויסצופירן די שווערסטע אַרבעטן פון זון־אויפגאַנג ביז שקיעה, אויסגעצאָלט וועכנטלעך פּרוטות, כסדר צו לעבן אין הונגער.

די שטאָטישע באַפעלקערונג האָט גענומען ליידן פון ביטערער ניוט. אָן אַרבעט, אָן פּרנסה און אָן ברויט. ס'איז אַוועק אַ קנאַפּער יאָר און עס זענען צוגעקומען נייע פּראָבלעמען ווי צו דערווערבן אַ שוך, אַ בגד, אַ שטיקל זייף, אַ ביסל זאַלץ.

ס'איז אויפגעקומען אַ נייער שיכט מלחמה־גבירים, פּאָדריאַטשיקעס, חונפים און אַגענטן, וואָס פלעגן העלפן די דייטשן אין זייערע רויב־אַקציעס. ס'האָבן זיך באַוויזן די מאַראָדערן און מלחמה־ספּעקולאַנטן, שמוג־

לער׳, מעקלער, זונות און רואי זונות, פון וואָס מיר האָבן פריער נישט געוואוסט. אָט די ברואים פלעגן זיך גרויסן, הוליען און ווילדעווען, שיכורן צוזאַמען מיט די דייטשן, זיך אויסגעלאַכט פונעם צאָרן פון דער באַפעל־קערונג. ס׳האָט זיך זיי געדוכט, אַז די מלחמה מיט דער אָקופּאַציע וועלן זיך קיינמאָל נישט ענדיקן.

עס דערמאָנט זיך די באַגעגענישן מיט די ד י י ט ש י ש ע יידן, וואָס האָבן זיך פיין אָנגעזען אין אַלע פאָרמאַציעס פון דער דייטשישער אַרמיי. אַפילו צווישן די אָפיצירן, באַזונדערס דאָקטוירים, יוריסטן, אַדמיניסטראַ־טאָרן, וכדומה. לכתחילה איז שווער געווען צו דערקענען אַ דייטשישן יידן, אַ פאַרפּאַנצערטן אין מיליטער־אוניפאָרם מיטן שפּיציקן קיווער אויפן קאָפּ („אַלע יונים האָבן איין פנים״). זיי פלעגן אויסמיידן זיך צו טרעפן מיט די „אָסט־יודען״, וואָס זענען זיי נישט געווען צום האַרצן, קודם כל מענטשן פון עפּעס אַ „נידעריקערער״ קולטור, מיט משונהדיקע זיטן, וואָס זשעסטיקולירן מיט די הענט ביים ריידן, ריידן אויפן קול און ריידן יידיש, כסדר עפּעס צו פאָדערן; קיינמאָל נישט זיין צופרידן; והשנית, „יודען״ — בירגער פון רוסלאַנד, „יודען־שונאים״. דער פּאַטריאָטיזם ביים יידישן דייטשישן זעלנער, איז געווען העכער ווי ביים סאַמאַראָדנעם דייטש, ובכן ווי זאָל מען פאַרדייען און געדייען אַזאַ אָסט־יודע, אַ בירגער פון שונא־לאַנד?

צו אונדזער יידישן „מזל״, האָבן מיר אַ פּסח, אַ ראש השנה, מיט אַ יום כיפור, און די דייטשישע אַרמיי האָט אויך געהאַט מיליטער־ראַבינערס אין אָפיצירן־אוניפאָרמען, וואָס פלעגן, לויט אַ באַפעל, ברענגען די דייטש־יידישע גאַרניזאָן־זעלנער צום „גאָטעסדינסט״ צום אַלוועלטלעכן שטאַט־לאָזן אלהי ישראל, אין די אָסט־יידישע בתי כנסת. אין די בתי כנסת האָט שוין ס׳אייז געענומען לאָזן און צעגיין, אָט שטייען: דער מכלומרשט ביי־זער „דייטשישער״ פעלדפעבעל (דער וואַיאַזשאַר פון קעניגסבערג), דער „דייטשישער״ הער לויטענאַנט (אַ סטודענט פון היידלבערג), און שומו שמים! — „דייטשישע״ דאָקטוירים און יוריסטן, מיט גאָלדענע גאַלאָנען, שליפּעס, מאַיאָר־ און קאַפּיטאַן־ראַנגען, אין גאַלאַ מונדירן, — שטייען מיט אונדז צוזאַמען אין דער זעלביקער שול, אין די זעלביקע טליתים,

און דאַווגען געשמאַק פון די זעלבע מחזורים, ס׳וויינען זייערע יידישע הערצער, ווי אונדזערע, ביים „ונתנה תוקף״, ביי דער „עבודה״ און פיר־טיט, ביים „מי ימות ומי יחיה, מי באש ומי במים״ — ס׳וויינען מיט און אָן טרערן פאַראומערטע, אויסגעבענקטע יידישע הערצער, נאָך פאַרלאָזענע וואַרעמ׳ע היימען, פרויען, קינדער, עלטערן, משפחות — — — נאָכן דאַווגען קומען שוין דרייסטע, מונטערע „שלום עליכמס״, מיט „גוט יום־טובס״, מיט פאַרבעטן די „דייטשן״ אויף קידוש, אויף מיטיק, אָדער פסח צום סדר...

די אָקופּאַציע־מאַכט האָט עס פאַרקוקט, וויסנדיק, אַז אירע יידישע פאַטריאָטן וועט דאָ גאָרנישט געשען. למען האמת, האָבן די דין־דינינקע פאַרבונדענע פעדעמלעך מיט אחינו בני ישראל אין דער דייטשישער אַר־מיי, אין יענע ביטערע יאָרן, אין אַ געוויסער מאָס, דאָ און דאָרטן, גע־האָלפן אַ יידישער משפחה מיט אַ לעבל גוטן ברויט, מיט אַ בייטל צוקער, אַ רפואה פאַר אַ קינד, אַן עצה, אַ גוט וואָרט, אַ שתדלנות, וכדומה.

צום גוטן זאָלן דערמאָנט ווערן אַ טייל פון די מיליטער־ראַבינער, וואָס האָבן זיך נישט געמיאוסט, און אין נישט וויניק פאַלן אַרויסגע־האָלפן אַ ניכשל אין אַן עת צרה, וואָרום די אָקופּאַציע־מאַכט איז געווען אַ מיליטערישע, און אַ ראַבינער מיט אַן אָפיצירן־ראַנג, פלעגט נישט מורא האָבן זיך אָנצונעמען פאַר אַ געשלאָגענעם יידן ערגעץ אין אַ פּאָ־ליציי־קאָמיסאַריאַט, ביי אַ סערזשאַנט, ביי אַ לייטענאַנט — אַ כל יכול, אַפילו ביים קאָמענדאַנט און אין שטאַב.

אַז עס פלעגט זיך מאַכן אַ מער קאָמפּליצירטער ענין (ווי ערבות־ניקעס, קאָנטריבוציע, וכדומה), פלעגט מען זיך ווענדן צו די יידישע מוסדות אין בערלין, וואָס פלעגן זיך נישט אָפּזאָגן קומען צו הילף די אָסט־יידישע ברידער. אין בערלין איז דערשינען די „בערלינער טאָגע־בלאַט״, וואָס האָט געהאַט געווגוג יידישע קאָרעספּאָנדענטן, אַפילו אין ליטע און אין פּוילן. די „בערלינער טאָגעבלאַט״ פלעגט נישט פאַרשווייגן דיסקרימינירנדיקע אַקציעס קעגן יידן, און ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן זיך געפונען אין דער אָסט־אַרמיי אַזעלכע ליכטיקע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי פּראָפעסאָר הערמאַן שטרוק

(אַן אַפּיציר) און דער סערזשאַנט אַרנאָלד צווייג, דער באַרימטער שריי־בער, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ ציוניסט און נאָענט צו דער „יידישער רונדשאַו".ביידע האָבן זיך נישט געמיאוסט צו חברן מיט „אָסט־יודען" אין די גראָדנער, קאָוונער און סובאַלקער געגנטן. אַרנאָלד צווייג האָט דאָ צונויפגעזאַמלט דעם מאַטעריאַל פאַר זיינע צוויי וועלט־באַרימט געוואָ־רענע בענדער, „סערזשאַנט גרישאַ" און „די קרוינונג פון אַ קעניג" (די איינזעצונג איינעס קעניגס). אין ביידע ווערק זינגט צווייג אַ הויכן לויב־געזאַנג ביז פאַרכלינעט צו ווערן פון די „אָסט־יודען".

* * *

מיין ערשטע באַרירונג מיט די דייטשן, צוזאַמען מיט מיין ערשטער לעקציע פון זיי, האָב איך באַקומען שושן פורים 1915, אַ טאָג נאָכן אָקו־פּירן סובאַלק.

די ערשטע דייטשישע נאַכט איז פול געווען מיט אימה און שפּאַ־נונג. ווייזט אויס, אַז די אָקופּאַנטן האָבן געוואָלט אָנשרעקן דער באַפעל־קערונג. האָבן זיי זיך „פאַרוויילט" מיט זייער געווער מכל המינים. זיי האָבן געדונערט און געשאָסן, געוואָרפן ליידיקע באָמבעס, געלאָזן ראַ־קעטן, בעת מיר זענען געלעגן אין דער פינצטער, פאַרמאַכטע אין די היימען, און געטראַכט מי יודע, וואָס פאַר אַ שלאַכט דאָ גייט אָן, מי ימות, ומי יחיה? צומאָרגנס האָט מען מורא געהאַט אַרויסשטעקן די נאָז אין גאַס, אַפילו אָנצונעמען וואַסער פון די פּלומפּן, וואָס זענען ביי אונדז געווען אינסטאַלירט אין די גאַסן, אָבער די זאָרג פאַר דער משפחה, וואָס האָט געוואוינט אַ פּאָר גאַסן ווייטער האָט נישט געלאָזן צורו.

איך, מיט מיין יינגסטן פעטער יצחק ז"ל, האָבן וואָלונטירט אַ „שפּאַציר" טאָן אין גאַס, צו דערגיין די רעזולטאַטן פון דער נאַכט־שי־סעריי. מיר האָבן נישט באַוויזן ווייט אַוועקצוגיין, ווי אַ באַוואָפנטער פּאַטרול האָט אונדז פאַרנומען און אַוועקגעפירט אויפן פּוילישן קלויס־טער־פּלאַץ, וואו ס'האָבן זיך שוין געפונען פריער אַרעסטירטע צענדליקער יידן און קריסטן. דאָרטן האָט מען אונדז סאָרטירט אין „צענדליקער",

אין „פערדן לאַזאַרעט 175״ ביי די דייטשן אין סובאַלק 1916 בעת דער וועלט־מלחמה. אויפן בילד זעען מיר אַ דייטשישן פעלדפעבל מיט 2 קאַפּראַלן באַוואַכן געפאַנגענע — אַ גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל פון רוסלאַנד, רוסן, אוקראַינער, טאַטאַרן, יידן, אַ טשעך און אַ פּאָליאַק. רעכטס פון פעלדפעבל (וואָס שטייט אין מיטן בילד) איז דער מחבר ל. חיין־שמעוני.

יעדער צענדליק איבערגעגעבן אַ פּאַטרול. און מען האָט אונדז אַוועקגע־פירט צו די פּאַרלאָזענע רוסישע קאַזאַרמעס, וואָס האָבן זיך געשפּרייט פון דריי זייטן שטאָט: קאַזאַרמעס, סקלאַדן, סטאַינעס אין הונדערטער בנינים.

בדרך כלל זענען דעמאָלט, לאַנד־מינעס, געברויכט געוואָרן אויף די פּראָנט־ליניעס, אין „ניעמאַנדס־לאַנד", אַרום די „וואָלטשיע־יאַמי" — די „וועלף־גריבער" און אַמבושן, און הינטער די שטעכעדיקע דראָט־פּאַרצוימונגען, וואָס פלעגן אין אַ סך פאַלן אויך עלעקטריזירט ווערן. מיר האָבן נישט געהערט וועגן מינירן פּאַרלאָזענע הייזער, און ס'זענען נאָך נישט געווען אין געברויך דעטעקטאָרן, אָדער מיר האָבן פון אַזעלכע „כלים" נישט געהערט און נישט געוואוסט. צוריק גערעדט, צו וואָס זאָלן דייטשן דאַרפן געברויכן דעטעקטאָרן (מינען־זוכער) איינצושטעלן ס'לעבן פון זייערע זעלנער ביים אַנטדעקן מינעס, בעת דערצו קען מען געברויכן דעם „פּיינט" — פּשוטע ציווילע, לעבעדיקע מענטשן? די איינגעבוירענע דייטשישע זעלנערישע רשעות האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט אין נאָך אַ כאַראַקטעריסטישן פּרט, וואָס האָט זיך 27־28 יאָר שפּעטער, בימי היטלער י"ש, אויסגעדריקט אין די טרויעריק־באַרימטע „סעלעקציעס". אין 1915 פלעגן זיי שוין צונויפברענגען הונדערטער געכאַפּטע, צעשראָקענע ציוויליסטן אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, און פון זיי אויסקלייבן, ס ע ל ע ק צ י אָ נ י ר ן די שענסטע, די יונגע, די שטאַרקסטע מענער, כדי זיי צו שיקן דורכמאַרשירן אַלע פּאַרלאָזענע רוסישע קאַזאַרמעס און סקלאַדעס, טאָמער זענען דאָרטן מאַנטירט געוואָרן מינעס. אויב יאָ, זאָלן זיי אויפרייסן צוזאַמען מיט די געכאַפּטע יונגע ציוויליסטן, די „שונאים". אמת, די דעמאָלטיקע דייטשישע מאָרד־טעכניק, און רציחה־קולטור, איז נאָך נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון געברויכן אַלס לעבעדיקע דעטעקטאָרן פרויען מיט קינדער...

האָט מען אונדז געבראַכט אויפן קאַלוואַריער באַרג, אויסגעשטעלט אין רייען צו איינעם־צוויי, און באַפוילן אַזוי דורכמאַרשירן אַלע בנינים, איינער נאָכן צווייטן, צו קלאַפּן שטאַרק מיט די פיס („טראַמפּלען"). אפשר וועלן מיר אַרויפטרעטן אויף אַ מינע? — — — די דייטשישע שמירה

האָט זיך דערווייטערט, און מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער משונהדיקן מאַרש, אסור, נישט צו וויסן און נישט צו פאַרשטיין, נישט דעם זין און נישט די סכנה פונעם „שפּאַציר"... דאָס איז געווען אונדזער גליק!

מיר האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ שגעון, פאַר אַזאַ איזדיעקעווען זיך סתם מצד די זיגער, איבער שוצלאָזע מענטשן... האָבן מיר גענומען שפּרייזן, קלאַפּן מיט די פיס. מיר האָבן משלים געווען מיט דער ווילדער מלאכה. ס'איז געוואָרן פריילעך, מיר האָבן געשאָטן מיט חכמות און וויצן, אַפילו צוגעזונגען.

נאָכן דורכשפּאַנען אַ שיינע פּאָר צענדליק בנינים, האָבן די דייטשן געמאַכט אַ הפסקה. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַזאַ שמוציקער קאַזאַרמע, זיך אָפּרוען. צו אונדזער איבעראַשונג איז געקומען אַ פעלד-קיך, מען האָט אַלעמען מכבד געווען מיט אַ שטיק גוטן דייטשישן זעלנער-ברויט („קומיס-בראָט") און מיט זופּ, וואָס ס'רוב יידן האָבן נישט טועם געווען מחמת כשרות.

נאָך דעם מיטיק, זענען די דייטשן געוואָרן געוואַגטער, זיי האָבן באַפוילן אויפמאַכן אַלע פענצטער און טירן (אין דרויסן איז געווען נאַס און קאַלט), כדי זיי זאָלן כאַטש פון ווייטן קענען זען צי מיר טוען די מלאכה גרינטלעך און צי מיר „טראַמפּלען" דורך אַ יעדער שפּאַן פּאָדלאָגע. איינער פון זיי, האָט „אָפּגעריזיקירט" און זיך אַריינגעשטעלט קוקן אין דער אָפענער טיר, וואו איך האָב „געטראַמפּעלט" מיט מיין „צענדליק". נעבן אַן איבערגעדרייטן טיש, האָב איך געפונען אַ גרויסע הילצערנע לעפל, און אַזוי פאַרבייגייענדיק אַ בלעכענעם אויוון, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן קאַזאַרמע, האָב איך סתם אַזוי אַ צימבל געטאָן אין רונדן ליידיקן בלעך. די קאַזאַרמע איז געווען גרויס און ליידיק, (מחוץ די בעטן און שברי כלים) פונעם אויוון, האָבן זיך געצויגן, לאַנגע בלעכענע רערן צו וואַרעמען דעם חלל פון בנין, האָט זיך דער קלאַפּ אין אויוון צעשפּרייט איבער דער קאַזאַרמע, ווי אַ פאַרצויגענער דונער... די אַקוסטיק איז געווען אַ וואונדערבאַרע...

שטעלט אייך פאָר, אַז דער זעלנער אין טיר האָט זיך פון נישט דערוואַרטן „דונער" דערשראָקן און אינסטינקטיוו גענומען אַנטלויפן, נאָך



דער יידישער שרייבער און קריטיקער ישראל ראובן ברינמאַן (אומגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה). אין 1919 — אַקטיוו אין סובאַלק ווי אַ פועלי־ציון חבר.

אים — די איבעריקע זעלנער, וואָס האָבן געקוקט אין די פענצטער. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט, רייסט־אויף, אָדער ס'האָט שוין אויפגעריסן אַ צאַרישע מינע...

עס זענען אַוועק אַ פּאָר מינוטן, ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט, מיר האָבן ווייטער „געטראָמפּלט"...

איז זייער חרפּה געווען גרויס. ס'טייטש? — אַזאַ פּחדנות מצד „זיגרייכע דייטשן, אין די אויגן פון „שונא"? האָט מען זיך דערפאַר אָפּגערעכנט מ'יט אונדז, וואָס האָבן פון גאָרנישט געוואוסט. די זעלנער האָבן זיך אַריינגעריסן ווי פּראַים אין קאַזאַרמע און אַלעמען, אָן חילוק, מכבד געווען מיט שווערע קלעפּ מיט די ביקסן, מיט די פויסטן, מיט די שטיוול, זעט איר, איצט זענען זיי באמת געווען „העלדיש"!

שפּעטער, בעת מיר זענען געקומען צו זיך, האָבן מיר ערשט פאַר־שטאַנען הלמאַי מען האָט אונדז דאָ געבראַכט, און ווען מען האָט אונדז באַפרייט, האָט נישט איינער אַ נדר געטאָן שבת עולה לתורה זיין און מענטשן „גומל".

ס'איז זיך פאַרצושטעלן דעם פּחד, וואָס דאָס פאַרשווינדן פון הונ־דערטער מענטשן האָט אָנגעוואָרפן אויף די היימען. פון איין זייט איז נישט געווען וואו און צו וועמען זיך ווענדן, ווייל ס'איז נאָך נישט געווען איינגעשטעלט די מינדסטע אַדמיניסטראַציע, מחוץ דער מיליטער־פּאָלי־ציי (אָדער „פעלד־זשאַנדאַרמעריע"). פון דער צווייטער זייט האָבן מענטשן געזען דורך די פענצטער ווי מען האָט אונדז געכאַפּט און שפּעטער ערגעץ אַוועקגעפירט, אָבער די שמחה פון צוריקקער האָט אַלץ פאַרגעבן. מחוץ די ביילן און „נאַסע" וואונדן פונעם דערמאָנטן דייטשישן ערשטן „כיבוד", וואָס האָבן ווי געטאָן און זיך פאַרהיילט וואָכן שפּעטער, האָב איך נאָך טרוקן אָפּגעשניטן. מיין פעטער האָט דעמאָלט פאַרלוירן אַ האַלב טוץ געזונטע, צוואַנציק־יאָריקע ציינער... אַ צווייטער האָט באַצאָלט מיט אַן אויג, אַ דריטער מיט צעבראָכענע ריפּן־ביינער, אַ פערטער — מיט אַ צעדריקטער נאָז... די איבעריקע, ואני בתוכם, מיט שטאַרקע „נאַסע" און „טרוקענע" וואונדן, וואָרום, ווי געזאָגט, האַנדלט זיך נאָר וועגן „צענד־ליק", וואו איך האָב זיך משתתף געווען.

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַרירונג מיט די דייטשן אין 1915.

* * *

ווי פאַרפוילט און צעפרעסן ס'איז דעמאָלט געווען די מעכטיקע צאַרישע רוסלאַנד, איז זי נאָך געווען גענוג, גענוג שטאַרק און פעסט; איר כוח איז געלעגן אין אירע ריזיקע מרחקים און אַנצאָליקע נאַטירלעכע אוצרות און אירע קאָלאָסאַלע מענטשן־רעזערוואַרן. ווייזט אויס, אַז אַזעלכע גענעראַלן ווי הינדענבורג, לודענדאָרף, מאַלטקע און פאָן־שליפען, זענען געווען גרעסערע מיליטער־ספּעציאַליסטן, ווי דער קאַפּראַל היטלער, ימח שמו וזכרו. דער הינדענבורג־שטאַב האָט עפּעס געלערנט פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטעס חורבן אין רוסלאַנד, אין 1812; האָבן זיי זיך באַנוגנט, אין די ערשטע קריגס־יאָרן, מיט די פּויליש־ליטוויש־באַלטישע פאַרנומענע שטחים, מיט די אוצרות שפּייז, האָלץ, פלייש און אַרבעטס־קראַפט פון „אָסטן". זיי האָבן זיך געוואָרקט פאַרויס לאַנגזאַם, פּלאַנמעסיק צו פאַרזיכערן, צו פאַרפעסטיקן אַ יעדער דעראָבערונג, און בעסער צו קאָנצענטרירן די גאַנצע שלאָג־קראַפט אויף די מערב־פראָנטן, כלפּי די געפערלעכע ציוויליזירטע פאַרביטערטע בריטן און פראַנצויזן. די דייטשן האָבן געוואוסט ווי אַרומצוגיין און בלאָקאַדירן די מערב־קרעפטן מיטן אָפּשניידן זיי פון די ווייטע רייכע קאָלאָניאַלע רעזערוואַרן; מיט פאַרזייען טויט־מינעס און אונטערוואַסער־שיפן אין אַלע ימים. די דייטשן האָבן געזוכט צו פאַררוקן די מערב־פעלקער מעסערס אין רוקן דורך טערקיי, דורך די אַראַבישע פלייצן; די דייטשן האָבן פאַראַכט זייערע עסטרייך־אונגאַרישע אַליאירטע און גלייכצייטיק זיי געבראַוכט פאַר קאַנאָנען־פלייש אויף די גאַליציש־קאַרפּאַטישע פראָנטן. די דייטשן האָבן געוואוסט ווי אויסצונאָגן אַלע לעבנס־זאַפטן, אַלע שטאָף־אוצרות פון רומעניע און באַלקאַן; זיי האָבן זיך נישט געריסן אָט שוין, אָט באַלד, פאַרכאַפּן מאָסקווע, ווייל זיי זענען געווען קאַלטע בעלי־חשבונות, געדולדיקע סטראַטעגיקער, „אייזערנע קעפּ"...

דערווייל האָבן מיר געלעבט אונטער דער אָקופּאַציע־מאַכט פון „אָבער־אָסט", און זיך באַמיט צוגעוואוינען, צוצופּאַסן צו די נייע אומ־

שטענדן, אָפּצוהיטן דעם יידיש־מענטשלעכן צלם־אלהים, זיך שטום ראַנג־לען פאַר יעדער טראָפּן פערזענלעכע ווערדע און פרייהייט, פאַר יעדער פּיצל ברויט, פאַר יעדער פּיצל פּרנסה און טאָג אַרבעט „עד כי יעבור זעם", ביז שפיכת דמים וועט זיך ענדיקן.

גרויס איז די וויטאַליטעט, דער לעבנס־דורשט און די צופּאַסונגס־פעאיקייטן פון „עמך" ישראל, איבערצוקומען, אַרומצוגיין אַ יעדער אומ־גליק, אַ יעדער גזירה און צרה. אמת, די מלחמה־אַטמאָספער, דאָס מפקיר זיין די קדושה פונעם מענטשלעכן לעבן מיטן פריערדיקן פרידלעכן יסוד פון געזעצלעכקייט, דאָס אַרויסגעשליידערט ווערן פון דער צוגעוואוינטער לעבנס־ראַם, דאָס בלייבן אין אַ שיינעם טאָג אַליין און מיט דער פאַמיליע אָן ברויט, און אָן אַ קיום, דערפירן נישט ווייניק מענטשן צו מעשים, וואָס זיי וואָלטן נישט געטאָן פרידנסצייט — צו פאַרדאַרבנקייט. די נויט מיטן צער פון דער פאַרהונגערטער משפחה פירן צו פאַרצווייפלונג, מיט־געריסן צו ווערן מיט דער פאַרהפקרטער מלחמה־מאָראַל און מלחמה־אַט־מאָספער, אַט בס"ה מיט אַ יאָר, צוויי צוריק, האָט מען געמשפּט און פאַרמשפּט מיט טורמע און קאַטאָרגע פאַרן באַפאַלן און צעבלוטיקן אַ י ח י ד. איצט גיסן זיך ימים בלוט פון צענדליקער און הונדערטער טויזנ־טער מענטשן, ובכל המרבה צו מאָרדן און פאַרניכטן הרי הוא משובח...

נעכטן ביסטו שווער באַשטראָפט געוואָרן פאַרן צעברעכן אַ וויטרינע אָדער אונטערצינדן אַ שטאַל; היינט מאַכט מען כעפּרא דאַרעא שטעט, דערפער מיט גאַנצע געגנטן, וכל המרבה איז ווידער משובח... טאָ פאַר־וואָס זאָל דער אָדער יענער קליין מענטשעלע, מעקלערל און קרעמערל נישט געניסן פון די רויב־ברעקלעך, נישט אַריינכאַפּן וואָס ס'לאָזט זיך; פאַרוואָס זאָל דאָס קליינע מענטשעלע נישט שאַפן שוואַרצע מערק, מיט שוואַרצע סחורות; פאַרוואָס זאָל ער נישט ספּעקולירן, נישט שמוגלען און נישט דינען דעם אָקופּאַנט מיט דער צונג, מיט „עדות", מיט שפּיאָנאַזש? שוין אָפּגערעדט פון „געזעצלעך" העלפן דעם אָקופּאַנט אויסראַמען, אויס־רויבן אַ יעדער פּיצל גאָלד און זילבער, אַ יעדער צירונג, אַ יעדער קדושין־רינגל, אוירינגל און בראַסלעט, ביז די ירושה־קופּערנע פאַנען און בעקנס, קופּערנע דאַך־בלעכן, מעשענע שטויסלען מיט מערזלען, מעשענע קווערט

מיט מזוזה־שיידן, ביז, להבדיל, אַוועקרויבן די קלויסטער־גלאָקן, אַלץ מיט אַלעמען צו שמעלצן, איבערצוגיסן און איבערפורעמען אין כלי־משחית.

הינדענבורגס שטאַב האָט געוואוסט ווי אויסצונוצן אַלץ און אַלע־מען, בתוכם יידן פון די אָקופּירטע געביטן — אַלץ לטובת דעם „פאַטער־לאַנד". זיי האָבן געוואוסט ווי צו דיסקאָנטירן און ווי אויסצונוצן דעם פּאַטריאָטיזם פון די דייטשישע יידן, ווי אויסצונוצן זייערע פאַרבינדונגען מיט אחינו בני ישראל אין אַמעריקע, וואָס איז נאָך נישט געשטאַנען איז קריג אין די ערשטע פאַר מלחמה־יאָרן.

אין 1916 איז שוין זייער שווער געווען צונויפצובערענגען די נייטיקע שפּייז און קליידער, אַ יעדער משפחה, וואָס האָט געלעבט פון מיזעראַבע־לער אַרבעט, אָדער פון אָרנטלעכן קליין־ און מיטל־מסחר, האָט זיך שווער און ביטער געראַנגלט פאַר יעדער טאָג ברויט. וואָס צו קאָנפיסקירן איז שוין נישט געווען, אַלץ איז געווען אָדער אויסגעראַמט אָדער „בעשלאַג־נאַמט".

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אונדזערע מקומות איז ביז 1916 געווען ווי אויסגעשטאָרבן. די פּאָליטישע פּאַרטייען זענען פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער אויבערפלאַך. ס׳זענען געשטאַנען פאַרשלאָסן די גימ־נאַזיעס. ס׳זענען פאַרשטומט געוואָרן די אָרומיקע גימנאַזיסטן פון די העכערע קלאַסן. די סטודענטן האָבן נישט געקאָנט פאָרזעצן זייערע שטו־דיומס, מען האָט זיי נישט אַרויסגעלאָזן פון שטאָט. ס׳איז געשטאָרבן דאָס פריערדיקע טעאַטער, אַפילו דאָס שטומע קינאָ־בילד, איז אויך פאַר־שוואונדן אין אונדזערע מקומות. אין דעם פּרט איז נאָר וואויל געווען דעם בית־מדרש־ייד, די ישיבה־מענטשן, און די פשוטע, האַרציקע יידישע באַלמעלאָכעס — די תהילים־יידן, וואָס האָבן זיך גייסטיק, ווי פריער, אויסגעלעבט אין זייערע קלויזן, דאָס זענען געווען זייערע קלובן, זייערע גייסטיקע היימען.

אין אונדזער פּוריטאַנישער ליטווישער סביבה, פלעגן יידן כמעט נישט באַטרעטן די שוועל פון אַ שענק אָדער נישט־יידישע קאַפע־הויז. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער צופלוס פון אַ ניי יידיש אָדער העבּרעאיש בוך אין דער קהילה־ביבליאָטעק. ס׳זענען ביי אונדז, די ערשטע צוויי

מלחמה־יאָרן פאַרשוואונדן די יידישע און רוסישע צייטונגען, צו וועלכע מיר זענען געווען צוגעוואוינט, ווי צו דער לופט, וואָס מיר האָבן גע־אָטעמט. אמת, מיר האָבן זיך אָן איבעריקע שוועריקייטן צוגעוואוינט צו דער „בערלינער טאַגעבלאַט”, צו די „פּאָסישע”. אַנדערע פלעגן דורך אַ געלעגנהייט באַקומען אַ „פאָרווערטס”. קיין ציווילער ראַדיאָ איז נישט געווען בנמצא, ולא על הלחם לבדו יחיה האדם, באַזונדערס, די לעבע־דיקע, די צאַפּלדיקע דינאַמישע יידישע יוגנט, וואָס האָט יענע יאָרן אין אונדזערע מקומות, מחוץ די גימנאַזיעס, זיך נישט פאַרנומען מיט ספּאָרט, וואָס וואָלט יאָ געקאָנט אויספילן אַ ליידיקן חלל אין יענע שווערע צייטן.

בעת אויסערלעך איז דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אונדזער שטאָט געווען ווי געליימט, האָט אין דער טיף דאָך געטליעט אַ פייערל, וואָס האָט זיך נישט אויסגעלאָשן, ווי האָט דעמאָלט געקאָנט געמאָלט זיין דער קיום פון אַ יידישער געמיינדע, דורכויס אויסגעשטעלט אויפן בית־מדרש און קלויז, אָדער אין בעסטן פאַל אויף שווינדזיכטיקער פילאַנטראָ־פיע, אויף דער פּאַטשיילע, אויף „אויפקלייבן” (זאַמלען) פאַר דעם אָדער יענעם יורד און נויטבאַדערפטיקן?

די פרייהייט־ און טעטיקייט־דורשטיקע יוגנט, וואָס פלעגט נאָר מחמת כיבוד אָב, ווען נישט ווען, אַריינשמעקן אין אַ בית־מדרש, האָט גייסטיק געלעבט אין אַן אַנדער וועלט. די יוגנט האָט זיך געריסן צו טעטיקייט, ווער רעדט נאָך ס׳ביסל אַרבעטער־יוגנט, די גימנאַזיסטן און סטודענטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט און נישט געקענט משלים זיין מיט דער פריי־סיש־זעלנערישער אימה־אַטמאָספער.

די ווייניקע מענטשן פון די שטרענג־קאָנספּירירטע אומלעגאַלע פאַר־טיי־גרופּן, האָבן דאָ און דאָרטן סטימולירט און געשטויסן צו אַקציע, זאָל עס דערווייל זיין אויפן קולטורעלן שטח, אויף זעלבסט־בילדונג, אַבי נישט צעפּולווערט צו ווערן, אַבי אָנצוהאַלטן דאָס פייערל עס זאָל זיך נישט אויסלעשן ביז די „שעה וועט שלאָגן”.

אין מיטן 1916, ווערט געשאַפן אין סובאַלק דער „דראַמאַטישער קרייז”, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך די אַרומיקע יוגנטלעכע אינטעליגענץ מיט נישט ווייניק באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. נאַטירלעך, האָט די דייי־

טשישע געהיים־פּאָליציי, דורך אירע שפּיצלעך, שאַרף געהאַלטן איר אויג אויפן דערמאָנטן קרייז, ער זאָל חלילה נישט אַראָפּ פון „גלייכן וועג". ער זאָל זיך דורכויס פאַרנעמען מיט דראַמאַטישער „קונסט". דער קרייז האָט דעמאָלט נישט ווייניק לעבן אַריינגעבראַכט צווישן דער יידישער פאַר־אומערטער באַפעלקערונג. יעדער „אָוונט", יעדער „אויפטריט", איז געווען אַ שטיק פרייד און יום־טוב. ס'האָבן זיך אָפּגעזוכט טאַלאַנטירטע בחורים מיט מיידלעך, וואָס האָבן געקאָנט „שפּילן טעאַטער", זינגען און שפּילן פיינע מוזיק. עס דערמאָנט זיך די זייער טאַלאַנטירטע שיינהייט טייבעלע פּאַלניצקאַ, אַ גבירישע טאָכטער, וואָס האָט זיך געחברט מיט „עמך". זי פּלעגט שפּילן, זינגען און דעקלאַמירן אין אַ פערלדיקן יידיש מיט אַ וואונדערבאַרער דיקציע אַרויסגעבראַכט יעדער אות. עס דערמאָנען זיך די ברידער ווילענסקי, פאָטאָגראַפן פון פאַך, זלמן ווילענסקי איז געווען אַ גוטער רעזשיסאָר, וואָס האָט שפּעטער באַקומען אַרבעט אויף דער רוסי־שער בינע. ער האָט נאָך דער רעוואָלוציע פאַרלאָזן רוסלאַנד, אַרומגע־וואַנדלט איבער אייראָפּע, און געאַנקערט אין בוענאָס איירעס, וואו ער איז באַרימט געוואָרן ווי אַ קונסט־פאָטאָגראַף (געשטאָרבן אין יאָר 53־1952?). ס'דערמאָנען זיך ראַליאַ אַלטשולער, בעלאַ סמאַלינסקאַ, ריזענ־בערג, און נאָך נעמען, וואָס זענען ליידער אָוועק פון מיין זכרון.

אָט דעם דראַמקרייז האָבן אויסגענוצט די קאָנספּיראַטיווע פּאָליטישע גרופּן, וואָס האָבן לויטן דזשונגל־געזעץ געוואוסט ווי בשעת אַ סכנה זאָלן די לייבן נישט פאַרצערן די הירשן, און די וועלף זאָלן נישט צעררייסן די שעפּסן. אין דער ליטעראַרישער סעקציע, ביז נאָך דער פעברואַר־רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד, אין 1917, האָבן מיר, פּועלי־ציון, „בשלוה" געלעבט מיט בונדיסטן, מיט סתם ציוניסטן, מיט יחידים ס. ס., מיט יידישע פּ. ס. (זש. פּ. ס.). די ליטעראַרישע סעקציע פּלעגט אַלע שבת אָפּהאַלטן דיסקוסיעס, רעפעראַטן, זיצונגען, אָבער דער פּחד פאַר דער דייטשישער אָקופּאַציע זשאַנדאַרמעריע האָט אונדז אויסגעלערנט ריידן און דיסקוטירן בלחש, צוזאַמען מיט לייענען אַ דערציילונג, דעקלאַמירן אַ ליד און אַנאַליזירן פּראָבלעמען פון „קעגנוואַרט" און צוקונפט.

עס דערמאָנט זיך אַ פאַל, ווען אַ שפּיצל איז אַריינגעפאַלן אויף אַזאַ

„אסיפה", און דער רעפערענט, וואָס האָט דער ערשטער דערזען פון ווייטן דעם „גאַסט", האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, און מעשה בעל תפילה גענומען זאָגן קדושה. בעת דער עולם האָט זיך אינסטינקטיוו אויפגעהויבן און מיטגעזאָגט פּסוק נאָך פּסוק... קיין קלובן האָבן מיר, לכתחילה, נישט געהאַט, אַלץ פלעגט מען פראַווען אין פּריוואַטע דירות, ביי טיי פּאַרזיסטע מיט סאַכאַרין, אָדער מיט איבלדיקן נאַסן, רויטן צוקער.

אַנדערשמאָל פלעגט מען אָנשטעלן דעם פּאַנאָגראַף און זיך לאָזן אין אַ טאַנץ, זיך צו כשרן ביי די שכנים, אָדער נישט־יידישע דינסטמיידלעך. און אַזוי האָט אונדזער גרוי, שווער לעבן, באַקומען אַ שטיקל טעם, און אונדזער אַקומולירטע יוגנטלעכע ענערגיע האָט באַקומען אַ פּיצל מעגלעכ־קייט זיך „אויסצולאָדן" און פאַרלייכטערן די לאַסט.

איך געדענק ווי נישט איין מאָל פלעגן מיר נאָך אַ רונדער וואָך קאַ־טאָרגע־אַרבעט נישט פאַרגעסן, זונטיק נאָכמיטיק צו לויפן אין „קרייז", וואָס האָט „געזעסן" אין דער אָדער יענער דירה. דער קרייז האָט אונדז געגעבן מאָראַלישן כוח אויף צו ליידן אַ גאַנצע וואָך פּאַרויס. אָבער די פּראָבלעם פון ברויט און אַרבעט פאַר די דעקלאַסירטע און באַיאָרנטע אַרבעטסלאָזע באַלמעלאָכעס, קרעמערלעך און אַרבעטער, איז געוואָרן שאַרפער פון וואָך צו וואָך, וואָס האָט פאַרטיפט די מרה שחורה.

די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט, ווי געזאָגט, גענומען לייזן אָט דעם פּראָבלעם דורך אָפענער און מאַסקירטער צוואַנגס־אַרבעט. עס זענען געווען „סעזאָנען", ווען מען פלעגט כאַפּן יוגנטלעכע אין די גאַסן, כדי צו שאַפן אַ געדיכטע פחד־אַטמאָספער, אַז בעסער איז גיין אַרבעטן האַלב אומזיסט קאַטאָרגע־אַרבעט, „פרייוויליק". די „פרייוויליקע" האָבן געהאַט דעם זכות נישט פאַרשיקט צו ווערן ווייט פון די היימען, נאָר בלייבן דאָהי, אינעם קאַצעט פון פּלאַטשינצע, אין די טאַרטאַקן אָדער אין וואַלד צו האַקן ביימער, אין די צוויי פערדן־לאַזאַרעטן (נומער 6־17) אויף די לאַסט־צוגן, אין די אייזנבאַן־דעפּאָען, אין דער דייטשישער פּאַס־פאַבריק, באַדינען מיליטערישע שפּיטעלער אָדער רייניקן קאַזאַרמעס, וכדומה, כדי צו פאַרשפּאָרן דייטשיש־מיליטערישע אַרבעטס־קראַפט.

דאָס ביסל פּועלי ציון (אָדער ציוניסטן־סאָציאַליסטן) פלעגן זיך

צייטנווייז טרעפן אויף אַ שמועס בלחש אָדער ברמיזה אַרום אַ ביליאַרד־טיש אין אַ גרויסן קריסטלעכן קאַפע־זאַל. נישט ווייניק רדיפות מיט תוכחה פלעגן מיר האָבן אויסצושטיין פון די קרובים און עלטערן פאַר אונדזער „תאווה" צום „שטעקן מיט די הילצערנע ביצים".

„גויים, משומדים, אפיקורסים, צעלאָזענע, פאַרדאַרבענע יונגען" — דאָס זענען געווען אונדזערע טיטלען, אָבער מחמת קאָנספּיראַציע, האָבן מיר געהאַלטן ס׳מויל, אַזוי לאַנג ביז מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן פונעם ביליאַרד דורך דער דערמאָנטער „ליטעראַרישער סעקציע", וואָס איז לכל הדעות געווען כשר־וישר, אַפילו אין דער מאָדע אין „גוטן טאָן".

ליידער האָט מיין פּערזענלעכע פרייהייט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אַ ידיד פון מיין פאָטער, וואָס האָט געהאַט אַ באַקאַנטן יידיש־דייטשישן זעל־נער אין דער קאָמענדאַנטור, האָט געוואָרנט, באשר אני הקטן בין אַריינ־געפאַלן אין דער „שוואַרצער ליסטע". ער האָט געעצהט, אַז איך זאָל זיך בעסער „פרייוויליק" מעלדן אויף אַרבעט, וואָס וועט פאַרלייכטערן מיין גורל, ווייל אויב מען וועט מיך פאַקן, וועט מען מיך בכבוד פאַרשיקן אין אַ לאַגער אין פּרייסן אָדער אינעם קאַטאָרגע־לאַגער פון פאָדבראָדזש, ביי ווילנע. איך האָב געוואוסט ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאַלן אין דער שוואַר־צער ליסטע. די סיבה איז געווען מיין קיבעצן דעם שטאָטישן מסור צווישן מענטשן, איז אים ניחא געווען פּטור צו ווערן פון אַזאַ איינעם. בקיצור, אַ ברירה האָט מען געהאַט? האָט מען זיך געמעלדעט „פרייוויליק" און שוין דעם זעלבן אָוונט אַוועק מיטן עטאַפּ אין וואַלד אין פּלאַטשיצנע. אַ קורצע צייט שפּעטער איז געקומען „פרייוויליק" מיין יינגערער ברודער יונה (יונה וורדי — „דבר", תל־אביב) און נאָך שפּעטער — מיין יינגס־טער פעטער יצחק צווילינג (דערמאָרדעט מיט דער משפּחה דורך די דייטשן אין צווייטן וועלט־קריג). מיר זענען געווען געוויקסיקע, ברייטפּלייציקע, געזונטע בחורים. איך איבער 16, מיין ברודער 15 יאָר (!!) און דער פעטער אַ צוואַנציק־יאָריקער. היות ווי מיר האָבן נישט געהאַט ביי זיך די „פּערזענלעכע דאָקומענטן" (ס׳איז נאָך געווען פאַרן דייטשישן צוואַנג־געזעץ צו טראָגן פּעסער), האָט מען אונדז „געזעצלעך" געשאַצט יעדערן מיט עטלעכע יאָר עלטער, און אַריינגעטריבן אין אַ הונדערט־מעטערדיקן

לאַנגן באַראַק, אַזאַ פּראַקטישער בנין פון די שפּעטערדיקע היטלע־ריסטישע פאַרניכטונגס־לאַגערן.

* * *

דער ווינטער 1916, איז פאַר אונדז געווען אַ ביטערער און גרויזאַ־מער. פון שול־בענק, פון רואיקע פרידלעכע היימען, זענען מיר אַריינגע־פאַלן אין פלאַטשיצנע. דער לאַגער איז באַשטאַנען פון שורות לאַנגע, שמאָלע באַראַקן. אין יעדער באַראַק זענען פון ביידע זייטן וועגט געשטאַ־נען אויסגעשלאָגענע צוויי־גאָרנדיקע נאַרעס, ווי ארונות פאַר מתים, אָנ־געפּילטע מיט שטרוי. צווישן ביידע שורות נאַרעס לענגאויס, האָט זיך געצויגן דער „פּראָספּעקט" — אַן אָנדערהאַלבן מעטער ברייטער שטעג, וואָס איז יעדע 20־30 מעטער איבערגעהאַקט געוואָרן פון אַן אייזערנעם אייוועלע, וואָס האָט זיך געברענט טאָג און נאַכט, כדי צו וואַרעמען דעם קאַלטן עיפּושדיקן חלל. אין אַזאַ באַראַק האָבן געלעבט אַ פאַר הונדערט מאַן, יונגע ווי מיר, מיטליאַריקע, שטאָטישע און דאָרפישע, אינטעליגענטן, אַרבעטער און פויערים, צונויפגעשלעפּטע פון מרחקים אַרום, אַזש פון יע־נער זייט קאָווגע.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פון יענעם קאַצעט, אין 1916, איז געווען דער פאַקט, וואָס מען האָט אונדז געצאָלט 2־3 מאַרק אַ טאָג, און מיר האָבן זיך אַליין געדאַרפט שפּייזן, מען האָט אונדז נישט געגעבן נישט קיין שעניקעס, נישט קיין דעקעס, חוץ די צוגעלעגענע טוכלע שטרוי. מען האָט אויך נישט געזאָרגט פאַר מעגלעכקייטן צו קענען קאָכן אָדער אָנ־וואַרעמען אַ לעפל עסן, אָדער אַ גלאָז וואַסער. פאַר דעם האָבן מיר געמוזט אַליין זאָרגן, אַליין קאָכן אויף פייערן אין דרויסן אין שניי, אָדער אַרום אַפּצוים אין הויף, אָדער אין וואַלד, וואו מיר האָבן געהאַקט און באַאַר־בעט קלעצער, געזעגן באַלקנס, שפּאַלעס און ברעטער, וואָס זענען באַלד טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אָדער צו די פראָנטן אין מזרח.

ערשט חדשים שפּעטער, האָט מען באַוויליקט אונדז מכבד צו זיין צוויי מאָל אַ מעת־לעת מיט אַזאַ איבלדיקן שוואַרצן וואַסערל, וואָס זאָל

הייסן „קאַפּע״. דאָס האָט נאָר געהאַט איין מעלה: ס׳איז געווען נאָס און צייטנווייס הייס...

דעם לאַגער האָט מען געמעגט פאַרלאָזן נאָר איין מאָל אַ וואָך, פון שבת אָוונט ביז זונטיק ביינאַכט. פון לאַגער ביזן שטאָט איז געווען אַ מהלך פון וואָסערע 10 קילאָמעטער, וואָס מיר פלעגן הין און צוריק גיין צופוס און קומען טויט מידע אַהיים נאָך האַלבער נאַכט, זיך אַרומוואַשן, בייטן וועש, שלאָפן עטלעכע שעה אין אַ ריינער בעט, אָנגרייטן טרוקענע שפּייז אויף אַ וואָך פאָרויס. די דייטשן האָבן אויך נישט געזאָרגט פאַר טראַנספּאָרט. אַז ס׳פלעגט זיך מאַכן אַ שניי־שטורעם, אָדער גאָס רעגן, פלעגט מען מוותר זיין אויפן „שפּאַציר״, צו פאַרשאַפן עגמת נפש אין די היימען, און צו בלייבן וואַרטן הונגעריקע, ביז מען פלעגט עפּעס צוברענגען פון דרויסן, מיט וואָס מיר פלעגן זיך טיילן מיט די יעניקע, וואָס זענען דאָ געזעסן אַרעסטירטע פון ווייטע ליטווישע שטעטלעך און דערפער. צייטנווייז, אין אַזעלכע פאַלן, פלעגט מען אונדז מצד דער אַדמיניסטראַציע, גרויסמוטיק אויסטיילן — — — אַ ליטער האָבער, וואָס דער קאָמענדאַנט פון לאַגער פלעגט שטילערהייט אַוועקנעמען פון די... ראַציעס, פון די פערד, וואָס פלעגן שלעפּן קלעצער אויפן דעקאָוויל, אָדער זיי אַוועקשליטלען אין שטאָט צו דער באַן.

„נויט ברעכט אייזן״, איצט שטעלט אייך פאָר, אַז נויט לערנט אויס אַזעלכע יונגע בחורימלעך ווי מיר, עסן האָבער, נאַטירלעך נישט ווי ס׳עסן פערד...

איז דאָס אויסטיילן דעם האָבער געווען אַ שטיק „גוטוויליקייט״, אפשר „הומאַניטעט״, פונעם לייטענאַנט ווילהעלם (ווילי) קלוגע, דעם לאַגער־קאָמענדאַנט פון פּלאָטשיצנע, וואָס האָט זיך געהאַט זיין קאַלטן חשבון: ער מוז צושטעלן באַשטימטע נאָרמעס האָלץ, אויב נישט שיקט מען אים צוריק אויפן פראָנט ערגעץ אין די וואָגעזן, אין פלאַנדערן, אָדער אַרום ווערדון, — פאַרהונגערטע מענטשן קענען נישט שאַפן די נאָרמעס. דעמאָלט האָבן נאָך דערפאַר די דייטשן נישט דערמאָרדעט, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָך מער, לייטענאַנט קלוגע פלעגט אַמאָל „מסדר״ זיין אַ קאַליקן אָדער קרעציקן פערד, וואָס זיינער אַ

קאַמעראַד פלעגט צושטעלן, דעמאָלט פלעגט שוין זיין יום־טוב, ס׳איז געווען פלייש, געבראָטן און געשמאָרט אויפן פייער...

ווי אַזוי עסט אַ מענטש האָבער? — לכתחילה שיט מען עס אויס אויף אַ בלעך, וואָס ליגט אויפן פייער, דער האָבער באַקט זיך אויס, די געבאַקענע קערנער צעמאָלט מען צווישן די דעקן פון גראַנאַטן־גילזן (וואָס האָבן זיך געוואָלגערט אין וואַלד אָן אַ צאָל). דאָס געמאָלענע, פלעגט מען אַריינשיטן אין בלעכענעם שפּייז־עמערל און אַרויפגיסן וואַסער, די פּלע־ווע מיט די מעקינע פלעגט באַלד אַרויפשווימען אויפן אויבערפלאַך, וואָס מען שעפּט פאַרזיכטיק אַראָפּ, אויף אַרויסצוואַרפן. דערנאָך נעמט מען דעם שיטערן מעל־וואַסער, מען גיסט איבער אין אַ צווייטן בלעך, און די פאַרבליבענע געדיכטע קאַשע אויפן דעק, טריקנט מען אַביסל צו, מען קנעט עס און מען פּאַטשט אויס דינע פּלעצלעך אָדער מצהלעך, וואָס מ׳עז וואַרפט גיך אויף דער פריער דערמאָנטער אָנגעגליטער בלעך, און איר האָט וואונדערבאַרע פּלעצלעך, אָדער מצהלעך צום עסן, באַלד אויף אָן אָרט, און עס צו באַהאַלטן אויף שפּעטער, דעם מעל־וואַסער קאָכט מען לאַנגזאַם אויף אַ שוואַך פייערל ביז עס קריגט זיך אַזאַ קאַשע, וואָס האָט פאַרן אויסגעהונגערטן, דעם טעם פון „גן־עדן" — מחיה נפשות.

אַמאָל פלעגט מען אין דער קאַשע אַריינוואַרפן אַביסל צעהאַקטע גוט אויסגעוואַשענע קאַרטאָפל שאָלעכץ, (וואָס מיר פלעגן קויפן ביי די קוכער פון דער זעלנערישער קיך). אַמאָל פלעגט מען קריגן אַ ציבעלע, אַ נעגעלע קנאָבל, אַמאָל אַ שטיקל פערדן־פלייש צעשניטן אין דינע פעדעם, ווייל ס׳פלייש פלעגט זיין האַרט ווי פאַדעשווע. בדרך כלל איז נישט גע־ווען וואָס צוצוגעבן (יאָ — סאַכאַרין!), אָבער דאָס שווערסטע איז געווען צו קריגן אַ שמעק־טאַבאַק זאַלץ, וואָס איז ביי אונדז געווען מיט גאָלד צו גלייך.

אָט אַזוי קענען מענטשן עסן האָבער מענטשלעך, און נישט פערדיש...

נישט איינמאָל פלעגן מיר אין אַזאַ הונגעריקער וואָך איבערראַשט ווערן צו טרעפן פאַרנאַכט פּאַטערס אָדער קרובים שטיין און וואַרטן ביי די שטעכעדיקע דראָטן, יידן און נישט־יידן, מיט איינגעוויקלטע טעפּ און פּעקלעך פאַר די פאַרהונגערטע זין.

— — — אַט שטייט מיר פאַר די אויגן די שלאַנקע געשטאַלט, דער הדרת פנים פון מיין פאָטער ז״ל, איינגעהילט אין אַ בורקע, אין וואַליאַקעס מיט אַ קאַפּושאַן אויפן קאָפּ; די ברעמען, וואָנצעס און קליין בערדל ווייס פון פראָסט, זיינע גוטע ברוינע אויגן פאַרנעפּלט. ער שטייט און בייט כסדר איין פוס אויף דער צווייטער זיי צו דערוואַרעמען. ס׳פאַרקלעמט דיר ס׳האַרץ, ווילסט אים אַרומנעמען און צודריקן צו זיך, אין אַזאַ פראָסט און טיפן שניי זיך שלעפּן 20 קילאָמעטער, הין און צוריק, מיטן ביסל שפּיין, וואָס?... אַ טאָפּ קאַלט פאַרפרוירענע געקאָכטע ריבן מיט קאַר־טאָפל, פאַרזיסט מיט סאַכאַרין אָדער מיט רויטן פערדישן צוקער. אַ לעבל טרוקן ברויט ווי שטיין, אַ שטיקל דאַרע שבתדיקע טונקעלע חלה פאַרן יינגערן זון, מיט אַ בייטל מאַכאָרקע טאַבאַק פאַר מיר, פאַרן 16־יאָריקן בחורל... די וואָך ביים טויער האַלטן פשוטע עלטערע דייטשן, פון דעם „לאַנדשטורעם״ רעזערוו, אַליין טאַטעס פון קינדער, נאָך נישט פאַרוויל־דעוועטע ווי זייערע קינדער, די טעווטאָנעץ, וואָס האָבן אין די היטלער־יאָרן מיין פאָטער אומגעבראַכט אין אַ קאַלך־אויוון, אָדער גאַז־קאַמער, צוזאַמען מיט דער אויסגעדאַוונטער מוטער, מיט זייערע קינדער און איי־ניקלעך, צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן... דעמאָלט פלעגט נאָך טליען ביי די טעווטאָנישע עלטערן און זיידעס אַ פונק מענטשלעכקייט, ביז צו שאַפן אַ ליטער האָבער, מיט פליייש פון אַ קרעציקן פערד פאַר אַ געפאַנ־גענעם אומשולדיקן „שונא״... דעמאָלט פלעגן די לאַנדשטורעם־דייטשן „פאַרקוקן״ און לאָזן זיך אַריינכאַפּן אַזאַ פאָטער אין לאַגער־באַראַק אָנ־צעוואַרעמען די פאַרפרוירענע גלידער, אויסטרינקען אַ בלעכל הייסע שוואַרצע וואַסער, וואָס זאָל הייסן „קאַפע״, כדי באַלד בחברותא צוריק־גיין מיט נאָך עלטערן און קרובים, אין די אומעטיקע היימען. אַזעלכע טאַטעס ווי מיינע און זייערס גלייכן, האָבן נישט געהאַנדלט מיט טריפהנע סחורות, נישט ספעקולירט מיט קאָנטראַבאַנדע, זיי האָבן עס נישט גע־קענט.

מען האָט אונדז אויסגענוצט אָן רחמנות, נישט זעלטן מכבד געווען מיט ביטערע קלעפּ, מיט די פויסטן, מיט דער קאָלבע פון ביקס, מיט סתם אַ שיק האָלץ. ס׳האָט נישט געהאָט קיין זין זיך צו איילן ביי דער קאָ־

טאָרגע־אַרבעט, און אַקאָרדסמעסיק אויספּילן די נאָרמע פון טאָג, כּדי פריער באַפרייט צו ווערן. האָסט באַצייטנס געענדיקט וואָס מען האָט דיר פאַרגעבן, אַרומפּוצן אַזויפיל אזויפיל בײמער, אַוועקצופירן אַזויפיל און אַזויפיל קלעצער לויט דער נאָרמע, פלעגט מען דיר צוגעבן נאָך און נאָך אַרבעט... האָסטו זיך נישט איבעראײַלט, פלעגט מען דיר געבן קלעפּ אויפן דייטשישן שטייגער...

ווי ס׳איז אונדז נישט געווען שווער ס׳לעבן, פלעגט דיר קיינער נישט קענען פאַרווערן אַרײַנאָטעמען די וואונדערבאַרע לופט פון די סאָסנע־בשמים. די געשאָכטענע, אויסגעמאָרדעטע ביימער האָבן געטריפט מיט אַזעלכע ווייס־קלעפּיקע, אָדער ברוינלעך־קלעפּיקע טראָפּנס, וואָס פלעגן לייכטן אויף דער זון ווי טרערן; די טייערע וואַלד־לופט האָט פאַרשטאַרקט דיין הונגער, אָבער גלייכצייטיק געקרעפטיקט דיינע לונגען; קיינער פלעגט דיר נישט שטערן באַגינען, פרילינגצייט, צו געניסן פון דעם וואונדער־באַרן סימפאָנישן קאָנצערט פון די מאַסן וואַלד־פייגל, אָדער זיך נישט צו קענען זעטיקן מיט דער ווייסער שנייאיקער פּראַכט פון ווינטער, מיט וואָס דער רבונו של עולם פלעגט באַצירן די אייביק גרינע צווייגן פון די יעלן און סאָסנעס, צוזאַמען מיט די אויסגעמאָרדעטע רעשטן — די פּיענעס און שטאַמען פון וואַלד, וואָס פלעגן זיך וואַלגערן ווי מענטשלעכע גלידער אויף די שלאַכטפעלדער. די ווייסקייט פלעגט גלעטן און באַרויקן, און די יונגע פאַנטאַזיע פלעגט דיר פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ וואונדערלאַנד.

נישט איין מאָל פלעגן מיר אויך „געניסן" פון הונגער־סימפאָניעס פון וועלף, וואָס פלעגן וואַגן זיך צו דערנענטערן ביז עטלעכע מעטער פון די פערד, וואָס האָבן געפירט ס׳האָלץ. די פערד פלעגן זיי פריער דער־פילן ווי די מענטשן, זיי פלעגן ווערן אומרואיק, זיך וואַרפן, זיך רייסן פון שפּאַן, ציטערן און קנייטשן מיט דער פעל, אויסשלאָגן מיט די פיס און הירזשען... אין פינצטערע אָוונטן אָדער נעכט, פלעגן מיר זען דעם פאָספאָר־גלאַנץ פון זייערע ווילדע, הונגעריקע אויגן. דעמאָלט פלעגן די דייטשן אויפמאַכן אַ פייער, זיי פלעגן שיסן, און יעדער שאָס פלעגט זיך צעשיטן אין נאָך שאָסן פון די ווידערקולות, וואָס פלעגן זיך אימהדיק קייקלען איבערן וואַלד. צייטנווייז פלעגן מיר אויך געניסן פונעם אומעט, פון דער נישט היימלעכקייט, פון דער נאָסטאַלגיע פון דייטשישן שומר,

דעם זעלנער. ער פלעגט אין שטילן וואַלד פאַרזינקען אין אַ מעלאַנכאָלי־שער אַפּאַטיע. מיר האָבן זיי גוט אויסגעלערנט, און אין אַזעלכע פאַלן, פלעגן מיר פאַרלאַנגזאַמערן דעם טעמפּ פון דער אַרבעט, מאַכן שטיקלעך הפסקות, נישט צו געברויכן דערצו די „אימונע לאַטרינע״, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, פלעגן מיר אויך קומען פריער „אַהיים״, אין עיפּושדיקן אָבער וואַרעמען, היימיש־געוואָרענעם באַראַק, אויף נאַכט־רו.

אויך דאָ, אינעם עמק הבכא, אונטערן פרייסישן שטיוול און שפּיץ־רוט, האָבן נישט געפעלט קיין קאָנפליקטן צווישן די אויסגעפּראַצעוועטע מענטשן, וואָס פלעגן זיין געררייצט און געשפּאַנט. די קאָנפליקטן פלעגן זיך אָנהייבן פון אַ שטות, פון גאָרנישט, ווער ס׳וועט פריער זיך צוכאַפּן צום שייטער, אָדער הייוועלע צו וואַרעמען ס׳עסן, אָדער ס׳פלעגט זיך עמעצן אויסדוכטן, אַז ער האָט באַקומען אַ פּיצל אַ כזית האָבער־פּלעצל ווייניקער, ווי זיין נאָענטער חבר... אַמאָל האָט מען ביי דיר „געגנבעט״ אַ הויפן שטרוי, אַ פּאָר קערעלעך זאַלץ; דאָס ערגסטע פלעגן זיין די אַזאַרט־שפּילן און אַזאַרט־געוועטן, וואָס פלעגן דערפירן צו געשלעגן און... אַנטי־יידישע העצעס מצד די פּאָליאַקן, בעת די ליטווינער פלעגן זיך שווייגנדיקע האַלטן פון דער זייט, אָפּגעזונדערט הן פון די יידן, הן פון די פּאָליאַקן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן אַריינפאַלן די דייטשן און אַלעמען „באַרואיקן״ מיט זייערע נאַהייקעס און קאָלבעס פון ביקסן. זיי פלעגן ממיתן אַ ל ע מ ע ן, אָן חילוק שולדיקע צי אומשולדיקע.

* * *

מיין „פאַרברענגען״ אין לאַגער פון פּלאָטשיצנע האָט באַקומען אַ „ווענד־פּונקט״ דורך אַ צופעליקייט: ס׳האָט זיך מיט מיר באַפריינדעט אַ דייטשישער וואַך־זעלנער, אַ געבירטיקער אין פּראַג אין ציווילן לעבן, אַ לערער. ער פלעגט מיר פאַרזיכטיק אויסהעלפן מיט אַ קוביקל צוקער, אַ ציגאַרעטל, אַמאָל מיט אַ גוט שטיקל זעלנעריש ברויט, חלילה נישט אומ־זיסט: — ביים אָפּנעמען די פּאָר מאַרק אַרבעטס־געלט, פלעגט ער זיך נישט מיאוסן צו נעמען פון מיר (און פון מיין גלייכן) וואַכער, א ב ע ר ע ר א י ז ג ע ו ו ע ן ו ו ע ר ט. ער פלעגט זיך פאַרענטפערן, אַז ער

וויסט, אַז זיין האַנדלונג איז נישט אַזוי „מאָראַליש", אָבער ער מוז אַזוי האַנדלען, כדי צו שטיצן זיין הונגעריקע היים, זיין פרוי מיט פיר קינדער, מיט אַן אַלטער מוטער. ער שיקט זיי כסדר שפייז־פּאַקעטן. פונוואַנען זאָל ער נעמען געלט איינצוהאַנדלען די שפּייז פון זיינע „קאַמעראַדן". נישט צו וויסן צי בכוונה, צי נישט בכוונה, פלעג איך אָפּט קריגן ס'שטיקל ברויט איינגעוויקלט אין אַ זייט פונעם „פאָרווערטס", וואָס האָט אונדז געדינט פאַר אַ מקור פון אַפּגעריסענע אינפאָרמאַציע פונעם אינערלעכן לעבן אין דייטשלאַנד. ס'פלעגט זיך אויך מאַכן, אַז מען פלעגט קריגן פיבער, און לויט דעם „פאַרשריפט" פונעם סאַניטאַר, פלעגט מען בלייבן ליגן אַ גאַנצן טאָג „גענעזן" צו ווערן אין באַראַק. (אין אַזאַ מאַסן־לאַגער איז נישט געווען קיין שטענדיקער דאָקטאָר). נאַטירלעך זענען ביכער געווען פאַר־באָטן אין לאַגער, דאָס נעמלעכע צייטונגען, מחוץ דער אַרטיקער בלעטל „סובאַלקער נאַכריכטן". איינמאָל, אין אַזאַ קראַנקן טאָג, בין איך געזעסן אויף דער נאַרע פאַרטיפט איבער אַ צעקנאַדערט, צעקנייטשט שטיקל „פאָרווערטס", און געלייענט וועגן שטורעם, וואָס רוקט זיך אָן אויף רוס־לאַנד (ס'איז געווען סוף 1916). מיטאַמאָל דערפיל איך איבער זיך אַ פּאָר אויגן ווי שפּיזן, וואָס עגבערן דיר דורך און דורך. צו מיין שטוינען און שרעק איז נעבן מיר געשטאַנען נישט קיין אַנדערער, ווי זיין „הויך וואָול־געבאָרן" דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, וואָס האָט אינספּעקציאָנירט די באַראַקן. איך בין אויפגעשפּרונגען אויף „אַכטונג" (לויטן פאַרשריפט), כאָטש מיין קאָפּ איז געווען פול געלאָדן ווי מיט בליי. איך האָב געפיבערט און געגליט פון היץ. דער פעלדפעבל האָט ראַפּאָרטירט הלמאַי כ'געפין זיך דאָ און נישט אין וואַלד, דער אָפיציר האָט אויף מיר נישט געקוקט, און מיטן שפּיץ־רוט האָט ער איבערגעדרייט דאָס צעקנאָדערט שטיקל צייטונג, וואָס איז מיר אַרויסגעפאַלן פון האַנט.

— „לעזטו דויטש, דו לויזיק־פּאָלנישער שפּיץ בוב"? — האָט ער ווי אַרויסגעזייט פון צווישן די ציין.

— „יאָ וואָל הער קאָמענדאַנט, איך לעז און שרייב דויטש, איך בין אַ יודע".

— „זאָ, זאָ, איין יודע. איין פּאָלנישער לויזיקער יודע".

— „איך בין נישט לײזיק, הער קאָמענדאַנט, מיר װערן אַלע צװײ װאָכן אַנטלױזט"...

מײן „חוצפה" האָט געמאַכט אַ רושם, האָט ער פאַרלױרן אַזאַ לאַ־כעלע און גענומען אױספרעגן פּרטים פון מיר, פון מײן אַרבעט און פון מײנע „אַרבעטס גענאָסן". צו זײן אמתן אָדער געמאַכטן שטױנען האָט ער זיך דערװאוסט דורך מיר, אַז דאָ געפינען זיך גענוג יידישע אינטע־ליגענטע בחורים, װאָס קענען רײדן, שרײבן און לעזן דײטש. גראַמאַטיש, נישט ערגער װי זײנער אַ דורכשניטלעכער זעלנער, װער רעדט נאָך, װען כ'האָב דאָס מאָל זיכער פון היץ אַ דעקלאַמיר געטאָן אַ שטיק „לאָרעלײ" — — — װער װײסט צי כ'װאָלט נישט דערגאַנגען „עפּעס" צו דער־צײלן פון מײנע ידיעות, װאָס כ'האָב שױן אַרײנגעכאַפּט פון חבר טשאַר־נעסעס פיר־שעהדיקע רעדעס אױף די אומלעגאַלע פּועלי ציוניסטישע קרײזן, װײל ס'האָט זיך אַסאָציאירט מיט דאָס נאַרװאָס געלעזענע פּונעם „פאָרװערטס" און די היץ האָט מיר געברענט...

איז געפאַלן אַ קורצער, שאַרפער באַפעל צום פעלדפעבעל, װאָס האָט אַ סוף געמאַכט צו מײן נאַטירלעכער באַרעדעװדיקײט.

— „דעם מאַן צור ביוראָ אַרבײט"!

— „יאָ װאָל הער לױטענאַנט"!

כ'האָב פאַרבאָרגן די היץ, װאָס האָט מיר געטריקנט די בײנער, מײן פעטער יצחק, האָט מיר ביז פאַרטאָג צוגעזען מיט הײסן זיסן װאַסער, כדי איך זאָל מאָרגן אין דער פרי נישט פאַרלירן אַזאַ זעלטענע געלעגנ־הײט אַריבערצוגײן אױף ביוראָ־אַרבעט. קײן אַנדער רפואה קעגן היץ האָבן מיר דעמאָלט נישט געהאַט.

באַגינען, צום „אַנטרעטן", האָט מען מיר אױסגעטײלט פון דער רײ און באַגלײט צו דער לאַגער־ביוראָ. כ'קען נישט זאָגן, אַז מען האָט מיר דאָרטן מקבל פּנים געװען מיט שמחה. אומגעקערט, די שנאה האָט דאָרטן געשפּריצט פון יעדערנס אױגן: להשמיד! די עפּיטעטן „לױזיקער", „שמור־ציקער", „מיסט־יודע" מיט די „קרײץ דאָנערװעטערס", האָבן געזשומעט אין די אױערן, װי די מוזיק פון װאַלד־מאָסקיטן אין אַ הײסן זומער־פאַר־נאַכט. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערװאוסט, אַז זײער שנאה האָט געהאַט אַן אינהאַלט: — מען האָט די זאַטע, דעמאָראַליזירטע הינטער־

פּראָנט־זעלנער געגומען צוריקשיקן קיין דייטשלאַנד אויף קאַמפּס־איבונ־גען, זיי צוצוגרייטן צו פראָנט־דינסט, בעת זייערע נישטיקע שרייבעריי אין ס׳רוב ביוראָען, וואָס האָבן נישט געהאַט צו טאָן מיט מיליטערישע ענינים, זענען בהדרגה איבערגעגעבן געוואָרן צו אינטעליגענטע „דרעקי־שע פּאָלנישע פּרוויליינס״, און צו „מיסט־יודען״, וואָס האָבן געוואוסט וו א ו און וועמען צו „שמירן״...

בקיצור, אַזוי ווי איך בין דאָ געווען דער ערשטער „שרייבער״ נישט פון דער דייטשישער אַרמיי, האָט מען מיר מכבד געווען מיט אַ באמת „בוצלעכער פּראָדוקטיווער״ אַרבעט; מען האָט מיך אָוועקגעזעצט מיט אַ ווירע, אַ מאַסשטאַב ליניר לײדיקע זייטן אַרויסגעריסענע פון אַלטע צאַ־רישע אַרכיוו־ביכער. ליניר זיי פּינקטלעך פּרעציז ביזן מילימעטער, אין שורות און קוואַדראַטלעך. פריער מיט אַ בלייפעדער, דערנאָך עס איבער־פירן מיט טינט מיט אַ רייס־פעדער. שפּעטער פלעגן די לינירטע בלעטער סאָרטירט ווערן, און אַנדערע ציוויליסטן פלעגן זיי איינבינדן, אַזוי האָבן מיר פּראָדוצירט בוכהאַלטערישע ביכער, פאַר דער „זיגרייכער דייטשער אַרמיי״ פון „אָבער אָסט״.

אין גאָר אַ קורצער צייט איז מיר די אַרבעט פאַרמיאוסט געוואָרן צום טויט. די מאָנאָטאָנישקייט, דאָס זיצן טאָג־טעגלעך 12־13 שעה מיט דער ווירע און רייס־פעדער און לינירן פּאַפּיר האָט מיר שיעור נישט דער־פירט צו שגעון. כ׳האָב געגומען סימולירן קראַנקייטן, בויך־ווייטיק מיט האַרץ־ווייטיק. כ׳האָב אָנגעהויבן פאָדערן צוריקגעשיקט צו ווערן אין וואַלד, צו דער פריערדיקער שווערער אַרבעט. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, ביז אַ שיעור נישט געוואָרענער אומגליק האָט מיך באַפרייט פון דעם ביוראָ־גהינום, און זיכער געראַטעוועט פון טמטום, אפשר פון שגעון, עס האָט זיך אַזוי געמאַכט:

די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט זייער געזאָרגט פאַרן געזונט און היגיענע פון דער אַרמיי. די אַרמיי אין די אָקופּירטע געגנטן האָט זיך נישט געפונען אין אַ ליידיקן חלל, כאָטש זי פלעגט זיך בדרך כלל אויפ־האַלטן אין איזאָלירטע קאַזאַרמעס און לאַגערן, אָבער נישט ווייניק זעל־נער און אָפיצירן האָבן געוואוינט אין רעקוויזירטע דירות און הייזער, אין די שטעט און שטעטלעך, צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג. די

דייטשן האָבן געוואוסט, אַז זייער גאַנצע היגיענישע דיסציפּלין, ווען נישט האָבן קיין איבעריקן ווערט, אויב די זעלנער וועלן האָבן באַציאונ־גען מיט אַ באַפעלקערונג, וואָס לעבט אין נישט־היגיענישע באַדינגונגען און איז כסדר באַדראָעט פון מגיפות, וואָס קענען לייכט איבערגעטראָגן ווערן צווישן די זעלנער, פלעגט די אָקופּאַציע־מאַכט אָננעמען דראַסטישע פּראָפילאַקטישע מיטלען צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג. מען האָט צוואַנגסווייז נישט נאָר געשטעלט דער ציווילער באַפעלקערונג פּאָקן, נאָר כסדר באַגליקט מיט כלערליי „אַנטי־אַנטי״ איינשפּריצונגען קעגן טיפוס, דיזענטעריע, וכדומה. די דייטשן פלעגן פאַרבאָרגן, און נישט מפרסם זיין די עפּידעמיעס, וואָס פלעגן אויסברעכן דאָ און דאָרטן, ווי אַ רעזולטאַט פון קנאַפּע, פאַרדאָרבענע און געפעלשטע שפּייז, בעיקר פונעם שלעכטן ראַציאָנירטן ברויט. די מגיפות פלעגן זיך איבערטראָגן אין די גאַרניזאָ־נען. דער מלאך המות פלעגט נישט האָבן קיין צייט אָפּצוקלייבן העלדישע קעניגלעכע פּרייסן פון די פּשוטע, „לויזיקע״, פּאָליאַקן און יידן. דער טויט האָט געשניטן אַלעמען אָן חילוק פון ראַסע, נאַציע און גלויבן. קיין אַנטיביאָטישע פּרעפּאַראַטן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען.

ווילדע פון צאָרן און פחד פאַר מגיפות, פלעגן די דייטשן צוואַנגסווייז טרייבן קוואַרטאַלן, גאַסן, שטעט און שטעטלעך אין באָד אַריין, צו דעזינ־פעקטירן און חרוב מאַכן די בגדים. בעיקר צו „אַנטלויזן״ די קליידער אין גרויסע אָנגעהייצטע דאַמף־קעסלען. די „לויז״ פלעגט אויף זיי אַנוואַרפן מער פחד ווי דער שונא... דעמאָלט פלעגט מען אויך צווינגען די ציווילע באַפעלקערונג זיך קורץ אָדער אינגאַנצן אָפּשערן די האָר, פון באָרד און פּאות ביז צו די אינטימסטע קערפּער־טיילן. באַזונדערס האָט מען שטרענג מקפּיד געווען אויף די דערמאָנטע פּראָפילאַקטישע מאַסמיטלען כלפּי אַלע וואָס האָבן געאַרבעט ביי זיי ווי אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, ליפעראַנטן, וכדומה, נאַטירלעך — כלפּי די געפאַנגענע.

דאָס צוואַנג שערן און צוואַנג בעדער פון דער תקופה פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה; דאָס רייסן מיט רציחה די האָר פון לייבער מיטן פליישׁ צוזאַמען — צו שטילן זייערע אַרויסגעפּלאַצטע טעווטאָנישע חיה־שע אינסטינקטן, אינסטינקטן פון נישט באַפרידיקטן סעקסועלן טריב, פון אָנגעפּאַשעטע געזונטע לײדיקגייער אין די גאַרניזאָנען, פעלדפעבעלס,

זעלנער מיט אָפיצירן צוזאַמען, פלעגן אָננעמען גרויל־פאָרמען. אין די ווייט פאַרוואָרפענע ישובים, ווייט פון די מעטראָפּאָליעס, וואו ס'פלעגט כמעט קיינמאָל נישט אַריינבליקן אַ פרעמד אויג, די פרעסע זיכער נישט.

מען פלעגט מיט גוואַלט שלעפן אין די בעדער און אָפקלייבן יונגע פרויען, ווען פאַרשטעלטע מיליטערישע מנובלים פלעגן רייניקן און ראַזירן די אינטימע קערפער־טיילן. די באָרדעלן פלעגן מער נישט שטילן זייער סעקסועלן הונגער, פלעגן די „הויך קולטורעלע" דייטשישע אָפיצירן זיך פאַרשטעלן פאַר סאַניטאַרן און מיט זייערע טמאדיקע הענט שענדן די לייבער פון מוטערס, טעכטער און סתם יונגע פרויען. — איצט קענען מיר מיט ווייטיק זאָגן, אַז יענע „אַנטלויזונגס"־אַנשטאַלטן און בעדער, זענען געווען די פראָטאָטיפּן פון די שפּעטערדיקע גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. יענער זיך איזדיעקעווען איבער שוצלאָזע נאַקעטע מענער און פרויען אין ערשטן וועלט־קריג איז געווען די פרעלודיע פון יידישן מאַסן־אומקום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די זעלבע געגנטן פון „אָבער אָסט". די וועלט שטייט חלילה נישט אויף אַן אָרט. זי דרייט זיך און אַנטוויקלט זיך...

מחמת בושה און צניעות פלעגן די געליטענע דערשטיקן זייער פּיין און נישט מפרסם זיין די באַרבאַרישע שאַנד. פלעגט זיך אַ יונגע פרוי קעגנשטעלן, פלעגט מען איר ווי אַ צוגאָב אָפּראַזירן איר קרוין, אירע מיידלשע האָר פון קאָפּ, און גאָרנישט זעלטן פאַרגוואַלטיקן ווי ווילדע חיות, ווי אוקראַינישע היידאַמאַקעס...

ווי אין יעדן לאַגער, אַזוי האָט זיך אויך אין „אונדזער" לאַגער אין פלאָטשיצנע, געפונען אַזאַ באָד מיט אַן אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט. מיר פלעגן גראָד גיין מיט פאַרגעניגן אין באָד אָפּצוואַשן פון זיך דעם שמוץ און כאָטש אַ פּאָר טעג געניסן פון פערזענלעכער ריינקייט. בעיקר פטור ווערן פון די איבלדיקע קליינע פּאַראַזיטן, וואָס האָבן געפרעסן אונדזער לייב. אויך כלפּי אונדז, פלעגן די דייטשן נישט איינמאָל מאַכן „חכמות" און זיך פאַרוויילן, בעת מיר פלעגן אין פּראָסטיקן אָוונט שטיין אונטער די קראַנען און שפּריצן, אדם נאַקעט און זיך וואַשן מיטן שטראָמיקן הייסן וואַסער, פלעגן זיי מיטאַמאָל פאַרשפּאַרן דעם הייסן שטראָם און לאָזן פליסן איבער אונדזערע נאַקעטע לייבער קאַלטע אייז־וואַסער...

זיי פלעגן עס טאָן בכוונה, ווייסנדיק אַז אונדזערע קליידער, וועש און דעקעס זענען פאַרמאַכט אין דאַמף־קעסל, און מיר האָבן גאַרנישט מיט וואָס צו פאַרדעקן דעם נאַקעטן קערפּער אין פראָסט, אין באָד, וואָס איז געווען אין אַ הילצערנעם באַראַק מיט שפּאַרעס אין די ווענט.

אַזוי האָבן געהאַנדלט די טעווטאָנען־סאַדיסטן אין 1916, אין די יאָרן 45־1941, איז שוין זייער באָד־טעכניק געווען אַ סך פולקאָמער...

האָט זיך געמאַכט אין מיין „ביוראַ־תקופה“, אַז איינער האָט מיט אָדער אָן אַ כוונה, געלאָזן אין קעשענע פון אַ בגד שוועבעלעך, בעת מען האָט דעם בגד אַריינגעוואָרפן „אַנטלויזן“ אין אָנגעגליטן קעסל, האָבן די שוועבעלעך אויפגעפלאַקערט, ס'האָבן זיך באַלד אָנגעצונדן די קליידער, פון די גאַנצן פונעם פייער האָט דער קעסל געפּלאַצט. די היץ מיט די פלאַמען האָבן אַרויסגעשפּאַרט אין דרויסן און דערלאַנגט צו די טרוקענע הילצערנע ווענט, בענק און פּאָליצעס פון דער באָד, בעת אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן, דערשטיקנדיקן רויך און דאַמף... בעת מעשה זענען מיר געשטאַנען אַ פּאַרטיע פון עטלעכע צענדליק נאַקעטע מענטשן אונטער די שפּריצן.

פונעם דונער פון אויפרייס, פונעם שטיקנדיקן רויך און פלאַמען זענען מענטשן געוואָרן צעטומלט און היסטעריש. ס'איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק, נאַטירלעך האָט מען זיך געלאָזט לויפן ראַטעווען, מוטער נאַקעטע, דורך אויפגעריסענע פענצטער און טירן. מיר זענען געלאָפן אין פראָסט איבערן טיפן שניי צו זיך אין די באַראַקן אויף די נאַרעס.

דער לאַגער האָט זיך געשפּרייט אויף עטלעכע קוואַדראַט קילאָמעטער'. די באָד איז געווען אין ווייטסטן ווינקל. — ווען ס'וואָלט זיך דאָרטן צופעליק דעמאָלט געפונען אַ היינטיקער פאָטאָגראַפיסט־רעפּאָרטער, וואָלט ער געקענט פאַראייביקן אַ גרויזאַם בילד פון גרויל, אימה און פאַנטאַסטיק. די באָד מיט די נאָענטע באַראַקן אַרום זענען געשטאַנען אין פלאַמען, די פייערדיקע צונגען האָבן זיך געריסן צום הימל און געלעקט די אַרומיקע ביימער. ס'רויטע אָפּגלאַנץ פון פייער האָט זיך צעלייגט מיילן אַרום איבער די ווייסע שניי־טישטעכער, וואָס זענען געוואָרן רויט. — איבער אָט דער פאַנטאַסטישער דעקאָראַציע זענען אַרומגעשפּרונגען אדם נאַקעטע

פאַרווירטע מענטשן, זייערע לייבער האָבן געגליט אין שיין פון די פלאַ־מען. — — —

ווי איך בין נישט געווען דערשראָקן און צעטומלט פון „טאַנצן", מוטער נאַקעט אין שניי, און געפילט די קעלט, האָב איך נישט געקענט אָלע ווײַלע כאַטש אַ רגע שטיין בלייבן כדי אַנצוקוקן דאָס אימה־בילד... און איבערן קאָפּ האָבן נאָך דערצו גראַסירט טשאַטעס דערשראָקענע קראָען: קראַ־קראַ־קראַ!

נאָך אַט דעם ספּעקטאַקל זענען מענטשן קראַנק געוואָרן, וגם אני בתוכם.

כדי צו פאַרווישן די מעשה פון דער עפנטלעכקייט, האָבן די דייטשן דערלויבט די געליטענע צו פאַרלאָזן דעם לאַגער, און זיך איינאָרדענען אַנדערשוואו. שוחד האָט דעמאָלט געשפּילט גאָר נישט קיין קליינע ראָלע. די „העלדישע, די זיגרייכע, גלאָריעפולע" דייטשישע מיליטערלייט, האָבן זיך בדרך כלל נישט געמיאוסט צו נעמען אַלץ, וואָס מען האָט דערלאַנגט און וואָס ס'האָט זיך געלאָזט נעמען, מזומן אין מאַרקן, רוסישע „קאַטע־רינקעס" (הונדערט רובלדיקע), גאָלדענע רינגען, קייטלעך, צירונג, אַפילו שפּייז צו שיקן קיין דייטשלאַנד. אַ דריטל פון מיין מוטערס גאָלדענער זייגער־קייט — ס'דרשה געשאַנק פון אירע עלטערן, האָט אונדז באַפרייט פון לאַגער. די אָפּגעשניטענע שטיק גאָלדענע קייט איז געבליבן אַ משפּחה־סוד אויף לאַנגע יאָרן, ווייל דרשה־געשאַנק איז ביי אונדז געווען טייער און פאַרהייליקט, אָבער פּיקוח נפש איז הייליקער פון אַלץ...

* * *

ווי אָפּגעשוואַכט כ'בין נישט געווען פון דער קראַנקייט, וואָס די לעצטע „אַנטלויזונג" האָט מיר געבראַכט, האָט זיך מיין יוגנטלעכע ענער־גיע מתגבר געווען. כ'האָב זיך גיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס און זיך איינגעשפּאַנט צו הילף מ'יין פאָטער אין זיין שווערן פאַרגעב צו באַשפּייזן אַ משפּחה פון 6 נפשות. כ'האָב צוריק פאַרבונדן די לויז געוואָרענע פעדעם מיטן קאָנספּיראַטיוון קרייז חברים, און זיך צוריק גענומען באַגעגענען מיט די, וואָס זענען פאַרבליבן פריי פון לאַגערן אָדער „פרייוויליקער־צוואַנגס־אַרבעטן.

דער גרויסער גאָרטן פון זיידנס הויף איז באַארבעט און פּאַרזייט געוואָרן ביזן לעצטן שפּאָן ערד. באַארבעט האָבן אים אַלע דערוואַקסענע פון אונדזער גרויסער פּאַרצווייגטער משפּחה. יעדערער האָט געהאַט זיין חלק אין גאָרטן, אַזוי אַז אין שטוב האָט זומער נישט געפעלט ס׳שטיקל גרינצייג און ווינטער זענען געלעגן אין די קעלערן ריבן, אויף די שאַפעס — זעקלעך טרוקענע אַרבעס מיט באָבעלעך. אין הונגעריקן זומער 1916 האָט די משפּחה געדונגען אַ שטיק אַקער־פעלד און בשותפות פּאַרזייט קאַרטאָפל.

ביסלעכווייז האָט מיין פאָטער אויספאַרקויפט די שניט־שטאָפן, וואָס זענען זינט דעם מלחמה־אויסברוך געלעגן נאָפּטאַליניזירט, אויסבאַהאַלטן אין אַלע בעטן פון די פעטערס, מומעס און שכנים. ביי אונדז פלעגט מען אויך פאַרקויפן טייערע מיליטערישע קנעפּ, גאַלאַנען און כלערליי שלי־פעס מיט זילבערנע און גאָלדענע פרענדז. די מיליטערישע קנעפּ זענען געווען זילבערנע, דינע ווי מטבעות, באַצירטע מיטן צאַרישן אָדלער פון ריינעם גאָלד, אָדער באַגילדטע. אַזעלכע קנעפּ און שליפעס פלעגן זיך פאַרגינען צו געברויכן נאָר העכערע אָדער רייכע אָפיצירן. לכתחילה האָט זיי מיין פאָטער באַהאַלטן אין פחד, אַז דייטשן וועלן עס רעקוויזירן. צום גליק איז זיי נישט איינגעפאַלן אַזאַ מעשה... און ביסלעכווייז פלעגן באַ־קאַנטע דייטשן נעמען קויפן צו פּאָר קנעפּ... עס צו שיקן אין דער היים ווי שלל, ווי אַרויסגעריסענע פון רוסישע אָפיצירן און גענעראַלן, וואָס זיי האָבן, כמו בידים דערהרגעט אויפן שלאַכטפעלד... סוף 1916 האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט, אָבער די הויפּט פּראָבלעם איז געווען ברויט, פּשוט ברויט צום עסן, וואָרום די ראַציאָנירטע ערזאַץ־ברויט, האָט אַלעמען פאַר־דאָרבן די מאָגנס מיטן געזונט, מען האָט עס פּשוט נישט געקענט עסן.

מיינע פעטערס, די שלאָסער און מעכאַניקער, האָבן צוביסלעך געאַר־בעט צוזאַמען מיטן אַלטן זיידן אין דער גרויסער שלאָסעריי אין הויף, אָבער די הכנסה האָט נישט געקאָנט שפּייזן גאַנצע 4 משפּחות. איז דער פעטער אשר אַוועק אַרבעטן אין די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן, וואו ער איז געווען דער ע ר ש ט ע ר   י י ד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט, בעת אַנדערע יידישע בחורים האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף דער באַן ווי טרעגער, ברעמזער און באַדינער. די יידישע אייזנבאַנער פלעגן טראָגן אַ ספּעציעלן אָרעם־באַנד, וואָס האָט זיי דער־

מעגלעכט פריי גיין אין גאַס אין די נעכט, אין די פּאָליציי־שעהן. זיי זע־נען אויך פריי געווען פון יעדער צוואַנגס־אַרבעט. דאָס פּראָבלעם איז דע־מאָלט געווען דאָס אַרבעטן אום שבת, וואָס איז פּסיכאָלאָגיש שווער גע־ווען צו געדייען.

שבת־רו איז אין יענע יאָרן געלעגן אין בלוט ביי יעדן יידן, אַפילו ביי די „פרייע", נישט־רעליגיעזע יידן. דאָס רויכערן שבת איז געווען אַן „עונג־שבת" און נישט קיין אַרבעט. די דייטשן האָבן געטענהט, אַז ס׳איז קריג, זיי מעגן אַרבעטן זונטיק, מעגן די יידן אַרבעטן שבת. דער „שולחן ערוך", מיט דער „יורה דעה" האָט אויף זיי גאָרנישט משפיע געווען. פאַר דער דערוואַקסענער יוגנט איז די שבת־אַרבעט נישט געווען אַזוי שווער, ווי פאַר מיין פעטער אָשר, און שפעטער דעם נאָך עלטערן פעטער משה רייך, אָבער אַז דער הונגער פייפט און די קינדער מאָנען ברויט, האָט מען נישט קיין ברירה... די ערשטע שבתים פון זייער אַרבעט איז אין דער היים געווען אַ טראַגעדיע, איינער האָט נישט געוואָלט קוקן דעם צווייטן אין די אויגן... די באָבע און מיין מוטער ז״ל האָבן שוין אָנגע־הויבן וויינען פרייטיק אין דער פרי... מען האָט צום סוף זיך צוגעוואוינט און משלים געווען.

מיינע פעטערס האָבן מיך אַריינגעפירט אין דער אייזנבאַן־אַרבעט, באַלד ווי כ׳האָב זיך געפילט בכוח. זייער כוונה איז געווען איך זאָל אַר־בעטן ווי אַ געהילף ביי איינעם פון ביידן, אָבער זיי האָבן איבערגעשאַצט זייער „מאַכט". דער אייביק שיכורער דעפּאָ־מייסטער, אַ דיקער קעניגס־בערגער דייטש, האָט מיר גאָר מסדר געווען אין דעם קוילן־דעפּאָ, אָפּצו־לאָדן און אָנצולאָדן שטיינקוילן אין די טענדערס פון די לאָקאָמאָטיוון, וואָס איז געווען איבער מיינע פיזישע קרעפטן. באַזונדערס, ווען כ׳בין כסדר געווען האַלב הונגעריק און אָפּגעשוואַכט פון דער פלאַטשיצנער קאַטאָרגע. נאָך אַ פאָר וואָכן אַרבעט, נאָכדעם ווי דער קוילן־שטויב האָט זיך מיר איינגעפרעסן אין לייב, נישט אָפּצוואַשן, האָב איך צוזאַמענגע־בראָכן. אַנידערגעפאַלן אין חלשות מיט דער שווערער שופלע אין האַנט און — פאַרענדיקט מיין אייזנבאַן־קאַריערע.

אַ וואָך שפעטער בין איך שוין געווען אַ באַדינער פון קראַנקע פערד אין קעניגלעך דייטשיש מיליטערישן פערד־לאַזאַרעט נומער 175, וואו

כ׳האָב „פאַרבראַכט״ ביז קורץ פאַר דער דייטשישער רעוואָלוציע אין נאָ־וועמבער 1918, מחוץ אַ קליינעם איבעררייס פון אַ נייעם „פאַך״ — אַרבעט ביים בויען אַ פאַבריק פון פאַסן (פאַרן דייטשישן מיליטער) וואו כ׳האָב נישט מצליח געווען, און שיעור נישט פאַרענדיקט מיט תפיסה, מחמת מיין „היציקייט״, אָדער „שאָוויניזמוס״, ווי דער מיליטער ראַבינער האָט געטענהט. אין דער פאַסן־פאַבריק זענען געווען קאָנצענטרירט אַר־טיקע פוילישע אַרבעטער, וואָס פלעגן פאַרביטערן די יאָרן די פאָר צענד־ליק יידן. איינמאָל, בעת אַזאַ פוילישער מנובל, האָט אָנגעכאַפּט אַן על־טערן יידישן אַרבעטער פאַר דער באָרד, צו באַווייזן זיין „גבורה״ זיינע קאָלעגן, האָט מיין לאָפּעטע פלאַך געטראָפן זיין שווערע פעלצענע היטל... ווען נישט דאָס היטל, ווער ווייס צי די לאָפּעטע וואָלט אים נישט גע־שפּאָלטן זיין אַרישן קאָפּ... נאַטירלעך איז ווידער געווען „פריילעך״ און נאָכן אויסבאַהאַלטן זיך אַ צוויי וואָכן, נאָכדעם ווי דער גוי איז צוריק־געקומען צו דער אַרבעט מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ, און נאָכן „צושמירן״ וואו מען האָט באַדאַרפט, האָט מען מיר שוין אַלס „מומחה״, מסדר געווען אַרבעטן אין אַזאַ צווייטן פערדן־לאַזאַרעט נומער 176.

די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט פאַרענדיקט בויען די פאַסן־פאַבריק, זומער 1918, אָבער זי האָט שוין נישט זוכה געווען צו געניסן פון איר פּראָדוקציע.

סוף 1916 האָבן זיך שוין דערטראָגן צו אונדז די ווייטע דונערן פון דער מאַסן־יוירונג אין דער מלחמה־מידער צאַרישער רוסלאַנד. מיר האָבן זיך דערוואוסט פונעם שאָס אין גרישקאַ ראַספּוטינס קאָפּ. דער שאָס, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אָנהייב פונעם סוף פון דער איבער 300 יאָרי־קער צאַרישער דינאַסטיע פון די ראָמאַנאָווס. דעם אָנהייב פון דער גרוי־סער רעוואָלוציע אין אַ זעקסטל טייל פון אונדזער ערד־שטח, אַ רעוואָלו־ציע, וואָס איז צייטיק געוואָרן און ביסלעכווייז, גענומען אַריבערפליסן די גרענעצן פון צאַרישן רוסלאַנד, ווי אַן אָנגעגליטע לאַווע אָנצוצינדן, צו דערהויבן און באַגייסטערן אַ סך מיליאָנען מענטשן. אָנ־צוהויבן נייע שלאַכטן קעגן אַן אַלמענטשלעכן שונא, קעגן דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן וועלט־סדר, אַ מלחמה אָן געאָגראַפישע גרענעצן, וואָס איר סוף איז נאָך נישט צו זען ביז היינט, מער ווי 40 יאָר שפּעטער.

דער קורצער פּרילינג

דאָס יאָר 1917 איז נישט געווען אַזאַ הונגעריק־אומעטיקער ווי 1916. שוין אין די פּרעסט פון יאַנואַר איז די לופט פול געוואָרן מיט פּרילינג, מיט האָפענונג, אַז אָט, באַלד נעמט אַ סוף צו דער מלחמה.

דער אָנהייב 1917 איז מיר פאַרקריצט אין זכרון, ווי איך זיץ אָנגעפּעלצט אין אַ בורקע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק; דער קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ קאַפּושאָן. איך זיץ אין דרויסן אויף אַזאַ גרויסן ראָד, אין ראָד שטעקט אַ דייקסל, צו וואָס ס׳איז צוגעשפּאַנט אַ פערד, דאָס פערד טראָגט אויך פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ זאַק איבער די אויגן, דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואָס ביים פערד זענען די אויגן פאַרשטעלט מיט דעם זאַק, בעת ביי מיר זענען די אויגן אָפן...

ס׳שנייט. דאָס פערד דרייט זיך מיטן דייקסל אַרום אַ קרייז, כדי נישט צו זען דעם מאַרשרוט, מיט פאַרבונדענע אויגן. דוכט זיך אים, אַז ער שפּאַנט פאָרויס מי יודע ווי ווייט, בעת ער טאָפּטשעט זיך גאָר אויף אַן אָרט אין אַ רונדן אויסגעטראָטענעם שטעג אינעם זעלבן פּאָליגאָן.

מעכאַניש הייב איך אויף די בייטש איבער זיין פאַרשנייטן רוקן און מונטער אים: — „וויאָ, וויאָ, פערדעלע, הייב די פיסעלעך הויך; וויאָ, ס׳זאָל גיין אַ רויך“. — דאָס פערד דרייט אַ שנייד־מאַשין, וואָס שניידט שטרוי אויף שעצקע צוצומישן צום האָבער פאַר די קראַנקע „פּאַציענטן“ פון „פערדן־לאַזאַרעט 175“, וואו איך אַרבעט צוזאַמען מיט צאַרישע קריגס־געפאַנגענע זעלנער. דער „פּערסאָנאַל“ פונעם „פערדן־לאַזאַרעט 175“, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמתן אינטערנאַציאָנאַל: — ציוויל געפאַנגענע יידן, פּאָליאַקן מיט ליטווינער. צווישן די רוסישע זעלנער זענען דאָ בייזע אוקראַינישע היידאַמאַקעס — שונאי ישראל; טאַטאַרן — גרויסע שווייגערס, וואָס היטן שטרענג אָפּ זייער פּערזענלעכע ריינקייט און פאַרגעסן נישט עטלעכע מאָל אַ טאָג זיך פאַרקלייבן אין אַ ווינקל, קניען אויף אַ זאַק און בוקן זיך עטלעכע מאָל ביז דער שטערן באַרירט די ערד

און זענען מתפלל צום נביא מוכאַמאַד, דעם שליח פון אַללאַ, אַלע לויב און רום צו זיין גרויסן נאָמען; גרויס־רוסן, וואָס זענען אָדער פריילעך, באַרעדעוודיק, מונטער, גוטמוטיק, צוגעלאָזט, כאָטש נעם זיך אַרום און צעקוש זיך מיט אַלעמען, אָדער זיי פאַלן אַריין אין אַזאַ מרה־שחורהדיקער נאָסטאַלגיע און ווערן בייז ווי הונגעריקע הינט, להשמיד ולהרוג; פּאַליאַקן — אינטריגאַנטן, מה־יפותניקעס מיט גלאַטע צינגער, שטענדיק גרייט זיך צו פאַרמעסטן אין שנאת ישראל מיט די אוקראַינישע היידאַמאַקעס, וואָס הערן נישט אויף צו דראָען, אונדז די פּאָר יידן, אַז „באַלד ווי זיי וועלן נאָר באַפרייט ווערן, וועלן זיי אויסשעכטן אַלע יידן; ליטווישע — פויע־רים, וואָס שטייען פון ווייטן פּאַסיוו, געהאָרכזאַם, תמיד גרייט צו שלעפּן שווייגנדיק דעם יאָך, ווי פערד. און, איבער אונדז אַלעמען — שטייט די מאַכט, די שמן־זיתדיקע עלטערע דייטשישע גאַרניזאָן־זעלנער, מענטשן פון „הערען־פאָלק״, וואָס גראָבן איינער אונטערן צווייטן, וואָרום די דיי־טשישע זעלנער, וואָס באַוואַכן אונדז מיט די קראַנקע פערד, טיילן זיך קודם כל אין ראַנגען: איינפאַכע זעלנער, קאַפּראַלן, וואַכמייסטערס, פעלד־פעבעלס, לייטענאַנטן, ביזן קאָמענדאַנט דעם מאַיאָר מיט די וועטערינאַרן, וואָס טראָגן אויך אָפיצירן־ראַנגען.

יעדער ראַנג איז אַן אָפּגעשלאָסענע קאַסטע פאַר זיך, נישט נאָר זיי שלאָפן, עסן און וואוינען באַזונדער; אַפילו די לאַטרינעס זענען אויך קלאַסיפיצירט פאַר יעדן ראַנג באַזונדער. מחוץ די ראַנגען האָט איר צווישן זיי אַ קלאַסן, אַפילו אַ ראַסן־פאַרטיילונג, ווי: לאַנדווירטן פון פּרייסן, אַר־בעטער פון בערלין, האַמבורג און קעניגסבערג; סוחרים, סטודענטן, בייערן, פּאָמעראַנער, ווירטנבערגער, שלעזישע פּאַליאַקן, טשעכן, ועל כולם דיי־טשישע יידן, יידן צעוואָרפן צווישן אַלע ראַנגען און „לאַנדסמאַנשאַפטן״, יידן וואָס באַמיען זיך על פי רוב צו זיצן טיף קאָמופליאַזשירט, פאַרפּאַנ־צערט אין דייטשישן מונדיר, וואָס טראָגט דעם בכבודיקן נאָמען „וואַפן־ראָק״ (די זעלנער סאָציאַל־דעמאָקראַטן פלעגן עס רופן „אַפן־ראָק״... אַפע איז אַ מאַלפּע).

די צרה פון דייטשיש־יידישן זעלנער פלעגט זיך אָנהייבן ביי דער זונטיקדיקער גאָטעסדינסט. ביי דער „מעסע״ אין דער פעלד־קירכע, וואָס מאַכט צונישט אַ יעדער מאַסקירונג, די פעלדפעבעלס ווייסן גוט און קע־

נען אַ יעדער „יודע", יעדער „קאַטוילע" אָדער „פּראָטעסטאַנט". לויט דער פעלדפעבעלשער דעפיניציע, איז דער ריכטיקער, דער אמתער „דויטשע" אַ פּראָטעסטאַנט, נישט וויכטיק, אַ לוטעראַנער אָדער קאַלוויניסט, וויכטיק איז דער בלוט־ריינער „דויטשע", שוין אָפּגערעדט אַ „פּרויסע".

מיר, די „זייטיקע צושויער", האָבן ביז 1917 געזען די דייטשישע „אויבערהאַרן" ווי אַ פעסט־דיסציפּלינירטע מאַנאַליטע מחנה, ווי אַ גרויען פעלדז. ערשט אין 1917 האָבן מיר גענומען באַמערקן אַ שטילע אינער־לעכע גערייצטקייט צווישן די ראַסן, קלאַסן און ראַנגען פון אונדזערע „אויבערהאַרן", וואָס האָט זיך ביסלעכווייז פאַרטיפט און אויסגעברייטערט אינערלעך. די גערייצטקייט האָט ערשט אַרויסגעפּלאַצט אין דרויסן, אויסערלעך, מיט אַ יאָר, אַנדערהאַלבן שפּעטער, ערב דעם 9טן נאָוועמ־בער 1918.

אין פאַרהעלטעניש צו די „זעגע־ווערק" אין די וועלדער פון פּלאַ־טשיצנע, איז פאַר אונדז געווען דער פערדן־לאַזאַרעט אַ „סאַנאַטאָריע". קודם כל איז די אַרבעט געווען לייכטער, והשנית פלעגן מיר אַלע אָוונט גיין נעכטיקן אין דער היים. והשלישית האָט מען דאָ געקענט „לקחנען" אַ קעשענע רויטן נאַסן צוקער מיט האָבער, עס אָפּזעצן אין דרויסן. און פאַר די פאַר מאַרק קויפן ביי די דייטשישע זעלנער אַ ברויט, אַ פּעקל ערזאַץ־האָניק, וכדומה. אַזוי אַז דער הונגער האָט מער נישט געפּייניקט. האָסט דעם „זאַקריוו" אויך געבראַכט אין דער היים און אַנגעקוואַלן צו זען ווי די עלטערן, ברידער און שוועסטער, האָבן צייטנווייז הנאה פון אַ גוט שטיקל ברויט מיט זיסע טיי אָן סאַכאַרין. מען פלעגט דאָ אָפּט פירן צו שחיטה פאַרוואונדעטע פערד, געבראַכטע פון דרויסן צום היילן. די טאַטאַרן זענען געווען גרויסע מומחים צו מאַכן געריכטן פון פערדן־פליייש פאַר אַ ל ע מ ע ן, אַפילו פאַר די דייטשן.

די אַרבעט פלעגט פאַרטיילן דער וואַכמייסטער, וואָס פלעגט נעמען אין „יד אַריין" ביי אחינו בני ישראל. פשוט: מיר פלעגן אים אָפּגעבן ווער אַ דריטל, ווער די העלפט פון „געהאַלט", בזכות זה פלעגט ער אונדז אויסטיילן די „לייכטערע" באַשעפטיקונגען, ווי שטיין אין שטאַל, אין לאַנגן קאָרידאָר מיט לאַפּאַטעס און עמערס אָפּצוואַרטן און אויפכאַפּן די פערדישע צואה, באַלד ווי ס'פאַלט אַרויס פון הינטערן עק און עס אומ־

געזוימט אַרויסוואַרפן אין דרויסן אויפן מיסט־הויפן; די דייטשן האָבן פיינט שמוץ. שווערער איז געווען צו פוצן די פערד, די פערד פלעגן נאָכן פוצן בלייבן אַזוי ריין, אַז דער וואַכמייסטער פלעגט זיי ווישן מיט זיין נאָכטיכל און אויף איר נישט געפינען ס׳מינדסט שפּרענקל שטויב אָדער שמוץ. גאָר לייכט ביז אַ פאַרגעניגן פלעגט זיין דאָס אויסשיטן דעם אַבראַק אין די קאַריטעס, צוצוואַרפן היי מיט שטרוי, דערלאַנגען וואַסער, און עטלעכע מאָל אַ טאָג פירן די פערד שפּאַצירן אין דרויסן. דאָס שווערסטע איז געווען דאָס באַהאַנדלען די קראַנקע, צוצוזען די גרויזאַמקייט פון די דייטשישע וועטערינאַרן, ווי זיי פלעגן זיך גריבלען אין די וואונדן, זעגן ביינער, אויסברענען סימנים אין לעבעדיקן פערדישן לייב, אָדער זאַלבן מיט שאַרפע כעמיקאַלן די קרעציקע און אונדז צווינגען צו קראַצן די וואונדיקע פעל. די פערד פלעגן זיך וואַרפן, ציטערן און הירזשען, וואָס עס פלעגט קלינגען אין די אויערן ווי אַ שרעקלעך געוויין פון שוצלאָזע און פאַרהפקרטע באַשעפענישן — ביז דאָס פעסטהאַלטן די בהמה „רואיק״, בעת דער באַהאַנדלונג, נישט מיט דער הילף פון עפּעס אַ נאַרקאָטיק, נאָר דורכן פאַרקלעמען און פאַרציען, פאַרדרייען זייערע ווייכע נעזער מיט אַ שטריק, וואָס פלעגט פאַראַליזירן די הילפלאָזע גרויסע שטומע באַשעפעניש, און פלעפן איר פון פיין.

אין יענעם יאָר 1917 האָב איך אַביסל געלערנט די טבע פון געשלאָגענע קראַנקע פערד, וואָס האָבן זיך צוגעוואוינט צו דיר, און אַפילו געוואוסט ווען צו זיין „דאַנקבאַר״ פאַר גוטער מענטשלעכער באַנעמונג, ווי: — נישט צו קראַצן ווילד־מעכאַניש זייערע וואונדן, נאָר פאָרזיכטיק, לייכט, זיי צוצוואַרפן אַן איבעריקן הויפן האָבער, אַ זשמעניע שטרוי, אָדער אַזעלכע „מעדני מלכים״, ווי רויטן צוקער... זיי צו געבן צו דער צייט טרינקען ריין וואַסער, נישט צו רייטן אויפן קראַנקן רוקן, נאָר מיטצוגיין צוזאַמען מיט זיי.

אינעם לאַזאַרעט פלעגן זיך די שכנותדיקע פערד חברן, „ליבן״, „האַסן״, שטיפן און זיך „איבערשמועסן״ מיט אַ הירזשעריי פון איין עק שטאַל ביזן צווייטן. זיי פלעגן זיך מזווג זיין און געבוירן לאַשעקלעך, וואָס פלעגן פאַר אונדז זיין די שענסטע און צאַרטסטע באַשעפענישן פון דער „וועלט״. די דייטשן פלעגן די ניי־געבוירענע באַלד אָפּנעמען פון די

אַ פּועלי־ציון גרופּע אין סובאַלק אין 1918. ס׳שטייען, פון רעכטס צו לינקס: בעני אַלטשולער, ד״ר נתן ראַבינ־זאָן (היינט פּראָפעסאָר אין חיפהער פּאָליטעכניקום), מורזשינסקי (היינט באַרימטער מאָלער אין פּאַריז); ס׳זיצן: ש. שמעוני, יהודית פינקלשטיין (פּאַריז), הדסה ברזילי־קראַסנאָפּאָלסקי (היינט אין רעננה, ישראל), קאַגאַן (אומ־געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד).

מוטערס, זיי צו שפּייזן קינסטלעך אָן דער מוטערס ברוסט. צו להכעיס די דייטשן, פלעגן מיר מיטיקצייט, ווען די דייטשן פלעגן אַוועקגיין עסן, צופירן אַ לאָשעקל צו דער מוטערס ברוסט. נישט איינמאָל, אַזוי לעקנדיק און צערטלענדיק ס׳לאָשעקל, פלעגט דיר די פערדישע מוטער אַ וויש טאָן מיט איר פייכטן צונג און מכבד זיין מיט אַ וואונדערלעך טיפן קוק פון צוויי שטומע גרויסע אויגן, אַז ס׳פלעגט דיר וואַרעם ווערן אויף דער נשמה...

די דייטשישע ממונים פלעגן זיך בייטן אַלע חודש צווישן זיך. איינער פון זיי, אַ בייערישער פויער, אַ קאַטאָליק, פלעגט מיט זיין שנאת ישראל אַריבערשטייגן די היידאַמאַקעס מיט די פּאָליאַקן צוזאַמען.

ווי געזאָגט, פלעגט מען כסדר פירן פערד צו דער שחיטה. צו דער מלאכה פלעגן זיך גערנווילינג באַקערן אַ פּאָר פון די טאַטאַרישע געפאַנגענע, וואָס פלעגן זיך געפינען אונטערן אויפזיכט פון אַ דייטש, אַ קיילער פון דער היים.

דער פרומער בייערישער דייטש האָט באַמערקט מיין „שוואַכקייט" צו די קראַנקע פערד, וואָס איך האָב באַדינט. ער האָט געזען ווי כ׳פלעג זיי פּאַרזיכטיק פוצן, רייניקן די וואונדן פּאַמעלעך, קיינמאָל נישט רייטן ביים שפּאַציר און תמיד זאָרגן ס׳זאָל זיי נישט פעלן היי, שטרוי און וואַסער און אַריבערכאַפּן די מאָס האָבער מיט רויטן צוקער. דער דייטש האָט מיך פריער גענומען אויפן אויג, דערנאָך האָט ער מיר גענומען ווייזן און לערנען ווי צו באַהאַנדלען די פערד, נישט לויטן פּאַרשריפט פון וועטערינאַר, נאָר לויט זיין ווילן, ווארום ער איז געווען זיכער, אַז קיינער פון אונדז וועט נישט וואָגן אים צו „פּאַרשיטן". בלית ברירה פלעג איך אים פאָלגן כל זמן ער פלעגט מיר שטיין איבערן קאָפּ. ווי נאָר ער פלעגט אַוועקגיין צו אַ צווייטן קרבן, פלעג איך ווידער טאָן מיינס, לויט מיין איינזען און נסיון. כ׳האָב אַ פּאָר מאָל געכאַפּט איבערן קאָפּ מיט זיין שפּיצרוט, אָבער דער וואַכמייסטער, וואָס פלעגט געניסן פון מיין געהאָלט, פלעגט אים צוימען אַזוי לאַנג, ביז דער מנובל האָט געפונען אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט מיר.

איינמאָל האָט ער מיר צוגעטיילט אַרבעט מיט די פערד־קיילער, צו שחטן און אָפּשינדן אַ קראַנקן פערד, וואָס כ׳האָב אין מיין לעבן נישט

געטאָן. דער מנובל האָט זיך באַוואָרנט, אַז אין דרויסן זאָל מיר נישט געלינגען זיך אַרויסצודרייען פונעם גרויליקן פּאַרגעב, איז ער מיטגעגאַנגען הינטער די שטאַלן בייצוזיין די עקזעקוציע. די מאָרד־שחיטה אָדער מאָרד־שיטה פון פערד איז געווען עכט דייטשיש, גרויזאַם ביז גרויל. מען פלעגט די בהמה נישט פאַרענדיקן מיט אַ קויל אין קאָפּ, (אַ שאָד די קויל...) אָדער בינדן און שעכטן מיט אַ שאַרפן מעסער, ניין! פריער פלעגט מען איר דאַרפן „באַטויבן" און דערלאַנגען עטלעכע מאָל איבערן שטערן מיט אַ שווערן האַמער „ס'זאָל נישט פילן קיין יסורים" (נישט „וויכטיק" די ברוטאַליטעט פון צעברעכן דעם שטערן־ביין נאָכן ערשטן זעץ); דערנאָך אַז דאָס פערד איז געלעגן אין קאָנוואולסיעס מיטן צעשמעטערטן שטערן־ביין, פלעגט דער קיילער דערלאַנגען דעם טאַטאַר זיין באַגנעט צו פאַרענדיקן די שאַנד־מלאכה.

אַזוי האָט דער מנובל בכבודו גענומען דאָס פערד פאַרן צוים, און מיר דערלאַנג אַ פינף־קילאָדיקן האַמער צו באַפעלן: „אַנו, יודע, האָו" — קלאַפּ!

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך גענומען דעם האַמער, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, צו מאָרדן ביודעים אַ בעל־חי. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

כ'האָב אויפגעהויבן דעם האַמער און — — — דערזען צוויי גרויסע, גרויסע מילדע אומשולדיקע פערדישע אויגן, ווי זיי וואָלטן בעטן רחמים — — — ס'איז דער האַמער אַרויסגעפאַלן פון די הענט, דאָס האָט גאָר אַרויסגעבראַכט פון די כלים דעם דייטש. ער האָט איבערגעגעבן די צוים פון פערד צו אַ צווייטן און מיט סאַדיסטישער שנאה מיר ווידער אַריינגעשטופּט דעם האַמער אין די הענט, אים אַנצוכאַפּן, פאַרקלעמען און צוזאַמען מיט מיר געבן אַ זעץ דעם פערד אין שטערן.

דער טעמפּער קלאַפּ מיטן שפּריץ בלוט פונעם איינגעבראָכענעם ביין האָט מיך מוראדיק דערשיטערט, אַזוי אַז איך בין געפאַלן צוזאַמען מיטן פערד און נישט פאַרענדיקט די ברוטאַלע מלאכה.

יאָ, ווייזט אויס, אַז אַזוי האָבן זיך די דייטשן געאיבט אין זייער מאָרד־מלאכה, און איזדיעקוועט איבערן מענטש הינטער די פּראַנטן, 16

יאָר פריער, איידער היטלער ימ״ש, האָט לעגאַל איבערגענומען די מאַכט איבערן „דייטשישן רייך“.

* * *

בדרך כלל האָבן מיר געאַרבעט זיבן טעג אַ וואָך, נאָר שבת און זונטיק פלעגט מען אונדז באַפרייען אַ פּאָר שעה פריער. יענע טעג פלעגן די פאַרפעלטע אַרבעט אָפּטאָן די קריגס־געפאַנגענע אַליין. אין 1917 איז שוין די יידישע סביבה געוואוינט צו זען יידן אַרבעטן שבת, אַ פּשיטא ביי קראַנקע בעלי־חי, וואָס מוזן שבת קריגן עסן, וואַסער און מעדיצינישע באַהאַנדלונג ווי אין די וואָכעדיקע טעג. ס'איז דאָך אַ צער בעלי חיים. די אָפּגעשפּאָרטע שעהן שבת און זונטיק פלעגן מיר אויסנוצן אויף באַגעגענישן אין כלערליי היימען אויף זעלבסטבילדונג, אסיפות, דיסקוסיעס, וכדומה. אַלץ פלעגט געדעקט ווערן מיטן „דראַמאַטישן קרייז“, מיט דער „ליטעראַרישער סעקציע“, וואָס האָבן גייסטיק מחיה געווען די נידערגעשלאָגענע געזעלשאַפטלעכקייט פון אונדזער שטאָט.

אין דער „ליטעראַרישער סעקציע“ האָבן זיך פעסט צונויפגעשמידט די בונדיסטן, וואָס האָבן געהאַט גוטע און געניטע אינטעלעקטועלע כוחות, גוטע רעדנער, בעיקר: — זיי האָבן געוואוסט וואָס זיי האָבן געוואָלט, זייער „דיאַלעקטיק“ איז געווען לייכט, פּשוט און קלאָר: — זיך באַפרייען פון דער צאַרישער מאָנאַרכיע, (וועגן דייטשלאַנד האָבן מיר דעמאָלט נישט געזאָרגט...) — אַ רעפּובליק, אַ פּאַרלאַמענט, פרייהייט פון וואָרט און פאַרזאַמלונג, אויס נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר יידן ווי פאַר אַנדערע מינדערהייטן, אַלץ איז געווען „קלאָר און פּשוט“. ס'האָט זיך געלייגט אויפן שכל, באַזונדערס רעאַל האָט אויסגעזען די „קולטורעלע אויטאָנאָמיע“, נאָכדעם ווי די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט דערלויבט שולן אין יידיש, אַ יידישע אָ פ י צ י עַ־ לע צייטונג, יידישער טעקסט פאַראַלעל מיט דייטש אין די פּאַספּאָרט־ביכלעך, מיליטערישע מודעות צו דער באַפעלקערונג מיט יידישער אי־בערזעצונג...

אין 1917 פלעגן שוין דערגיין צו אונדז מענטשן פון וואַרשע און

ווילנע. זיי פלעגן דערציילן ניסים ונפלאות וועגן אַ יידישער געזעלשאַפט־לעכער אויפלעבונג און טעטיקייט, וועגן אַ יידישער פרעסע און טעאַטער, מיר פלעגן שטאַלצירן מיט אונדזער דראַמקרייז, וואָס פלעגט אויך לעגאַל „שפּילן״ אין יידיש.

סאָציאַליזם — סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך דעמאָלט אידענטיפי־צירט ביי אונדזערע בונדיסטן מיט רעפּובליק — דעמאָקראַטיע — פּאַר־לאַמענט — פרייהייט פון פרעסע און פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, משיחס צייטן!

נישט ווייניק יידישע בחורים מיט מיידלעך מיט מער דערוואַקסענע מענטשן ווי מיר זענען געווען, זענען נישט ווייניק ערנסט געווען פאַר־זאָרגט און פאַרדאגהט פאַרן גורל פון פוילן: — אַ „זעלבסטשטענדיקע פוילן״ ווי די יידישע פ.פ.ס. האָבן געפאָדערט פון אונדזער ליטעראַרישער סעקציע, אַקעגן אַזאַ „אַלרוסישער פעלקער־פעדעראַציע״, ווי אַנדערע האָבן געמיינט. די יידישע פאַטריאָטן פאַר אַ „זעלבסטשטענדיקער סואווערענער פוילישער רעפּובליק״ האָבן געפאָדערט פון דער ליטעראַרשער סעקציע, אַט שוין אויף אַן אָרט אָפּשטימען. די בונדיסטן זענען געווען גרייט צו שטימען „פאַר״, אָבער זיי זענען געווען באַאומרואיקט פאַר די „גרענעצן״, נישט צו שטעלן קיינעם פאַר „געאָגראַפישע פאַקטן״... ווידער אני הקטן, מיט נאָך עטלעכע פון מיין גלייכן, האָבן געטענהט: — „פאַרוואָס נישט אויך אַ זעלבסטשטענדיקע ליטע — און אונדזער געגנט בתוכה״?

ווי פּועלי ציוניסטן, האָבן מיר זיך „טעאָרעטיש״ שווער אַן עצה גע־געבן, ווי אַזוי צו סינטעטיזירן סאָציאַליזם מיט ציוניזם, ס׳זאָל אויך קלינ־גען פשוט און פאַרשטענדלעך, ווי די בונדיסטישע תורה. מיר האָבן נאָך דע־מאָלט נישט געהאַט אין אונדזער פאַרוואָרפענעם עק נישט קיין ליטעראַ־טור, נישט קיין געניטע רעדנער, נישט דעם מינדסטן קאָנטאַקט מיט אַזאַ ווילנע אָדער וואַרשע. די בונדיסטן פלעגן אונדז פאַרשרייען „אַז אויב שוין אַ פרייע רוסישע רעפּובליק מיט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן רעזשים, מיט אַ פרייער סואווערענער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פוילן, צו וואָס דאַרף מען האָבן דעם כותל מערבי, קבר רחל, מיט דער „מאַראַס האַמאַכפּיילע״, מיטן ציוניזם און לשון קודש, וואָס איז אידענטיש מיט בורזשואַזיע מיט קלעריקאַליזם״ און — — — זיי פלעגן מיט פּאַטאָס צווינגען:

„דער רב מיטן פּאָפּ,
זיי פאַרדרייען אייך דעם קאָפּ,
מיט תורה, רעליגיעס און גלויבן,
מיט מצוות און מיט זינד
מאַכן זיי אייך די אויגן בלינד,
אום אייך קענען מערער צו באַרויבן...“

אונדזערע „פירער“, די סטודענטן משה ריזנבערג, פּאָדליאַסקי, וואַסער, אָדער דער מוניציפּאַל באַאַמטער טשאַרנעס, דער אינזשעניער טראַצקי, פלעגן בלייבן הייזעריק פון דיסקוטירן מיט די „טעמפּע“ בונדיסטן, זיי צו איבערצייגן, אַז „אַ פאָלק מוז האָבן אַ לאַנד, און אונדזער לאַנד איז פּאַלעסטינע“. מיר האָבן, ווי געזאָגט, דעמאָלט גאַרנישט געהאַט בכתב, נישט באַראַכאָווס אַרטיקלען, נישט „די קלאַסן מאָמענטן און די נאַציאָנאַלע פראַגע“, נישט די „פּלאַטפאָרם“. מיר פלעגן אונדזערע טענות אַליין אויסמוטשען און אימפּראָוויזירן, פונדעסטוועגן פלעגן זיך ציען צו אונדז נישט ווייניק מער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער און יוגנטלעכע, באַהערשטע פון אַ טיפן ווילן עפּעס צו ענדערן גרינטלעך. צו פאַרענטפערן די נאַציאָנאַלע פראַגע טעריטאָריעל, מאַסן האָבן זיך אינסטינקטיוו געצויגן צום ציוניזם, קענענדיק די פּוילישע שכנים מיט זייער שנאה צו יידן. דער ציוניזם איז געווען אַ נאַצאָנאַל אָפּפרישנדיקער קוואַל פאַר די יידישע גאולה־זוכער, ווער רעדט נאָך אַז די פועלי ציון האָבן דעם סאָציאַליזם סינטעטיזירט מיטן ציוניזם, וואָס האָט גייסטיק גענערט די מער אינטעלעקטועלע זוכער און גריבלער פון צווישן די יידישע אַרבעטער, אַרבעטנדיקע און שטודירנדיקע יוגנט, וואָס זענען נישט מושווה געוואָרן מיט דער בונדיסטישער פּשטותדיקער דאָקטרינע אָן אַ פאַרנעם, אָן שוואונג, אָן אַ פּערספּעקטיוו.

„ווי זאָלן מיר גלויבן אין דער „גוטסקייט“ פון אונדזערע שכנים, אַפילו פון זייערע אַרבעטער די פּ.פּ.ס., וואָס זענען ביי אונדז יידן פיינטלעך אַ יעדערער פערזענלעך, ווי די נישט־אַרבעטער — זיי, זיי וועלן עס באַוואָרענען אונדזער יידישע צוקונפט? אָט אַזוי פלעגן מיר טענהן צו די „בונדיסטן“ אינסטינקטיוו, נישט האָבנדיק די קריסטאַליזירטע, די דיאַ־

לעקטישע אַרגומענטאַציע פון בער באָראָכאָוו, וואָס פּועלי ציון האָט שוין געהאַט אין דער „ברייטער וועלט״.

סוף 1916 האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן קלאַנגען וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. מען פלעגט דערציילן פון מויל צו אויער, אַז די צאַריצע אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ סטימולירט דעם באַראָן פרעדעריקס, דעם צאַרישן הויף־מייסטער, זיכער אַ דייטש ווי זי, ער זאָל אָנהייבן סעפּאַראַטע שלום־פאַרהאַנדלונגען. שפּעטער האָט מען דערציילט וועגן דער בגידה פון צאַרישן קריגס־מיניסטער סוכאָמלינאָוו, און פונעם באַנקיר לידוואַל.

אונדזער „ליטעראַרישע סעקציע״ פלעגט אַלע קלאַנגען „אַנאַליזירן״ און דיסקוטירן מיט היץ, מיט ברען ממש, ווי זי, די סעקציע, וואָלט עס דאַרפן מכריע זיין.

דאָס אַוועקשטעלן דעם דייטשישן באַראָן שטירמער בראש פון צאַרישן מיניסטאָרן־קאַבינעט, האָט אַרויסגערופן נישט ווייניק שטוינען, און פאַרשאַרפט דעם „קאַמף״ צווישן די „דייטשישע״ און „רוסישע״ צדדים אין מיין זיידנס מניין. ס׳איז דאָרטן געווען פריילעך!

ס׳דערמאָנט זיך די טיפע שפּאַנונג אויף אַ „סכאָדקע״ נאָכן אויסהערן אַ „באַריכט״ פון אַ גאַסט פון ווילנע וועגן — די מעשים פון גלח גרישקאַ ראַספּוטין, וואָס מיר פלעגן שפּעטער איבערדערציילן די באַקאַנטע, די „זיכערע״ דייטשישע זעלנער. ווידער די דייטשישע זעלנער פלעגן ביי די קופלעס וואַסערדיק ביר, אין די שענקען, דערציילן, אַז גרישקאַ ראַספּוטין באַשלאָפט די רוסישע קעניגין מיט אירע טעכטער...

מען האָט אויך דערציילט, אַז די דייטשישע זשאַנדאַרן פלעגן אַרעסטירן די יעניקע, וואָס פלעגן זיך וויצלען איבערן צאַריש־קעניגלעכן הויף, זיי האָבן פאַרבאָטן צו „לעסטערן״ אַ קעניגלעך הויז, אַפילו אַ פיינטלעכן.

די אַלע קלאַנגען, דערציילונגען און וויצן, פלעגן זיך פאַרשפּרייטן בליץ־שנעל צווישן דער באַפעלקערונג. זיי פלעגן אָנצינדן די בלוטן, און אָנגליען די אַטמאָספער. ס׳פלעגט זיך פאַרוועלן זינגען, מען האָט דערפילט, ווי ס׳גייט אויף פרילינג, כאָטש דו ביסט געזעסן אויף דער ראָד, אין אַ ביטערער קעלט און געדרייט אַ קרייז מיט אַ קרעציקן פערד, גע־

שניטן שטרוי אויף שעצקע פאַרן דייטשישן פערדן־לאַזאַרעט נומער 175.

דער פּחד און אימה נאָך דער צאַרישער נקמה נאָכן „פינפטן יאָר", די בלוטיקע דעמאָנסטראַציע פון לעגענדאַרן 9טן יאַנואַר 1905 אין פּעטערסבורג, האָט זיך נאָך טיף געוואָרצלט אין די בלוטן פון מיליאָנען מענטשן, נישט געלאָזט גלויבן, אַז איצט, מלחמה־צייט, וועט מען ווידער וואַגן „עפּעס צו טאָן". איצט, בעת אַלץ איז מאָביליזירט און צוגעשפּיצט צו דער קריגס־אָנשטרענגונג.

„צוריקגערעדט", האָבן אַנדערע געטענהט אין אונדזערע געהיימע קרייזן אויף די „סכאָדקעס", — „ווייל דער רוסישער אַרבעטער און פּויער איז איצט קאָנצענטרירט און באַוואָפנט, וועט אים זיין לייכטער מורד צו זיין אַ סוף מאַכן צום צאַרישן רעזשים. דער בעסטער פאָרבאַדינג פאַר אַזאַ מרידה, אַזאַ רעוואָלוציע, איז אַ סעפּעראַטער שלום מיט דייטשלאַנד...

ווען נישט חבר טשאַרנעס, וואָלטן מיר איינמאָל נאָך אַ זייער הייסן וויכוח, שיעור נישט אָפּגעשטימט, און מיט אַ גרויסער מערהייט באַשלאָסן פאַר „אַ באַלדיקן סעפּאַראַטן שלום", ביידע, אָדער אַלע צדדים זענען קודם געווען פאַר שלום...

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער חודש פעברואַר 1917, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך דאָך אַ ריר געטאָן. די געשעענישן פון 20טן פעברואַר, די דעמאָנסטראַציעס און מאַסן־אומרוען אין פּעטראָגראַד, האָבן אונדז פאַרמיטן „אָפּצושטימען" און זיך „אַקטיוו" אַריינמישן אין די ענינים פון „יענער זייט גרענעץ". סוף פעברואַר האָבן זיך אונדזערע געהיימע קרייזן פאָרט, א יי נ ש ט י מ י ק, אָנגעשלאָסן אָן די פאָדערונגען פון פּעטראָגראַדער אַרבעטער: ווי „באַנייען די דומע", „פאַר ברויט און שלום". פאַרדאָן! — „פאַר אַ באַלדיקן, אַפילו סעפּאַראַטן שלום" — — — שפּאַנענדיקע ידיעות, לאָזונגען, מיט קלאַנגען האָבן שטורמיש געיאָגט איינע נאָך דער צווייטער, וואָס האָבן געצונדן געמיטער ווי פייער — טרוקענע שטרוי.

בעת מיר האָבן זיך, אָנהייב מאַרץ דערוואוסט, אַז דער „צאַר האָט אַבדיקירט"; — „דער צאַר איז שוין אַנטלאָפן", האָבן מיר פאַרגעסן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן אונדז און די געפאַנגענע אוקראַאינער און פּאָליאַקן. מיר האָבן זיך אַרומגענומען, געקלאַפּט אין די פּלייצעס און געטאַנצט פון

פרייד. מיטאַמאָל זענען מיר, אין יענע גרויסע טעג, געוואָרן גאָר אַנגע־לייגט ביי זיי, שוין צוליבן זיצן צוזאַמען אין די לאַטרינעס — — — זיי פאַרגעלייענט און פאַרטייטשט די ידיעות פון די דייטשישע צייטונגען, וואָס האָבן בפירוש געשריבן, אַז דעם 8טן מאַרץ 1917 האָט מען געקליבן אַ „צייטווייליקע רעגירונג" אין רוסלאַנד. מען האָט „אָפּגעשאַפט טויט־שטראָף" און אָנגעהויבן באַפרייען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע און פאַר־שיקטע.

די רוסן פלעגן וועלן וויסן צי ס׳שטייט געשריבן אין די גאַזעטן, אַז מען „פאַרטיילט שוין די ערד מיטן פריצישן פאַרמעגן, בעיקר זייערע גיטער". מיר האָבן נאָך נישט געקאַנט אַרויסלייענען פון די דייטשישע צייטונגען, אָבער מיר האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז אַט באַלד וועט עס געשען, ווי מיר האָבן זיי מיט אַ האַלב יאָר פריער צוגעזאָגט, בתנאַי, אַז דער „צאַר זאָל קודם כל אַראָפּ פון טראָן".

איינמאָל, ביי אַזאַ הלולה און „פאַרברידערונג", אין יענע טעג, אין דער לאַטרינע, האָבן זיך אַריינגעריסן די דייטשן מיט שטעקנס און ביקסן. זיי האָבן אונדז פיין מכבד געווען מיט טרוקענע און נאַסע קלעפּ, „כיד המלך", וואָס איז נאָך געזעסן אין דייטשלאַנד פעסט אין זאָטל. זיי האָבן אונדז געוואָלט מבזה זיין, האָבן זיי אונדז געצוואונגען לויפן מיט אַראָפּ־געלאָזטע הויזן אין אַ ווייטער קאַזאַרמע; לויפן און פאַלן, לויפן און פאַלן, באַגלייט מיט ביטערע קלעפּ. אין קאַזאַרמע האָט מען אונדז באַפוילן אין געשילדערטן מעמד „אַנצוטרעטן", אין אַ שנעל־געריכט פון וואַכמייס־טערס. ער האָט אונדז ציוויליסטן פאַרמשפּט צו בלייבן 8 מעת־לעת פאַר־שפּאַרט אין די שטאַלן צוזאַמען מיט די פערד, בעת די קריגס־געפאַנגענע האָט מען צוגעגעבן: צו בלייבן 8 טעג נאָר אויף ברויט מיט וואַסער. וואָ־רום, קודם כל, איידער די „רוסישע שייסע רעוואָלוציאָן, וועט זיך דער־טראָגן צום „דויטשן פפערדע לאַזאַרעט 175" אין דער לויזיקער „שייסע סובאַלקי" מוז הערשן פולשטענדיקע דיסציפּלין, ררוע און אָרדנונג, — איר פאַרדאַמטע לייזיקע בובן באַנדע, איר דרעקיקעס געזעמל, קרייץ דאָ־נערר־וועטער נאָך איין מאָל" — — —

מיט די דאָזיקע „היסטאָרישע" קבלת פּנים פּסוקים, וואָס מיר גיבן איבער כמעט ווערטלעך, אויסלאָזנדיק די גאָר דראַסטישע אויסדרוקן, האָבן

אונדזערע דייטשישע פעלדפעבעלס באַגעגנט די רוסישע „רעוואָלוציאָן״. זאָל עס נישט פאַרגעסן ווערן...

* * *

דער פרילינג פון יאָר 1917 איז ביי אונדז געווען גאָר אַ געהויבע־נער. פסיכאָלאָגיש, האָבן מיר, פאַר זיך, געגלויבט נאָר אין די גוטע ידיעות, פון צעשטורעמטן רוסלאַנד, אַלע אַנדערע ידיעות און קלאַנגען, וואָס זענען אונדז נישט געווען צום האַרצן, האָבן מיר אָפּגעוואָרפן מיטן תירוץ, אַז דאָס איז נאָר „דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע״. עס פלעגן צו אונדז דערגיין ידיעות, אָפּגעריסענע, פאַרנעפּלטע, וועגן צעקראָכענעם קערענסקי־רעזשים, וואָס בלאָזט אויף אַ נייעם מלחמה־פּאַטריאָטיזם; וועגן געראַנגל פאַר דער געשטאַלטונג פון דער מאַכט און נייעם רעזשים צווישן דרייעק: — ס. ד. מענשעוויקעס, ס. ר. און קאַדעטן, באָלשעוויקעס מיט לינקע ס. ר. מיר האָבן עפּעס געהערט פון לענינס צוריקקער קיין רוסלאַנד אין „פאַרמאַכטע וואַגאָנעס״ געריכטעט פון די דייטשן (פון צימערוואַלד־קינ־טאַל, האָבן מיר נישט געהאַט די מינדסטע השגה), מיר האָבן נישט גע־האַט די מינדסטע אויטענטישע באַגלויבטע אינפאָרמאַציע.

די געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך גענומען אָפּטרייסלען פון דער פריערדיקער אַפּאַטיע און מרה שחורה און פאַרזיכטיק באַנייען קודם כל דאָס קהילה־לעבן; פאַרשטאַרקן די סאָציאַלע טעטיקייט, פאַרגרעסערן און באַנייען די קהל־ביבליאָטעק, וואָס האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך נישט ווייניק יוגנטלעכע.

נאָך דריי יאָר מלחמה און אָקופּאַציע האָבן זיך אחינו בני ישראל צוגעפּאַסט צו דער „קריגס עקאָנאָמיק״. די רוסישע רעוואָלוציע האָט פאַר־ענדיקט די אילוזיעס, אַז די רוסישע מאַכט וועט זיך נאָך צוריקקערן אין אונדזערע מקומות. די גרעסטע צאָל יידן, וואָס האָבן פריער געצויגן חיונה פון דער רוסישער אַרמיי און רוסישע באַאַמטע, האָבן זיך נאַטירליך גע־האַלטן שטאַרק רעזערווירט און פאַרזיכטיק כלפּי דער דייטשישער אָקו־פּאַציע־מאַכט. איצט זענען זיי געוואָרן דרייסט נישט מורא צו האָבן צו זוכן און געפינען פּרנסה ביי די דייטשן אָן פּחד פאַרן מאָרגן. פון מויל

צו אויער האָבן זיך געגומען פאַרשפּרייטן ידיעות וועגן אַ פּוילישער מי־ליטערישער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע פּ. אָ. וו. (פּאָלסקאַ אָרגאַניזאַציאַ וואָיסקאָוואַ), וואָס גרייט קאַדרען איבערצונעמען די מאַכט, אָבער דער־ווייל, איידער וואָס ווען, פירן זיי דורך שטילע „עקסלעך" (עקספּראָפּריאַ־ציעס) ביי די צעשראָקענע „אַביוואַטעליעס" (בירגער) בעיקר ביי יידן. די באַרויבטע יידן פלעגן זיך שטיקן פון פחד פאַר נקמה מצד די דייטשן און פּאָליאַקן צוזאַמען. די דייטשן: — הלמאַי מען גיט געלט די פּאָליאַקן אויף אַנטי־דייטשישע אַקציעס, די פּאָליאַקן: — הלמאַי מען גיט אויס די דייטשן סודות, מען מסרט פּוילישע פּאַטריאָטן.

דערווייל האָבן מיר אין דער שטיל געגומען שאַפן און באַנייען פּראָ־פעסיאָנעלע קעמערלעך אין פאַרשיידענע פאַכן, בעיקר אין דער לעדער־אינדוסטריע צווישן די וואַלקער און גאַרבער. פון די קעמערלעך איז אַ יאָר שפּעטער אויפגעקומען אַ פיינע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט דעם כוח און מוט נישט נאָר צו פּראָקלאַ־מירן, נאָר גלייך איינפירן דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין ס׳רוב פּריוואַטע אַרבעטס־פּלעצער.

מיר האָבן דעמאָלט געשאַפן די ערשטע קראַנקן־קאַסע אין אונדזער געגנט, לכתחילה נישט ווי סנדיק „ווי אַזוי מען עסט עס". עפּעס ממעקים, אינסטינקטיוו, האָט אונדז צווישן אַנדערע מעשים געצוואונגען צו אָרגאַ־ניזירן אַזאַ הילפס־אָרגאַניזאַציע, אַ „קראַנקן־קאַסע" מיט אַן אייגענעם סימבאָל, וואָס איז שפּעטער דערשינען אויף אַלע דאָקומענטן און אַפּי־ציעלן שטעמפּל: אַ פּאָר הענט, וואָס דריקן איינע די צווייטע „שלום עליכם".

די אָפּגעצערטע, על פּי רוב אויסגעהונגערטע באַפעלקערונג, די אונ־טערדריקטע יוגנט, איז געוואָרן פיזיש אָפּגעשוואַכט. אַרבעטס־מענטשן פון די סאָציאַל שוואַכגעשטעלטע שיכטן האָבן געקרענקט, מחוץ די שווערע טיפוס־עפּידעמיעס, נישט געהאַט די מיטלען צו באַצאָלן פאַר אַ דאָקטאָר און קויפן מעדיצין. ווי אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך, האָבן ביי אונדז אויך פונקציאָנירט אַזעלכע חברות, ווי „גמילת חסד", אויסצוהעלפן אַ יידן מיט אַ קלענערער הלוואה. די „גמילת חסד" איז געווען דאָס ווי־געלע פון די שפּעטערדיקע יידישע „פאָלקס־בענק". אַ חברה „הכנסת כלה"

צו העלפן אַ נישט־פאַרמעגלעכער מיידל מיט עפּעס צו מאַכן אַ חתונה, צו קויפן אַ בגד, וועש, כלים און שאַפן אַ דירה. באַלד נאָך דער חתונה, אַזוינס איז דעמאָלט, אין יענעם שטייגער, געווען נישט קיין קליינע סאָציאַלע הילפס־פונקציע.

אַ חברה „לינת הצדק“, וואָס פלעגט שיקן אירע מיטגלידער נעכטיקן ביי שווער קראַנקע, צו געבן די מידע משפחה־מיטגלידער אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען, און העלפן דעם שוואַכגעשטעלטן מיט אַ דאָקטאָר. די דאָקטוירים אין אונדזער שטאָט, וואָס האָט זיכער דעמאָלט געציילט וואָסערע צוויי צענדליק טויזנט בירגער, האָט איר געקאָנט אָפּציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. די „לינת הצדק“ האָט זיך אויסגעהאַלטן פון גראָשנס וואָכער, וואָס פלעגט קוים דעקן די הוצאות פאַר אַ דאָקטער, אַ רפואה, און צו קויפן די עלעמענטאַרסטע מעדיצינישע מכשירים זיי אויסצובאָרגן אַ קראַנקן. אין אַזאַ „לינת הצדק“ איז געלעגן די זריעה פון דער שפּעטערדיקער אָרגאַניזירטער קעגנזייטיקער הילף, חברשאַפט, הומאַניזם. ווי מענטשלעך די דערמאָנטע סאָציאַלע עלעמענטן זענען נישט געווען, זענען זיי פאַרמיאוסט געוואָרן מחמת זייערע פילאַנטראָפּישע פאָרמען, פאַררייסענע גבאים און גבאיטעס, און מיר האָבן זיך פון דעם אָפּגעטרייסלט.

די שטילע פאָלקס־בילדונג און אויפקלערונג האָט גענומען געבן פרוכט: בהדרגה, לאַנגזאַם, איז אָנגעקוואָלן קלאַסן־באַוואוסטזיין ביים אַרבעטער ווי ביים פאָלקס־מענטשן, וואָס האָט דערפילט דעם טעם פון זעלבסטווערדע. מען האָט גענומען אויסמיידן יעדע פילאַנטראָפּישע הילף, וואָס פלעגט דערנידעריקן דעם מענטשן. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס האָט אונדז באַוואויגן צוערשט צו שאַפן אַזאַ א ײ ג ע נ ע אָרגאַניזאַציע ווי אַ „קראַנקען־קאַסע“.

לכתחילה פלעגן געזונטע מיטגלידער אויך גיין נעכטיקן ביי קראַנקע חברים. שפּעטער פלעגט מען דעם קראַנקן ה ע ל פ ן מ י ט ג ע ל ט, מיט אַ דאָקטער, אויסלייען מעדיצינישע מכשירים, צושטייער געבן אויף רפואות און אָנטיילנעמען אין די לוויה־הוצאות פון אַ געשטאָרבענעם חבר.

נאָטירלעך איז דעמאָלט דער „קאָמיטעט“ פון „קראַנקן־קאַסע“ געווען אַ צווישנפּאַרטייאישער, בעיקר פון פועלי ציון און „בונד“. יעדע פּאַרטיי האָט א י ר ע געשיקטע מיטגלידער געקליבן דורך איר פּאַרטיי־פאַרזאַמ־

לונג. מיר האָבן דעמאָלט, אין 1917, אין אונדזער עק נאָך נישט געוואוסט פון אַן „אָזע" אָדער „טאָז" — אַזוי, אַז די קראַנקן־קאַסע אין אונדזער שטאָט איז גלייכצייטיק געווען די התחלה פון געזעלשאַפטלעכער מעדיצין.

זינט דער גרינדונג פון דער קראַנקן־קאַסע אין סובאַלק אין 1917, בין איך פאַרבליבן אַקטיוו אומאונטערבראָכן אין דעם דאָזיקן שטח פון געזעלשאַפטלעכער מעדיצין ביזן היינטיקן טאָג. במשך פון מער ווי 40 יאָר צייט. פריער אין „אָזע" און סאַניטאַר־מעדיצינישן אַמט פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע, דערנאָך, זינט 1925, אין „קופת חולים" — ישראל, וואָס איז די גרעסטע יידיש־וואָלונטערע געזעלשאַפטלעך מעדי־צינישע אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט, געבויט אויף די הומאַניטאַרע יסודות פון ברייטער קעגנזייטיקער הילף.

ביסלעכווייז האָט זיך שאַרף געענדערט די לאַגע: פריער איז געווען דער „דראַמאַטישער קרייז" דער עיקר. אַלץ האָט זיך ביי אונדז געדרייט אַרום אים. סוף 1917 איז די וואָג פון קרייז אַריבער צו די אומלעגאַלע קאָנספּיראַטיווע פאַרטיי־גרופּן. דער קרייז האָט גענומען איינשרומפּן ביז ער איז אַראָפּ פון דער אַרענע און האָט שוין אויסגעפירט זיין געזעל־שאַפטלעכע שליחות אין אַ ווייטער פאַרוואָרפענער אָקופּירטער שטאָט, אין דער פולסטער מאָס.

די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 2טן נאָוועמבער 1917 און אויפגערודערט די גאַנצע יידישע וועלט, איז פאַר אונדז פאַרבייגעגאַנגען אומבאַמערקט. די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן אינטערעס צו אַקטיוויזירן די סימפּאַטיע כלפּי ענגלאַנד מצד די מיליאָנען יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער איר מאַכט.

ערשט אַ יאָר שפּעטער, אַ וואָך פאַרן אויסברוך פון דער דייטשישער רעוואָלוציע, האָבן אַלע ציוניסטישע פאַרטייען אין אונדזער שטאָט גע־פייערט דעם ערשטן יאָר „באַלפור־דעקלאַראַציע". מיר האָבן עס געפייערט אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין גרויסן אַרקאַדיע־טעאַטער. וועגן דער געשעעניש האָט גערעדט ד"ר יעקב ראָבינזאָן, דער היינט וועלט־באַרימ־טער יוריסט פון „אונאָ" — דעמאָלט נאָרוואָס געקומען פון רוסישן מילי־טער, אין אַ שינעל און צעריסענע שטיוול, און אַ גאַסט פון פוילן, דער

פועלי־ציון רעדנער ראַזענטאַל.ביידע זענען געווען גאָט־געבענטשטע אָראַ־טאָרן, וואָס האָבן אָנגעצונדן דעם עולם אין אַ גליאיקער התלהבות. אַלע האָבן דעמאָלט געהאַפט, אַז אָט־אָט שאַפט זיך אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל — פּאַלעסטינע; אָבער אחינו בני ישראל פון אונדזער שטאָט האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן פאָרמירן די יידישע רעגי־רונג, מיטן פאַרטיילן די מיניסטאָרן־פּאָרטפעלן. זיי האָבן אויך נישט גע־קענט געגוי באַשטימען די „פאָרמען" און כאַראַקטער פון דער יידישער „מלוכה", אַ רעפּובליק ווי אין פראַנקרייך, אָדער אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע ווי אין ענגלאַנד, אָדער — — — אַזאַ ווי איצט אין רוסלאַנד לויטן נוסח קערענסקי... וועגן אַ „סאָוועטישער" רעגירונג האָט מען נאָך נישט געחלומט... דערווייל האָבן זיך שוין אָפּגעזוכט יידן, וואָס זענען געווען גרייט צו „באַווייזן" זייער „שלשלת היחוסן", וואָס קייטלט זיך פון דוד המלכס משפחה (עליו השלום). יענע מיוחסים זענען, נאַטירלעך, גע־ווען גרייט אָן שהיות איבערצונעמען, ווער די קרוין פון באַנייטן יידישן מלכות, ווער אַ ביסל ווייניקער — אַ מיניסטאָרן־פּאָרטפעל, אָן אַמבאַ־סאַדע, אַפילו אַ יידישן גובערנאַטאָר־אַמט, וכדומה...

די פועלי ציון גרופּע, האָט די באַלפור־דעקלאַראַציע אויפגענומען אָן איבעריקער התלהבות, אַפילו אָן צוטרוי, כאָטש אונדזער פּועלי־ציוניסטי־שער גאַסט פון פוילן, ראַזענטאַל, האָט געהאַלטן פון דער דעקלאַראַציע ווי פון „בראשית הגאולה". ווידער אונדזער „בונד" האָט באַלד אויף אָן אָרט פאַרטיליקט די באַלפור־דעקלאַראַציע, און זי געמאַכט צו אַש און שטויב, צוזאַמען מיטן „ציעניזם", דעם „קייסל האַמאַראַווי" „נאַציאָנאַליזם־שאָוויניזם", מיט דער ליבער מאַמע רחלס „קייווער", מיט דער „מאַרעס האַמאַכפּיילע מעלוכע", מיט גרויס־בריטאַניע, מיט אַלע מאָנאַרכיסטן און ציעניסטישע באַנקירן, די פּיאַווקעס, די ראָטשילדס, צו פאַרזינגען דעם פּסק־דין מיט אַ „שבועה אויף לעבן און טויט צו היטן אַ בלוטיקן האַס". און מיט דעם „זאַלציקן ים", וואָס רופט קעגן „גבירישע קינדער, משכי־לים, רבנים, וואָס רופן קיין ציון דעם ייד".

עס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן דער פאַקט, אַז דעם זעלטענעם קריש־טאַל־ריינעם רעוואָלוציאָנער און ייד, ש. אַנ—סקי, וואָס האָט בשעתו פאַרפאַסט די בונדישע „שבועה" מיטן „זאַלציקן ים", וואו ס׳איז אַריינ־

געפלאָכטן דער ציטירטער אַנטי־ציוניסטישער פּערז, אַ טייל פון צווייטן בונדישן הימן, נאָך דער „שבועה" — האָב איך געהאַט דעם זכות פּערזענ־לעך צו קענען בעת זיינעם אַ קורצן באַזוך אין ליטע אין די 20ער יאָרן, און הערן פון זיין מויל זינגען ז י י נ ע ח ל ו צ י ם ־ ל י ד ע ר, און דערהויבן און גרויסן זייער אידעאַליזם, זייער מסירת־נפש, זייער ציוניס־טישע התלהבות...

די דייטשן האָבן שוין דעמאָלט ווייניק אַכט געלייגט אויף אונדזער אייגענעם יידישן ירידי, זיי זענען געשטאַנען בסך־הכל זעקס טעג פאַר זייער מיליטערישן צוזאַמענברוך, זעקס טעג פאַר זייער רעוואָלוציע.

* * *

דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט אין נישט קיין קלענער מאָס געהויבן די קריגס־מאָראַלביים דייטשישן זעלנער, אָבער די „שמחה" איז גיך בטל געוואָרן מיטן אַריינטריט פון צפון־אַמעריקע אין קריג קעגן דייטשלאַנד, דעם 16.4.17. די דייטשן האָבן גוט געוואוסט פון דעם מעכטיקן אַמעריקאַנער כוח און פּאָטענציאַל. זיי האָבן גוט געוואוסט דעם באַטייט פון פרישע, גוט באַוואָפנטע, זאַטע אַמעריקאַנער דיוויזיעס אויפן דערשיטערטן מערב־פראָנט. זיי האָבן געוואוסט, אַז די מפּלה איז נאָענט. עס דערמאָנט זיך אויך, ווי די דייטשישע זעלנער פלעגן זיך סודען און דערציילן בלחש, וועגן אַזעלכע „געפּאַנצערטע אייזערנע אָדער שטאָ־לענע מאָנסטערס, געשפּענסטן", וואָס די בריטן האָבן געלאָזט אין גאַנג אויפן מערב־פראָנט: טאַנקען!

די טאַנקען האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די דייטשישע גאַרניזאָן־זעלנער; מער אימה ווי די צעפּעלינען מיט די באָמבעס האָבן געוואָרפן אויף די פרידלעכע בירגער פון לאָנדאָן, און דאָ — נאַ־דיר אַ צולייג: — אַמעריקע אין קריג!

אין 1918 לאָזט אומעטום נאָך די דיסציפּלין, אַפילו אין זאַטן דייי־טשישן גאַרניזאָן פון אונדזער שטאָט, שוין אָפּגערעדט אין די לאַגערן און מיליטערישע אַרבעטס־פּלעצער.

אונדז, יוגנט, ווילט זיך אָניאָגן דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן זינט

דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה; אויב מען קען נישט צוריקקריגן די פאַרשפּילטע שענסטע יוגנט־יאָרן, איז לאָמיר כאָטש צוריקכאַפּן די פאַר־לוירענע לערך־ און שטודיום־צייט. נישט איינער פון אונדז האָט זיך מער אָדער ווייניקער פאַרפולקאָמט אין דער דייטשישער שפּראַך מיט אַ שמעק ליטעראַטור, ואני בתוכם, אָבער אָט הערט באַלד אויף דאָמינירן דייטש אין אונדזער לעבן, מיינט מען זיך צוריקקערן צו רוסיש, אַנדערע „תכלית״־בחורים וואַרפן זיך מיט פלייס לערנען פּויליש. די פאָלקסטימלעכע פּראָ־ציוניסטישע קרייזן פאָדערן מען זאָל צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע לשונות ערנסט לערנען העברעאיש, און מיר, ציוניסטן־סאָציאַליסטן טענהן, אַז ס'איז גאָר וויכטיק צו לערנען יידיש, וואָס וועט אונדז דינען אין יעדער פאַל, צי מיר וועלן אַריינפאַלן צו די פּאָליאַקן, אָדער זיך צוריקקערן צו רוסלאַנד, שוין אָפּגערעדט פון ליטע.

אגב זענען דעמאָלט, צווישן אונדז, שטאַרק געפאַלן די ליטווישע „אַק־ציעס״, נאָכדעם ווי ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט ידיעות, אַז די ליטווישע נאַציאָנאַליסטן, זוכן אַרום אין די דייטשישע קעניגלעכע הויפן אַ פּרינץ מיט בלויען בלוט, וואָס זאָל... קעניגן איבער ליטע, וואָס זאָל קריגן אַ סטאַטוט פון „זעלבסטשטענדיקייט״, פעדעראַטיוו פאַרבונדן מיט דייטש־לאַנד. (אגב האָט דער באַרימטער יידיש־דייטשישער שרייבער אַרנאָלד צווייג, וואונדערבאַר געשילדערט די דעמאָלטיקע ליטווישע קעניג־זוכעניש, אין זיין ווערק „איינזעצונג איינעס קיניגס״, וואו ער ברענגט אַ סך אוי־טענטישע אינפאָרמאַציע. דאָס ווערק האָט אַרנאָלד צוויג פאַרפולקאָמט בעת ער האָט געלעבט אין חיפה, אין דער תקופה פון צווייטן וועלט־קריג. (איך פלעג אים דעמאָלט אַרויסהעלפן פאַרטייטשן און מפרש זיין כלערליי ליטווישע דאָקומענטן).

אָט קערן מיר וועלטן און קעמפן פטור צו ווערן פון די „טיראַנען״ מיט די מאָנאַרכיעס. אין רוסלאַנד זענען „מיר״ באַפרייט געוואָרן פון צאַ־ריזם, אין דייטשלאַנד וואַקלט זיך דער טראָן. מיר פילן שוין די ערשטע סימנים פון דער נאָענטער ערדציטערניש, און דאָ קומען גאָר די „קליומ־פּעס״ (הילצערנע שיך — אַ צונעמעניש פאַר ליטווינער) פרייוויליק צו לאָזן קעניגן איבער זיך אַ קעניג. היתכן?!

„בילדן די אָרבעטער־מאָסן״, איז אין יענער תקופה געוון אַ וויכ־

טיקע פונקציע פון יעדער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי, און אַזאַ ווי איך האָט געמוזט ווייזן אַ פּערזענלעכן ביישפּיל פון „זיך בילדן". ווער רעדט נאָך אַז מ׳איז שטענדיק דורשטיק נאָך וויסן, און די עלטערן באַמיען זיך דיר צו העלפן מיט אַלץ. — וואַרפט מען זיך מיט אייפער צו לערנען די פאַרוואָרלאָזטע מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע, געשיכטע, וכדומה. איך גרייט זיך צו מאַטורע עקזאַמענעס און לערן אין יעדער פרייער רגע... פּראָווינציעל. אומזיסטע אָדער ווייניק געצאָלטע לערער האָבן דעמאָלט נישט געפעלט עס זענען געווען גענוג אַרבעטסלאָזע סטודענטן, וואָס האָבן מחמת קריגס־צושטאַנד נישט געקאָנט צוריקפאָרן אין די אוניווערזיטעטן פון אויסלאַנד און רוסלאַנד.

צו אונדזער קרייז האָט זיך דעמאָלט אָנגעשלאָסן אַ יונגער יידישער שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס האָט שטודירט אין ווילנער ראַבינער־שולע, ישראל ראובן ברינמאַן, געבירטיק אין ראַצק (ראַטשקי), אַ קליין גרענעץ־שטעטעלע נישט ווייט פון סובאַלק. י. ר. ברינמאַן איז דעמאָלט, פאַקטיש, געווען דער איינציקער קענער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אונדזער סביבה. אַ פייערדיקער פּועלי־ציוניסט, אַ חובב שפת יידיש און פּערפעקטער העבראַיש־קענער. זיין שפּראַך אין וואָרט און אין שריפט איז געווען פּליסיק און פּערלדיק. פון אים האָבן מיר צום ערשטן מאָל אין לעבן געהערט גוט דורכגעטראַכטע סיסטעמאַטישע לעקציעס און רעפעראַטן איבער יידיש און יידישער ליטעראַטור. ער האָט ביי אונדז איינגעפּירט דאָס לערנען און שטודירן יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט אים באַליבט געמאַכט אין אַלע אַרבעטער און פאָלקסטימלעכע קרייזן פון דער סביבה.

ישראל ראובן ברינמאַן האָט זיך יענעם יאָר אויפגעהאַלטן ביי זיינע עלטערן און זיי צוגעהאָלפן אין אַ שניט־געשעפט. צוזאַמען מיט זיין יינגערן ברודער יחיאל, האָט ער אין זיין שטעטעלע געשאַפן אַ קאָנספּיראַטיוון פּועלי־ציון־קרייז, וואָס איז געווען מיט אונדז פאַרבונדן ווי מיט אַ „צענטער". ווי אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט אויף דער גרענעץ, האָט ער גוט געקענט דייטש און זיך געפונען ווי ביי זיך אין דער היים אין דער דייטשישער ליטעראַטור און אין דער דייטשישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער פלעגט אונדז שאַפן דייטשישע ביכער, ביכלעך און בראָשורן — סאָציאַ־

ליסטישע ליטעראַטור. אַ דאַנק אים האָבן מיר געלערנט די „ערפורטער פּראָגראַם“, דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ אין אָריגינאַל, פּרקים פון קאַוטסקיס „אוראַלטער קאָמוניזם“ און באָגדאַנאָווס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע“. פון אים האָבן מיר זיך דערוואוסט און באַקענט מיט די שטרעמונגען אין דייטשישן סאָציאַליזם, וועגן עדוואַרד בערנשטיין, דעם „רעוויזיאָניסט“, וועגן שיידעמאַן, נאָסקע, פרידריך עבערט, וועגן „ספּאַרטאַקוס־בונד“ מיט קאַרל ליבקנעכט, וועגן ראָזאַ לוקסענבורג וכדומה. י. ר. ברינמאַן פערזענלעך איז געווען אַ חסיד פון די „אומאָפּהענגיקע“ דייטשישע סאָציאַליסטן. אַ דאַנק אים האָבן מיר געלערנט זייער תורה און זיך באַקענט מיט אַזעלכע נעמען ווי הוגאָ האַאַזע, לעדעבור, לואיזע דיעטץ, דיטמאַן, דאַומיג, לאוקאַנט. זיין ליבלינג איז געווען עמיל באַרט, וועמען ער האָט פּשוט פאַרגעטערט.

ישראל ראובן ברינמאַן האָט אונדז אויך געבראַכט באָראָכאָוון אין שריפט, וואָס האָט אונדז אויפגעמאַכט די אויגן און גייסטיק אָפּגעפרישט, ווייל פריער האָבן מיר אַלץ באַקומען פון „תורה שבעל פה“. מיר האָבן אַליין „טעאָרעטיזירט“ און נישט ווייניק אימפּראָוויזירט, און אָט לערנען מיר דורשטיק „די קלאַסן־מאָמענטן און די נאַציאָנאַלע פראַגע“. מיר דערווּסן זיך פון דער „פּלאַטפאָרם“, פון וועלכער י. ר. ברינמאַן האָט געהאַט אויסצוגן אַריינגעקלעפּט, אָדער איבערגעשריבן מיט זיין קאַליגראַפישער האַנטשריפט אין אַ דיקן העפט, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך. ווייל באָראָכאָוו האָט אין דער „פּלאַטפאָרם“ דיסקוטירט און אַנאַליזירט אַנדערע פּאַרטייען — איז עס פאַר אונדז געווען אַן עולם ומלואו, אַן אוצר. אָט דערוויסן מיר זיך פון אים, אַז קאַרל מאַרקס האָט ערגעץ דערמאָנט „סטיכישע פּראָצעסן“, אויב אַזוי האָבן מיר שוין „דערלאַנגט“ דעם „בונד“ ווי ס'דאַרף צו זיין. איצט פלעג איך שוין מוטיק פאָדערן פון בונדיסט גליקסאָן, ער זאָל בפני כל עם ועדה דערקלערן, *פאַרוואָס זאָל עס זיין סאָציאַליסטיש טריף דאָס באַמיען זיך צו רעגולירן סטיכישע פּראָצעסן אויב זיי וועלן זיין?* ווארום גליקסאָן, אין זיינע בייסיקע דיסקוסיעס מיט אונדז, האָט קיינמאָל נישט אויסגעלאָזן דאָס אויסחוזקן די „מעכאַ־

גישע" סטיכישע פּראַצעסן, װאָס די פּעצעקעס געברױכן װי „תּלמודיסטן — דעם תּיקו"...

איז געװען אַ פֿאַרגעניגן צו זען און הערן ישׂראל ברינמאַנען אין פּײער פֿון אַ דיסקוסיע: אַלײן איז ער געװען נידעריקער פֿון מיטלען װאוקס, סובטעל, מאָגער, קורצזיכטיק, מיט דיקע אויגן־גלעזער, אַ איראָנישער שמײכל אויפֿן פּנים, אָבער דער פֿרענטש מיטן האַרטן קאָלנער האָט פֿאַר־ריכט זײַן אויסזען, אים פֿאַרעלטערט צוגעגעבן מענלעכקײט און אַ „קאָנס־פּיראַטיװן" אויסזען. אַלע ערשט־צוריקגעקומענע פֿון דער רוסישער זײַט האָבן געטראָגן פֿרענטשן מיט פֿיר טאָרבע־קעשענעס, אָדער זעלנערישע שינעלן, װאָס פֿלעגן זיך צושפּיליען מיט העקלעך, אָן קנעפּ.

לכתּחילה פֿלעגט הערשן אַזאַ הײטערקײט בעת ישׂראל ראובן פֿלעגט אָנהײבן זײַן „װאָרט", מחמת דער ײנגלשער שטימע, אָבער בעת ער פֿלעגט „אַרײַן אין טראַנס" און נעמען שיטן ציטאַטן מיט נעמען, צו ציטירן בעל פּה, אָדער פֿון זײַן דיקן העפֿט אַרויס, פֿלעגט װערן טויט שטיל. דער עולם פֿלעגט אים גערן מיט נײַגיר און אינטערעס אויסהערן און זײַן אָנזען איז געװאַקסן. דער שטענדיקער אָפּאָנענט, דער בונדיסט גליקסאָן, איז אויך געװען זײער אַן אינטעליגענטער מענטש, אָבער ער פֿלעגט גאָרנישט ציטירן פֿון „ביכער" און דערמאָנען מיט פֿאַרגעטערונג נאָר אַזעלכע נעמען װי װלאַדימיר מעדעם, ערליך און בײניש מיכאַלעװיטש. אַמאָל פֿלעגט ער נאָך דערמאָנען — ניסן פּופּס, װאָס איז, װײַזט אויס, געװען זײַנער אַ פּערזענלעכער פֿרײַנט. דערפֿאַר פֿלעגט אים נישט מיאוס װערן יעדעס מאָל, בײַ יעדער געלעגנהײט צו דערצײלן די פּרשה הירש לעקערט, װאָס, דעם אמת געזאָגט, פֿלעגט אונדז קײנמאָל נישט מיאוס װערן צו הערן. ישׂראל ראובן פֿלעגט אים צוריקדערלאַנגען מיט בער באָ־ראָכאָװ, און דערצײלן װעגן דעם „השומר" אין ארץ־ישׂראל, װעגן בן־צבי און בן־גוריון, װעגן אײנעם אַזאַ געלערנטן שלמה קאַפּלאַנסקי, און װעגן „בעסטן ײדישן רעדנער פֿון דער װעלט" — זרובבל. אַזאַ הדרת פּנים מיט אַ „שװאַרצער באָרד, מיט אַ לאָק אויפֿן שטערן", און װאו איז דער גבורה־אַקט פֿון פּנחס דאַשעװסקי?

פֿאַר אונדז איז דעמאָלט אַלץ געװען נײַ, דערקװיקנדיק־פֿריש און מיסטעריעז...

י. ר. ברינמאַנס ברודער יחיאל („חיליק“) איז געווען אַ פּראַקטישער טוער. ער איז עולה געווען אין ארץ־ישראל אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן, דורכגעמאַכט דעם דעמאָלטיקן חלוצישן וועג פון דער דריטער עליה, געווען אַ מיטגליד אין דער לינקער פּועלי־ציון פּאַרטיי, געוואָרן אַ חבר אין קיבוץ בית אלפא, געווען אַקטיוו אין דער „הגנה“ און — אומגעקומען בעת אַן אויפרייס אין בלוטיקן יאָר 1938, בעת ער האָט איינגעפּאַקט אָדער אויסגעפּאַקט האַנט־גראַנאַטן. זיין טויט האָט בשעתו געלאָזן אַ טיפן רושם אויפן אויסגעפּראַצעוועטן חלוצישן עמק יזרעאל. ער האָט איבערגעלאָזן אין בית אלפא אַ פרוי מיט אַ טאָכטער.

אַלע יאָרן, ביז ער איז פאַרשוואונדן, בין איך געשטאַנען מיט אים אין אַ נאָענטן שריפטלעכן קאָנטאַקט. פּסח 1938, בעת מיין קורצן באַזוך אין פּוילן, האָב איך נאָך געהאַט דעם זכות זיך מיט אים צו טרעפן אין סובאַלק, וואו ער איז אַריבער וואוינען, נאָכדעם ווי זיין פאָטער איז געשטאָרבן. ער האָט אויפגעמאַכט אַ שניט־געשעפט מיט וואָס ס׳האָט זיך פאַרנומען זיין פרוי און אַלטע מוטער. ישראל ברינמאַן איז דעמאָלט געווען זייער פאַרמרה־שחורהט, לאַנגע יאָרן האָט ער געחלומט פון עליה, אָבער ווי אַ חלוש האָט ער מורא געהאַט אַז אין ארץ־ישראל וועט ער נישט זיין ביכולת מפרנס צו זיין זיין פרוי, מוטער און ביידע זין — גימנאַזיסטן. כ׳האָב אים געטראָפן אין זיין „קאַבינעט“ — אַ שמאָלער, לאַנגער צימער, פאַרלייגט מיט ביכער און צייטשריפטן פון דיל ביזן סופית. ישראל ראובן האָט אַ סך געשריבן אין פאַרשיידענע יידישע אויסגאַבן אין אַלע טיילן וועלט אונטערן פּסעוודאָנים מעריסאָן (צו באַערן זיין פרוי מערי), אָדער אונטערן פולן נאָמען. אין יענע יאָרן פלעגט י. ר. ברינמאַן אַליין אָנשרייבן און פאַרטיילן אַזאַ הומאָריסטיש־סאַטירישע אויסגאַבע: „דער רויטער האָן“, וואָס מ׳ער פלעגן שאַפירגראַפירן און צונויפנייען אין אַ צוואַנציק עקזעמפּליאַרן, וועלכע פלעגן גיין פון האַנט צו האַנט, און געלייענט ווערן אויפן קול אויף מסיבות און „סכאָדקעס“. ער האָט אין סובאַלק, אויפן אייגענעם חשבון, אָפּגעדרוקט אַ פּאָר ליטעראַרישע העפטן „וואָגשאָל“ (סוף פון די צוואַנציקער יאָרן) און — — — געפירט אַ ליטעראַרישע מלחמה מיטן ליטעראַטור־קריטיקער ראַפּאָפּאָרט און מיט די „אַנטי־ווייסבערגס“.

ל. חיין־שמעוני

ישראל ראובן ברינמאַן איז אומגעקומען ערגעץ אין די בלוטיקע בריחה־וועגן פון ראַטנרוסלאַנד אין יאָר 1941. דאָס לעצטע פּאָסט־קאַרטל האָב איך פון אים באַקומען סוף נאָוועמבער 1940. דאָס קאַרטל האָט ער געשריבן פון שטעטל דערעטשין, ערגעץ אַרום באַראַנאָוויטש — ווייס־רוסלאַנד, דאַטירט דעם 14טן אָקטאָבער 1940, בעת דערעטשין האָט זיך געפונען אונטער דער סאָוועטישער מאַכט.

אָט זענען זיינע לעצטע שורות, וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר:

— — — „איך בין איצט אין דערעטשין, מיינע ביידע זין לערנען זיך אין צוויי באַזונדערע שטעט נעבן גראָדנע, ביי קרובים. מיין פרוי און אַלטע מוטער געפינען זיך אין ביאַלע אויף צרות".

— — — „איך האָב מיך, נישט פאַר דיר געדאַכט, אויס־געלינקט שוין קומענדיק אַהער. איצט בין איך קראַנק און צעבראָכן, טויג נישט פאַר קיין אַרבעט...

„דער דאָקטער האָט מיר פאַראָרדנט צו עסן אַלטע שוואַרץ־ברויט. איך טאָר חלילה נישט עסן קיין חלה, פיש, הערינג, — נאָר קאַרטאָפל און ברויט. עס מוז זיין גוט.

— — — „די איינזאַמקייט און עלנטקייט האָט מיך אינגאַנצן צעבראָכן, איך פיל מיר אינגאַנצן צעבראָכן. איך פיל מיך שרעקלעך נידערגעשלאָגן אַז אַ פונק האָפענונג לאַנג צו ציען..."

דאָס זענען די לעצטע ווערטער פון מיין לערער און חבר ישראל ראובן ברינמאַן, וואָס איז פריער געווען אַ התלהבותדיקער ציוניסט־סאָציאַליסט. ס'דערמאָנט זיך זיינע בריוו צו מיר פון סובאַלק קיין קאָוונע, (געשיקטע דורך קאָנטראַבאַנדיסטן) וואו ער האָט מיך אויפגעפאָדערט אַלץ איבער־צולאָזן און פאָרן קיין מינסק זיך מאָביליזירן אין די „באָראָכאָוו־באַטאַ־ליאָנען" — צו הילף דער רויטער אַרמיי (סוף 1919). און שפּעטער, אין 1921, האָט ער ווידער גערופן און געפאָדערט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און פאָרן אין גליל — — — „אַז די לויטערע בלוט פון יוסף טרומפּעלדאָר מיט זיינע חברים, זאָלן נישט זיין אומזיסט פאַרגאָסן, זאָלס־טו וואָס גיכער עולה זיין צו הילף, וואָרף אַוועק דיין לערנען מיט אַלץ"...

—מיין טרער אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון מיין לערער און חבר

ישראל ראובן ברינמאַן ז״ל! ווער ווייסט צי ער איז בכלל געקומען צו קבר ישראל?...

זיין סוף און גורל איז געווען דער זעלביקער ווי פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער, וועמען ער האָט מיט זיין טאַלאַנטירטער אַנאַליטישער פען באַשריבן, קריטיקירט, אַנאַליזירט און געגרויסט. ישראל ראובן ברינמאַן איז אומגעקומען אַ פּאָר יאָר פריער, יענע — אַ פּאָר יאָר שפּעטער. און ווער ווייסט? אפשר האָט ער זיך דערקליבן צו זיי און אומגעקומען צוזאַמען, פון דער זעלבער שנאת־ישראל־שווערד.

עס איז נישט צו וויסן וואָס צו זאָגן: „שלום לעפרך״, אָדער „שלום לעפרך ולאפרך גם יחד״...

* * *

אָנהייב 1918 האָבן די דייטשן אונדז מער נישט געדאַרפט אונטערטרייבן צו דער אַרבעט. זייער שווערע האַנט האָט נאָכגעלאָזט. ס׳איז געוואָרן לייכטער, און מיר האָבן גערנווילי̇ק געאַרבעט. עס זענען געווען פאַלן, ווען מיר פלעגן גאָר פאַרוואַרפן די דייטשן, הלמאַי זיי פאַרקוקן ווי די רוסן, אוקראַינער און פּאָליאַקן גנבענען אַוועק ס׳רוב האָבער און צוקער פון די בהמות און פאַרקויפן עס אין דרויסן, פון יענער זייט שטעכעדיקע דראָטן און לאָזן קראַפירן פון הונגער די קראַנקע פערד. די גניבות זענען שפּעטער געוואָרן שותפותדיקע אין גרויסן מאַסשטאַב.

דעם 3טן מאַרץ 1918, איז אין בריסק געשלאָסן געוואָרן שלום צווישן סאָוועט־רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע, וואָס האָט געדינט ווי אַ נאַרקאָטישע איינשפּריצונג צייטווייליק ווידער צו הייבן די קריגס־מאָראַל ביי די דייטשן. באַזונדערס נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן געקענט אַריבערוואַרפן אַפילו די רעזערוון פון זייער מזרח־אַרמיי אויף די דערשיטערטע מערב־פראָנטן.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אויף אונדזער געגנט נישט געמאַכט דעם געהעריקן רושם, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט גענוג אינפאָרמאַציע. מיר האָבן געוויטיקט איבערן גאַנג און אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, ראשית נישט קענענדיק געדייען און גוט פאַרשטיין די „דיקטאַטור פון

פּראָלעטאַריאַט" אויף דער וואַר. והשנית, פון ציטערן פאַר איר גורל און פאַרן גורל פון די מיליאָנען יידן אין די גרויסע רוסישע שטחים, — — — באַזונדערס אין די געדיכט־באַפעלקערטע יידישע ישובים אין אוקראַינע.

דער בריסקער שלום־אַפּמאַך האָט אַ סך פון אונדז צעטומלט, היתכן? — לאָזן אָפּרייסן פון רוסלאַנד גרויסע שטחים — — — די פּאָליאַקן האָבן שוין פאַרריסן די קעפּ אונדז געדראָעט מיט אַ „חשבון", כאָטש מאָסן יידן זענען געווען צופרידן מיטן ווידעראויפקום פון אַ זעלבסטשטענדי־קער פּוילן. אַנדערע פון אונדז, ואני בתוכם, האָבן זיך געטרייסט מיט דער רעאַלער מעגלעכקייט פון אַ זעלבסשטענדיקער ליטע מיט ווילנע, גראָדנע און סובאַלק.

ס'האָט זיך אויך פאַרבעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון מיין משפחה מיט נאָך אַזעלכע הונדערטער יידישע משפחות, וואָס האָבן לייכטער באַ־קומען סחורות אַנצופילן די ליידיקע פּאָליצעס פון די געשעפטן, ווייל ס'האָבן זיך אויפגעמאַכט קאָמוניקאַציע־שטעגן קיין גראָדנע, ווילנע, וואַר־שע און קעניגסבערג. די מאַסן גניבות פון די דייטשישע אַרמיי־סקלאַדעס האָבן נישט ווייניק אויסגעבעסערט די באַשפּייזונג, און ס'איז „געוואָרן" זייף צום וואַשן זיך.

לאָמיר איבערגעבן אַ פּאָר עפּיזאָדן ווי מען פלעגט דעמאָלט שוואַרצן שפּייז פון איין געגנט אין דער צווייטער, בעיקר פון דאָרף אין שטאָט און אומגעקערט. דער פּויער האָט אינסטינקטיוו באַקומען אומצוטרוי צום „אָבער אָסט מאַרק", די געזעצלעכע מטבע, און נאַטירלעך צום פּאַפּירע־נעם רוסישן רובל, וואָס האָט געהאַט ביים פּויער מער אַנזען ווי דער אָבער־אָסט־מאַרק. כאָטש די דייטשן האָבן פאַרבאָטן דעם רובל ווי אַ גאַנגבאַרע מטבע, האָבן די פּויערים געהאַט צו אים גרויס צוטרוי. אַז דער צוטרוי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן כלפּיביידע מטבעות, האָט מען זיך צוריקגעהערט צום אוראַלטן סחורות־טויש...

אַט פאָרט אַ פּויער וואָגן אָדער שליטן אָנגעפּאַקט מיט לייוונט, מיט שיך, כלים וכדומה. אַלץ איינגעפּאַקט אין שטרוי. אויפן וואָגן אָדער שליטן זיצט איינער מאחינו בני ישראל אָנגעפּעלצט, פאַרקליידט פאַר אַ גלח, מיט אַ גלעקל אין האַנט און קלינגט דעם גאַנצן וועג. דאָס פאָרט ער דער „גלח" אָפּנעמען ווידוי ביי אַ טויט־קראַנקן, אים צו באַגלייטן מיט

גאָטס טרייסט־וואָרט אויפן עולם־האמת... פרומע קריסטן קניִען אין בלאָטע אָדער שניי און צלמען זיך פרום... פויערטעס לויפן קושן דעם גלח די האַנט מיטן צלם. דייטשישע וואַך־זעלנער סאַלוטירן...

צוריק פאָרט מען אָפט מיט אַ טרונע — אַ טויטן־אָרון, ווידער מיט אַזאַ „גלח" צופוסנס, אָבער אנשטאָט אַ מת, ליגן דאָרטן זעקלעך תבואה, אַרבעס, לינדזן, קעז מיט פאַרפרוירענע שטיקער פוטער...

אַזוי האָט זיך חדשים לאַנג געצויגן אַזאַ „טראַנספּאָרט" פון שטאָט אין דאָרף און צוריק, ביז די דייטשן איז חשוד געוואָרן די איבערגעטריבענע צאָל „לוויות", טראַכטנדיק אפשר אַ נייע טיפוס־מגיפה? אפשר כאָלערע, וואָס די „דרעקיקע פּאָלן" פאַרבאַהאַלטן אין פחד פאַר קאַראַנטין, איינשפּריצונגען, „אַנטלויזונג", וכדומה. איז דער עסק דורכגעפאַלן אויף גאָר אַ קורצער צייט, ווייל, — ווייל גוט־באַצאָלטע דייטשישע גאַרניזאָנען אָדער עטאַפּ־זעלנער בכבודם ובעצמם פלעגן טראַנספּאָרטירן די יידישע און פויערישע סחורות צו פאַרדינען פון דעם שווערע געלטער.

מיין פאָטער, מיט זיין גוטן פריינט משה דער „גובערנאַטאָר", האָבן אויפגעמאַכט אַ געשעפט פון פעלץ און טוך אימפּאָרטירטע פון קעניגסבערג און פון ווילנע. הינטער די באַלן טוך אויף די פּאָליצעס, פלעג איך אויסבאַהאַלטן די פאַרבאָטענע ביכלעך און בראָשורן — דאָס ביבליאָטעקל פון אונדזער נישט לעגאַלער שטרענג־קאָנספּיראַטיווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי דאָס געשעפט איז געווען באַזונדער און ווייט פון דער וואוינונג, פלעג איך מיט לייבלען, משה דעם „גובערנאַטאָרס" זון, נעכטיקן אין געשעפט, אָפּצוהיטן פון גנבים. אויב אַזוי, האָבן מיר שפּעטער געהאַט אַ מקום פאַר גרופּן־פאַרזאַמלונגען און אַ מקום וואו צו לאָזן נעכטיקן אַ „שליח", אַ „רעדנער" און סתם אַ גאַסט, וואָס מען האָט נישט געקענט איינמעלדן אין פּאָליציי... צווישן די שליחים, וואָס האָבן אין 1919 גענעכטיקט אין מיין פאָטערס געשעפט, זענען געווען: אַלטער אַראָצקער, וואָס איז געקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד מיט אַ געוויסער פּאָליטישער שליחות. אַלטער אַראָצקער איז צו א ו נ ד ז געקומען ווי אַ צענטראַלע פיגור פון י.ק.פּ. פּועלי־ציון. פאַקטיש האָט ער איניציאַטירט די שאַפונג פון דעם דעמאָלט באַרימטן צ.ב. פון דער פּראָפּבאַוועגונג אין קאָוונע, וואו זיין פּאָפּולאַריטעט איז געווען גרויס און זיין נאָמען איז שפּעטער ארומגעגאַנ־

געז ווי אַ לעגענדע. דאָרטן האָבן געגעכטיקט ברוך ווינאַגוראַ, דער זשור־נאַליסט, וואָס איז געקומען ווי אַ שליח פון פועלי־ציון — וואַרשע, צו־זאַמען מיט אייזיק פלאַטנער — דעם לעבן־געבליבענעם יידיש־סאָוועטישן שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרטן האָט געגעכטיקט ישראל ראובן בריג־מאַן און דער געהיימנישפולער פועלי־ציוניסט פון רוסלאַנד, לעווין, וואָס האָט אונדז געבראַכט די וויסטע בשורה פון באָראָכאָווס טויט. לעווין האָט שפּעטער, אין קאָוונע, אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן באָראָכאָוון. די ערשטע דרוק־אויסגאַבע פון פועלי־ציון אין ליטע. מיט אונדז האָבן געגעכטיקט און פאַרבראַכט כלערליי מענטשן, וואָס פלעגן דורכפאָרן סובאַלק, כדי צו שוואַרצן די גרענעץ קיין דייטשלאַנד, אין שליחותן פון רוסלאַנד, וואָס מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס און ווען. נאָר אַ צעטעלע פון אפרים ברוקער פון ווילקאָווישקי איז געווען גענוג. ברוקער איז דעמאָלט גע־ווען איינער פון די קעפּ פון פועלי־ציון אין ליטע, שפּעטער — אַן אָנ־פירנדיקער מיטגליד פון דער ק.פ.ד. אין בערלין.

אַ נאַרישער טעות האָט ליקווידירט דעם „האָטעל”, וואָס האָט שיעור נישט אַריינגעזעצט אין תפיסה נישט נאָר מיך מיט מיין חבר לייבל, נאָר אויך מיין פאָטער צוזאַמען מיט זיין נאָענטן פריינט און שותף משה „דער גובערנאַטאָר”. דעמאָלט האָט נאָך שטאַרק געפעלט ברויט, וואָס מיר פלעגן קריגן אויף קאַרטן. כדי צו קריגן דאָס ברויט, פלעגט מען מוזן אויפשטיין פאַרטאָג, זיך שטעלן אין דער ריי ביים בעקער אונטערן פענצטער, אָפּ־שטיין שעהן לאַנג אין היץ, אין רעגן, שניי און פראָסט. די מלאכה פלעגט מאַכן די יוגנט, צו העלפן דער היים. צו דער אַרבעט פלעג איך גיין 6 פרי, די פּאָליציי־שעה פלעגט זיך ענדיקן 5, פלעג איך פון 5 ביז קרוב 6, שטיין אין דער ריי, ביז מיין יונגערער ברודער דוד (דערמאָרדעט מיט זיין פרוי און קינד דורך די נאַציס ערגעץ אין ליטע) פלעגט קומען מיך פאַרבייטן, ער פלעגט שטיין ביז 8, און נישט זעלטן פלעגט מיין מוטער קומען אים פאַרבייטן... איינמאָל, אין אַ פראָסטיקער לבנה־נאַכט, איז מיר שטיין געבליבן דער זייגער, און זיך אויפכאַפּנדיק פון שלאָף, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ס׳איז שוין קרוב 5, האָב איך זיך אָנגעטאָן און אַוועק צו דער בעקעריי אויף גראָדנער גאַס.

אויפן וועג האָט מיך פאַרהאַלטן אַ דייטשישער פּאַטרול און געוויזן,

אַז דער זייגער איז ערשט דריי... ס׳איז מיר געלונגען זיי צו איבערצייגן מיין טעות, און זיי האָבן זיך מיישב געווען מיך צו באַגלייטן אַהיים, וואו כ׳האָב זיי צוגעזאָגט מכבד צו זיין מיט אַ „שלוק״ גוטן בראָנפן אין אַזאַ פראָסטיקער נאַכט. כ׳האָב נאָר פאַרגעסן, אַז יענע נאַכט איז מיט מיר אין בעט געשלאָפן אַ חבר פון קאַלוואַריע, ניִשט זייענדיק איינגעמעלדעט אין דער פּאָליציי... די דייטשן האָבן אויסגעזויפט מיין פאָטערס קידוש־בראָנפן, אָפּגעווישט די מיילער, און זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט ווער עס זענען די „לויטע״ וואָס ליגן דאָ אין די בעטן? בקיצור, מיר זענען שוין צוריק־געגאַנגען אין פּאָליציי זאַלבעדריט, אַרומגערינגלט פונעם פּאַטרול. מיר זענען געזעסן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ביז מאָרגן אָוונט. נאָכדעם ווי אַ גור־טער פוטערנער קראַגן אויפן שינעל פון דייטשישן פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט אונדז באַפרייט. אָבער זינט דעמאָלט איז דער „האָטעל״ געשלאָסן גע־וואָרן. כ׳האָב מיין פאָטער געגעבן אַ „הן צדק״, מער נישט צו לאָזן נעכ־טיקן פרעמדע מענטשן, וואָס מען קען נישט איינמעלדן אין פּאָליציי... בדרך כלל האָט מיין פאָטער גוט געוואוסט ווער די „געסט״ זענען געווען, אָבער פאַרלירן צוליב זיי ס׳ברויט פאַר דער משפּחה און ווי אַ צוגאָב גיין זיצן, איז צופיל... אַ נס איז געשען, וואָס די דייטשן האָבן זיך נישט אַ גראָב געטאָן אין די פּאָליצעס אונטער די באַלן טוך. זיי וואָלטן דאָרטן געפונען אונדזער אומלעגאַלע „ביבליאָטעק״, וואָס צען פוטערנע קראַגנס וואָלטן איר נישט געקאָנט אויסקויפן...

* * *

אין האַרבסט 1918, האָבן די פּאַרטייען אין אונדזער שטאָט שוין געוואַגט אויפהייבן די קעפּ, און בהדרגה אַרויס אין דער עפנטלעכקייט צו ווערן די געזעלשאַפטלעכע טרייב־קרעפטן אינעם אינערלעכן יידישן לעבן. דאָס נעמלעכע איז געווען ביי די פּאָליאַקן, וואו די אָרגאַניזירטסטע פּאַר־טיי פּ.פּ.ס. האָט גענומען באַהערשן די מוניציפּאַל־שטאָטישע אַדמיניסטראַ־ציע, מיטן ציל קודם כל אַריינצונעמען אין זייערע הענט דעם מאַגיסטראַט.

מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אַרויסצולייענען פון צווישן די שורות פון די דייטשישע צייטונגען, אַז אין דייטשלאַנד גופא מאַכט זיך „פריי־

לעך". בעיקר, אַז די אַריבערגעוואָרפענע דייטשישע אַרמיי פון מזרח, האָט נישט מצליח געווען אויף די מערב־פראָנטן און דער צוגעזאָגטער אויסגעבענקטער „זיג", איז געוואָרן ווייטער און פּראָבלעמאַטישער ווי פאַרן בריסקער שלום־אָפּמאַך.

צווישן אונדזערע באַקאַנטע גאַרניזאָן־זעלנער און אָפיצירן האָט גע־הערשט אַ טיפער אומרו. מיר האָבן געגומען אַרויספּילן פון זייערע שמועסן אַזעלכע נעמען ווי בעטמאַן, בילאָוו, פּרינץ מאַקס פאָן באַדען, וכדומה; בעת פריער פלעגן מיר נאָר הערן נעמען פון גענעראַלן. פון מויל צו אויער האָט מען געגומען דערציילן וועגן אומרוען אין האַנאָווער, וועגן רויטע פענער אין ברעמען, וועגן סאָלדאַטן־ און אַרבעטער־ראַטן אין שטוטגאַרט, וועגן מאַטראָסן־דעמאָנסטראַציעס אין בראַונשווייג, וועגן אויסרופן „די רעפּובליק" אין מינכען — אַ צייט פאַרן 9טן נאָוועמבער.

ס'האָבן זיך געגומען הערן דרייסטע אויסרופן ווי „נידער מיטן קריג", „אַוועק מיט די קעניגען". מיר פלעגן צו אונדזער שטוינען הערן אַזעלכע משונהדיקע אויסרופן, ווי „אַוועק מיט שיידעמאַן — דעם שטאַטס־סעקרע־טאַר". מיר האָבן געהערט, אַז אין דער דייטשישער ס.ד. גופא, אָדער צווישן די ס.ד. מיט די „אומאָפּהענגיקע" פייערט אַ דיסקוסיע, צי מען זאָל אָט שוין דעקלאַרירן די „דויטשע רעפּובליק", אָדער פריער לאָזן ווײלן אַ נייעם פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל דעצידירן איבערן רעזשים אין דייטש־לאַנד. נאַטירלעך מוז קודם כל דער „קייזער" אַבדיקירן, ווי אַלע מיינען, באַזונדערס ווי ס'מיינען עבערט מיט זיינע חברים, ווייל מיט דער אַבדי־קאַציע פון קייזער ווילהעלם וועט מען פאַרמיידן אַ „בלוטיקע רעוואָלו־ציאָן" נוסח רוסלאַנד. אָבער וואָס טוט מען, אַז דער קייזער וויל נישט? ס'דוכט זיך נאָך אים אויס, זיין מאַיעסטעט, אַז גרויסע טיילן פון זיין אַרמיי, באַזונדערס די פּרייסישע דיוויזיעס, די „יעגער", די אַרטילעריע, די הוסאַרן מיט די לופט־קרעפטן זענען קעניגס „טריי" און וועלן באַשיצן דעם טראָן, ווידער דאָס אָפיצירנטום וועט נישט ברעכן זייער טרייהייט־שבועה...

די דייטשישע אָפיצירן האָבן זיך אין יענע וואָכן ווייניק געוויזן אין גאַס. מען זעט זיי זעלטן אין די קאַפעען, און אַז ס'געלינגט כאַפּן אַ שמועס מיט אַן אָפיציר, שפּייט ער מיט גיפט און גאַל אויף די „פאַרפלוכטע

מאַרינע״ — די באָלשעוויסטישע מאַרינע — דעם מקור פון אַלדאָס שלעכטס, די שולדיקע אין אַלץ — „ס׳מאַכט נישט! דער גרויס־אַדמיראַל פאָן טירפּיץ וועט שוין אויסברענען די רויטע מגיפה פון דער דייטשישער פלאָטע, דעם באָלשעוויסטישן סם״. — — —

די דייטשן דערציילן שפּעטער, אַז עבערט וועט באַלד ווערן דער „רייכסקאַנצלער״. ער וועט שוין איינפירן רו און אָרדענונג אין ליידנדיקן פאָטערלאַנד...

אָט שווימען אַרויס נאָך נעמען ווי וועלס, באַוער, די ספּאַרטאַקיסטן פאָדערן אַ „סאָוועטן־מאַכט״. די „אומאָפּהענגיקע״ רופן צו גאַסן־דעמאָנס־טראַציעס און שוין דעקלאַרירן אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק אין דייטש־לאַנד.

אין די שענקן אין די אָקופּירטע מזרח־שטחים, ביי די וואַסערדיקע קופלעס ביר און „גראָג״ הילכן אויסרופן ווי: „האָך דער פרידן״, „האָך דער וואפנשטילשטאַנד״, נישט דערמאָנענדיק בקול רם די פאָדערונג פון אַבדיקאַציע, צו אַזעלכע געוואַגטע מחשבות, זענען נאָך נישט דער־גאַנגען די זאַטע עלטערע דייטשישע גאַרניזאָן־זעלנער, על פּי רוב פּריי־סישע תושבים.

אַזוי מאַרשירן מיר אַריין אין חודש נאָוועמבער 1918, ווען דייטש־לאַנד נעמט סאָציאַל זידן ווי רוסלאַנד אין פעברואַר 1917. די באַרימטע דייטשישע אייזערנע דיסציפּלין און טעמפּע געהאָרכזאַמקייט ברעכן זיך איין. די דייטשישע פּאָליציי מאַכט זיך נאַריש און מיינט צו צוימען דעם אָנגעקוואָלענעם שטורעם מיטן אַרעסטירן „אומאָפּהענגיקע״ מיט ספּאַרטאַ־קיסטישע מנהיגים. די פּרייסישע יונקערס שפּילן זיך נאָך מיט קריגס־ און פעלד־געריכטן. זיי ווילן דעם שטורעם דערטרינקען אין בלוט פון דער־שאָסענע מאַטראָסן.

מיר הערן וועגן ספּאַרטאַקיסטישע „שטויס־טרופּן״, און מיר זעען דאָס אומגלויבלעכע — זעלנער סאַלוטירן מער נישט אָפיצירן, וואָס לויפן מיט אָנגעשטעלטע קראַגנס, איינציקווייז, ווי געסמטע מייז, נישט קוקנדיק צו קיינעם אין פּנים... מיר טוען נאָך, און הערן אויף ציען די היטלען פאַר זיי און האָבן אַ טיפע סאַטיספאַקציע פון גיין פריי אָן פּחד אין גאַס צו כאַפּן מיט אַן אָפיצירסקן שפּיצרוט איבערן קאָפּ, נישט צו צאָלן שטראָף

און גיין זיצן, פאַרן נישט אַראָפּנעמען דאָס היטל, בעיקר נישט אָנצוקוקן זייערע פאַררוסענע טעמפּע מנובלדיקע פרצופים.

ס׳לויפן אַזוי הויך געשפּאַנטע טעג און שעהן. די גאַסן זענען כסדר פול מיט מענטשן, — — — אַ דייטשישער זעלנער, וואָס איז נאָרוואָס געקומען פון קעניגסבערג, ווייזט אונדז בפרהסיה אַ צעקנייטשטן אויפ־רוף, וואָס מאָנט די שאַפונג פון אַ „סאָציאַליסטישער רעפּובליק אין דייטשישן רייך״. אויפן אויפרוף זענען געחתמעט. בריל, פראַנקע, לעדערבור, קאַרל ליבקנעכט, פיק, ניינדאָרף און וועגעמאַן״.

פון זיך אַליין שרייט זיך אַרויס אַ הילכיקער „הוראַ״, און „האָך די דויטשע רעוואָלוציאָן״!...

י. ר. ברינמאַן, אונדזער מומחה אין די דאָזיקע ענינים, „באַווייזט״ אַז ד י נעמען דערציילן וועגן אַ בשותפותדיקער אַקציע צווישן די „אומ־אָפּהענגיקע״ מיט די ספּאַרטאַקיסטן, „זיכער״, נישט צום האַרצן די קאָנ־סערוואַטיווע רעפאָרמיסטישע ס.ד.

מיר נוצן אויס יעדע פרייע שעה זיך צו טרעפן, אַרומצוריידן די לאַ־גע, וואָרום אַלץ איז אַזוי ניי, אַזוי וואונדערלעך — אין דער ווילהעלמי־שער יונקער־דייטשלאַנד אַ רעוואָלוציע. ס׳איז שווער תופס צו זיין.

דער עיקר זאָרג פון אַלע יידישע פּאַרטייען איז דעמאָלט געווען: ווי אַזוי, מיט וועלכע מיטלען זאָל באַשיצט ווערן די יידישע באַפעלקערונג אינעם „תוהו ובוהו״ וואָס שאַפט זיך. די פּאָליאַקן דראָען אָפן, חוצפה־דיק, אַז אָט קומט דער טאָג „פון חשבון און יום הדין פון די זשידעס״. מיר אָרגאַניזירן אָן שהיות זעלבסטשוץ־גרופּן, צו האָבן אין די הענט בס״ה עטלעכע שטיקלעך געווער, שברי כלים.

בעת די אינטעליגענטן און געשוואוירענע פּעסימיסטן „פּאַדערן״ גע־ווער, נישט וויסנדיק פון וועמען, אָרגאַניזירן זיך דערווייל די פּשוטע „עמך״־מענטשן אין „באַיואווקעס״. „עמך״, וואָס ווייסט נישט פון קיין חכמות מיינט, אַז כל זמן מיר האָבן נישט קיין געווער, זענען אייזערנע פּרענטן, דייקסלען, לאָפּעטעס, אייזערנע הענטשקעס, דעמבענע הענטלעך פון קירקעס — אויך גוט. ווידער געפינט איר ביי יעדן יידן אַ האַק, וכדומה. דער עיקר נ י ש ט צ ו ב ל ײ ב ן פּ אַ ס י ו, און וואַרטן אָפּהענטיק, וכך הווה!

דער „קהילה־ראַט“, וואָס מען געדענקט נישט ווען און ווער ס'האָט אים געקליבן, איז געוואָרן אַקטיוו, אונטער דער דינאַמישער פירונג פון יונגן דעמאָקראַטישן „ראש הקהל“ אַדעלסאָן, וואָס קען און ווייסט ווי צו ריידן מיט שררות. ער האָט אַ צוגאַנג צו די דייטשן און פאַרמאָגט אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. אַדעלסאָן איז געווען אָנגענומען אין אַלע יידישע קרייזן פון אונדזער שטאָט. ער איז געווען פּאָפּולער און באַוואוסט ווי אַן „אומפּאַרטייאישער“ עסקן.

— — — אין אונדזער פּועלי־ציון־קרייז זענען פאָרגעקומען גענוג שאַרפע דעבאַטעס ביז מיר — האָבן באַשלאָסן זיך סאָלידאַריזירן מיט דעם אינהאַלט פון אויפרוף מצד די אומאָפּהענגיקע און ספּאַרטאַקיסטן, אַז שוין צו שאַפן די „סאָציאַליסטישע רעפּובליק“. אַ שאָד נאָר, וואָס אונדזער באַשלוס איז צו זיי נישט דערגאַנגען, אַזאַ באַשלוס וואָלט זיי זיכער דערמונטערט...

עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען דייטשלאַנד איז שוין געווען נאָך דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, און מיר פלעגן קריגן דייטשישע צייטונגען אָן שום באַגרענעצונג, איז פאַר אונדז אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס גאַנצע בילד. עס האָבן זיך אויסגעטיילט נעמען און פּערזאָנען, וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, און ס'דערמאָנט זיך אַן אָוונט, ווען מיר זענען געזעסן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און אויסגעהערט אַזאַ באַריכט, אָדער רעפּעראַט פון אַ דייטשישן זעלנער (אַ ייד), צום ערשטן מאָל אין „דער געשיכטע“! אַ רעפּעראַט אין אַ פּועלי־ציון־קרייז פון אַ דייטשישן זעלנער — (אַ גוטער באַקאַנטער פון דערמאָנטן ישראל ראובן ברינמאַן), וואָס האָט אונדז שעהן לאַנג דערציילט און מסביר געווען דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע.

ער אַליין איז אויך געווען אַן „אומאָפּהענגיקער“. זיין גאָט איז געווען עמיל באַרט, איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון די ערשטע, ערב 9טן נאָוועמבער דעמאָנסטראַציעס אין בערלין, אין יענע שטורמישע טעג איז געשטאָרבן עמיל באַרטס באַליבטער זון, און זיין פרוי האָט פאַר קיין פאַל נישט געקענט פועלן ביי אים, זיך אָפּצורייסן אויף אַ פּאָר שעה, צו גיין אויף דער לוויה. עמיל באַרט האָט איר געזאָגט: „די רעוואָלוציע שטייט העכער פון פאַמיליערע סענטימענטן“.

יאָרן שפּעטער האָב איך, בערך, די זעלבע דערציילונג געפונען אין איינעם פון די ביכער פון לינקן דייטשישן שרייבער טעאָדאָר פּליוויע — („דער קיסר איז אַוועק, די גענעראַלן זענען געבליבן").

מיר האָבן געוואוסט, אַז ביי די בונדיסטן איז אויך „פּריילעך". בדרך כלל האָבן די בונדיסטן פון אונדזער שטאָט דעמאָלט נוטה געווען צו די ס.ד., אָבער זיי זענען אָן איבעריקע וויכוחים צוגעשטאַנען, קודם כל, צו די פאָדערונגען פאַר „באַלדיקער אַבדיקאַציע פון קיסר" און פאַר אַ באַל־דיקן וואָפנשטילשטאַנד אויף אַלע פראָנטן. די בונדיסטן האָבן זיך נישט געקאָנט אָן עצה געבן מיטן באַשטימען די פאָרם פון רעזשים אין דייטש־לאַנד נאָך דער אַבדיקאַציע, אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק? אַ פרייע דעמאָקראַטיע? אין איין פּונקט זענען די בונדיסטן, לכל הדעות, דעמאָלט געווען אייניק: קעגן אַ סאָוועטן־מאַכט.

אָבער דער דייטשישער רייכסקאַנצלער, פּרינץ מאַקס פאָן באַדען, האָט נאָך געדולדט, ער איילט זיך נישט, כאָטש ווי די דייטשן טענהן, איז ער אויך נוטה צו דער „אָפּדאַנקונג פון קאַיזער", כדי צו פאַרמיידן אַ ביר־גער־קריג. פּרינץ מאַקס פאָן באַדען מיט זיין זשיפּענדיקער רעגירונג פּרו־בירט זיך איינרעדן, אַז די ס.ד. וועט געלינגען צו צוימען אַ „בלוטיקע רעוואָלוציאָן", ווארום נאָך אַלעמען זענען די אַרבעטער אין דייטשלאַנד אויך „טרייע דויטשן"...

צו להכעיס דעם פּרינץ מאַקס, שטימען נישט זיינע אויסרעכענונגען און האָפענונגען מיטן דעמאָלטיקן גאַנג אין דער טיף פון דער דייטשישער קריגס־מידער „דעמאָראַליזירטער" באַפעלקערונג. זיכער נישט מיטן רע־וואָלוציאָנערן דראַנג פון דייטשישן אַרבעטער־קלאַס. אָנהייב נאָוועמבער 1918 האָבן שוין די דייטשישע ס.ד. אולטימאַטיוו געפאָדערט די אַבדיקאַ־ציע פון קיסר אין אַ באַשטימטן טערמין. אַז דער טערמין איז אָפּגעלאָפן, און ווילהעלם האָט זיך נישט גערירט פון טראָן, האָבן די ס.ד. מיניסטאָרן שיידעמאַן און באַוערס פאַרלאָזן די רעגירונג. די דייטשישע גרויס־בירגער מיט די יונקערס פּרובירן זיך נאָך אָנצוכאַפּן אָן אַ נייעם שטרוי, ס׳פאַלט זיי איין אַ „קלוגע אידייע", אַז דער קיסר זאָל פאַרלאָזן די „הויפּט־קוואַר־טיר", אַוועק אויפן פראָנט, זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער אַרמיי און אַזוי בראש פון דער אַרמיי אַריינמאַרשירן קודם כל אין בערלין, איינצו־

שטעלן „רו, אָרדענונג און דיסציפּלין”. די יונקערס מיט די גרויס־בירגער האָבן נישט געזען, גיכער נישט געגלויבט, אַז אַלץ צעפאַלט זיך און ברעכט זיך איין צוזאַמען מיטן מערב־פראָנט, זיי האָבן נישט געקענט תופס זיין, אַז די דעמיסיע פון די ס.ד. פון דער „קייזערלעכער און קעניגלעכער רייכס רעגירונג”, איז דער לעצטער סיגנאַל, וואָס זאָגט אָן דעם סוף פון מאָנאַר־כיסטישן סדר אין דייטשלאַנד.

די דייטשישע בירגער האָבן מיטאַמאָל דערפילט דעם גלי פון דער צעגאָסענער רעוואָלוציאָנערע לאַווע איבערן גאַנצן לאַנד. אָט זעען זיי, דערשיטערטע ביז פאַרווילדונג, ווי ס׳צעפאַלן זיך די מחיצות צווישן די אַרבעטער, זעלנער און מאַטראָסן. זיי דערזעען ווי ס׳גייט אויף אַזאַ אומ־גלויבלעכע וואונדערבאַרע סאָלידאַריטעט צווישן רויט און „פעלד־גרוי”. ס׳פאַרשווינדט די דורות לאַנגע, אייזערנע דיסציפּלין ביים מילטער, נאָר די גענעראַלן און אַדמיראַלן האַלטן זיך נאָך, זיי גיבן זיך נישט אונטער, און הערן ווייטער נישט אויף צו זוכן נייע מיטלען ווי צו ברעמזען, צו האַמעווען די מאַסן־מרידה פון פאָלק, און ראַטעווען לכל הפחות דעם כבוד פון דער אַרמיי.

דער ערשטער פון די גענעראַלן, אַ וועלט־נאָמען, מיט אַ געוואַלדיקער אויטאָריטעט, האָט זיי ענדלעך אויפגעריסן די אויגן. דאָס איז געווען דער 71־יאָריקער פעלדמאַרשאַל הינדענבורג, דער מלחמה־גאָט פון די יונקערס. הינדענבורג האָט דימיסיאָנירט, קומענדיק צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז שוין „נאָך אַלעמען”.

דער גענעראַל־שטאַב האָט נאָך פּרובירט צונויפצוברענגען אַלע פראָנט־קאָמאַנדירן, זיך מיישב צו זיין מיט זיי, צו הערן ז״י״ע״ר מיינונג צי ס׳לאָזט זיך נאָך עפּעס ראַטעווען.

שוין נאָך דער דעמיסיע פון שיידעמאַנען פון דער רעגירונג, האָט די דייטשישע ס.ד. נישט אויפגעהערט זיך קווענקלען, בעת די „אומאָפּהענ־גיקע” מיט די ספּאַרטאַקיסטן גרייפן מוטיק אָן און נעמען שניידן די צייט־גענעראָרענע רעוואָלוציאָנערע פרוכט. זיי פירן אַרויס אין גאַס די ע״ר״ש״ט״ע בערלינער פאַבריקן־אַרבעטער, זיך צו לאָזן גיין מאַסנווייז פאַרברידערן מיטן מיליטער אין די קאַזאַרמעס. איינציקווייז ווערן מיט־

געריסן מיטן שטורעם די נעכטן טריי־געוועזענע באַטאַליאָנען און שוץ־רע־גימענטן פון בערלין, וואָס שליסן זיך אָן אין דער מרידה.

מיר, די פועלי־ציון־גרופע, האָבן ווייט פאַרגעשריטן אין אונדזערע היציקע וויכוחים אין יענע שטורמישע טעג אין דייטשלאַנד. מיר האָבן שוין דיסקוטירט צווישן זיך, אין ביליאַרד־צימער פון פערקאָווסקיס קאַפע, צי מען זאָל שוין דערקלערן אַ „סאָוועטן־רעזשים אין דייטשלאַנד", אָדער לאָמיר פריער דערלויבן אַ „רעפּובליק", ווי אָן „איבערגאַנג"... אין אונדזערע נישט־באַהאַוונטע מוחות איז די סאָציאַליסטישע און סאָוועטישע רעגירונג געווען היינו־הך, איינס און דאָס זעלבע, ווי די ספּאַרטאַקיסטן מיט די אומאָפּהענגיקע, וואָס „האַנדלען" און דעמאָנסטרירן א י צ ט צוזאַמען.

אין ברען פון וויכוח דערהערן מיר אַ מוראדיקן טומל אין גאַס, באַגלייט מיט אַ שיסעריי. מיר רוקן זיך פּאַרזיכטיק אַרויס אין טויער און דערזעען מאַרשירן אין נ י ש ט ג ל ײ כ ע שורות מאַסן זעלנער, פון פאַרשיידענע פאָרמאַציעס, אָפּגעשפּיליעטע מאַנטלען, אַנדערע אָן היטלען, אַנדערע מיט איבערגעדרייטע ביקסן, זיי מאַרשירן בראש מיט אַ מונדירטן בערדיקן ריז, וואָס האַלט אין האַנט אַ ביקס, מיט אַ רויט פענדל צוגעבונדן צום באַגנעט. די דייטשן מאַרשירן און זינגען, שרייען און שיסן אין דער לופט, אַלע ווײַלע רופט איינער אויס:

— „האָך דער פרידן"!

— „האָך די רעפּובליק"!

די זעלנער כאַפּן התלהבותדיק אויף די ווערטער און ענטפערן: „האָך, האָך!"

בעת מיר שטייען מיט אויפגעריסענע מײַלער, נישט גלויבנדיק די גאַנצע זעאונג, אַז ס'איז וואָר, דערהערן מיר ווי איינער דונערט אויס:

— „האָך די אינטערנאַציאָנאַלע"!

לויפן מיר אינסטינקטיוו אַרויס אין מיטן גאַס, נישט טראַכטנדיק פון גאָרנישט, זיך אָנצושליסן אין די זעלנערישע שורות, אָבער — — — די רעוואָלוציאָנערע דייטשן האָבן תיכף שאַרף רעאַגירט, אונדז מכבד געווען מיט קלעפּ. זיי האָבן געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, מיט די פויסטן; זיי האָבן געקאָפּעט מיט די פיס, שיעור נישט פאַרגעסן „דעם

פרידן״, מיט „דער רעפּובליק״, מיטן „האָך״, אַלע לאָזונגען אויסצובייטן אויף: „וו־וועק איר לויזע — באַנדע, — וועק איר דרעקיקע בובן״... — עטלעכע פון אונדז זענען טאַקע אַוועק מיט געשפּאָלטענע קעפּ, מיט צע־מורשטע פּנימער, דוכט מיר אַז די פּאָר סובאַלקער יידישע פּועלי־ציוניסטישע און בונדיסטישע יוגנטלעכע האָבן דעמאָלט, אַזוי, מיט זייער בלוט מקדש געווען, די דייטשישע רעוואָלוציע. דאָס איז געווען דעם 10טן נאָוועמבער 1918.

„האָך, האָך די דייטשישע רעפּובליק״, „האָך די אינטערנאַציאָנאַלע״ — נוסח דייטשנ־לאַנד...

דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז ווילהעלם קיסר האָט אַבדיקירט, און אַז דער נייער רייכסקאַנצלער, איז נישט קיין אַנדערער ווי דער מעסיקסטער פון די דייטשישע ס.ד.־פירער, פרידריך עבערט.

דעם 9טן נאָוועמבער 1918 האָט זיך פאַרענדיקט די מאַכט פון דער דייטשעשער האָהענצאָלערן־דינאַסטיע, אַ מאַכט, וואָס האָט זיך געקייטלט אָנפאַנגענדיק פון אַ דיישישן פירשטן־הויז אין יאָר 1061.

אַ צוויי טעג שפּעטער איז צו אונדז דערגאַנגען די פּראָקלאַמאַציע פון דער נייער דייטשישער מאַכט. געחתמעט פון: — רייכסקאַנצלער פ. עבערט און די ס.ד.־מנהיגים אָטאָ וועלס, געהערע און הערמאַן מילער.

דעם זעלבן טאָג האָבן זיך באַוויזן פּוילישן יוגנטלעכע מיט ווייס־רויטע בענדער אויף די אַרבל, מיט שפּיציקע היטלען באַפּוצטע מיטן ווייסן אָדלער. זיי האָבן פּרובירט דעמאָנסטרירן און זינגע „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע סגינעלאַ״, אָבער זיי זענען באַלד פאַרטריבן געוואָרן פון דייטשישע מיליטער־פּאַטרולן, וואָס האָבן געשאָסן אין דער לופט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר געלייענט אַן אויפרוף „צו רו און אָרדענונג״, צו פאַרזיכערן שטרענגע שטראָף פאַר שטערן די „רו און אָר־דענונג״, וכדומה, געחתמעט: „דער דייטשיער סאָלדאַטן־ראַט״.

יענע טעג איז ביי אונדז פאָרגעקומען אַ צווישן־פּאַרטייאישע באַראַ־טונג צוזאַמען מיט די פּ.פּ.ס. ס׳איז געווילט געוואָרן אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל זיך טרעפן מיטן סאָלדאַטן־ראַט, פאַרצולייגן צוזאַמענאַרבעט, בעיקר צו קריגן אַ דערלויבעניש צו שאַפן אַ שטאָטישע ציווילע מיליציע, כדי אויסצומיידן אַ תוהו ובוהו. דער „סאָלדאַטן־ראַט״ האָט אונדז אַפילו

נישט געוואָלט אויסהערן און גראָב משליח געווען: „ערראָוס״, און נאָכ־געשריען, אַז מיר האָבן נישט זיך צו מישן אין זייערע ענינים. דער „זאָלדאַטן־ראַט״, וועט שוין ווי נישט איז זיך אַליין אַן עצה געבן אָן אונ־דזער הילף, ביז דער קריג וועט זיך פאַרענדיקן, און „אַט אַט ענדיקט זיך שוין דער קריג, אַט באַלד״.

אין 1919 האָבן שוין אַלע פּאַרטייען געהאַט עפנטלעכע קלובן. די דייטשן האָבן זיך באַמיט, זיך נישט אַרײַנצומישן אינעם אינערלעכן לעבן און טעטיקייט פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

ערשט אין 1919 האָט זיך פאַר אונדז אויפגעמאַכט אַ שפּאַרע צו דער אויסערלעכער וועלט. די ערשטע אָפיציעלע גוטע שליחים זענען געווען פון אַמעריקע, פון „פּיפּל רעליעף קאָמיטע״, וואָס האָבן אויס־געפאָרשט די לאַגע, און אָן שהיות גענומען שיקן שפּייז, מעדיקאַמענטן און קליידער, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכע איבער די דערמאָנטע טראַנספּאָרטן, איז באַשטימט געוואָרן אַ צווישנפּאַרטייאישער געזעלשאַפטלעכער קאָמי־טעט.

פּועלי־ציון האָט פאַרנומען אַ גרויסע דירה, אין צענטער פון שטאָט, אין דער הויפּט־גאַס; מיר האָבן דאָרטן פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע קולטור־אַרבעט, ווי אָוונט־קורסן, אַ „פאָלקס אוניווערזיטעט״, אַ כאָר, רע־פעראַטן און עפנטלעכע דיסקוסיעס. פּועלי־ציון האָט אַקטיוו אָנטיילגענו־מען אין די ערשטע פרייע דעמאָקראַטישע וואַלן צום קהילה־ראַט און האָט געשיקט אָפּגעקליבענע צוגעגרייטע חברים אין דער האַלב־לעגאַלער שטאָ־טישער מיליץ, וואָס מיר האָבן געשאַפן אָן דער ברכה פון דייטשישן „סאָל־דאַטן־ראַט״. נאַטירלעך איז די דערמאָנטע מיליץ געווען די באַזע פון די יידישע זעלבסטשוץ־בחורים, וואו מיר האָבן „לעגאַל״ באַקומען געווער. (אַלטע ביקסן).

צום 1טן מאַי 1919, האָבן מיר צוגעגרייט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע מיט רויטע פענער, מיט טראַנספּאַראַנטן, וכדומה, ווייל אַזוינס איז אין אונדזער שטאָט נישט פאָרגעקומען זינט דעם „פינפטן יאָר״. די דעמאָנס־טראַציע איז אַרויס פון אייניקע גאַסן, זיך פאַראייניקט ביים פּוילישן קלויסטער, און זיך געלאָזט מאַרשירן צום צערקווע־פּלאַץ, צווישן מאַגיס־טראַט און שטאָטישן פּאַרק, וואו ס׳האָט געזאָלט פאָרקומען אַ מיטינג.

אָבער דער דייטשישער „זאָלדאַטן־ראַט", האָט זיך געהאַט זיינע השגות, ער האָט משמעות אויך געפילט, אַז מיר האָבן נישט קיין אָרקעסטער (דער איינציקער אָרקעסטער אין שטאָט, איז געווען פון די פייערלעשער, דורכויס פּאָליאַקן, און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַצירן אַזאַ „רויטע זשידאָווסקע שמחה") — האָבן די דייטשן, די ערשטע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע זינט 1905, מקבל פּנים געווען גאָר פייערלעך: מיט אַן אָרקעסטער פון מאַשין־געווער, ביקסן און ראַקעטן. זיי האָבן ווילד געפייערט א י ב ע ר ד י ק ע פּ, אָנגעוואָרפן אַן אימה און צעטומלונג אויפן פרידלעכן יום־טובדיקן עולם פון יידישע מיט אַ טייל נישט־יידישע אַרבעטער.

נאָכן „פייערלעכן" קבלת־פּנים, האָבן זייערע פּאַטרולן זיך אַריינגעריסן אין עולם און געשלאָגן מכות רצח, און צעריסן און צעטראָטן די רויטע פאָנען מיט די טראַנספּאַראַנטן. יענע נאַכט האָב איך זיך געוואַלגערט אויף אַ לייזיקן שטרוי־זאַק אין דער שטאָטישער טורמע, מער נידערגעשלאָגן ווי צעשלאָגן. מיר זענען געלעגן עטלעכע צענדליק געכאַפּטע מענטשן, בתוכם סתם אומשולדיקע דורכגייער און נייגעריקע בירגער, יידן ווי נישט־יידן. מיר האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם צווייטן אין פּנים. אין דער געדיכטער דומפּיקער לופט פון תפיסה־צעל איז געהאַנגען די פראַגע: —„אָט אַזוי זאָל עס אויסזען די רעוואָלוציע, די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט?" מיר זענען דאָך געווען אַזוי יונג און נאַאיוו!

צו אונדזער איבעראַשונג, האָבן מיר צו חצות דערהערט אַ שטילן געזאַנג, וואָס האָט אַלעמען ווי עלעקטריזירט און אָנגעצונדן. מיר האָבן דערהערט דעם ניגון פון דער „מאַרסעליעזע", וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן וואָיען פון ווינט. די „מאַרסעליעזע" איז ד ע מ אָ ל ט געווען, פאַר אונדז, דער פּאָפּולערסטער אַלוועלטלעכער פרייהייטס־הימן. דאָס האָבן אין אַ צווייטן פליגל פון טורמע געזונגען אַ פּאַרטיע פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, דאָ געבראַכטע, ווער ווייסט פון וואַנען, ווייזט אויס באַר אונטערוועגס, אויפן עטאַפּ, צום מערב, צו פראַנקרייך. ווייזט אויס, אַז די גרופּע געפאַנגענע האָט אויך געפייערט דעם 1טן מאַי נאָך דער דייטשישער „רעוואָלוציאָן", אָדער אפשר האָבן זיי דעם שטורמישן ניגון פאַרצויגן מחמת נאָסטאַלגיע, ווי ס'זאָל נישט זיין, האָבן מיר דעם ניגון אונטערגעכאַפּט און זיך דערמונטערט. מיר האָבן אָנגעהויבן שטיל, שטיל

און ממשיך געווען העכער און העכער; מיר האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס און פאַרגאַנגען אין התלהבות, בעת מיר האָבן פון ווייטן, פון דעם אָפענעם פענצטערל דורך די גראַטעס, דערהערט אַ קאָלעקטיוון אויסגעשריי, ווי פון אַן אָרגאַניזירטן שפּרעך־כאָר:

„וויוו לאַ רעוואָלוסיאָן מאָנדיאַל"! (פראַנצויזיש)

און איינציקע שטימען האָבן געענטפערט, איבערצושרייען דעם ווינט, וואָס האָט געוואָיעט ווי צו להכעיס:

„האָך די אינטערנאַציאָנאַלע"! „האָך, האָך וויוו" (דייטש)

ס'איז געווען דער קורצער קאַלטער פרילינג פון יאָר 1919.

* * *

אַ פּאָר חדשים שפּעטער בין איך אַנטלאָפן אויף שטענדיק פון מיין היים־ און געבוירנשטאָט, געיאָגט ווי אַ חיה פון פוילישע פּ.אָ.וו.־מענטשן. זיי האָבן מיך באַשולדיקט אין אָרגאַניזירן אַ ליטווישע אירידענטע אין דער „פוילישער" שטאָט סובאַלק, ווייל איך בין געווען אַן אָנהענגער פון אַ פּלעביסציט, וואָס זאָל באַשטימען דעם גורל פון דער שטאָט מיט דער סביבה. ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ס'רוב יידן, צוזאַמען מיט די ליטווינער, וועלן קריגן אַ מערהייט פּאַר ליטע, ווייל ווילנע, די אויסגעליטענע ירושלים דליטא, האָט עס געמאָנט און געפּאָדערט עפּנטלעך, און איינמאָל אַ שבת אין דער פרי, האָב איך מיט נאָך אַ פּאָר יידישע פּאַטריאָטן פון ליטע, געהאָלפן אַ גרופּע ליטווינער, אַראָפּוואַרפן די שילד מיטן פוילישן אָדלער פונעם טורעם פון מאַגיסטראַט. מיר האָבן באַוויזן די שפּיל אַ דאַנק אַ ליטווין, אַ פייערלעשער, וואָס האָט יענעם פרימאָרגן געוואַכט אויפן טורעם ביי דעם פייער־אַליאַרם־גלאָק.

ס'איז מיר געלונגען זיך צו דערקלייבן אין וואַלד צו אַ קליינינקן ישוב שיפּלישקי, וואו גוטע פּשוטע יידישע אַרענדאַרן, האָבן מיר געהאָלפן ביינאַכט אַריבער די גרענעץ און דורכן וואַלד זיך דערקלייבן קיין קאַלוואַריע, ליטע. פון קאַלוואַריע בין איך אַוועק לכתחילה צו אַנקערן אין מאַריאַמפּאָל, וואו מיר, סובאַלקער פּליטים, האָבן געהאָלפן שאַפן אַ שיינע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט נאָך אָרטיקע וואוילע סטודענטן,

גימנאַזיסטן, גימנאַזיסטקעס און אַרבעטער. בראש פון די פועלי־ציון אין מאַריאַמפּאָל איז דעמאָלט געשטאַנען יהונתן באָטניצקי, דעם אָרטיקן דיינס זון, איצט אַ באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט און ציוניסטישער עסקן אין דרום־אַפריקע. צווישן די חברים זענען געווען דער פיינער צאַרטער ליריקער, דער דיכטער עזריאל גראָס, יוסף גאָטפּאַרשטיין, פּעדאַגאָג און יידישער שרייבער (אין פּאַריז) און דער טאַלאַנטירטער דוד גרינשפּאָן (אַ שפּעטערדיקער סעמינאַריסט און לערער אין קאָוונע). אין 1919 איז מאַריאַמפּאָל געווען איינער פון די לעבעדיקסטע צענטערן פון ליטע, דאָרטן איז געווען אַ פעסטונג פון דער ליטווישער ס. ר. פּאַרטיי. דאָרטן האָט זיך געפונען די באַרימטע ליטווישע בולאָט גימנאַזיע, פול מיט יידישע שילער פון אַרום און אַרום. מיר האָבן דאָרטן געשאַפן די ע ר ש ט ע יי ד י ש ־ וו ע ל ט ל ע כ ע ש ו ל ע, אַ ביבליאָטעק, אַ דראַמקרייז, אָוונט־קורסן, און אַ דעמאָקראַטישן קהילה־ראַט.

אין מאַריאַמפּאָל האָבן דעמאָלט געווירקט אַלע „ציוניסטישע" ריכטונגען, וואָס האָבן אויפגעמאַכט אַ העברעאישע גימנאַזיע מיט אַ „תרבות" שולע, פון די ערשטע אין ליטע. דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע איז דעמאָלט געווען ד"ר י ע ק ב ר אָ ב י נ ז אָ ן, דער איצט באַרימטער יוריסט, וואָס זיצט בכבוד ווי אַ פאַכמאַן מיט אַ וועלט־נאָמען אין „און". אין מאַריאַמפּאָל האָט נאָך עקזיסטירט אַ „בונד", וואָס איז צוויי יאָר שפּעטער איבערגעפורעמט געוואָרן אין דער אָרטיקער „יעווסעקציע" (אַ טייל זענען געוואָרן „פאָלקיסטן").

די טייערע צאַפּלדיקע מאַריאַמפּאָל, די יי ד י ש ע מאַריאַמפּאָל, איז מיט 22־23 יאָר שפּעטער, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, צוזאַמען מיט דער „סאָוועטישער ליטווישער רעפובליק", וואָס האָט מיט צען יאָר פריער פאַר די דייטשן, מקדים געווען דעם פאַשיסטישן רעזשים אין איר אָרעם לאַנד.

צווייטער טייל

ליטע (1920 - 1925)

בראשית...

דורות לאַנג איז דאָס קליין ליטוויש פאָלק געלעגן פאַרשקלאַפט און דערנידעריקט, פריער אונטער די שפּאָרן פון די פּוילישע פּאַנעס, דערנאָך אונטער דער נאַהייקע פון די רוסישע צאַרן. דאָס ליטווישע פאָלק איז געווען קליין און אָרעם אין אַלע הינזיכטן; ס׳איז זיי נישט געווען צו פאַר־גלייכן מיט די פּאָליאַקן, וואָס זענען געווען גאָרנישט דער ערך שטאַר־קער, גרעסער, רייכער אין גייסט, חומר און קולטור. די פּוילישע מלוכה איז אַ פּאָר מאָל צעבראָכן און צעטיילט געוואָרן צווישן אירע מעכטיקע שכנים, דייטשלאַנד מיט רוסלאַנד, אָבער ס׳איז קיינמאָל נישט צעבראָכן געוואָרן דער פּוילישער נאַציאָנאַליזם מיטן פּוילישן מרידה־גייסט.

די פּוילישע שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור, האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט לעבן, ווידקן און וואַקסן. די פּוילישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט שטענדיק געשפּרודלט און אויפגעהאַלטן דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ. די פּוילישע אומה אַלס אַזאַ, איז געבליבן צוגעשמידט צום פּוי־לישן לאַנד, צו דער פּוילישער ערד, און קיין כוח, במשך פון אַלע שווערע יאָרן אונטערדריקונג, האָט זיי נישט געקענט רירן פון אָרט, אויפגעבן זייער נאַציאָנאַלן לעבן און אַספּיראַציעס, ביי יעדער געלעגנהייט צוריק ווערן זעלבסטשטענדיק־סאָווערען, צוריק עטאַבלירן די פּוילישע מדינה.

שווערער און ביטערער איז געווען דער גורל און מצב פונעם פאַר־שקלאַפטן קליינעם ליטווישן פאָלק, וואָס האָט צו זיין גליק, אין דער מערהייט זיך געהאַלטן צוגעשמידט, צוזאַמען, אויף דער ליטווישער ערד, אָט די ערד, וואָס די ליטווישע פּויערים האָבן געהאַלטן מיט ציין און נעגל זיך נישט צו אַסימילירן ווי די שטאָטישע ליטווינער, בעיקר צווישן די פּאָליאַקן. די פּויערים האָבן אויפגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן פאַרמעגן: — די ערד, צוזאַמען מיט דער אָרעמער ליטווישער שפּראַך, וואָס איז תמיד געבליבן לעבן אין זייער מויל, מיטן פאָלקלאָר און פאָלקס־ליד — (די „דאַינע״).

די ליטווישע שפּראַך איז אויך געבליבן אויפגעהיט אין געבעט־בוך, און אין די אָרעמע דאָרפישע, אָדער קליינשטעטלדיקע קלויסטערס. די צאַ־רישע זשאַנדאַרן מיט די נוגשים האָבן נישט גענוג אָפּגעשאַצט דעם כּוח פון אַ קאָנצענטרירטער נאַציאָנאַלער איינהייט, וואָס איז צוגעשמידט, אַריינגעוואַקסן אין אייגענעם באָדן, אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, אַפילו ווען אַזאַ איינהייט איז אַ קליינע, נאָגט זי איר קראַפט און חיות פון דער מוטער ערד, וואָס זי האַלט אויס, באַאַרבעט און באַפרוכפּערט מיט איר שווייס און פראַצע.

די צאַרישע זשאַנדאַרמעריע האָט פּרובירט ליקווידירן די ליטווישע נאַציע מיטן אויסשניידן איר די צונג און פאַרווערן דעם עפנטלעכן גע־ברויך פון דער ליטווישער שפּראַך, אין וואָרט און אין שריפט, אַפילו אין קלויסטער. נאַטירלעך האָבן זיך די ליטווינער געווערט, געראַנגלט און ביטער געקעמפט מיט די צאַרישע נוגשים, זיך נישט צו לאָזן נ אַ צ י אָ־נ אַ ל ליקווידירן. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט צו גיין אויף קאַטאָר־גע און אומקומען אין די סיבירער טייגעס, נאָר פאַרן דרוקן און פאַר־שפּרייטן אומלעגאַל אין ליטוויש לשון אַ סידורל און תנ"ך. ס'האָט זיך געשאַפן אַזאַ גרופּע מורדים, וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען „ביכער־טרעגער" („קניגאָנאָשיס"), וואָס האָבן געדרוקט אין טילזיט (מזרח־פּרייסן) רעליגיעזע ספרים אויף ליטוויש, און זיי דערנאָך געשוואַרצט איבער די גרענעצן, איינגעשטעלט ס'לעבן און די „סחורה" מסירת נפשדיק פאַר־שפּרייט צווישן די פּויערים. — די ליטווישע פּויערים, דער קערן, וואָס האָט אויפגעהיט ס'ליטוויש פאָלק פון נאַציאָנאַלן אומקום.

מ'יר חזרן איבער: — ד י פּ ו י ע ר י ם, כּדי צו אונטערשטרייכן זייער ראָל אין קיום האומה פון די ליטווינער, ווייל, ס'ביסל שטאָטישע אינטעליגענץ, צוזאַמען מיט די פּריצים, אַפילו טיילן אַרבעטער און קליינ־בירגער, האָבן זיך בדרך כּלל אַסימילירט. ווייניקע פון זיי האָבן זיך שפּראַכלעך און קולטורעל אויסגעלעבט אין ליטוויש לשון, וואָס האָט מחוץ די „דאַינעס", די פאָלקס־לידער, און געגראַמטן פאָלקס־עפּאָס, כּ מ ע ט נישט געהאַט קיין פּראָזע־ליטעראַטור.

אָנהייב 20טן יאָרהונדערט, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מען די ליטווישע וועלטלעכע שרייבער געקאָנט אויפציילן אויף די פינגער פון

איין האַנט. די געציילטע ליטווישע שרייבער־פּאַטריאָטן פלעגן שרייבן אונטער עטלעכע פּסעוודאָנימען, צו מאַכן אַ רושם, אַז זיי זענען נישט קיין איינזאַמע „בנים יחידים“, נאָר אַ „סך“.

ווי געזאָגט, האָבן זיך ליטווינער, פולבלוטיק נאַציאָנאַל אויסגעלעבט נאָר אין די דערפער, אין אַ קלענערער מאָס אין די קליינשטעטלעך, בעת אין די גרעסערע שטעט, ווי ווילנע, קאָווגע, סובאַלק, גראָדנע, שאַוול, פּאָ־ניעוועזש, וכדומה, פלעגט מען קאָנען הערן רעדן ליטוויש עפּנטלעך אין גאַס, נאָר אין די מערק און ירידים־טעג, ווען ס׳„עם־הארץ“, ס׳פּויערטום פלעגט קומען אין שטאָט.

זאָל זיך קיינער נישט וואונדערן, און זוכן „טיפע“ סיבות, הלמאַי די ליטווינער האָבן די צוויי־דריי „האָניק“־יאָרן פון באַנייטן מלוכה־לעבן, קאָקעטירט מיט די יידן און זיי געגעבן אַ נאַציאָנאַל פּערסאָנעלע אויטאָ־נאָמיע, ברייטע מלוכה־רעכט, רעגירונגס־פּאָסטנס, יידישע אַרמיי־אָפיצירן אא״וו. די ליטווינער האָבן געוואוסט, אַז אָן די סימפּאַטיעס און שטיצע פון די יידן זענען זיי אין די שטעט פון ליטע אַ מינדערהייט. ב אַ ז ו נ־ד ע ר ס א י ן ו ו י ל נ ע, וואו די צאָל נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניקע ליטווינער איז געווען גאָר אַ מיזעראַבלע. לכתחילה האָבן זיי אָן די יידן נישט געהאַט קיין וואָגיקן קאָמערציעלן קלאַס, נאָך ווייניקער — אינ־דוסטריעלער. זיי האָבן אַפילו נישט געהאט קיין אייגענעם האַנטווערקער־קלאַס.

איידער וואָס ווען, האָבן עס די יידן צוגעשטעלט, צוזאַמען מיט וואָ־גיקע יידישע קולטור־קרעפטן, וויסנשאַפטלער, מעדיקער, אינזשינערן, פּי־נאַנסיסטן, יוריסטן, און — — — קענער פון ליטווישן לשון. אַפילו — דיפּלאָמאַטן, מיט באַדייטנדיקע פאַרבינדונגען אין דער ברייטער פּאָליטי־שער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט, האָבן די יידן געליפערט די ליטווינער, און האָבן געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע אין אויפקום און תקומה פון דער ליטווישער מדינה.

די יידן האָבן פון די ליטווינער גאָרנישט באַקומען אומזיסט. גאָר־נישט!

נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד (1917) האָט די שעה אויך געשלאָגן פאַר די ליטווינער. די ליטווישע פּליטים האָבן זיך דעמאָלט

אָרגאַניזירט אין פּעטראָגראַד, אויסגעקליבן אַזאַ נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, אַ „טאַריבע״ — די ערשטע טריט צו אַן אייגענער רעגירונג, וואָס זאָל פון ס׳ניי עטאַבלירן די זעלבסטשטענדיקע ליטווישע מדינה. אין דער זעלבער צייט האָט אויך די שעה געשלאָגן פאַר די צעזייטע און צעשפּרייטע צענד־ליקער טויזנטער יידישע פּליטים פון ליטע, גרויזאַם פאַרטריבענע פון זייערע דורות אַלטע היימען, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די יידישע מלחמה־פּליטים פון ליטע האָבן געפילט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט אַ סוף מאַכן צו זייערע ליידן, און זיי דערמעגלעכן זיך צוריקצוקערן אַהיים.

די פּרשה יידישע פּליטים האָט זיך אָנגעהויבן אין חודש אַפּריל 1915, בעת דער שטאַב־שעף פון דער צאַרישער אַרמיי, דער זאָאָלאָגישער שונא ישראל גענעראַל יאַנושקעוויטש, האָט דעקרעטירט אַ באַפעל, אַרויסצו־טרייבן אַלע יידן פון „קורלאַנד און פון אַ ריי שטעט און ישובים פון די קאָוונער, גראָדנער און סובאַלקער גובערניעס״, ווייל, ווייל — — — „די יידן פון די דערמאָנטע גרענעץ־געביטן זענען שונאים פון רוסלאַנד און שטייען אין פאַרבינדונגען מיט די דייטשן״.

מיטן מאַסן־גירוש פון אומשולדיקע, פרידלעכע 150 ביז 220 טויזנט יידן, האָבן די פאַרשפּילטע צאַרישע גענעראַלן, פון מזרח־פּרייסישן פראָנט, געמיינט אָפּצולענקען די געזעלשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקייט אין רוס־לאַנד, פון זייערע וויסטע מפּלות, אַזוי האָט מען די יידן טיטולירט ווי „דייטשישע שפּיאָנען, מחבלים״, נישט מער און נישט ווייניקער.

דער גירוש איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער גאַנצער שנאת ישראל־דיקער ברוטאַליטעט. דאָס אומגליק וואָלט דעמאָלט זיכער געטראָפן אי־בער אַ פערטל מיליאָן יידן, אָבער צום גליק האָבן די דייטשן מקדים גע־ווען די צאַרישע אינקוויזיטאָרן, און באַזעצט אַ טייל פון די דערמאָנטע שטעט און ישובים, אַזוי האָט די דייטשישע אָקופּאַציע אין פרילינג 1915 געראַטעוועט פון גירוש און חורבן צענדליקער טויזנטער יידן פון ליטע, כדי זיי צו פאַרטיליקן, אין די זעלבע ליטווישע ישובים מיט 25־27 יאָר שפּעטער...

די צאַרישע פּאָליטיקאַנטן און שטאַב־גענעראַלן איז נישט געווען באַקוועם, אָט „סתם אין דער וועלט״ אויסקאָרטשעווען, סתם, אַן אַ פאַר־

אַ אַקציע אין ליטע פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד אין מאַריאַמפּאָל, אין 1921. אויפן אינטערגרונט ביי דער וואַנט שטייט, דער דריטער פון רעכטס צו לינקס, דער דיכטער עזריאל גראָס; דער פּערטער ש. שמעוני.

וואָס, צעברעכן אַ פערטל מיליאָן יידן פון ליטע — רוסישע בירגער, פון וועלכע טויזנטער זענען געווען מאָביליזירט ווי פראָנט־זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי. האָבן זיי, די צאַרישע עלילת־דם־ספּעציאַליסטן, דעמאָלט אויסגעקלערט אַ גרויל־בלבול אויף די יידן פון אַ קליינטשינקן ישוב, וואָס האָט געהייסן קוזשי, מכלומרשט, אַז די יידן פון קוזשי האָבן אויסבאַהאַלטן אין זייערע היימען, דייטשישע מיליטערלייט, וואָס האָבן באַשאָסן רוסישע זעלנער, און דערנאָך אָוועקגעלאָזט מיט פייער דעם ישוב...

בשעתו האָט דער קוזשי־בלבול אויפגערודערט נישט נאָר די יידן, נאָר אויך די פרייע און ליבעראַלע רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט. אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, האָט די צאַרישע מאַכט געמוזט באַשטימען אַ פּאַרלאַמענטאַרישע (דומע) אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, בראש מיט אַלעקסאַנדער קערענסקי, וואָס האָבן באַזוכט קוזשי און באַלד — ע פּ נ ט ל ע ך, אָפּגעוואָרפן, אָפּגעלייקנט דעם שעדלעכן בלבול אויף די יידן פון קוזשי, וואָס האָבן, לויט קערענסקיס באַריכט געציילט בסך הכל ז ע ק ס משפחות. אָט די זעקס משפחות, זאָלן עס האָבן באַדראָט די זיכערקייט פון דער צאַרישער מזרח־אַרמיי, און דערפאַר האָט מען באַשטראָפט אַלע יידן פון ליטע און פאַרטריבן 150־200 טויזנט מאַן; פאַרטריבן אין טיף רוסלאַנד, אויסגערויבט זייער האָב און גוטס, אַנגעזאַמלט במשך פון דורות, מפקיר געווען זייערע לעבנס, שטעמפּלענדיק זיי מלחמה־צייט ווי „שפּיאָנען״, וואָס דינען דעם שונא.

בעת די ליטווינער האָבן געקליבן זייער ערשטע „טאַריבע״ אין פּעטראָגראַד, האָבן זיי שוין געהאַלטן די יידן אין זייער פּאָליטישן חשבון, און רעזערווירט דריי פּלעצער פאַר די יידן פון ליטע אין דער „טאַריבע״.

די יידן פון ווילנע האָבן זיך לכתחילה געקווייקלט, זיך נישט געאיילט מיט אַ תשובה, יאָ צו שיקן פאָרשטייער אין „טאַריבע״, צי נישט שיקן, בעת די יידן פון קאָוונע האָבן אין דעם פּרט אָנגענומען אַ פּאָזיטיוון באַשלוס, צו באַשטימען ווי מיטגלידער אין „טאַריבע״, דעם דומע־דעפּוטאַט נפתלי פרידמאַן, ד״ר גריגאָרי וואָלף, אוןביידע יידישע אַדוואָקאַטן, עוזר פינקלשטיין און שלמה כאַראַנזשיצקי.

מיט דער הסכמה פון דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט, האָבן די ליטווינער אין ווילנע אויך געקליבן אַ „טאַריבע״ (אין דעצעמבער 1917),

וואָס האָט דעם 16טן פעברואַר 1918 דעקלאַרירט די אומאָפּהענגיקייט פון ליטע.

אין יענער צייט האָט אין בערלין עקזיסטירט אַ ספּעציעלער „קאָ־מיטעט פאַר אָסט יידישע ענינים" בראש פון אַדאָלף פרידמאַן און מאָריץ זאבערנהיים. דער דערמאָנטער קאָמיטעט האָט אינטערוועניִרט ביי דער דייטשישער צענטראַלער מאַכט, אַז זי זאָל זאָרגן, אַז אין דער ווילנער „טאַריבע" זאָל איינגעגלידערט ווערן אַ יידישע פאַרטרעטונג. די ווילנער „טאַריבע" האָט עס געדאַרפט איבערנעמען די מאַכט פון די דייטשן נאָך דער עוואַקואַציע פון ליטע.

אין דער זעלבער צייט איז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין ליטע געווען פאַרנומען מיט אַ ברייטער הילפס־אַרבעט פאַר די ערשטע צוריק־געקומענע יידן פון גירוש, כדי נישט צו פאַרמינערן די הילף פאַר די יידן, וואָס די מלחמה האָט רואינירט אויף די ערטער. ווידער די פאַרטייען זע־נען געווען פאַרנומען מיט די הכנות צו די ערשטע עפנטלעכע קהילה־וואַלן אין ליטע.

דערווייל האָט די רעאַקציאָנערע מערהייט פון ווילנער „טאַריבע" באַ־שלאָסן צו לאָזן קיניגן איבער ליטע אַ מלך (11־7־18)... נאַטירלעך, זענען די דייטשן געשטאַנען הינטער דער „קעניגלעכער" שפּיל פון די ליטווישע רעאַקציאָנערן. די דייטשן האָט זיך נישט געגלוסט אַט גלאַט אַזוי פאַר־לאָזן ליטע, וואָס איז נאָך געלעגן אָקופּירט אין זייערע הענט. די דייטשן האָבן געוואָלט ווייטער הערשן אין ליטע, איז זיי די „קעניגלעכע" שפּיל געווען ווי אויפן האַנט. די ליטווינער זענען קאַטאָליקן, האָבן זיי אויסגע־ווײלט אַ קאַטוילישן קרוין־טרעגער, דעם ווירטעמבערגער פּירשט אוראַך, וועמען זיי האָבן, אין אַ מזלדיקער שעה, אַ נאָמען געגעבן קעניג „מינ־דאַוגאַס דער צווייטער". אַזוי איז ליטע באַגליקט געוואָרן מיט אַן „איי־גענעם" מלך...

ווי געזאָגט, האָבן די יידן אין ליטע געהאַט ערנסטערע דאגות ווי אַ קרוין פאַרן ליטווישן „קעניגרייך", אָבער זיי האָבן נישט איגנאָרירט די „טאַריבע", און ווייטער געשטאַנען מיט איר אין פאַרבינדונג דורך ד"ר שמשון ראָזנבוים (שפּעטער מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין ליטע) און אַדוואָקאַט עוזר פינקלשטיין. די יידן זענען נישט אַריין אין „טאַריבע"

ווי מיטגלידער. עוזר פינקלשטיין האָט געפּאָדערט איבערוויילן די „טאַ־ריבע״ און איז געווען קעגן דער קרוינונג פון אַ מלך איבער ליטע. ד״ר שמשון ראָזנבוים איז אויך געווען קעגן אַ קעניג און נישט געוואָלט אַריינטרעטן ווי אַ מיטגליד אין דער „טאַריבע״ אָן אַ באַשלוס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. (עוזר פינקלשטיין איז גע־שטאַנען בראש פון דער פאָלקיסטישער פּאַרטיי אין ליטע).

די ליטווינער האָבן זייער געוואָלט, אַז די יידן און ווייסרוסן זאָלן וואָס גיכער אַריין אין דער טאַריבע, האָבן זיי באַשטימט דעם שפּעטער־דיקן אינערן־מיניסטער פון דער ערשטער רעגירונג, סטאַשינסקי, ער זאָל אונטערהאַנדלען מיטביידע מינדערהייטן, בעיקר מיט די יידן, אַז זיי זאָלן אַריין אין טאַריבע, כדי משלים זיין איר צוזאַמענשטעל.

אין סעפּטעמבער 1918 האָבן ל. יאַפע און ד״ר יוסף בערגער געשאַפן דעם ציוניסטישן „מרכז״ אין ווילנע, וואָס האָט אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער טאַריבע און דאָס באַגרינדעט מיט דער היסטאָרישער געלעגנהייט צו דערווערבן אַ נאַציאָנאַל פּערסאָנעלע אויטאָנאָמיע פאַר די יידן אין ליטע.

נאָכן אויסברוך פון דער דייטשישער רעוואָלוציע קומט פאָר אין ווילנע די ערשטע עפנטלעכע ציוניסטישע קאָנפערענץ (דעצעמבער 1918), וואָס האָט סאַנקציאָנירט דעם באַשלוס פון „מרכז״ און דעלעגירט אַלס מיטגלידער אין טאַריבע, ד״ר וויגאָדסקי, ד״ר שמשון ראָזנבוים און ד״ר ראַכמילעוויטש (שפּעטער ליטווישער קאָנסול אין תל־אביב). די ציוניסטישע קאָנפערענץ פאָדערט גלייכצייטיק צו דעקרעטירן דעם אויפ־בוי פון די קהילות, אַ יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, שאַפן דעם אָפּאַ־ראַט פאַר די יידישע אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן, און דאָס איינגלידערן יידי־שע פאָרשטייער אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג פון ליטע, וואָס זאָלן געוויילט ווערן דורך אַ קאָנפערענץ פון די קהילות־ראַטן.

אַזוי אַרום זענען אין ערשטן ליטווישן מיניסטאָרן־קאַבינעט ((ערש־טער מיניסטער פּרעזידענט פּראָפעסאָר וואָלדעמאַראַס) אַריין די יידישע פאָרשטייער פון טאַריבע: ד״ר וויגאָדסקי אַלס מיניסטער פאַר יידישע ענינים, ד״ר שמשון ראָזנבוים ווי אַ וויצע־מיניסטער פאַר אויסערלעכע

ענינים, און ד״ר ראַכמילעוויטש ווי אַ וויצע־מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטריע.

דעם 28טן דעצעמבער 1918, פּובליקירט דער ערשטער ליטווישער מיניסטאַרן־קאַבינעט די ערשטע פּראָקלאַמאַציע צום פאָלק, וואָס איז געווען געחתמעט פון אַלע מיניסטאָרן, צוזאַמען מיט די יידישע. די דערמאָנטע פּראָקלאַמאַציע איז אויך אָפיציעל פּובליקירט געוואָרן אין יידיש.

צוזאַמען מיט די דייטשן (סוף דעצעמבער 1918) פאַרלאָזט ווילנע די ערשטע ליטווישע רעגירונג, וואָס באַזעצט זיך „צייטווייליק״ אין קאָוונע. ד״ר וויגאָדסקי קען נישט פאַרלאָזן זיין ווילנע, ווערט געוויילט אַנשטאָט אים ווי אַ מיניסטער פאַר יידישע ענינים דער ביבל־פאָרשער ד״ר מאַקס סאָלאָווייטשיק, וואָס איז געווען באקאנט ווי אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, — אַ זון פון הויכן יידישן יחוס אין ליטע.

ד״ר מאַקס סאָלאָווייטשיק האָט געהאַט די זכיה דעמאָלט באַקאַנט צו ווערן אין גאַר דער יידישער וועלט, ווי דער „יידישער מיניסטער פון ליטע״, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פערסאָנעלער אויטאָנאָמיע אין איר בראשיתדיקער בליאונגס־תקופה. דאָס איז געווען זייער אַ קורצע, אָבער אַ זייער געהויבענע, אַ באַגייסטערטע, שאַפנדיק אילוזיעס צווישן ברייטע יידישע נישט־ציוניסטישע קרייזן, אַז יידן קענען זיך אויך פריי אויסלעבן אין גלות און געניסן פון ברייטע מלוכהשאַפטלעך אנערקענטע אויטאָנאָמע רעכט.

ד״ר סאָלאָווייטשיק איז געווען אַ הדרת פנים, אַ הויך געבילדעטער קולטור־מענטש, וואָס איז אין דעם פרט געשטאַנען מיט צען קעפּ העכער פונעם גרעסטן טייל פון זיינע מיניסטעריאַלע נישט־יידישע קאָלעגן. ער איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ביי די יידן פון ליטע, וואָס האָבן שטאָלצירט און זיך געצירט מיט זיין פּערזאָן, וואָס האָט דעמאָלט סימבאָליזירט מלכותדיקייט מיט כבוד. זיין קאַדענץ איז אויסגעפאַלן אין ערשטן יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אַזוי אַז זיין הויכער רעגירונגס־אַמט, באַלד נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט דערהויבן און דערמונטערט דאָס יידישע בירגערטום פון ליטע, וואָס איז ביז 1918 געווען צעזייט און צעשפּרייט ווי מלחמה־פּליטים, צעבראָכן און נידערגעשלאָגן ביז יאוש.

די בשורה פון לאָנדאָן (באַלפור־דעקלאַראַציע) מיט דער בשורה פון דער אויטאָנאָמיע, וואָס דער פשוטער ייד פון ליטע האָט געזען פאַרקער־פערט אין אַ יידישן מיניסטער, מיט אַ יידישן מיניסטעריום, איז ווירקלעך געווען אַ גרויסע טרייסט אין יענע ביטערע יאָרן פון צוריקקער פון גירוש אין דער חרובער אָרעמער היים — ליטע.

דאָס יאָר 1919 איז געווען אַ „וקבץ נידחנו״ און רעקאָנסטרוקציע־יאָר פון די ליטווישע יידן. ס׳האָט אויפגעלעבט אַן אינטענסיווע אינער־לעכע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, קודם כל צו שאַפן די עיקר־צעלן פון דער אויטאָנאָמיע — די קהילות, דערנאָך צו אָנהייבן בויען די ערשטע מאָדערנע חינוך־אַנשטאַלטן, בעת אין ליטע האָבן געשטראָמט מלחמה־פליטים פון רוסלאַנד און נייע נאָך־מלחמה־פליטים פון יענע געגנטן, וואָס זענען אָקופירט געוואָרן פון פוילישן גענעראַל זשעליגאָווסקי, בעיקר פון ווילנע. ס׳האָבן זיך אויך באַוויזן יידישע פליטים פון פוילן, קרבנות פון גענעראַל האַלערס פאָגראָם־לייט. די אויטאָנאָמיע האָט געצויגן און געמונ־טערט.

דעמאָלט האָט אין ליטע איבערגעלעבט זיינע לעצטע צוויי יאָר דער „בונד״, וואָס איז אַרויס פון אונטערגרונד און געעפנט אין לאַנד אַ בריי־טע נעץ „גראָסער״־קלובן און „קונסט״־פאַריינען, וואָס זענען נאָך אַ קורצן קיום ליקווידירט געוואָרן צוזאַמען מיטן „בונד״. אַ טייל קלובן זענען פאָגראָמירט און ליקווידירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און „זשוואַלגי־בע״, צוזאַמען מיט די „באָראָכאָוו״־קלובן און „אַרבעטער־היימען״ פון די לינקע פּועלי־ציון.

נישט אַלע בונדיסטן זענען אַוועק אין דער יעווסעקציע, כאָטש דער „בונד״ אַלס פּאַרטיי האָט אויפגעהערט עקזיסטירן אין ליטע אָנהייב די 20ער יאָרן. מ׳ר ווייסן פון בונדיסטן־יחידים, וואָס האָבן פּאַרטיזאַניש פאָרגעזעצט זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. מיר ווייסן אויך פון קלע־נערע בונדישע גרופּן, וואָס האָבן נישט אויפגעגעבן זייער קיום. געגנוג צו דערמאָנען באַזונדער, ווי טיף פאַרוואָרצלט דער „בונד״ איז געווען צווישן די בערשטער פון ווילקאָווישקי, וואָס האָט פאַרצייכנט אַ הערלעכע קאַ־פּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע,

בונדיש בלוט האָט נישט אויפגעהערט צו שטראָמען אין זייערע אָדערן, אַפילו ביי די יעניקע, וואָס זענען סאָציאַל ווייט אַוועק פון אַרבעטער־קלאַס, אַ פשיטא ביי די יעניקע, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט ווי טיפּישע קליינבירגער פאַרגעזעצט זייער אומנות ווי יחידים באַלמעלאָכעס, אָדער בשותפות עס אויסערלעך צו דעקן ווי אַ „קאָאָפּעראַטיוו". עס דערמאָנט זיך, ווי אַ חבר, האָט מיר אַ שמחת־תורה אַוועקגעפירט אין אַזאַ בערשטער קלויז (אָדער שילעכל) און געוויזן, ווי די נעכטיקע „בונדיסטן" דאַווענען, דרייען זיך אין הקפות מיט ספרי תורות אין די הענט, און נאָך די הקפות פאַרזינגט מען נאָסטאַלגיש — די „שבועה".

בעת דער ליטווישער „בונד" האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן זיין שליחות זיך איבערצוגיסן אין דער „יעווסעקציע", גייט אויף פּועלי ציון. אמת, פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס אין ליטע אין אַ גאַנצער ריי שטעט און שטעטלעך, זענען אַנטשטאַנען פריער, פאַר דער אָפיציעלער עטאַבלירונג פון דער ליטווישער מדינה. אין סובאַלק איז שוין געווען אַ פּועלי ציון גרופּע אין 1915. אין ווילקאָווישקי איז פּועלי ציון געווען גוט אָרגאַני־זירט און געהאַט אַ באַדייטנדיקע צאָל מיטגלידער. ס'זענען געווען פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס און גרופּן אין ניישטאָט, קיידאַן, מאַריאַמפּאָל, קאַל־וואַריע, אאַ"וו. אין אַנדערע פּונקטען זענען געווען פּועלי־ציון־גרופּן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער אין קאָוונע, אין דער הויפּט־שטאָט פון דער נייער ליטווישער מדינה איז די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אַלס אַזאַ, אויפגעקומען זומען 1919, ווען ס'האָבן זיך צונויפגעקומען אַ צענדליק חברים בראש מיט שלמה שערצמאַן פון פוילן (אין שטאָטישן פּאַרק) און האָבן געגרינדעט קאָוונער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז גיך געוואָרן דער צענ־טער פון פּועלי־ציון אין ליטע און לעטלאַנד און געציילט צוויי טויזנט רעגיסטרירטע מיטגלידער.

אין יענע צייטן זענען אויסגעוואַקסן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט דער אַנטי־ציוניסטישער „אחדות" (אגודת ישראל). די צ.ס. ־ צעירי ציון, און די „פּאָלקיסטן", וואָס זענען געווען רייך אין וואונדערלעכע עסקנים ווי ד"ר מענדל סודאַרסקי, ז. קאַלמאַנאָוויטש, יודל מאַרק, עוזר פינקלשטיין, דער פּרעכטיקער טריבון, אַדוואָקאַט טשערניכאָוו וכדומה,—

זענען געווען אָרעם אין אָרגאַניזאַציאָנעלע טוער, וואָס זאָלן זיי העלפן שאַפן אַ פּאַרטיי. די פאָלקיסטן אין ליטע זענען געווען פייערדיקע יידישיסטן, אַ סך פון זיי סימפּאַטיש צו ארץ־ישראל.

אין גאָר אַ קורצער צייט האָט דאָס יידנטום פון ליטע פאַרמאָגט דעם גאַנצן פּאַרטייאיש־אידייאישן קאָנגלאָמעראַט, צוזאַמען מיט „אָזע״, „אָרט״, „קולטור־ליגע״ און „תרבות״. ס׳זענען אויפגעקומען מאָדערנע שול־נעצן: — ציוניסטישע — תרבות־שולן, וועלטלעכע — פון „קולטור־ליגע״, און רעליגיעזע שולן פון „יבנה״. פּאַראַלעל זענען ווייטער געבליבן געגנוג חדרים, תלמוד תורות און ישיבות, אַזוי זענען אויפגעקומען לערער־סעמינאַרן, „הויכע קורסן״, אַ יידישע פּרעסע, אַ יידיש טעאַטער און אַן ערנסטע יידישע טעאַטער־סטודיע, מיט וועלכער ס׳האָבן זיך דעמאָלט פאַרנומען ד״ר מוקדוני און ד״ר מענדל סודאַרסקי.

ווי אַ ליכטיקער שטערן איז דעמאָלט אויפגעגאַנגען אין ליטע די באַהאַרצטע כולו רוחניותדיק־רחמימדיקע פּערזענלעכקייט פון ד״ר זיגפריד ליימאַן, וואָס האָט לכתחילה פאַרלאָזן אַ פאַרמעגלעכע היים אין בערלין און זיך באַזעצט אין אַ יוגנט־היים, ווי אַ דערציער און ציוניסט. דערנאָך האָט ער פאַרלאָזן בערלין און זיך באַזעצט אין קאָוונע, זיך אינגאַנצן אויסגעמישט מיט די ליטווישע יידן און זייער שטייגער, זיך באַמיט צו ריידן מאַמע־לשון, יידיש, געשאַפן דאָס וואונדערלעכע „קינדער הויז״ אין קאָוונע, געהאָלפן בלב ונפש אָרגאַניזירן די לעבנסוויכטיקע נעץ פון קינדער און עופהלעך פאַרזאָרגונגס אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז בשעתו געווען אַ הויך סאָציאַלע פּיקוח נפש אַרבעט פון מסירת נפש, האַרץ און התלהבות. ד״ר ליימאַן איז געוון אַ קינדער־דאָקטער און פּעדאַגאָג, ער האָט געהיילט און דערצויגן קינדער און מוטערס, יוגנט און סאָציאַלע טוער.

נאָכן צוזאַמענברוך פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, איז ד״ר ליימאַן עולה געווען אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיטן „קינדער הויז״ מיט אַ גרויסן טייל פון פּערסאָנאַל, וואָס האָט באַדינט דאָס „קינדער הויז״. אין ארץ־ישראל האָט ד״ר ליימאַן געגרינדעט די „קינדער געזעלשאַפט״, דעם באַרימטן קינדער־דאָרף בן־שמן, וואו ער איז געוואָרן די צענטראַלע פיגור, די באַהאַרצטע פּערזענלעכקייט, אַזאַ סינטעז פון אַ יאַנוש קאָרטשאַק מיט

ד״ר שווייצער, ד״ר ליימאַן איז געווען אַ גרויסער הומאַניסט, וואָס האָט זיך אויך אָפּגעגעבן דער „עלית הנוער״. ד״ר ליימאַן האָט אויך געוואוסט ווי צונויפצושמעלצן זיין הויכן וויסן מיט אהבת ישראל; זיין בן־שמן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערציערישן לייכט־טורעם אין יידישן לאַנד און באַשטראַלט מרחקים, געוואונען ליבע און צוטרוי אַפילו פון אַלע אַראַבישע דערפער אַרום זיין רעזידענץ. ד״ר ליימאַן איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל אין יוני 1958 אין עלטער פון 66 יאָר, ושלום לעפרו.

דעמאָלט, איידער ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער סאַניטאַר־מעדיציניש ער אַמט ביים יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, מיט דער סאָציאַלער אָפּטיילונג ביים יידישן מיניסטעריום, האָט „אָזע״ פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שיינע אַרבעט צו רעסטאַווירן ס׳געזונט פון די יידן אין ליטע — פון די צענדליקער טויזנטער צוריקגעקומענע פליטים, געליטענע, אונטערדערנערנע מיט זייערע אַנעמישע קינדער, פון וועלכע טויזנטער האָבן געליטן פון „פּאָ־וואוס״ און „טריכאָפּיטיאַ״. די היגיענע און ענגשאַפט אין די שטעט און שטעטלעך איז געווען בשפל המדרגה, ס׳פלעגן אָפט אויסברעכן מגיפות, באַזונדערס פון טיפוס.

דער „אָזע״ אין ליטע איז געלונגען צו קאָנצענטרירן ארום זיך אַן איבערגעגעבענע גרופּע עסקנים — „ציוויליסטן״ און דאָקטוירים, אַזעלכע ווי ד״ר זיגפריד ליימאַן, ד״ר מענדל סודאַרסקי, ד״ר בנימין בליודז, וואָס איז געוואָרן דער לייטער פון סאָציאַלן אַמט פון יידישן מיניסטעריום, ד״ר פוקס, ד״ר איפּ און לאַזאַר גורעוויטש, וואָס שטייט ביז היינט בראש פון אַלוועלטלעכן „אָזע״, ד״ר רוטנבערג, דער דערציער ד״ר בערמאַן, פּראָפעסאָר לאַזערסאָן, ד״ר אישלאָנסקי, דער דערציער שימשעלעוויטש פון פּאָנעוועזש, משה ערעם דער איצטיקער כנסת־דעפּוטאַט און פאָרזיצער פון „אָזע״ אין ישראל.

דאָס נעמלעכע דער „אָרט״, האָט געפונען איבערגעגעבענע עסקנים, וואָס האָבן געוואוסט צו שאַפן פּראָפעסיאָנעלע שולן, אינסטרוקטאָרן, צונויפצונעמען אַ סך יוגנטלעכע זיי צו לערנען מלאכה מיט פאַכן, בעיקר באַליבט צו מאַכן האַנטווערק און אַרבעט ביי דער יידישער באַפעלקערונג.

ליטע איז דעמאָלט באַדעקט געוואָרן מיט אַ נעץ פּראָדוציר־קאָאָפּע־

ראַטיוון, פאָלקס־בענק, מיט דער באַקאַנטער יידישער צענטראַל־באַנק בראש, פון וועלכער ס'זענען דעמאָלט געשטאַנען ביידע צ. ס. מנהיגים ברודני און זאַבאַרסקי, וועלכע זענען אויך עולה געווען אין ארץ־ישראל, זיך געשטעלט בראש פון „בנק הפועלים" — די „אַרבעטער־באַנק" ביי דער הסתדרות. ברודני האָט געביטן זיין נאָמען אויף בראלי. ער איז געשטאָרבן אין תל־אביב אין מיטן פון די פופציקער יאָרן.

זאָל אויך דערמאָנט ווערן די פּרוכטבאַרע רעטונג און ווידעראויפבוי אַרבעט פון „דזשאָינט" אין ליטע, וואָס האָט דאָרטן אינוועסטירט אַ סך מיליאָנען דאָלאַרן און מיט דעם, נישט נאָר געהאָלפן די געליטענע צוריק־געקערטע יידישע פליטים זיך שטעלן אויף די פיס, נאָר גלייכצייטיק נישט ווייניק געהאָלפן, מיט אָט די מיליאָנען דאָלאַרן, — סטאַביליזירן און פאַרפעסטיקן די אַלגעמיינע ליטווישע פינאַנסן און וואַליוטע. נאָך איידער זיי האָבן איינגעפירט די אייגענע מטבע, דעם „ליט", וואָס האָט זיך באַזירט אויף אַמעריקאַנער דאָלאַרן. די יידישע מיליאָנען דאָלאַרן זענען פיין צונוץ געקומען דער ליטווישער רעגירונג צו דערהויבן איר געלט־אומזאַץ, פון וואָס עס האָט דעמאָלט אַרויסגעדרונגען נישט ווייניק ליטווישע „סימפּאַטיע" צו די יידישע בירגער.

עס דערמאָנט זיך דעם דעמאָלטיקן פאָלקסטימלעכן גוטמוטיקן דירעקטאָר פון „דזשאָינט", מיסטער מאַרקוס, וואָס האָט זיך באַמיט די הילפס־מיטלען אַריינגיסן אין די אויטאָנאָמע געזעלשאַפטלעכע מוסדות. ז יי אַ ל יי ן זאָלן אויספירן די אויפבוי־ און הילפס־אַרבעט בתנאַי, אַז נישט „דזשאָינט" זאָל זיין דער איינציקער „רייכער גוטער פעטער", נאָר די יידן פון ליטע גופא, זאָלן אין די ראַמען פון זייערע מעגלעכקייטן ביישטייערן ז יי ע ר א יי ג ע נ ע ם חלק. אַזוי, טריט ביי טריט, ביז דער דזשאָינט האָט געדעקט איין העלפט, און די יידן פון ליטע — די צווייטע העלפט און זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס, נישט צו דאַרפן מער אָנקומען צו קיינעם. די דאָזיקע פּאָליטיק פון „דזשאָינט" אין ליטע, אין די ערשטע 20ער יאָרן, איז געווען אַ קאָנסטרוקטיוו־פּאָזיטיווע מיט אַ סך ברכה. אין אַ געוויסער קליינער מאָס האָבן די יידישע אַרבעטער־אַנשטאַלטן אין ליטע דעמאָלט גענאָסן פון דער הילף פון אַמעריקאַנער „פּיפּל רעליעף

קאַמיטע״. אַזוי ביסלעכווייז, טריט ביי טריט, ביז די וואָלונטערע און אָבליגאַטאָרישע אויטאָנאָמיע־שטייערן האָבן געגומען דעקן די יידישע ביודזשעטן, וואָס ווערן אַזוי אַרום אַנטווײַנט פון אויסערלעכער הילף.

ס׳איז אויפגעקומען אַ מאָדערנע געזעלשאַפטלעך־מעדיצינישע נעץ, פון אַמבולאַטאָריעס, שפּיטעלער, לאַבאָראַטאָריעס, „קריפּעס״ און באָראַטונגס־שטעלן פאַר שוואַנגערע פרויען, פאַר מוטערס און יוגנטלעכע.

נאַטירלעך זענען נישט אָפּגעווישט געוואָרן די אַלטע פילאַנטראָפּישע מוסדות און פאַריינען ווי מושב זקנים, און אַנדערע ענלעכע „אַנשטאַלטן״, ווארום ווען און וואו וועט אַ יידישער גבאי אָדער גבאיטע מוותר זיין אויף אַ בענקל מיט אַ שמעק־טאַבאַק כבוד און כיבוד?

די אויפגעגאַנגענע פאַרצווייגטע נעץ יידיש־געזעלשאַפטלעך מעדיצינישע אַנשטאַלטן, האָט געפאָדערט געניטע הילפס־קרעפטן, בעיקר געשולטע קראַנקנשוועסטער. האָט דעמאָלט דער סאַניטאַר־מעדיצינישער אָמט ביים יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אויפגעמאַכט, דוכט מיר, די ערשטע יידישע רעכטלעכע קראַנקנשוועסטער שולע מיט אַ פאַרסירטן 2־יאָריקן לערן־פּראָגראַם. בראש פון דער שולע זענען געשטאַנען ד״ר בנימין בערגער, און דער קדוש פון ווילנער געטאָ בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ד״ר לאַזאַר פינקלשטיין. נאַטירלעך איז די אונטעררי‌כט־שפּראַך געווען דורכויס יידיש, ואני הקטן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער שולע, דערמאַן די גרויסע הילף פון יידישע פען־מענטשן, באַזונדערס פון קדוש ז. קאַלמאַנאָוויטש, וואָס איך האָב באַקומען, ביים איבערזעצן דעם לערן־מאַטעריאַל פון דייטש און רוסיש, און דערנאָך אַלץ איבערשרייבן אין קאָנספּעקטן, וואָס מיר פלעגן שאַפּיראָגראַפירן און פאַרטיילן די שילערינס אנשטאַט מעדיצינישע לערנביכער, וואָס זענען נישט געווען אין יידיש אין יענער צייט אין ליטע.

עס דערמאָנט זיך נאָר אַ לערנבוך פון פיזיק אויף יידיש, פאַרפאַסט פון הערץ, וואָס מיר האָבן, ווי אַ „קאָנטראַבאַנדע״־אַרטיקל, באַקומען פון ווילנע. די דערמאָנטע ערשטע יידישע שוועסטער־שולע פון קאָוונע האָט צוויי יאָר שפּעטער צוגעשטעלט די יידיש־געזעלשאַפטלעכע מעדיצינישע

אנשטאַלטן די ע ר ש ט ע פּאָר צענדליק געשולטע דיפּלאָמירטע יידישע קראַנקנשוועסטער.

גיך איז אויפגעקומען און אויסגעוואַקסן אַ פאַרצווייגטע פעריאָדישע יידישע פרעסע, די טעגלעכע „יידישע שטימע" פון די ציונים כלליים, די וואָכנבלעטער „אַרבעטער צייטונג" פון לינקע פועלי ציון, „אַרבעטער וואָרט" און די „וואָך" פון דער יידסעקציע. ביז 1921 איז דערשינען די „נייע צייט" פון בונד, דערנאָך די „נייס" פון די פאָלקיסטן — דאָס אַלץ מחוץ אַ שפע זשורנאַלן און „איינמאָליקע" אויסגאַבן, פון וועלכע ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען די אילוסטרירטע „וועלט" (רעדאַקטאָר י. קלינאָוו), „פאָלקס געזונט" פון „אָזע", דער „יידישער קאָאָפּעראַטאָר", אא"וו.

ביסלעכווייז דערהערן מיר דאָס ערשטע יידיש געזאַנג פון דער נאָך־מלחמהדיקער ליטע. עס באַווייזן זיך די ערשטע לידער פון עזריאל גראָס, בלאשטיין, יודיקא, גליצמאַן, יאָסל גאָטפאַרשטיין, דוד פראָם, כאַצקל פּראַקעוו, יאפע, גאָלדבלאַט, פלאָפאַן. ס׳דערשיינט דער ערשטער ליטע־ראַרישער זשורנאַל די „וויספע", אַרויסגעגעבן פון די וואָרצלדיקע ליטוואַ־קעס, ווי אורי קאַצענעלנבויגן, פסח מאַרקוס, חיים ראַפּאַלאָוויטש. אַ סך מי און פלייס האָט אריינגעלייגט אורי קאַצענעלנבויגן אין אַפּירברענגען אין יידיש די אוצרות פון די ליטווישע „דאַינעס", וואָס האָט געדאַרפט דער־נעענטערן די יידן מיט די ליטווינער קולטורעל און גייסטיק.

צו יענער צייט האָט פועלי ציון די ע ר ש ט ע אין ליטע, זיך גע־לאָזט אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער־יוגנט, אין אַן אייגענער זעלבסט־שטענדיקער ראָם, ווי די „באָראָכאָוו־יוגנט". לאָמיר דערמאָנען דעם וויל־נער פועלי־ציוניסט אַבע וועכט (היינט אבא זיוו, ישראל), וואָס האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער יוגנט־אַרבעט. דעם 2.8.21 דערשיינט דער ערשטער ספּעציעלער זשורנאַל פאַר דער אַרבעטער־יוגנט אין ליטע „יוגנט קלאַנגען", וואָס די ליטווישע פּאָליציי האָט באַלד דערשטיקט און פאַר־באָטן.

אין 1921 איז דערשינען אין ליטע די ערשטע העברעאישע וואָכנ־בלאַט „הצופה" (12־10 נומערן), שפּעטער „הד־ליטא" ווי אַ שבת־ביילאַ־גע צו דער טעגלעכער צייטונג „יידישע שטימע", וואָס האָט קאָנצענטרירט

אַרום זיך דאָס רוב העברעאישע שרייבער און דיכטער, זשורנאַליסטן און לערער. לאָמיר דערמאָנען די טאַלאַנטירטע לאה גאָלדבערג (וואָס לעבט און שאַפט איצט אין ישראל. און דעם ראש המדברים נתן גרינבלאַט־גורן, געשטאָרבן אין ישראל אין מיטן פון די פופציקער יאָרן).

* * *

דעם 12טן יולי 1920, איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דער ערשטער ליט־וויש־רוסישער שלום־אָפּמאַך וואָס האָט אויפגעמאַכט פאַר ליטע אַ נייע תקופה. באַלד האָט ראַטן־רוסלאַנד אנערקענט ליטע „דע־יורע", בעת אַמע־ריקע האָט אנערקענט ליטע „דע־יורע" ערשט מיט 2 יאָר שפּעטער (דעם 28טן יולי 1922). איןביידע היסטאָרישע אַקטן האָבן די יידישע דיפּלאָ־מאַטן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. באַזונדערס וואָגיק איז געווען ד"ר שמשון ראָזנבוימס חלק אין רוסיש־ליטווישן אָפּמאַך, בעת ד"ר מאַקס סאָ־לאָווייטשיק האָט, מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער יידנטום, אַ סך געטאָן פאַר דער אנערקענונג פון ליטע, צו שאַפן פאַר דעם אַקט די געזעלשאַפט־לעכע מיינונג און דרוק אויפן אַמעריקאַנער אויסערן אַמט. אינעם שלום־טראַקטאַט מיט רוסלאַנד איז אַריינגענומען געוואָרן ווי אַ באַזונדערער פונקט, וואָס זאָגט: „אַז ווילנער ראַיאָן ביז גראָדנע געהערן צו דער סאָווע־רענער ליטווישער מדינה", דאָס איז געזאָגט געוואָרן שוין נאָכדעם ווי פּוילן האָט געהאַט אָקופּירט דעם דערמאָנטן „ווילנער ראַיאָן" (גענעראַל זשעליגאָווסקי).

נאָכן שלום־אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, זענען אויפגעמאַכט געוואָרן קעגנ־זייטיקע אַמבאַסאַדעס אין מאָסקווע און אין קאָוונע. דער ערשטער סאָווע־טישער אַמבאַסאַדאָר אין קאָוונע איז געווען אַקסעלראָד, איינער פון זיינע מיטאַרבעטער איז געווען דער באַקאַנטער פּועלי־ציון טוער און פריערדיקער זשורנאַליסט יוסף ראָזען, וואָס האָט געלעבט אין קאָוונע ווי אַ נסתר, ווי אַ מענטש אויף אַ דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן, אָבער נישט אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי יוסף ראָזען האָט געקאָנט לאַנג בלייבן אָפּגעשלאָסן אין די ד' אמות פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. יוסף האָט זיך פאַרבונדן מיט פּועלי־ציון אין קאָוונע, מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און בייגע־

שטייערט צו דער באַוועגונג מיט זיין חריפותדיק אַנאַליטישן שכל און וויסן. צו יענער צייט האָבן די פועלי־ציון אין קאָוונע באַקומען אַ מתנה פון דער פוילישער ברודער־פּאַרטיי — אַ קאַסטן שריפט. פועלי־ציון־חברים פון קאָוונע, דרוקער, האָבן ווידער צוגעטראָגן זייער חלק, ברענגענדיק פון זייערע דרוקערייען ביסלעך טייערן מרובעדיקן יידישן שריפט, אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אין קאָוונע די פועלי־ציון־דרוקעריי מיט דעם פאַרלאַג „האַמער", אויף יאטקעווער גאַס, אין שכנות מיטן פועלי־ציון שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, און דעם 6טן אַפּריל 1921 האָט געגומען דערשיינען די וועכנטלעכע „אַרבעטער צייטונג", די טריבונע פון באַראָכאָוויסטישן וואָרט אין ליטע.

די „אַרבעטער צייטונג" איז דערשינען 40 וואָכן אָן איבעררייס און אויסגעשטאַנען ביטערע שיקאַנעס פון דער צענזור און פּאָליציי. פאַר דער צייט, איז די צייטונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ערנסטער פּאָפּולערער טריבונע און אויסדרוק, נישט נאָר פאַר דער פועלי־ציון פּאַרטיי, נאָר אויך פאַר יידישע זשורנאַליסטן, שרייבער און דיכטער אין ליטע, וואָס האָט געהאָלפן אויסשמידן דעם יידיש־זשורנאַליסטישן אַרבעטער־נוסח, און באַליבט געוואָרן אין אַלע יידישע פרייהייטלעכע קרייזן פון ליטע. געוואָרן אַ וואָגיקער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער דערציאונגס־אינסטרומענט, אַריינגעבראַכט דאָס מונטערע דרייסטע וואָרט צווישן פאַרשיידענע קרייזן און שיכטן, באַזונדערס, אינעם שווערן געראַנגל מיט דער ליטוויש „קריסטלעך־דעמאָקראַטישער" טעראָר־מאַכט פון יענער תקופה. די גאַנצע צייט איז איבער דער צייטונג געהאַנגען די האַק פון דער „זשוואַלגיבע", ביז זי האָט די אויסגאַבע געשלאָסן (דעם 22טן מאַי 1922) פאַר מיינעם אַ רעפּאָרטאַזש, דער „צווייטער שטאָק", אַ שילדערונג פון אַ פּאָליציי־איבערפאַל איבער אַרבעטער אין מאַריאַמפּאָל. דער „זיץ־רעדאַקטאָר", טוביה משורר, אַ טייערער און טרייער פּאַרטיי־מענטש, אַ שניידער־אַרבעטער, איז אָפּגעזעסן אַ יאָר אין טורמע, פאַרן דערמאָנטן רעפּאָרטאַזש. דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער צייטונג" איז דעמאָלט געווען משה ערעם (וואָס איז אַרעסטירט און פאַרטריבן געוואָרן פון ליטע, אַ צען חדשים שפּעטער).

דורך דער „אַרבעטער צייטונג", האָבן מיר געהאַט דעם זכות צו געניסן פון די פרוכט פון יוסף ראָזענס פייערדיקער פען, פון זיינע באַראַקאָווויסטישע עסייען און זעלטן פּאָפּולערער אויפקלערונג, פון זיין שאַרפער פּאָלעמיק מיט דער יעווסעקציע און מיט דער אייגענער יידישער רעאַקציע. יוסף ראָזען פלעגט זיך חתמענען „דאַווידאָוויטש" אָדער פשוט: יוסף. ערשט 25 יאָר שפּעטער האָט דער רעדאַקטאָר פון די היסטאָרישע „ילקוטי פּועלי־ציון" אין ירושלים, יעקב פּוטערזייל ז"ל, שווער געקאָנט אונטערשיידן די אַרבעטן פון יוסף ראָזען און יוסף פרידמאַן,ביידע פלעגן זיך חתמענען יוסף, און יוסף פרידמאַן האָט אויך פיין געקענט די זשורנאַליסטישע פּאָלעמישע מלאכה. יוסף פרידמאַן (דער ברודער פון ישראַל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, ד"ר שמואל אלישיב ז"ל) איז געווען אַ חריף און פייערדיקער פּועלי־ציוניסט, בכתב ובעל פה. ער האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן פון ליטע און זיך באַזעצן אין בערלין, וואו ער האָט דעמאָלט געשאַפן דעם פאַרלאַג „פונקען", און באַזאָרגט יענע יאָרן די ליטווישע פּאַרטיי מיטן געדרוקטן וואָרט, און געהאָלפן פּאָליטישע פּאַרטיי־פּליטים מיט נייטיקע דאָקומענטן.

דער פאַרלאַג „פונקען" האָט בשעתו אָפּגעדרוקט עטלעכע ביכער לידער פון יידישע שרייבער פון סאָוועטנפאַרבאַנד (בתוכם פון דוד האָפשטיין). באַזונדערס פּאָפּולער איז דער פאַרלאַג געוואָרן, נאָכן אָפּדרוקן די באַרימטע אַרבעט פון דוד פינסקי „די וואַנט" — אַ שילדערונג פון פּוילישן פּאָגראָם אין פּינסק, מיט דער גרויזאַמער רציחה איבער סתם געכאַפּטע ציוניסטן־סאָציאַליסטן (צ.ס.) דורך פּוילישע מערדער אין דער דערמאָנטער שטאָט. דאָס בוך „די וואַנט", האָט בשעתו דערשיטערט די עפנטלעכקייט ווייט אויסער פּוילן. די פּוילישע רעגירונג האָט די אַרבעט קאָנפיסקירט און פאַרווערט אין פּוילן. דער פּועלי־ציון פאַרלאַג „פונקען" אין בערלין האָט די אַרבעט אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט אין דער יידישער וועלט, בתוכם אין פּוילן...

יוסף ראָזען האָט זיך דעמאָלט אויסגעטיילט פונעם פּערסאָנאַל פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, ווי אַ חריף און קולטור־מענטש, איז געווען פאַרזענלעך באַפריינדעט מיטן אַמבאַסאַדאָר אַקסעלראָד און מיט אַנדערע

הויכע סאָוועטישע באַאַמטע, מיט וועמען ער פלעגט פירן דירעקטע ערנס־טע שמועסן און זיי באַקענען מיט די פּראָבלעמען פון ציוניזם און באָראָ־כאָוויזם.

אין אַ שמועס מיט אַ פּועלי־ציון דעלעגאַציע האָט זיך פּאַר זיי, בשעתו, אויסגעדריקט דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר, — „אַז טאָוואַ־רישטש יאָסיף „פּאַרדאַרבט" אים דעם פּערסאָנאַל מיטן פירן אין דער אַמבאַסאַדע אַ ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע".

אַזוי שטיל ווי יוסף ראָזען איז געקומען קיין ליטע, אַזוי שטיל איז ער אַוועק קיין פּוילן און זיך געשטעלט דאָרטן בראש פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג און פּועלי־ציון פּרעסע, וואו ער האָט דערוואָרבן אַ סך רום, באַזונדערס ווי דער רעדאַקטאָר פון די „פרייע יוגנט". דער וואונדערלע־כער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער דערציאונגס־ און אויפקלערונגס־זשור־נאַל פון אַ סך טויזנטער יונגע אַרבעטער און שטודירנדיקער יוגנט.

נאָכדעם ווי ליטע האָט אָנגעקניפּט דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד, האָט זי באַשטימט פאַר איר ערשטן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע דעם רוסישן דיכטער באַלטרושייטיס, וואָס איז געווען גע־בירטיק אַ ליטווינער. אין ערשטן באַנד „פּנקס ליטע" דערציילט ד"ר מוקדוני, אַז דער באַקאַנטער יידישער שרייבער און זשורנאַליסט בן־ציון כ"ץ (געשטאָרבן אין גוטן עלטער אין תל־אביב אין 1958), איז געווען באַפריינדעט מיט באַלטרושייטיסן, וואָס האָט אים דערמעגלעכט אַרויס־באַקומען פון אים קנאַפּע צוויי צענדליק וויזעס פאַר יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אַריינצופאָרן קיין ליטע, אינעם „גן־עדן" פאַר יידן, די ער־שטע צוויי יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאַטירלעך איז בן־ציון כ"ץ געווען איינער פון זיי, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט לאַנג איינ־האַלטן אין ליטע. אַדאַנק די וויזעס זענען דעמאָלט געקומען קיין קאָוונע צ. הירשקאָרן, א. לייזעראָוויטש, בן אדיר (ראָזין), דוד בערגלסאָן, דער „נסתר", „בעל דמיון" (ב. שטיף), ז. קאַלמאַנאָוויטש, קוויטקאָ, דער מאַ־לער ישׂשכר ריבאַק און אַנדערע, וועמענס נעמען ס'זענען מיר אַרויס פון

זכרון. עס געדענקט זיך, אַז ד״ר מוקדוני איז דעמאָלט אויך געווען אין קאָוונע, צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון דער פּאַלקיסטישער צייטונג „נייס״. אַ געוויסע צייט האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן אין ליטע פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, וועלכער האָט געדאַרפט באַקומען די יידישע קאַטעדרע, וואָס האָט געזאָלט געשאַפן ווערן ביים ליטווישן אוניווערזיטעט. פון וואָס ס׳איז גאָרנישט געוואָרן. נישט צו וויסן אויף וויפיל ס׳איז אמת, האָט דער דעקאַן פון קאָוונער אוניווערזיטעט געפאָדערט פון פּראָפעסאָר דובנאָוו אים צושטעלן אַ — — — מאַטורע־צייגעניש, ווי איינע פון די באַדינגונגען צו באַקומען די קאַטעדרע, און פּראָפעסאָר דובנאָוו האָט אַזאַ פּאַפּיר נישט געהאַט אונטער דער האַנט.

דעמאָלט האָט באַזוכט קאָוונע בן־ציון גאָלדבערג און מאַרק שאַגאַל, וואָס האָט געבראַכט זיינע בילדער זיי אויסצושטעלן אין די צימערן פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. אין קאָוונע האָט דעמאָלט פּראַקטיצירט מעדיצין ד״ר עליאַשעוו — בעל מחשבות, וואָס האָט געוואוינט אין דער באַרימטער הויז פון זיין מוטער. נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשיידט מיט זיין פרוי, מיט בעל־מחשבותן האָט געלעבט זיין זון. לאָמיר דערמאָנען נאָך אַ דאָקטאָר, מיט אַ טשופּרינע, מיט אַ ליכטיקן פּנים און פּריצישע וואָנצעס, וואָס האָט אויך פּראַקטיצירט מעדיצין אין קאָוונע — דער העברעאישער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי.

איר האָט דעמאָלט געטראָפן אין קאָוונע די מלכותדיקע פיגור פון י. ראָזאָווסקי, וואָס איז פריער געווען דער געהילפס־פּאָליציימייסטער פון ווילנע. אין קאָוונע האָט דעמאָלט ראָזאָווסקי שפּאַצירט אין דער אוניפאָרם פון אַ הויכן פּאָליציי־באַאַמטן, פריער געדינט אין די אויטאָנאָמע יידישע אַנשטאַלטן, דערנאָך אַלס דירעקטאָר פון „האַיאַס״.

אַז מיר האָבן דערמאָנט די ערשטע יידישע ליטעראַרישע אויסגאַבע אין קאָוונע, „די וויספּע״, לאָמיר צוגעבן, אַז באַלד האָבן זיך באַוויזן די ליטעראַרישע העפטן „ליטע״, פון אורי קאַצענעלנבויגן. און אַז פון רוסלאַנד איז אָנגעקומען ראובן רובינשטיין, וואָס איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער דערמאָנטער „יידישע שטימע״ — געשטאַנען בראש פון דער צייטונג ביז איר אומקום אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. און אַז מיר

האָבן דערמאָנט די גרויסע יידישע מאָלער ישׂשכר ריבאַק און מאַרק שאַ־גאַל, לאָמיר אויך דערמאָנען דעם סקולפּטאָר קאַגאַנאָוויטש און קאָמפּאָ־זיטאָר זיידמאַן, און נאָך אַ יונגן בחור פון מאַריאַמפּאָל, וואָס איז אויפ־געגאַנגען ווי אַ שטערן אין דער ליטווישער מאָלער־וועלט, מאַקס באַנד, היינט אַ באַרימטער מאָלער מיט אַ סך רום אין דרום־אַפריקע.

נאַטירלעך ווערן דאָ דערמאָנט נאָר אַ ט י י ל נעמען, די נעמען מיט וועלכע כ׳האָב געהאַט דעם זכות זיך צו באַגעגענען און באַקענען אין מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין ליטע ביז האַרבסט 1924, ווען כ׳האָב געמוזט עוקר זיין ביים חורבן פון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אנשטאַלטן. בעת דער ברוטאַלער געוואַלט־ליקווידאַציע פון יידישן נאַציאָנאַלן ראַט און יידישן מיניסטעריום אין ליטע, וואָס האָט צונישט געמאַכט די ברייטע אויטאָנאָמע רעכט פון די קהילות און זיי פאַרוואַנדלט אין ענגע רעלי־גיעזע חברות.

אין ליכט פונעם דערמאָנטן בלומיקן קראַנץ יידישע שרייבער, דיכ־טער, קינסטלער, דערציער, געלערנטע, קולטור־טוער, זשורנאַליסטן און גע־זעלשאַפטלעכע טוער — „פּאַר עקסעלאַנס״, קען מען זיך פאָרשטעלן דעם קורצינקן געזעלשאַפטלעכן פרילינג פון די ליטווישע יידן, וואָס האָט פאַקטיש געדויערט קנאַפּע פיר יאָר צייט. מען קען זיך פאָרשטעלן די פרייד און באַגייסטערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, די קולטורעלע עקס־פּאַנסיע, דעם אויפבלי פון דער יידישער קולטור און זשורנאַליסטיק, מיט דער חשיבות פון דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט אַדאַנק דער אויטאָנאָ־מיע באַקומען „מלוכה־רעכט״ צוזאַמען מיט העברעאיש אינעם שול־וועזן, אין די אויטאָנאָמע מוסדות ווי אין גאַנצן יידישן שפּרודלדיקן לעבן אין דער דעמאָלטיקער ליטע. ס׳איז אויך ווערט צו דערמאָנען דעם אויפבלי און אויפגאַנג פון די לערער־סעמינאַרן, די „טעאַטער־סטודיע״, „פאָלקס־אוניווערזיטעטן״, אָוונט־שולן, ביז די יידישע „הויכע קורסן״, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן מיט פאַרנעם, מיט שוואונג, מיט דער וויזיע צו שאַפן אַ י י ד י ש ע רעכטלעך אָנערקענטע הויכשול, צו באַדינען די קולטור־נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. מיר דערמאָנען זיך די פיבערהאַפטע מ׳ילבן אַרבעט פון יידישע קולטור־טוער צו שאַפן יידישע לערנביכער פאַרן שול־

װעזן צוזאַמען מיטן „חסרון" פֿון ייִדיש, װאָס האָט נישט קײן װיסנשאַפֿטלעך אײנגעראַמטע „ייִדישע גראַמאַטיק", אָט דער פּסיכאָלאָגישער „שײנהײטס־פֿעלער" פֿון ייִדיש לשון. אין דעם פּרט איז דערשינען ז. קאַלמאַנאָװיטש מיט די אײנצלנע געדרוקטע קונטרסים פֿון זײַן װיסנשאַפֿטלעכער ייִדישער גראַמאַטיק, װאָס איז בײַ אים רעקװיזירט געװאָרן דורך דער סאָװעטן־מאַכט אין מינסק — — — פֿאַר די אַרטיקע ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן נישט דערמאָנענדיק דעם נאָמען פֿונעם מחבר. ס'איז דעמאָלט דערשינען די ייִדישע גראַמאַטיק פֿון יודל מאַרק, װאָס איז אין אַ קורצער צײַט פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין גאָר אַ פּאָפּולערן אונטעררי‎כט־בוך אין די ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן אין ליטע און מחוצה לה.

די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין ליטע, האָט צוזאַמען מיט דער ליטװישער „פֿרײַנטשאַפֿט" געפֿילט נישט װײניק קנאה און שנאה מצד אירע שכנים ביז אָפֿענע אַנטי־ייִדישע אױסברוכן דאָ און דאָרטן. פֿונדעסטװעגן האָט דעמאָלט בײַ אחינו בני ישראל געהערשט אַ כסדרדיקע יום־טובדיקײט, אַזאַ „חול־המועד" שטימונג און מען האָט פּרובירט צו פֿאַרגעסן די נאָרװאָס איבערגעלעבטע צרות און מלחמה־חורבן.

געװיסע ייִדישע קרײַזן האָבן זיך פּרובירט אײַנװיגן אין אַן אױסערלעכער רואיקײט און „זיכערקײט", אַז מען איז שױן געקומען „אל המנוחה והנחלה", אָבער די ציוניסטישע פּאַרטײען האָבן געשטערט די דאָזיקע רואיקײט מיט דער אײנגערעדטער מכלומרשטער אינטעגראַציע. דאָ האָט יעדע ציוניסטישע שאַטירונג געװירקט אין איר ספֿערע צו פֿאַרסירן די ציוניסטישע אױפֿקלערונג און טעטיקײט, די אַלגעמײנע ציוניסטן צװישן די ייִדישע פֿאַרמעגלעכערע שיכטן און סוחרטום, די „צ. ס. - צעירי ציון" צװישן קלײנבירגערטום און ברײטע יוגנט־קרײַזן, לינקע פּועלי ציון — צװישן דער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג, שול־יוגנט, אַרבעטער־יוגנט און פֿאָלקס־אינטעליגענץ. יעדע ציוניסטישע פּאַרטײ האָט זיך באַמיט צו געװינען װאָס מער אָנהענגער, און די געװנוג טיפֿע חילוקי דעות און שטרײַטיקײטן זענען נישט געװען, סתם, לשם שמים, לשם מחלוקת. די קעגנזײַטיקע שטרײַטיקײטן אינעם ציוניסטישן לאַגער זענען געװען באַזירט אױף די סאָציאַלע און קלאַסן־אונטערשײדן אינערהאַלב דער ייִדישער באַ־

פעלקערונג. יעדע פּאַרטיי האָט אָפּגעשפּיגלט איר שיכט מיטגלידער און איר פּאַרטייאישע מענטאַליטעט איז אַרויסגעדרונגען פונעם דאָזיקן שיכט. אָבער אין שייכות מיטן נאַציאָנאַלן גרעאַנגל כלפּי חוץ, האָבן אַלע יידישע פּאַרטייען, ווער אָפן, ווער אין דער שטיל, זיך באַמיט צו שאַפן דעם נישט „געזעענעם" איינהייטלעכן יידישן נאַציאָנאַלן פראָנט צו באַשיצן אוןביישטיין יעדן אָנגריף, יעדע פּגיעה אויף דער נאַציאָנאַלער פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע, אויף די יידישע רעכט און לעבן.

די איינציקע, וואָס זענען געשטאַנען פון יענער זייט יידיש נאַציאָנאַלן פראָנט, זענען געווען די יעווסעקן. אַפילו זייער אָנטייל אין די וואַלן צו די קהילות, האָבן זיי מאָטיווירט, נאָר ווי אַ „מיטל פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע". די טריבונעס פון די קהילות־צוזאַמענפאָרן און נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג — דאָס נעמלעכע. בעת די עקסטרעמע ציוניסטן־סאָציאַליסטן ווי לינקע פּועלי־ציון זענען אומעטום געגאַנגען נישט נאָר צו „פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן", נאָר אויך צו „באַשיצן די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן". פּועלי־ציון זענען נישט אַוועק פון די קהילות און פונעם נאַציאָנאַל־ראַט, זיי זענען געבליבן אומעטום מיטצואַרבעטן מיט דער שטרעבונג בקרוב שאַפן „יידישע אויטאָנאָמע אַרבעטער־ראַטן אינעם יידישע לעבן אין ליטע". די יעווסעקציע אין ליטע פלעגט נאָך די וואַלן פאַרלאָזן יעדן אויטאָנאָמען אַנשטאַלט. פאַר זיי איז געווען וואַלן, נאָר „אַ דעמאָנסטראַציע", ס'איז זיי נישט אָנגעגאַנגען דאָס יידישע לעבן אַלס אַזאַ, די טיפּישע יידיש־קאָמוניסטישע קאָסמאָפּאָליטן האָבן געציטערט צו טאָן עפּעס באַזונדערס ממשותדיקס אויף דער יידישער גאַס. די נישט־יידישע קאָמוניסטן זאָלן זיי חלילה נישט חושד זיין אין „נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגן, אין שאָוויניזם" ר"ל. זייער טעטיקייט אין וועלטלעכן יידישן שול־וועזן אין ליטע האָט פאַר זיי נישט פאָרגעשטעלט קיין „נאַציאָנאַליסטישע" סכנה, ווארום יידיש איז נאָך דעמאָלט נישט געווען טריף פּסול אין ראַטנפאַרבאַנד. אומגעקערט, דעמאָלט זענען יידישע שולן, טעכניקומס, יידישע סעמינאַרן, יידיש טעאַטער געווען כשר וישר, דאָס נעמלעכע אַ יידיש־קאָמוניסטישע פּרעסע, יידישע פּראָזע און פּאָעזיע נוסח „פּראָלעטקולט", אַפילו יידישע העכערע בילדונגס־אַנ־

שטאַלטן, זענען געווען אין דער מאָדע אין מינסק, אין קיעוו און אין מאָס־
קווע, אָבער נאָר צו אונטערשיידן דעם קאָמוניסטישן פונעם בורזשואַזן
יידיש. האָבן זיי „פאַריידישט“, פאַרדרייט און פאַרקריפּלט די העברעאישע
ווערטער מיטן יידישן אויסלייג, מ׳ל געווען די לאַנגע „נונען“, די סוף־
„פייען“, אַראָפּגעשניטן די „בורזשואַזנע בייכער“ פון די שלאָס־„מעמען“,
ביז מען האָט געשאַפן דעם „עמעסן“ יעווסעקישן יידישן נוסח. צום שבח
פון דער יעווסעקציע אין ליטע, זאָל פאַרצייכנט ווערן דער פאַקט, אַז זיי
האָבן פאַרקוקט און אויסגעמיטן די נייע „עמעסע“ אָרטאָגראַפיע אין שול־
וועזן, וואָרום אונטער זייער הויט און אָדערן האָט נאָך געפלאָסן יידיש־
ליטוואַקישע בלוט, ישיבה־בחורים־בלוט פון קעלם און סלאָבאָדקע, יידישע
יידן. זיי האָבן נאָר געגעסן זייף מיט ליכט כלפּי חוץ, צו פאַרבאָרגן זייער
יידישע אנוסים־בלוט, פאַרטומלט פאַרן אייגענעם געוויסן דעם אינערלעכן
יידישע געשריי...

נאַטירלעך איז דערביי אויך געווען אַן אויסערלעכער קאַלטער חשבון
ביי די יידיש־קאָמוניסטישע מנהיגים: — נישט צו פאַרטרייבן פון זיך די
עקסטרעמע יידישע עלעמענטן, די לינקע, טיפישע, וואָרצלדיקע יידישע
אַרבעטנדיקע ליטוואַקעס, וואָס אַזאַ „עמעסער“ יידישער לשון און אַזאַ
„עמעסע“־ליטוואַקישע יידיש־ליטעראַטור, וואָלט ביי זיי אַרויסגערופן איבל
און ווידערווילן ווי צו פּעטע חזיר־פלייש...

יידיש לשון איז פאַר די יידן פון ליטע נישט געווען עפּעס אַן אוי־
סערלעכער „אַטריבוט“, אַ „טעכנישער מיטל פאַר אויסדרוק“. יידיש לשון
איז געווען פאַרוועבט און איינגעוואָרצלט אינעם בלוט, אינעם באַוואוסט־
זיין, אינעם גאַנצן לייב און לעבן פון ליטווישן יידן. יידיש לשון האָט ער
געזויגן שוין מיט דער מוטערס מילך. יידיש האָט אים תמיד שטיל גע־
זונגען אין די אויערן מיט דער גאַנצער זאַפט און זיסקייט, מיט דער גאַנ־
צער באַהאַרצטקייט פון „צאנה וראינה“, וואָס זיין מאַמע און באָבע האָבן
אָפּגעהיט ווי אַ שטיק אויסגעקושטע קדושה, איינגעוויקלט אין אויסגענייי־
טע ווייסע שפּיצן טישטוכלעך, באַצירטע מיט גלאַנציקע טרערן־פּערל, איינ־
געשטאַנצט טיף, טיף במעמקים פון זיין נשמה. דער פאַנאַטישסטער יעווו־
סעק אין ליטע, האָט נישט געקאַנט אויסברענען פון זיין בלוט און געמיט

יענעם היימישן טאַטע־מאַמע יידיש, שוין אָפּגערעדט ס׳יידיש־טייטש פון „עין יעקב״ און „ספר הישר״, ס׳יידישע קלאַנג פון איבער די גמראס אין די ישיבות פון קעלם און סלאָבאָדקע, ס׳יידיש פון די מגידים און — — ס׳יידיש פון מענדעלע, אייזיק מאיר דיק, פון שלום עליכם און שלום אַש.

אין קליינע יידישע שטעטלעך אין ליטע, נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, אין הייזלעך מיט שטרוי און שינדל־דעכער, פאַרן שיין פון קאַניצ־לעך און אָנגעגליטע פּרעס־אייזנס, האָט מען נאָך געהערט זינגען אליקום צונזערס זמירות, צוזאַמען מיט א. רייזנס „מאי קא משמע לן״, מיט י. ל. פּרצס „דריי נייטאָרינס״, מיט ש. אַנסקיס „אין געזאַלצענעם ים״, מיט דניאל טשאַרניס „כ׳קוש דיר אויס אַ מגן דוד״. ביי יענע וואַרשטאַלעך אין די שטעטלעך פון ליטע פלעגן זיך אויסמישן האַרבע וויכוחים איבער פסוקים פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״, מיט וואונדער־מעשיות פון „ספר הישר״, צוזאַמען מיט בייסיקע סאַטירע־קאַפּיטלען פון יצחק יואל לינעצ־קיס „פוילישן יינגל״, אָדער בערגלסאָנס אומעטיקן „אַרום וואָקזאַל״. זעט איר, אין אַזעלכע וויכוחים, פלעגן אָפּגעשאַפן ווערן די „קלאַסן־אונטער־שיידן״ צווישן דעם שניידערשן אַרבעטס־געבער, אָדער שפּעטער־באַלעבאָס און זיינע אַרבעטער. זיי פלעגן זיך אַמפּערן צוזאַמען. דאָ פלעגט די באַ־לעבאָסטע אויפהערן שאָבן די קאַרטאָפל איבערן הילצערנעם עמער אויף מאָרגן מיטיק, אָנשפּיצן אירע אויערן און דורשטיק שלינגען די נישט „פאַרסטענדלעכע״ רייד, דערוואַקסענע קינדער פלעגן איבעררייסן די „אָר־ראָקן״ — — — אַזוי ביז מען פלעגט זיך כאַפּן, אַז דערווייל גייט דער זייגער, און מען דאַרף מאָרגן אָפּגעבן אַזויפיל און אַזויפיל פאַרטיקע „כאַלעוועס״, די שוסטער, אָדער דעם ראָק און מאַנטל יענעם קונד.

פלעגן ווידער זינגען ביי־מאַשינען יידישע ניגונים, און די אַרבעט „ברענט״ ווי קיינמאָל נישט. מיין סעמינאַר־חבר דער מתמיד און פייער־דיקער יעווסעק יאַנקעל הימלשיין, אַ געוועזענער קעלמער ישיבה־בחור, פלעגט מיט אַ גמרא־ניגון, זיך שאָקלען ביים רעפערירן אין „יידיס־לאַסן״ וועגן „אַ קולמינאַציע פון קאַפּיטאַל״, וועגן „ווערט און מערווערט״ לויט קאַרל מאַרקס, ווי אַ צווייטער חבר עליאַשעוויטש פלעגט דעקלאַמירן שעקספּירס „אָטעללאָ״ אין אַזאַ „ענגליש״, אַז יעדער פּשוטער „מענץ״

האָט פֿאַרשטאַנען יעדעס וואָרט... די יעווסעקציע האָט נישט געקאָנט אויס־ברענען די ייִדישע „בירגערלעכע״ ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אַ פּשיטא אין דער ייִדיש־ייִדישער ליטע.

האָט זיך די יעווסעקציע אין ליטע געקלאַמערט אָן דער ייִדישער וועלט־לעכער שול, זיך געפּרייט אינטים מיטן לעצטן כשרן אָנהאַלט אין ייִדישן לעבן, וואָס ס׳איז זיי נאָך לעגאַל פֿאַרבליבן. דערפֿאַר האָבן זיי אַזוי באַ־קעמפֿט העברעאיש, עס פּאַר קיין פֿאַל נישט צוגעלאָזן אַפֿילו ווי אַ לערן־שפּראַך אין דער ייִדישער שולע, אָדער אין איינציקן ייִדיש־וועלטלעכן לערער־סעמינאַר אין קאָוונע (לעגאַליזירט כּלפּי חוץ ווי „לערער־קורסן״). זיי האָבן מיט אַנטי־אַנטי־העברעאיש מאַסקירט כּלפּי דעם קאָמוניסטישן „חוץ״ — זייער פֿאַרבאָרגענעם דראַנג צום ייִדישן ייִדיש...

לאָמיר דערמאָנען אַ כאַראַקטעריסטישן קוריאָז פֿון יענע יאָרן אין מאַריאַמפּאָל וואו מיר האָבן געדאַרפֿט מקבל פּנים זיין ש. אַנסקין, וואָס האָט געזאָלט און נישט געקומען אויף אַ באַזוך. אין אַזאַ פֿאַל, האָט מען אויסגעקליבן, אין כּרך מ׳אַריאַמפּאָל אַ באַזונדערן „אויפֿנעם־קאָמיטעט״. אויף מײַנער אָן אינטערפּעלאַציע, פֿאַרוואָס עפּעס אָן „אויפֿנעם״ און נישט „קבלת־פּנים־קאָמיטעט״, האָט מען מיר געענטפֿערט, אַז „קבלת פּנים״ איז העברעאיש — — — נאָכמער, ווי אַ פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿון דער דאָרטיקער „קולטור־ליגע״ און ווי איינער פֿון די ייִדישע לערער, האָט מען מיר פֿאַרגעבן צו פֿאַרפֿאַסן אַזאַ פּלאַקאַט לכּבֿוד דעם גאַסט. נאַטירלעך, האָב איך מײַן פֿאַרפֿאַסונג אָנגעהויבן: — „לכּבֿוד דעם באַזוך פֿון ליבן גרויסן גאַסט ש. אַנסקי אאַ״וו... האָבן די יעווסעקן אויסגעשטראָכן דאָס וואָרט „לכּבֿוד״, ווייל ער איז העברעאיש, און געפֿאָדערט איינפֿעדעמען דעם פּלאַקאַט, און שרייבן: „צום באַזוך״, אָוועקצוואַרפֿן דעם „העברע־איסטישן לכּבֿוד״. איך ברענג דעם קליינלעכן קוריאָז, פֿון פּראָווינציעלן ליטווישן לעבן אין יענע יאָרן, שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צו שילדערן אַ שטיק פֿון שטייגער, וואָס האָט זיך זייער שווער געלאָזט ענ־דערן.

נאָכאַמאָל: ס׳האָט זיך דאָ דעמאָלט נישט געהאַנדלט וועגן אָן אױ־סערלעכן, קינסטלעכן, אָדער „צו להכעיס״ פֿאַנאַטיזם כּלפּי העברעאיש,

וואָס אַלע יידסעקן האָבן גוט געקענט ווי „אַביטוריענטן" פון חדרים, תלמוד תורהס און ישיבות. מיטן שרייאיקן ווילדן באַקעמפן העברעאיש פלעגן זיי פאַרשרייען זיך אליין, דעם אייגענעם ווידערווילן צו דער אייגע־נער באַציאונג צו דער שפּראַך, וואָס האָט זיי נישט געלאָזט רוען, און דערמאָנט זייער יידישע קינדער־ראָמאַנטיק און קינדער־יאָרן, וואָס זענען טייער יעדן מענטשן. אַזוי איז אויך געווען מיט יענע בונדיסטן, וואָס פלעגן מיט אַ שרייאיקן פּראַווען אַ „יום־כיפּורניק" מיט אַן עפנטלעכער פּרעסערײַ אין שכנות פון אַ שול אָדער קלויז פאַרשרייען זיך אַליין, פאַר־שרייען דעם אייגענעם אומרואיקן געוויסן, כלפּי דער דערמאָנטער אומזי־ניקער פרעסערײַ בפרהסיה אום יום־כיפּור, וואָס זאָל הייסן אַן „אַנטי־רעליגיעזע אַקציע". אין אינטימע שמועסן בין אדם לחברו, האָט מען גע־פילט ווי דער קליינשטעטלדיקער אפּיקורס איז מער אויסן צו פאַרשרייען זיין פאַרבאָרגענעם, פּערזענלעכן, פּחד פאַרן „יום־הדין" ווי דעמאָנסטרירן קעגן רבונו של עולם.

לאָמיר אויך נישט פאַרבאָרגן דעם פאַקט, אַז עס זענען געווען גענוג יידישע יוגנטלעכע קאָמוניסטן־יעווסעקן, אמתע אידעאַליסטן, וואָס האָבן טיף געגלויבט אַז זייערע מעשים אינעם יידישן לעבן, זענען מקרב דעם קץ — די סאָציאַלע רעוואָלוציע, פאַר וואָס זיי האָבן זיך מוסר נפש גע־ווען און געליטן גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען, תפיסות, קאַטאָרגעס, פיזישע עינויים, באַיקאָט און זיך נישט אָפּגעשטעלט צו גיין אַקעגן תליות אָן מורא, אָן פּחד, מפקיר צו זיין משפחות, עלטערן, פרויען און קינדער אויף הונגער און חורבן. פאַרלאָזן מיטל־ און הויכשולן, אַוועק אַרבעטן אין אונ־טערגרונד, ביי אַ שטרענגער אייזערנער, אָפּטמאָל בלינדער, דיסציפּלין.

עס וועט נישט זיין איבערטריבן פעסטצושטעלן, אַז אַזאַ פאַנאַטישע אמונה אין קאָמוניסטישן אידעאַל, מיט אַזאַ גרויסער מאָס מסירת נפש כלפּי דעם קאָמוניזם, ווי ס'האָבן אַרויסגעוויזן די קליינשטעטלדיקע יידי־שע בחורים און מיידלעך אין ליטע, האָט מען נישט, צו אָפּט, געזען ביי די נישט־יידישע קאָמוניסטן אין דער זעלבער ליטע. ווי אַ באַווייז, אין דעם פּרט, קען דינען די גרויסע צאָל אַרעסטירטע יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן יענע יאָרן געפינצטערט אין די ליטווישע תפיסות, אין אַ בולטער אומגעקערטער פּראָפּאָרץ כלפּי די נישט־יידן אין דער ל.ק.פּ. („ליטווישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי").

אַ בנין אויף זאַמד

אין יענע צוואַנציקער יאָרן איז אין ליטע טרויעריק באַרימט געווען דער „אַבעלער קאַראַנטין“. אַ קאַראַנטין אין דער גרענעץ־שטעטל אַבעל, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן, ווי דער אַמעריקאַנער „עליס אײַלאַנד“, מיטן אונטערשייד, וואָס „עליס אײַלאַנד“ איז בשעתו געווען די ע ר ש ט ע עינויים־סטאַנציע פאַרן אימיגראַנט אין נײַעם פרעמדן לאַנד, בעת „אַבע־לער קאַראַנטין“, איז געווען די ל ע צ ט ע עינויים־סטאַנציע פון ייִדישן מלחמה־פּליט, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, אין זײַן אַלטער אויסגעבענקטער פריערדיקער היים — ליטע.

אינעם דערמאָנטן אַבעלער קאַראַנטין, זענען געווען „קלאַסן“ פאַר סאָציאַל שטאַרקערע, און סאָציאַל שוואַכערע צוריקוואַנדערער, פאַר פּשוטע מענטשן און פאַר נכבדים. אין אַ געוויסער מאָס אויך פאַר ייִדן און נישט־ייִדן. דאָרטן האָט דער צוריקוואַנדערער פאַרענדיקט זײַן וועג, אונטער דעם אויג און בײַטש פון דער געהיים־פּאָליציי, פון פאַרדאָרבענע באַאַמ־טע, וואָס האָבן שוין בראשית פון מדינת ליטע געוואוסט צו נעמען שוחד, האַנדלען מיט „פּאַפּירן“, צאַפּן בלוט און רײַסן נערוון. נישט איינעם האָבן די נישט „געשמירטע“ באַאַמטע צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד און געפּסלט זײַן רעכט זיך צוריקצוקערן אַהיים.

אַלע פריער דערמאָנטע ייִדישע שרײַבער, וואָס זענען געקומען קיין ליטע, האָבן דורכגעמאַכט דעם „אַבעלער קאַראַנטין“, איידער זיי האָבן באַטראָטן די ליטווישע ערד, ואני הקטן האָב גאָר געגעסן פון „אַבעלער קאַראַנטין“. די אַבעלער באַאַמטע האָבן זיך אויסגעלערנט נישט אויסצו־מעקן פון זייער רעגיסטער אַ געשטאָרבענעם בירגער, כדי דערנאָך צו פאַרקויפן די דאָקומענטן פונעם געשטאָרבענעם, פאַר אַ שיינער מטבע. יענע יאָרן זענען געווען טויזנטער, טויזנטער מענטשן, בעיקר פּליטים, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע פּערזענלעכע דאָקומענטן, און ווייל די היימישע

הריפובליקה הליטאית.	LIETUVOS RESPUBLIKA.	ליטווישע רעפּובליק.
ועד הארץ	ŽYDŲ **TAUTOS TARYBA**	יידישער **נאַציאָנאַל־ראַט**
קובנה.	Kaunas.	קאָוונע.

№ 4131.

קאוונא, דעם 17/12 1922.

באשטעטיקונג

דערמיט ווערט באשטעטיקט, אז דער מיטגליד פון נאציאנאל־ראט משה־לייב ראבינאוויטש (סעקרעטאר פון סאניטארן אמט) ווערט צוזאמען מיט׳ן מיטגליד פון נאציאנאל־ראט שמואל גאך (אינסטרוקטאר פון אידישן מיניסטעריום) בעפולמעכטיקט דורכצופירן, א רעוויזיע אין ווילקאמירער אידישן קראנקענהויז.

מיר בעטן ווילקאמירער ועד הקהלה און פארוואלטונג פון קראנקענהויז זיי אנטקעגנצוקומען אין דער ארבעט.

ד״ר י. [illegible] — פרעזידיום פון נאציאנאל־ראט

ד״ר צ. [illegible] — פארזיצנדער פון סאניטארן אמט

Žydų Tautos TARYBA Lietuvoje

דעם דאָקומענט האָבן געהאַטן ד״ר בנימין בערגער (אומגעקומען אין סיביר בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה) און ד״ר יוסף בערגער, היינט אין ישראל.

מעטריקאַציע־אַרכיוון זענען פאַרברענט און צעשטערט געוואָרן בעת די מלחמה־שלאַכטן, האָבן זיי נישט געקענט באַקומען אויסצוגן אָדער קאָ־פּיעס פון זייערע געבורט־שיינען, און געבליבן שטאַטלאָז. ס'זענען אויך געווען אַנטלאָפענע קריגס־ און ציוויל־געפאַנגענע, וואָס האָבן בכוונה פאַר־ניכטעט זייערע דאָקומענטן. דאָס נעמלעכע יידישע פּליטים פון פּוילן, וואָס האָבן געוואָלט לעבן אין ליטע. נאַטירלעך האָט מען גאַרנישט גע־קענט מאַכן אָן אַ פּאַספּאָרט, נישט געקאָנט קריגן וואוינרעכט און אַר־בעט. אַ באַשטעטיקונג, אַז מען האָט דורכגעמאַכט דעם אַבעלער קאַראַנ־טין ווי אַ צוריקוואַנדערער צוזאַמען מ'ט אַ צוויי „יאָר־עדות", האָבן דער־מעגלעכט צו קריגן אַ פּאַס מיט בירגערשאַפט. אַזוי אַרום, זייענדיק אומ־לעגאַל נאָך מיין בריחה פון מאַריאַמפּאָל, האָב איך נישט געהאַט קיין פער־זענלעכע דאָקומענטן, נישט קיין פּאַספּאָרט, וואָס איז שוין דעמאָלט גע־וואָרן אַ טייל פון דיין „זיין", און כ'האָב זיך כסדר געמוזט אויסהיטן נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

מיינע גוטע חברים פון דער ליטוויש־לעטישער גרענעץ־שטעטל זשאַ־גער האָבן מיר אויסגעלייזט פון דער אומלעגאַליטעט און מיר געשאַפן אַזאַ „דאָקומענט" פון אַ געשטאָרבענעם פּליט אין אַבעלער קאַראַנטין, וואָס איז נישט אויסגעמעקט געוואָרן פון ספר החיים. דער מת האָט געהייסן משה לייב ראַבינאָוויטש, זכרונו לברכה, און איז אַלט געווען 36 יאָר, בס"ה מיט 15 יאָר עלטער פון מיר... דער אַבעלער דאָקומענט האָט געהאַט אַ חסרון: — ער האָט מיר אָפּגערויבט 15 טייערע יונגע יאָרן, און דערצו האָב איך געמוזט לאָזן וואַקסן אַ באָרד, אָבער דער דאָקומענט האָט אויך געהאַט זיין מעלה: — אין דעם עלטער בין איך געווען פּטור פון מילי־טער־דינסט.

איך האָב אויך געהאַט באַקומען אַן ענלעכן „פּאַפּירל" מיט אַ האַלבן יאָר פריער, וואָס האָט אויך געהערט צו אַ געשטאָרבענעם אַהרן בענדל קראָוויעץ, זכרונו לברכה. צו מיין מזל האָט מען מיך פאַרהאַלטן אויפן וואָקזאַל אין ראַדווילישקי, ווייל מיין דאָקומענט איז געווען חשוד אין די אויגן פון דער באַן־פּאָליציי.

איידער וואָס ווען, האָט מען מיך אַריינגעבראַכט אין בופעט פונעם

וואָקזאַל און געלאָזט וואַכן איבער מיר אַ פּשוטן קאָנדוקטאָר (מיינע חברים האָבן געטענהט, אַז דער קאָנדוקטאָר איז געווען אַ „סיסטשיק״ — אַ גע־היים־אַגענט). דער קאָנדוקטאָר האָט מיך נישט געטאָרט אַוועקלאָזן, ביז דער פּאָליציאַנט וועט אַוועקגיין און צוריקקומען, נאָכן קאָנטראָלירן דאָס פּאַפּירל, אין נאָענטן פּאָליציי־אַמט, צי ער איז באמת אידענטיש מיט מיין ווייניקייט.

ווייזט אויס, אַז דעם „קאָנדוקטאָר״ איז מיאוס געוואָרן צו זיצן מיט מיר, סתם אַזוי און וואַרטן ביז דער פּאָליציאַנט וועט צוריקקומען, האָט ער מיך געלאָזט זיצן און געפּאָדערט „נישט צו פאַרלאָזן מיין אָרט״, ביז דער פּאָליציאַנט אָדער ער אַליין, וועט זיך תיכף צוריקקערן. דער קאָנדוק־טאָר איז צו צום בופעט־טיש דערפרייען זיין אומעטיק געמיט מיט אַ גלעזל בראָנפן. דערווייל, בעת מיין שומר האָט זיך געקוויקט מיט די כוסות „מים חיים״, און געשטאַנען צו מיר מיט דער פּלייצע, האָב איך זיך אינס־טינקטיוו אויפגעהויבן און אַריינגעדרייט אין עולם, וואָס האָט געשטראָמט פון אַ נאָרוואָס אָנגעקומענעם צוג. כ׳האָב געפונען דעם וועג צום שטעטל ראַדווילישקי, וואָס איז געלעגן געגנוג ווייט פון וואָקזאַל, מיט דער הילף פון אַ פּשוטן טייערן פּאָלקסמענטשן, אַ יידישער פורמאַן, וואָס האָט מיך געזען זיצן אונטער שמירה אין בופעט־זאַל. זיין שאַרף אויג האָט גיך נאָכגעפאָלגט בעת כ׳האָב זיך אויסגעמישט אין עולם. ער איז מיר נאָכגע־גאַנגען, געקומען אַקעגן פון יענער זייט וואָקזאַל, און פאַרשטופּט מיין „פּערזאָן״ אין דער טיף פון זיין בויד. לויט זיינע רייד איז „פּדיון שבויים״ די גרעסטע פון אַלע מצוות, ס׳איז כדאַי זיך איינצושטעלן און העלפן אַ יידן זיך ראַטעווען פון „גוישע הענט״... דער פּשוטער טייערער ייד, האָט געוואוסט וואו מיך צו ברענגען, פון וואַנען כ׳האָב זיך צוריקגעקערט קיין קאָוונע, ווי די מוטער האָט מיך געבוירן: אָן אַ פּיצל דאָקומענט...

לאָמיר דערציילן אַ צווייטן קוריאָז מיט אַ דאָקומענט פון יענע יאָרן אין ליטע און נעמלעך: בעת אַן אָבלאַווע אין פּאָנעוועזש האָט מען מיך פאַר־האַלטן און געפּאָדערט אַ פּאַספּאָרט, אָדער אַן אַנדער דאָקומענט, וואָס זאָל אידענטיפיצירן מ׳יין פּערזאָן. „צופעליק״ האָב איך נישט געהאַט קיין פּאַספּאָרט, און כ׳האָב זיך אינסטינקטיוו גענומען גראָבן אין מיינע קע־

שענעס צו געווינען אַ פּאָר מינוט צייט, פּאַר עפּעס אַ תירוץ אָדער אויס־
וועג, ווי זיך אַרויסצודרייען פון די פּאָליצייאישע נעגל. אַזוי זוכנדיק האָב
איך געפונען ביי זיך אַ קבלה פאַר באַצאָלטער עלעקטרישער ליכט אין
קאָווגע און כ׳האָב די קבלה דערלאַנגט די פּאָליציאַנטן. איינער פון זיי
האָט גענומען דרייען דעם צעטל אַרויף און אַראָפּ, מיט אַ פּנים, וואָס
האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ קנאַפּער ידען אין ליטווישן כתב, מיטאַמאָל
פרעגט אים זיין חבר: — „יאָנאַס! אַ שטעמפּל איז דאָ אויפן פּאַפּיר״?
— „זיכער״ — האָט ער געענטפערט.
— „געראַי — גוט״.

זיי האָבן מיר צוריקגעקערט דאָס צעטל און צורו געלאָזן. איך דער־
צייל עס אַקעגן „אַבעלער קאַראַנטין״, וואָס פלעגט אַרויסגעבן יעדן באַ־
פרייטן אַ באַשייניקונג אָן אַ פאָטאָגראַפישן בילד. די באַשיינינקונג פלעגט
דינען דעם צוריקוואַנדערער ווי אַן אידענטיפיקאַציע־שיין, במקום אַ פּאַס־
פּאָרט במשך פון עטלעכע חדשים. מיט דער דאָזיקער באַשייניקונג האָבן
זיך אַרומגעדרייט אַ סך מענטשן ביז זיי פלעגן „אויסאַרבעטן״ דעם גע־
בענטשטן פּאַס. דעמאָלט זענען אויך געווען אין ליטע אַ סך פּליטים פון
פּוילן, בעיקר פון ווילנער געגנט, וואָס האָבן אויך געטראָגן ביי זיך באַ־
שייניקונגען, אַנשטאָט פּעסער. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט כלערליי
צעטלען אַנטלאָפענע ווייסגוואַרדייער פון רוסלאַנד, וואָרום דעמאָלט איז
נאָך אַלץ געווען אין ליטע פּליסיק, נישט סטאַביל. ערשט מיט צוויי יאָר
שפּעטער האָט זיך די מאַכט איינגעפונדאַמענטירט און באַהערשט און רע־
גולירט אַלץ מיט אַלעמען צוזאַמען מיט די פּעסער, וואָס זענען, ווי געזאָגט,
געוואָרן אַ טייל פון זיין פּערזאָן, ווי אַ גליד פון קערפּער, ווי עס פירט
זיך אין יעדער פּאָליציי־שטאַט.

* * *

נישט אַלע יידן פון ליטע האָבן זיך צוריקגעקערט אין די היימען נאָך
דער ערשטער וועלט־מלחמה. די העלפט פון זיי זענען געבליבן צעזייט און
צעשפּרייט אין רוסלאַנד און אין די אַרומיקע לענדער. נישט ווייניק זענען
אומגעקומען אָדער אויסגעשטאָרבן.

פֿאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה האָבן די ייִדן געבילדעט 14 % פֿון דער באַפֿעלקערונג אין די געגנטן װאו ס׳איז עטאַבלירט געװאָרן די ליט־װישע מדינה. נאָך דער מלחמה האָבן די ייִדן אין די זעלבע געגנטן גע־בילדעט נאָר 7 ־ 8 פּראָצענט, ס׳הייסט: 140 ־ 150 טױזנט ייִדן האָבן גע־לעבט אין ליטע אין די צװאַנציקער יאָרן; פֿון זײ 40 טױזנט אין קאָװנע (בערך 30 % פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט).

דעם 5טן יאַנואַר 1920 קומט זיך פֿײערלעך צונויף אין קאָװנע, דער ערשטער קהילות־צוזאַמענפֿאָר פֿון ליטע, װאָס האָט פּאַקטיש אַנגעצייכנט די גרונט־שטריכן פֿון דער נאַציאָנאַלער אױטאָנאָמיע און אױסגעװײלט דעם ערשטן העכסטן אױטאָנאָמען אָרגאַן, די אינערלעכע „ייִדישע רעגי־רונג״ — דעם נאַציאָנאַל־ראַט, אין באַשטאַנד פֿון 34 מיטגלידער. צװישן זײ האָבן זיך געפֿונען ד״ר שמשון ראָזנבױם, ד״ר יעקב ראָבינזאָן, עוזר פֿינקלשטײן, ל. גאַרפֿונקעל און ד״ר ראַכמילעװיטש, די עמודי התוך פֿון דער אױטאָנאָמיע אין ליטע. דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט באַשטעטיקט די װאַלן פֿון ייִדישן מיניסטער, צו געבן דירעקטיװן דעם ייִדישן מיניסטע־ריום װי צו פֿירן די ייִדישע רעכטלעכע מערכה אין ליטע. אױפֿן ערשטן קהילות־צוזאַמענפֿאָר זענען געקומען דער ליטװישער פּרעמיער־מיניסטער גאַלװאַנאַוקאַס, און דער דעמאָלטיקער אױסערן־מיניסטער פּראָפֿעסאָר װאָל־דעמאַראַס. בײדע מיניסטאָרן האָבן גענומען דאָס װאָרט און פֿײערלעך דערקלערט אױפֿן דערמאָנטן ערשטן קהילות־צוזאַמענפֿאָר, אַז די ליטװי־שע רעגירונג װעט רעאַליזירן די ייִדישע נאַציאָנאַל פּערסאָנעלע אױטאָ־נאָמיע.

דעם 4טן מאַרץ 1920, איז פּובליקירט געװאָרן דאָס געזעץ װעגן די קהילות, װאָס „זענען געזעצלעך, רעכטלעכע, א י נ ה י ט ל ע כ ע, אָ ב ל י ג א ט אָ ר י ש ע מוסדות פֿאַר אַלע ייִדישע בירגער אין ליטע״. די קהילה האָט באַלד באַקומען די קאָמפּעטענץ צו באַלייגן די ייִדישע באַפֿעלקערונג מיט שטײערן, און ר ע כ ט ל ע ך זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער מעטריקאַציע פֿון די ייִדן. די קהילה האָט באַקומען דאָס רעכט אָנצו־פֿירן מיט אַלע „רעליגיעזע און צדקה־ענינים״, װי דאָס רעכט זיך צו פֿאַר־נעמען מיט סאָציאַלער הילף, פֿאָלקסבילדונג, װאױלטעטיקײט, וכדומה.

„די קהילה ווערט געקליבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות, דורך אַלגע־מיינע, גלייכע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן".

„אַ ייד קען פאַרלאָזן זיין אָנגעהעריקייט צו דער קהילה נאָר נאָכדעם ווי ער פאַרלאָזט דאָס יידישע גלויבן דורך שמד".

דעם 1טן אָקטאָבער 1920 ווערט פּובליקירט די אינסטרוקציע איבער־צוגעבן די קהילות די מעטריקאַציע־ביכער פון דער יידישער באַפעלקע־רונג אין ליטע.

דעם 8טן מאַרץ 1921 ווערט פּובליקירט דאָס געזעץ, וואָס באַשטימט די עטאַטן פון יידישן מיניסטעריום.

דעם 29טן מאַרץ 1921 ווערט באַשטעטיקט אַ געזעץ, וואָס לאָזט געניסן די יידישע קהילות, פון אַלע פּריווילעגיעס, ווי עס געניסן די מלוכהשאַפטלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, צוזאַמען מיטן רעכט צו באַ־נוצן אומזיסט די פּאָסט, ווי יעדער אַנדערער רעגירונגס־אַמט.

אַזוי, טריט ביי טריט, ווערן געזעצלעך פאַרלייגט די יסודות פון דער נאַציאָנאַל פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע פאַר די יידן אין ליטע. יעדער נייער געזעץ, יעדע פאַראָרדענונג און פּובליקאַציע, ווערט אויפגע־נומען מצד די יידן מיט פרייד און יובל, וואָס הייבט גלייכצייטיק די ליטווישע „אַקציעס" אויף אַלע פּאָליטישע וועלט־בירזשעס.

דערווייל טיילן זיך אין צווייען די פונקציעס, דער נאַציאָנאַל־ראַט און דאָס יידישע מיניסטעריום. דער נאַציאָנאַל־ראַט אָרגאַניזירט אין זיין ראַם די אַמטן: פאַר עקאָנאָמישע ענינים, לאַנדווירטשאַפט, (טויזנטער יידן האָבן זיך דירעקט באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט אין ליטע, ווער ווי פאַכטער ביי פּריצים, ווער מיט מילך־ווירטשאַפט און עופות־צוכט, ווער מיט אַקערן און זייען ממש), קולטור, יתומים־ און קינדער־פאַרזאָרגונג, פּליטים און צוריקוואַנדערער, סאַניטאַר־מעדיצינישע אַרבעט, יורידישע הילף, ווידעראויפבוי, קאָאָפּעראַציע, אאַ"וו.

דער פאַרבאַנד פון די יידישע פאָלקס־בענק, מיטן „צענטראַל באַנק" ווי דער יידישער פינאַנס־צענטער צו שטיצן די יידישע קאָאָפּעראַציע אין ליטע, זענען דעמאָלט אויך געווען אָרגאַנען פון יידישע נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע.

דאָס יידישע מיניסטעריום האָט זיך פאַרנומען מיט די קהילות, זיי יורידיש אינסטרואירט און אינפעקציאָנירט זייער טעטיקייט, דאָס יידישע מיניסטעריום האָט זיך פאַרנומען מיט דער שול און דערציאונג, מיט סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. אויפזיכט איבער דער מעטריקאַציע־פירונג פון די קהילות, ווי מיט אַלע אַלגעמיינע ענינים פון די יידן און יידישע מוסדות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט אַפּהיטן און באַשיצן זייער רעכט, ביים יידישן מיניסטעריום האָט אויך עקזיסטירט אַ באַזונדערער פּרעסע־אַמט.

אָט האָט איר פּאַר זיך דעם גאַנצן בנין פון דער נאַציאָנאַל פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע אין ליטע: די דעמאָקראַטיש געווײלטע קהילה ווי די עיקר־צעל, דער צוזאַמענפּאַר פון די קהילות, אָדער די שפּעטערדיקע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, וואָס ווײלט דעם נאַציאָנאַל־ראַט, די העכסטע אויטאָנאָמע אינסטאַנץ, וואָס ווײלט דעם יידישן מיניסטער, וועלכער פאַרבינדט דירעקט די אַלע אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן מיט דער רעגירונג. די דאָזיקע פּיראַמידע איז דערגאַנצט געוואָרן מיט דער יידישער סיים־פראַקציע, וואָס האָט פאַרטיידיקט און באַשיצט די יידישע רעכטן פאַרן סיים. נאַטירלעך איז די יידישע סיים־פראַקציע געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיטן נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטער.

אין יענער צייט האָט די ליטווישע רעגירונג פאַרצעלירט די גרויסע פּריצישע גיטער, אייגעטיילט די פּויערים און ערד־אַרבעטער (באַטראַקעס) באָדנס. דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט, האָט נישט געקאָנט אויסלאָזן פון אויג דאָס פאַרטיילן די באָדנס, נישט נעמענדיק אין חשבון די יידן, וואָס זענען שוין מקיים, אָדער ווילן מקיים זיין די מצווה פון „המוציא לחם מן הארץ״. דעמאָלט האָבן זיך געריסן צו לאַנדווירטשאַפט הונדערטער באַפרייטע יידישע זעלנער פון דער ליטווישער אַרמיי. זייערע פאָדערונגען זיי צו געבן ערד ווי די ליטווישע בירגער איז נישט אויפגענומען געוואָרן מצד דער ליטווישער מאַכט מיט איבעריקער סימפּאַטיע.

אין פעברואַר 1921 איז פאָרגעקומען אין קאָוונע אַ קאָנפערענץ פון יידישע לאַנדווירטן, 4 צענדליק דעלעגאַטן האָבן רעפּרעזענטירט 437 יידישע לאַנדווירטשאַפטן. פון זיי 60 % קליינע ווירטשאַפטן, וואָס האָבן באַזיצט ביז 50 דעסיאַטין ערד און זיך געריסן צו פאַרגרעסערן זייערע

לאַנדווירטשאַפטן מיט מער ערד. די איבעריקע יידישע לאַנדווירטשאַפטן זענען געווען גרעסערע, פון מער ווי 150 דעסיאַטין אַ ווירטשאַפט, פונ־דעסטוועגן זענען זיי אויך געווען הונגעריק נאָך ערד.

„אָרט״ האָט דעמאָלט אַ סך געהאָלפן דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, אָבער „אָרט״ האָט זיי נישט געקאָנט געבן מער ערד...

עס דערמאָנט זיך, אַז דעמאָלט האָט דער נאַציאָנאַל־ראַט געשטיצט דעם „החלוץ״ מיט אַסיגנירן געלט־סומען אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסבילדונג. לויטן פאָרשלאַג פון מאַריאַמפּאָלער „החלוץ״־גרופּע, האָט דער נאַציאָנאַל־ראַט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט אַ יידישן גוטבאַזיצער, וואָס האָט געשטעלט אין רשות פון „החלוץ״ 150 מאָרג באָדן מיט זריעה. די חלוצים האָבן זיך איינגעשאַפט פערד מיט קי און גוט באַאַרבעט די שטחים ערד, וואָס דער „החלוץ״ פון מאַריאַמפּאָל האָט באַקומען. עס דערמאָנען זיך „החלוץ״־גרופּן מחוץ קאָוונע און מאַריאַמפּאָל, אין קיידאַן, אונגאַרינע, יאַנאָווקע און קאַבאַלינע (אָנהייב די 20ער יאָרן). מיר האָבן זיך יענע ערשטע יאָרן פון „החלוץ״ אין ליטע מער געפרייט מיטן פאַקט אַז יידישע יוגנט גייט זיך פּראָדוקטיוויזירן, ווי מיט דער „הכשרה״, און בעת מען פלעגט דאָ און דאָרטן שטעלן צום אָפּשטימען אַסיגנירונגען פאַר די ערשטע „החלוץ״־גרופּן אין ליטע, האָט מען שטענדיק מער אונטער־שטראָכן די „פּראָדוקטיוויזאַציע״, — ווי די צוגרייטונג פאַר עליה.

אַזוי, טריט ביי טריט, איז די אויטאָנאָמע מאַשין אַוועק אין גאַנג. ערשט מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער, אויף אַ געוויסער היסטאָרישער דיסטאַנץ קען מען אָפּשאַצן די שטילע גרויסע מילבן־אַרבעט, וואָס די אויטאָנאָמע אנשטאַלטן האָבן דעמאָלט דורכגעפירט אין ליטע צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלן „יש מאין״, נישט האָבנדיק די פּראַקטיק, די געניטקייט און נסיון אָנצופירן און פאַנאַנדערוויקלען אַ מלוכהשאַפטלעכע אַדמיניסטראַ־ציע, אַרויסצוהייבן די פריערדיקע פילאַנטראָפּישע, צדקה, און חברה קדישא קהילה, אין אַ מדינהשאַפטלעכן אָרגאַן, וואָס עקזיסטירט אין ראַמען פון אַ באַשטימטן פאָרויס באַשטעטיקטן ביודזשעט, געבויט אויף צוואַנג־שטייערן, אַן אָרגאַן מיט מלוכהשאַפטלעכע פונקציעס מיט רעכט פון מע־טריקאַציע, בויען אַליין שולן און צו שטיצן שולן געבויט דורך אַנדערע

מיט אַ באַשטימטן אידעאָלאָגישן אינהאַלט, צוגעפּאַסט צו די אידייען פון די, וואָס האָבן די שולן געבויט. די קהילה איז געבויט און באַזירט געוואָרן אויף פּאַרטיי־פּראָקציעס און ריכטונגען, כדי צו קענען יעדן „שותף" מינימאַל צופרידנשטעלן, כדי אַלעמען צו האַלטן צוזאַמען, אין אַ געוויסער מאָס, צעמענטירט אונטער איין דאַך, צו טאָן די אַרבעט עפנטלעך בפני „עם ועדה", אויך צו האַלטן מסובים ביי איין טיש ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן, פרייזיניקע און רעליגיעזע.

לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז די פריערדיקע גבאיש־רעליגיעזע קהילה איז געווען איינגעוועבט אינעם יידישן לעבן און באַוואוסטזיין מדורי דורות, האָט געשאַפן אַן אייגענעם אייגנאַרטיקן קהלשן שטייגער, וואָס די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע האָט לכתחילה נישט געטאָרט פּסיכאָלאָגיש צעברעכן, נישט שאַרף פוגע זיין. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע האָט געמוזט גלייכצייטיק אָפּהיטן די אַלטע טראַדיציאָנעלע כלי, און איר אָנפילן מיט אַ נייעם נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישן אינהאַלט, וואו ס'דאָמינירט מער די וועלטלעכקייט, ווי דאָס רעליגיעזע, וואָס איז חלילה נישט געוואָרן באַוואוּלהט פון די נייע פרייזיניקע קהילה־ראַטמענער. דאָס אומגעקערטע איז געווען ריכטיק, די פרייזיניקע מערהייט האָט זיך ערנסט גערעכנט מיט דער רעליגיעזער מינדערהייט, וואָס האָט עס גאָר אָפּגעשאַצט ווי אַ שוואַכקייט, נישט ווי אַ לאָיאַליטעט און טיפן ווילן אָפּצוהיטן כלפּי חוץ די גאַנצקייט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

ווידער דער נאַציאָנאַל־ראַט און יידישער מיניסטעריום האָט געמוזט שאַפן דעם ספּעציפישן יידישן מלוכה־באַאַמטן, וואָס איז נישט געווען, אַ מלוכה־באַאַמטער, וואָס זאָל אין יידיש און טיילווייז אין העברעאיש לשון פירן די קאָרעספּאָנדענץ, ביכער און אַדמיניסטראַציע. אין דער אויטאָנאָמער ראַם זענען יידיש מיט העברעאיש געווען גלייכבאַרעכטיקט. מען האָט געמוזט שאַפן דעם יידישן מלוכהשאַפטלעכן פּרעציזן שריפטלעכן סטיל, פאָרמולאַרן, אָפיציעלע נוסחאות, יורידישע אויסדרוקן. אַז מען האָט געבויט אויטאָנאָמע, מאָדערנע שולן פון אַלע ריכטונגען, האָט מען געמוזט זאָרגן און באַזאָרגן זיי מיט פּאַסנדיקע לערנביכער אין יידיש, ווי אין העברעאיש, און מען האָט אויך באַדאַרפט שאַפן

די לערער פאר די שולן, ווי די באאמטע פאר די אנשטאלטן — דאס אלץ איז געווען זייער, זייער ווייניק אין ליטע אין די צוואנציקער יארן.

נאטירלעך האבן די אויטאנאמע אנשטאלטן געדארפט האבן גענײטע איבערזעצער, מומחים, גוטע קענער פון ליטוויש לשון, איבערצוזעצן און סטיליזירן די ברייטע קארעספאנדענץ מיט דער ליטווישער רעגירונג און מוניציפאליטעטן. אין א קורצער צייט האט מען זיך מתגבר געווען איבער אלע שוועריקייטן און זיך איינגערעדט, אז אט שטייט שוין אויסגעבויט דער אויטאנאמער בנין „על תלויה", ווי א „פעסטונג" אויף דורות און נישט ווי א בנין געבויט אויף זאמד...

אין דעם פרט איז צו דערמאנען צוויי מענטשן „אלמונים", וואס האבן געדינט דעם יידישן נאציאנאל־ראט און מיניסטעריום ווי מומחים אין ליטוויש לשון: — דער סטודענט פאשקוס, א קריסט, וואס האט חוץ זיין מוטער־שפראך ליטוויש, געקענט אויסגעצייכנט יידיש אין ווארט און שריפט, און דער יונגער געלערנטער שולמאן, וואס האט געקענט ליטוויש לשון בעסער ווי א ליטווין; ביידע האבן אויסגעפירט זייער ארבעט בשלימות. פאשקוס האט זיך געפילט אין נאציאנאל־ראט ווי ביי זיך אין דער היים, און גערעדט א זאפטיקן יידיש. שולמאן האט פארפאסט א יידיש־ליטווישן ווערטער־בוך, וואס האט אלעמען גוט געדינט.

דער נאציאנאל־ראט האט דעמאלט געהאלפן שאפן די „היסטאריש־עטנאגראפישע געזעלשאפט אין ליטע", וואס איז באזונדערס געווען צום הארצן דעם יידישן מיניסטער ד"ר מ. סאלאווייטשיק — אליין א היסטאריקער. אין דער זעלבער צייט (1922) איז אויך געשאפן געווארן די „יידישע טעאטער־געזעלשאפט", וואס האט קאנצענטרירט ארום זיך באגייסטערטע ליבהאבער פון טעאטער: סטודענטן, ארבעטער, אינטעליגענץ, — די דערמאנטע געזעלשאפט האט געשטיצט און געמונטערט די פאראלעל געשאפענע „טעאטער סטודיע", — דער נאציאנאל־ראט האט אלעמען געשטיצט מיט סובסידיעס און פראטעזשירט.

* * *

ווי גרויס ס'איז נישט געווען די „ליבע" צווישן די יידן און ליטווינער, האבן זיך די יידן נישט געוואלט פארלאזן נאר אויף רעטארישע און

אַרטיקע פּאַפּירענע הבטחות פון דעם אָדער יענעם מיניסטער, אַפילו נישט פון דער רעגירונג בכבודה. דעמאָלט האָט מען נאָך גע־גלויבט אינעם אויטאָריטעט פון דער „וועלט", האָבן זיך די יידן פון ליטע געווענדעט צום „קאָמיטעט פון די יידישע דעלע־גאַציעס אין פּאַריז", בראש מיט ד"ר לעאָ מאָצקין, צו פאַרזיכערן די נאַציאָנאַל־יידישע אויטאָנאָמיע אין ליטע אין די אַנטשפּרעכנדיקע אינ־טערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן.

דער „קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז" האָט צו־געשטעלט דעם ווערסאַלער שלום־קאָנגרעס אַ מעמאָראַנדום און געפאָ־דערט פון די ניי־עטאַבלירטע מדינות אין מזרח־אייראָפּע, אָפיציעל צו אָנערקענען די יידישע מינדערהייט אַלס אַן אויטאָנאָמע זעלבסטשטענדיקע קערפּערשאַפט מיט רעכט אַליין צו שאַפן און „אַליין צו פאַרוואַלטן מיט זיינע קולטורעלע, רעליגיעזע, וואוילטעטיקע און סאָציאַלע אינסטיטור־ציעס" (51טער פונקט).

די ליטווישע שלום־דעלעגאַציע, האָט אויף דער דערמאָנטער פאָדע־רונג געענטפערט מיט אַן אָפיציעלן בריוו (דעם 5.8.19) אַדרעסירט צום קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס ביי דער שלום־קאָנפערענץ אין ווער־סאַל, אַזוי צום לייענען:

„די ליטווישע רעגירונג האָט אָנגענומען, אין הסכם מיט די יידישע פאַרטרעטער, פאָלגנדיקע פּרינציפּן, וואָס בילדן און וועלן בילדן אַ טייל פון די גרונט־געזעצן (פון ליטע).

1) „די מיטגלידער פון דער יידישער נאַציע (אין ליטע) גלייך ווי אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, רעליגיע און שפּראַך, געניסן פולע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט".

2) „די יידן האָבן און וועלן ווייטער האָבן אַ פּראָפּאָרציאָנעלע פאַר־טרעטערשאַפט אין אַלע געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן".

3) „די יידן נעמען אָנטייל אין רעגירונג און אין די געריכט־אינס־טיטוציעס.

צו פאַרוואַלטן מיט זייערע ענינים איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציע־לער מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים".

4) „דאָס רעכט אויף פּראָפּאָרציאָנעלער פאָרטרעטערשאַפט און גע־זעצגעבערישע אַנשטאַלטן, ווערט גאַראַנטירט דורך דער שאַפונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער קוריע, אָדער אויף אַן אַנדער אופן, וועלכן מ׳וועט געפינען פּאַסיק פאַר דעם צוועק״.

5) „די יידן האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן פריי זייער שפּראַך אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע, אין טעאַטער, אין די שולן, ביים צוזאַמענשטעלן פאַרשיידענע אַקטן אין געריכט־ און רעגירונגס־אַנ־שטאַלטן״.

6) „דאָס רעכט פון די יידן צו פייערן שבת און אַנדערע ימים־טובים, ווי אויך מקיים זיין די אַלע אַנדערע דינים פון זייער רעליגיע, קען נישט באַגרענעצט ווערן, נישט דירעקט נישט אומדירעקט. — די רבנים האָבן די זעלבע רעכטלעכע שטעלונג ווי די גייסטלעכע פון אַנדערע רעליגיעס״.

7) „די יידן זענען אויטאָנאָם אין זייערע אינערלעכע ענינים, דהיינו: רעליגיע, וואוילטעטיקייט, סאָציאַלע הילף, אונטערריכט און אין די עני־נים פון גייסטיקער קולטור אין אַלגעמיין״.

„דער ווירקונגס־קרייז פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע וועט גענוי פעסטגעשטעלט ווערן אויפן געזעצגעברישן אופן, און וועט גאַראַנטירט ווערן דורך די גרונט־געזעצן״.

„די אָרגאַנען פון דער יידישער אויטאָנאָמיע זענען: די אָרטיקע קהי־לות און דער קהילות־פאַרבאַנד״.

„דאָס לערנען אין די יידישע אָנפאַנגס־שולן איז אָבליגאַטאָריש, אַל־געמיין און אומזיסט, אויב אַזאַ אָרדענונג וועט אויפן געזעצגעברישן אופן פעסטגעשטעלט ווערן אויך פאַר אַנדערע שולן״.

8) „די אָרגאַנען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע ווערן, לויטן מוסטער פון דער טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע, באַטראַכט אַלס מדינהשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און האָבן דאָס רעכט אין די גרענעצן פון זייער טעטיקייט און קאָמפּעטענץ אַרויסצוגעבן באַשטימונגען, וואָס זענען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע פערזאָנען פון דער נאַציאָנאַליטעט״.

„אויסער דעם האָבן זיי דאָס רעכט אַרויפצולייגן אויף זייערע מ׳יט־גלידער ספּעציעלע שטייערן אויף צו דעקן זייערע אויסגאַבן. וואָס איז

שײך די בירגערלעכע רעכט, האָבן די ײדישע קהילות און דער קהילות־פאַרבאַנד דאָס רעכט פון יורידישע פּערזאָנען".
פאַריז, אויגוסט דעם פינפטן, 1919.

געחתמעט: פּראָפעסאָר װ. װאָלדעמאַראַס.
סעקרעטאַר: פּ. קלימאַס.

אין אָקטאָבער 1920 האָט דער אויסערן־מיניסטער פּוריצקיס, באַשטעטיקט די פּרינציפּן װאָס זײַנען אויסגעדריקט געװאָרן אין פריער ציטירטן בריװ פון פּראָפעסאָר װאָלדעמאַראַס.

אין יענער צײַט איז פּראָפעסאָר סמעטאָנאַ באַשטימט געװאָרן אַלס ערשטער פּרעזידענט פון ליטע.

שפּעטער האָט דער ליטװישער סײם פאַרזיכערט די ײדישע נאַציאָנאַלע פּערסאָנעלע אויטאָנאָמיע און זײ פאַראַנקערט אין דער קאָנסטיטוציע, אין די פאַראַגראַפן 73 און 74.

די פאַראַגראַפן 73, 74 פון דער ליטװישער קאָנסטיטוציע האָבן זיך געלײענט:

פאַראַגראַף 73: „בירגער פון נאַציאָנאַלע מינדערהײטן, װאָס בילדן אַן אָנגעזעענעם טײל פון דער באַפעלקערונג האָבן דאָס רעכט, אין די ראַמען פון געזעץ, אָנצופירן אויטאָנאָם מיט די ענינים פון נאַציאָנאַלער קולטור, פאָלקס־בילדונג, װאוילטעטיקײט, און קעגנזײטיקע הילף. כדי אָנצופירן מיט די אַלע ענינים, װײלן זײ רעפּרעזענטאַטיװע מוסדות לויט אַ באַשטימטער אָרדענונג דורכן געזעץ".

פאַראַגראַף 74: „די דערמאָנטע מינדערהײטן אין פאַראַגראַף 73 האָבן דאָס רעכט אין די ראַמען פון באַזונדערע געזעצן, צו באַשטײערן זײערע מיטגלידער פאַר קולטור־צװעקן, און צו באַקומען פון דער רעגירונג װי פון די זעלבסטפאַרװאַלטונגען אַ גערעכטן טײל פון די געלט־סכומים, װאָס װערן באַשטימט פאַר פאָלקס־בילדונג".

דעם 12טן מאַי 1922 האָט די ליטװישע רעגירונג, אין זין פון די דערמאָנטע פאַראַגראַפן, אָפּגעגעבן אַ ספּעציעלע דעקלאַראַציע פאַר דעם „פעלקער־בונד".

דעמאָלט איז ליטע אַריינגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין „פעל־קער־בונד“, וואָס האָט פאַרפליכטעט יעדער נייע מדינה צו פאַרזיכערן דאָס רעכט פון די מינאָריטעטן. די ליטווישע רעגירונג האָט דורך איר דעלע־גאַציע אין „פעלקער־בונד“ צוגעגעבן עטלעכע צוגאָב־פאַרפליכטונגען כלפּי אירע מיעוטים, ווי: — „פאַרלייכטערן די מינדערהייטן צו באַנוצן די מוטער־שפּראַך מינדלעך און שריפטלעך אין די געריכטן פון ליטע“.

אָט — האָט מען אַזויפיל, אַזויפיל צוגעזאָגט, בשפע, און אַזויפיל באַלד אָפּגעשאַפן, צעטרעטן און באַשפּיגן...

וויכוחים

אינעם יידישן לעבן אין ליטע זענען יענע יאָרן אָנגעגאַנגען הייסע דיסקוסיע, וועגן מהות, תכלית און צילן פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

די גרעסטע חסידים פון דער אויטאָנאָמיע זענען געווען די קלענסטע געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע צווישן בירגערטום — די פאָלקיסטן, וואָס האָבן געיובלט באשר „זייער" פּראָגראַם קריגט הויט און ביינער. „זייער" פּראָגראַם ווערט אַ נאַציאָנאַלער „קנין" פון יידישן פאָלק, — „אַט זעען מיר", האָבן זיי געטענהט, „אַז יידן קענען זיך נאַציאָנאַל פולבלוטיק אויסלעבן אין גלות. יידיש איז מלוכהשאַפטלעך אָנערקענט, די קהילה איז געוואָרן די נאַציאָנאַלע צעל פון די יידן אין ליטע, זי רעאַליזירט די יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין יידישן לעבן. די צרה איז נאָר דאָס שול־וועזן, וואָס איז נישט איינהייטלעך, נישט אַלגעמיין, נאָר פּאַרטייאיש געבויט אויף אידייאישע ריכטונגען, בעת אַ מלוכהשאַפטלעכע, רעכטלעכע, אויטאָנאָמע שול מוז זיין איינהייטלעך, אומפּאַרטייאיש, נישט צעריסן". „די אויטאָנאָמע שול דאַרף דערציען אַ נייעם „גאַנצן יידן", וואָס וועט זיך אויסקלייבן זיין פּאַרטיי, ווען ער וועט עלטער ווערן און הערשן איבערן אייגענעם שכל".

די פאָלקיסטן אין ליטע זענען געווען פּרינציפּיעלע יידישיסטן, נישט איגנאָרירנדיק העברעאיש ווי אַ שפּראַך צום לערנען אין יידישן שול־וועזן. די פאָלקיסטן זענען נישט געווען צעמענטירט אין אַ פּאַרטיי, זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּאַרטיי־דיסציפּלין, ס'איז זיי אַזוי געווען ניחא. יעדער פאָלקיסט האָט געהאַנדלט פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך ווי ער האָט פאַרשטאַנען. ס'זענען געווען פאָלקיסטן פּראָ־ציוניסטן, „כמעט" ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן — פּרינציפּיעלע גלותיסטן. די רעאַליזירונג פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז געווען דער אידייאישער ציל פון דער מערהייט פאָלקיסטן.

די ציוניסטישע פּאַרטייען, איינגעשלאָסן צ.ס. – צעירי־ציון, האָבן אין דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע געזען אַ מיטל צום ציוניזם. אַ צוגרייטונגס־עטאַפּ פאַר ישוב־ארץ־ישראל און נישט געגלויבט אין דער האַפּטיקייט פון דער אויטאָנאָמיע, זיכער נישט ווי אין אַ „ניצחיות". די בירגערלעך־ציוניסטישע פּאַרטייען מיט צ.ס. – צעירי־ציון האָבן אָנערקענט און געשטיצט די „תרבות"־שול־ריכטונג, מיט העברעאיש אַלס אונטעררינכט־שפּראַך. די „תרבות"־שול זאָל עס דערציען ציוניסטישע יוגנט־קאַדרען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אַ יוגנט, וואָס זאָל באַהערשן העברעאיש און וויסן דעם באַדייט פון ציוניזם. (אגב האָט דאָס געזעץ פאַרפליכטעט אַלע שולן אין ליטע צו לערנען ליטוויש, וואָס פלעגט אויסגענוצט ווערן ווי אַ טענה: אַט האָסטו אַ דריטע שפּראַך אויפן יידישן קינדס קאָפּ...).

וועגן די קהילות האָבן די ציוניסטישע פּאַרטייען געטענהט, אַז זיי זענען טאַקע די אָרטיקע נאַציאָנאַלע צעלן צו רעאַליזירן די יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, אָבער די דאָזיקע צעלן דאַרפן זיין אָנגעפילט מיט אַ ציוניסטישן אינהאַלט. די קהילות מוזן זאָרגן און שטיצן די פּראָדוקטיוויזאַציע פון יידן, בעיקר פון דער יוגנט. די קהילה זאָל נישט נאָר העלפן רעטאָריש לענקען די יידישע עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, נאָר אויך צו שטיצן מאַטעריעל די עולים מיט די חלוצים. די דאָזיקע שטעלונג איז געווען אין ווידערשפּרוך צו דער פאָלקיסטישער קאָנצעפּציע, אַז די אויטאָנאָמיע — „מוז דערמעגלעכן דעם יידן זיך נאַציאָנאַל פולבלוטיק אויסלעבן אין גלות, נישט צו דאַרפן עמיגרירן" — — — די ציוניסטן האָבן דערווידערט די פאָלקיסטן און צוגעגעבן: „אַז גראָד אין דער אויטאָנאָמער ראַם, וועט דער ייד דערוועקן זיין נאַציאָנאַלע זעלבסטווירדע און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, וואָס וועט אים באַוועגן צו בויען די אייגענע מדינה וואו ער וועט זיך פילן ווי אַ פרייער גאַנצער ייד, נישט מוזן זיין אָפּהענגיק פון די חסדים פון פרעמדע סיימען און „גוטע" פריצים.

די רעליגיעזע „אחדות" (אגודת ישראל) האָט אין דער אויטאָנאָמיע געזען נישט נאָר אַ „אצבע אלהים", נאָר אַ „גרויסן חסד" פון די אומות העולם, צו לאָזן די יידן זיך רעליגיעז אויסלעבן אין גלות, ביז משיח וועט קומען.

די „מזרחים" וואָס זענען נאָך דעמאָלט געווען ווייניק אין צאָל, האָבן נאָר געקענט חלומען וועגן „קלעריקאַליזירן" די אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן אין ליטע, האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט קריגן זייער חלק אין די אַפּאַראַטן פון די מוסדות און פון די ביודזשעטן, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט דערציען זייערע קינדער און יוגנט אָן „פרעמדער" וועלטלעכער אַריינמישונג.

די יידסעקציע האָט איגנאָרירט די אויטאָנאָמיע פון די יידן אין ליטע, און דאָס קוואַליפיצירט „ווי אַ קליינבירגערלעך בורזשואַז־ציוניסטישע מאַכעריי" צו „באַדריקן און שטיקן די יידישע מאַסן פון אינעווייניק", זיי „נאָך מער צו פאַרשקלאַפן".

די יידסעקציע האָט אָנערקענט די אויטאָנאָמיע אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זי האָט זיי געקענט דינען ווי אַ „טריבונע" צו פּראָפּאַגאַנדירן די קאָמוניסטישע אידעאַלן, צו רעוואָלוציאָניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס". אויף דער פראַגע — „אויב אַזוי, פאַרוואָס פסלט איר נישט די סובסידיעס פון די קהילות, צוהילף אייערע שולן?" פלעגן זיי ענטפערן, אַז דורך די סובסידיעס קריגן זיי צוריק אַ טייל פונעם צוואַנגס־שטייער, וואָס זיי צאָלן קעגן זייער ווילן.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָבן די לינקע פּועלי־ציון, געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער נאַציאָנאַל פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע פון די יידן אין ליטע, צו שטרעבן, צו אַ העכערער מדרגה, „צו אַן אייגענער *יידישער אַרבעטער־אויטאָנאָמיע*, צו *יידישע אַרבעטער־ראַטן* אנשטאָט קהילות, באַלד ווי די מאַכט וועט אַריבערגיין אין סאָציאַליסטישע הענט. אין אַ סאָציאַליסטישן שטייגער און ביי אַ סאָציאַליסטישער מאַכט טאָר נישט ליקווידירט ווערן דאָס *אינערלעכע געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן*, די *אינערלעכע יידישע נאַציאָנאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג*. די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור־שאַפונג, די יידישע שפּראַך, די יידישע אייגנאַרטיקייט קען פון דער טבע נישט איבערזעצט, נישט טראַנסלירט ווערן אויף קאָמוניזם פון דרויסן. די יידישע מאַסע איז נישט קיין זאַלץ, זי וועט נישט צעגיין אַפילו אין אַ סאָציאַליסטישן ים. די יידן וועלן ווייטער בלייבן יידן, וועלכע וועלן געטריבן ווערן צו

עמיגראַציע און טעריטאָריזירונג אַפילו אין דער קאָמוניסטישער אָרדע־נונג, וואָס די קאָמוניסטן וועלן מוזן אָנערקענען צוזאַמען מיטן אַרבעטער־ציוניזם, וואָס איז ביכולת צו לייזן די יידישע פראַגע דורך אַ טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע אין ארץ־ישראל, וואו די יידישע אַרבעטער בויען איצט זייער סטראַטעגישע באַזע".

די לינקע פועלי־ציון האָבן נישט אויפגעהערט שמידן זייער טענה, אַז סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם מיינט נישט מעכאַנישע נאַציאָנאַלע ליק־ווידאַציע. דער סאָציאַליזם, אָדער קאָמוניזם וועט ביי יידן זיין אַ יידי־שער, וואָס וועט אַרויסדרינגען ממעמקים, פון דער טיף פון דער יידישער אייגנאַרטיקייט, פונקט ווי דער רוסישער קאָמוניזם, וואָס איז אויך נישט צוגעקלעפּט געוואָרן צום רוסישן אַרבעטער־קלאַס פון דרויסן, און נישט איבערזעצט געוואָרן פון אַן אַנדער שפּראַך...

„די שפּראַך אַליין, קען נישט פאַרבייטן אַלץ, וואָס איז אייגנטימ־לעך, נאַציאָנאַל. פועלי־ציון האָבן דעמאָלט געטענהט, אין ליטע, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס, וועט נישט מוותר זיין אויף זיין זעלבסט־שטענדיקייט, און וועט קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָסמאָפּאָליטישער סעקציע פון אַ קאָמוניסטישער פאַרטיי און צודעקן די הוילקייט, די נאַציאָנאַלע אויסגעלייידיקטקייט נאָר מיט אַ פּסעוודאָ־פּאַט־ריאָטישקייט כלפּי דער יידישער שפּראַך, וואָס ווערט אויך פאַרקריפּלט דורך דער יידסעקציע.

ס'איז דאָך דעמאָלט געווען די היסטאָרישע תקופה פון דער ווינער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון, וואו די וועלט־באַוועגונג האָט זיך גע־שפּאָלטן אויף רעכטע און לינקע פועלי־ציון, בעת די ליטווישע פאַרטיי האָט זיך נישט געשפּאָלטן, נאָר אַלס גאַנצע זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם לינקן טייל פון דער באַוועגונג, און צוזאַמען מיט אַלע לינקע פועלי־ציון פאַרטייען אָפּגעוואָרפן דעם „אָנשלוס"־פאָרשלאַג פון קאָמינטערן מיט די באַרימטע „21 פונקטן".

אינעם שפּראַכן־וויכוח האָבן די לינקע פועלי־ציון אין ליטע, ווי אור־מעטום, געשטיצט יידיש ווי די אונטעררכט־שפּראַך אין שול־וועזן. לינקע פועלי־ציון אין ליטע זענען געווען אָנגעשלאָסן אין דער „קולטור־ליגע",

וואָס האָט געבויט און אויסגעהאַלטן דעם וועלטלעכן ייִדישן שול־וועזן אין ליטע.

— „וועלטלעכקייט אידענטיפיצירט זיך מיט פרייהייט פון געוויסן, וואָס איז נאָענט צום סאָציאַליסטישן אידעאַל. מען טאָר נישט אויסליפערן די ייִדישע וועלטלעכע אַרבעטער־שולן דער ייִדסעקציע, מען דאַרף ווירקן פון אינעווייניק, די לערער קענען אין דער וועלטלעכער שול דערציִען די יוגנט פאַרן אַרבעטער־ציוניזם״.

לינקע פועלי־ציון אין ליטע האָבן געשטיצט די פאָדערונג איינצופירן העברעאיש, ווי אַ לימוד־שפראַך אין אַלע העכערע קלאַסן פון אַלע ייִדישע וועלטלעכע שולן.

די ייִדסעקציע האָט גוט געוואוסט, אַז אַליין וועט זי נישט מקיים זײַן אַ ייִדישן „ייִדישיסטישן״ וועלטלעכן שול־וועזן אין ליטע. פּשוט: מאַסן עלטערן וועלן נישט שיקן זייערע קינדער אין דירעקטע אַנטי־נאַציאָנאַלע כפירה־שולעס. האָט זיך די יעווסעקציע, וואָס איז געווען די מערהייט אין „קולטור־ליגע״ אין דעם פּרט געמוזט אַרויסשטעלן אַלס „נייטראַלע״ און אויך באַשעפּטיקן פועלי־ציוניסטישע און אומפּאַרטייאישע לערער, וואָס האָבן נאַטירלעך אונטערריכט אין דער אַנגעצייכנטער פּראָגראַמאַטישער ראַם, אָבער אין זייער גײַסט, לויט זייער געוויסן און אַרײַנגעוועבט זייערע אידייען אינעם אונטעררריכט־געוועב. די „קולטור־ליגע״ האָט זיך געמוזט רעכענען מיט די עלטערן און אויך אָפּהיטן געוויסע באַציאונגען פון פּיעטעט כלפּי ייִדישע נאַציאָנאַלע ווערטן, אָפּצוהיטן די שבתים, ימים־טובים, אויפצוקלערן די קינדער דעם באַטײַט פון ייִדישן יום־טוב, אַפילו וועגן חנוכה, פּורים, ל״ג בעומר, תשעה באב, נישט איגנאָרירן חומש־מעשהלעך, ייִדישע געשיכטע דערציילן, אָדער אַרײַנפלעכטן אינעם לימוד פון געשיכטע, פּרטים פון תנ״ך, וועגן נביאים, וועגן אַמאָליקן ארץ־ישראל וכדומה. נאַטירלעך איז אַלץ געווען אָפּהענגיק פון די לערער, וואָס האָבן נישט געקאָנט איגנאָרירן די טיף־פאַרוואָרצלטע טראַדיציאָנעלע פאָלקס־טימלעכקייט פון די ייִדן אין ליטע. ואחרי ככלות הכול, זענען די ייִדסעקן נישט געווען די מערהייט צווישן די לערער פון די ייִדישע וועלטלעכע שולן, צווישן די עלטערן זיכער נישט.

אינעם „האַניק״-פּעריאָד

די „האַניק־תּקופה״ פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין ליטע, האָט אָנגעהאַלטן קנאַפּע דריי יאָר צייט. דער ערשטער קהילות־צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען דעם 5טן יאַנואַר 1920.

כאָטש דער צוזאַמענפאָר האָט נישט געהאַט מיט וואָס באַזונדערס זיך אויסצוצייכענען, האָט ער אַרויסגערופן התפעלות מיט האָפענונגען ביי יידן, ווייט אויסער די גרענעצן פון ליטע. ראשית, דער אויפטריט פון אייגענעם יידישן מיניסטער, וואָס איז געווען עלעגאַנט און מלכותדיק; והשנית, די נישט־יידישע הויכע געסט אויפן קהילות־צוזאַמענפאָר, וואָס האָבן געבראַכט אָפיציעלע באַגריסונגען פון דער ליטווישער רעגירונג און מיט דעם געגעבן דעם צוזאַמענפאָר וואָג און אויסערלעכן גלאַנץ. די גע־ליטענע יידן פון מזרח־אייראָפּע, אין יענע יאָרן, זענען נישט געווען גע־וואוינט צו ווערן געגלעט און פּערזענלעך באַגריסט פון מיניסטאָרן, וואָס זענען זיך מטריח צו קומען אויף אַזאַ יידישן כינוס. אַזוינס האָט געמוזט אַרויסרופן התלהבות מיט האָפענונגען. און ס׳האָט זיך געפילט אַ יום־טובדיקייט, אַ דערהויבנקייט אין אַלע יידישע קרייזן פון לאַנד. מען האָט זיך געמעגט פאַרגינען אַ פּאָר טראָפּנס טרייסט מיט נחת רוח נאָך אַלע עינויים פון דער וועלט־מלחמה, באַזונדערס נאָכן גירוש.

אני הקטן, איינער פון די געבוירענע אין 1900, בין געווען איינער פון פיל, וואָס די וועלט־מלחמה מיט דער רעוואָלוציע האָבן פאַרצערט און פאַרברענט די שענסטע יוגנט־יאָרן, איבערגעריסן זייער סיסטעמאַטישע בילדונג, אַרויסגעריסן פון אַ וואַרעמער היים, מיטגעריסן מיטן רעוואָלו־ציאָנערן שטראָם ביז צו פאַרוואָרפן יעדן פּערזענלעכן לעבן און זאָרג פאַרן מאָרגן. פונדעסטוועגן האָב איך נישט אויסגעלאָזן נישט איין פרייע שעה, נישט די מינדסטע געלעגנהייט ווייטער צו לערנען און שטודירן. אין 1920 זענען שוין געווען אין קאָוונע גענוג פּועלי־ציוניסטישע עסקנים, עלטערע פון מיר; מער געניטע מיט מער וויסן, בתוכם מענטשן מיט הויכער ביל־

דונג — האָב איך מיר געקענט פאַרגינען צו ווידמען מער צייט פאַר מער גרינטלעך־סיסטעמאַטישער בילדונג, זיך מער פאַרטיפן אין מיינע ביכער און העפטן, נאַטירלעך, נאָך דער אַרבעט, חלילה נישט אויפן חשבון פון זיצונגען, פאַרזאַמלונגען און כלערליי שליחותן.

מיט דער הילף פון משה ערעם, האָב איך לכתחילה באַקומען דעם פּאָסטן פון „אָזע״־סעקרעטאַר אין קאָוונע. אַן אַרבעט שטאַרק צום האַרצן, באַזונדערס איז געווען גרויס מיין זכות צו ווערן אַ תּלמיד פון אַזעלכע וואונדערלעכע מענטשן, יידישע הומאַניסטן, ווי ד״ר זיגפריד ליימאַן און לאַזאַר גורעוויטש, וואָס שטייט עד היום בראש פון אַלוועלטלעכן „אָזע״. דאָרטן האָב איך זיך באַקענט און באַפריינדעט מיט ד״ר בנימין בליודז, מיט ד״ר רוטנבערג און ד״ר קאַמבער, מיט ד״ר שטראַסבורג און מיטן קדוש פון ווילנער געטאָ, מיין פריינד און לערע ד״ר לאַזאַר פינקלשטיין, מיטן ציוניסטישן מנהיג אין ליטע ד״ר בנימין בערגער, מיטן יונג פאַר־שטאַרבענעם ד״ר פוקס, וואָס האָט ווי ד״ר ל. פינקלשטיין געטראָגן אַ מיליטערישן אוניפאָרם פון הויכן אָפיצירן־ראַנג אין דער ליטווישער אַרמיי.

די ביוראָ פון „אָזע״ אין קאָוונע איז דעמאָלט געווען אין דער עס־שטוב פון ד״ר ז. ליימאַן, וואו כ׳פלעג צוזאַמען מיט לאַזאַר גורעוויטש, וואָס האָט דעמאָלט קוים געקענט ריידן אַביסל צעבראָכן יידיש, אויסהערן נוסחאות פון בריוו און פּראָיעקטן אין רוסיש, אַמאָל אין דייטש, און גלייך פון מויל זיי איבערזעצן אין שריפט אין דער אָפיציעלער שפּראַך פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, אין יידיש. כ׳האָב געהאַט דעם זכות בייצווויין און איבערלעבן דעם ציטער און יצירה־פרייד פון שאַפן דאָס גרויס געזעל־שאַפטלעך מעדיציניש ווערק אין ליטע, וואָס „אָזע״ האָט פּלאַנירט, איינ־געפּעדעמט און צום גרעסטן טייל געלאָזט דעם נאַציאָנאַל־ראַט רעאַליזירן, אויסבויען און אויסברייטערן. דער סאַניטאַר־היגיענישער מצב ביי די יידן אין ליטע, איז דעמאָלט געווען בשפל המדרגה.

די צוריקגעוואַנדערטע האָבן נישט געהאַט געהעריקע דירות, אַ סך יידן האָבן געלעבט אין ענגשאַפט און שמוץ, אין דחקות און נויט. ס׳איז דע־מאָלט נישט געווען נישט קיין קאַנאַליזאַציע, נישט קיין וואַסער־ליייטונג, ס׳האָט געפעלט זייף און ס׳האָבן געפעלט מעדיקאַמענטן. טויזנטער יידישע

ערשטע „אָזע"־קאָנפֿערענץ אין ליטע, מערץ 1923

ס'זיצן ביים פּרעזידיום־טיש פון רעכטס צו לינקס: 1) פּראָפעסאָר לאַזאַרסאָן (דערמאָרדעט דורך די נאַציס אין קאָוונע בעת דער וועלט־מלחמה); 2) ש. שמעוני; 3) ד"ר בלאָד (איצט אין ראטנפאַרבאַנד); 4) ד"ר בערמאַן־רוטנבערג (געשטאָרבן אין ישראל); 5) פאָרזיצער ד"ר לאַזאַר פינקלשטיין (דערמאָרדעט דורך די דייטשן אין געטאָ ווילנע). ס'שטייען אין דער צווייטער שורה: פון רעכטס צו לינקס: 1) פרוי ד"ר קאמבער; 2) ד"ר שטראסבורג; 3) ד"ר אייזנבוד; 4) אומבאַקאַנט; 5) ד"ר פיק (שאוול); דער לעצטער לינקס אין דער צווייטער שורה איז דער בונדישער מנהיג שער. אין דער לעצטע שורה ביי דער וואַנט, דער דריטער

מענטשן זענען געקומען פון גירוש אונטערדערנערטע, פּאַרוואָרלאָזטע אין געזונט; אַ סך פון זיי „געבענטשט" מיט „פּאַוואוס" און „טריכאָפּיטיאַ" (פּאַרכעס). ס'פלעגן אויסברעכן מגיפות פון טיפוס און דיזענטעריע; מען האָט דעמאָלט נישט געפירט קיין ספּעציעלע סטאַטיסטיק פון יידישע קינדער־שטערבלעכקייט; מען האָט נישט געוואוסט, אַז זי איז גרויס. נישט אין יעדער שטעטל איז געווען אַ דאָקטער, זיכער נישט קיין אַפּטייק. אנשטאָט אַ דאָקטער, האָט זיך געפונען אַ פעלדשער, מיט אַ „באָבע" אנשטאָט אַן אַקושאָרקע. אנשטאָט אַן אַפּטייק האָט איר געפונען דעם „אַפּטעטשנעם סקלאַד", וואָס פלעגט פאַרקויפן „אוניווערסאַלע" רפואות, פאַרשריבענע פונעם פעלדשער. מיר האָבן דעמאָלט רעגיסטרירט דעם „אַסאָרטימענט" מעדיקאַמענטן און מעדיצינישן „אינסטרומענטאַר", וואָס עס פלעגט זיך געפינען אין אַזאַ „אַפּטייק־סקלאַד": ריצינאייל, צינק זאַלב, („צינקאָווע מאַשטש"...), „גאָרטשיצע" (זענעפט), יאָדאָפאָרם און קסעראָפאָרם „פּראָשעק", „שאַרע־זאַלב" (קעגן מענדאָוועשקעס), „אַראָמאַטישנע עסיק" קעגן רעוומאַטיזם, טרינק־סאָדע, „שוואַרצע זאַלב" (איכטיאָל), יאָד, וואַלעריאַנע טראָפּנס, אַמאָניאַק, גליצערין, וואַזעלין, קאַנפאָר און קאַנפאָר־אייל, טערפּענטין, וואַטע, מאַרליע, כינין, פלאַסטער, ענגלישע זאַלץ, מיט — — — קאַנדלצוקער (וואָס מען פלעגט געברויכן אנשטאָט סיראָלירן), אַ סלאָי פּיאַווקעס, און אויף אויסצולייען: אַ קאַנע, אַ צוויי־דריי טערמאָמעטערס, באַנקעס און אַ — „באַסאָן" (פלאַכער נאַכט־טאָפּ). דאָס איז אַלץ.

אַזאַ סיסטעמאַטישער ערשט־ראַנגיקער אָרגאַניזאַטאָר ווי לאַזאַר גורעוויטש, האָט קודם כל גענומען זאַמלען ידיעות וועגן געזונט־צושטאַנד פון די יידן אין ליטע. וועגן די מאַטעריעלע און מענטשלעכע קרעפטן, וואָס שטייען אין דעם פרט צו דינסט, אָדער אין רשות פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויפן גענזאַמלטן מאַטעריאַל זענען באַזירט געוואָרן אַלע זאַכלעכע מעמאָראַנדומס און פּראָיעקטן.

ד"ר ליימאַן, אין ווייסן כאַלאַט מיטן שמעקעדיקן ציגאַר, מיטן ליכטיקן טרייסט־שמייכל, האָט באַלד אָנגעהויבן שאַפן די ערשטע מוטער־און זויגלינגס־פּונקטן „קריפּעס" (אין ישראל: „טיפת חלב"), באַראַטונג־

שטעלעס מיט קליינע רעסאָרטן פאַר דער ערשטער פּרעווענטיווער טעטיקייט.

כ׳דערמאָן זיך מיין שרעק און דערשיטערונג, בעת איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען ווי איינע פון די ערשטע יידישע געשולטע קראַנקנשוועסטערס אין קאָוונע, האַלט פאַר די פּיסלעך אַ זויג־לינג מיטן קעפּל אַראָפּ, און שאָקלט עס... היינט שטעלט זיך פאַר די אימה און פּאַניק פון דער קליינשטעטלדיקער יידישער מאַמע אין ליטע, וואָס האָט אויך אַזוינס געזען. נאָך מער האָט זיך פאַרגרעסערט איר שרעק מיטן זען עופעלעך אין אַזעלכע „קריפּעס״ (קאָריטעס, אָדער מולטערס), ווי זיי ליגן באַלד נאָכן געבורט נישט געוויקלטע... אין די „וויקל־שנורן״, וואָס יעדער מוטער פלעגט צוגרייטן פאַר געבורט — — — (לאָמיר דערמאָנען, אַז די ערשטע ספּעציעל־געשולטע זויגלינגס־שוועסטער דעמאָלט אין קאָוונע, האָט געהייסן לילי כהן, אַ שוועגערין פון ד״ר ליימאַן, וואָס ער האָט אַרויסגעפאָדערט פון בערלין).

כ׳האָב דעמאָלט געזען די ברוטאַלע אוממענטשלעכע „היילונג״־סיס־טעם פון פּאַוואָוס, פון כלערליי „באָבעס״ און פעלדשערס. מען פלעגט דעם קינד אָנגיסן אויפן קראַנקן וואונדיקן קעפּל, עפּעס אַ געמיש פון סמאָלע, אָדער פעך מיט נאָך אַ קלעפּיקייט, וואָס מען פלעגט לאָזן פאַר־גליווערן און צוטריקענען, כדי עס דערנאָך אַראָפּרייסן פון קאָפּ צוזאַמען מיט די האָר, מיט די וואונדן, מיט די קראַנקע האָר־וואָרצלען, און איבער־לאָזן אַ ווילדע פאַרקריפּלונג פון דער קאָפּ־הויט, מיט שפּורן און שניטן אויפן גאַנצן לעבן, נישט קענענדיק אויסטאָן דאָס היטל פון בושה.

כ׳האָב דעמאָלט געזען איינעם פון די קוואַלן פון מגיפות אין יידישן שטעטל, די פאַרוואָרלאָזטע מוראדיק נישט היגיענישע מקווה. כ׳האָב זיך דעמאָלט באַקענט מיט די „הקדשן״, וואָס מיר האָבן במשך פון אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט אין יידישע שפּיטעלער.

ד״ר ליימאַן האָט פּלאַנירט און אויפגעמאַכט דאָס באַרימט געוואָ־רענע „קינדער־הויז״ אין קאָוונע, וואָס האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ ברייטן קרייז טרייע, מסירת־נפשדיקע פּעדאַגאָגן, עסקנים, דאָקטוירים און שוועסטער. דאָס „קינדער־הויז״ איז בהדרגה געוואָרן אַ ליכט־צענטער

אין ליטע און איז געוואָרן באַקאַנט ווייט אויסער די גרענעצן. דאָרט האָבן זיך אויפגעהאַלטן יתומים, פּליטים און סתם דאַכלאָזע קינדער. דאָרט איז געווען אַן אַמבולאַטאָריע, אַ „קריפּע" און אַ באַראַטונגס־שטעלע פאַר עלטערן. דאָרט האָט מען פּאַסטעריזירט מילך און געלערנט די תורה פון האָדעווען און דערציען קינדער, יוגנט און באַשיצן מוטערשאַפט.

דער אנשטאַלט איז געווען איינגעהילט אין גייסט פון הומאַניזם, יידישקייט און ארץ־ישראל. דער פּערסאָנאַל האָט געאַרבעט מיט התלה־בות, ווי אין אַ מקום קדוש, ווי אַ צונויפגעשפּילטער סימפאָנישער אָרקעס־טער, אונטער דער רעזשי פונעם מייסטער ד"ר זיגפריד ליימאַן.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, האָבן דער מייסטער מיטן פּערסאָנאַל, מיט אַ טייל יוגנט פון „קינדער־הויז", עולה געווען אין ארץ־ישראל און געשאַפן דעם פּעדאַגאָגישן מקום פאַר תורה און עבודה, דעם וואונדערלעכן קינ־דער־דאָרף בן־שמן, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַזונגענער „פּעדאַגאָגישער פּאָעמע".

קאָוונער „קינדער־הויז" איז מיר געווען נאָענט און גוט באַקאַנט אין דער ערשטער תקופה פון זיין קיום, מחמת מיין פריינטשאַפט מיט זיין גרינדער ד"ר ליימאַן, און מחמת עטלעכע פועלי־ציון־חברים, וואָס האָבן דאָרטן מיטגעאַרבעט ווי דערציער און לערער. כ'וועל דערמאָנען דעם מיטגליד פון צ. ק. אברהם מאַנדל ז"ל, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פאַשיסטן, און דעם שטילן מחנך סקאָטשניאַדעק, וואָס איז עולה גע־ווען צוזאַמען מיטן קינדער־הויז קיין ארץ־ישראל, פאָרצוזעצן זיין אַרבעט אין בן־שמן.

אַז דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט געשאַפן זיין סאַניטאַר־מעדיצינישן אַמט, האָט זיך „אָזע" נישט געשפּילט אין „לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם", ווייל זי האָט געפילט די אחריות פון דער שעה צו העלפן בויען און קרעפטיקן די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין ליטע. „אָזע" האָט געשטעלט צו דינסט דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום די בעסטע פון איר פּערסאָנאַל, בעיקר לאַזאַר גורעוויטש, וואָס איז געוואָרן דער „מנהל העניינים" — דער דירעקטאָר פון דערמאָנטן אַמט, ואני הקטן דער סעקרעטאָר, בעת ד"ר בנימין בליודז איז געוואָרן דער דירעקטאָר פונעם

אַמט פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג בײם ײדישן מיניסטעריום. אגב איז די פאַרטײלונג פון די „אַמטן" צװישן נאַציאָנאַל־ראַט און מיניסטעריום, בדרך כלל, געװען מער אַ פאָרמעלע, אַ ביודזשעטאַרע כלפי חוץ, בעת אינערלעך האָבן די אַמטן (דעפּאַרטאַמענטן) געאַרבעט האַרמאָניש, צוזאַמען, אין אײניקאָן. דער נאַציאָנאַל־ראַט מיטן ײדישן מיניסטעריום האָבן זיך שטענדיק געפונען צוזאַמען אין אײן גרױסן בנין. דאָס פ אָ ל ק האָט במילא געזען דעם „בנין" מיט זײן „אינהאַלט", װי אַן אײנהײט, אַן עקזעקוטיװע נאַציאָנאַלע א י נ י ק ײ ט.

לכתחילה איז נאָר דאָס ײדישע מיניסטעריום געװען דער רעכטלעך א נ ע ר ק ע נ ט ע ר מלוכה־אנשטאַלט, כאָטש דער נאַציאָנאַל־ראַט איז געשטאַנען א י ב ע ר ן מ'יניסטעריום. דאָס ײדישע מיניסטעריום האָט אױף זײן שילד און דאָקומענטן געטראָגן דעם ליטװישן מלוכה־הערב (אַ ריטער רײט אױף אַ פערד, װאָס שטײט אַ צעהיצטער אױף די הינטערשטע פיס און האַלט די פאָדערשטע פיס אין דער הױך. בעת מען פלעגט פרעגן הלמאַי דאָס פערד שטײט נאָר אױף די צװײ הינטערשטע פיס, און נישט אױף אַלע פיר? — פלעגן לצים ענטפערן: — אױסצומײדן אַן אינטערנאַציאָנאַלן טעריטאָריעלן סכסוך. די פאָדערשטע פיס פון פערד זאָלן חלילה נישט אַרײנפאַלן אין אַ סואװערענער שכנותדיקער טעריטאָריע)...

ערשט שפּעטער איז אױך דער נאַציאָנאַל־ראַט אָנערקענט געװאָרן דורך דער ליטװישער רעגירונג. און דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט זײנע שילדן, פאָרמולאַרן און קאָרעספּאָנדענץ אױך טיטולירט מיטן איבערשריפט: „ליטװישע רעפּובליק — ײדישער נאַציאָנאַל־ראַט". אַז די ײדן פלעגן עס זען און לײענען, איז בײ זײ געװען גרױס די גדולה, געמישט מיט פרײד אין חשש, אַז דאָס אַלץ װעט זיך גיך אױסלאָזן... װײל, װײל פאַר זײערע אױסגעפּראװוטע אױגן האָט גענומען אױסװאַקסן אַ ליטװישער קלײנבירגערטום, ליטװישע קרעמער און קרעמערלעך, ליטװישע סוחרים, האַנטװערקער, אינטעליגענץ, וכדומה, װאָס נעמען שריט אַרײנצודרינגען אין יענע עקאָנאָמישע און װירטשאַפטלעכע צװײגן, װאו ײדן האָבן דאָמינירט במשך פון לאַנגע יאָרן. אנשטאָט אױסצובױיטערן די װירטשאַפט, איר באַנײען מיט נײע צװײגן, מאָדערניזירן און ראַציאָנאַליזירן איז זײ, די אױפגע־

קומענע ליטווישן קליין־ און מיטל־בירגער, לייכטער געווען אַרויסצושטויסן די יידן. די מאַכט איז געווען אויף זייער זייט און מיט זיי. אחינו בני ישראל האָבן זיך נישט פאַררעכנט; זיי האָבן געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט.

שווערע איז פאַר די ליטווינער געווען די מערכה פון באַלדיקן באַ־הערשן דעם אויסערלעכן האַנדל מיט געוויסע אינדוסטריע־צווייגן, וואָס זענען געלעגן אין יידישע הענט, אָבער אויך אין די שטחים האָט די צייט נישט געאַרבעט לטובת די יידן.

מיין אַמט אין נאַציאָנאַל־ראַט, האָט מיר דערמעגלעכט צו באַזוכן אַ סך שטעט און שטעטלעך, קהילות און אַנשטאַלטן פון מעדיציניש און סאָציאַלן כאַראַקטער. צייטנווייז פלעגן מיר פאָרן צוזאַמען מיט אַ הויכן באַאַמטן פון יידישן מיניסטעריום (דער אינסטרוקטאָר שמואל גאָץ). אַמאָל פון אַן אַנדער אַמט פון נאַציאָנאַל־ראַט. מיר פלעגן קאָנטראָלירן די מוס־דות, די ביודזשעטן, זייער טעטיקייט און געבן אָנווייזונגען, ווי אויסצו־בעסערן, אָדער פאַרריכטן פאַרשיידענע אַדמיניסטראַטיווע אָפּנויגונגען און גלייכצייטיק פאַרצייכנט זייערע נויטן און עס שפּעטער באַריכטעט פאַר די לייטונגען פון די אַמטן, אָדער פאַרן גענעראַל־סעקרעטאַר פון נאַציאָנאַל־ראַט, אין געוויסע פאַלן אויך פאַרן יידישן מיניסטער. בראש פון יעדער דעפּאַרטאַמענט איז געשטאַנען אַ געווײלטער געזעלשאַפטלעכער רעסאָרט מיט אַ פאָרזיצער, וואָס האָט געטאָן זיין פליכט „שלא על מנת לקבל פרס״.

מיין פאָרזיצנדער איז געווען ד״ר בנימין בערגער, איינער פון די ציוניסטישע מנהיגים אין ליטע. זיין פאַרטרעטער איז געווען ד״ר לאַזאַר פינקלשטיין — פון די פאָלקיסטישע מנהיגים. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע איז געווען דער אַדוואָקאַט און סיים־דעפּוטאַט לייב גאַרפונקעל (פון די מנהיגים פון צ.ס. ־צעירי־ציון). שפּע־טער האָט דעם אַמט איבערגענומען דער יידישער געלערנטער און פילאָלאָג יודל מאַרק (דעמאָלט — פון די פאָלקיסטישע מנהיגים). אויך מיין אַמט איז פאַרעכנט געוואָרן אין נדן פון די לינקע פועלי־ציון, שוין דעמאָלט, ווי היינט, האָבן די געווײלטע אַ ל ג ע מ יי נ ע מוסדות זיך געמוזט רע־

בענען מיט זייערע ווילער און ס׳רוב אמתן פאַרטיילן צווישן די אידיי־אישע פּאַרטנערס, אמת נישט אַזוי שטרענג „מאַטעמאַטיש״ פּראָפּאָרציאָ־נעל ווי ס׳פירט זיך איצט. אין סך־הכל האָבן זיך משתתף געווען אין די אַפּאַראַטן פון די אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן אַלע פּאַרטייען. צום שבח און אחריות פון די פּאַרטייען אין יענער תקופה מוז געזאָגט ווערן, אַז דער פאַרשיידנאַידייאישער אַפּאַראַט, האָט אויסגעפירט זיינע אַדמיניסטראַטי־ווע פונקציעס האַרמאָניש, פריינטלעך בין אדם לחברו, אויסגעמיטן ביי דער אַרבעט פּאָליטישע וויכוחים, אויסגעמיטן איבעריקע ביוראָקראַטיע און באַדינט די מאַסן יידן „בסבר פנים יפות״. אָט דער פאַקט איז גאָרנישט געווען קיין קליינער גורם אין גאַר אַ קורצער צייט אויפצובויען די פאַר־צווייגטע אויטאָנאָמע אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט געטראָגן אַן אָפיציאָזן מלוכשאַפטלעכן כאַראַקטער; צו דערהויבן און הויך צו האַלטן דעם כבוד פון די דערמאָנטע מוסדות כלפי פנים ווי כלפי חוץ.

ואת „חטאי אני מזכיר״, אויב ס׳איז געווען אַ „חטא״, וואָס איך דערצייל דאָ, בלייבט דאָך מיין געוויסן ריין. מיין „חטא״ האָט זיך אויס־געדריקט אין נישט שאַרף אָפּטיילן מיין אידייאישע פּאַרטיי־אַרבעט פון דער געזעלשאַפטלעך־מעדיציניש־אַדמיניסטראַטיווער טעטיקייט, וואָרום כ׳בין געווען געוויילט דורך פּועלי־ציון, נישט נאָר ווי אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און נאַציאָנאַל־ראַט, נאָר אויך ווי אַ ראַטמאַן, פריער אין מאַריאַמפּאָלער, שפּעטער — אין קאָוונער קהילה. איך פלעג ביי מיינע אָפטע נסיעות איבער ליטע זיך באַגעגענען מיט מיינע אומלע־גאַלע פּועלי־ציון־חברים, זיי ברענגען אינסטרוקציעס אין וואָרט און שריפט, צירקולאַרן, אומלעגאַלע ליטעראַטור און פּרעסע, בעת אין די פּאָליצעס און שאַפעס צווישן די טאָוולען פון די דיקע אַרכיוו־אַקטן פלעגט זיך נישט זעלטן פאַרוואַלגערן אַ פּאַרטיי־כתב־יד, אומלעגאַלע בריוו און פּועלי־ציון מאַטעריאַלן. איך פלעג געברויכן די „אויטאָנאָמע״ שרייב־מאַשין, דעם סטענדל־אַפּאַראַט מיט די „נאַציאָנאַלע״ פאַרב און טינט צו שרייבן אויפ־רופן און אַרטיקלען, נאַטירלעך אויפן חשבון פון די הפסקות און קיינמאָל נישט געצאָלטע איבערשעהן.

ווען לאַזאַר גורעוויטש האָט פאַרלאָזן ליטע, איז זיין פּאָסטן פּאַק־

נ ע כ ט ן

ט י ש אַריבער צו מיר, וואָס האָט מיר דערמעגלעכט אויסצוקלייבן אַ געהילפס־סעקרעטאַר אויף אַ האַלבן טאָג, אַ פּאַרטיי־מיטגליד פון פּועלי־ציון, די סטודענטין דבורה רוטשטיין. (דבורה רוטשטיין איז צוזאַמען מיט מיר געזעסן אין דער „געלער" טורמע און איז אַרעסטירט געוואָרן ביים צעטרייבן די שטורמישע אומלעגאַלע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון 1924, וואו פּועלי־ציון האָט אָנטיילגענומען אַלס פּאַרטיי). מיט איר הילף, איז די אַרבעט אַוועק אינטענסיווער, פּראָדוקטיווער. אָבער ס'איז שוין געווען נאָענט צום סוף.

„אינטערמעצאָ“

אין זכות פון מ׳יין אַמט, האָב איך אויסגעפירט עטלעכע אָפיציעלע שליחותן אין דייטשלאַנד (1924 ־ 1922), וועגן וואָס ס׳איז כדאַי צו דער־ציילן עטלעכע פּאַסירונגען, צו שילדערן יענע צייט.

מיין ערשטע שליחות איז געווען אין קעניגסבערג און אין בערלין צו מאַכן קניות פון מעדיצינישן אינסטרומענטאַר, „קוליטש“־רערן מיט דער־זאַץ־טיילן פאַר די דעמאָלטיקע „פּרימיטיווע“ ערשטע רענטגען־אַפּאַראַטן אין ליטע, ספּאָרט־מכשירים, און מעדיצינישע ליטעראַטור, קינדער־פלעגע און געוויסע מעדיקאַמענטן. נאַטירלעך האָב איך געהאַט די גייטיקע אַד־רעסן, פּרייז־קוראַנטן און זאָרגפעליק צונויפגעשטעלטע רשימות פון פּאַכ־לייט. איך האָב די ערשטע שליחות אויסגעפירט אין בעסטער אָרדענונג „בדחילו ורחימו“. דעמאָלט האָט דייטשלאַנד איבערגעלעבט די מוראדיקע אינפלאַציע, ווען מען פלעגט „די געלט טראָגן אין קוישן, און די סחורה אויף דער דלאָניע פון איין האַנט“. ס׳געלט איז נישט געווען מעגלעך איבערצוציילן, יעדע אַסיגנאַציע באַזונדער. מען פלעגט דעמאָלט ציילן נאָר צונויפגעבונדענע פּעקלעך פּאַפּיר־געלט אין מ׳יליאַנען און מיליאַרדן מאַרקן.

איך האָב געהאַט אין מיין רשות ליטווישע וואַלוטע־ליטן, באַזירט און געדעקט מיט דאָלאַרן, איין דאָלאַר — צען ליט. אַזאַ קונה, איז געווען זייער, זייער אַנגעזוכט. און לאָמיר דערציילן כאָטש איין קוריאָז פון יענער שליחות: עלעקטראָ־מעדיצינישע אַפּאַראַטן און דערזאַץ־טיילן פלעגט מיר קויפן אין דער דעמאָלט באַקאַנטער פירמע „רייניגער־געבערט און שאַל“. כ׳האָב אויף אָן אָרט באַצאָלט דעם באַטרעף פאַר די געקויפטע אַרטיקלען, אין דייטשישע מאַרקן, וואָס איך האָב אויסגעביטן פון די ליטן, אין אַ באַנק, ווי דאָס געזעץ האָט געפאָדערט. דעם באַרג פּעקלעך מאַרקן האָב איך געבראַכט אין אַ וואַליזע — אַ סך מיליאַנען!

עטלעכע וואָכן שפּעטער, בעת איך בין שוין געווען אין קאָוונע, קריג איך פון דער דערמאָנטער פירמע אַ בריוו בערך בזה הלשון: „היות ווי פאַר דער צייט פון דער קניה ביזן טראַנספּאָרט פון דער סחורה, איז דער ווערט פון מאַרק ווידער שטאַרק געפאַלן, און ס׳האַלט איצט אַזוי ווייט, אַז די סומע וואָס קאָסט דער טראַנספּאָרט מיט די קאָסטנס מיטן פּאַקן, יאָגט אָן די סומע, וואָס איך האָב בשעתו באַצאָלט פאַר דער גאַנצער קניה, — ווענדן זיי זיך צו אונדז פריינטלעך מיט דער ביטע, צוצוצאָלן אַזויפיל און אַזויפיל מיליאָן מאַרק נאָר צו דעקן די צוגעקומענע הוצאות פון טראַנספּאָרט פון קעניגסבערג ביז קאָוונע. ווי אַן אַלטע ראַיעלע דייטשישע פירמע שטעלן זיי חלילה נישט אַרויס די דערמאָנטע ביטע ווי אַ תנאַי אונדז צוצושטעלן די באַשטעלונג, חלילה! זיי בעטן אויך נישט צוצאָלן נישט איין פעניק צום באַצאָלטן באַטרעף, זיי ווענדן זיך נאָר צו אונדזער גוטן ווילן און געוויסן וועגן די גרויס געוואָרענע טראַנספּאָרט־הוצאות, און — אויב מיר זענען נישט מסכים, וועלן זיי נאַטירלעך צושטעלן די סחורה לויטן פריער באַצאָלטן פּרייז”...

נאַטירלעך האָבן מיר גוטוויליק נישט נאָר צוגעצאָלט פאַרן טראַנספּאָרט און פּאַקן, נאָר אויך דערלייגט אַ באַשטימטע סומע פאַר דער עצם קניה, און נאָך אַלעמען האָט יעדער אַרטיקל אויסגעמאַכט פּרוטות!

אַזוי חורבנדיק האָבן דעמאָלט אויסגעזען די דייטשישע פינאַנצן, מסחר און ווירטשאַפט, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך גיך מתגבר געווען, און גיך סטאַביליזירט זייערע פינאַנצן, וואַלוטע און ווירטשאַפט, ווי זיי האָבן זיך גיך, זייער גיך מתגבר געווען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איבערצושטייגן די זיגער־מדינות.

—די דייטשן, די דייטשן!...

אַ צווייטע שליחות פון יידישן מיניסטעריום האָב איך אויסגעפירט אין קעניגסבערג.

די נאָרוואָס עטאַבלירטע שוואַכע מדינת ליטע, האָט ג ע וו אַ ג ט זיך צו פאַרפּלאָנטערן אין עפּעס אַ סכסוך מיט דער דעמאָלט צעבראָכענער דייטשלאַנד אין פאַרבינדונג מיט סטודענטן־אומרוען און סטודענטישע אַנטי־דייטשישע דעמאָנסטראַציעס אין קאָוונע, פון שאָוויניסטיש־נאַציאָ־

נאַליסטישן כאַראַקטער. האָט דייטשלאַנד געוואָלט מיט עפּעס צו געבן פילן ליטע, אַז ס׳האַלט נאָך נישט אַזוי ווייט, אַז דייטשלאַנד זאָל בייגן איר כבוד און „קאָפּ״ פאַר אַזאַ „מעכטיקן״ שכן, ווי ליטע. האָט די דייטשישע רעגירונג ווי אַ מאַסנאַמע געמאָלדן דער ליטווישער רעגירונג, אַז זי שיקט אַרויס פון אירע שפּיטעלער אַלע גייסטיק־קראַנקע ליטווישע בירגער — — — אָנגעהויבן האָט מען מיט די פּאָר יידישע קראַנקע, ואני הקטן בין קאָמאַנדירט געוואָרן קיין קעניגסבערג אָפּצונעמען די ערשטע דעפּאָרטירטע גייסטיק קראַנקע. ס׳איז געווען זייער אַן „אָנגענעמע״ שליחות!

אַז איך בין שוין געוואָרן אַ „טראַנספּאָרט־פאַכמאַן״ פון גייסטיק קראַנקע, האָט מען מיר שפּעטער מכבד געווען מיט אַן אומגעקערטער שליחות: אַוועקפירן קיין דייטשלאַנד אַ געוויסן אַרבעטער־טוער פון דער ערשטער שורה פון מיין פּאַרטיי. די שליחות האָט זיך פאַרוויקלט מיט אַ טראַגי־קאָמישער פּאַסירונג: — כ׳בין געקומען קיין קעניגסבערג שפּעט אין אָוונט און געבליבן וואַכן איבערן קראַנקן אין אַ האָטעל־צימערל, אַזאַ מאַנסאַרדע, מיט אַ פענצטער אויפן דאַך פון אַ 5־ אָדער 6־שטאָקיקן בנין. כ׳בין געווען טויט־מיד נאָך דער שווערער אומרואיקער נסיעה. פאַרטאָג האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז מיין „פּאַציענט״ איז איינגעשלאָפן, האָב איך זיך דערלויבט כאַפּן אַ דרעמל, און פונעם דרעמל האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טיפער שלאָף...

דער קראַנקער האָט מיך פאַרפירט. ער האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק, כדי מיך צו באַרואיקן, דערנאָך זיך אַרויסגעגנבעט פון צימער, מיך פאַרשלאָסן און מיטגענומען מיט זיך דעם שליסל. ווי געזאָגט, איז דאָס צימערל געווען אונטערן דאַך. קיין אינערלעכער טעלעפאָן איז נישט געווען. און אַז כ׳האָב זיך אין דער פרי אויפגעכאַפּט פון שווערן שלאָף, האָב איך זיך געפונען אַ פאַרשפּאַרטער אינעם צימערל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון די אונטערשטע שטאָקן. כ׳בין געוואָרן אומרואיק פאַרן גורל פון מיין פּאַציענט. כ׳האָב געקלאַפּט און געקלאַפּט אין טיר, „ואין קול ואין קשב״. בלית ברירה האָב איך אויפגעמאַכט די פענצטער אויפן דאַך און גענומען אַראָפּשרייען אונטן אין גאַס, צו בעטן הילף.

פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געזען מיינע זשעסטיקולאַ־ציעס, אָבער נישט געהערט מיינע רייד אין ווינטיקן פרימאָרגן; אַנדערע האָבן געטראַכט, אַז איך בין גאָר משוגע... ביסלעכווייז איז געוואָרן אַ געזעמל. ס׳איז געקומען אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט זשעסטיקולירט צו מיר — — — און נאָכדעם ווי מען האָט מיך „באַפרייט״, בין איך געלאָפן מיטן פּאָליציאַנט אין גאַס זוכן מיין „פּקדון״. טעלעפאָנירט אין דער צענ־טראַל־פּאָליציי פון שטאָט וועגן דער פּאַסירונג געבעטן הילף צו געפינען די לעבעדיקע אבידה.

אַזוי לויפנדיק פאָרויס אין דער ריכטונג צו אַ בריק אויפן טייך פּרע־געל, וואָס שניידט דורך די שטאָט, האָבן מיר פונווייטן געזען אַ גרעסערן מענטשן־געזעמל מיט אַ געלאָף. דער פּאָליציאַנט טרייסט מיך:

— „יאָ, יאָ, מיין הער, דער מאַן האָט זיך זיכער דערטרונקען. יאָ, יאָ, מיין הער״!

נישט טויט, נישט לעבעדיק, האָב איך זיך אַריינגעריסן אינעם גע־זעמל, וואָס האָט געהאַט אַרומגערינגלט מיין פּאַרשוין — דעם קראַנקן, וועלכער איז געשטאַנען אַ צעשויבערטער, אָן אַ הוט, אָנגעטאָן דעם ראָק, די וועסט, אַ קראַגן מיט אַ שניפּס, אין שיך און זאָקן, אָבער אָן הויזן, אין די לאַנגע ווייסע ליטווישע תחתונים...

דער מענטש האָט געהאַלטן פאַרן עולם דייטשן אַ „רעדע״ וועגן דער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס קלאַפּט אין די טויערן פון דער וועלט, און דער־ווייל, דערציילט ער — „אַז דאָ נישט ווייט אין אַ האָטעל ליגט טויט זיי־נער אַ מענטש, וואָס ער האָט דערשטיקט מיט זיינע אייגענע הענט. דער־פאַר, וואָס דער מענטש האָט אים, דעם מבשר פון דער וועלט־רעוואָלוציע, פּרובירט אַהערברענגען, אָט דאָ אין דער דייטשישער שטאָט, כדי צו פאַר־שפּאַרן אין אַ משוגעים־הויז, און מיט דעם האַמעווען די וועלט־רעוואָלו־ציע״...

דער קוריאָז פון דער פּאַסירונג איז נישט דער דאָ דערציילטער עצם פאַקט, נאָר די סוף מעשה: ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, — מיינע אַלע טענות צו פאַרגעבן אַ קראַנקן געשטערטן מענטשן און מיר העלפן אים צוריקברענגען אין האָטעל, איך זאָל פון דאָרטן מיט אים פאָרן צום באַ־

קאַנטן פּסיכיאַטאָר ד״ר מאַיער, זענען געװען װי צו דער װאַנט. מ׳האָט אים אַרעסטירט און באַשולדיקט אין שטערן די „עפנטלעכע רו און אָר־דענונג״, די דײַטשישע אָרדענונג!

אַ באַזונדער פרייד און כבוד איז פאַר מיר געװען אַ שליחות צום פּראָפעסאָר שמעון דובנאָװ, אים איבערצוגעבן אַ פּעקל זעלטענע אַלטע קהילה־פּנקסים, פון היסטאָרישן און נישט קלײנעם מאַטעריעלן װערט, װי אַנטיקן. די פּנקסים זענען אָפּגעזוכט געװאָרן דורך דער „היסטאָריש־עטנאָ־גראַפישער געזעלשאַפט״ און זײ האָבן זיך געװאַלגערט אין אַ קאַסטן אין נאַציאָנאַל־ראַט, צוזאַמען מיט נאָך היסטאָרישע מאַטעריאַלן, װאָס האָבן געהערט צו ש. אַנסקי, געבראַכטע קײן קאָװנע פון װילנע.

איך האָב פריער זיך געהאַט באַגעגנט מיטן פּראָפעסאָר ש. דובנאָװ אַ צװײ־דרײ מאָל, בעת זײַן קורצן אױפהאַלטן זיך אין קאָװנע. ס׳ערשטע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים צוזאַמען מיט מײַן לערער און פרײַנט ז. קאַלמאַנאָװיטש און געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר אין אַלעקסאָט, פון יענער זײַט ניעמאַן, װאו כ׳האָב זײ געבראַכט װײַזן אברהם מאַפּוס ביידל. כ׳האָב זײ װײַטער געפירט איבער די שטעגן װאו ס׳פלעגט פאַרחלומט שפּאַצירן דער גרױסער פּױלישער שרײַבער שענקעװיטש, װעמען די ליט־װינער האָבן געהאַלטן פאַר אַן אײגענעם, פאַר אַ ליטװין, און דער פּרע־זידענט סמעטאָנאַס בכבודו ובעצמו האָט שװער געאַרבעט איבערצוזעצן סענקעװיטשעס אַ װערק טיטולירט אין ליטװיש „פּאַ־נאַי״ (די פּאַנעס).

נאָכאַמאָל בין איך געװען אין דובנאָװס מחיצה, בײַ דעם װאונדער־לעך האַרציקן פּאָרפאָלק, די כעמיקער, ד״ר מאַטיס, אַ געװעזענער בונדיסט — אַ טרײַער חסיד פון דער יידישער װעלטלעכער שול, אַ קולטור־עסקן און פּראַטעזשע פון יידישע שרײַבער, שילער און סטודענטן. מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט בײַ אַ מיטיק, בײַ די מאַטיסעס, און מחמת יראת הכבוד האָב איך נישט געװאַגט זיך אַרײַנצומישן אינעם װיכוח און שמועס צװישן ד״ר מאַטיס און פּראָפעסאָר דובנאָװ. דער פּראָפעסאָר און זײַן פרױ, האָבן טאַקטיש אײדל אָפּגעפּרעגט די אַנטי־ציוניסטישע מײנונגען פון ד״ר מאַטיס און זײַן פרױ. פּראָפעסאָר דובנאָװ האָט דעמאָלט אױך גע־זאָגט זײַן אױטאָריטעטן װאָרט, פ אַ ר ן לערנען העברעאיש אין די יידי־שע װעלטלעכע שולן אין ליטע...

נ ע כ ט ן

אָט ברענג איך אים דעם געשיכטלעכן אוצר פון קאָוונע קיין ליכטנראַדע — בערלין, אין זיין דירה, אַזאַ „אָסאָבניאָק” אין אַ גאָרטן, אַרומגערינגלט מיט ביימער און בלומען, ווייט פון גרויסשטאָטישן רויש. פרוי דובנאָוו האָט כסדר אָנגעפילט הייסע גלעזער שמעקעדיקן טיי, צוגעלייגט „וואַרעניעס” און פּראָפ. דובנאָוו האָט פון מיר „אויסגעמאָלקן” די מינדסטע אינפאָרמאַציע פון יידישן לעבן אין ליטע, פון די אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן, פון די שולן, „הויכע קורסן”, פון דער „היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט”, פון כלערליי קולטור־מוסדות, וועגן ז. קאַלמאַנאָוויטש, וועגן ד״ר מענדל סודאַרסקי, וועגן יודל מאַרק, עוזר פינקלשטיין, יוליוס ברוצקוס, ד״ר ראָזנבוים אאַ״וו, אא״וו. עס דערמאָנט זיך, ווי מיר האָבן זיך פאַרזעסן ביז פינצטער, ביז ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט צו דער שטאָטישער „רונד־באַן”. און ביים געזעגענען זיך, אַ זאָג געטאָן בלחש, ווי צו זיך אַליין: „אַי, אויף לאַנגע פרוכטבאַרע יאָרן, ס׳זאָל נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, אויף לאַנגע יאָרן”.

דאָס איז געווען ס׳לעצטע מאָל, ווען איך האָב געזען דעם טייערן ליכטיקן זקן מיט זיין פרוי, די שטילע טויב, דעם יידישן נעסטאָר. ס׳איז געווען פרילינג 1923.

אַקאָרדן

די וואַלן צום צווייטן קהילות־צוזאַמענפאָר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער אויפקלערונגס־אַקציע איבער גאַנץ ליטע. די פּאַרטייען האָבן נישט נאָר דיסקוטירט צווישן זיך, נאָר אויך ברייט אויפגעקלערט דעם ציל און תכלית פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, און איר ווערט פאַרן יידישן לעבן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און לינקע פועלי־ציון זענען שוין געווען אָפיציעל אומלעגאַל. ביידע פּאַרטייען זענען דערשינען צו די וואַלן ווי מכלומרשט ספּאָנטאַן געשאַפענע „אומפּאַרטייאישע" גרופּן, די יידסעקציע איז דערשינען ווי „רשימה נומער 5", און פועלי־ציון — „רשימה נומ. 7". די רעגירונג האָט צוגעזאָגט דעם יידישן מיניסטער, אַז זי וועט זיך נישט אַריינמישן אין דער אינערלעכער ריין־יידישער וואַל־קאַמפּאַניע. פונדעסטוועגן האָט זיך די פּאָליציי (מיט דער „זשוואַלגיבע") געשטעלט אויף די פיס, און פּרובירט אַרעסטירן אייניקע קאַנדידאַטן פון די דערמאָנטע ליסטעס 5 און 7. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט באַלד רעאַגירט מיט שאַרפע פּראָטעסטן, אָרגאַניזירטע אַרבעטער־גרופּן האָבן צוואווסן געגעבן דעם נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטער, אַז זיי וועלן באַזעצן די וואַל־ביוראָען, אויב דער מיניסטער וועט באַלד נישט טאָן אַלץ, כדי צו באַפרייען די אַרעסטירטע. ד"ר סאָלאָווייטשיק האָט באַלד רעאַגירט, ס'האָט געהאָלפן. מען האָט באַפרייט די אַרעסטירטע און די וואַלן זענען דורכגעפירט געוואָרן בשלום, ברוב עם.

דער צווייטער קהילות־צוזאַמענפאָר איז פייערלעך אויפגעמאַכט געוואָרן דעם 14טן פעברואַר 1922 אין קאָוונע. אין אַ גרויסן זאַל אויף דער „לייסוועס אַלייע", וואָס איז געווען באַלאַגערט פון טויזנטער יידן, וועלכע זענען געקומען זען מיט די אייגענע אויגן די גדולה פון דער אויטאָנאָמיע, דעם יידישן מיניסטער, די שפּיצן פון די פּאַרטייען, די יידישע סיים־דע־

פוטאָטן, און די הויכע געסט פון לאַנד און אויסלאַנד, ווי דעם מיניסטער פּרעזידענט פון ליטע גאַלוואַנאַוסקאַס, קאָנסולן, די יידישע וויצע־מיניס־טאָרן, לעאָ מאָצקין, יידישע שרייבער וכדומה. די שטימונג איז געווען גאָר געהויבן, די באַריכטן, רעפעראַטן און וויכוחים זענען געווען ערנסטע, פּאַרטייפטע און געשפּאַנטע. באַזונדערס האָט געגליט דער וויכוח אַרום דער שול־ און דערציאונגס־פּראַגע. עס זענען אַרויסגעטראָטן מיט פּראָ־גראַמאַטישע רעדעס די גרעסטע „קאַליבערן" פון אַלע פּאַרטייען, ווי דער מיניסטער ד"ר מ. סאָלאָווייטשיק, יודל מאַרק, ז. קאַלמאַנאָוויטש, טשער־ניכאָוו (פאָלקיסטן), משה ערעם (לינקע פּועלי־ציון), נתן גרינבלאַט און ל. גאַרפונקעל (צ. ס. צעירי־ציון), ד"ר יוסף בערגער (ציונים כלליים), אינזשינער אַבראַמסאָן (יידסעקציע), פּאָרשטייער פון האַנטווערקער, רבנים פון די רעליגיעזע פּאַרטייען אאַ"וו. די אַקס פון שול־וויכוח האָט זיך גע־דרייט אַרום אַזעלכע פּונקטן ווי אַ „וועלטלעכע", אַ „נאַציאָנאַלע", אָן „איינהייטלעכע" אָדער רעליגיעזע שול; יידיש אָדער העברעאיש, באַזונ־דער ווי אונטערריכט־שפּראַכן, אָדער יידיש מיט העברעאיש צוזאַמען. יידיש ווי די הויפּט־שפּראַך און העברעאיש ווי אַ צווייטע שפּראַך, אָדער אומגעקערט. נאַטירלעך, האָט מען זיך נישט דעררעדט, אָבער מחמת שלום בית אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דער אויטאָנאָמיע איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָנערקענען ר י כ ט ו נ ג ע ן אינעם שול־וועזן אין דער אויטאָנאָמיע־ראַם, וואָס זאָלן געניסן פון די קהילה־ביודזשעטן.

ווער באַשטימט די ריכטונג פון דער שול? — אַ באַשטימטע צאָל עלטערן, וואָס באַשטימען צו וועלכער אידייאישער ריכטונג די שול זאָל זיך אָנשליסן. נאַטירלעך האָט זיך דאָ געהאַנדלט נאָר וועגן די גרונט־שולן (פאָלקסשולן) און נישט וועגן גימנאַזיעס, וואָס זענען געווען פּריוואַטע, אויסגעהאַלטן אינגאַנצן דורך די עלטערן, וואָס האָבן דאָרטן געהאַט די פולסטע דעה צו באַשטימען די אידייאישע ריכטונג און אונטערריכט־שפּראַך.

דער וויכוח האָט זיך ווייט אַריבערגעגאָסן דער באַשטימטער טעמע און איז אַוועקגעשוואומען אין די עולמות העליונים פון אידייאישע וועלט־אָנשויאונגען — דאָ האָט מען דיסקוטירט ציוניזם, באָראָכאָוויזם, סאָציאַ־ליזם, קאָמוניזם, אָדער פאָלקיזם, וואָס האָט מען נישט דיסקוטירט?...

דער צװײטער קהילות־צוזאַמענפֿאָר האָט געהאַט צו באַשטימען געװוג אָרגאַניזאַציאָנעל־יורידיש־אױטאָנאָמע פּראָבלעמען, פֿאַרבונדן מיט דעם צװאַנג־שטײער־סיסטעם, מעטריקאַציע, אַדמיניסטראַציע־שיטות, קהילה און סאָציאַלע ענינים, ביודזשעטן, ײדישע סײם־פֿאַרטרעטונג, באַשטעטיקן דעם ײדישן מיניסטאָרן־אַמט, װײלן אַ נײעם נאַציאָנאַל־ראַט, דערנאָך אָנצײ־כענען גרונטשטריכן פֿאַר דער פּאָליטישער ליניע און טעטיקײט פֿון די געװײלטע רעפּרעזענטאַנטן מחוץ דער אױטאָנאָמיע, אא״װ, אא״װ. עס האָבן ניט געפֿעלט קײן מניעות, שטרויכלונגען און קאָמפּליקאַציעס, אָבער אַלץ האָט זיך פֿאַרענדיקט בשלום, בעיקר נאָכדעם װי דער מיניסטער פּרע־זידענט פֿון דער ליטװישער רעגירונג איז בכבודו ובעצמו געקומען באַ־גריסן דעם קהילות־צוזאַמענפֿאָר און נאָכאַמאָל פֿאַרזיכערט דעם קיום פֿון דער נאַציאָנאַל פּערסאָנעלער אױטאָנאָמיע פֿאַר די ײדן פֿון ליטע. יאָ, דעמאָלט זענען געקומען באַגריסן דעם קהילות־צוזאַמענפֿאָר פֿאַרשטײער פֿון װײסרוסישן און פּױלישן מיעוט און אַ פֿאַרשטײער פֿון די דײטשן אין ליטע.

* * *

עס זענען נישט אַװעק קײן גאַנצע צען װאָכן נאָכדעם װי דער ליט־װישער מיניסטער פּרעזידענט, האָט באַטאָנט און איבערגעחזרט אױפֿן צװײטן קהילות־צוזאַמענפֿאָר, אַז זײן רעגירונג װעט פֿאַרזיכערן און אָפּ־היטן די ײדישע אױטאָנאָמע רעכט, װי די אױטאָנאָמיע האָט באַקומען דעם ערשטן שװערן קלאַפּ פֿון דער זעלבער ליטװישער רעגירונג.

דעם 10טן אַפּריל 1922 אַנולירט דער סײם די פּאַראַגראַפֿן 80 און 83 פֿון דער ליטװישער קאָנסטיטוציע; די פּאַראַגראַפֿן, װאָס באַציִען זיך אױף די אױטאָנאָמע רעכט פֿון די מיעוטים צו באַנוצן זײערע שפּראַכן. דאָס אַנולירן די צװײ דערמאָנטע פּאַראַגראַפֿן, האָט באַלד פֿאַרשמעלערט די אױטאָנאָמע רעכט פֿון די מיעוטים, בעיקר פֿון די ײדן. ס׳איז צו דער־מאָנען, אַז ביז דעמאָלט האָבן די ײדישע דעפּוטאַטן גערעדט ײדיש אױף די עפֿנטלעכע סעסיעס פֿון ליטװישן סײם.

כאָטש דאָס אַנולירן די דערמאָנטע צװײ פּאַראַגראַפֿן איז נאָך נישט

געווען קיין פגיעה אין די יסודות פון דער אויטאָנאָמיע, האָבן די אויסגע־פּרואוווטע יידן אַ ציטער געטאָן און געפילט בחוש, אַז דאָס איז אָן אָנהייב, דאָס איז דער ערשטער שאָס חרוב צו מאַכן די אויטאָנאָמע רעכטן פון די יידן אין ליטע. די יידישע עפנטלעכקייט האָט אויפגעשטו־רעמט, און אַלס פּראָטעסט קעגן ברעכן דעם צוזאָג פון דער רעגירונג אָפּ־צוהיטן אַלע באַשטעטיקטע מיעוטים־רעכט, האָט דער יידישער מיניס־טער ד״ר מ. סאָלאָווייטשיק, רעזיגנירט פון זיין הויכן אַמט, און אַ קורצע צייט שפּעטער פאַרלאָזן ליטע...

לכתחילה האָבן געוויסע יידישע קרייזן געמיינט, אַז די רעזיגנאַציע פון יידישן מיניסטער איז געווען אַן איבערגעאיילטער, צו־דראַסטישער שריט קעגן אַזאַ נישט באַדייטנדיקער פגיעה די מיעוטים־רעכטן; יידישע „פּאָליטיקער" האָבן מיט רוגזה געטענהט, אַז נאָר אויסמעקן די צוויי פּאַ־ראַגראַפן פון דער קאָנסטיטוציע מיינט נאָך נישט פאַרווערן יידיש אין די מלוכהשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. די „פּאָליטיקער" האָבן נישט תופס געווען, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן יידיש. דער היסטאָריקער ד״ר סאָלאָ־ווייטשיק האָט דעם מצב בעסער פאַרשטאַנען. זיין רעזיגנאַציע האָט אַרויס־גערופן אַ פאַרביטערונג אין אויסלאַנד כלפּי דער רעגירונג, וואָס ברעכט אַזוי לייכט און גיך הבטחות. נאַטירלעך איז גרויס געווען די פאַרביטע־רונג צווישן די יידן. עפּעס האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. ס'האָט זיך גע־שאַפן אַ ביטערער בייטעם כלפּי דער „באַזונגענער" ליטע. — — —

ד״ר סאָלאָווייטשיק איז צוריק אַוועק צו זיינע ביבל־פאַרשונגען. ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. אָבער, ווי מיר ווייסן, איז ער מער נישט אַרויפגעשטיגן נישט צו דער הויך צו וועלכער ער האָט דערגרייכט אין ליטע, און נישט צו יענער ברייטער פּאָפּולאַריטעט.

„עמך" אין ליטע האָט נישט געהאַלטן פון אַזעלכע פּראָטעסט־פאַר־מען, ווי „רעזיגנירן", אָפּטרעטן, אַוועק פון פראָנט, אַנשטאָט פאַרשטאַרקן דעם קאַמף און זיך דרייסט ראַנגלען ביזן סוף.

„עמך", באַזונדערס דער יידישער מיטלקלאַס, איז נאָך געווען איינ־געוויגט אין דער אויטאָנאָמער אילוזיע און נישט געקענט פּסיכאָלאָגיש

משלים זיין, אַז אַט, אַט שוין, בסך־הכל נאָך צוויי־דריי יאָר צייט, נעמט שוין אויסרינען ס׳ביסל נחת און נאַציאָנאַלע פרייד.

ד״ר מאַקס סאָלאָווייטשיק האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין ארץ־ישראל און פאַרנומען אַ באַשטימטן אָרט אין די נאַציאָנאַלע און ציוניס־טישע מוסדות, אין דירעקטאָריום פון „אַנגלאָ־פּאַלעסטינע באַנק״, ווי אין ועד פון „הדר הכרמל״ אין חיפה, וואו ער האָט אויך געביטן זיין נאָמען אויף מנחם סאָליאַלי.

דער געוועזענער וועלט־באַרימטער יידישער מיניסטער פון ליטע איז טראַגיש פאַרשטופּט געוואָרן פון דער געשיכטע אין אַ ווינקעלע, אָן אַ זייט פון שטורמישן אויפגייענדיקן יידישן לעבן אין ארץ־ישראל. וויניקע האָבן געוואוסט זיין היסטאָרישע גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט און קורצן פּערזענלעכן גלאַנץ. אַז מען האָט אומגעבראַכט דאָס טייערע ליטווישע יידנטום פון ליטע, איז ד״ר מנחם סאָליאַלי אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן. ער איז געשטאָרבן אַ געזעלשאַפטלעך־עלנטער, אַ פאַרגעסענער אין ירו־שלים, ווינטער 1957. זיין פּערזענלעכע טראַגעדיע איז די טראַגעדיע פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק אין ליטע. זיין טראַגעדיע האָט אָפּגעשפּיגלט זיין עלנטע לוויה — — — עטלעכע מנינים יידן בסך־הכל, האָבן אים, דעם געוועזענם באַוונגענעם יידישן מיניסטער, באַגלייט צו זיין אייבי־קער רו.

איז ד״ר מאַקס סאָלאָווייטשיק - מנחם סאָליאַלי, געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, צווישן זיין יידישן פאָלק און געהאַט דעם זכות אייגנגע־זאַמלט ווערן אויף אייביק אין דער ערד פון דער אייביקער שטאָט ירו־שלים אין מדינת ישראל, בעת דער פּרעזידענט פון דער דעמאָלטיקער ליט־ווישער מדינה, פּראָפעסאָר סמעטאָנאַס, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווי אַ צעבראָכענער, פאַרוואָרלאָזטער, פאַרגעסענער פּליט ערגעץ אין אַ פאַר־וואָרפן אַמעריקאַניש שטעטל.

פּראָפעסאָר סמעטאָנאַס האָט זיך אָפּגעטונקט אין נאַפט, זיך אונטער־געצונדן און פאַרברענט געוואָרן אויף קויל, באַגראָבן געוואָרן אין דער ווייטער פרעמד, נישט באַגלייט געוואָרן אַפילו פון איין מנין ליטווינער...

סמאָלע

נאָך ד״ר סאָלאָווייטשיקס רעזיגנאַציע פון מיניסטאָרן־אַמט, האָט זיין פאָסטן איבערגענומען דער דריטער יידישער מיניסטער ד״ר שמשון ראָזנ־בוים. אַ שאַרפער יוריסט, אַ פּאָפּולערער באַליבטער פאָלקסטימלעכער מענטש, אַ ייד אַ חכם, וואָס איז אויך גוט ווייט און ברייט באַקאַנט אין די נישט־יידישע קרייזן, ווי איינער פון די ערשטע בויער און אַרכי־טעקטן פון דער ליטווישער מדינה; ווי איינער, וואָס האָט מיט זיין אַנאַ־ליטישן שכל און שאַרפזין געהאָלפן די ערשטע צייט לענקען פאַרשיידענע רעגירונגס־אַקציעס און די טעטיקייט פון דער ליטווישער שלום־דעלעגאַ־ציע (מיט רוסלאַנד). ד״ר שמשון ראָזנבוים איז געווען אַ טיפּישער ליבע־ראַלער ציוניסט פונעם ברייטהאַרציק־דעמאָקראַטישן שניט פון רוסישן יידנטום. ער איז געווען אויסגעמישט און אויסגעקנעטן אינעם טאָגטעג־לעכן גרויען לעבן און שטייגער, נישט ענגהאַרציק און פאַנאַטיש כּלפּי פּאָליטישע קעגנער. נאַטירלעך האָט זיך ד״ר ראָזנבוים אַזוי געפירט אויך אין דער אויטאָנאָמער ראָם, וואו ער איז שטענדיק געשטאַנען אויבנאָן, ווי אַ קאַפּיטאַן אויף אַ שוואַך שיפל, אין אַ צעשטורעמטן ים.

איך בין געווען פערזענלעך באַקאַנט מיט ד״ר ש. ראָזנבוים, נאָך איידער איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון נאַציאָנאַל־ראַט (געוויילט דורך פּועלי־ציון), איידער כ׳בין געוואָרן דער סעקרעטאַר פון סאַניטאַר־מעדי־צינישן אַמט. מיין באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר ש. ראָזענבוים האָט זיך איינ־געפעדעמט, בעת איך בין געקומען צו אים אין שליחות, מיט אַ דעלעגאַ־ציע, פון מאַריאַמפּאָלער קהילה, וואו איך בין געווען ראַטמאַן.

מיר זענען געפאָרן, אַפּירברענגען טענות פאַרן נאַציאָנאַל־ראַט וועגן ביודזשעט און וועגן שול־ענינים, און איך, ווי דער ייִנגסטער און „הי־ציקסטער״ פון דער דעלעגאַציע, האָב געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט.

נאָך דער זיצונג, האָט ער מיך פאַרבעטן מיטצוגיין מיט אים אויף

מיטיק. ביים מיטיק, האָב איך אים אינפאָרמירט וועגן דער פועלי־ציון באַוועגונג אין אונדזער געגנט, און דערציילט וועגן מיין ליטווישן „פּאַט־ריאָטיזם" אין מיין געבורטסשטאָט סובאַלק פונוואַנען כ׳בין צוויי מאָל אַנטלאָפן פון די פּאָליאַקן. איינמאָל, בעת די פּאָליאַקן האָבן איבערגענו־מען די מאַכט פון די דייטשן, דאָס צווייטע מאָל, ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרטריבן די ליטווינער, נאָך זייער קורצן רעגירן אין שטאָט, איז דער צייט פון סאָוועטיש־פּוילישן קריג.

בעת די יונגע רויטע אַרמיי האָט מאַרשירט אויף וואַרשע און דער־גרייכט דעם ניעמאַן, האָבן די פּאָליאַקן פאַרלאָזן סובאַלק, וואָס ליגט גע־אָגראַפיש ווי אַ זאַק, אַריינגעשניטן אין פּרייסן. די פּוילישע אַרמיי האָט דאָרטן געקאָנט אָפּגעשניטן און פאַרשפאַרט ווערן אינעם דערמאָנטן „זאַק", איז זיי מער ניחא געווען צו פאַרלאָזן די געגנט. ס׳איז געבליבן אַ ליידי־קער חלל, וואָס די ליטווישע אַרמיי האָט פאַרנומען נישט ווערנדיק גע־שטערט פון קיינעם. ואני הקטן האָב זיך צוריקגעקערט אין דער היים און געזען ווי די ליטווישע פּאַן פּלאַטערט איבערן טורעם פון ראָטהויז. איך האָב זיך באַלד אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין אַרטיקן געזעלשאַפט־לעכן קעסל. מיין ציל איז געווען העלפן איינגלידערן סובאַלקער קהילה אין דער אויטאָנאָמער ראָם פון די ליטווישע יידן.

דעמאָלט האָבן מיינע יידישע בני עיר געגאָסן אַ טראָפּן פרייד און דערהויבונג פון די יידישע „גליקן" אין ליטע. ד״ר שמשון ראָזנבוים האָט אָפיציעל באַזוכט די שטאָט, ווי אַ מיניסטער, און אויפגענומען געוואָרן מיט אַ מיליטערישן פּאַראַד, מיט מוזיק, מיט כבוד מלכים, אַזוינס האָבן די סובאַלקער יידן געזען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן!

די ציוניסטישע יוגנט, די יידישע אומפּאַרטייאישע סקאַוטן און דער־וואַקסענע שול־יוגנט, האָבן זיך אויסגעצירט אין זייערע אוניפאָרמען, גע־האַלטן הויך ווייס־בלויע און ליטווישע פאָנען, די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג האָט זיך אַרויסגעשאָטן אין דער הויפּט־גאַס („קאָסציושקאָ פּראָס־פּעקט") צו בילדן שפּאַליערן פון ביידע זייטן. אין דער מיט האָט גע־שפּאַנט דער מיניסטער ד״ר ראָזנבוים מיט זיינע באַגלייטער, ואני הקטן, בין געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם פייערלעכן קבלת־פּנים.

די פּאַליאַקן זענען יענע טעג ווי פאַרשוואונדן פון די גאַסן און גע־לאָזן די „זשידעס" רעגירן אין זייער „באַליידיקטער געלעסטערטער פּוי־לישער שטאָט". — — —

די ליטווישע מאַכט מיטן ליטווישן גאַרניזאָן, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין סובאַלק עטלעכע וואָכן נאָך ד"ר ראָזנבוימס באַזוך, זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, אויפן ביסל ליטווינער און נייטראַלע דייטשן. בעת די ליטווישע מאַכט איז אַנטלאָפן פון סובאַלקער געגנט אין פּאַניק, האָב איך, מיט נאָך מענטשן פון מיין גלייכן מיטגעלאָפן מיט זיי צופוס, דורך די וועלדער און זומפּן פון טשיפּלישקי קיין קאַלוואַריע, און פון דאָרטן צוריק קיין מאַריאַמפּאָל.

כ'האָב דערמאָנט דעם ד"ר ראָזנבוים יענעם סובאַלקער קבלת־פּנים און דערציילט וועגן מיינע בריחות. אַזוי האָט זיך פאַרבונדן צווישן אונדז אַ פערזענלעכע פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן, בעת ער איז געשטאָרבן אַן עלנטער אין תל־אביב, וואו ער האָט פאַרנומען אַ מיזעראַבלען אַמט פון אַ מוניציפּאַלן ריכטער. דער אַמט האָט אים לכתחילה אַביסל אימפּאָנירט, מחמת דאָס געריכט איז געווען אַ דורכויס יידישער, און תל־אביב איז דעמאָלט געווען די ערשטע און איינציקע דורכויס יידישע שטאָט אין דער וועלט.

מען קען נישט דערמאָנען אָן צער זיינע לעצטע פּאָר יאָר אין ארץ־ישראל, זיינע פאַראומערטע פּקחותדיקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ גוטמוטיקן צעקנייטשטן פּנים, באַצוימט מיט אַ ווייס־גרוי אינטע־ליגענטיש בערדל. זיין גאַנצער הולך און סובטעלער אויסזען האָט גע־מאַכט אַ רושם פון אַ געפּאַנגענעם אָדלער מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען, וואָס האָט משלים געווען מיטן גורל, פילאָזאָפיש צו וואַרטן אויפן באַשטימטן טערמין, אַוועקצוגיין דאָרטן, וואו יעדער לעבעדיקער מוז אַוועקגיין.

ווער געדענקט איצט, און ווער דערמאָנט היינט אַזאַ פּרעכטיקע און טראַגיש־יידישע נאַציאָנאַלע פיגור? — זיינע אויסגעהרגעטע ליטווישע יידן, וואָס פלעגן זיך דעמאָלט מיט אים גרויסן און צירן און אים געטראָגן אויף די הענט?

לא המתים יהללו — — — אָבער, דער זכות און טיפע אינערלעכע

פרייד צו פאַרברענגען און לעבן אין ארץ־ישראל, אין דער אויסגעבענק־טער, אויסגעחלומטער יידישער מדינה אונטערוועגס, האָבן אים געגעבן דעם גייטיקן סם־החיים און מאָראַלישן כוח, צו ענדיקן זיין שיינעם לעבן, אויסגעפילט מיט מעשים טובים פאַר זיין געליטן יידיש פאָלק, ווי פאַר די ליטווינער, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געהאַלטן פאַר פריינט.

אין 1922 איז ד״ר שמשון ראָזנבוים געווען אין פולסטן רום און גלאַנץ, אַ מוטיקע קעמפנדיקע פיגור פון ליטווישן יידנטום, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ נישט גלייכע מלחמה מיט דער ליטווישער רעאַקציאָנערער קלויסטער־רעאַקציע, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער מאַכט — די „קריסט־לעכע דעמאָקראַטן". ד״ר ראָזנבוים האָט דעמאָנסטראַטיוו געערדט ייד ש אין סיים, און מוטיק געפירט די איינגעבראַכענע אויטאָנאָמע שיף ביזן סוף, זיך איינגערעדט און געגלויבט, אַז די דעמאָלטיקע הערשער פון ליטע, וועלן האַלטן זייער וואָרט און צוזאָגן כלפּי די יידן. דערווייל וועלן די יידן זיך פריי אויסלעבן אין אַן אַטמאָספער, וואָס וועט פאַרלייכטערן די צוגרייטונגען און טעטיקייטן פאַרן העכסטן ציל, פאַר אַ „יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל" (דעמאָלט האָט מען נישט געברויכט דעם טער־מין „מדינה").

כ׳דערמאָן זיך מיינע וויכוחים מיטן יידישן מיניסטער, פריער אויף אַן עפנטלעכן פלענום פון קאָוונער קהילה (וואו כ׳בין יענע יאָרן געווען אַ ראַטמאַן), דערנאָך אויף די פלענומס פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און נאַציאָנאַל־ראַט, וואו כ׳פלעג פרעגן, ווי אַזוי קענען די ליטווישע טי־ראַנען, די „קריסטלעכע דעמאָקראַטן", פון איין זייט האַלטן פאַרצויגן תליה־שטריק איבער די העלדזער פון זייערע אייגענע אַרבעטער, באַטראַ־קעס און פויערים, און פון דער צווייטער זייט, דערשיינען ווי „באַפרייער" און גוטזאָגער פאַר יידן? ווי אַזוי קען מען זיך שטיצן און גלויבן אין זייע־רע צוזאָגן? הלמאַי איינשלעפערן די יידן פון ליטע אין אילוזיעס, אַז אַט דאָ אין ליטע, אין רעאַקציאָנערן רעזשים און טעראָר פון דער זשוואַלגיבע, וועט מען קענען לעבן פריי און אויטאָנאָם ווי יידן, נישט געשטערט פון דער ווילדער רעאַקציע און גלחישע שונאי ישראל?

איצט, אויף אַ דיסטאַנץ פון קנאַפּע פיר צענדליק יאָר, קען מען אָב־

יעקטיוו משפטן אונדזערע פועלי־ציון טענות אין ליטע, וואָס האָבן זיך באַזירט אויף שאַרפן רעאַליזם, און נאָך שאַרפערער רעאַליסטישער אָפּ־שאַצונג פונעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון די ליט־ווינער אין זייער מדינה. מיט ווייטיק דערמאָנט זיך, ווי מען פלעגט אויס־לאַכן די „שאַפונג פון אַ סטראַטעגישער באַזע״ פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, און דאַרטן לענקען די יידישע וואַנדערונג פון ליטע ווי פון אומעטום, שוין נישט צו דערמאָנען דעם חוזק איבער די „סטיכישע פּראָ־צעסן״, אאַ״וו.

עס דערמאָנט זיך אויך מיט צער, ווי בייז מען פלעגט אויפנעמען אונדזערע פינצטערע נבואות וועגן די „גוטע״ ליטווינער — שוין דעמאָלט, פאַרן היטלעריסטישן אויפקום, אונדזער כאַראַקטעריזירן און שילדערן דעם באַרבאַריזם פון דער ליטווישער מאַכט, דאָס דעמאַסקירן די מוראדיקע רשעות פון דער גרויזאַמער פאַרווילדעוועטער זשוואַלגיבע און פּאָליציי, די אינקוויזיציעס איבער פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די אויספאָרשונגס־אַמטן, דעם טעראָר פון די קריסטלעך־פאַשיסטישע שטויס־טרופּן, אָרגאַני־זירטע מ י ל י ט ע ר י ש אין דער ראַם פון „געלעזשינאַ־ווילקאַס״ (איי־זערנער וואָלף), וואָס פלעגן דעמאָלט פּאַגראָמירן „נאָר״ אַרבעטער אָרגאַ־ניזאַציעס, ב אַ ז ו נ ד ע ר ס יידישע — — — אַט די „גוטע שטילע ליטווינער״ האָבן עס שפּעטער פרייוויליק מיט סאַדיסטישער תאווה צוזאַ־מען מיט די נאַצי־דייטשן, אויסגעהרגעט, אויסגעמאָרדעט די דורות, דורות לאַנג טיף פאַרוואָרצלטע יידן פון ליטע.

למען האמת, האָבן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי ד״ר ראָזנבוים ווייט נישט געגלויבט אין דער ליטווישער „גוטסקייט״, אָבער זיי האָבן געמוזט שווימען מיטן בירגערלעכן שטראָם, אָפּצוהיטן די „ליניע״ פון דער ביר־גערלעכער פּאַרטיי, וואָס איז אין טיפן תוך גענומען נישט געווען אַזוי אידענטיש מיט דער ציוניסטישער אידייע און ליניע, און נעמלעך: פון איין זייט בויען, און זיך באַמיען צו פאַרפעסטיקן פאַר יעדן פּרייז, אָט דאָ אין דער ליטע אַן אויטאָנאָמען בנין, אָפּצוהיטן אַן איינגערעדטן שלום בית, צו שאַפן די אילוזיע פון קאַנען רואיק פריי, נאַציאָנאַל, קולטורעל יידיש זיך אויסלעבן אויף אַן אָרט, פון דער צווייטער זייט פּראָפּאַגירן עליה אין ארץ־ישראל.

אין אונדזערע דעמאָלטיקע ביטערע וויכוחים פלעגן מיר, פּועלי־ציו־ניסטן, טענהן, אַז ווי אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, נעמען מיר נישט קיין אָנטייל אין די געלט־זאַמלונגען פון די אַלגעמיינע ציוניסטישע פאָנדן, ווייל מיר ווילן נישט מיטן געלט מכפּר זיין, אויסקויפן און דעקן אונדזער „דאָאיקן" לעבן. אַנשטאָט געלט, לאָזט אונדז עולה זיין קיין ארץ־ישראל — ג י ט אונדז סערטיפיקאַטן, וואָס מיר, פּועלי־ציון, קריגן נישט; מיר ווילן געבן ארץ־ישראל, מענטשן, הענט, אַרבעטער, בויער. מיר דרייען זיך נישט אַרויס פון געלט־שפּענדונגען, אויב שפּענדן געלט, איז פאַר אונדזער אייגענעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד", וואו מיר האָבן די דעה, ווי אַרבעטער ציוניסטן.

אַזוי איז אויפגעגאַנגען דאָס יאָר 1923. נישט ווייניק פון אונדזערע סקעפּטיקער (אין באַצוג צו דער אויטאָנאָמיע) זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט די „גלויביקע" גלותיסטן, אָט זענען שוין אַוועק עטלעכע יאָר צייט, די אויטאָנאָמיע לעבט און וואָרצלט זיך איין אין לעבן און אינעם באַוואוסטזיין פון מאַסן.

נישט ווייניק מענטשן, ואני בתוכם, האָבן אין דער שטיל פאַר זיך, און מיט זיך אַליין, גענומען איבערשאַצן און אַנאַליזירן דעם אייגענעם פּעסימיזם און אומגלויבן אין דער אויטאָנאָמיע. צי זענען מיר נישט אַביסל אכזריותדיק כלפּי „עמך", צו דערשיינען פאַר זיי ווי „שוואַרצזעער", ממש נישט פאַרגינען ס'ביסל חיי שעה פון דורכשניטלעכן יידן אין ליטע? סוף כל סוף זענען דאָך די עלטערע, מער געניטערע פּאָליטישע טוער, נישט קיין בלינדע און חלילה נישט קיין שונאים פון זיך אַליין, צו לייגן אַזויפיל האָפענונגען אויף דער אויטאָנאָמיע. אפשר טרייבן מיר איבער אין אונדזערע אָפּשאַצונגען, וואָס זענען מער אינסטינקטיווע און עמאָציאָנעלע ווי דיאַלעקטישע, ווי מאַרקסיסטישע? ווידער, וואו און ווען האָט עס דער באַראַכאָוויזם נעגירט די אויטאָנאָמיע? — אָט איז רעוואוצקי געוועזן דער יידישער מיניסטער אין אוקראַינע, רעוואוצקי, דער פּועלי־ציוניסט... „אַלנפאַלס", האָבן מיר זיך געטרייסט, „אַרבעטן מיר אור־מעטום מיט אין די קהילות, ווי אין נאַציאָנאַל־ראַט, כאָטש מיר וואָרענען דעם עולם, מיט אונדזער שאַרפער, אפשר צו שאַרפער קריטיק. — — —

חודש פעברואַר 1923. ליטע ליגט פאַרפרוירן איינגעהילט אין ווייסע תכריכים, איינגעוויגט אין שניי־שטורעמס, אַלע וועגן „פאַרשנייט און פאַרווייט״ ביז צו די שטרויענע דעכער פון די דאָרפישע און קליינשטעטל־דיקע הילצערנע הייזער. שויבן מיט וואַסער־רערן פלאַצן פון פראָסט, ביי־מער ברעכן זיך אונטער דער שווערער שנייאיקער לאַסט, פייגל פאַלן טויט פון הונגער, אָדער פאַרפרוירענע ווי שטיקער אייז. ס׳איז נישט צו דער־הייצן די הייזער אין אַ טעמפּעראַטור, וואָס דערגרייכט 30־28 גראַד מי־נוס און מער. מיר אַרבעטן און לערנען אין די מאַנטלען, איינגעהילט די העלדזער אין וואָלענע שאַלן. די הענט זענען בלוי און רויט פון קעלט.

יענעם קאַלטן חודש פעברואַר 1923 זענען די יידן אין ליטע אויפ־געברויזט און דערשיטערט געוואָרן ביז דער טיפסטער טיף. נאָך אַן אַנטי־יידישער אַקציע מצד ליטווישע „פּאַטריאָטן״, סטודענטן, אינטעליגענטן, ליטווישע הויכע און מיטעלע באַאַמטע, פּאָליציי און מיליטערלייט, וואָס האָבן אויסגעשמירט די י י ד י ש ע קאָוונע אין סמאָלע, אין שוואַרצער סמאָלע.

די דערמאָנטע ליטווישע „פּאַטריאָטן״ האָבן אָנגעקאָכט קעסלען סמאָ־לע, שוואַרצע סמאָלע, צו שענדן דאָס ווייס־פאַרשנייטע מרובעדיק־יידישע אות און וואָרט; צו לעסטערן און מבזה זיין ס׳יידישע פּנים, דעם יידישן כבוד אין ליטע ווי אומעטום. — — —

מיר האָבן דערמאָנט ווי אַזוי דער ליטווישער סיים האָט אויסגעמעקט פון דער ליטווישער קאָנסטיטוציע צוויי פּאַראַגראַפן, וואָס האָט אָנגעזאָגט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע; דאָס „אומשולדיק״ מבטל מאַכן יענע צוויי פּאַראַגראַפן, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו די רעכט פון געברויכן עפנטלעך די שפּראַכן פון די מיעוטים — בעיקר יידיש, איז געווען דער ע ר ש ט ע ר איינברוך אין דער אויטאָנאָמער מויער. ד״ר סאָלאָווייטשיק האָט אַלס פּראָ־טעסט רעזיגנירט פון זיין הויכן מיניסטאָרן־אַמט און היסטאָריש געפילט בחוש, אַז „אַט הייבט זיך עס אָן״, און ס׳האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ פּאָר חדשים שפּעטער, אין פעברואַר 1923.

די יידישע שפּראַך אין מויל, אין לעבן, אינעם שטייגער און קולטור פון אַ ל ע יידן אין ליטע, איז געווען נאַטירלעך, אָרגאַניש, ווי די לופט,

וואָס זיי האָבן געאָטעמט. די יידן אין ליטע האָבן דעמאָלט נישט גע־וואוסט פון אַסימילאַציע און אַסימילאַטאָרן, אַלץ האָט געלעבט און גע־אָטעמט אין יידיש, אַלע, אַלע דורכויס „יידישיסטן" ווי „העברעאיסטן". אמת, ס׳פלעגט זיך מאַכן, אַז יידישע עלטערע אינטעליגענטן פלעגן צווישן זיך כאַפּן אַ שמועס אין רוסיש, צו דערמאָנען די „גוטע" אַמאָליקע ראַמאַנטישע מ׳יטל־ און הויכשול־יאָרן. ליטע האָט פאַרמאָגט פּרעכטיקע העברעאישע שולן און גימנאַזיעס, סעמינאַרן און כלערליי קורסן, אָבער די מענטשן, די לערער ווי די שילער, פלעגן בדרך כלל, צווישן זיך, אין אינטימען לעבן, אַפילו אין די הפסקות אין די שולן — ריידן יידיש, אַ פשיטא „עמך". די יידישע מאַסע, די אַרבעטער, די בעלי מלאכות, די קלענערע און גרעסערע סוחרים, די פאָלקס־אינטעליגענץ, מיט דער ריזי־קער מערהייט פון די יידישע אַקאַדעמיקער, אַלע אַנשטאַלטן — אַלע האָבן באַנוצט יידיש, און נישט אויסגעמיטן דאָס יידישע וואָרט פון זייערע שילדן און מודעות אין גאַס, אין זייע־רע בריוו, איבערשריפטן אַפילו אין זייערע קליינע וויזיט־קאַרטלעך, יידיש האָט דעמאָלט דאָמינירט אין יידישן לעבן אין ליטע, אומעטום, אין אַלע שטחים.

האָט די ליטווישע מאַכט צוזאַמען מיט דער רעאַקציע, דעמאָלט געוואָלט שווער פּוגע זיין דער יידישער באַפעלקערונג, גראָב און באַרבאַ־ריש, פּוגע זיין ס׳יידישע לעבן און זעלבסטווירדע, האָבן זיי אָרגאַניזירט די טרויעריק־באַרימטע שוואַרצע נאַכט אין חודש פעברואַר 1923.

זיי האָבן אָרגאַניזירט טויזנטער ליטווינער, זיי איינגעטיילט אין כנופיהס, איבערגעגעבן יעדער כנופיה גאַסן און קוואַרטאַלן, אין זייער הויפּט־שטאָט קאָוונע, וואו ס׳האָט רעזידירט די רעגירונג, דער פּרעזידענט מיט אַלע אויסלענדישע לעגאַציעס; זיי האָבן באַפוילן די כנופיהס במשך פון איין נאַכט, פאַרשמירן מיט סמאָלע אַ יעדער יידישן אויפשריפט, פון די גרעסטע שילדן און מודעות ביז די קלענסטע שילדלעך פון דאָק־טוירים און אַדוואָקאַטן, ביז די קליינינקע פּריוואַטע וויזיט־קאַרטלעך אויף די טירן פון יידישע היימען, נישט אויסגעלאָזן די יידישע טעקסטן פון די מלוכה־שילדן אויפן יידישן מיניסטעריום, נאַציאָנאַל־ראָט, יידישע שפּי־

טעלער, בענק, קאָאָפּעראַטיוו־אַנשטאַלטן — ביז דער קאָוונער קהילה, די שילדן פון די שולן, סטודיעס, סעמינאַרן, גימנאַזיעס און די טויזנטער...

אָט די ריזיקע שוואַרצע מלאכה איז דורכגעפירט געוואָרן אין קאָוונע אין איין איינציקער פּראַסטיקער נאַכט, דערלאַנגענדיק ביז די קאַרניזן, ביז די דעכער פון 3־4־שטאָק הויך, וואָס ס'איז אוממעגלעך געווען צו דערגרייכן אָן די העכסטע פייערלעשער־לייטערס; דערנאָך אַראָפּגעקראָכן צו די קליינע אָרעמע יידישע שילדלעך איבער די קעלערס פון שוסטער, בלעכער, בערשטער, וכדומה.

אויף מאָרגן, ביי זון־אויפגאַנג, איז די שוואַרצע מלאכה געווען קאָמפּלעט־שלימותדיק.

די באַפעלקערונג, וואָס האָט די מלאכה דערזען, האָט נישט געוואָלט, און נישט געקענט גלויבן די אייגענע אויגן, היתכן?

פאַר די יידן פון קאָוונע איז יענער פרימאָרגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוידער, אין אַ פינצטערער וואָרענונג און אָנזאָג, וואָס עס שטייט זיי פאַר אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

די דערשיטערונג איז געווען גרויס און שטאַרק, באַזונדערס נאָכן צביעותדיקן פּאָליציי־קאָמוניקאַט, אַז דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורך נאַכט, נישט געוואָרן באַמערקט נישט פון דער מאַכט, נישט פון דער פּאָליציי, נישט פון דער שמירה, נאָך מער: — די פּאָליציי האָט פאַרארדנט די יידן וואָס גיכער צו באַזייטיקן אַלע פאַרשמירטע שילדן און גרייטן, מער נישט צו באַנייען די יידישע אויפשריפטן, כדי „נישט אויפצורעגן די פּאַטריאָטישע נאַציאָנאַלע ליטווישע יוגנט".

דער שאָק איז געווען געוואַלטיק. עס דערמאָנט זיך ווי יענע טעג האָבן אונדז געציטערט די הענט. ס'האָט עפּעס געוויינט אין דיין אינגעווייד מיט אַ מוראדיקער הילפלאָזיקייט. מיט אַ טיפן צאָרן און ווילן זיך אָפּצורעכענען מיט די „פרומע" ליטווישע יעזואיטן, אָבער ווי אַזוי?

כ'דערמאָן מיין פאָדערונג, אויף אַ דרינגענדיקן צונויפטרעף פונעם פּערסאָנאַל פון יידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַל־ראַט, ווי אויף אַנדערע זיצונגען: — נישט אַראָפּצונעמען די פאַרשמירטע שילדן, נישט אָפּצוּוואַשן די סמאָלע פון שילד פון יידישן מיניסטעריום מיטן מלוכה־

עמבלעם, זאָל עס אַזוי בלײַבן מיט דער סמאָלע אויף די פּאָסאַדן, ווי אַ קין־צייכן, און אויב די ליטווינער פאָדערן אַראָפּצונעמען די סמאָלע, זאָל עס טאָן די פּאָליציי, זאָלן יידן בכלל נישט באַנייען די שילדן...

אויף אַ בלעטל פון אַן אַלטן נאָטיץ־ביכל פון יענער צייט האָב איך געפונען פאַרצייכנט:

„דעם 9.2.23. — דער סעקרעטאַר פון יידישן מיניסטעריום ה׳ שאַ־פּירא, האָט היינט געהייסן דער ליטווישער פּרוי, וואָס קומט און רייניקט די ביורא־צימערן פון מיניסטעריום, זי זאָל אָפּוואַשן און אָפּרייניקן די סמאָלע פונעם עמאָל־שילדל ביים אַריינגאַנג. די פרוי האָט זיך ציניש אָפּ־געזאָגט און דאָס שילדל נישט אָפּגעוואַשן" — — — „אַזוינס צייגט אַ געפערלעכן סימפּטאָם וואָס דערציילט, ווי דער אַנטי־יידישער סם איז שוין אַריינגעדרונגען אין דער טיף פון ליטווישן פאָלק" — — — „יאָ, די ליטווישע מאַכט האָט דעמאָלט געהאַט מיט וואָס צו פאַרווירן אירע בירגער, זיי צו באַשעפטיקן מיט דער אַלט־באַקאַנטער „יידישער סכנה", זאָלן זיך די ליטווינער פאַרנעמען מיט די יידן, וועלן זיי ווייניקער זען די קלאָגעדיקע אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק פון זייער רעגירונג".

אַז מיר ציטירן אַלטע בלעטלעך פון 1923, לאָמיר ציטירן נאָך עט־לעכע נאָטיצן, כדי צו אילוסטרירן די יידישע וויטאַליטעט, ווי אַזוי מען האָט זיך גיך מתגבר געווען, באַנייט די נאָרמאַלע אויטאָנאָמע אַרבעט, ביז מען האָט באַקומען אַ צווייטן קלאַפּ.

„11.2.23. — אויף אַ זיצונג פון צ.ק. פון דער פּאַרטיי (פּועלי־ציון) איז באַשלאָסן געוואָרן שאַרף צו רעאַגירן אויף דער כוליגאַנישער אַקציע פון די ליטווינער קעגן די יידישע שילדן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן באַלד אויספּאַרטיקן אויפרופן אין יידיש און ליטוויש, צעקלעפּן אין די גאַסן, אויפמערקזאַם צו מאַכן די יידישע און ליטווישע מאַסן, אַז מיט אַזעלכע שמוציקע מעשים מיינט די ליטווישע רעגירונג אָפּלענקען די אויפמערק־זאַמקייט פון אירע בירגער פונעם אינערלעכן קלאָגעדיקן מצב אין לאַנד".

— „די טעכנישע זייט פון אויספירן דעם באַשלוס, ווערט איבערגע־געבן שמוליקן און ביינאַרטן".

לאָמיר ווידמען אַ פּאָר שורות די דערמאָנטע צוויי וואונדערלעכע טיפּן, וואָס זענען שפּעטער צוזאַמען אומגעקומען אין היטלער־גהינום אין פראַנקרייך, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שמוליק — (שמואל גרינבערג־קלינגער) איז געקומען קיין ליטע אין 1920 מיטן פּליטים־שטראָם פון פּוילן. אַ פעסט־געבויטער, אַ נידעריקער, אַ פריילעכער, מיט צוויי גרויסע שוואַרצע אויסדרוקספולע אויגן, וואָס האָבן באַלויכטן זיין שיינעם לאַכנדיקן פּנים. שמוליק איז גיך געוואָרן פאַר דער פּאַרטיי דער אויסדרוק פון אומדערשראָקנקייט און גרענעצלאָזער מסירת נפש און טרייקייט. זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון דער שווערסטער לאַסט און סכנותפולע פאַרגעבן. (נאָר פאַרן כאַפּן ביים קלעפּן אַן אויפרוף — פלעגט מען דעמאָלט אָפּזיצן לאַנגע יאָרן אין תפיסה). שמוליק איז געווען אַן אַרבעטער, וואָס האָט באַהערשט עטלעכע פאַכן, פלינק, געשיקט, קלוג און נוציק. ער איז געוואָרן דער שומר און „באַלעבאָס" פון אונדזער פּאַרטיי־דרוקעריי אויף יאטקעווער גאַס, און פונעם קאָאָפּעראַטיוו בנין מיט די טייערע מאַשינען פון דער מעכאַנישער סטאָלעריי פון פּועלי־ציון אין קאָוונע, וועלכע איז נאָכן לעצטן פּאָליציי־פּאָגראָם אויף דער פּאַרטיי איבערגעגעבן געוואָרן דעם „החלוץ". שמוליק האָט קיינמאָל נישט געהאַט און נישט געטראָגן מיט זיך קיין פּאַספּאָרט אָדער אַנדערן דאָקומענט, ער איז געקומען קיין ליטע אָן אַ פּאַס, אָן אַ וויזע, מ'ר האָבן אים געמאַכט אַ שטיקל אידענטיפיקאַציע־פּאַפּירל, און קוים איינגערעדט עס צו טראָגן מיט זיך על כל צרה שלא תבא. שמוליק האָט אונדז געדינט ווי אַ „זיך־רעדאַקטאָר", פאַר פאַרשיידענע האַלב־לעגאַלע אויסגאַבן, און אַפילו קאַנדידירט צום סיים...

אין 1925 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל — — — אָן אַ פּאַספּאָרט, אָן אַ סערטיפיקאַט און אָן אַ וויזע. שמוליק האָט געלעבט און געאַרבעט צוזאַמען מיט מ'ר ביי כלערליי חלוצישע אַרבעטן און געווען גליקלעך. דאָ האָט ער זיך „דערמאָנט", אַז ער האָט אַ פרוי מיט אַ זון אין שעדלעץ.

אין 1927 איז ער מיטאַמאָל פאַרשוואונדן, מ'ר איבערגעלאָזן אַ פּאַפּירל, אַז באַקאַנטע מאַטראָסן פון אַ לאַסט־שיף נעמען אים מיט קיין

מאַרסעל; פון דאָרטן וועט ער „אָנשפּאָרן" קיין פּאַריז, וואו ער וועט ברענגען זיין פרוי און זון, און דערנאָך וועט ער מיטביידן צוריקקומען אויף „אייביק" אין יידישן לאַנד, אין ארץ־ישראל.

שמוליק איז געוואָרן באַליבט צווישן אַלעמען אין חיפה, ווי אַמאָל אין קאָװנע. ער איז געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי פּועלי־ציון, אָנטייל־גענומען אין דעמאָנסטראַציעס קעגן דער בריטישער מאַכט, באַשיצט יידי־שע אַרויסטרעטונגען פון די שטיינער און כוליגאַנעס פון „גדוד מגיני השפה", וואָס פלעגן מיט זייערע אַגרעסיווע מעשים כלפּי יידיש מער לעסטערן ווי „באַשיצן" העברעאיש. אָבער, ווי געזאָגט, איז שמוליק פאַר־שוואונדן, אַוועק אויף אייביק, אומגעבראַכט דורך די נאַצישע טעווטאָנען אין פראַנקרייך.

ביינאַרט איז געווען אַ מאַן ווי אַ דעמב, פיזיש שטאַרק, וואָרצלדיק אין יידישן מאַסן־לעבן, פון פּאַך אַ בלעכער. ביינאַרט איז געווען אין קאָװנע איינער פון די אַקטיווסטע ביי די פּועלי־ציון, טריי און מוטיק. אַ ראַטמאַן אין קאָװנער קהילה, תמיד גרייט צו יעדער אַקציע, תמיד אין דער ערשטער שורה ביי יעדער אַרויסטרעטונג און געפערלעכסטן פאַר־געב ביז צו פאַרגעסן זיך מיט דער משפחה, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן.

די פּאָליציי פלעגט תמיד לויערן אויף אים ווי אויף שמוליקן, אָבער שמוליק פלעגט זיך באַמיען ביי יעדער באַגעגעניש מיט פּאָליציי־אַגענטן צו פאַרשווינדן אין דער לעצטער רגע, ווי אַ גליטשיקער פיש, ממש פון די הענט אַרויס, בעת ביינאַרט, דער וואָרצלדיקער ליטוואַק, פלעגט בלייבן שטיין פּנים־אל־פּנים כלפּי זיינע פאַרפאָלגער פון דער „זשוואַלגיבע", זיי אַריינלאַכן אין פּנים און אַוועקגיין. נישט איינמאָל, פלעגט ער אָננעמען, אַזאַ דערשראָקענעם פּאָליציי־שפּיצל פאַר די לאַצן, און אים פרעגן בקול רם, „ווי צאָלט מען דיר? — טעגלעך, אָדער פאַר יעדער שעה"? דער צעטומלטער שפּיצל פלעגט זיך אָפּטראָגן אַן אויסגעלאַכטער פון אַרומיקן עולם.

די שפּיצלען פון דער ליטווישער פּאָליציי, זענען יענע יאָרן, נישט געווען געניט אין דער שמוציקער מלאכה. זיי האָבן בדרך כלל נישט געקענט אַרעסטירן, זיי האָבן נאָר געדאַרפט נאָכשפּירן, באַגלייטן אומע־

טום דעם אָנגעצייגטן מענטשן, און יעדן טאָג איבערגעבן די ממונים אַ געגויען באַריכט פון אַלץ וואָס זיי האָבן געזען. די שפּיצלען, וואָס איך האָב געהאַט „דעם כּבֿוד" צו קענען, זענען געווען פּשוטע נאַרישן ברואים, אַרבעטסלאָזע, האַלב־אינטעליגענטן, אָפטמאָל „פּאַטריאָטישע" סטודענטן, וואָס פּלעגן זוכן עטלעכע שעה לייכטע פּרנסה. כ'געדענק איינעם אַזאַ טיפּש, וואָס פלעגט מיך אָפּוואַרטן ביים אַרויסגאַנג פון נאַציאָנאַל־ראַט און נאָכפּאָלגן ביז דער אַרבעטער־קיך, וואו כ'פלעג עסן מיטיק.

אונטער דער השפּעה פון ביינאַרטן, האָב איך זיך איינמאָל פּלוצים אָפּגעשטעלט, שאַרף אויסגעדרייט און דירעקט געפרעגט מיין נאָכפּאָלגער: — „טאָמסטאַ, (מיין הער) אפשר ווילסטו עסן צוזאַמען מיט מיר מיטיק? אין דרויסן איז נאַס און קאַלט"!... דער שפּיצל האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, און אַ צעטומלטער זיך אָפּגעטראָגן.

לאַנג האָט ביינאַרט נישט געקאָנט זיך שפּילן מיטן גורל. ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען די זשוואַלגיבע האָט איבערגעפּאַלן זיין דירה. צו זיין גליק איז ער נישט געווען אין דער היים, אָבער ער האָט געמוזט אַוועק פון ליטע. ער איז אַריבער קיין פּאַריז, שווער געאַרבעט ווי אַ טאַקסי־שאָפער, אָנגעזאַמלט אַביסל געלט און אַריבערגעבראַכט זיין פרוי און קינדער. די פּאַרטיי־אַרבעט אין פּאַריז האָט אים נישט אימפּאָנירט, לויט זיינע רייד, איז זי געווען אומעטיק — לעגאַל, נישט געהאַלטן דעם מענטשן אין שפּאַנונג. פון זיינע זעלטענע בריוולעך איז געווען צו זען, אַז ס'איז אים זייער, זייער אומעטיק דאָס לעבן. מחמת דער משפּחה, האָט ער פּלאַנירט ווי צו שאַפן אַ „מטבע", צו קומען קיין ארץ־ישׂראל, נישט דאַרפנדיק „אָנקומען צו קיינעם".

אַזוי האָט זיך די צייט געשלעפּט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן אים געכאַפּט און דערמאָרדעט ווי זיין חבר שמוליק. זיין משפּחה האָט זיך געראַטעוועט און עולה געווען אין מדינת ישׂראל.

12.2.23 — — — „נעכטן איז פאַרגעקומען אַ פייערלעכע זיצונג פון סאַניטאַר־מעדיצינישן אַמט, מיטן אָנטייל פון יידישן מיניסטער. די הויפּט־טייל פון דער זיצונג איז געווען געווידמעט דער געזעגענונג פונעם

לײטער פון אַמט, ל. גורעװיטש, װאָס פאַרענדיקט זײַן פאַרגעב אין ליטע, אָרגאַניזירט די סאַניטאַר־מעדיצינישע אַרבעט אין דער אויטאָנאָמער ראַם, געהאָלפן אײַנפעדעמען די געזעלשאַפטלעכע מעדיצין בכלל, און אַז אַלץ האָט „געקלאַפּט גוט", האָט ער זיך געזאָלט צוריקציען קײן בערלין, אײַ־בערצונעמען די לײטונג פון דער „אָזע" צענטראַלע אין בערלין".

„נאָכן פײַערלעכן טײל, איז אויף דער זיצונג דיסקוטירט געװאָרן אַ פּײַנלעכע פּראָבלעם: — צי קען מען דולדן אַ שטרײק פון קראַנקנשװעס־טער? דאָס פּראָבלעם איז אויפגעשװאומען נאָכדעם, װי די שילערינס פון דער יידישער שװעסטער־שולע, װאָס האָבן שוין געאַרבעט אין ייִדישן שפּיטאָל פון קאָװנע, האָבן פאַרשטרײקט און געפאָדערט אַ גרעסערע סוב־סידיע פון נאַציאָנאַל־ראַט, װײַל, מיט דער סובסידיע, װאָס זײ האָבן באַ־קומען, איז געװען שװער אויסצוקומען".

„אין מיטן װיכוח, ברענגט מען דעם ייִדישן מיניסטער אַן אויפרוף, װאָס ליטװישע „פּאַטריאָטן" האָבן הײַנט צעקלעפּט אין קאָװנער פאַר־שטאָט שאַנץ, פאָדערנדיק פון די יידן באַלד באַזײַטיקן אַלע ייִדישע שילדן, אויב נישט — — — װעלן זיך די ליטװישע „פּאַטריאָטן" באַמיען, אַלײן אויסצורײַניקן שאַנץ פונעם ייִדישן שריפט".

.21.2.23 „איך האָב פּראָטאָקאָלירט אַ זיצונג פון ייִדישע דאָקטוי־רים, װאָס האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם װי אַזוי אַרויסצוטרעטן אויפן אַלליטװישן דאָקטוירים־קאָנגרעס, װאָס װערט מאָרגן דערעפנט. אײנשטי־מיק איז באַשלאָסן געװאָרן: „אין ליכט פון די געשעעענישן די לעצטע טעג אין קאָװנע, זאָלן די ייִדישן דאָקטוירים רעדן י י ד י ש אויפן דערמאָנטן קאָנגרעס".

.22.2.23 „איך האָב באַקומען אַ בילעט בײַצוזײַן דעם אַלליטװישן דאָקטוירים־קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט זיך אויפגעמאַכט מיט גרױס פּאָמפּע, אין מלכותדיקן זאַל פון ראָטהויז, אויפן פּלאַץ־פּאַראַד. ס'װײַזט זיך אַרויס, אַז נישט װײניק דעלעגאַטן, ליטװישע דאָקטוירים, רײדן רוי־סיש, נישט קענענדיק געװנוג ליטװיש.

פון פּרעזידיום האָט מען אָנגעפרעגט דער ייִדישער דעלעגאַציע, אין װעלכן לשון מײנען זײ אַרויסצוטרעטן, מרמז צו זײַן, אַז זײ װעלן נישט

זיין קעגן געברויכן רוסיש לשון ביים באַהאַנדלען וויסנשאַפטלעך־מעדי־ צינישע ענינים.

די תשובה איז באַלד געקומען: — אויף דער טריבונע איז אַרויף ד״ר לאַזאַר פינקלשטיין, אָנגעטאָן אין פולער אָפיצירן־אוניפאָרם פון אַ ליט־ ווישן אַרמײ־דאָקטער, און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם ראַטהויז־זאַל איז עפנטלעך גערעדט געוואָרן יידיש אויף אַן אינטערנאַ־ ציאָנאַלן קאָנגרעס פון דאָקטוירים.

„עפּעס האָט זיך אַ ריר געטאָן אין זאַל, אַ מורמל ווי פון ים כוואַ־ ליעס איז דורך דעם עולם. ס׳איז אָבער באַלד שטיל געוואָרן און ד״ר ל. פינקלשטיין האָט פאַרענדיקט זיין י י ד י ש ע רעדע, באַגלייט מיט שטור־ מישן בייפאַל״.

„ווײַזט אויס, אַז די ליטווישע דאָקטוירים האָבן זיך, לעת עתה, נישט אידענטיפיצירט מיט די מעשים פון די „פאַטריאָטן״ אין דער סמאָלע־ נאַכט. די יידישע רעדע און ווירדיקע האַלטונג פון ד״ר ל. פינקלשטיין, ווי דער ע ר ש ט ע ר רעדנער, דערצו אין פולן מיליטערישן אוניפאָרם, האָט דערוועקט אַכטונג, ביי אַלע אָנוועזנדיקע, יידן ווי נישט־יידן״.

די „פרידמאַנאַדע“

מען קען נישט זאָגן, אַז די „שוואַרצע נאַכט“ אין קאָוונע, אין פעב־רואַר 1923, האָט מיט גאָרנישט געווירקט אויף די ליבעראַלע און סאָ־ציאַליסטישע קרייזן פון דער ליטווישער געזעלשאַפטלעכקייט, און אַז די „שוואַרצע נאַכט“ האָט זיך פאַרענדיקט מיט קאָוונע אַליין.

עס האָבן זיך געהערט אַ ריי עפנטלעכע פּראָטעסטן מצד פאַרשיי־דענע ליטווישע קרייזן. נישט געקוקט אויף דער שטרענגער מיליטערישער צענזור, האָבן אויך רעאַגירט אייניקע ליטווישע צייטונגען, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער ווידערווילן כלפּי אַזעלכע „באַרבאַרישע אַנטי־קולטו־רעלע אַקציעס“. גאַר שאַרף, ווירדיק און מוטיק האָט עפנטלעך רעאַגירט דער באַרימטער ליטווישער וויסנשאַפטלער, שרייבער און קולטור־טוער, ד"ר באַסאַנאַוויטשוס, וואָס האָט פאַרדאַמט די „סמאָלע־העלדן“. ד"ר באַסאַנאַוויטשוס האָט נישט געטענהט וועגן „אַנטי־קולטורעלע“ אַקציעס, נאָר פּשוט און קלאָר גערעדט און געשריבן וועגן אַ נ ט י ־ יי ד י ש ע אַקציעס.

דאָס איז אָבער געווען נישט מער ווי אַ „קול קורא במדבר“, וואָס איז פאַרשריגן און פאַרטומלט געוואָרן דורך אַלע ליטווישע שונאי ישראל און דורך אַלע רעאַקציאָנערע, פאַשיסטישע צייטונגען.

נאָך קאָוונע האָט מען פאַרשמירט מיט סמאָלע אַלע יידישע שילדן און אויפשריפטן אין פּאָנעוועזש, די צווייטע שטאָט אין ליטע, לויט איר גרויס און באַפעלקערונג. אין אַ ריי קלענערע שטעט און שטעטלעך, האָט די פּאָליציי, אַדמיניסטראַטיוו, אויף אייגענער האַנט, גענומען פאַרווערן דעם געברויך פון יידיש אינעם עפנטלעכן לעבן. ס'האָבן זיך גענומען שיטן אַנטי־יידישע עקסצעסן, דעמאָנסטראַציעס, ברעכן שויבן, באַגלייט מיט אַנטיסעמיטישער העצע אין וואָרט און שריפט, ביזן פינאַל פון דער פּרשה: מען האָט פאַרווערט די יידישע סיים־דעפּוטאַטן ריידן יידיש אין סיים.

אינעם טומל ארום דער „גדולה" פון דער אויטאָנאָמיע אין ליטע, באַלד נאָך דער עטאַבלירונג פון דער ליטווישער מדינה, האָט מען זיך באַמיט צו דערשטיקן אָדער פאַרטושן דעם פרסום פון אַנטי־יידישע אַק־ציעס און יידן־רדיפות אין ליטע. נישט דערמאָנט אין אויסלאַנד פּאָגראָ־מען אין עטלעכע שטעט און שטעטלעך אין ליטע. נישט איבעריקס מפרסם זיין דעם שפּלען, געפּערלעכן, עלילת־דם אין שטעטל פּאַנעדעל, צוזאַמען מיט אַלע פּרואוון מצמצם זיין ביז אַנולירן בירגער־רעכט ביי דורות־לאַנג איינגעבוירענע יידן אין ליטע.

ס'איז ביז היינט נישט צו פאַרשטיין, ווי שוואַך דאָס וועלט־יידנטום האָט דעמאָלט רעאַגירט אויף דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן דערמאָנט; ווי בלאָס און נישטיק די יידן פון אומעטום האָבן רעאַגירט אויף דער שוואַר־צער סמאָלע־נאַכט אין קאָוונע, ווען מען האָט אַזוי ברוטאַל און שענדלעך געלעסטערט יידיש, מיטן יידישן אות. מיר זאָגן עס אַקעגן די שטורעמס, וואָס פלעגן אויסברעכן יענע יאָרן אומעטום אין יידישן אויסלאַנד, בעת מען פלעגט פּוגע זיין יידיש אין ארץ־ישראל.

נאַטירלעך פלעגן דער ליטווישער אויסערן־דינסט, ווי דער אינערלע־כער געהיימער אינפאָרמאַציע־דינסט, צוזאַמען מיט די ליטווישע אַמבאַ־סאַדעס, אינפאָרמירן דער ליטווישער שנאת ישראל רעגירונג, צוזאַמען מיט דער ליטווישער געזעלשאַפטלעכקייט, אַז ס'איז „נישט סטראַשנע", אַז מען הערט זייער, זייער ווייניק דעם „קול יעקב". אַזוינס האָט אָן ספק געמונטערט די אַנטיסעמיטן אויסצוברייטערן זייערע אַנטי־יידישע אַק־ציעס, ביזן ליקווידירן די באַזונדערס באַזונגענע יידישע נאַציאָנאַל פער־סאָנעלע אויטאָנאָמיע אין ליטע.

אַז דאָס לעסטערן די יידישע שפּראַך מיטן יידישן אות, וואָס איז געווען די אָ פ י צ י ע ל ע שפּראַך פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, מיט אַלע פּרואוון צו פאַרווערן יידיש אינעם א ו י ס ע ר ל ע כ ן געברויך, איז אַראָפּ גלאַטיק אין ליטע גופא, ווי אין אויסלאַנד, האָט מען געמאַכט אַ נייעם פּרואוו צו טרעפן די אויטאָנאָמיע אין קאָפּ און אין האַרצן, מיט נאָך אַ שאַנד־אַקט אין זעלבן חודש פעברואַר 1923.

די ליטווישע רעגירונג האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס ווילן און באַ־

שטעטיקן דעם יידישן מיניסטער דורכן סיים צוזאַמען מיטן קאַבינעט, איז נאָר אַ קאָנסטיטוציאָנעל־פּאָרמעלער אַקט. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז דעם יידישן מיניסטער ווילט פריער דער יידישער ישוב דורך זיינע העכסטע דעמאָקראַטיש־געוויילטע אינסטאַנצן, ווי ס'איז דער נאַציאָנאַל־ראַט, קהילות־צוזאַמענפאָר, אָדער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. דער יידישער מיניסטער איז פ אָ ר מ ע ל פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רעגירונג — פאַרן מיניסטאָרן־קאַבינעט, אָבער וועזנטלעך, איז דער מיניסטער פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס רעפּרעזענטירט דעם אָרגאַניזירטן יידישן ישוב אין ליטע. פונדעסטוועגן, כדי זיך צו איזדיעקוועזן און שווער ברוטאַל פוגע זיין די עצם אויטאָנאָמיע, האָט די דעמאָלטיקע שונא־ישראל־רעגירונג פון ליטע, נאָך דער רעזיגנאַציע פון ד״ר ראָזנבוים, נישט געוואָרט, זיך נישט געגעבן די מינדסטע מי זיך צו ווענדן אָדער באַראַטן מיטן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, ער זאָל ב אַ ש ט י מ ע ן אַ נייעם קאַנדידאַט צו באַשטעטיקן ווי אַ יידישן מיניסטער.

די ליטווישע רעגירונג האָט אינגאַנצן איגנאָרירט די הויכע אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן, און אַליין, שנעל, אויף אייגענער אחריות, אויף אייגענער האַנט, באַשטימט אַ נ יי ע ם יידישע מיניסטער, אַן אומבאַקאַנטן אַדוואָקאַט — בערנאַרד פרידמאַן, אַ מענטש אַן אוניקום אין ליטע: אַן אַסימילאַטאָר, אַ פּשוטן פּסיכאָפּאַט, וואָרום אַן אָנשטענדיקער נאָרמאַלער ייד, וואָס פאַרמאָגט אַ טראָפּן שכל מיט נאַציאָנאַלער אחריות, וואָלט נישט געוואַגט על דעת עצמו, אָנצונעמען אַזאַ אַמט קעגן יידישן ווילן און באַלד דערשיינען ווי אַ נאַציאָנאַלער בוגד.

די ידיעה וועגן נייסטן „יידישן מיניסטער" איז שווער געפאַלן אין ליטע, ווי אַ הויך־עקספּלאָדירנדיקע באָמבע. די אויפרעגונג און צאָרן צוזאַמען מיט אַ געוויסער פאַרווירונג, זענען געווען גרויס; אַ יעדער באַוואוסטזיניקער ייד האָט די באַשטימונג קוואַליפיצירט ווי אַ שפּיי אין פּנים, און ווי אַ פינצטערע בשורה אַז, אָט רוקן זיך אָן „בייזע גוטע צייטן".

די יידן האָבן די באַשטימונג אויך אויפגענומען ווי אַ ביטערע גזירה, קעגן וואָס מען מוז באַלד רעאַגירן.

די יידן אין ליטע וועלן אַזאַ מיניסטער נישט אָנערקענען און באַי־

אידישער
נאציאנאל-ראט
אין ליטע
קאוונע

ŽYDŲ
TAUTOS TARYBA
LIETUVOJE
Kaunas

ועד הארץ
דליטא
קובנה

№ 2755/13

Kaunas, 1922 m. liep os..10 .d.

PA ŽYMĖJIMAS.

Šiuomi Žydų Tautos Taryba pažymi, jog p.Movšas Leibas RABINAVIČAS yra Žydų Taut os Tarybos Sanitarinės Žinybos sekretorius.

[signature]

[signature]

דעם דאָקומענט האָבן געחתמעט: 1) ד״ר יוליוס ברוצקוס, דעמאָלט יידישער מיניסטער אין ליטע, נאָכהער פאָרזיצער פון דער וועלט־צענטראַלע אין „אָזע״, געשטאָרבן אין פתח־תקוה — ישראל אין די 50ער יאָרן. 2) אַדוואָקאַט לייב גאַרפונקעל סיים־דעפּוטאַט אין ליטע און מנהיג פון צ. ס. ־ צעירי ציון, היינט הויכער מלוכה־באַאַמטער אין ישראל.

קאַטירן. און ס׳האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ ש ט י ל ע ר, פ אַ ר ב י־ ט ע ר ט ע ר פ אַ ס י וו ע ר ווי ד ע ר ש ט אַ נ ד.

דער הער בערנאַרד פרידמאַן איז טאָטאַל אויסגעמיטן און איזאָלירט געוואָרן פון אַלעמען. זיין נעבעכדיקייט מיט זיין שפּלן מעמד, האָט ער דערפילט תיכף ביים איבערנעמען דעם פּאָרטפעל, ביים דערשיינען אין די ביוראָען פון יידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַל־ראַט.

אַלע באַאַמטע, אָנגעהויבן פון די העכסטע מנהלים, ביזן לעצטן באַ־דינער און שיק־מענטש, האָבן נישט געענטפערט אויף זיין גוט־מאָרגן. נישט אויסגערעדט צו אים אַ וואָרט, ווי ער וואָלט נישט עקזיסטירט. און פון דער נאַטור איז דער הער פרידמאַן געווען זייער אַ באַרעדעוודיקער מענטש...

ביז דער באַשטימונג איז אַזאַ פרידמאַן געווען אַ דורכשניטלעכער מענטשעלע, אַן אַנאָנים, וואָס קיינער האָט זיך מיט אים נישט אינטערע־סירט. נישט מיט זיין היינט, און נישט מיט זיין נעכטן, אָבער אַז מען האָט אים אַרויפגעזעצט רעגירן איבער געוואַלט קעגן יידישן ווילן. מבזה צו זיין די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, האָבן זיך שוין געפונען גענוג בעלנים אַ נישטער צו טאָן אין זיין קליינטשינקער ביאָגראַפיע, איבערצוגעבן פון מויל צו אויער אַלע פיקאַנטע פּרטים פון זיין נעכטן און היינט.

דער מענטש איז געווען אַ קראַנקהאַפטער באַרימער און ליגנער, ווי געזאָגט, אַ פּסיכאָפּאַט. ער פלעגט דערציילן זיינע אַרומיקע און קליענטן אויסטערלישע געשיכטעס. למשל: ער, פרידמאַן איז געווען אַ פּערזענלע־כער פריינט, ממש אַ בן־בית ביי... סטאָליפּינען. ער האָט פּערזענלעך געקענט די צאַריצע פון רוסלאַנד, וואָס פלעגט אָפּשטעלן איר קעניגלעכע קאַרעטע אין גאַס פון פעטערסבורג, אויף נעווסקי פּראָספּעקט, אים אָפּצו־געבן אַ „גוט־מאָרגן"... ער האָט דערציילט אַ דעלעגאַציע פּראָווינציעלע כלל־טוער, וואָס האָט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט צו אים אין קאַבינעט, אַז ער פאַרמאָגט אַ גרויסע אַלטע ביבליאָטעק מיט יידישע ספרים ג ע ד ר ו ק־ ט ע מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אין דער תקופה פון בית־שני. ער פלעגט דערציילן, אַז ער איז אַזוי נאָענט באַפריינדעט מיטן פּרעזידענט פון ליטע און מיט געוויסע מיניסטאָרן, אַז ער רעדט מיט זיי אויף „דו"...

ס׳האָבן זיך געגומען שלעפּן אומעטיקע גרויע וואָכן. די האַק איז נאָך נישט געפאַלן אויף די קהילות, וואָס האָבן געמוזט פירן זייערע טאָג־טעגלעכע אַרבעטן. דאָס געמלעכע די אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן און דע־פּאַרטאַמענטן. ס׳זענען געווען פּראָבלעמען פון פּשוטן פאָרמעלן כאַראַק־טער, וואָס האָבן נישט געקאָנט געלאָזט ווערן אָן דער פאָרמעלער חתימה און באַשטעטיקונג פון מיניסטער, ווי פאַראָרדענונגען, שטייערן, ביוד־זשעטן, סובסידיעס, נאָמינאַציעס, מעטריקאַציע, וכדומה. אַזוי, אַז בלית ברירה, האָט זיך געמוזט איינשטעלן אַ געוויסער קאַלט־ביוראָליסטישער קאָנטאַקט מיט „זיין עקסעלענץ״, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ פּאָר באַשטימטע באַאַמטע. מען האָט נישט געטאָרט און נישט געקענט אַליין פּאַראַליזירן די אויטאָנאָמע מאַשין, ווער רעדט נאָך, ווען זי האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט שפּיטעלער, דאָקטוירים, שולעס, לערער, געהאַלטן, וכדומה.

„זיין עקסעלענץ״ ב. פרידמאַן האָט פונעם דערמאָנטן דין, שפּינוועבס דיגינקן קאָנטאַקט־פאָדעם פּראָבירט אויספלעכטן אַ גאַנצע שטריק. ס׳איז אים נישט געלונגען. ער האָט פּראָבירט יעדן פאָרמעלן שמועס אויסנוצן מיט גוטע רייד, מיט חניפה, מיט צוזאָגן, צו געווינען מענטשן, צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ „מאַרטירער״, אַ „קרבן״, וואָס די ליטווישע רעגירונג האָט געצוואונגען אָנצונעמען דעם אַמט...

— — — ער איז גאָר, לעצטנס, געווען אַ שופט, אַ בכבודיקער מלוכה־באַאַמטער אין ליטע. וואָס האָט אים געפעלט, בעת ער איז געווען אַ שופט? אַז ער פלעגט פאַרגעסן די ערשטע טענות, פלעגט ער רעדן אומ־געקערט, — „ער האָט דעם הויכן אַמט אָנגענומען מיט די לויטערסטע כוונות״, צו העלפן און צו דינען דעם יידישן פאָלק; צו זיין פאַר די יידן אַ מליץ יושר, אויסצונוצן זיין געוואַלטיקע פערזענלעכע השפעה און פאַר־בינדונגען מיט ליטווישע מלוכה־מענער — לטובת די יידן... און בסך־הכל וויל ער „קומען צום אויסדרוק אין דער יידישער עפנטלעכקייט און זיך שטעלן צום דינסט דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט״.

ס׳איז מיר אויסגעקומען אים צו באַזוכן דינסטלעך צוויי מאָל, צו קריגן די נייטיקע אונטערשריפטן אויף געוויסע אַקטן און דאָקומענטן.

נאַטירלעך בין איך נישט געגאַנגען צו „זיין עקסעלענץ״, אָן דעם וויסן פון מיינע ממונים, וואָס זענען געווען צופרידן, אַליין נישט צו זיצן ביי זיין שרייב־טיש.

איך האָב פאַר זיך געזען אַ פאַרגרינטן, צעבראָכענעם, מיזעראַבלען מענטשעלע אין זיין גאַנצער נישטיקייט. ער האָט זיך געווענדעט צו מיר אין ליטוויש, בעת איך האָב געענטפערט יידיש, און דערלאַנגט מיינע פאַפּירן געשריבענע אין יידיש, דערנאָך איז ער אַריבער אויף רוסיש... און אַז איך פלעג ווייטער קאַלט אָפיציעל ענטפערן מיט „יאָ״ אָדער „ניין״ אין יידיש, איז ער בלית ברירה אַריבער צו יידיש. זיכער מיט דער כוונה צו געפינען סימפּאַטיע, מיר צו קענען איבערגעבן ווייטער זיינע באַקאַנטע טענות, אַז ער איז נאָר אַ „קרבן״, אַז מען „פאַרשטייט אים נישט״, אַז ער איז נאָר אויסן „צו טאָן יידן טובות״.

מיין צווייטע באַגעגעניש מיט אים איז אויך געווען אַ ריין אָפיציעלע. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן קריגן אורלויב אויף פסח צו די סדרים פאַר אַלע יידישע זעלנער פון דער ליטווישער אַרמיי. כ׳געדענק נישט גענוי פאַרוואָס מען האָט גראָד מיך געשיקט צו אים מיט די „פּאַפּירן״, ער זאָל עס אַראַנזשירן פאָרמעל דורך דער רעגירונג. די „פּאַפּירן״ זענען געווען פון נאַציאָנאַל־ראַט.

דאָס מאָל איז ער נישט געווען אַזוי פאַרביטערט ווי ביי מיין ערשטער באַגעגעניש. ער האָט מיך געבעטן זיצן. איך האָב זיך געזעצט אויף אַ קאַנט פאָטעל, און געזען ווי ער נעמט ציען פון די קעשענעס פאַפּירלעך מיט בריוו, און לייגט זיי אַוועק אויפן גרויסן שרייבטיש.

— „ווידיש״ — זעסט, האָט ער פאַראומערט געזאָגט — „איך ווער די גאַנצע צייט פאַרפּלייצט מיט אָט אַזעלכע בריוולעך און פאַפּירלעך, — דראָאונגען, זידלערייען און באַליידיקונגען פון יידן. זיי שיקן עס אַנאָנים דורך פּאָסט מיט פיקטיווע אונטערשריפטן אָן „צוריק־אַדרעסן״. זיי פאָדערן פון מיר באַלד צו פאַרלאָזן מיין אַמט, אויב איך וויל בלייבן לעבן...

— „פון די האַנטשריפטן זע איך אַז דאָס שרייבן ייִנגלעך, שוויצער, זיי וויסן נישט אַז מען באַוואַכט מיך. זיי ווייסן אויך נישט, אַז כ׳קען גוט שיסן, און טרעף שטענדיק אין פּינטל״...

אַזוי מאַלנדיק די רייד, האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ קליי־נעם רעוואָלווער, אַ „באַראַבאַן”, און אַ געשריי געטאָן: — אָט וועל איך דיר ווייזן ווי איך שיס אַראָפּ דעם קנויט פון דער ליכט, וואָס שטייט דאָ אויפן טיש”...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַ ביסל מורא געהאַט, אַז אַנשטאָט אין קנויט, זאָל ער נישט טרעפן מיר אין קאָפּ... ווייל די ליכט האָט געשטעקט אין אַ פלאַש, וואָס איז געשטאַנען צווישן מיר און אים. (דעמאָלט פלעגט זיך אָפט אויסלעשן דאָס עלעקטרישע ליכט אין די אָוונטן). אָבער כ׳האָב זיך באַלד באַרואיקט, ווייל, ווי געזאָגט, האָב איך פאַר זיך געזען נאָר אַ שאָטן פון אַ מענטשן, אַ צעבראָכענעם, אַ שברי כלי, וואָס איז יענעם פריי־מאָרגן אַפילו נישט געווען ראַזירט, און אַזוי האַלטנדיק דעם רעוואָלווער, האָט ער אינגאַנצן געציטערט פון אויפרעגונג. אַז ס׳האָט מיך באַהערשט אַ געפיל פון רחמנות, טראַכטנדיק פאַר זיך: „אַזוי זעט עס אויס אַ מי־ניסטער”!

דער „מיניסטער” האָט זיך פאַרהוסט און צוריקגעפאַלן אין טיפן פאָטעל. דער רעוואָלווער איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט און — — — כ׳האָב באַמערקט אַז די רערלעך פון פייקל זענען ליידיקע; דער רעוואָל־ווער איז נישט געלאָדן. ס׳האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער האָט אַפילו נישט קיין קוילן און ווייסט נישט ווי זיך צו באַגיין מיט אַזאַ „כלי”... כ׳האָב אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל פון טיש־גלאָק צו רופן דעם אַלטן די־נער חייט, ביי וועמען כ׳האָב געבעטן ברענגען פאַר „זיין עקסעלענץ” אַ גלאָז וואַסער. דער דינער חייט איז געווען דעם מיניסטערס אַ בן־עיר, אַ פאָנעוועזשער, און אים געקאָנט פון דער פריעסטער יוגנט און מ׳ט אים גערעדט אויף „דו”, ווען קיינער הערט נישט.

בעת דער מיניסטער האָט געהאַלטן די גלאָז וואַסער פאַר זיינע ציט־טערדיקע ליפּן, האָט אים זיין בן־עיר בערך אַזוי געזאָגט: — „זעט בער־נאַשאַ, וואָס דו האָסט זיך אַליין אָנגעמאַכט... האָסט געהאַט דיין ברויט, מיט אַ גוטן בכבודיקן פּאָסטן, הלמאַי האָסטו אַלץ פאַרוואָרפן, זיך איינ־צוקויפן אַזויפיל צרות מיט שנאה מיט שונאים; האָסט שוין נישט געקענט געפינען אַ בעסערע, אַ רואיקערע פּרנסה”?...

יענעם פרימאָרגן איז מיין כעס כלפּי „זיין עקסעלענץ״ אינגאַנצן אויס־גערונען. ס׳איז נישט געווען וועמען צו פאַראַכטן. ער איז טאַקע געווען אַ קרבן פון זיין אייגענער נאַרישקייט און אַ שפּילצייג אין די ליטוויש־גלחישע הענט. מער האָב איך אים נישט געטראָפן אין מיין לעבן.

ב. פרידמאַן האָט שפּעטער געמאַכט אַ פאַרצווייפלטן פּרואוו זיך צו פאַרבינדן מיט דער יידישער סיים־פראַקציע, אפשר וועט ער עפּעס „פאַר־ריכטן״ מיט זייער הילף. אָבער בעת ער איז צוגעגאַנגען צו אַ יידישן סיים־דעפּוטאַט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט יענער זיין האַנט נישט אָנגענומען, און אין די אויגן פון יידן און נישט־יידן, האָט זיך דער דעפּוטאַט דעמאָנסטראַטיוו אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע. דער מיניסטער איז בעת מעשה געוואָרן טויט־בלאַס, מיט געשטרויכלטע פיס האָט ער זיך אָנגעלענט אָן אַ וואַנט, נישט צו פאַלן... ס׳איז געווען צו־שפּעט, דער עפנטלעכער שפּיי איז געפאַלן.

אין שייכות מיט ב. פרידמאַנס טרויעריקער ראָל אין דער קורצער תקופה פון זיין „מאַכט״ דערמאָנט זיך די גאָרנישט שיינע פּאָליטיקאַנערײ פון אונדזערע פרומע אָרטאָדאָקסישע יידן אין ליטע, וואָס האָבן היינטן־אָרום, הינטער די פּלייצעס פון „זיין עקסעלענץ״ פּרובירט צו געניסן פון פּאָליטישע קאָנצעסיעס פון דער גאַנצער שפּיל. ס׳איז זיי נישט געווען וויכטיק פון וועמען, פון דער שונא־ישראל־רעגירונג, אָדער פון „זיין עק־סעלענץ״ גופא.

אין תוך גענומען האָבן די יידישע קלעריקאַלן געגראָבן אונטער די יסודות פון דער אויטאָנאָמיע אין ליטע, וואָס איז נאַטירלעך געווען אַ וועלטלעכע, און האָט געגעבן די רעליגיעזע יידן מער ווי זיי האָט געקומט. לויטן קלעריקאַלן באַנעם, האָט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין ליטע געדאַרפט זיין באַזירט אויף דער רבנישער הלכה, אויפן שולחן ערוך און יורה דעה, אין יידישן אויטאָנאָמען לעבן זאָל רעגירן דער ראַבינאַט; די קהילה זאָל זיין אַ דורכויס רעליגיעזע, ווי אין מיטלאַלטער, אַזאַ רבנישער מכשור. אַז ס׳האָט זיך אָנגערוקט אַזאַ סיטואַציע, פאַרוואָס זאָל מען פון איר נישט געניסן, באַזונדערס ווען די מאַכט אין ליטע ליגט אין די הענט פון רעאַקציאָנערן, בשותפות מיט די ליטווישע גלחים־קלע־ריקאַלן?

דעם 6.3.23 איז פאָרגעקומען די צענטע סעסיע פון נאַציאָנאַל־ראַט, איינגאַנצן געווידמעט דער „פרידמאַניאַדע". נאָך צאָרנדיקע אַרויסטריטן פון די ראשי המדברים פון די פאַרטייען איז באַשלאָסן געוואָרן צו וויילן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ פּאָליטישע רעזאָלוציע קעגן מבזה זיין די יידן מיטן פּרואוו, דורך אַזאַ „פרידמאַן־אַקט", צו צעברעכן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין ליטע.

צום שטוינען פונעם פּלענום און פון גרויסן עולם געסט אין זיצונגס־זאַל, האָבן זיך די פרומע, גאַטספאַרכטיקע מיטגלידער פון נאַציאָנאַל־ראַט, ד ע מ א נ ס ט ר א ט י ו אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין אַזאַ קאָמיסיע, וואָס האָט אָפן געוויזן, אַז זיי זענען גרייט צו קאָלאַבאָרירן, מיטצואַרבעטן און משלים זיין מיטן אַרויסגעזעצטן דעגענעראַט ב. פרידמאַן, קעגן דעם ווילן פון דער ריזיקער מערהייט יידן אין ליטע.

אַזאַ האַנדלונג האָט באַלד אַרויסגערופן אַ טיפע אויפרעגונג און טומל. דער עולם האָט זיך געוואָרפן אויף די פרומע פּאָליטיקאַנער מיט הענט און פויסטן זיי דורס צו זיין. מיט איבערמענטשלעכער מי, איז געלונגען די מיטגלידער פון נאַציאָנאַל־ראַט, צוזאַמען מיט די אָרדענער, מיט דער הילף פון געסט — יידישע סטודענטן און אַרבעטער — צו שאַפן אַ לעבעדיקע רינג אַרום די „שומרי הדת" און זיי ראַטעווען פון לינטשן.

די ליטווישע „פּאַטריאָטן" פון „געלעזשינאַ־ווילקאַס" (אייזערנער וואָלף) צוזאַמען מיט די סמאָלע־קינסטלער, האָבן אויך געפייערט די באַשטימונג פונעם נייעם יידישן „מיניסטער".

זיי האָבן זיך צונויפגענומען, אין איינעם אַזאַ געשפּאַנטן טאָג, צוזאַמען מיט כלערליי אונטערוועלט־מענטשן, סטודענטן און פּראָפעסיאָנעלע כוליגאַנעס, פאַרמירט אַ דעמאָנסטראַציע און מאַרשירט דורך די יידישע האַנדלס־גאַסן פון קאָוונע. די דעמאָנסטראַנטן זענען געווען באַוואָפנט מיט אייזערנע פרענטן, מיט שטעקנס און שטיינער, זיי האָבן באַלד טאַקע גענומען ברעכן יידישע וויטרינעס, טירן און פענצטער פון יידישע דירות, רויבנדיק און שלעפּנדיק מיט זיך וואָס עס לאָזט זיך פונעם יידישן האָב־און־גוטס...

בעת מעשה זענען מיר, ווי געוויינלעך, געזעסן ביי דער אַרבעט אין

די ביוראָען פון נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום, נישט וויסנדיק פון גאָרנישט, וואָס עס פּאַרלויפט איצט אין גרויס־ווילנער גאַס.

נאָכן פאַרענדיקן דעם אָנפאַל און רויב אויף גרויס־ווילנער גאַס, האָבן זיך די כוליגאַנעס געלאָזן צו לייסוועס־אַלייע, די הויפּט־גאַס פון קאָוונע. זיי האָבן געווילדעוועט, געברילט און געברומט, אויסגערופן אַנטי־יידישע פּאָגראָם־לאָזונגען, דראָאונגען און זידלערייען.

ווי ס׳פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, איז די פּאָליציי פאַרשוואונדן געוואָרן פון יענער געגנט, ווי דער גיעמאַן וואָלט זיי פאַרשלונגען, אָבער דאָרטן, אין יענער געגנט, איז תמיד פול געווען מיט יידישע טרעגער, באַלעגאָלעס, קצבים, האַנטווערקער און אַרבעטער, וואָס האָבן זיך ספּאָנטאַן צונויפגענומען, געכאַפּט אין די הענט וואָס עס לאָזט זיך, און בראש מיט אַזעלכע פריער געשילדערטע ביינאַרטס, אָפּגעשפּאַרט די אַריינגענג אין אַזעלכע געדיכט־באַזעצטע יידישע גאַסן ווי יאַטקעווער, יאַנאָווער, ווילקאָמירער און מאַפּו־גאַס, און דערנאָך זיך געלאָזט אָנגרייפן די ווילד־געוואָרענע כוליגאַנעס, וואָס האָבן שוין מאַרשירט, נישט געשטערט פון קיינעם, דורך דער הויפּט־גאַס צום — — — יידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַל־ראַט.

דערווייל האָט מען אונדז טעלעפאָניש צוואויסן געגעבן וואָס עס פאַרלויפט זיך אין גאַס און געוואָרנט פאַר אַ באַלדיקן אָנפאַל.

די ביוראָען פון נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום האָבן צוזאַמען פאַרנומען אַ גרויסן צוויי־גאָרנדיקן בנין אויף סאַדאָווע גאַס. דעם אונטערשטן שטאָק האָט פאַרנומען דער נאַציאָנאַל־ראַט, דעם אייבערשטן — דאָס יידישע מיניסטעריום. מיר האָבן באַלד אַרויפגעשיקט ס׳רוב באַאַמטע און באַזוכער אויפן אייבערשטן שטאָק, וואו ס׳איז געווען מער זיכער ווי אונטן. די ייגגערע מענער, די אויסגעדינטע זעלנער, געפּרואווטע אין יידישע צרות, האָבן זיך „באַוואָפנט“, מיט וואָס עס לאָזט זיך נאָר, זיך פאַרבאַריקאַדירט אין די אינעווייניקסטע צימערן פון ערשטן שטאָק, בעת אַ צווייטע גרופּע (ואני בתוכם) האָבן גוט באַריקאַדירט פון אינעווייניק ביידע אַריינגענג און דאָ געשטאַנען צוגעשמידט צו די ווענט, ווער מיט אַ האַק, ווער מיט אַ פוס פון אַ טיש, ווער סתם מיט אַ שייטל האָלץ, אין

גאַנצן בנין האָט זיך נישט געפונען אַ פּיצל געווער, חוץ דעם דערמאָנטן „באַראַבאַן" אָן קוילן, וואָס ס'האָט זיך געפונען ביי „זיין עקסעלענץ", דעם מיניסטער אין קעשענע...

אַזוי שטייענדיק פאַרטייעט, האָבן מיר דערהערט דעם טומל פון דרויסן, פון ווייטן, וואָס איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט ביז עס האָבן זיך קלאָר דערהערט די כוליגאַנישע אויסרופן: — „אַ טויט די יידן", „נידער מיט די יידן", „אַרויס פון ליטע", וכדומה. צוזאַמען מיט דער ברילעריי האָבן מיר דערהערט דעם געבראַזיג פון די צעבראָכענע שויבן פון די אונטערשטע פענצטער, בעת שטיינער זענען געפלויגן צו די פענצ־טער פון אייבערשטן שטאָק. די גאַנצע שפּיל איז געווען גוט אָרגאַניזירט, ווארום נישט איין־איינציקער פון די כוליגאַנעס האָט געוואַגט זיך אַריינ־ברעכן אין די ביוראָען; זיי האָבן געשריען, געברילט, זיך אָנגעבולן צו דער זעט, און מיטן געזאַנג פון ליטווישן „הימן", זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען...

אָט: — אַפילו בעת מען האָט שוין באַלאַגערט און באַהאָגלט מיט שטיינער, נאָכן דורכמאַרשירן די קילאָמעטער־לאַנגע הויפּט־גאַס פון קאָוונע, וואו ס'האָבן זיך געפונען צענדליקער מלוכה־אַנשטאַלטן, וואו אויף יעדער ווינקל איז געשטאַנען אַ פּאָליציסט, — איז די פּאָליציי נישט גע־קומען צו הילף. אגב, אויף וויפיל איך געדענק, האָבן מיר איר נישט אַרויס־גערופן, נישט געוואָלט זיך דערנידעריקן פאַר די מונדירטע כאַמעס, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער שפּיל. מיר האָבן זיי נישט געוואָלט ווייזן, אַז מיר שרעקן זיך. אַז די „שפּיל" האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מען אונדז דערציילט, אַז מען האָט אויפן אייבערשטן שטאָק געפונען דעם הער מיניסטער זיצן אַ געהלשטן אין פאַטעל ביים רחבותדיקן מיניסטעריאַלן שרייבטיש. דאָס מאָל אָן דעם רעוואָלווער אין האַנט...

דאָס איז געווען די צווייטע דעמאָנסטראַציע אַרום בנין פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום אין ליטע. די ערשטע דעמאָנס־טראַציע איז פאָרגעקומען אַ צייט פריער, אין טאָג פון „סאַן רעמאָ", ווען אַ באַגייסטערטע יידישע מאַסע פון אַ סך טויזנטער, האָבן מאַרשירט לענג־אויס דער זעלביקער הויפּט־גאַס פון קאָוונע, די „לייסוועס אַלייע" (פריי־הייט־אַלייע) מיט ווייס־בלויע און מיט ליטווישע נאַציאָנאַלע פאָנען, מיט

פרייד און יובל, מיט לידער, מיט געזאַנג, צו באַגריסן ענגלאַנד פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און ליטע — פאַר דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

יענעם טאָג זענען אַלע טירן און פענצטער פון יידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַל־ראַט געווען אָפן, אויפגעפּראַלט, באַזעצט מיט שטראַלנדיקע עסקנים און באַאַמטע פון די ביוראָען. דער מיניסטער ד״ר סאָלאָווייטשיק, האָט אַ צעחושטער גערעדט צום עולם פון אַ באַלקאָן אַראָפּ. דעמאָלט האָט זיך די דעמאָנסטראַציע אָנגעהויבן מיט געזאַנג פון „התקוה״ און אָט דאָ, פאַרענדיקט מיטן ליטווישן „הימן״, אָבער בעת דער ערשטער דע־מאָנסטראַציע, האָט די פּאָליציי סאַלוטירט דעם ליטווישן „הימן״. דעמאָלט זענען זיי יאָ געווען...

באַרג אַראָפּ

די האַלטונג פון „זיין עקסעלענץ", דעם באַשטימטן יידישן מיניס־טער, די אָנגעקוואָלענע שנאה צו זיין פּערזאָן מצד דער יידישער באַפעל־קערונג (מחוץ די גרופּע פרומע „אחדות"־מענטשן) מיטן שלעכטן רושם, וואָס די אומגעלומפּערטע שפּיל האָט געמאַכט אין אויסלאַנד, האָט באַ־וואויגן דער ליטווישער רעגירונג צו פאַרלאַנגזאַמען איר אַנטי־יידישן טעמפּ, צו לאָזן גיין דעם שלימזלדיקן יידישן „מיניסטער" און פאַרבינדן נייע שפּינוועבס־דינע פעדעם מיטן נאַציאָנאַל־ראַט. ס'האָט זיך געשאַפן אַזאַ לעבלעכע איבערגאַנגס־צייט פון „נישט מלחמה און נישט שלום", צווישן דער רעגירונג מיט די אויטאָנאָמע מוסדות.

אַ קורצע צייט פריער האָט געהאַלטן דעם אַמט פון יידישן מיניסטער דער ליבער שטילער מענטש, דער געלערנטער ד"ר יוליוס דאַווידאָוויטש ברוצקוס, אַ מענטש פון כולו רחניות. זיין צאַרטער אויסזען, זיין איינ־געבוירענער אַריסטאָקראַטיזם און איידעלער צוגאַנג צו מענטשן, האָט אים גיך באַליבט געמאַכט ביים עולם, באַזונדערס ביי די מיטאַרבעטער און טוער פון נאַציאָנאַל־ראַט און יידישן מיניסטעריום. ד"ר ברוצקוס האָט געוואונען דעם צוטרוי פון אַלע יידישע קרייזן אין ליטע, אָבער פון דער נאַטור, איז ער געווען צו שטיל, צו אַקאַדעמיש, צו קענען פירידלעך פירן שווערע פּאָליטישע געראַנגלען כלפּי חוץ, ווי כלפּי פנים.

ביי מיינע דינסטלעכע באַגעגענישן מיט ד"ר ברוצקוס, און ביי מיינע באַזוכן אין זיין איינזאַמער אָפּגעלאָזענער דירה אין אַ געסל ביים ברעג ניעמאַן, פלעג איך טרעפן אַ מידן מענטשן, אַן אַרויסגעריסענעם פון אַן אַנדערער סביבה, פון אַנדערע ספערן — פון אַן אַנדער אינטעלעקטועלער וועלט, פאַרטראָגן, אַריינגעשליידערט אינעם טומלדיקן זידנדיקן פּאָלי־טישן לעבן.

איז ד״ר ברוצקוס שטיל אַוועק פון זיין הויכן אַמט אין ליטע און זיך באַזעצט אין בערלין.

אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער, האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין ישראל, וואו ער איז געשטאַנען בראש פון „אָזע״, אַרומגערינגלט מיט אַ סך פּריינט, ליבשאַפט און כבוד. ד״ר יוליוס ברוצקוס האָט נאָך זוכה געווען צו געניסן אַ פּאָר יאָר בירגערשאַפט אין מדינת ישראל, וואו ער איז שטיל געשטאָרבן אין גוטן עלטער. ער איז געקומען צו קבורה אינעם באָדן פון פּתח תקוה, אויף אייביקער רו אין די בשמים־דופטן פון יידישע פּרדסים.

נאָך דער רעזיגנאַציע פון ד״ר ברוצקוס האָט דער נאַציאָנאַל־ראַט מיט דער יידישער סיים־פראַקציע צוריקגעפאָדערט דעם ד״ר ש. ראָזנבוים זיך צוריקצושטעלן בראש פון נאַציאָנאַלן פראָנט און ווידער אָננעמען דעם פּאָסטן פון יידישן מיניסטער. ד״ר ראָזנבוים האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין פריערדיקן בכבודיקן אַמט. באַלד נאָכדעם באַשליסט די ליטווישע רעגירונג צו באַגרענעצן די מיעוטים אין זייער וואַל־רעכט צום סיים. (חוץ יידן האָבן אין ליטע געלעבט דייטשן, ווייסרוסן און פּאָליאַקן, פון וועלכע די ווייסרוסן האָבן אויך געהאַט אַ מיניסטער אין קאַבינעט, זעלטן ווען מ׳ען האָט געהערט זיין וואָרט און מאַסן ליטווישע בירגער האָבן בכלל נישט געוואוסט פון אַזאַ מיניסטער)...

די יידישע סיים־פראַקציע האָט באַלד רעאַגירט מיט אַ פּראָטעסט־דעקלאַראַציע און מיטן פאַרלאָזן דעם סיים און מער נישט אָנטיילגענומען אין די זיצונגען, חוץ אויף איין היסטאָרישער סיים־סעסיע (דעם 23טן מאַרץ 1923), ווען אויפן סדר־היום איז געשטאַנען די אָפּשטימונג פון אַ צוטרוי־וואָטום דער רעגירונג. די יידישע סיים־פראַקציע איז דעמאָנסטראַ־טיוו געקומען אויף דער דערמאָנטער סעסיע, נאָר כדי צוזאַמען מיט דער אָפּאָזיציע צו שטימען פאַר אומצוטרוי דער שונא־ישראל־רעגירונג.

די רעגירונג איז אַראָפּ. דער פּרעזידענט סטולגינסקי האָט געמוזט פאַנאַנדערלאָזן דעם סיים און באַשטימען נייע וואַלן, ווייל אין דעם גע־געבענעם צוזאַמענשטעל פון סיים, וואָלט די רעגירונג קיינמאָל נישט באַ־קומען קיין צוטרוי, קיין מערהייט — זיכער נישט.

די ייִדישע סיים־פראַקציע האָט מיטן אָנטייל און אָפּשטימען דעם אומצוטרוי־וואָטום איר אַקציע נישט פאַרענדיקט. זי האָט אָנגענומען אַלע מיטלען צו העלפן שאַפן אַ גענײַניקטן מיעוטים־פראָנט פון ייִדן, פּאָליאַקן, ווײַסרוסן און דײַטשן. ס׳איז געלונגען צו שאַפן אַן אײנהייטלעכע קאַנדידאַטן־ליסטע צו די וואַלן צום צווייטן סיים (1923), אַן אײנהייטלעכע ליסטע אָן אַן אײנהייטלעכער פּאָליטישער פּראָגראַם. דאָס איז געווען נאָר אַ טעכנישע פאַרבינדונג, כדי צו איבערוויגדן די לעצטע וואַל־גזירות כלפּי די מיעוטים, וואָס וואָלטן בכלל פאַרלוירן זייערע מאַנדאַטן, ווען זיי גייען באַזונדער, יעדער נאַציאָנאַלער מיעוט מיט זײַן אייגענער ליסטע.

צו דער איבערראַשונג און צאָרן פון דער ליטווישער גלחישער רעאַקציע, האָבן די מיעוטים אָפּגעהאַלטן אַ באַדייטנדיקן נצחון און געקראָגן 14 מאַנדאַטן אנשטאָט 6, אין פריערדיקן ערשטן סיים...

לויטן אָפּמאַך האָבן די ייִדן באַקומען די העלפט, 7 מאַנדאַטן, זיבן ערטער אין סיים!

ווי אַ חבר פון צ. ק. פּועלי־ציון, האָב איך דעמאָלט דורכגעאַקערט ליטע אין דער לענג און אין דער ברייט און באַזוכט צענדליקער ייִדישע ישובים, ווײַל פּועלי־ציון האָט ד ע מ אָ ל ט ג ע וו אַ ג ט, נאָך אַלע רדיפות און שיקאַנעס, צו גיין אַליין זעלבסשטענדיק צום סיים, מיט אַן אייגענער קאַנדידאַטן־ליסטע, ווייסנדיק פאָרויס, אַז נישט נאָר די קאַנדידאַטן, נאָר אויך די צענדליקער מענטשן, וואָס האָבן די ליסטע געחתמעט, צוזאַמען מיט די חברים, וואָס וועלן טאָן די וואַל־אַרבעט, וועלן דערפאַר טייער באַצאָלן. מען וועט זיי טעראָריזירן און פאַגראָמירן זייערע היימען, און זיי וועלן צום סוף פאַרענדיקן די קאַמפּאַניע אין די תפיסות פון ליטע.

אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי האָט דאָס גיין זעלבסטשטענדיק צו די סיים־וואַלן אַרויסגערופן התלהבות מיט קרבנות־גרייטקייט. ווארום ס׳איז שוין מער נישט מעגלעך געווען פּ אָ ל י ט י ש צו לעבן און אָטעמען אין דער טוכלער גלחיש־פאַשיסטישער אַטמאָספער פון טעראָר און גרויזאַמע רדיפות אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אַלע דערמאָנטע שאַנד־אַקטן

Nr. 4

Žydų Tautos Susirinkimo Atstovo Bilietas.

האספה הלאומית היהודית
בליטא.

תעודה זמנית

לחבר האספה הלאומית היהודית בליטא

מר [illegible]

בשם תעודה הראשית לבחירות

קובנה, בסלו תרפ"ד.

יידישע נאציאנאלע פארזאמלונג
אין ליטע.

צייטווייליגע באשייניגונג

פארן מיטגליד פון דער יידישער נאציאנאלער פארזאמלונג

אין נאמען פון דער הויפט-וואל-קאמיסיע [illegible]

קאוונע, נאוועמבער 1923.

צייטווייליקע דעפוטאטן-קארטע פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג אין ליטע.

כלפּי די מיעוטים, באַזונדערס קעגן יידישן מיעוט. ס'איז געווען דער־שטיקט צו ווערן.

כאָטש דאָס קליינטשינקע מדינת ליטע האָט זיך געאָגראַפיש געפונען אין דער מיט פון סאָוועטן־רוסלאַנד, פון דער נאַרוואָס באַפרייטער פוילן און סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דייטשלאַנד, האָט זי זיך נישט אָפּגעשטעלט מקדים צו זיין מוסאָליניס פאַשיזם און היטלערס נאַציזם. זי האָט פשוט דערוואָרגן און געמאָרדעט יעדעס פרייע וואָרט בכתב ובעל פה, באַפאַלן און ברוטאַל אומפאַרשעמט פאַגראָמירט אַרבעטער־לאָקאַלן, פאַרזאַמלונ־געך, פאַריינען, צייטונגען. פאַרשפאַרט אַן אַ פּאַרוואָס, אָן דין און אָן משפּט אַרבעטער־פירער און פּראָפעסיאָנעלע טוער. דאָס איז נישט שווער געווען אויסצופירן אין דער אָנגעהיצטער און אָנגעהעצטער ווילד־שאָוויניסטישער אַטמאָספער.

פּועלי־ציון האָבן נישט געקאָנט משלים זיין זיך צו בינדן הענט און פיס מיט דער צונג צוזאַמען, דורך אַ פיקטיווער „נאַציאָנאַלער דיסציפּלין" אָנגעוואָרפן פון בירגערלעך־אַנטיסאָציאַליסטישע פּאַרטייען, מעגן זיי זיין יידישע.

ווידער דער צווייטער צד, דער יידיש־בירגערלעכער, האָט זיך נישט געריסן דעם פּעלץ, איינצוגלידערן אין דער מיעוטים־ליסטע פּועלי־ציון, וואָס זענען געווען א ו מ ל ע ג א ל, מער טריף פּסול ביי די ליטווינער, ווי זייערע אייגענע ליטווישע קאָמוניסטן. די יידישע בירגערלעכע געזעל־שאַפטלעכקייט איז געווען צופרידן צו בלייבן מיט זיך אַליין, זיך נישט צו „פאַרפלעקן" מיט לינקע סאָציאַליסטישע „שותפים", זיי זענען אינער־לעך פאַר זיך אויך געווען צופרידן, וואָס פּועלי־ציון גייען אַ ל י י ן און זעלבסטשטענדיק צו די וואַלן, וויסנדיק אַז פּועלי־ציון וועט זיך פאַר גאָר נישט אָפּשטעלן, און דערלאַנגען דער רעאַקציע, ווי די שונאי ישראל, וואָס עס קומט זיי...

ס'איז זיך פאַרצושטעלן ווי די „זשוואַלגיבע", האָט רעאַגירט כלפּי פּועלי־ציון ביי יענער וואַל־קאַמפּאַניע: אַ יעדער דרוק־וואָרט פון אומ־שולדיקסטן כאַראַקטער איז באַלד קאָנפיסקירט געוואָרן. שפּעטער פלעגן זיי באַזוכן די דרוקערייען און צעוואַרפן די אויסגעזעצטע שריפט, איידער

מען האָט עס „געבראָכן“. מען האָט געשלאָסן די פּועלי־ציון דרוקעריי „האַמער“ אין קאָוונע, און אַרעסטירט אַ יעדן אַקטיוויסט. מען האָט פאַר־באָטן יעדן עפנטלעכן אַרויסטריט, אַזוי, אַז נאָר אומלעגאַל, פון מויל צו אויער, פון שטוב צו שטוב, פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט, און פון מענטש צו מענטש איז געגאַנגען די פּועלי־ציוניסטישע אויפקלערונג. מחוץ איין־איינציקן געדרוקטן אויפרוף, אַריינגעשוואַרצט פון דייטשלאַנד און עט־לעכע שאַפּיראַגראַפירטע בלעטלעך צעקלעפּטע אויף די ווענט און פענצ־טער, האָט מען גאָרנישט געקאָנט טאָן. ס׳איז אויך נישט געווען קיין וואַל־פאָנד, אָדער אַנדערע קוועלן צו שאַפן מיטלען צו קאָנקורירן מיט די לעגאַלע פּאַרטייען. נאָכמער: ביי די אורנעס האָט מען נישט געזען קיין פּועלי־ציוניסטישע שטימצעטלען, אַלץ איז פון פריער פאַרנומען און קאָנ־פיסקירט געוואָרן. פּועלי־ציון האָט אויך קיינעם נישט געהאַט אין די וואַל־קאָמיסיעס, נישט ביי די אורנעס, ווארום שיקן מענטשן אין אַ וואַל־קאָמיסיע אָדער אורנע, האָט געהייסן, זיי שיקן גלייך אין די טורמעס און פייניקונגס־קאַמערן פון דער „זשוואַלגיבע“. נאַטירלעך איז די זעלבע טעראָר־באַציאונג געווען כלפּי דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי און לינקע ס. ר. אָבער זיי האָבן דאָך געהאַט מאַסן נישט־יידישע מיטגלידער, בלוט־ריינע ליטווינער, מיט — — — באַדייטנדיקע געלט־מיטלען און מענטשן צו דער אַרבעט.

לכתחילה האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער רעגירונג איז געלונגען פּ אָ ל י צ יי א י ש, אָפּצוראַמען די פּועלי־ציון פון גאַס. איצט שטעלט אייך פאָר דעם וואונדער מיט דער איבערראַשונג, אַז אין די פונקטן, וואו ס׳איז פאַרבליבן די פּועלי־ציוניסטישע ליסטע צום סיים, זענען פאַר איר אָפּגעגעבן געוואָרן 1500 שטימען, פון זיי, צו צענדליקער שטימען אין די צעוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד, וואו ס׳איז נישט דערגאַנגען דאָס מינדסטע פּועלי־ציוניסטישע אות מחוץ דעם שטימצעטל...

ביי די געשילדערטע פאַרהעלטענישן, פּאָליצייאישן טעראָר און טאָ־טאַלער אויסערלעכער איזאָלאַציע, איז קלאָר געווען פאַר דער פּאָליציי און זשוואַלגיבע, אַז 90 % פון די שטימען זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פון באַ־וואוסטזיניקע פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי־חברים, און אַז אַלע רדיפות און

נגישות פון דער מאַכט, האָבן נישט איינגעבראָכן די מוטיקע קליינע ציוני־סטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי. דערפאַר האָט זיך די זשוואַל־גיבע אָפּגערעכנט מיט די פּועלי־ציון און אַרעסטירט דעם לעצטן פון די צוגעפּאַרענע פּאַרטיי־מנהיגים פון דער ערשטער מדרגה, משה ערעם. (איצט כנסת־דעפּוטאַט פון אחדות העבודה פּועלי־ציון, און פּאַרזיצער פון „אָזע״ אין מדינת ישראל, מיטגליד פון צ. ק. און פון ועד הפּועל פון הסתדרות).

פּועלי־ציון אין ליטע האָט זיך געמעגט גרויסן, אין יענע יאָרן, מיט איר בלומיקן מענטשן־קראַנץ, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון ליטע, ווי די וואָס זענען צוגעקומען ווי פּליטים אָדער עמיגראַנטן פון דרויסן. מענטשן וואָס האָבן זיך געשטעלט בראש פון דער אומלעגאַלער מסוכנער פּאַרטיי־אַרבעט און גלייכצייטיק געהאָלפן בויען דאָס יידישע אינערלעך אויטאָ־נאָמע געזעלשאַפטלעך און קולטורעל לעבן אין לאַנד.

מיר דערמאָנען פון זיי נאָר אייניקע נעמען, פון פּערזאָנען וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן ליטע ביז 1923, אַזעלכע ווי אַלטער אראצקער, וואָס האָט מיטגעבויט די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין ליטע; פּסח אייזנבערג, לעווין, יוסף ראָזען, ד״ר כוואיניק, ד״ר ג. גער־שוני, מישא שלאָסבערג, שלמה שערצמאַן, ברוך ווינאָגורא (פּאַריז). דער דיכטער און שריפטשטעלער אייזיק פּלאַטנער (היינט אין ראַטנפאַרבאַנד), אברהם קובלאַנאָוו (ירושלים), אבא זיוו (חיפה) און יוסף פרידמאַן, אַזוי ביז ס׳איז געקומען די ריי פון משה ערעם, אַרעסטירט און פאַרטריבן צו ווערן פון ליטע.

מיר האָבן דעמאָלט געציטערט פאַר דער זיכערקייט פון ערעמען, ווייל גרויס איז געווען דער צאָרן פון די ליטווישע פאַשיסטן און קלעריקאַלן כלפּי די לינקע אַרבעטער־פירער, און גרויס איז געווען די פּאָפּולאַריטעט פון ערעמען אין יידישן אויטאָנאָמען לעבן פון ליטע, ווי אַ פּאַרטיי־פירער פון פּועלי־ציון, ווי אַ בויער פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן, דירעקטאָר פון דער ערשטער יידישער גימנאַזיע אין קאָוונע, אַ פּובליציסט און רע־דאַקטאָר פון דער „אַרבעטער צייטונג״. איינער פון די בויער פון דער „קולטור־ליגע״, פון „אָזע״ און פון די ערשטע פּועלי־ציוניסטישע פּראָדו־ציר־קאָאָפּעראַטיוון. ערעם איז אויך געווען באַקאַנט אין דער ליטווישער

אַרבעטער־באַוועגונג, באַזונדערס נאָך אַ נישט געלונגענער פאַרבינדונג מיט די לינקע ס.ר., צו די וואַלן פון ערשטן סיים, וואָס דאָרט קאַפּלאַן האָט איגנאָרירט, בעת זי האָט געשאָסן אויף לעניגען... כדי די יעווסעק־ציע אין ליטע זאָל האָבן וואָס צו טענהן קעגן די פועלי־ציון ביי יענע וואַלן...

מיר האָבן אָבער געוואוסט די סכנות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַזאַ פּאָליטישער דעפּאָרטאַציע. די זשוואַלגיבע־תליונים האָבן נישט איי־נעם דעפּאָרטירט אויף יענער וועלט, אים פאַרפירט ביינאַכט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם וועג, צו אַ גרענעץ, דערשאָסן אין פּלייצע, כדי צו מעלדן מיט „באַדויערן“, אַז „דער און דער אַרעסטירטער איז דערשאָסן געוואָרן, בעת ער האָט געפּרואווט צו אַנטלויפן פון אַ קאָנוואָי, וואָס האָט אים אַרויסבאַגלייט קיין אויסלאַנד“...

כ׳ווייס נישט צי ערעם און זיין פרוי, וואָס האָט דעמאָלט געזויגן זייער בכור, האָבן געפילט, אָדער געוואוסט פון דער האַרבער סכנה, קעגן וואָס מען האָט אונדז געוואָרנט פון פאַרשיידענע קרייזן. אַפילו דורך נישט־יידישע פערזענלעכקייטן, למשל, דער ברודער פון קאָוונער פּאָליציי־קאָמענדאַנט ווילטשואַסקאַס. איינער וואָס איז געשטאַנען בראש פון דעם אייזנבאַנער־פאַריין, איז געווען אַקטיוו אין דער ליטווישער קאָמפּראַטיי, זייער קאָנספּירירט, האָט מיך באַגעגנט אין דער דירה פון אַ יידישן קאָ־מוניסט, אַ געוועזענעם פועלי־ציון־חבר, און געראַטעז אָרגאַניזירן מענטשן, אַכטונג צו געבן אויף דער דעפּאָרטאַציע, נאָכצופאָלגן דעם קאָנוואָי. אַזאַ וואָרענונג האָבן מיר אויך באַקומען פון ס.ר. טוער, וואָס זענען געווען מער קאָנספּירירט פון די קאָמוניסטן, אגב האָבן מיר אַנטיילגענומען אין די זאַמל־אַקציעס פון „מאָפּר“ (די „רויטע הילף“ פאַר פּאָליטישע אַרעס־טירטע). „מאָפּר“ איז געווען דאָס איינציקע אָרט, וואו אַלע לינקע פאַר־טייען פלעגן די ערשטע צייט, צוזאַמענאַרבעטן, בדרך כלל נישט אָפי־ציעל ווי פּאַרטייען, נאָר יעדער האָט געווירקט און עפּעס געטאָן „פּער־זענלעך“...

מיר האָבן די וואָרענונגען גענומען ערנסט און נישט אויסגעלאָזן די מינדסטע געלעגנהייט אַכטונג צו געבן אויף אַלע „שפּאַצירן“, וואו מען



צוויי יונגע פועלי־ציון מנהיגים, מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט. פון רעכטס צו לינקס: אדוואָקאַט ישראל ניצעוויטש און דער לערער אברהם מאַנדל.

האָט אים געפירט, ביז מיר האָבן זיך דערוואוסט די קריטישע דאַטע פון ערעמס דעפּאָרטאַציע קיין דייטשלאַנד.

בכוונה תחילה האָבן מיר ברייט פאַרשפּרייט די ידיעה אומעטום אין אַלע קרייזן פון קאָוונער געזעלשאַפטלעכקייט און אין די גרעסערע שטעט־לעך פון ליטע, מיטן חשבון אַז „אויב טויזנטער מענטשן וועלן פון דעם וויסן, וועט עס באַוועגן די ליטווישע מאַכט נישט צו הייבן איר שווערע האַנט אויף אַזאַ פּאָפּולערער פּערזאָן, וועגן וועמען דאָס „גאַנצע לאַנד" רעדט.

ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מיר, און אויף טוביה ברוידע פון ווילקאָווישקע, „מסדר" צו זיין די אויסערלעכע שמירה אויף ערעמען, אונטערוועגס, בעת דער דעפּאָרטאַציע פון תפיסה ביז קאָוונער וואָקזאַל, דערנאָך פון קאָוונער וואָקזאַל אין באַן ביז אויף יענער זייט גרענעץ דורך קיבאַרט אין פּרייסן.

טוביה ברוידע האָט געהאַט צוויי ווערטפולע „קלייניקייטן": געלט, מיט פאַרבינדונגען אין געוויסע הויכע פענצטער (ווי אַ זון פון אַ רייכן פאַבריקאַנט האָט ער זייער גוט געקענט שפּילן, אויסערלעך, די ראָל פון אַ פאַרמעגלעכן „לעבע־יונג", און זיין גלייכצייטיק אַ חבר אין דער קאָנס־פּיראַטיווער פועלי־ציון פּאַרטיי). מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי צו לענקן ערעמען מיט זיינע „באַגלייטער" — די זשאַנדאַרן אין אַ געוויסן וואַגאָן, אין אַ געוויסער „קופּע". מיר האָבן געוואוסט, אַז מחמת „עין הרע" וועלן די באַגלייטער גיין ציוויל געקליידט, ווייל אינעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן צוג (לענינגראַד ־ ריגע ־ קאָוונע ־ בערלין) לוינט נישט צו מאַכן איבעריקן טומל אין אַזעלכע פאַלן. אַלע דערוואָרבענע ידיעות מיט די הכנות זענען געווען פאַרבונדן מיט נישט קליינע „האַנט־געלט", מיט שווערע אָנשטרענגונגען. מיר האָבן מאָביליזירט חברים אין קאָוונע און אונטערוועגס — אין ווילקאָווישקי, וואָס זאָלן מיטפאָרן אין זעלביקן צוג און אין זעלביקן וואַגאָן ביז דער גרענעץ. בעת איך מיט טוביהן דאַרפן זיך געפינען ווי „צופעליק" רייזנדער אין דער זעלבער קופּע, וואו מיר באַ־קענען זיך „צופעליק" מיט די מיטרייזנדיקע.

אינעם פאַרנאַכט פון דער דעפּאָרטאַציע האָבן מיר זיך איבערצייגט,

אַז אונדזער פּלאַן האָט פּיין „געקלאַפּט" און אונדזערע הכנות זענען גע־
ווען עפעקטיוו, ווייל קורץ פאַרן אַפּפאָרן פון צוג איז די דעפּאָרטאַציע
פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פיינער ד ע מ אָ נ ס ט ר אַ צ י ע.

עס זענען געקומען אַלע קאָוונער פּאַרטיי־חברים, עס זענען געקומען
פאַרשיידענע פּאַרטיי־טוער, לערער, סטודענטן און ערעמס תלמידים פון
די שולן און גימנאַזיע, אַלץ האָט באַלאַגערט דעם פּעראָן מיט דער באַן
מיטן וואַגאָן, וואו מיר זענען געזעסן ווי „ווילד פרעמדע" מענטשן...

די באַן האָט זיך גערירט. לכתחילה האָט טוביה ברוידע מכבד געווען
אַלעמען אין קופּע מיט טייערע ציגאַרעטן (פון זיין פאָטערס פאַבריק),
בעיקר — די באַגלייטער, וואָס האָבן געהאַלטן די רעכטע הענט אין די
טיפע קעשענעס, ווי איך האָב געהאַלטן: — אויפן הענטל פון געליענעם
ברויזינג (איינגעוויקלט אין נאָז־טיכל, על כל צרה שלא תבוא), אַ ז ו י
זענען אויך געזעסן נאָך אַ פּאָר חברים אין די שכנותדיקע קופּעען.

רבי טוביה, אָדער ווי מיר פלעגן אים רופן: „טעווקע", האָט אויפ־
געבונדן זיין געשליפענע צונג אין אַ נאַטירלעכן ליטוויש, און פאַרוויקלט
אַ שמועס וועגן „דאָס" און וועגן „יענץ", באַווירצט מיט וויצן. די שפּאַ־
נונג האָט נאָכגעלאָזן. ס'איז געוואָרן היימלעכער, אַזוי, אַז אין קאַזלאָווע־
רודע, האָט ער געקאָנט אויפמאַכן זיין וואַליזקע, אַרויסנעמען אַ פלאַש
משקה, מחיה נפשות, מיט גערויכערטע פלייש, וכדומה, מכבד צו זיין די
מיטרייזנדיקע.

די באַגלייטער האָבן חלילה נישט פיינט געהאַט אַ טרונק בראָנפן
מיט אַ פיינעם צובייס. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין ווערזשבאַלאָווע
(ווירבאַלן) אויף דער גרענעץ, אין גרויסן ערשטקלאַסיקן וואָקזאַל־בופעט,
נאָך פון די צאַרישע צייטן. אין בופעט זענען מיר שוין אַריין בצוותא, אַלע
צוזאַמען, מיט די שומרים, מיט ערעמען, אַלע אָנגעוואַרעמטע, צופרידענע,
צו מאַכן נאָך אַ לחיים אויף געזעגענונג.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט שוין ערעם שפּאַצירט פריי, אָן שמירה,
אין פּרייסישן שטעטל איידקונען.

ס'איז אונדז אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרצן. מרוב שמחה און
אָנטשפּאַנונג, האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט די אָרטיקע חברים אויף

אַ נייעם קידוש, און טעלעגראַפירט אין קאָוונע, אַז: דער פּאָטער איז גע־זונט און גריסט די קינדער מיט די קרובים... אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגע־מאַכט. יאָ, ליתר בטחון, איז טוביה ברוידע אַריבער די גרענעץ צו זען מיט די אייגענע אויגן ערעמען, אַ באַפרייטן פון ליטווישן קאַשמאַר.

* * *

נישט געקוקט אויפן יידישן נצחון ביי די וואַלן צום צווייטן סיים, איז דאָס לעבן געוואָרן פּאַראומערט. כאָטש מען האָט נאָך געגאָסן פון פּאַרקירצטע, אַרומגעהאַקטע, אויטאָנאָמע רעכט, אַ יעדערער האָט געפילט, אַז די שפּיל איז ווייט נישט פּאַרענדיקט.

צו פּאַרטרייבן דעם אומעט מיטן אומרו, האָט די יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט פּאַרשטאַרקט איר אַקטיוויטעט, דאָס נעמלעכע — דער נאַציאָנאַל־ראַט און די קהילות, אַרום וועלכע עס האָבן זיך באַזונדערס געטוליעט די קליינשטעטלדיקע יידישע באַפעלקערונג.

אויף דער יולי־סעסיע פון נאַציאָנאַל־ראַט (1923) איז געפאַלן אַ היסטאָרישער באַשלוס, וואָס האָט דערהויבן און אויפגעמונטערט דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע. די יולי־סעסיע האָט באַשלאָסן, נישט צו רופן דעם אָרדנטלעכן דריטן קהילות־צוזאַמענפאָר, נאָר די ע ר ש ט ע ט ע י י ד י ש ע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פּ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג א י ן ל י ט ע, וואָס זאָל געוויילט ווערן, נישט דורך די ועדי הקהילות, נאָר דירעקט דורך אַלגעמיינע, געהיימע גלייכע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, דורך דער גאַנ־צער יידישער באַפעלקערונג. היות ווי אַלע יידן זענען, לויטן געזעץ, אָבלי־גאַטאָריש רעגיסטרירט אין די קהילות, איז שטענדיק פאַראַן אַ פּאַרטיקער וויילער־רעגיסטער און מען קען באַלד צוטרעטן צו די הכנות.

דער באַשלוס האָט ווי אַריינגעבלאָזן אַ רוח חיים אינעם יידישן גע־זעלשאַפטלעכן לעבן, אַלע פּאַרטייען האָבן אַקטיוויזירט זייערע מיטגלי־דער צו דער וואַל־קאַמפּאַניע, וואָס האָט זיך פּאַנאַנדערגעוויקלט אין גאַנצן לאַנד אין דער ברייט און טיף פון יידישן לעבן.

די נייע ליטווישע רעגירונג, מיט איר יידן־פיינטלעכער מערהייט,

האָט געקריצט מיט די ציין, און מחמת אירע אייגענע טאַקטיש־פּאָליטישע חשבונות, — נישט געשטערט די וואַלן.
די נייע ליטווישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט אָט שוין, אין אָנהייב פון איר קאַדענץ אַרויס מיט אַן אַנטי־יידישער אַקציע.

ווי געזאָגט, איז די רעגירונג געבליבן נייטראַל צו די וואַלן, בעת די „זשוואַלגיבע״, מיט אַלע אירע הינט, האָבן נישט אויפגעהערט צו לויערן און נישטערן אומעטום און אָפּגעוואַרט אַ וואונק זיך צו וואַרפן אויף דער וואַל־קאַמפּאַניע און איר צונישט מאַכן. די שפּיצן פון דער „זשוואַלגיבע״, די פּאָליציי, מיטן אינערן־מיניסטעריום, האָבן אויסגענוצט די קאַמפּאַניע כדי אַרויסצופּישן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו נייע נעמען פון די אַלע יענע קאָנספּירירטע אַקטיווע טוער, באַזונדערס פון די לינקע פּאַרטייען. דאָס מאָל האָבן זיי שוין געלויערט אויף די „ציס - צעירי־ציון״, ווי אויף לינקע פּועלי־ציון און יידישע קאָמוניסטן.

די טעמפּע זשוואַלגיבע־קעפּ, האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער לינקער און פּראָגרעסיווער יידישער „קראַמאָלע״ און זיך איבערצייגט, אַז זייער טעראָר, תפיסות, אַרעסטן און דעפּאָרטאַציעס ווירקן אומגעקערט. צום ביישפּיל: — אָט האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז זיי זענען שוין פאַרטיק מיט די לינקע פּועלי־ציון, נאָכן שליסן די דרוקעריי, די קלובן, קאָאָפּעראַטיוון, נאָכן קאָנפיסקירן די פּרעסע, אַרעסטירן אָדער פאַרטרייבן די מנהיגים. און אָט: — ווי עס שאַלט אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אַקציע באַווייזן זיך, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, נייע קרעפטן. אַ נייע גאַרניטור מנהיגים, נייע מענטשן, נייע אַקטיוויסטן מיט נייע קאַמפּסמעטאָדן.

אָט דערוויסט זיך די „זשוואַלגיבע״ פון אַ נייע אויפגעגאַנגענער פּועלי־ציוניסטיש־באַראַכאָוויסטישער שול־יוגנט באַוועגונג, וואָס ציט איר יניקה פון די שילער פון די העכערע קלאַסן פון די העברעאישע גימנאַזיעס. שוין אָפּגערעדט פון די יידישע, און פון די סטודענטן־קרייזן פון ליטווישן אוניווערזיטעט. אָט באַווייזן זיך שפּאָגל נייע פּועלי־ציון נעמען, בראש פון דער מאַסקירטער וואַל־ליסטע צו דער נאַציאָנאַלער פּאַר־

זאַמלונג, אָן מורא פאַרן „זשוואַלגיבע״־טעראָר און פאַרן רואינירן דאָס לעבן.

צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, האָט זיך די „זשוואַלגיבע״ נישט באַנוגנט נאָר מיט די אַרויסגעשטעלטע נעמען פון די קאַנדידאַטן אַלס דעפּוטאַטן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, מצד יעדער פּאַרטיי, ניין! דער „זשוואַלגיבע״ האָט זיך געגלוסט אַ סך מער, און נעמלעך: אַזוי ווי יעדער קאַנדידאַטן־רשימה מוזן אונטערשרייבן 150 מענטשן, און אַזוי ווי צו די וואַלן דערשיינען נישט ווייניקער ווי 7 ־ 8 פּאַרטייען, האָבן זיי געפאָדערט, מען זאָל זיי געבן אַלע נעמען און אַדרעסן פון די, וואָס האָבן די רשימות געחתמעט, כדי צו דערווערבן אַ טויזנט נייע נעמען מיט די אַדרעסן פון פּאַרטיי־אַקטיוויסטן. וואָרום ווער וועט אונטערשרייבן אַזאַ ליסטע אָנצוגעבן נישט נאָר דעם נאָמען, נאָר אויך דעם אַדרעס, פּאַך, אַפילו דעם נומער פון פּאַס, ווער וועט אַזוינס וואַגן, אויב נישט אַקטי־וויסטן, וואָס שרעקן זיך נישט פאַר טעראָר?

די „זשוואַלגיבע״ מיט דער פּאָליציי האָבן זיך געווענדעט צום יידישן מיניסטער ד״ר ש. ראָזנבוים, ער זאָל זיי באַלד צושטעלן אַלע דערמאָנטע קאַנדידאַטן־רשימות מיט אַלע נעמען און אַדרעסן פון די אונטערגעשריי־בענע פּערזאָנען.

לכתחילה האָט ד״ר ראָזנבוים, ווי אַ מ י נ י ס ט ע ר, אָפּגעוואָרפן די דערמאָנטע פאָדערונג, וואָרום ד״ר ראָזנבוים האָט גוט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט. ער האָט קיין נאָמען נישט געוואָלט אויסליפערן, ביז ער האָט באַקומען אַ זאַ פאָדערונג פון דער רעגירונג אַליין, און ווי ער האָט שפּעטער געענטפערט, אויף אַן אינטערפּעלאַציע, אויף דער סעסיע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, האָט ער נישט געוואָלט איינשטעלן דעם גאַנצן פאַרגעב, מיטן געבן דער מאַכט אַ תירוץ צו פאַרווערן די וואַלן. דעריבער האָט ער מיט ווידערווילן איבערגעגעבן דער פּאָליציי אַלע נעמען און איז דערפאַר שפּעטער אויסגעשטאַנען אַ שווערן שטורעם און אָנגריף מצד די לינקע אַרבעטער פּאַרטייען, וואָס האָבן זיין פאַרענטפערונג אויף דער ערשטער און לעצטער סעסיע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג נישט געקאָנט אָננעמען.

ל. חיין־שמעוני

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג איז געווען דער לעצטער אַקאָרד פון דער נאַציאָנאַל פערסאָנעלער אויטאָנאָמיע אין ליטע. *)

* * *

דער לעצטער געראַנגל מיט דער גסיסה פון דער יידישער נאַציאָנאַ־לער פערסאָנעלער אויטאָנאָמיע אין ליטע האָט געדויערט אַ קנאַפּן יאָר צייט — 1924.

סוף 1923 האָב איך, צוזאַמען מיטן אינסטרוקטאָר פון יידישן מי־ניסטעריום שמואל גאָץ, באַזוכט אַ גאַנצע ריי יידישע קהילות אין ליטע. שמואל גאָץ האָט זיך פאַרנומען מיט דער אַדמיניסטראַטיווער זייט פון די קהילות, ווי די מעטריקאַציע, פינאַנצן, און רעכטלעכע באַציאונגען מיט די אָרטיקע רעגירונגס־אָרגאַנען, בעת איך האָב געהאַט צו טאָן מיט די סאַניטאַר־מעדיצינישע ענינים, מיט אַמבולאַטאָריעס, שפּיטעלער, אַפּטייקן, דאָקטוירים, שוועסטער, וכדומה און מיט ענינים פון סאָציאַלער פאַרזאָר־גונג און קינדער־שוץ.

עס דערמאָנען זיך יענע טייערע, פּשוטע, האַרציקע יידן, די פרייוויל־ליקע עסקנים אין די אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן, אומעטום, אין גאַנץ ליטע. עסקנים, וואָס דאָס לעבן האָט אַפּירגעבראַכט פון דער סאַמער יידישער טיף אַרויס, ממעמקים. ליידער האָט נאָך ביז היינט קיינער נישט באַשריבן אין אונדזער ליטעראַטור, אַפילו נישט אין דער פּובליציסטיק, דעם פּ ש ו ט ן יי ד ן, דעם כלל־טוער פון יענער שטורמישער קורצער אויט־טאָנאָמיע־תקופה אין ליטע, אין אוקראַינע, אין אַ גרויסער מאָס אויך אין עסטלאַנד און לעטלאַנד, וואו יידן האָבן גענאָסן פון אַ געוויסער מאָס קולטור־אויטאָנאָמיע. מען האָט נישט באַשריבן זייער טריישאַפט, אהבת־ישראל־אַרבעט, זייער מסירת נפש, שטאָלץ און מוט צוביישטיין אַלע שוועריקייטן און גזירות.

---

*) אַ געקירצטע באַשרייבונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין ליטע, זע אין ערשטן באַנד פון קאַפּיטאַלן ווערק „ליטע", אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק דורך דער „קול־טור־געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן", 1951, רעדאַגירט פון ד"ר מענדל סודאַרסקי ז"ל, י. קיסין ז"ל און אוריה קאַצענעלבאָגן.

פאַר מיינע אויגן שטייען זיי אַלע, ווי אַ מאָנאָליטישע הערלעכע גאַנצקייט, ווי אַ מענטשלעכע פּראַכט, אָט זע איך דעם גברן מיט דער גרויסער בלאָנדער באָרד, מיט די גלאַנציקע אויגן, דעם פּשוטן יידישן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ יידישן שפּיטאָל אין שטעטל יאַנאָווע, אַ מקום פון יידישע האָלץ־פּאַכלייט און אַ שוועבעלעך־פאַבריק. אָט זע איך דעם וועלטלעכן שול־עסקן און לערער פון דער זעלבער יאַנאָווע, דעם שטילן איידעלן דיכטער בלאָשטיין (איצט אין ראַטנפאַרבאַנד). איך זע אים ביי זיין עבודת קודש, ווי איך זע דעם פאָלקיסטישן פּעדאַגאָג שימשעלעוויטש פון פּאָניעוועזש, דעם עסקן שאָר פון מאַריאַמפּאָל, אַ טרייער בונדיסט אָן אַ פּאַרטיי... אָט זע איך דעם אָרדינאַטאָר פון יידישן שפּיטאָל אין ווילקאָמיר — דעם ציוניסטישן עסקן ד״ר קלינג, וואָס קעמפט פאַר „זיין ביודזשעט“ פאַר יעדער בענקל און ליילעך; ער „קעמפט“ מיט דער קהילה ווי אַ לייב; אָדער איך זע דעם שטילן ציס־צעירי־ציון מנהיג ד״ר אישלאָנסקי פון סימנע, ווי ער גיט אָפּ זיינע בעסטע יאָרן צו באַקעמפן די מיאוסע „פּאַוואוס“־קרענק ביי יידישע קינדער. און וואו איז די קולטור־היים פון באַקאַנטן יידישן געלערנטן און פּעדאַגאָג, אַ צייט לאַנג דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע אין ווילקאָמיר, אָדער דאָס נאָבעלע פּאָרפּאָלק ד״ר און פרוי מער, פון פּאָניעוועזש, וואָס שאַפן אויך אין זייער שטאָט אַ יידישן מוסטער־שפּיטאָל פאַר דער גאַנצער געגנט אַרום. איך זע פאַר זיך אַ גאַנצע אַרמיי יידישע דאָקטוירים, שוועסטער, לערער, ראשי קהילות, צוזאַמען מיט הונדערטער, הונדערטער עסקנים, מפשוט העם פון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען, פון די אַליטעס, מאַריאַמפּאָל, ראַקישקי, זשאַגער, ראַדווילישקי, שאַוול, קורשאַן אא״וו. איך זע זיי ווי אַ לעבעדיקע אייזערנע וואַנט, אַרומרינגלען די אָנצאָליקע גרויסע און קליינע יידישע מוסדות. איך זע זיי ווי כהנים זיך ראַנגלען מיט די „היכל“ און אין די „היכל“ אַנשטאַלטן, וואָס זענען אין תוך גענומען געווען אָן מיטלען פונקט ווי זיי... זיי האָבן זיך געראַנגלט פאַר יעדער פלעשל און טערמאָמעטער, פאַר יעדן טיש און באַנק, נישט טראַכטנדיק וועגן אַ ייגענעם נידעריקן, קליינינקן געהאַלט, וואָס איז נישט אויסגעצאָלט געוואָרן צו דער צייט... איך זע זיי באַוואַכן און באַשיצן די אַלע

אַנשטאַלטן פֿאַר קינדער־ און מוטער־שוץ, די ברייטע שול־נעץ, די סאָ־ציאַלע הילף, שפּיטעלער און קליניקעס, וויפיל מענטשלעכער גלויבן, שיינקייט און מסירת נפש זיי האָבן אַריינגעלייגט אין זייער געבענטשטער אַנאָנימער טעטיקייט!

ס'איז אויך כדאַי צו דערמאָנען מיט ווייטיק די „מלחמות”, קללות און חרמות פון קליינשטעטלדיקע פאַנאַטישע כלי־קודש, וואָס האָבן געזען אין דער מינדסטער באַנייאונג, אָדער מאָדערנער מעדיצינישער הילף, מו־טער־ און קינדער־שוץ — עפּעס פּסולדיקס „פּוגע בדת ישראל”. איך דער־מאָן זיך זייערע „מלחמות” קעגן „מיין ווייניקייט”, אין דער תקופה פון טויטלעכע טיפוס־מגיפות, ווען עס זענען נאָך נישט געווען די איצטיקע אַנטיביאָטישע מיטלען. אַני הקטן, האָב ביטער געקעמפט, פאַרן אויסריי־ניקן די דעמאָלטיקע פאַרנאַכלעסיקטע אומריינע קליינשטעטלדיקע מקוואות און שמוציקע באַד־קאָרידאָרן. די נעסטן פון אומפלייט מיט באַצילן, וואָס ברענגען די קראַנקייטן מיטן טויט. ס'איז אויך כדאַי צו דערמאָנען מיט שבח יענע כלי קודש און אינטעליגענטע רבנים, וואָס האָבן יאָ געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר היגיענע, פאַרן פּסוק „המציל נפש אחת מישראל, מציל עולם ומלואו”. זיי פלעגן יאָ לאַיאַל, גוטמוטיק מיטאַרבעטן מיט אונדז צו העלפן רייניקן, סאַנירן און מאָדערניזירן די רעליגיעזע אַנשטאַלטן מיט די מקוואות, וואָס האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויפן פאָלקס־געזונט.

מיט זיי דערמאָן איך מיט ליבע, ציטער און ערפורכט מיינע פּועלי־ציון חברים אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע, וואָס פלעגן אונדז „פון צענטער”, אויפנעמען בכבוד מלכים. נאָך די זיצונגען, רעפעראַטן, אסיפות און באַראַטונגען, פלעגן זיי אונדז מיטנעמען אין די פּשוטע געמיטלעכע ענגע היימען, מכבד געווען מכל טוב, ממש אַרויפצווינגען „פּאַרטיליקן” בערג טרוקענע פּרוכטן, איינגעמאַכטס, פלייש, גריוון, געבראַטענע און גע־רויכערטע גענדזנס. דערנאָך, אין די קנאַקעדיקע פראָסטיקע נעכט אַריינ־לייגן צווישן וואַרעמע פּערינעס, אין די אַמאָליקע הילצערנע הויכע בעטן, ביז דערשטיקט צו ווערן. וויפיל גלויבן און וויסנדורשט זיי האָבן פאַר־מאָגט צוזאַמען מיט זייער מסירת נפש און אידעאַליזם. וואו איז היינט די באַרימטע פּועלי־ציוניסטישע שטאָט קיידאַן, וואָס פירט דורך, ביי וואַלן

אין שטאָטראַט, מער מענטשן פון דער צאָל אַרויסגעשטעלטע קאַנדידאַטן? וואו זענען די וואלפערטס, די שמשס, די מערלינסקיס, וכדומה? וואו זע־נען די חברהלייט פון קורשאַן, די טראַנספּאָרט־מענטשן, וואָס האָבן מיך געוואָלט „משמח" זיין, מיטן אַרויסנעמען בכוח, ד"ר הערצלס פּאָרטרעט פון אַרטיקן ציוניסטישן קלוב, צו באַצירן די מזרח־וואַנט פונעם פּאָליש פון דער פ אַ ר ש ל אָ ס ע נ ע ר שול, וואו איך האָב פאַר זיי „גערעדט" בלב ונפש.

וואו זענען די ראַדווילישקער, יאַנישקער און זשאַגערער חברים, וואָס פלעגן שאַפן באַדייטנדיקע סומעס פאַרן „פּרעסע־פאָנד", „פּאַרטיי־פאָנד", „פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד", „הילפס־פאָנד", „שוץ־פאָנד", „שול־פאָנד", מ'יט נאָך און נאָך פאָנדן?... ווי קען מען זיי אַלעמען מיט אַלץ באַשרייבן, צוזאַמען מיט זייער פאָלקסטימלעכער גדולה און אויסדויער, וואָס כ'האָב ביי זיי געפונען?

אָט שטייט מיר פאַר די אויגן דער וואונדערבאַרער אַרבעטער־טוער דער מוניציפּאַלער טוער און קאָאָפּעראַטאָר פון ניישטאָט, זלמן טומפּאָוו־סקי, דער יידישער בירגערמייסטער פון שאַקי, יודל אַלטפעלד, וואָס זענען אַפּירגעקומען פון דער טיף אַרויס פון יידישן פאָלקסטימלעכן לעבן אין ליטע, אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיי געפו־רעמט און געבויט. עס דערמאָנט זיך דער יונגער צאַרטער דיכטער פון מאַריאַמפּאָל, עזריאל גראַס, אָדער די צוויי „יוצאי דופן" פון דער זעלבער שטעטל דודל גרינשפּאַן און יאָסל גאָטפּאַרשטיין, איינער מיט זיין חריפות־דיקער סאַטירישער פעדער, דער צווייטער מיטן פידל און פיינעם הומאָר — ביידע האָבן אַריינגעבראַכט שמחה, געלעכטער מיט קולטור־דורשט אין אומעטיקן גרויען קליינשטעטלדיקן לעבן. אַזעלכע ווי זיי זענען געווען אַ סך הונדערטער, וואָס האָבן געווירקט אומעטום שטיל, אַנאָנים שלא על מנת לקבל פרס. (יאָסל גאָטפּאַרשטיין איז באַקאַנט געוואָרן ווי אַ שריפט־שטעלער און פעדאַגאָג. היינט — אין פּאַריז).

וואו זענען היינט די פּאַרטיי־מענטשן פון דער באַרימטער בערשטער שטאָט ווילקאָווישקי; וואו זענען די הונדערטער און טויזנטער טרייע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק, פּועלי־ציוניסטן, צעירי־ציוניסטן און

אַנדער ציוניסטן, פּאַלקיסטן, וכדומה; אַריינגערעכנט דעם „החלוץ". וואו זענען די יידן פון ליטע? — ווייניקע זענען עולה געווען קיין ישראל, ווייניקע זענען אַנטרונען נישט אַריינצופאַלן פון פייער אין וואַסער, ווייניקע זענען ניצול געוואָרן. ס'רוב ליגן ערגעץ ווי בערג אויסגעמישטע ביינער אין מאַסן־קברים, וועמענס לייב מען האָט פריער פּאַרברענט, און דאָס אַש איז פון ווינט פּאַרווייעט און צעשפּרייט...

וויפל פון אונדזערע פועלי־ציון חברים, מענטשן פון ליטע און פוילן, וואָלטן היינט געלעבט און געשאַפן אין ישראל און געהאָדעוועט קינדער און אייניקלעך, ווען זיי וואָלטן נישט געשטאַנען אויסערן סערטיפיקאַטן־געזעץ, מחמת זייער טרייקייט און דביקות צו דער באָראָכאָוויסטישער אידייע. צי קען מען שוין מאַכן אַ חשבון?

פּאַר אונדזערע אויגן שטייט אַזאַ שלמה דימאַנט, דער טראַנספּאָרט־לער פון קאָוונע, וואָס פלעגט אַלע טאָג טראָגן אויף די הענט קילאָמעטערס ווייט זיין אַלטע בלינדע מוטער אין „שפּאַציר־גאָרטן" אויף דער זון, בעת ער פלעגט אויף זיינע ברייטע אייזערנע פלייצעס צעטיילן טאָג־טעגלעך טאָנען זעק, קאַסטנס, פעסער מיט באַלן סחורות אין געשעפטן און סקלאַדעס; דערנאָך צוריקגיין טראָגן דער מוטער אַהיים אויף די הענט קיין סלאָבאָדקע, צוגרייטן ס'עסן און זיך צוריקקערן אין שטאָט — — — „פּאַרברענגען" האַלבע נעכט אין פּאַריין אָדער פּאַרטיי, צו העלפן אָרגאַניזירן די שווערע פּראַצע־מענטשן פון די ראָגעס, די מגושמדיקע יידן, אַרומגעגאָרטלטע מיט שטריק, אָדער די יעניקע מיט די בייטשן אין די הענט אַרום די וועגענער און פלאַטפאָרמעס. — פאַר זיי האָבן די דימאַנטס אויפגעמאַכט טיר און פענצטער פון און צו דער ליכטיקער וועלט, זיי אויסגעלערנט שרייבן און לייענען און אויפהייבן הויך די קעפּ צו ווערן מ'יט מענטשן גלייך; זיי אָוועקגענומען פון שענקן און קאָרטן־מלינעס, און מיט ז י י צו לערנען אַ פּרשה יידישן סאָציאַליזם מיט קאַפּיטלעך פּרץ, שלום עליכם און מענדעלע; אַרויסגעפירט זייערע קינדער און יוגנט פון די באַלעבאַסטעס־קיכן און וואַרשטאַטן־שקלאַפעריי, אין די אָ ר ג אַ נ י־ז י ר ט ט ע באָראָכאָוו אָדער אַנדערע יוגנט־רייען, אויסגעקעמפט דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, כדי דערנאָך צו קענען באַזוכן אָוונט־קורסן, אָוונט־

שולן, קלובן, אויספלוגן און שפּילערייען, זיי צוריקגעקערט כאָטש אַ מיזע־ראַבלען טייל פון דער פאַרשפּילטער, פאַרלוירענער קינדער־ און יוגנט־פרייד...

באַזונדערס אַט דעם דערדריקטסטן שווער אַרבע־טער־טיפּ, דעם טרעגער און געדונגענעם באַלעגאַלע (די „שמייסער"), וואָס זענען דורך דער פּאַרטיי און פּראָפּאַריין דערהויבן געוואָרן צו טראַנס־פּאָרטלער. אַזאַ דימאַנט איז געוואָרן באַוואוסטזיניק ביז צו וויסן ווי צו באַשטימען טאַריפן, אויסאַרבעטן אַרבעטס־קאָנטראַקטן, צו דערליידיקן ענינים בין אדם לחברו, אָן פויסטן, דורך אַ „חברים־געריכט" אָדער דורך דער פאַרוואַלטונג פון פאַריין, אַפילו דורכן „פּאַרטיי־קאָמי־טעט". פאַרענדיקט דעם טרויעריקן קאַפּיטל פון דועלירן זיך מיט דרענ־גער, דייקסלען און מעסערס, ביז זיך צו פאַרבינדן מיטן נישט־יידישן טראַנספּאָרט־פאַריין. אָפּגעשאַפן אומזיניקע קאָנקורענץ אין די ראַמען פון דעם פאַריין, ביז צו ווערן די באַוואוסטזיניקע „ספּאָנטאַנע" זעלבסטשוץ־הילף קעגן כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישע אויסברוכן. די יידישע „טראַנס־פּאָרט"־אַרבעטער פון קאָוונע, זענען דעמאָלט תמיד געווען די ערשטע לעבעדיקע שוץ־דאַמבע קעגן שאָוויניסטישן כוליגאַניזם.

פון דער צווייטער זייט שווימט אַרויף אין זכרון, די פּועלי־ציוניס־טישע סטודענטן־גרופּע אין קאָוונע, סטודענטן און סעמינאַריסטן, זייער אַקטיוועו אין דער געזעלשאַפט און אינעם לעבן פון די פּאַרטייען בכלל. ס'דערמאָנען זיך אַזעלכע פּועלי־ציוניסטישע שטודירנדיקע „יוגנט" ווי ישראל ניצעוויטש, אברהם מאַנדל — מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פּועלי־ציון; אַזעלכע ווי ביילקע אַלעקסאַנדער און איר שטילע שוועס־טער מאַשאַ, אָדער די ליבהאַרציקע דבורהלע רוטשטיין (די פרוי פון יידיש־סאָוועטישן שרייבער אייזיק פּלאַטנער). אַט די אַלע וואָס זענען יענעם יאָר געווען צווישן די איניציאַטאָרן צו גרינדן אַ יידישן ראַ־דיקאַלן סטודענטן־פאַריין אין ליטווישן אוניווערזיטעט, אים צו לעגאַלי־זירן אונטערן נאָמען: „סטודענטן־פאַריין צו דערלערנען און פאַרשפּרייטן די יידישע שפּראַך ביים ליטווישן אוניווערזיטעט". דער סטודענטן־

פאַריין האָט בייגעטראָגן זיין צושטייער צום אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן געראַנגל מיט דער ברוטאַלער גלחיש־פאַשיסטישער רעאַקציע אין ליטע.

אין אַפּריל 1924 האָט דער דערמאָנטער סטודענטן־פאַריין אַרויס־געגעבן אַ פיינעם יידישן זשורנאַל „קולטור און לעבן". מיר שיפרירן היינט אויף די פסעוודאָנימען פון די שרייבער אין זשורנאַל אַזוי צו לעזן: „אי־זידאָר דעווייני" — דער פועלי־ציוניסט, אַדוואָקאַט ישראל ניצעוויטש, דעמאָלט אַ סטודענט אויפן יורידישן פאַקולטעט, דאָס נעמלעכע זענען פועלי־ציון חברים ה. דוידס, אָדער לייבל חיין (שמעוני). א. אומאַנסקי איז דער צ.ק. מיטגליד אברהם מאַנדל, און ה. בלאָשטיין האָט דאָרטן פאַרעפנטלעכט זיינע לידער ווי אַ נאָענטער, אונטער דער השפעה פון פועלי־ציון. (ה. בלאָשטיין — היינט אין ראַטנפאַרבאַנד, פלעגט דעמאָלט שרייבן אין דער פועלי־ציוניסטישער „אַרבעטער צייטונג" אין קאָוונע).

און ווי קען מען פאַרגעסן אַזעלכע פּרעכטיקע מסירת נפשדיקע פועלי־ציון־טוער ווי דודל סמאָליאַקאָוו, דער שניידער טוביה משורר, די לערער די ברידער קאַפּיליאָוויטש, העניע זאַקס, די ברידער באַלעל, בערל לאַנ־דאַו, שלום חייטין פון טעלזש, אָדער אַזעלכע ווי קאַפּלאַן, פון דער „שיפּס־געזעלשאַפט", זאַוול טוב דער בוכהאַלטער, מיט די צאָלרייכע נעמען וואָס מיר דערמאָנען נישט. אָט די בויער פונעם יידישן לעבן, די פאַנאַטישע קעמפער קעגן חושך און רעאַקציע, די טרוימער פון ארץ־ישראל, ביז דער אויפגעגאַנגענער נ ייער אומלעגאַלער באַראַכאָוו־יוגנט־גרופּע אין ד"ר שוואַבעס העברעאישע גימנאַזיע אין קאָוונע, אָדער אין אַזאַ העברעאישער גימנאַזיע פון פאַנאַטישן העברעאיסט ד"ר קאַלוואַריע, אין פאַנעוועזש.

אַזעלכע אומלעגאַלע באַראַכאָוו־יוגנט־גרופּן זענען שנעל געוואַקסן אין כלערליי העכערע קלאַסן פון פאַכשולן אין גימנאַזיעס, דווקא באַלד נאָך דער שווערער אַרעסטן־מגיפה פון פועלי־ציון־טוער סוף 1924, ווי צו להכעיס דער בלוטיקער „זשוואַלגיבע", וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז אַ לעבעדיקע אידייע קען מען פריער פאַרשפאַרן אין קייטן, דערנאָך פי־זיש דערמאָרדן...

ווי קען מען זיי פאַרגעסן, יענע מוטיקע, אַנאָנימע מסירת נפשדיקע הונדערטער, הונדערטער שטילע למד־וואָווניקעס, די טוער פון דער שורה

נעכטן

אין דער דעמאָלטיקער ליטע? — די אומגעבראַכטע אין נאַצישן גהינום, און די ווייניקע לעבן־געבליבענע, וואָס זענען אין „בעסטן פאַל" פאַר־טריבן געוואָרן און אומגעקומען אין די טייגעס פון סיביר. נאָר צו דער־מאָנען כאָטש איין טיפּישן פאָרשטייער פון די לעצטע מנהיגים פון די לינקע פּועלי־ציון אין ליטע: דעם אַדוואָקאַט טרוספּוס, וואָס האָט מיט זיין פּערזאָן און שטראַקער אייזערנער פּערזענלעכקייט, מיט זיין נישט צעברעכבאַרן מוט און פּועלי־ציון גלויבן רעפּרעזענטירט אַ סך אַזעלכע מענטשן, וועלכע זענען פאַרשריען געוואָרן ווי „קאָמוניסטן" דורך דער יידיש־בירגערלעכער און ציוניסטישער רעאַקציע פון ליטע, און ווי „ציוני־סטן־קאָנטררעוואָלוציאָנערן" דורך דער ליטווישער יעווסעקציע און דורך דער מאַכט פון די סאָוועטן.

צום סוף

אָנהייב 1924 קומט זיך צונויף דער ניי־געוויילטער סיים מיט דער רעאַקציאָנערער מערהייט, צו האַלטן די בייטש איבערן קאָפּ פונעם יידישן לעבן, בעיקר, צו ליקווידירן די איינגעבראָכענע יידישע נאַציאָנאַל־פּער־סאָנעלע אויטאָנאָמיע, מיט וואָס נישט נאָר יידן, נאָר אויך די ליטווינער. האָבן בסך־הכל מיט 20 חדשים פריער זיך באַרימט און געגרויסט כלפּי דער אויסערלעכער וועלט.

די נייע ליטווישע שונא־ישראל־רעגירונג, האָט אין 1924 מאַנעוו־רירט מיט אַ נערוון־קריג כלפּי „אירע" יידן, און געשפּילט אַ שפּלע דיפּ־לאָמאַטיש־כאַמסקע שפּיל. אָט באַמיט זיך די רעגירונג זיך „איבערצובעטן" מיט די יידן, באַזונדערס מיט די לייכטגלויביקע יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען. מען אָנערקענט ווידער דעם ד"ר שמשון ראָזנבוים ווי אַ „מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין ליטע", מען גלידערט אים איין אין מיניסטאָרן־קאַבינעט, ווי די יידן האָבן געפאָדערט. באַלד נאָכדעם שאַפט זיך אַ קאָאַליציע צווישן די גלחים, וואָס שטייען בראש פון די „קריסט־לעכע דעמאָקראַטן" מיט די ליטווישע „פאָלקס־סאָציאַליסטן" און מיט די אָפענע פאַשיסטן פון „געלזשינאַ־ווילקאַס", וואָס ווייסן, באַלד אָן יעזו־איטישע שפּילערייען, צו „באַנייען" די מלחמה מיט דער „אויטאָנאָמיע", זיי ווייסן ווי ברוטאַל, אָפן, פאַרריסן משלים זיין דאָס, וואָס די פריי־ערדיקע רעגירונג האָט מכלומרשט נישט געוואָגט: — ליקווידירן די יידי־שע אויטאָנאָמיע.

איצט קייקלט זיך אַלץ שנעל באַרג־אַראָפּ ביזן סוף.

לאָמיר נישט איבערהיפּערן דעם גאַנג פון די געשעענישן, אין די לעצטע חדשים פון 1923, בעיקר די צענטראַלע היסטאָרישע פּאַסירונג, — די דערעפענונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין ליטע דעם 23טן נאָוועמבער 1923. (אַ באַזונדערע אַרבעט נאָר וועגן דער נאַ־

ציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, האָט דער מחבר פון די שורות פאַרעפנטלעכט אין ערשטן באַנד פונעם „פנקס" ליטע — ניו־יאָרק, ערשטער בוך, 1955).

צו דער פייערלעכער דערעפענונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג זענען ווידער געקומען הויכע געסט פון לאַנד און אויסלאַנד, בתוכם דער פרעמיער מיניסטער, וואָס האָט, ווי פריער, איבערגעחזרט די פריערדיקע צוזאָגן די ליטווישע יידן, אַז „זייערע רעכט וועלן שטענדיק געשטיצט און פאַרזיכערט ווערן צוזאַמען מיט דער אויטאָמאָמיע". מיר דערמאָנען עס באַזונדער, ווייל בסך־הכל איין חודש שפּעטער (דעצעמבער 1923), שטרייכט־אויס דערסיים פונעם מלוכה־ביודזשעט די אַריינגעטראָגענע סומעס פאַר אויסהאַלטן די יידישע און ווייסרוסישע מיניסטעריומס, איבערלאָזנדיק נאָר איין סומע, דעם געהאַלט פאַרן יידישן מיניסטער אַליין... וואָס קען טאָן אַזאַ מיניסטער, אָן אַ מי־ניסטעריום, אָן אַן אַפּאַראַט, אָן אַ סעקרעטאַר, אַפילו אָן אַ שיק־ייִנגל?...

ס'האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אינערלעכע וויכוחים אין דער יידי־שער געזעלשאַפטלעכקייט, צי מען זאָל אַליין אייגנוויליק שליסן דעם מי־ניסטעריום, צי נישט; צי זאָל מען להכעיס שונאי־ישראל, שאַפן אייגענע מיטלען און ווייטער ממשיך זיין די רעגולערע טאָגטעגלעכע רוטינערע אַרבעט פון מיניסטעריום. ד"ר ראָזנבוים האָט נישט געוואַרט לאַנג און דעם 2.2.24 ווידער רעזיגנירט פון מיניסטאָרן־פּאָסטן.

אין דעם פאַל האָט זיך באַלד אַריינגעמישט דער ליטווישער מלוכה־פרעזידענט בכבודו ובעצמו, אַז „ער מוז, נאַטירלעך, אָננעמען די רעזיג־נאַציע, אָבער ער ווענדעט זיך פערזענלעך און בעט דעם ד"ר ראָזנבוים, צייטווייליק, ווייטער צו בלייבן ביי זיין הויכן מיניסטאָרן־אַמט".

עס זענען אַוועק נאָך צוויי חדשים, און אין פּובליקירטן מלוכה־ביוד־זשעט (18.4.24) ווערט שוין אויסגעשטראָכן דער געהאַלט פון יידישן מיניסטער, וואָס איז נאָכגעקומען די פערזענלעכע בקשה פון מלוכה־פרעזידענט און ווייטער ממשיך געווען זיינע מיניסטעריאַלע אַרבעטן...

די שפלקייט און שנאת־ישראל־גראָבקייט פון די ליטווישע מלוכה־כאָמעס, קען אילוסטרירט ווערן מיטן דערשיטערנדיקן פאַקט פון איבער־

געבן דעם ד״ר שמשון ראָזנבוים צום געריכט, אים אָנצוקלאָגן — — —
אַז „ער טראָגט און געברויכט אומגעזעצלעך דעם טיטל מיניסטער״...

דער ליטווישער געריכט האָט זיך משמעות געשעמט כלפּי חוץ, צו שפּילן אַזאַ מיאוסע „יורידישע״ געריכט־שפּיל און נישט באַהאַנדלט די אָנקלאַגע און דאָס אַרכיווירט פאַר די „צוקונפטיקע היסטאָריקער״.

דאָס איז שוין געווען דער סוף פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין ליטע. דער סוף פון דעם איינציקן, אָ ב ל י ג אַ ט אָ ר י ש ־ א יי נ־ ה יי ט ל ע כ ן, יידישן קהילה־וועזן אין ליטע, די יידישע קהילות אין ליטע האָבן דעמאָלט פ אַ ר צ יי כ נ ט ז יי ע ר 500 ־ י אָ ר י ק ע ע ק ז י ס ט ע נ ץ.

זיין עקסעלענץ, דער מלוכה־פּרעזידענט פון ליטע, סטולגינסקיס, וואָס האָט פ ע ר ז ע נ ל ע ך געבעטן ד״ר ראָזנבוימען, ווייטער צו בלייבן אויף זיין מיניסטעריאַלן פּאָסטן, האָט פּאַקטיש מיט גאָרנישט רעאַגירט עפנטלעך, בעת מען האָט אָנגעקלאָגט ד״ר ראָזענבוימען צום געריכט פאַר „טראָגן אומגעזעצלעך דעם טיטל מיניסטער״. מיט דעם אַקט, האָט די ליטווישע רעגירונג אַריינגעשפּיגן אין פּנים איר אייגענעם פּרעזידענט, אים נישט ווייניקער, אפשר נאָך שאַרפער באַליידיקט, ווי דעם געוועזענעם יידישן מיניסטער.

די ביוראָען פון יידישן מיניסטעריום און יידישן נאַציאָנאַל־ראַט האָבן געגוססט. ס׳האָבן זיך געשלאָסן איין אָפּטיילונג נאָך דער צווייטער. מען האָט זיך באַמיט, וואָס לענגער אויפצוהאַלטן די גסיסה, כדי מיט אַמאָל נישט צו דערדריקן די שטימונג, נישט צו דערשיטערן אַלץ מיט אַלעמ׳ען ביז יאוש, באַזונדערס די „מאמינים״ אין די הבטחות פון די ליטווישע יעזואיטן און פאַשיסטן.

אין מיין אַמט (סאַניטאַר־מעדיצינישן) בין איך געבליבן אַליין. און ווי מיינע איבעריקע קאָלעגן־באַאַמטע, האָבן מיר די לעצטע חדשים כמעט ווי נישט באַקומען דעם קליינעם טיילווייזן געהאַלט, שוין אָפּגערעדט פון קאָמפּענסאַציע. מיר האָבן עס אויך נישט געפאָדערט און געוואוסט, אַז ס׳איז נישטאָ און ס׳איז אויך נישטאָ פון וועמען צו פאָדערן. ווען איך וואָלט דעמאָלט נישט פאַרענדיקט מיין „אויטאָנאָמיע־קאַריערע״ אין דער



פּאַריז סוף 1924, אונטערוועגס קיין ישראל. פון רעכטס צו לינקס: בײנאַרט, ראַטמאַן פון קאָוונער ועד הקהילה, צ״ק מיטגליד פון פּוע״צ; שמואל גרינבערג־קלינגער (ביידע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס אין צווייטן וועלט־קריג אין דראַנסי, פראַנקרייך).

תפיסה, וואָלט איך זיך צוריקגעקערט פון וואַנען כ'בין געקומען, — אין „אָזע", וואָס איז געווען גרייט מיך צו באַשעפטיקן ביזן פאַרענדיקן מיין שטודיום.

די אויטאָנאָמיע־באַאַמטע האָבן געהאַט געגוג נאַציאָנאַלע זעלבסט־ווירדע און אַמביציע ווייטער צו אַרבעטן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, אַזוי לאַנג ביז מען וועט פאַר זיי מיט כוח שליסן די טירן. ווידער אַלע יידישע מוסדות האָבן ביז די לעצטע שעהן אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיטן יידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַל־ראַט, געשיקט זייערע רוטינערע באַריכטן, דאָקומענטן, מאַטעריאַלן, ביודזשעטן, אא"וו, אויפצוהאַלטן דאָס צאַנקנדיקע פלעמל, אפשר אויסצוקוקן אַ נס, אָבער:

דעם 17טן סעפּטעמבער 1924 צעטרייבט די פּאָליציי מיט כוח די ל ע צ ט ע סעסיע פון נאַציאָנאַל־ראַט און גיט איבער אַלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע צום געריכט, פאַר, פאַר — — — אַ „נישט געזעצ־לעכער פּובליקאַציע".

דעם אַקט פון פאַרחתמענען די ביוראָען פון יידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַל־ראַט בין איך נישט בייגעווען, ווייל ווי געזאָגט, סוף סעפּטעמ־בער, בין איך ווידער „סטאַציאָנירט" געוואָרן אין דער צענטראַלער „גע־לער" תפיסה פון ליטע. דאָס מאָל ביזן סוף, ביז כ'האָב פאַרלאָזן דאָס לאַנד, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אַזוי אַז איך בין מסיים די פּרשה מיט ידיעות פון בריוו און צייטונגס־אויסשניטן, וואָס זענען פאַרבליבן אין מיין רשות און נעמלעך:

במשך פון יאָר 1925 האָבן נאָך געזשיפּעט די איינהייטלעכע קהילות אין ליטע, אָן אַ צענטראַלער לייטונג, אָנעם נאַציאָנאַל־ראַט, אָנעם יידישן מיניסטעריום. במשך פון יאָר 1925 האָט די אייגענע יידישע קלעריקאַלע רעאַקציע גענומען אונטערגראָבן, די דערשיטערטע פונדאַמענטן פון די עקזיסטירנדיקע ועדי הקהילות. ס'האָט זיך זיי געגלוסט צו ווערן די מאַכט־האָבער אינעם אינערלעכן יידישן לעבן.

דעם 8טן מאַרץ 1926 ווערן די עקזיסטירנדיקע קהילות ליקווידירט דורך אַ געזעץ, וואָס נעמט פון זיי אַוועק דאָס רעכט פון טאַקסירן שטייערן, דאָס רעכט פון מעטריקאַציע, אַפילו דאָס רעכט פון באַזאָרגן די יידישע

באַפּעלקערונג מיט רעליגיעזע הצטרכותן. דאָס דערמאָנטע געזעץ איז אַן ספק פאַרסירט געוואָרן דורך די אייגענע מאַכטגייציקע קלעריקאַלן.

די „אחדות"־מענטשן (אגודת ישראל) מאַכן אַ קנוניה מיט זייערע ליטווישע פאַד־קאַלעגן, די גלחים, צו גרינדן אַ נייע יידיש־רעליגיעזע קהילה, וואָס זאָל אויפשטיין אויף די חורבות פון דער געוועזענער אויטאָנאָמער קהילה.

ביז דער ליקווידאַציע פון דער אויטאָנאָמיע האָט דאָס געזעץ פאַרזיכערט נאָר איינ־איינציקע יידישע קהילה אין יעדער שטאָט און ישוב, צו וועלכער אַלע יידן זענען געווען פאַרפליכטעט אָנצוגעהערן; אַלע אָן אויסנאָם, צו וועלן אָדער נישט צו וועלן. די קהילה איז געווען אַ מלוכה־אַנשטאַלט, אַן אויטאָנאָמער טייל פון ליטווישן מלוכה־אַפּאַראַט.

דאָס נייע געזעץ פון 8.3.26 אַנולירט דעם מלוכהשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער יידישער קהילה, און דערמעגלעכט איר לעגאַלן קיום ווי אַ יעדער פּריוואַטער געזעלשאַפט, וואָס 50 ליטווישע בירגער מעגן גרינדן און רעגיסטרירן. אויב די 50 גרינדער ווילן, מעגן זיי דער געזעלשאַפט אָנרופן „קהילה", ווי אַן אַנדער פּריוואַטע געזעלשאַפט רופט זיך אָן „לינת הצדק", „הכנסת כלה", „הזמיר", וכדומה.

קיינער פאַרפליכטעט מער נישט קיינעם אָנצוגעהערן אַזאַ „קהילה", אַ פשיטא צאָלן שטייער, שוין אָפּגערעדט פון מעטריקאַציע.

די גלחים און פאַשיסטן האָבן געוואָלט „באַרויִקן" אַלע יידישע „נטורי קרתא" און פרומאַקעס, מיטן צוזאָגן אַ לעקעכל די רבנים, וועמען מען האָט איבערגעגעבן צו רעגיסטרירן די יידישע געבורטן...

אין קאָנסעקווענץ פון אַזאַ קנוניה, האָט דער „פרומער" יידישער דעפּוטאַט, געמוזט פאַרלאָזן די יידישע סיים־פראַקציע, וואָס האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט מיט אים מיטאַרבעטן.

די יידישע סיים־פראַקציע איז דעמאָלט בלית ברירה געוואָרן דער העכסטער אַדרעס פון די ליטווישע יידן, די העכסטע אָרגאַניזירטע געוויילטע פאַרטרעטונג כלפּי דער מאַכט.

די אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע יידן פון ליטע האָבן פאַר קיין פאַל נישט

משלים געווען מיט אַזאַ מצב, אויסצוליפערן די רבנים און קלעריקאַלן די לעצטע פּאַר טראָפּנס פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, האָבן זיי אויסגענוצט דאָס נייע געזעץ און געגרינדעט צוויי צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס (געזעצלעך: חברות...) די „עזרה", וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט חינוך, סאָציאַלע הילף און קולטור־אַרבעט, און די „עדת ישראל", וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די רעליגיעזע ענינים פון יענע יידן, וואָס ווילן נישט אָנערקענען די קלעריקאַלע „איבערמאַכט" אין יידישן לעבן, אַ באַקומענע מיטן חסד פון ליטווישן גלח און פאַשיזם.

צוזאַמען מיטן ליקווידירן די קהילות האָט גענומען רעגענען אין ליטע מיט כלערליי אַנטי־יידישע גזירות, ווי פאַרבאָטן פירן האַנדלס־ביכער איז יידיש. אַ גזירה פון געצוואונגענער זונטיק־רו פאַר יידישע געשעפטן. הויכע בייזוויליקע שטייערן, און דערביי באַזונדערע קאָנצעסיעס און לגאַטעס די ליטווישע האַנדלס־קאָאָפּעראַטיוון, פאַרסירטע דורך דער מאַכט, מיט דער אָפענער כוונה צו צעבערעכן דעם יידישן מסחר, דעם יידישן קליינעם סוחר און קרעמער.

די גזירות האָבן זיך געשאָטן אויף די צעטומלטע פאַרביטערטע ליטווישע יידן ביז מאַי 1926, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און „פאָלקססאָציאַליסטן" האָבן באַקומען אַ מערהייט אין סיים און איבערגענומען די מאַכט. אַלס פּרעזידענט איז געוויילט געוואָרן ד"ר גרוניוס, וואָס האָט שוין געהאַלטן דעם פּאָסטן אין בראשית פון ליטע.

ד"ר גרוניוס איז געווען אַ דאָקטאָר מעדיצין, אַ פאָלקס־מענטש, זייער פּאָפּולער אין מאַריאַמפּאָלער געגנט, וואו ער האָט געלעבט און פּראַקטיצירט. ד"ר גרוניוס איז געווען פריינטלעך צו יידן, און גערעדט פריי יידיש. נישט איינמאָל איז ד"ר גרוניוס אַרויסגעטרעטן אויף יידישע כינוסים אין יידיש לשון. אַלס מיניסטער־פּרעזידענט איז געוויילט געוואָרן אַ צווייטער יידישער פריינט, דער ס.ד. מנהיג סלעזעוויטשאַס.

ס'איז ליכטיק געוואָרן אין ליטע, ווי די זון וואָלט אויפגעגאַנגען אין פרילינג, נאָך אַ ביטערן שווערן ווינטער.

לכתחילה זענען די פאַשיסטן און „זשוואַלגיבע"־אינקוויזיטאָרן פאַרשוואונדן פונעם געזעלשאַפטלעכן אייבערפלאַך. בראשית פון איר מאַכט

האָט די נײַע רעגירונג פּראָקלאַמירט אַ פולע אַמנעסטיע פאַר די מאַסן פּאָליטישע אַרעסטירטע. עס זענען אויפגעמאַכט געוואָרן די טויערן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אינקוויזיציע־קעלערן. טויזנטער, טויזנטער אומשולדיקע, יאָרנלאַנג פאַרשפּאַרטע ליטווינער און יידן, זענען באַפרייט געוואָרן פון זייערע אונטערדריקער און פּייניקער.

אַלע פאַרבאָטענע פּאַרטייען און פאַריינען זענען אַרויס פון אונטער־גרונד אינטענסיוו, אָפן פריי צו באַנייען זייער טעטיקייט, בתוכם לינקע פּועלי־ציון. ס׳האָבן צוריק געגנומען דערשיינען די פאַרבאָטענע צייטונגען און זשורנאַלן. דער צענטראַל־אָרגאַן פון „לינקע פּועלי־ציון״ די „אַרבעטער צייטונג״, וואָס איז געווען געשלאָסן זינט מאַי 1922, האָט ווידער גענומען דערשיינען אין מאַי 1926.

אין יענער צייט האָט דער ראַדיקאַלער דייטשישער שריפטשטעלער פליוויע געשריבן: „דער קיסר איז אַוועק, די גענעראַלן זענען געבליבן״. מיר קענען עס איבערפראַזירן: — די יעזואיטיש־גלחיש־פאַשיסטישע שונא ישראל רעגירונג פון ליטע איז אַראָפּ, אַ נײַע סאָציאַליסטיש־פאָלקסטימ־לעכע רעגירונג האָט פאַרנומען איר אָרט. דאָס פאָלק האָט געפייערט און געיובלט און זיך נישט געקאָנט גענוג זעטיקן מיט דער פרייהייט אין לאַנד פאַרגעסנדיק באַלד דעם נעכטיקן קאָשמאַר און — — — די זשוואַלגיבע מיטן „געלעזשינאַ ווילקאָס״ זענען געבליבן.

די נײַע רעגירונג האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט באַלד צו רייניקן און רעפאָרמירן דעם מלוכה־אַפּאַראַט. די זשוואַלגיבע, די פאַר־דאָרבענע פּאָליציי, די שונאים פון פאָלק, שוין אָפּגערעדט פון אַ סך אָפי־צירן און מיליטער, אַלע, אַלע צוזאַמען מיט די פאַשיסטישע גענעראַלן, קאָנצענטרירן די התלהבות פון באַפרייטן פאָלק, איר צו הילף, אויסראַ־גאָרנישט וואָלט פאַסירט. די נײַע רעגירונג האָט נישט געוואוסט ווי צו קאָנצענטרירן די התלהבות פון באַפרייטן פאָלק, אים צו הילף, אויסראַ־מען דאָס שלעכטס פון ליטע, ליידער!

דאָס פאָלק האָט זיך פאַרווײַלט און געוואַרעמט ביי „פייערווערק״, בעת די רעאַקציע איז גיך געקומען צו זיך. שטילערהייט צונויפגענומען

הריפובליקה הליטאית.	LIETUVOS RESPUBLIKA.	ליטװישע רעפּובליק.
ועד הארץ	ŽYDŲ TAUTOS TARYBA	יידישער נאַציאָנאַל־ראַט
קובנה.	Kaunas.	קאָװנע.

Nr. 541.

קאװנע, דעם 27-טן מערץ 1924.

צום מיטגליד פון נאציאנאל-ראט

ה' [illegible]

אין [illegible]

דערמיט זײַנען מיר אײַך מודיע, אז מאנטאג, דעם 7-טן אפריל ד.י. 7 אזײגער אין אװנט װעט זיך עפענען אין קאװנע, אין זאל פון ראטהויז די 13-טע סעסיע פון נאציאנאל-ראט, צו װעלכע איר װערט אײַנגעלאַדן.

סדר-היום – דער איציגער מאמענט.

גענעראל-סעקרעטאר.

אײַנלאַדונג צו דער פֿאַר דער לעצטער סעסיע פון נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע, געהתמעט פון י. ראַזאָװסקי (איצט אין ניו־יאָרק).

און אָרגאַניזירט אירע קאַדרען, זיך ענערגיש געגרייט צוריק צו פאַרכאַפּן די פאַרלוירענע מאַכט.

די יידן אין ליטע האָבן נאַטירלעך מיטגעיובלט און זיך מיטגע־פרייט, אָבער שוין אָנעם אינערלעכן גלויבן, אַז די נייע רעגירונג וועט באַלד פאַרריכטן און גאַנץ מאַכן אַלץ, וואָס זייערע פאַרגייער האָבן צע־בראָכן און פאַרניכטעט. די וואונד אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן גוף איז געווען טיף און נישט פאַרהיילט.

אַט ליגן פאַר די אויגן די האַלב פאַרגעלטע נומערן פון דער באַניי־טער קאָוונער „אַרבעטער צייטונג״ פון מאַי ביז סוף דעצעמבער 1926. די שפאַלטן פון דער צייטשריפט זענען פול מיט התעוררות און באַשרייבונ־גען, ווי אַזוי דאָס לאַנד לעבט צוריק אויף, ווי אַזוי עס שווימען צוריק אַרויף אויפן געזעלשאַפטלעכן אויבערפלאַך פאַרטייען, קלובן, קורסן, פאַ־ריינען, רעפעראַטן, ספּאָרט, יוגנט־באַוועגונג. די צייטונגען פרייען זיך און וואָרענען גלייכצייטיק קעגן דער רעאַקציע מיט אירע אַגרעסיווע קרעפטן וואָס לעבן און הייבן צוריק די קעפּ...

אַט לייענען מיר אין די לעצטע נומערן ווי די לעגאַליזירטע פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציעס און גרופּן אין אַלע טיילן לאַנד גרייטן זיך ווידער עפנטלעך פייערן באָראָכאָווס יאָרצייט דעם 17טן דעצעמבער און האָבן שוין אָנגעגעבן די נעמען פון די רעדנער און רעפערענטן, וואָס וועלן דער־שיינען אויף די „באָראָכאָוו־אַקאַדעמיעס״ און אזכרה־אָוונטן.

יענעם 17טן דעצעמבער 1926, האָט מען שוין נישט געפייערט באָ־ראָכאָווס יאָרצייט.

דעם זעלבן טאָג האָבן די ליטווישע פאַשיסטן און גלחים געמאַכט אַן איבערקערעניש, צוריק מיט געוואַלד איבערגענומען די מאַכט איבער לי־טע, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן מיט אַכט חדשים צוריק.

אין ליטע איז ווידער צוגעפאַלן די נאַכט. ס׳איז צוריק פינצטער געוואָרן, אויסגעלאָשן דאָס „פייערווערק״, פאַרשטומט געוואָרן די יובלענ־דיקע פרייד־געשרייען. עס זענען פאַרבליבן נאָר רויכערנדיקע האַלעוועש־קעס. דער קורצער יום־טוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרצווייפלטן טרויער און אַפּהענטיקייט. די תפיסות זענען פולער געוואָרן ווי פריער

און דאָס לאַנד איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ נקמה־טעראָר־כוואַליע. די שטורעם־טרופּן פון „געלעזשינאַ ווילקאַס״ צוזאַמען מיט די בעסטיעס פון דער „זשוואַלגיבע״, האָבן געווילדעוועט און אַנגעוואָרפן אַן אימה אויף אַלץ און אַלעמען. די לינקע פּאַרטייען זענען צוריק אַראָפּ אין אונטער־גרונד, פון דאָס ניי זיך צוגעפּאַסט צו דער פריערדיקער אומלעגאַליטעט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ליטע האָט נאָך דערלעבט צו הייבן דעם קאָפּ בעת דעם אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי אין ליטע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, און פאַר דעם נאָכן ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־פּאַקט, בעת די איבעריקע אומלעגאַלע פּאַרטייען, צוזאַמען מיט פּועלי־ציון, האָבן שוין אַזוינס נישט דערלעבט...

דער פרילינג 1926, איז געווען דער לעצטער פרייהייט־פרילינג פאַר ליטע. דאָס נעמלעכע פאַר די יידן פון ליטע. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט יענע סאַוועטענע זעלבסטשטענדיקע ליטע אַראָפּגעוואַשן, אַראָפּגע־שווענקט פון דער וועלט־מאַפּע, צוזאַמען מיט דער מאַכט פון אירע גלחים, פאַשיסטן, „זשוואַלגיבע״ און „געלעזשינאַ ווילקאַס״, וואָס האָבן נאָך באַ־וויזן, פאַר זייער אומקום, צו קאָלאַבאָרירן מיט די האַקנקרעציקע היטלע־ריסטישע קאַניבאַלן. די ליטווישע פרומע רוצחים האָבן נאָך באַוויזן צו דערטרינקען דעם יידישן ישוב אין זיין בלוט נאָך 800 יאָר צוזאַמענלעבן מיטן ליטווישן פאָלק. נאָכן פאַרניכטן די ליטווישע יידן, האָבן אַ סך ליטווישע פאַשיסטן און גלחישע חניכים זיך איבערגעצלמט, אָננעמענדיק דעם קאָמוניסטישן גלויבן, און זיך באַגייסטערט פון דער סאָוועטישער מאַכט און פונעם קאָמוניזם, וועלכע זיי האָבן אָנסופיק פריער געמאָרדעט ביז 1941, ווען זיי האָבן געהאַט די מאַכט אין די הענט. דער „נאַציאָנאַ־לער״ דיכטער פון ליטע, ליודאַס גיראַס, דינט איצט דער סאָוועטן־מאַכט מיט דער זעלבער טרייער פּאָעזיע, ווי ער האָט געדינט דער פאַשיסטישער און גלחישער מאַכט פון די „קריסטלעכע דעמאָקראַטן״ און פּראָפעסאָר וואָלדעמאַראַס, צוזינגענדיק כסדר:

„ליעטואוואַ טעווינע מוסו, טו דידווירו זשיאַמעס!

— „ליטע אונדזער פאָטערלאַנד, די ערד פון ריזן״!

ליטע, די ערד „פון די ריזן״, האָט נאָך הונדערטער יאָרן פאַרשקלאַ־

פונג דערלעבט צו ווערן באַפרייט צו געניסן 20 יאָר זעלבסטשטענדיקייט, וואָס די ליטווינער האָבן פאַרברענט און צעטרענצלט און גאָר גיך פאַר־געסן זייערע פריערדיקע פּיין און ליידן. די ליטווינער האָבן פאַר די 20 יאָר זעלבסטשטענדיקייט דעמאָנסטרירט דעם קלאַגעדיקן „עבד כי ימלוך" און געזייט האָס און שנאה מיט שאָוויניסטישן סם, ביז צו פאַרמיסטיקן דעם אייגענעם ניי־אויפגעקומענעם יונגן דור פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס איז צום גרויסן טייל אַוועק העלפן היטלערס טעווטאָנען צאַפּן יידיש בלוט און זיך זעטיקן מיט יידן־פליייש...

אנשטאָט אויסצונוצן די ערשטע היסטאָרישע 20 יאָר זעלבסטשטענ־דיקייט זיך אַליין צו פאַרפעסטיקן, פאַרוואָרצלען, צו דערווערבן פריינט מיט פריינטשאַפט פון די שכנים פון נאָענט און ווייט, אין, און אויסער די גרענעצן, כדי צו קענען ביישטיין אַן עת צרה און קריזיס, האָבן זיך די ליטווינער, פון יענע 20 יאָר, פאַרמיאוסט, פאַראומרייניקט, דורס געווען די מיעוטים פון שטאַרקע שכנותדיקע פעלקער, אָפּגענאַרט און אויסגע־חוזקט דעם מיעוט פון שוואַכן אייביקן אַלוועלטלעכן יידישן פאָלק, ביז אַראָפּצופאַלן אין שפלסטן מענטשלעכן תהום, צו ווערן פרייוויליקע תליונים ביי היטלערן און מאַסן־מערדער פון ליטווישע יידן, פון אָט די יידן, וואָס האָבן זיי געהאָלפן דערווערבן זייער מדינה, מיטן נאָמען אין דער וועלט.

זאָלן די ווערטער חלילה נישט זיין צו גנאי יענע ווייניקע איידעלע ליטווישע הומאַניסטן און מענטשן־פריינט, וואָס האָבן זייער לעבן איינ־געשטעלט צו ראַטעווען און העלפן יידישע מאַרטירער, נאָר די נעמען פון אָט די ו ו י י נ י ק ע ליטווינער, וועלן אייביק בלייבן און אַרויסלייכטן פון דער בלוטיקער חשכות, פון דער דערמאָנטער תקופה 1941 ־ 1920.

אין מענטשלעכן היסטאָרישן אַספּעקט, האָבן די ליטווינער מקדים געווען היטלערס נאַציזם, די גראָבע ציניש־פאַרריסענע פאַרניכטונג פון דער יידישער נאַציאָנאַל פערסאָנעלער אויטאָנאָמיע איז געווען די פרעלו־דיע, דער פאָרשפּיל, די פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע דערציאונג פאַר די ליט־ווישע הייצער פון היטלערס קרעמאַטאָריעס.

קיין בעסערן גורל האָבן די ליטווישע גלחים און פאַשיסטן פון דער

ל. חײן־שמאוני

תקופה 1940־1920 נישט פאַרדינט. ס'איז נאָר אַ טיפער װײטיק, װאָס מיט זײ זענען אַװעק אין תהום דאָס ביסל מענטשלעך גוטס פון ליטװישן פויערים־פאָלק.

דער אײזערנער פאַרהאַנג איז געפאַלן איבער ליטע.

סוף פסוק.



דאָס זענען אָפּצוגן פון שטעמפּלען פון יידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע.

דריטער טייל

ליטווישע תפיסות

אין אַרעסט-הויז

קאָוונע.
דער 2טער מאַי, 1924.

אַ שמוציק פינצטערער קאָרידאָר מיט טירן פון ביידע זייטן. אויף יעדער טיר אַ שטאַבע מיט אַ שלאָס. פון יענער זייט טירן פול געפּראָפּטע צעלן מיט לעבעדיקע מענטשן. מענטשן זיצן אויף די פּריטשעס פּאַזע די ווענט, אויף די משופּעדיקע פענצטער־ברעטלעך, אָדער פּשוט, אויף דער ערד.

די פּנימער: שמוציקע, בלאַסע, נישט ראַזירטע; אַנדערע — אויסגע־שמירטע אין בלאָטע. אויף אַנדערע פּנימער: שפּורן פאַרטריקנט בלוט מיט אָפענע שניטן. אַלע זענען בייז, געשפּאַנט, ווי פאַרעלטערט געוואָרן בסך הכל במשך פון איין נאַכט.

אין אַ ווינקל זיצן יידישע בחורים צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. מען שווייגט. דער מוח רוט, אַ שווערע מידקייט באַהערשט די גלידער, ווי זיי וואָלטן זיין אָנגעפילט מיט בליי.

אין אַ צווייטן ווינקל רודערט זיך. עמעצער פאַרציט אַ ניגון, וואָס רייסט די נערוון. הלמאַי איצט זינגען?

ס׳רודערט זיך פון יענער זייט ווענט. ס׳קלינגען בינט שליסלען. די טיר פּראַלט זיך אויף:

—„סיסטאַק — אויפּשטיין״! — ברילט אַ בייז געשריי.

עס טראָגט זיך דורך אַ ציטער: — אָט באַלד, וועט זיך עס אָנהייבן. ס׳וועט זיך אָנהייבן די אינקוויזיציע.

אין דער רגע שווימט פאַרביי אין זכרון דער נעכטיקער טאָג:

— — — ס׳רעגנט, בלאָטע, פאַרקלאָפּטע געשעפטן. האַלב ליידיקע גאַסן. די שטאָט ציטערט. עפּעס דאַרף געשען. מיר שטייען אין טויערן און וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז עס הילכט אויס ווי אַ דונער:

ל. חיין־שמעוני

— „שטייט אויף איר אַלע — ווער״ — — —

עס פילט זיך אויס די גאַס, עס וואַקסן אויס לעבעדיקע מענטשן, שורות אין דער ברייט פון טראָטואַר צו טראָטואַר, ווענט פון מענטשן, וואָס האַלטן זיך צענויפגעפלאָכטן, צענויפגעשמידט אָרעם אין אָרעם, שולטער צו שולטער — — — די רייען קווע̇לן אָן, וואַקסן און צעגיסן זיך ווי דער גאָענטער ניעמאַן נאָכן אייזברוך.

איבער די קעפּ פון מענטשלעכן וואַלד, פלאַטערן אויף בלוט, בלוט־רויטע פאַנען. פון איבער די שורות וואַקסן אַרויס ברייטע ווייסע, באַ־שריבענע סטענגעס צוגענאָגלטע צו לייסטן. ס׳שאַלט אַ מונטער געזאַנג, דער מענטשן־שטראָם גיסט זיך פאָרויס, אָט זעט אויס ווילקאַמירער גאַס ווי אַ צעכוואַליעטער ים קעפּ, וואָס גיסט זיך אַריין אין דער „לייסוועס אַלייע״.

ס׳איז שוין אָוועק אַ האַלבע שעה, מען כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ חלום, געבנדיק אַ טראַכט: וואָס איז געשען? ס׳ווערט פריילעך ביי דער מחשבה, אַז אָט איז דורך אַ האַלבע שעה און אַלץ פאַרלויפט בשלום.

דער שפּיץ פונעם צוג איז שוין באַלד ביים „סאָבאָר״.

פּלוצים ברעכט אויס אַ פייפעריי, מיט אַ ווילדן געבריל. אַרום און אַרום קנאַלט אַ שיסעריי. די שורות וואַקלען זיך, ווערן צעבראָכן און צע־שאָטן. אַלץ ווערט אויסגעמישט. באַווייזסט זיך נישט אומצוקוקן, ווי דו כאַפּסט אַ פּליק איבערן פּנים. דאָס היטל פליט אָוועק, כאַפּסט זיך מיט די הענט באַשיצן דעם קאָפּ, די הענט ווערן קלעפּיק נאַס, ס׳ווערט פינצ־טער אין די אויגן.

ס׳איז געשען, וואָס ס׳איז געווען פאָרויסצוזען: פּאָליציי, רייטער, פוסגייער, זעלנער, זשאַנדאַרן, ציווילע „זשוואַלגיבע״־חיות מיט רעוואָל־ווערן און נאַהייקעס, אַלץ האָט זיך אַריינגעריסן אין דער מאַסע, אויס־געמישט אינעם מענטשן־וואַלד, וואָס איז איצט איין גרויסער כאַאָס.

ביסלעכווייז גייט פאַרביי דער ערשטער שאָק, מען קומט צו זיך, דאָ און דאָרטן פאָרמירן זיך נייע שורות; דאָ און דאָרטן פלאַטערט ווידער אויף אַ רויטע פאָן, עס באַווייזן זיך ווידערשטאַנד־גרופּן פון נישט־גלייכע כוחות: יענע באַוואָפנטע, אָרגאַניזירטע מיט פייערשפּייענדיקע כלים, מיט

ש. שמעוני אין טאָג פון פאַרלאָזן קאָוו־
נער טורמע, סוף נאָוועמבער 1924.

שווערדן, נאַהייקעס, ביקסן מיט באַגנעטן, רעוואָלווערן, מיט סתם פּרענטן אייזן און שטעקנס; אַנטקעגן — — — צעטומלטע גרופּן דעמאָנסטראַנטן מיט פאָנען, מיט לאָזונגען, מיט געזאַנג און מיט נאַקעטע הענט.

— „מושט, מושט — שלאָגט, ממיתט, הרגעט"! — ווילדעווען קולות פון די באָוואָפּנטע.

— „אַ טויט די זשידעס. מושט, שלאָגט, מ'מיתט"!

און די „זשידעס" זענען דאָ אַזוי ווייניק, צענדליקער צווישן הונדערטער און טויזנטער גוים — ליטווינער.

אָט רייסט זיך אַריין אַ נייע כאָפּטע זעלנער מיט בלאַנקע שווערדן... ס'איז אויס.

ביינאַכט, ווען אַלע זענען געלעגן אין אַרעסט־הויז, צעשלאָגענע, צעממיתטע, אַ יעדערער אין זיין ווינקל, האָבן מיר זיך אָנגעקוקט, בענטשנדיק בלחש די ניסים פון כאָאָס:

פון די טויזנטער דעמאָנסטראַנטן מיט ליידיקע הענט, האָט דער גרויסער באָוואָפּנטער פּאָליציייאיש־מיליטערישער כוח געפאַנגען בסך־הכל 120 - 130 מענטשן, פון זיי צענדליקער גרויען און סתם פרידלעכע דורכגייער, וואָס האָבן נישט געהאַט די מינדסטע שייכות צום גאַנצן „עסק". די יידישע פּאָליטישע געפאַנגענע זענען באַזונדערס געווען צופרידן און שטאָלץ טראַכטנדיק וועגן אונדזער יידיש־סאָציאַליסטישן אָנטייל אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע און באַווייזן מוט ווי אַזוי אָן שרעק אַרויסגיין אָפן אין גאַס דעמאָנסטרירן קעגן דער באָוואָפּנטער גלחישער פויסט. מיר האָבן דאָ געהאַט אונדזער יידישן חשבון, האָבן מיר געזונגען יידישע אַרבעטער־לידער. מיר האָבן געזונגען די פועל־ציון־שבועה; מיר האָבן גערעדט אין יידיש לשון, אויסגערופן צווישן אַנדערע אונדזערע יידישע לאָזונגען, חלילה נישט פאַרפעלט „פּאַלעסטינע". די יידן זענען דאָ געווען שותפים אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט־דעמאָנסטראַציע קעגן שותפותדיקן שונא. די פּאָר צענדליק יידישע דעמאָנסטראַנטן, בחורים מיט מיידלעך, אַרבעטער און שטודירנדיקע יוגנט האָבן אַרויסגערופן וואונדער געמישט מיט שנאה, מצד דער קריסטלעכער רעאַקציע מיט זייער זשורנאַליע, וואָס האָט באַלד „געיידישט" דער דעמאָנסטראַציע.

דער אַרויסטריט אין גאַס האָט אויך אַרויסגערופן פּחד מיט שׂנאה מצד נישט װײניק ייִדישע רעאַקציאָנערן, װאָס זענען מענטאַל נישט געװען גרײט צו פֿאַרדרײען אַן אַקטיװן ייִדישן אַרויסטריט.

ס׳איז לכתּחילה געװען זיך פֿאַרצושטעלן, אַז פֿון אײן זײט װעט מען אונדז פֿאַרשרײען װי קאָמוניסטן און „עוכרי ישׂראל״, װי „שעדיקער״, וכדומה, בעת פֿון דער צװײטער זײט װעלן אונדז בענטשן טויזנטער שטאָלצע ייִדן פֿאַר װאָגן אַרויס אין גאַס צוזאַמען מיט די ליטװישע קעגנער פֿון עקזיסטירנדיקן שװאַרצן רעזשים, װאָס איז אידענטיש מיט שׂנאת ישׂראל.

— „שטײט אויף, כּלבֿים! אויפֿשטײן, נבֿלות״!

הײבט מען זיך לאַנגזאַם אויף, אײדער מען באַװײזט שטעלן אַ טריט שלעפּט מען שוין אַלעמען פֿון קאַמער, מיט כּוח, באַגלײט מיט אַ האָגל קלעפּ. באַלד װעט מען אַלעמען אַרײנפֿירן אײנציקװײז צום אויספֿאַרש.

די בײנער ברעכן, די אויגן ברענען, די מידקײט פֿילט אויס ס׳לײב און לעבן װי מיט בלײ, די פֿויסטן בײלן זיך. אָט באַלד הײבט זיך עס אָן — — — —

אין דער מיליטערישער תפיסה

אַרום 1 בייַנאַכט. ס׳איז קאַלט, פּייכט און פינצטער.

אינעם שטח פון אַ פּירעק באַגנעטירטע ביקסן, טרייבט מען אַריין מענטשן־שאָטנס, אייַנעם נאָכן אַנדערן. דער חלל אין פּירעק ווערט קלע־נער, ענגער. מען ציילט די געפאַנגענע, אייַנמאָל, נאָכאַמאָל, אַ דריטן מאָל, און ווידער פון ס׳נייַ.

וואָס ציילן זיי אַזויפיל?

אַ יעדע רגע בלינצלט אויף אַ קליין פאַררויכערט לאַמטערן־פייַערל. ס׳קלינגט אַ פּאַטש איבער אַ לעבעדיק פּנים, וואָס פאַלט און לייגט זיך אויס איבער אַלע פּנימער.

— „פאַרויס, פאַרשאַלטענע״!

טשריק־ריק, מען לאָדט די ביקסן, ס׳פאַרקלאַפּן זיך שלעסער, מען שטעלט אויס דעם עולם אין שורות צו מושטירן ווי רעקרוטן, באַגלייט מיט קולות און ניבול־פּה.

— „פאַרויס, מאַרש״.

— „אייַנס־צוויי, אייַנס־צוויי־דריי־פיר״.

— „צוריק מאַ־אַ־אַרש, נבלות״.

— „אייַנס, צוויי״ — און ווידער: — אייַנס־צוויי־דריי־פיר: פאַרויס מאַרש״!

פּאַטש, פּאַטש, מען רירט זיך איבערן בלאָטיקן שטח. ס׳קלינגען ווי־דער פּעטש, הילכיקע, פייַנלעכע, ס׳ברענט אַ טיפע באַליידיקונג. ווער זענען די געפאַנגענע? — קרימינעלע פאַרברעכער, גנבים, אייַנברעכער? פאַרוואָס שלאָגט מען?

נאָך אַ לאַנגן מאַרש, שטייט מען ווידער, מען ציילט שוין פון ס׳נייַ. מען ציילט, און מען ציילט.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין דער מיליטערישער תפיסה אויפן

גרינעם באַרג, ערגעץ נאָענט צו די פאָרטן פון דער אַמאָליקער פעסטונג פון קאָוונע.

אָט, נאָך אַזויפיל יאָרן, זע איך די גרויסע קאַמער, און פיל אַפילו דעם ספּעציפיש זעלנערישן תפיסה־ריח. די קאַמער ווערט איבערפולט. אַ ל ע צ ו ז א מ ע ן, דערפילט מען זיך שטראַקער, בעסער דערמונ־טערט, מען לעבט אויף, און נאָך אַלעמען איז מען יונג, מען לעבט דאָך! נעמען זיך שיטן וויצן, מען מאַכט זיך לוסטיק צו פאַרגעסן די צרות.

גישט באַוויזן זיך אויסצוציען אויף די נאַקעטע שמוציקע נאַרעס, ווי עס פראַלט זיך אויף פון דאָס ניי די טיר.

דאָס מאָל הייבט מען אָן מיט אַ שאַרפן פייף און נאָכדעם קומט דער „סוסטאַק — אויפשטיין״!

מ׳שטייט אין צוויי שפּאַליערן אין קאָרידאָר. פון וויטן קלינגט דער שטאָט־זייגער: איינס, צוויי, דריי.

צווישן ביידע שפּאַליערן דרייט זיך אַ שיכורער אָפיציר און שיט מיט ניבול־פה, ער שמוצט און זידלט און שטופט סאַדיסטיש זיין שפּיצרוט ווען סתם אין פנים, וועמען אין נאָז אָדער מויל, זיין שיכור־הייזעריקע שטים ניבולט:

— „אַלעמען וועט מען דערשיסן ווי הינט, נבלות! אָדער מען דאַרף אייך דערשיסן ווי הינט, איר רויטע נבלות. ביי מיר וועט איר וויסן ווי צו זינגען אין גאַס, ווי צו טראָגן רויטע שמאַטעס; ביי מיר וועט איר זינגען״ — — —

ס׳גרויט אַ קאַלטער פאַרטאָג, מען ליגט ווידער אויף די נאַרעס, דורך די קליינע פאַרקראַטעטע פענצטער ברענגט דער ווינט אַריין פיצלעך פון דעם פרילינג־פרימאָרגן, פול מיט פייגל־געזאַנג מיט דופטן פון ווייטן ליטווישן וואַלד, מיטן ריח פון ניעמאַן.

מען וואַרט אויף דער צווייטער אויספאָרשונג, אויף דער אינקוויזי־ציע פון דער „זשוואַלגיבע״. די לופט, די ווענט, די פענצטער, די גראַ־טעס, די טירן, די שומרים, די בלאַסע באַוואַקסענע מידע פּנימער פון די געפאַנגענע — אַלץ מורמלט בלחש: „ז ש וו א ל ג י ב ע״.

אין דער אמתן זענען אַלע געווען מענטאַל גרייט צו די פיזישע עינויים,

ווי שטעכן מיט נאָדלען, פאַרקוועטשן די פינגער אין אַ טיר, שלאָגן מיט אַ שאָמפּאַל איבערן נאַקעטן לייב, רייסן הויפּנס האָר, איינברעכן דעם רוקן, וכדומה. מען האָט שוין פון פריער געוואוסט אַלע גענג און שאַנד־מיטלען פון די זשוואַלגיבע־„אויספאָרשונגען", אָבער מען האָט מער מורא געהאַט פאַר די גייסטיקע ענויים ווי פאַר די פיזישע. מען האָט אויפגעגרוילט פאַר דער פּערזענלעכער לעסטערונג, כדי דיר מאָראַליש צו צעברעכן און דערנידעריקן. די ליטווישע זשוואַלגיבע פלעגט זיך אינטערעסירן מיט דיין — — — מוטער, שוועסטער, מיט דיין מיידל און נאָענטע באַקאַנטע... אָט שיקט זי דיר אַריין טיי מיט אַ זעמל, אָט איז מען מכבד מיט אַ ציגאַרעט און אין מיטן — פאַלט אויף דיין קאָפּ אַ האָגל קלעפּ, אַ האָריקע פויסט צעברעכט דיר די נאָז.

פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז געווען יאָרן פאַר דער „מתן תורה" פון געסטאַפּאָ, און פאַר דער „קולטור" פון דער קאָמוניסטישער פּראַגער טורמע...

דער שטאָט־זייגער האָט געקלונגען 11. די שליסלען האָבן אַרויסגעשלעפּט די אייזערנע צינגער פון די טיר־שלעסער. אָפּגעהאַקט, טרוקן רופט מען אויס נאָמען נאָך נאָמען. מען שטייט ווידער אינעם שטח פון אַ פּירעק צווישן ביקסן מיט אָנגעצויגענע באַגנעטן. מען ציילט און זידלט, מען זידלט און מען ציילט, ביז מיר זענען אין דרויסן, אונטערוועגס, צו דער „זשוואַלגיבע".

אין זשוואַלגיבע

6טער מאַי, 1924.

אַ שיינער דופּטיקער פּרילינג־פּאַרמיטיק. פולע גאַסן מיט מענטשן. אַלץ לעבט און בליט.

פירט מען אונדז, אַן „אויסדערוויילטע" קאַלאַנע פון 40 מאַן, אַרומגערינגלט, באַוואַכט מיט אַ טאַפּלטער צאָל באַוואָפנטע זשאַנדאַרן.

— איינס, צוויי, איינס־צוויי־דריי־פיר.

נאָך אונדז — אַ לוויה פון עלטערן, קינדער, קרובים און סתם ניי־געריקע פאַרבייגייער.

— „הע, מען פירט זיי, די רויטע" — טייטלט מען מיט די פינגער פון איין זייט, בעת פון דער אַנדערער זייט פאַלט אַ פּעקל ציגאַרעטן, צוקערלעך, שטיקער שאָקאָלאַד.

מען זיצט צענויפגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ קליין דומפּיק קעמערל. אַלע שווייגן.

מען פירט אַרויס די געפאַנגענע איינציקווייז, צו פאָטאָגראַפירן אין כלעריי פּאָזעס, פון פאָרנט, פון הינטן, אין אַנפּאַס פון רעכטס און לינקס, זיצנדיק אין אַזאַ הילצערנעם פּאָטעל מיט אַ צוגענאַגלטן נומער צוקאָפּנס. נאָכדעם, נעמט מען פינגער־אָפּדרוקן, פון יעדן פינגער באַזונדער, פון יע־דער האַנט מיט אַלע פינגער, צוזאַמען מיט דער דלאָניע. נאָך דער פּראָ־צעדור זיצט מען ווידער אין טוכלען קעמערל, דערשטיקט צו ווערן, אָן אַ טראָפּן לופט. ס׳לויפן שעהן. ס׳פּייניקט הונגער און דורשט, אָבער מען „געוואוינט" זיך צו. יונגע חברה מאַכן זיך לוסטיק, ביז עס פּראַלט זיך אויף די טיר, און ס׳דונערט אַריין אַ ברילעריי ווי פון אַ הייזעריקן חזיר:

— „שטומט, זשידעס! מיר וועלן אייך שוין פאַרשטומען זשידאָווסקע נבלות, וואָס מ׳יינט איר זיך, אַז דאָ איז אַ טעאַטער, וואָס"? (צווישן די 40 מאַן זענען פאַראַן בסך הכל 4 יידן)...

ס'פאַלט צו אַ שטילקייט, מען הערט נאָר אַ הוסט, אָדער אַ קרעכץ פון אַ עלטערן.

— „דער און דער צום אויספאָרשער"!

איינער הייבט זיך אויף, גייט צו צו דער טיר, באַגלייט מיט אַ זעץ פון אַ באַשטיוולטער פוס. ס'גייען אַוועק אַ פּאָר מינוטן, ווי אַ מוראדיק געשריי שנײַדט די לופט ווי אַ מעסער: „גוואַלט, גוואַ־אַ־לט ראַטעוועט"!

ס'בלוט גליווערט, פּויסטן דריקן זיך צונויף און ציינער קריצן אין דער טויטער שטילקייט, מען גיט זיך אַ הויב מיטן ווילן מיטצושרייען, שרייען שטאַרק, הויך, אַז די ווענט זאָלן איינפאַלן, אָבער ניין! מ'שווייגט אינסטינקטיוו, זיך נישט צו לאָזן פּראָוואָצירן.

דער וואָס שרייט איצט, איז בסך הכל אַ יונגער לערן־ייִנגל, אָדער אַ גימנאַזיסט, כמעט אַ קינד, וואָס איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן אין דער מהומה און פאַרשלעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אונדז אין דער אינקוויזי־ציע־קאַמער.

— „גוואַלט! ראַ־אַ־טע־וועט! מען הרגעט, יעזוס קריסטוס, גוואַ־אַ־לט!

ס'רודערט זיך אונטן אין גאַס, מיר זיצן אויף אַן אייבערשטן שטאָק. די אינקוויזיטאָרן זינגען גאָר דעם — — — ליטווישן נאַציאָנאַלן הימן, אַזאַ אידיאַטיש, מנובלדיק־„אָריגינעלער" מיטל צו פאַרטומלען דאָס גע־שריי פון אַ געפּאַנגענעם, געפּייניקטן ייִנגל, כמעט אַ קינד, דורכויס אומ־שולדיק.

אַזוי איז געווען מיט אַלעמען, די זעלבע פּראָצעדור. פּאַקטיש האָט מען גאָרנישט געפאָרשט, גאָרנישט געפרעגט, נאָר געשענדעט ס'לייב, גע־ריסן האָר, געברענט לעכער מיט אַן אָנגעצונדענעם ציגאַרעט, אויסגעהאַקט ציינער, אָפּגעהאַקט לונגען, אַ צווייטן יונגן קריסטלעכן בחור צעבלוטיקט די געשלעכט־אָרגאַנען — — —

נישט אַלע האָבן געשריען. די וואָס האָבן געשוויגן, זענען טאָפּלט געפּייניקט געוואָרן. דאָס שווייגן פלעגט אַרויסברענגען די אינקוויזיטאָרן פון די כלים, ווײַל זיי האָבן געפילט אין דעם טיפע, ענדלאָזע פאַראַכטונג מיט עקל כלפּי זיי, אַזוינס וואָס שטייגט אַריבער פיזישע יסורים.

דאָס קעמערל פילט זיך ווידער אָן. אַלע זיצן ווידער צוזאַמען צע־נויפגעדריקט איינער צום צווייטן, צענויפגעקניפּט מיט אַזאַ נישט געזעע־נער אחווה, פילט מען מער יענעמס יסורים ווי די אייגענע. מ׳ווייגנ־דיקע, ס׳פייניקט אַ שאַרפער דורשט, מען וואַרט אויף שפּעט־נאַכט אָפּגע־פירט צו ווערן „אַהיים״ אין טורמע. ס׳איז נאָך צו פרי, די גאַס דאַרף נישט זען דאָס פינצטערע בילד פון פיזיש־געשענדעטע בירגער פון אַ לאַנד, וואָס איז נאָרוואָס אויפגעשטאַנען צום לעבן נאָך יאָרהונדערטער עבדות, באַ־פרייט צו זעלבסטשטענדיקייט, וואָס איז חלילה נישט דעראָבערט, נישט אויסגעבלוטיקט געוואָרן נישט דורך אָפענע און נישט דורך שטילע מאַסן־מרידות. די „זשוואַלגיבע״־פּאַטריאָטן האָבן פאַר דער פרייהייט פון ליטע נישט באַצאָלט נישט מיט קיין איין טראָפּן בלוט. די ליטווינער האָבן זייער פרייהייט באַקומען סוף דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אַ פּאָלי־טישע מתנה, פאַרן פרייז פון גאָרנישט, נישט וויסנדיק, לכתחילה, וואָס צו טאָן און ווי צו געניסן פון דער פרייהייט. האָבן מיר, צעבלוטיקטע און פאַרביטערטע, דעמאָלט אין זשוואַלגיבע, צווישן זיך אַזוי געטענהט: — „אויב די פרייהייט האָט זיי גאָרנישט גע־קאָסט, איז זי ביי זיי גאָרנישט ווערט״...

כאָטש מען האָט אונדז פון נעכטן אָן נישט געגעבן קיין עסן, האָט מען אונדז פאַרשפּאַרט אין די קאַמערן, אָן אַ טרונק וואַסער, שוין אָפּגערעדט פון אַ ביסן טרוקן ברויט. האָט מען זיך צעשפּרייט איבער די נאַרעס, איינער געהאָלפן דעם צווייטן פאַרבינדן די וואונדן, איינער דערציילט דעם צווייטן אין דער שטיל, די דאָזיקע מיאוסע אימה־געשיכטע, ווי אַזוי מען האָט אים „געפּאָרשט״. קיינער האָט נישט געקענט און נישט געטראַכט פון שלאָפן, ס׳האָט זיך געוואָלט עפּעס טאָן להכעיס, צו רעאַגירן, איינצוברעכן די מאָראַלישע פּאַסיוויטעט. דאָ איז נישט די זשוואַלגיבע, דאָ זענען אַלע צוזאַמען. אין אונדזער קאַמער — אַ קאָלעקטיוו פון 40 מענטשן־כוחות און נישט איזאָלירטע יחידים אין די נעגל פון צוויי־פיסיקע חיות אינקוויזיטאָרן. דאָ צווישן די שומרים זענען פאַראַן זעלנער, פּשוטע פּויערים־יונגען, אַרבעטער, אפשר אינטעליגענץ, וואָס זענען אפשר גייסטיק מיט אונדז... האָט מען לכתחילה גענומען שרייען, דערנאָך זינ־

גען און זעצן מיט די פיס און פויסטן אין די נאַרעס, אין די ווענט, אַזוי ביז די טיר האָט אויפגעפראַלט:

— „שווייגט, רויטע נבלות, וואָס? איר זיצט אין אַ קלוב, זיצט איר? הא, נבלות? טראַ־טאַ־טאַ־טאַ, נבלות" — האָט אַזוי פאַרכלינעט געשטראָמט אַ געדיכטער ניבול־פה, באַווירצט מיט דריי־גאָרנדיקע רוסישע „פאָ־מאַ־טעריס" — „טראַ־טאַ־טאַ".

אין דער איבערגאַנגס-תפיסה (די „פּערעסילנע")

סוף מאַי, 1924.

אַ יידישער פּרייטיק אין קאָוונע. די גאַס שמעקט מיט פריש־געבאַ־קענע חלות און קאָרן־ברויט, מיט געקאַכטע, געציבלטע, געפּעפּערט־גע־זאַלצענע פיש, נוסח ליטע, מחיה נפשות, טעם גן־עדן. יידישע מאַמעס גייען אַהיים מיט פולע קוישן קניות אויף שבת.

ס'ווערט אַ געלאַף, אַ טומל. עס הערן זיך באַקאַנטע קולות: — „ג י כ ע ר, ג י כ ע ר, מ ע ן פ י ר ט ז י י"!

מען פירט אונדז איצט בכוונה, דורך די באַלעבאַטסטע גאַסן, מען פירט אונדז שמוציקע, אַרומגעריסענע, מיט באַוואַקסענע פּנימער, ווי פּראָים, ווי לונאַטיקער. אַזוי מיינען זיי דערנידערן, מבזה זיין פּאָ ל י ט י ש ע גע־פאַנגענע, און פילן נישט אַדער פאַרשטייען נישט, ווי זיי דערנידערן און זענען מבזה זיך אַליין, מיט דער גלחישער מאַכט אין דער „פרייער דע־מאָקראַטישער", ליטווישער רעפּובליק.

נאָכן שפּאַציר איבער די קאָוונער גאַסן, ברענגט מען אונדז צו אַ פיר־שטאָקיקן בלאָק בנינים, אַרומגערינגלט מיט הויכע געל־געפאַרבטע מויערן. פון די בנינים קוקן פון ווייטן אַרויס טיפע, קליינע פענצטערלעך ווי קברים. אינעווייניק, אין די ווענט, טומלט זיך. די אַרעסטאַנטן פון איי־בערשטן שטאָק האָבן דערזען נייע מענטשן, האָבן זיי אונדז מקבל פּנים געווען אויף זייער אופן, מיט שאַרפע פייפן, מיט פאַכען מיט שמאַטעס פון די פענצטערלעך אַרויס, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז זיי וויסן פון די נייע „געסט", וואָס קומען איצט אין זייער „האָטעל". נעכטן האָבן זיי מקבל פּנים געווען אַ פריערדיקע גרופּע פון די מאַי־געפאַנגענע.

עס קרעכצט אַ שווערער שלאָס אין אַן אייזערנעם טויער. דער טויער מאַכט זיך לאַנגזאַם אויף, פאַרשלינגט דעם עולם, און מען ציילט אונדז פון דאָס ניי, ווי מען וואָלט אונדז נאָך קיינמאָל נישט געציילט. דאָס

מאָל איז די ציילונג אַ „נאָמענטלעכע״, ממש ווי צו אַן אָפּשטימונג אין ליטווישן סיים...

נאָכן ציילן באַפעלט מען אַלעמען אויפהייבן די הענט און מען זוכט אין די קעשענעס, אין די אונטערוועש, אין די שיך און זאָקן. מען באַטאַפּט דיר פון אויבן ביז אונטן, שנעל, פלינק, מעכאַניש, מען פילט די געניטע „טאַפּערס״. אויף דער ערד וואַקסט אויס אַ בערגל מעסערלעך, זייגערס, בלייפעדער, ביכלעך מיט כלערליי אַנדערע שמאַנצעס. דערנאָך נעמט מען אַוועק די שעלקעס, מיט די רימענס. יעדערער האַלט צו די הויזן, ער זאָל חלילה נישט אַריין אין „גן־עדן״ אין די תחתונים...

נאָך אַט דער פּראָצעדור ברענגט מען אַריין דעם עולם אין אַ קעלער, דורכצושפּרייזן אַ טונקעלן טונעל, וואָס דערמאָנט אַ קוילן־שאַכטע. מען פּראַלט אויף אַ שווערע טיר, פון וואַנען עס שלאָגט אין פּנים אַריין אַ איבלדיקער געשטאַנק. ס׳אַנטפּלעקט זיך אַ נידעריקע תפיסה־צעל מיט ברייטע נאַרעס אַרום די ווענט, באַלאַגערטע מיט מענטשן, נישט צו זען אין דער טונקל זייערע פּנימער. מען פאַרקלאַפּט די טיר, מיר בלייבן שטיין צעטומלטע און ווייסן נישט וואָס מען הייבט אָן צו טאָן. מען געוואוינט זיך צו צו דער טונקלקייט, און עס שיילן זיך אויס פון די נאַרעס פיזיאָגנאָמיעס פון לעבעדיקע, געליטענע מענטשן, וואָס זיצן צונויפגעדרענגט, ווי פּליטים, מלחמה־צייט, אויף אַ פול־געפּראַפּטן וואַקזאַל.

צו אונדזער מזל זענען דאָ צווישן די קנאַפּע הונדערט מאַן געזעסן אַ צוויי צענדליק „פּאָליטישע״, וואָס האָבן געוואַרט אויף סטאַבילע פּלעצער אין די קאַמערן פון תפיסה. דאָ איז נאָר געווען דער „פּורגאַטאָריום״, די גרויסע איבערגאַנגס־צעל, — אויף אַרעסטאַנטיש לשון, די „פּערעסילנע״.

אונדזערע פּאַרגייער, וואָס זיצן דאָ אינעם דזשונגל פון קרימינעלע פאַרברעכער, זענען אויסגעשטאַנען אַ שווערע מערכה, ביז זיי האָבן דערוואָרבן זייער רעכט און כבוד, צו ווערן „גלייכבאַרעכטיקט״ און מער פון דעם.

בלית ברירה האָט מען זיך צונויפגעדריקט אין דער מוראדיקער ענגשאַפט און געמאַכט אָרט פאַר די נייע געסט.

אין דער איבערגאַנגס־טורמע פאַרברענגט מען אַמאָל געציילטע טעג, אַמאָל וואָכן, אַפילו חדשים. ס'איז אַפּהענגיק פון די צאָל ערטער, וואָס ווערן ליידיק אין דער צענטראַלער תפיסה, וואָס איז באַרכעשעם כּסדר פּראָפּן־פול.

פאַרנאַכט שטייען מיר אין שורות צום אַפּעל, און — — — מען ציילט ווידער. נאָכן ציילן, ווען אַלע קערן זיך צוריק אויף די נאַרעס, טיילט מען אונדז אויס פון עולם, אויסגעשטעלט אין צוויי שפּאַליערן, און אַזאַ שליסל־טרעגער („קליוטשניק") לייענט אונדז פאָר די טורמע־תקנות, אָנגעבלאָזן פון געמאַכטער „וויכטיקייט". ער לייענט אַרויס די תקנות פון אַ פּאַפּירל, כאָטש ער קען אַלץ אויסנווייניק, אַזוי צום זאָגן:

1) נישט קוקן אין פענצטער, מען קען דיך דערפאַר דערשיסן.

2) 5 אינדערפרי אויפשטיין, 6 אין אָוונט — גיין שלאָפן.

3) דעם קיבל (די „פּאַראַשע") ליידיקט מען אויס צוויי מאָל אין מעת לעת, באַגינען, און פאַרן שלאָף.

4) די „שפּייז־כלים" גיט מען אַרויס אין דער שטענדיקער צעל, דאָ זענען פאַרבאָטן צו געברויכן לעפלען.

5) פאַרריידן הויך, שרייען, זינגען אָדער טומלען — קאַרצער.

בעת ער האָט פאַרענדיקט לייענען די תקנות, האָט מען אַריינגע־בראַכט אַ גרויסן הילצערנעם עמער זופּ, מיט אַ זאַק שטיקער ברויט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צעבראָכענע ציגל. מיר זענען געווען טויט הונגעריק און דער ריח פונעם געקעכץ, האָט אַזש אַרויסגעבראַכט דאָס שפּייעכץ פון מויל. יעדערער קריגט אַ שטיק פאַרטריקנט ברויט, און אַז עס קומט צום זופּ, כאַפּט מען זיך, אַז מען האָט נאָך נישט די „שפּייז־כלים" — — — — צו אונדזער שטוינען ווערן מיר געוואויר, אַז אונדזערע פּאָליטישע פאַר־גייער, האָבן אויך נישט קיין שפּייז־כלים, און היות ווי דאָ איז פאַרווערט צו געברויכן לעפלען (מיט לעפלען קען מען גראָבן אַ טונעל...), זופּט מען דאָס געקעכץ גלייך פונעם הילצערנעם עמער, איינציקווייז, יעדערער צו ביסלעך, לויט דער ריי...

די דאָזיקע עס־פּראָצעדור פלעגט אַרויסרופן פרייד און יובל ביי די

קרימינעלע אַרעסטאַנטן, וואָס פלעגן פּאַטשן מיט די הענט און שרייען:
„גוט אויף אייך, אינטעליגענטן, גוט אַזוי״...

זיי, די קרימינעלע, האָבן געהאַט זייער „סיסטעם״. זיי פלעגן טונקען ס׳ברויט אין עמער, און גיריק שלינגען און זיך פּאַרגיסן; אַנדערע האָבן געהאַט פאַרבאָרגענע שטיקלעך לעפל (אָן די הענטלעך); אַנדערע האָבן געהאַט דעקלעך פון פּושקעס...

מען באַוויזט נישט פאַרענדיקן דאָס עסן, ווי ס׳הילכט אַ שאַרפער פייף אין קאָרידאָר. זופט מען שנעל און — מען פאַרכאַפּט אַן אָרט אין דער ריי צום קיבל משתין זיין, ווייל אָט באַלד ליידיקט מען אים אויס, און די נאַכט דויערט גאַנצע 11 שעה. דער קיבל איז נישט גענוג גרויס.

ס׳איז היינט שווער זיך פאָרצושטעלן יענע נעכט אין דער „פּערע־סילנע״, ווי אַזוי מער ווי הונדערט מאַן, האָבן געפונען אָרט זיך צו לייגן. מען האָט געקענט ליגן נאָר אויף אַ זייט! אין דעם פּרט איז די „פּערעסילנע״ געווען ערגער ווי אַ היטלעריסטישער קאַצעט, וואו יעדערער האָט לכל הפחות געהאַט זיין שמאָלן קבר מיט שטרוי, אָבער אַז מען איז יונג און קרעפטיק, דורכגעדרונגען מיט אַן אידייע און צילן, לעבט מען אַלץ איבער. ס׳איז נאָר ווערט צו דערציילן, אַז אַ יעדער שעה אָדער ווייניקער, פלעגט זיך איינער אויפהייבן און אויסשרייען: „קאַנטעווען״! — פלעגן אַלע בציבור זיך אויסדרייען אויף דער צווייטער זייט, ווייל איינ־ציקווייז, פלעגט מען מוזן פוגע זיין ביידע שכנים, פון רעכטס און לינקס...

במשך פון די עטלעכע טעג, וואָס מיר זענען דאָרטן געלעגן, איז די שטיקנדיקע גרוב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „קלוב״ פאַר שמועסן, דיס־קוסיעס, שטילן געזאַנג און חברשאַפט מיט די קרימינעלע אַרעסטאַנטן. אַלע לעבעדיקע געליטענע מענטשן, יעדערער מיט זיין אומגליק, מיט זיין פינצטערן גורל.

ווי ס׳איז נישט מיאוס און איבלדיק די ׳פּערעסילנע״ פילט מען זיך נאָך נישט דאָרטן מעשה אַרעסטאַנט, מחמת דער געמאַכטער פריי־לעכקייט און טומל. די דיסציפּלין איז נישט רוטינער, פאַרוואָרצלט, איינגעפרעסן אינעם רעזשים. מען פילט זיך נאָך ווי צוגענאַפּלט צו יענער זייט מויער. מענטשן בייטן זיך כסדר, דער פאָדעם מיטן דרויסן איז נאָך

נישט אינגאַנצן אָפּגעהאַקט מחמת די ידיעות און שטיקלעך צײַטונגען, װאָס די „נײַע געסט" ברענגען צוזאַמען מיטן פרישן ריח פונעם פרײַען „דאָרטן". אַנדערע ברענגען פרישע שפּײַז, װאָס מען דערלױבט די קרימי־נעלע מיטצוברענגען.

דאָ קומען מענטשן נישט נאָר פון דער פרײַ, נאָר אױך איבערטראַנס־טירטע פון אַנדערע טורמעס, פאַרמשפּטע, אָדער װאָס װאַרטן אױפן משפּט. זײ ברענגען אױך ידיעות, גרוסן מיט נעמען פון אַרעסטירטע.

דורך אַט דער „פּאָסט" דערגײען אָפּט ידיעות פון מענטשן, װאָס מען האָט נישט געװאוסט, װאו זײער געבײן איז אַהינגעקומען. דורך אַן אַנ־דער לעבעדיקער „פּאָסט" גיט מען אַלץ איבער אין דרױסן. אַן אַנדערש מאָל דערװיסט מען זיך פון נעמען, פון לעבעדיקע, װאָס מען האָט שױן געמאַכט נאָך זײ הספּדים.

אָט אַזױ האָט אױסגעזען אַ װינקעלע אין דער „דעמאָקראַטיש־פרײַער" ליטװישער רעפּובליק, װאָס איז קוים אַלט געװען 6 יאָר, אַזױ האָט עס אױסגעזען אין יאָר 1924.

אין דער צענטראַלער — „געלער" טורמע

אָנהייב יוני, 1924.

פון דער „פּערעסילנער" האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין „שטענ־דיקן" מקום מנוחה, אין די קאַמערן פון דער צענטראַלער „געלער" טורמע.

אין דער „געלער" ציען זיך לאַנגע קאָרידאָרן, גרויע, טוכלע. שטענ־דיק ברענען דאָרטן קליינע פאַרשטויבטע עלעקטרישע לעמפּלעך, אַרומגע־פלאָכטענע מיט שפּינוועבס. אין די קאָרידאָרן איז שטיל. פון ביידע זייטן — אייזערנע טירן. אַלע די זעלביקע, מיט אַריבערגעלייגטע שטאַבעס, מיט אַ קוק־ווינקל אין מיטן (דער „וואָלטשאָק"). נעבן יעדער טיר איז צוגעקלאַפּט אַ ברעטל ווי אַ מצבה, מיט אויסגעשטעלטע נעמען פון לע־בעדיקע מתים: — „דאָ זיצן 20 מאַן". „דאָ זיצן 30 מאַן". ביי יעדער נאָמען איז צוגעשריבן דער יחוס מיט דער צייט פון שטראָף, „5 יאָר", „7 יאָר", „10 יאָר", „אייביקע". „ב. ק." — באָלשעוויק־קאָמוניסט. „ס. ד.", „ס. ר.". ביי די קרימינעלע איז דער „יחוס" נישט צוגעשריבן צום נאָמען. אונדז, פועלי־ציון, האָט מען אויך צוגעשריבן צו די נעמען „ב. ק." (די ליטווינער האָבן געטענהט, אַז פועלי־ציון זענען פאַר ליטע שעדלעכער ווי די „ב. ק.", ווייל חוץ אַלעמען, ווילן זיי אַרויסנאָרן די יידן פון ליטע קיין פּאַלעסטינע).

די מאַי־געפאַנגענע פון יענעם יאָר האָט מען נישט געמשפּט, אויף צו פאַרמיידן אַן איבעריקן עפנטלעכן טומל, האָט מען זיי באַשטראָפט אַ ד מ י נ י ס ט ר אַ ט י וו, וועמען מער, וועמען ווייניקער, בעיקר דער־ווייל דאָ צו בלייבן באַגראָבן דעם גאַנצן פרילינג מיטן זומער.

אין שטענדיקן „מקום מנוחה", האָט שוין יעדער באַקומען אַ לעפל, אַ שיסעלע, אַ צעריסענע דעקע מיט אַ פאַרלייזיקטן שטרוי־זאַק. כלפּי דער „פּערעסילנער" איז דאָ געווען אַ שטיקל „גן־עדן"... יעדער געפאַנ־גענער האָט געהאַט זיין נאָרע מיטן שטרוי־זאַק, צוגעקייטלט צום וואַנט.

יעדער האָט געהאַט זיין לעפל און שיסל. דאָ זענען געווען צוויי לאַנגע שמאָלע טישן מיט בענק. אָבער דער קיבל, די „פּאַראַשע" איז געבליבן דער זעלבער, אין זעלבן צושטאַנד. דער שטינקנדיקער קיבל האָט סימבאָליזירט די תפיסה־„קולטור" פון יענער צייט. דאָס איזדיעקעווען זיך איבערן געפאַנגענעם, איבער דעם לעבעדיקן שוצלאָזן מענטשן. אַזוי מיט די פּאָליטישע, ווי מיט קרימינעלע פאַרברעכער, מ'ט מענער, ווי מיט פרויען, בתוכם סטודענטן, אַקאַדעמיקער, שילער, סעמינאַריסטן, באַאַמטע, דעזערטירן, אַפילו פאַרזינדיקטע אַרמיי־אָפיצירן און גלחים, וואָס זענען אַראָפּ פון „דרך הישר". זייערע פיזישע הצטרכותן מוזן זיי מאַכן אין דער זעלבער ענגער צעל, וואו עס זיצן 20־30 מאַן. אין זעלבן אָרט, וואו מען עסט, וואו מען לערנט, וואו מען רוט און שלאָפט. אַזוי אַ חודש, דריי חדשים, פינף און צען יאָר. איין מאָל אין טאָג, בדרך כלל באַגינען, האָט מען דעם אַרעסטירטן דערלויבט צו געברויכן די אָפּריט־צעל, באַלד נאָכן וואַשן זיך. געברויכן אויף געציילטע מינוטן.

איין מאָל אַ טאָג, האָט מען געפירט די „פּאָליטישע" אַרעסטירטע שפּאַצירן, במשך פון דרייסיק מינוט צייט, די קרימינעלע — נישט אַלע טאָג, נאָר אויף אַ פערטל שעה.

דער בנין פון דער „געלער" איז געווען אַלט, נאָך פון די צאַרישע צייטן. אָבער אין די צאַרישע צייטן איז דער בנין געווען אויסגערעכנט אויף 600 מאַן. ביי די ליטווינער האָבן זיך דאָרטן געפונען מער ווי 1500 מענטשן.

די תפיסה האָט זיך געפונען בסך הכל אַ פּאָר מינוטן גאַנג פון ניעמאַן, אין שכנות מיטן „פּראָזעקטאָריום" פון דעם ליטווישן אוניווערזיטעט, נאָענט צו די וואַלדיקע הויכן פון אַלעקסאָט, וואו מאַפּו האָט אויסגעטרוימט זיין „אהבת ציון", וואו אַדאַם מיצקעוויטש האָט געציילט די שטערן. — — —

אייגנטלעך איז דאָס נישט געווען נאָר אַ תפיסה־בנין, די „געלע" איז געווען אַ גאַנצער קאָמבינאַט, מיט פליגלען און צוגאָב־בנינים, מיט אונטערערדישע טונעלן, קעלערן, מיט קאַרצערס, וואו מען פלעגט פּייניקן לעבעדיקע מענטשן, זיי שלאָגן און אינקוויזירן צום טויט, פאַרהונגערן,

צואוואַרפנדיק שטיקלעך דאַר ברויט, אַ בלעכל מוטנע וואַסער, נישט זעלטן „באַפרייען" מ׳יט שווינדזוכט, מיט אָפּגעהאַקטן לונגען און נירן, מיט חרוב געוואָרענע הערצער.

נאָך וואָכן נע־ונד, האָט מען אונדז אַהער געבראַכט אל „המנוחה והנחלה", פּיזיש מידע, דערשיטערטע, דערנידעריקטע. דער עולם איז באַלד צוגעפאַלן צו די נאַרעס אויסגלייכן די ביינער.

נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן, ווי עס פראַלט זיך אויף די טיר, און עס ברילט שוין דער באַקאַנטער מענה־לשון:

— „וואָס? אין מיטן טאָג? אַררראָפּ פון די נאַרעס, אַררראָפּ נבלות"!

זיך נישט האָבנדיק צונויפגערעדט, האָט זיך קיינער נישט גערירט פון אָרט אַזוי לאַנג, ביז עס האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין קאַמער אַ כאָפּטע טורמע־שומרים, און אַלעמען מיט כוח אַראָפּגעשלעפּט אויף דער ערד און אונדז דערלאַנגט אויף אַן אָרט די ערשטע שטראָף: — שלאָפן אויף דער נאַקעטער פּאָדלאָגע, וואַרעמע עסן: — איין מאָל אין דריי טעג, נישט אַרויסגיין אויפן טעגלעכן שפּאַציר אין דרויסן, ביז אַ מעלדונג, דערווייל נישט צולאָזן צו דער אויסגעוואַרטער וועכנטלעכער זעאונג, און נישט אָפּנעמען דעם דערלויבטן איינציקן בריוו אַ וואָך, אַרויסצושיקן אין דרויסן, אַפילו פאַרווערן אַרויסגיין באַגינען ס׳איינציקע מאָל אין מעת לעת זיך אַרומוואַשן — — — דאָס אַלץ נאָר „דערווייל" אויף אַ וואָך צייט, פאַר פאַלן טויט מיד אויף די נאַרעס, נישט וויסנדיק, אַז דאָס איז פאַרווערט.

צינדט זיך אָן אַ פייערדיקער כעס. די ווענט דריקן, ווי זיי וואָלטן געלעגן אויף דיר. ס׳קוועלט אָן אַ פאַרביטערונג, מאַכן מיר די ערשטע פאַרזאַמלונג אונדזערע אין תפיסה, צו באַשליסן באַלד רעאַגירן, פאָדערן צוריקקערן די אוועקגענומענע „רעכט". מיר ווייסן, אַז אין אונטערשטן שטאָק זיצן צענדליקער פּאָליטישע אַרעסטירטע, „אַלטע תושבים", וועלן זיי אונדז זיכער העלפן. האָט מען גענומען רעאַגירן מיט שרייען און מיט קלאַפּן מיט די פויסטן און בענק אין די טירן, אין די ווענט און פאָדלאָגע, ביז עס האָט זיך באַוויזן אַן אויבער־שומר מיט אַ וואָרענונג: אויב מען וועט באַלד נישט אויפהערן די אָבסטרוקציע, וועט מען אַלעמען פון דער קאַמער צעוואָרפן איינציקווייז צווישן די קרימינעלע, אין פאַרשיידענע קאַמערן.

זיין אולטימאַטום האָט אַביסל אָפּגעקילט די צעהיצטע געמיטער. מען האָט זיך באַרואיקט מיטן געדאַנק, וואָס גיכער זיך פאַרבינדן מיט די אַלטע „תושבים" צו הערן זייער עצה.

זיך פאַרבינדן האָט מען געקענט נאָר בעתן טעגלעכן קורצן שפּאַציר־גאַנג, אַזוי אַז מען האָט בלית ברירה אָפּגעקומען די ערשטע ביטערע וואָך, דאָפּלט באַשטראָפטע, דערשטיקט צו ווערן פון היץ בייטאָג, און צו ציטערן פון קעלט אין די נעכט אויף דער נאַקעטער פּאָדלאָגע, ווייל מען האָט אויך צוגענומען די שטרוי־זעק... אויפגעפרעסן צו ווערן פון אומפלייט און פון ווערעם...

אין קאַמער

די תפיסה־קאַמער איז אַ עולם ומלואו פאַרן פאַרשפּאַרטן מענטשן. דוכט זיך, אַז אין יענע יאָרן איז דער אויסזען פון דער תפיסה־צעל געווען „אוניווערסאַל". אומעטום דאָס זעלבע, לכל הפחות אין אַלע שטחים פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד. צו מיין שטוינען איז מיר באַשערט געווען צו ווערן „איינקוואַרטירט" אין אַ תפיסה־צעל אין חיפה — ארץ־ישראל בימי הבריטים אין 1926, איז די צעל כמעט געווען די זעלבע: 4 שמוציקע ווענט מיט טיפע פאַרגראַטעוועטע פענצטערלעך, אַ שמוציקער פּאָל, נאַ־רעס מיט שטרוי־זעק, וואָס ווערן במשך פון טאָג אויפגעהויבן און צוגע־שלאָסן צו דער וואַנט. די נאַרעס פול מיט וואַנצן און אַנדער אומפּלייט, און — — — די „צירונג", די „פּאַראַשע" — דער קיבל מיטן עקלדיקן ריח...

אויף די קאַרניזן פון „אונדזערע" פענצטערלעך אין דרויסן, האָבן זיך געהאָדעוועט פייגל. נעסטן פון שוואַלבן, שפּערלען אָדער ווילדע טויבן. די פייגל האָבן זיך בדרך כלל גענערט פון אונדזער ברויט און גרויפּן און פאַרשאַפט אַלעמען פרייד מיט נאָסטאַלגיע.

נאָך פאַרביטערטע געראַנגלען, אָבסטרוקציעס, הונגער־שטרייקן, קאַר־צערס מיט אינקוויזיציעס, האָבן די פריערדיקע פּאָליטישע אַרעסטירטע גע־פּועלט, קודם כל זיי צו האַלטן צוזאַמען, אָפּגעזונדערט פון די קרימינעלע פאַרברעכער, אַזוי אַז מיר זענען געקומען אויף אַלץ פאַרטיקן.

אין קאַמער גופא האָט מען זיך אָרגאַניזירט אין פראַקציעס, לויט דער פאַרטייאישער אָדער אידייאישער אַנגעהעריקייט, ווי: קאָמוניסטן, ס. ר., ס. ד., די דריי פּועלי־ציוניסטן מיט נאָך סימפּאַטיקער פון די סתם געכאַפּטע מאַי־אַרעסטירטע, האָבן דאָ געשאַפן די „באַראַכאָוויסטישע פראַקציע" און געפאָדערט אַלע רעכט, קודם כל צו זיין פאַרטראַטן אינעם „קאַמער־קאָמיטעט", וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַלע ענינים און אָרגאַני־

זירט דאָס לעבן אין דער צעל. דערנאָך דאָס רעכט פון רעפערירן, אָנטייל־נעמען אין די דיסקוסיעס און קריגן גלייכע חלקים פונעם צוגעשיקטן שפּייז פון דרויסן, וואָס פלעגט אַריין אין דער קאָמונע. אין דער דערמאָנטער קאַמער זענען געזעסן דריי אָפּיציעלע פּועלי־ציון חברים, פון זיי צוויי מיט־גלידער פון צ. ק. אברהם מאַנדל, אני הקטן און חיים ריק. אין אַ צווייטער קאַמער פון פּאָליטישע, אין דער פרויען־אָפּטיילונג, זענען דעמאָלט געזעסן צוויי פּועלי־ציון חברטעס, סטודענטקעס:ביילע אַלעקסאַנדער און דבורה ראָטשטיין און, ווי געזאָגט, האָבן זיך אַרום די קערנדלעך קאָנצענטרירט מער ווי אַ צענדליק נישט אָפּיציעלע פּועלי־ציוניסטן, וואָס איז געווען צו פאַרשטיין אין יענע געפערלעכע אומלעגאַלע באַדינגונגען אין ליטע אין יענע יאָרן.

דאָ אין געפאַנגענשאַפט אין דער תפיסה האָבן זיך אָפּגעשפּילט פּיי־ערדיקע וויכוחים, ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס מיטן גאַנצן יידישן טעמ־פּעראַמענט. די עיקר־וויכוחים פלעגן זיך אָפּשפּילן צווישן אונדז מיט די יידסעקן. מיר האָבן געבראַכט דעם פּועלי־ציוניזם אין תפיסה, און גע־שטערט די אידייאישע האַרמאָניע אין דער קאָמוניסטישער פּראַקציע צווישן די יידן און נישט־יידן. (ליטווינער, פּאָליאַקן, ווייסרוסן, אַפילו געציילטע רוסן).

לכתחילה האָבן מיר פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר די נישט־יידישע קאָמו־ניסטן די באַראַכאָוויסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס פאַרענטפערט די יידן־פראַגע. זענען אַנדערע קריסטלעכע קאָמוניסטן געווען סקעפּטיש, אַנדערע פיינטלעך ווי די יעווסעקציע, אַנדערע „נייטראַל". די יעווסעקציע פלעגט אונדז צושרייבן כל דבר אסור. קודם „דעזערטירן פון ליטווישן רעוואָלו־ציאָנערן פראָנט און לויפן קיין פּאַלעסטינע, דערנאָך צו זיין די שווערד פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם, וואָס פאַרניכטעט די אַראַבער, טרייבט זיי אַראָפּ פון באָדן און רויבט אָוועק זייער האָב־און־גוטס"...

די אָפּיציעלע פאַרבינדונגס־שפּראַך איז דעמאָלט געווען רוסיש, כאָטש אַלע האָבן פריי גערעדט ליטוויש. רוסיש אין קאָוונער צענטראַלער תפיסה איז געווען דאָס קאָמוניסטישע „לשון־קודש"...

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָבן זיך די נישט־יידישע קאָמוניסטישן

צוגעוואוינט צו אונדזער אַרגומענטאַציע און נישט זעלטן זיך געשטעלט אויף אונדזער זייט. באַזונדערס האָט מען פֿאַרשטאַנען די ראָל פֿון יידישן אַרבעטער, וואָס ברענגט די בשורה פֿון באַפֿרייאונג, פֿון סאָציאַליזם און קאָמוניזם צווישן די אַראַבישע אַרבעטער און פּויערים, צו קאָלאָניזירן און קולטיווירן מדבריות מיט זומפּן, צו זייען, פֿלאַנצן, באַוואַלדן, בויען דערביי זיך אַליין, זיך פּראָלעטאַריזירן און פּראָדוקטיוויזירן. ס'איז זיי נאָר שווער געווען צו פֿאַרדייען הלמאַי מיר רייסן זיך נאָר קיין פּאַלעסטינע, בעת דער ראַטנפֿאַרבאַנד פֿאַרענטפֿערט די „יידישע פֿראַגע" דורך אַבסאָלוטער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון די יידן מיט אַלע אַנדערע פֿעלקער אין די שטחים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. „צו וואָס רייסט איר זיך אין אַזאַ אָרעם לענדעלע הינטער די הרי חושך, פּאַלעסטינע, בעת אָט, אָט, וועט גאַנץ אייראָפּע ווערן איין ראַטנפֿאַרבאַנד"?

ס'איז נאָך געווען פֿאַרן „פֿאַרקרימטן" ציוניזם (קרים), פֿאַר ביראָ־בידזשאַן, אַזוי אַז דעמאָלט איז געווען גענוג איינצושטילן די פֿאַרצאָרנטע יעווסעקציע אין קאָוונער צענטראַלער תפֿיסה, מיט אַזאַ „שלאָג אַרגומענט", וואָס פֿלעגט צעוואַרפֿן אַלע קאָרטן פֿון דער יעווסעקישער אַנטי־באָראָכאָוויסטישער „דיאַלעקטיק", און נעמלעך: די לעגאַליטעט פֿון די לינקע פּועלי־ציון אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווי די א י י נ צ י ק ע לעגאַלע פּאַרטיי. די איינציקע „לעגאַלע" אַרבעטער ציוניסטישע שריפֿט אין ראַטנפֿאַרבאַנד, די „יעווריייסקאַיאַ פּראָלעטאַרסקאַיאַ מיסל" מיט דעם פֿאַרלאַג „מאָלאָט" אין מאָסקווע. ס'איז ערשט געווען 1924, ווען עס זענען נאָך אַרומגעגאַנגען די דערציילונגען וועגן די גבֿורה־אַקטן פֿון די פּועלי־ציון חברים, וואָס האָבן געקעמפֿט אין דער רויטער אַרמיי אין דער ראַם פֿון אַן אייגענעם יידישן „באָראָכאָוו־באַטאַליאָן". אין ליטע, אַפֿילו צווישן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, זענען געווען ווייסרוסן, וואָס האָבן געוואוסט, ווי אַזוי פּועלי ציון אין ווייסרוסלאַנד, באַזונדערס אין מינסק, האָבן אין 1919 מאָבילי־זירט זייערע פּאַרטיי־חברים פֿאַרן „באָראָכאָוו באַטאַליאָן", ווי אַזוי די פּועלי־ציון־קלובן זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַזאַרמעס און געווער־אַרסענאַלן. דער „באָראָכאָוו באַטאַליאָן" האָט יענע צייט פֿאַרשטאָפּט אַ סך לעכער אויף די דורכגעבראָכענע סאָוועטישע פֿראָנטן, און פּועלי־ציון־

בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. באַזונדערס העלדישע בלוטיקע קאַמפן האָט דער „באַראַכאָוו באַטאַליאָן" געפירט אויפן פוילישן פראָנט. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די באַרימט געוואָרענע שלאַכט ביי ר א ד א ש ק ע וו י־ט ש י, וואו די פועלי־ציון בחורים האָבן פינף מעת לעת אָפּגעהאַלטן גרויסע טיילן פון אַ פוילישער דיוויזיע, און ערשט אויף דער זעקסטער נאַכט האָבן די פּאָליאַקן דורכגעבראָכן די ליניעס פון טויט־מידן „באַראַכאָוו באַטאַליאָן". די פּאָליאַקן זענען ווילד געוואָרן פון אימה און שנאת ישראל, זיך דערוויסנדיק, אַז גראַד י י ד י ש ע בחורים, „באַראַכאָווצי", האָבן זיי דאָ צעדרייט אַלע פּלענער...

ס׳האָט זיך פאַרוויקלט אַ גרויזאַמע שלאַכט מיט אַ האַנט־קאַמף, אַ צווייטע גרופּע באַראַכאָווצעס, וואָס זענען געלעגן אַרומגערינגלט דורך אַ פייער־רינג, אין אַ שייער, האָבן זיך אַרויסגעריסן ווי אַ שטורעם, אָפּגעשטויסן די פּאָליאַקן און אָנגעהויבן אַ נייע שלאַכט מיט נישט גלייכע קרעפטן, אַזוי ביז פינצטער, ביז דער לעצטער קויל, ביזן געלונגענעם צוריקטריט צו דער באַזע אין מינסק. אַזעלכע דערציילונגען זענען גוט באַקאַנט געווען צווישן נישט וויניק קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער רויטער אַרמיי, פון די ווייסרוסישע פראָנטן. מיר פלעגן, נאַטירלעך, די דאָזיקע פאַקטן נישט לאָזן אויסלעשן, דאָס איז געווען אין טורמע אונדזער „לעצט געווער", וואָס האָט געווירקט, גערייניקט די אַטמאָספער און געהאָלפן אונדזער איינגלידערונג אין פּאָליטישן אַרעסטאַנטןקאָלעקטיוו. מיר זענען געוואָרן אויס „אימפּעריאַליסטיש־ציוניסטישע מעשאָרסים", אונדזער וואָרט האָט געטריפט ווי וואַסער אויף אַ פעלדז, וואָס רייסט עפּעס אויף מיט דער צייט.

עס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן אַ „באַראַכאָוו־אָוונט", וואָס איז מיר געלונגען איינצואָרדענען אין צעל בעת מיין לעצטן אַרעסט. ס׳איז געווען דער 17טער „נאָוועמבער", און מחמת דעם טעות פון רפאליק דעם בעקער, וואָס די ליטווינער האָבן שפּעטער דערמאָרדעט, אַ פּשוטער אָרנטלעכער בחור אַ קאָמוניסט, איז באַראַכאָוו געשטאָרבן אַ חודש פריער... אויב אַזוי האָט מען מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו רעפערירן וועגן באַראַכאָוון און דעם באַראַכאָוויזם. כ׳האָב אין מיין רעפעראַט אַריינגעוועבט די מעשים

פון „השומר" און די פרשה תל־חי און דראַמאַטיזירט די שלאַכט, וואו יוסף טרומפּעלדאָר איז געפאַלן, ווי ס'איז געפאַלן דער לעגענדאַרער יוגנט־לעכער באַראַכאָוויסט בצלאל, אין אַ שלאַכט, ערגעץ אין ווייסרוסלאַנד, ווי אַ זעלנער פון „באַראַכאָוו־באַטאַליאָן"...

מיר האָבן זייער באַדויערט, וואָס מיר האָבן מחוץ דער תפיסה נישט געהאַט אַ „פּנים אל פּנים" פאַרבינדונג מיט די קריסטלעכע קאָמוניסטן אין ליטע. זייערע גאָר פאַרנעפּלטע ידיעות וועגן ציוניזם, בפרט וועגן אַרבעטער־ציוניזם, פלעגן זיי דאָך באַקומען פון יעווסעקישע קוועלן, און יעווסעקישן מויל.

דער סדר־היום אין קאַמער איז געווען אַזאַ: 5 פרי אויפשטיין און אויסנוצן די פּאָר מינוטן אַרויסצוגיין זיך וואַשן, און באַנוצן די אָפּטריטן. די אָפּטריטן זענען געווען אָפענע, מען האָט געמוזט דערליידיקן די הצטרכותן אַלעמען אין די אויגן. די שמוציקע רערן פון די אָפּטריטן האָבן געהאַט אַ באַדייטונג פאַר די אַרעסטאַנטן: מען פלעגט דורך זיי „טעלע־פאָנירן", אַראָפּשרייען אין אונטערשטן שטאָק, בעת דער תפיסה־שומר פלעגט אַוועק כאַפּן אַ קוק אין אַזאַ „מקום" אין צווייטן עק פון דער לאַנ־גער קאַמער. צייטנווייז פלעגט געלינגען אַראָפּצולאָזן אַ צעטעלע דורך אַזאַ רער, צוגעבונדן צו אַ פאָדעם מיט אַ שטיינדל. דאָס צעטעלע פלעגט שוין דערגיין, וואו און צו וועמען מען דאַרף... 6 פרי — „קאַווע", אַזאַ שוואַרץ וואַסערל פאַרזיסט מיט סאַכאַרין. 7 פרי — גימנאַסטישע איבונ־גען. פון 8 ביז 9 — שפּאַצירן אין הויף אין צוויי שיכטן, יעדער שיכט צו 30 מינוט. פון 9 ביז 11 — פרייע צייט צום לייענען, צו חלומען, שפּילן אין שאַך אָדער דאַמקע. די שאַך־פיגורן זענען געווען געקנעטן און פיגורירט פון ברויט; פון 11 ביז 1.30 — מיטיקצייט; פון 2 ביז 5 — סיסטעמאַטישער לערנען אין קרייזן; 5 — אָוונט־„ברויט" (אַזאַ זופּ מיט שטיקלעך דאַר ברויט). די רעשט פרייע צייט ביזן גיין שלאָפן, אַפילו נאָכן אויסלעשן דאָס ליכט, שטילע פאַרוויילונגען, לעקציעס, וכדומה. אַזוי איז די „פּאָליטישע קאַמער" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שול, אונטער דער שטרענגער אויפזיכט און דיסציפּלין פון „קאַמער־קאָמיטעט", וואָס האָט דעם לאַנג־יאָריקן אַרעסטאַנט געגעבן זין און כוח צו לעבן, נישט צו ווערן

מרה־שחורהדיק, נישט רעזיגנירן ביז גייסטיקער און פיזישער דעגענע־ראַציע.

איין מאָל אַ וואָך פלעגן אָנקומען די „פּאַסילקעס", שפּייז־פּעקלעך, מ׳כלומרשט מתנות פון קרובים (אַזעלכע פלעגן אויך קומען). דאָס זענען געווען די פּעקלעך פון „מאָפּר", פון פּאָליטישן אינטערנאַציאָנאַלן „רויטן קרייץ" אָדער די „רויטע הילף". די פּראָדוקטן פלעגט מען שטרענג וועגן, מעסטן און צעטיילן אין גלייכע חלקים ביזן לעצטן ־גראַם, אַלעמען קפדנות־דיק צו צעטיילן. די דאָזיקע שפּייז־פּעקלעך האָבן דערהאַלטן ביים לעבן די פאַרמשפּטע אויף לאַנגע יאָרן. זיי גערעטעוועט פון פיזישער דעגענעראַ־ציע, ווייל פון די מאָגערע אָפיציעלע הונגער־ראַציעס פלעגט מען זיכער די העלפט צעגנבענען, ביז זיי פלעגן דערגיין צו די אַרעסטירטע. שוין אָפּגערעדט, אַז די ראַציעס פלעגן זיין פון ערגסטער קוואַליטעט, נישט זעלטן פאַרדאָרבענע אָדער פאַרפוילטע פּראָדוקטן.

ס׳פלעגט זעלטן אַוועק אַ טאָג אָן אינצידענטן מיט די שומרים אָדער אַדמיניסטראַציע, וואָס פלעגן זיך אויסדריקן אין געשרייען, געזאַנג און קלאַפּן אין די אייזערנע טירן. פון די קלעפּ פלעגט זיך קייקלען אַזאַ ווי־דער־קול, ווי פון האַרמאַטן־שאָסן איבער די קאָרידאָרן, וואָס זענען געווען „אַקוסטיש".

די תפיסה האָט זיך געפונען אין מיטן שטאָט, און בעת איין צעל פלעגט אָנהייבן אַ „קאָנצערט", פלעגט עס באַלד אויפגעכאַפּט ווערן פון אַ צווייטער, דריטער און צענטער — — — די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט נישט געוואָלט, אַז דאָס געשריי זאָל אַרויס אין גאַס, פלעגן זיי, בלית ברירה, נאָכגעבן קלייניקייטן, וואָס זענען פאַר די אַרעסטירטע געווען „גרויסקייטן" — אַבי שאַ־שטיל... צום ביישפּיל: מען האָט געפּועלט, אַז אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער זאָל יעדן טאָג דעזשורירן אין קיך, דאָרטן מיטצואַרבעטן, און גלייכצייטיק אַכטונג געבן מען זאָל נישט צעגנבענען די שיריים פון די שפּייז־פּראָדוקטן, מען זאָל דאָס עסן אויסקאָכן און נישט דערלאַנגען האַלב־רויע, האַרטע קאַרטאָפל אָדער קרויט. אַ צווייטער דע־זשורנער אַרעסטאַנט פלעגט אָנטיילנעמען ביים פאַרטיילן די שפּייז, אָדער מ׳האָט אויפגעקעמפט, אַז יעדע צעל זאָל קריגן איר ברויט מיט איר

קעסל זופ דאָס אַ ל יי ן צו פאַרטיילן דורך דעם „קאַמער־קאָמיטעט" אָדער מען האָט געפּועלט אַז דער אַרעסטירטער זאָל גיין צוויי מאָל אַ חודש אין באָד, אנשטאָט איין מאָל, אָדער נאָך אַ בריוו אַ חודש, נאָך אַ ציגאַרעט אַ טאָג, וכדומה.

די פּאָליטישע האָט מען נישט דערלויבט צו אַרבעטן, ווייל אין די וואַרשטאַטן האָבן געאַרבעט קרימינעלע. די מאַכט האָט נישט געוואָלט, פּשוט מורא געהאַט, אַז מען זאָל נישט „פאַרדאַרבן" די קרימיטעלע מיט „שעדלעכע אידייען"...

נאַטירלעך איז יעדער פאַרנאַכט געווען דער „אַפּעל" מיט די פאַר־מיאוסטע ציילונגען, פאָדערנדיק פון די אַרעסטירטע זיך אויסצושטעלן אין שורות אויף „אַכטונג", ווי זעלנער. אָפט פלעגט מען ביים ציילן מוסרן די געפאַנגענע, נישט זעלטן גראָב זידלען. עס זענען געווען צייטן און פאַלן ווען מען פלעגט סתם אין דער וועלט אַריין באַפאַלן און שלאָגן. די פּאָלי־טישע האָבן אָט דעם מנהג אָפּגעשאַפט, לכל הפּחות אין זייערע צעלן. מען האָט עס אָפּגעשאַפט נאָך ביטערע ווידערשטאַנדן און הונגער־שטרייקן. אַמאָל פלעגט קומען דער דירעקטאָר פון תּפיסה, בכבודו ובעצמו, אינס־פּעקטירן די צעלן און אויסהערן אָנקלאַגעס, אָבער קיינער האָט זיך צו אים נישט געוואָנדן. ס'איז געווען ווי גערעדט צו דער וואַנט, און נישט זעלטן פלעגן זיך די וועכטער נוקם זיין אָן די, וואָס פלעגן וואַגן זיך צו פאַרקלאָגן.

אין טורמע איז געווען אַן „אייגענער" שפּיטאָל, וואו ס'פלעגן אָנקו־מען נאָר זייער שווער קראַנקע, פאַראומגליקטע אָדער פראַטעזשירטע אַרעסטאַנטן פון העכערע שטאַנדן, פאַר וואָס מען פלעגט גוט „שמירן" וועמען מען פלעגט דאַרפן, פון דרויסן. ביים שפּיטאָל איז געווען אַזאַ „אַמבולאַטאָריע" מיט אַ דאָקטערל און „סאַניטאַר" פון די אַרעסטאַנטן. ביידע „מעדיקער" פלעגן טויט־ערנסט באַטראַכטן דעם קראַנקן, מעסטן די היץ, אַ דריק טאָן דעם אָנגעווייטיקטן אָרט און אויסטיילן צוויי־דריי אַנ־ניווערסאַלע רפואות: אַ ווייסע פּיל פון כינין אָדער אַספּירין, אַ שמיר יאָד, אָדער אַביסל ריצנאייל, וואָס פלעגט דינען צו שמירן די שטיוול... זייער טעראַפּעווטישע „אַרבעט" פלעגט זיך אויסדריקן אין באַשיטן אַן אָפּענע

וואונד מיט שטינקענדיקע קסעראָפאָרמע־פודער, אָדער מאַכן אַ קאַנע — בעת דו פלעגסט זיך באַקלאָגן אויף בויך־ווייטיק...

פאַרגעסט נישט, אַז ליטע איז דעמאָלט געווען אַ גאָטספאָרכטיקע קאַטוילישע רעפובליק, מיט אַ פרומער גלחישער רעגירונג, האָט נישט געפעלט אין טורמע אַ קלויסטער מיט אַ גלח, וואָס פלעגט אין די זונטיקן און חגאות פּראַווען תפילות און אָפּנעמען ווידויים, כדי דערנאָך די וויכטיקע פרטים פון הייליקן „איספּאָוויעד"־ווידוי איבערגעבן וועמען און וואו מען האָט באַדאַרפט... אַזוי אַז מיט דער צייט האָט זיך קיינער נישט געוואָלט מתוודה זיין פאַרן פרומען פּראָוואָקאַטאָר, אָדער אַנדערע ליצים פלעגן אים אין די ווידויים דערציילן פאַנטאַסטישע פאַסירונגען, ווי עס האָט געטאָן אַ געוויסער חברה־מאַן יאַנאַס, וואָס האָט זיך פאַרן גלח פרום מודה געווען, אַז עטלעכע מאָל אַ וואָך, נעמט אים אַרויס פון צעל דעם תפיסה־דירעקטאָרס פרוי, ער זאָל איר באַשלאָפן...

פאַר די זינדיקע יידן פלעגט מען אין דער תפיסה איינאָרדענען מנינים נאָר אין די ימים טובים. צו דעם צוועק פלעגט מען אָפּראַמען אַ צעל און ברענגען אַ „חזן" פון דרויסן. דער „חזן", אַ גוטמוטיקער טייערער ייד, פלעגט טראָגן אַ סטאָן־ראָק מיט צוויי גרויסע טיפע קעשענעס אין אונטערשטן טייל פון די לאַנגע פאָלעס. בעת ער פלעגט זיך פרום שאָקלען צו שמונה־עשרה, פלעגן די „פרומע" אַרעסטאַנטן אָנפילןביידע קעשענעס מיט בריוועלעך און צעטעלעך. דער „חזן" האָט פון „גאָרנישט געוואוסט"... אָבער זיינע צוויי טעכטער, האָבן יאָ געוואוסט אויסצולייזן דעם טאַטנס קעשענעס נאָך זיין צוריקקער אַהיים און אַלץ באַזאָרגן לויט די אַדרעסן, צו קלעפּן מאַרקעס און קויפן קאָנווערטן פון די אייגענע אָרעמע פרוטות. צו זייער גליק האָבן יידן נישט מער ווי פינף ימים־טובים אַ יאָר, ווען נישט וואָלטן זיי „רואינירט" געוואָרן, וואָרום דער, וואָס איז באַפרייט געוואָרן, האָט אַמווייניקסטן געטראַכט וועגן דעם „חזנס" פאָסט־קעשענעס...

דעם „חזנס" פאָסט איז ווייט נישט געווען קיין סוד פאַר די יידישע געפאַנגענע. זיכער זענען צווישן זיי געווען פּראָוואָקאַטאָרן, אָבער די קדושה פון בריוול אין טורמע איז דעמאָלט געווען צו גרויס, אַז עמעצער זאָל וואַגן פאַרשיטן דעם גוטן טייערן יידן מיט די לאַבעדיקע יידישע אויגן, דעם „שליח ציבור" פון דער „געלער" טורמע אין קאָוונע.

טיף עמאַציאָנירט פלעגט זיין דער אַרעסטאַנט, וואָס פלעגט באַגליקט ווערן מיט אַ באַזוך פון דרויסן, איין מאָל אַ וואָך. די באַזוכן פלעגן גע־מאַכט ווערן אין אַ ספּעציעלער קאַמער, וואָס איז געווען צעטיילט מיט צוויי מחיצות פון געדיכטע נעץ־דראָט, אָפּגערוקט איין מחיצה פון דער צווייטער בערך אַ מעטער די ברייט. צווישן ביידע מחיצות פלעגט שפּאַ־צירן הין און צוריק אַ טורמע־וועכטער, אַ „שפּראַכן־קענער", זיכער אַ „זשוואַלגיבע"־שפּיצל. די אַרעסטירטע פלעגן שטיין פון איין זייט פון דער ערשטער מחיצה, אין מיטן דער וועכטער, די קרובים פון דער צווייטער זייט, פון דער צווייטער מחיצה, רעדן שטיל, אינטים איז נישט מעג־לעך געווען, ווייל מען האָט נישט געהערט מחמת דעם אָפּשטאַנד, מחמת דעם אַקוסטישן טומל, פלעגט יעדער שרייען צו זיין קרוב פון ווייטן, און דער קרוב פלעגט שרייענדיק ענטפערן — — — ביז מען פלעגט זעלטן עפּעס אויפכאַפּן פונעם געשפּרעך. דערווייל פלעגן די באַשטימטע 5 אָדער 10 מינוטן פון דער זעאונג אַנטלויפן — — — מען פלעגט דעם אַרעס־טירטן אָפּרייסן פון דער מחיצה, דאָס נעמלעכע דעם קרוב, אַזוי אַז דער טראָפּן פרייד, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברוטאַלן חוזק.

אין גאָר אויסנאַם־פאַלן, פלעגט מען אַמאָל ג ע וו י ס ע אַרעסטיר־טע דערלויבן זיך טרעפן מיט אַ קרוב, אין טורמע־ביוראָ, צו זיצן פון ביידע זייטן פון אַ טיש אין דער אַנוועזנהייט פון אַ טורמע־וועכטער. פונדעסט־וועגן האָט קיינער נישט מותר געווען אויפן דערמאָנטן זכות, כאָטש זען פון ווייטן די שטריכן, אָדער אַ נאָענטן ליבן פּנים פון אַן אייגענעם פון דער פריי, פון וועמען מען פלעגט אַמאָל עפּעס אויפכאַפּן ברמז. זעאונגען פלעגט מען דערלויבן אַרעסטאַנטן נאָר נ אָ כ ן א ו ר ט יי ל, פאַרן אורטייל איז אַזוינס געווען פאַרווערט.

אַ פּאָר מאָל אַ חודש, פלעגן געמאַכט ווערן פלוצימדיקע זוכונגען ביי די אַרעסטירטע אין די צעלן. עס פלעגן זיין מיטאַמאָל אַריינרייסן אַ כאָפּ־טע וועכטער, די אַרעסטירטע פלעגט מען צונויפדרענגען אין אַ ווינקל, דערנאָך איבערדרייען אַלץ, וואָס ס'איז געווען אין קאַמער און דערביי נישט זעלטן אויסשיטן ס'ביסל צעמאַלענע שטרוי פון די זעק. אַז מען פלעגט עפּעס געפינען (אַ מעסערל, אַ שטריקל, אַ טשוואָק, שרייב־פּאַפּיר, אַ פּאַר־

באָטן בוך, צייטונג, וכדומה), פלעגט מען קאָלעקטיוו באַשטראָפן די גאַנ־צע קאַמער; באַשטראָפן מיטן פאַרווערן אַ ל ע מ ע ן אַרויסצוגיין אויפן טעגלעכן שפּאַציר, אָפּנעמען דאָס וואַרעמע עסן. אָדער באַשטראָפן די גאַנ־צע קאַמער צו לעבן אַזאַ און אַזאַ טערמין אויף טרוקן ברויט מיט וואַסער, אָדער די מיאוסטע און ברוטאַלסטע פון די שטראָפן: נישט לאָזן אויסליי־דיקן די פּאַראַשע, אַפילו אַז עס פלעגט זיך גיסן איבער די ברעגעס אין דער אָפּגעשלאָסענער ענגער קאַמער, זומער אין די היצן...

דאָס איינציקע פּיצל הנאה פלעגט מען האָבן פון די צוויי מאָל אַ חודש באַזוכן די באָד, וואו מען האָט זיך באַפרייט פון דעם צוגעקלעפּטן שמוץ און שווייס, און נישט זעלטן זיך באַגעגענען מיט נאָענטע און באַ־קאַנטע פון אַנדערע צעלן — און איינע פון די שטראָפן פלעגט אויך זיין, פאַרווערן צו גיין אין באָד צוויי חדשים צייט.

די געפאַנגענע האָבן געהאַט זייער אייגענע שפּראַך און קאָד, דורך אַריינשטעלן אָפּגערעדטע אותיות אין יעדער וואָרט, אָדער פאַרדרייען די ווערטער אויף כלערליי אופנים. און — — — די באַרימטע אוניווערסאַלע טורמישע „פינגער־שפּראַך״, צו פאָרמירן אותיות און ווערטער מיט די פינגער. די וואָס האָבן זיך צוגעוואוינט רעדן מיט די פינגער, פלעגן עס מאַכן זייער שנעל, פלינק. מען פלעגט אַזוי זיך קענען צונויפריידן פון ווייטן, פון איין עק הויף אין צווייטן, פון איין פענצטער צום אַנטקעגנדיקן אין דערבייאיקן פליגל. מען פלעגט „רעדן״ בעת דער וועכטער איז גע־שטאַנען צו דיר מיט דער פּלייצע, אַפילו אין דער „זשוואַלגיבע״ אין גע־ריכט... ס׳איז אויך געווען די „קלאַפּ־שפּראַך״: אויסצוקלאַפּן לויט אַ קאָד ווערטער אין וואַנט, אָדער פּאָדלאָגע, ענלעך צו דער „מאָרז״־סיסטעם.

די אַלע שפּראַכן און „צונויפרעד״־קונצן זענען געווען פאַרווערט, אָבער קיין כוח און קיין שטראָף, איז נישט געווען בכוח אָפּצונעמען אָט דאָס לשון פון די אַרעסטירטע, נישט איין שיטה, נישט אַלע צונויפרעד־שיטות צוזאַמען, וועכטער און פּראָוואָקאַטאָרן מיט כלערליי שפּיצלעך האָבן זיך עפּעס יאָ אויסגעלערנט, אָבער נישט די „קאָדן״ מיט דער גע־ניטשאַפּט און פלינקייט פון געברויכן די „שפּראַכן״, וואָס עס האָבן באַ־

זעסן די וותיקים אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן אויך בחוש, געוואוסט ווי זיך צו היטן פון די פאַרשיידנסטע אינערלעכע מרגלים.

ובכן אָט די פּיצעלעך פאַסירונגען, שטייגער, גערעאַנגלען, עמאָציעס, טראַדיציעס, דערוואַרטונגען, געשפּרעכן, באַגעגענישן, וכדומה, האָבן עס אויסגעפּילט דאָס לעבן פון געפאַנגענעם און פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם „עולם ומלואו" אין די ד' אמות פון אַ תפיסה־צעל.

מענטשן און פאַרבינדונגען

אַ טייל פון דער תפיסה־באַדינונג, פלעגט ווערבירט ווערן פון צווישן די אַרעסטאַנטן, שוין אָפּגערעדט פון די, וואָס פלעגן אויספירן אַלע אי־נערלעכע טעכנישע פונקציעס ווי שניידער, שוסטער, הייצער, אינסטאַלאַ־טאָרן, שלאָסער, סטאָליער, קוכער, האָלצהעקער, סאַניטאַרן, מיסט־ראַמער, וועשער, גערטנער, מאַגאַזינערן, אַפילו ביוראָ־אָנגעשטעלטע. די דערמאָנ־טע מענטשן פלעגן בדרך כלל ווערבירט ווערן פון צווישן די פאַרמשפּטע אויף לאַנגע טערמינען.

אַ טייל פון די קרימינעלע אַרעסטאַנטן פלעגט מען אויך „פאַרדינגען" אויף שוואַרצע אַרבעט אין דרויסן, אין מלוכה־ביוראָען, מלוכה־וואַרשטאַטן, אין קאַזאַרמעס, פּאָליציי־צירקלען, וכדומה. אויף אַזעלכע אַרבעטן פלעגט מען שיקן די יעניקע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי חונפים, צוזאַמען מיט טיפּן, וואָס פלעגן אַרויסווייזן אינערלעכע הכנעה. די פּאָליטישע אַרעס־טירטע האָבן געוואוסט ווי צו ווערבירן מענטשן, פון די דערמאָנטע דרויסנ־דיקע „אַרבעטער", וואָס פלעגן דינען ווי בריוו־טרעגער און פאַרבינדלער מיט דער „פריי". מען פלעגט זיי דערפאַר גוט באַצאָלן, זיי פּערזענלעך, אָדער זייערע קרובים אין דרויסן. זעלטן ווען עמעצער פון זיי פלעגט פאַר־ראַטן זיין שליחות, ווייל די דאָזיקע אונטערערדישע פּאָסט און פאַרבינ־דונג איז געווען פאַרהייליקט דורך אַלע אַרעסטאַנטן. דאָס איז אויך געווען אַ געוויסער אויסדרוק פון דער אינערלעכער מאָראַל און זעלבסטשוץ־אינסטינקט פון געפאַנגענעם, פון פאַרשפּאַרטן אויף לאַנגע יאָרן תפיסה. דאָס איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט צווישן אחים לצרה, ביזן איינשטעלן ס'לעבן, ביז מסירת נפש.

דער פאַרדאָרבנסטער גנב און פאַרברעכער, האָט שטרענג אָפּגעהיט די דאָזיקע „טראַדיציע", הייליק אָפּגעהיט יעדעס צעטעלע, עס צו באַ־זאָרגן וואו און ווען מען דאַרף. ביי דער דערמאָנטער קאָמוניקאַציע

האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ קאָמפּליצירטע טעכניק פון כלערליי וואונדער־לעכע אימפּראָוויזירטע המצאות, ווי אַראָפּלאָזן אַ דין־צעטעלע בײַנאַכט, אין דער פינצטער, פון איין שטאָק צום צווייטן צוגעבונדן צו אַ דינעם שוואַרצן פאָדעם. איידער דאָס צעטעלע פלעגט אַראָפּגיין פלעגט מען סיג־נאַליזירן דעם אונטערשטן שטאָק מיט אַ קלאַפּ אין דיל. מען פלעגט צו דעם צוועק, ווי געזאָגט, אויסנוצן די רערן פון אָפּטריט, די צייט פון שפּאַ־ציר־גאַנג, דאָס דעזשורירן אין קיך, דאָס גיין צום דאָקטער, אין שפּיטאָל, דאָס גיין אין קלויסטער, אין מנין, וכדומה. די פאַרבינדונג איז געווען אַן אינערלעכע אין תפיסה גופא און אַן אויסערלעכע מחוץ דער תפיסה. נישט זעלטן פלעגט די דערמאָנטע שריפטלעכע פאַרבינדונג, די רמזים בעל פה, די „פינגער שפּראַך" און דאָס „קלאַפּן" — באַשטימען דעם גורל פונעם אַרעסטירטן, אַפילו לחיים ולמות!

די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן נאַטירליך געהאַט אַ שיפר, אַ קאָד אַפילו פאַר די געציילטע דערלויבטע בריוו. דעם קאָד פלעגט מען אָפּט בייטן, דאָס געפערלעכסטע איז געווען, דאָס איבערגעבן דעם קאָד פון ביידע זייטן מויער.

אַ באַזונדערער עלעמענט אין תפיסה, איז געווען די אַזוי גערופענע „קאַליפאַקטאָרן" — די קאָרידאָר־משרתים, על פי רוב פאַרבירטע ברואים פון צווישן קרימינעלע, פאַרמשפּטע אויף לאַנגע טערמינען, אָדער אויף לעבנסלאַנג. די „קאַליפאַקטאָרן" זענען געווען די מיאוסטע, די געפער־לעכסטע און שענדלעכסטע ברואים, דאָס ערגסטע אָפּפאַל פון תפיסה, גע־גליכן צו די טרויעריק באַרימטע „קאַפּאָס" אין די נאַצישע קאַצעטן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. די „קאַליפאַקטאָרן" זענען בדרך כלל געווען שפּיאָנען פון דער דעפענסיווע־זשוואַלגיבע. זיי פלעגן ווי שפּיר־הינט ליגן אונטער די טירן אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט, עס באַלד צוטראָגן וועמען מען דאַרף, פאַרן פרייז פון פּרוטות. די „קאַליפאַקטאָרן" זענען געווען פאַרהאַסט דורך אַלעמען. נישט איין מאָל פלעגט אַזאַ פאַרקויפטע נשמה באַצאָלן מיטן געזונט, אַפילו מיטן לעבן פאַר זיין מיאוסער מלאכה.

מיר האָבן דערמאָנט די קדושה פון געהיימען בריוול, איצט גיבן מיר צו, אַז לויט דער דעמאָלטיקער טורמע־מאָראַל אין ליטע, פלעגט אַ רוצח

און רויבער שטײן העכער װי אַ פּראָװאָקאַטאָר, װי אַן אינערלעכער שפּיאָן און מסור.

עס זענען געװען פֿאַלן, זײער זעלטענע, אַז צװישן די „קאַליפּאַק־טאָרן" פֿלעגט זיך געפֿינען אַ יחיד, אויף װעמען מען פֿלעגט זיך יאָ קענען פֿאַרלאָזן. אַזעלכע יחידים זענען אויך געװען צװישן די טורמע־װעכטער, פּאָליציאַנטן, אַפֿילו זשאַנדאַרן — — — זײ פֿלעגט מען אויסנוצן בײַ אויסערסט װיכטיקע פֿאַלן פֿון פּיקוח נפש.

אַזוי איז מיט דער הילף פֿון די דערמאָנטע פֿאַרבינדונגען געשאַפֿן געװאָרן די קאָמוניקאַציע מיטן דרויסן, ביזן אַרײַנבררענגען אין די „פּאָלי־טישע" צעלן ביכער, פּרעסע מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור, אין דער „קודשי קדושים" פֿון דער גלחיש־ליטװישער מאַכט, אין דער צענטראַלער קאַטאָרגע פֿון דער ליטװישער רעפּובליק.

לאָמיר װי אַ בײַשפּיל דערמאָנען צום גוטן, אין שריפֿט, אַזאַ קרימי־נעלן טיפּ פֿון קאָװנער „געלער" טורמע־געזעלשאַפֿט פֿון יענער צײַט, מיט װעמען אני הקטן בין געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג. דער מענטש פֿלעגט זיך צו אונדז טוליען, פֿרײַנטלען און זײַן צוגעבונדן צו מיר װי אַ טרײַער הונט. קאָן זײַן פֿאַר די פּאָר גוטע װערטער, װאָס ער האָט אפֿשר צום ערשטן מאָל געהערט זינט לאַנגע אומגליקלעכע מיאוסע יאָרן. געהײסן האָט ער „מאַקס", אַ כּראָנישער גנבֿ, אַ ייִד, נישט צו דערגײן פֿון װאַנען ער שטאַמט, און װי אַלט ער איז. לכתּחילה האָבן מיר אים געהאַלטן פֿאַר אַ ציגײַנער, מחמת זײַן אויסזען און אַ לעכל אין אויער פֿאַר אַן אוירינגל... אָבער אין מרחץ איז זײַן ייִדישקײט באַשטעטיקט געװאָרן...

די זשװאַלגיבע האָט אים אַרײַנגעװאָרפֿן אין אונדזער קאַמער װי אַ „שמעקער", װי אַן אינפֿאָרמאַנט, זײ זאָלן אים האָבן מכומרשט אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַלעמען בײַם צעטרײַבן די דערמאָנטע מאַי־דעמאָנסטראַציע.

מאַקס איז געװען קלוג, דורכגעטריבן, פֿול מיט אײַנפֿאַלן. װי פֿאַנ־טאַסטיש ס׳זאָל נישט קלינגען, האָט ער פֿאַרשטאַנען אַלע באַלטישע שפּראַכן: ליטװיש, לעטיש, עסטיש, מחוץ ייִדיש, דײַטש, פּויליש און רו־סיש, דערבײַ נישט געקאָנט רעדן נישט אויף אײנע פֿון זײ.

מאַקס האָט געהאַט זײַן אײגענע „שפּראַך", זײַן „אָריגינעלן לשון",

אַזאַ געמיש, אַ זשאַרגאָן פון רוסיש־פּויליש־יידיש־ליטוויש, אַריינגעבראָקן לעטישע און דייטשישע אויסדרוקן אין משונהדיקן „סלענג". עס זענען אַוועק וואָכן, נאָך לאַנגע שמועסן מיט דער הילף פון — פינגער־לשון, ביז מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אים פאַרשטיין.

לכתחילה האָט דער קאַמער־קאָמיטעט באַשלאָסן אים טאָטאַל באָי־קאָטירן, ענג מאַכן ס'לעבן. ער זאָל וויסן, אַז מיר ווייסן זיין פאַרגעב, כדי ער זאָל זיך מיט גוטן אָפּטראָגן פון אונדזער סביבה. אָבער ביסלעכווייז האָבן מיר זיך צו אים צוגעוואוינט, נאָכדעם ווי ער אַליין האָט זיך פּשוט, נאַאיוו מודה געווען, אַז די זשוואַלגיבע האָט אים אַהער אַריינגעשיקט אַלס „אינפאָרמאַטאָר", און צוגעזאָגט אַ באַשטימטן געצאָלט פאַר יעדער „וויכטיקער" ידיעה, וואָס ער וועט זיי צושטעלן.

ס'איז שווער צו דערקלערן, מיט וואָס און ווי אַזוי מאַקס האָט דער־וואָרבן אונדזער אַלעמענס סימפּאַטיע, צי דורך זיינע גאָלדענע הענט, וואָס האָבן געקאָנט אַלע מלאכות אַחוץ שערן און ראַזירן, צי דורך זיינע זעל־טענע איינפאַלן און קונצנמאַכעריי, דורך זיינע לידער און פריילעכקייט? דורך זיינע חכמות און דינסט־גרייטקייט, אָדער דורך זיינע נאַאיווע קינ־דיש־אויטענטישע דערציילונגען פון דעם אונטערוועלט־לעבן?

בקיצור, מיר האָבן אַזאַ „מאַקס" גענומען אין „דער אַרבעט", אים געשטאַלטיקן „מעשי פּיגמאַליאָן", אויסצולערנען קודם כל אונטערשרייבן זיין נאָמען צוזאַמען מיטן אלף־בית, ביזן צונויפשטעלן ווערטער, וואָס האָבן אַרויסגערופן פריידיקע אויסרופן ביי אַלעמען. ער איז געווען אונ־דזער „קאָלעקטיווער תלמיד". מאַקס האָט זיך אויסגעלערנט ציפערן ביז צו קענען צונויפלייגן און אַראָפּנעמען לייכטע פּשוטע צאָלן. דאָס גלייכ־באַרעכטיקן אים מיט אונדז אין קאַמער קאָלעקטיוו, האָט אויף אים גע־מאַכט אַ גוואַלטיקן רושם, אַזוי אַרום, נאָך אַ רייע נסיונות האָט ער אונדז געדינט ווי דער טרייסטער מענטש.

אָט איז איינע פון זיינע מעשים: — ווי אַלע „גנבים" האָט מאַקס, לויט זיין שפּראַך, „געהאַדעוועט" אין דרויסן אַ „כלה" און געהאַט „קרוּ־בים פּאַ פּאַכוּ" (לויט זיין שפּראַך: „פּזשיאַטשעלעס"), וואָס פלעגן קומען אים באַזוכן, בעת די וועכנטלעכע זעאונגען, מיטגעבראַכט אַמאָל אַ ווייס

ברויט מיט ציגאַרעטן, אַמאָל אַ וואורשט, אַ שטיקל זייף, אַפילו אַ פּאָר שטיקלעך וועש.

אין זכות פון זיין דינען דער „זשוואַלגיבע״, פלעגט מען אים צייטנווייז דערלויבן זיך זען מיט זיין „כלה״, נישט אין אַלגעמיינעם זעאונגסזאַל, נאָר באַזונדער, ווי אַ „יחסן״, אין טורמע־ביוראָ, ביי אַ ברייטן שרייבטיש, וואו ער איז געזעסן פון איין זייט טיש, די „כלה״ פון דער צווייטער, כדת וכדין, אונטער דעם שאַרפן אויג און אויער פון אַ וועכטער, וואָס איז אויך געזעסן אויבנאָן פון זעלבן טיש.

ס'איז כדאַי צוצוגעבן, אַז דער „קאַמער־קאָמיטעט״ האָט אים תמיד צוגעשטעלט „אינפאָרמאַציעס״ ער זאָל איבערגעבן דער „זשוואַלגיבע״, על פּי רוב ריכטיקע ידיעות, וואָס האָבן קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן... כדי די „זשוואַלגיבע״ זאָל זיין זיכער, אַז ער דינט זיי „טריי״, ווארום מאַקס האָט נישט געדאַרפט וויסן, אַז די זשוואַלגיבע האָט שוין די ידיעות פון פריער... נאַטירלעך פלעגט מאַקס, די ידיעות איבערגעבן די אַגענטן בעת די זעאונגען, זיי פלעגן קומען ווי זיינע „קרובים״ מיט ברויט און וואורשט, פון וואָס די גאַנצע קאַמער פלעגט געניסן...

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז אונדזער קאַמער־קאָמיטעט, האָט געדאַרפט איבערשיקן דרינגענדיק אין דרויסן אַ לעבנסוויכטיקע וואָרענונג, צו ראַטעווען אַ מענטשן פון אַ דורכפאַל. צום גליק איז עס אויסגעפאַלן יענעם טאָג, ווען מאַקס האָט געדאַרפט האָבן זיין געוויינטלעכע זעאונג מיט דער „כלה״.

נאַטירלעך, האָט מען די ידיעה שיפרירט אָנגעשריבן אויף אַ צעטעלע צונויפגעוויקלט, צונויפגעפרעסט ווי אַ פּיל די גרויס; מען האָט דאָס צעטעלע איבערגעגעבן מאַקסן, ער זאָל עס פאַר יעדער פּרייז באַזאָרגן אין דרויסן.

ווי מיר האָבן דערמאָנט, איז מאַקס געווען אַ פלינקער קונצנמאַכער, וואָס פלעגט אים זיכער דינען זיין גנבישע אומנות. ער פלעגט „שלינגען״ מייז, „אַרויסשפּייען״ גאָפּלען מיט לעפל, ציען סטענגעס פון נאָז און מויל, אַרויסנעמען אַ קאַרטאָפל פון דיין היטל, וואָס דו האָסט געטראָגן, אאַ״וו. נישט זעלטן פלעגט מען מאַקסן אַרויספירן פון צעל אין דער תפיסה־ביוראָ, משמח צו זיין דעם תפיסה־פּערסאָנאַל מיט זיינע קונצן, אַזוי אַז באַהאַלטן צווישן די פינגער אַ קליין צעטעלע, איז פאַר אים נישט געווען

קיין איבעריק שווערע פּראָבלעם. זיין „כלה" האָט שוין נישט איין ברי־וועלע איבערגעגעבן אין דרויסן אויף אַן אומשולדיקן אַדרעס. די בריוועלעך זענען אויך געווען אומשולדיקע, פּערזענלעכע, וואָס מען פּלעגט פריער שיקן, אויסצופּרובירן מאַקסעס צופּאַסלעסיקייט. דאָס פּראָבלעם איז דאָס מאָל געווען ווי גיט מען איבער דער „כלה" דאָס צעטעלע, בעת זי זיצט פון דער צווייטער זייט פון אַ רחבותדיקן טיש, אונטער דער שאַרפער אויג פון אַ געניטן בייזן תפיסה־וועכטער?

בקיצור: אַז מאַקס האָט געענדיקט זיין „צעחושטן" שמועס („ראַזגאָוואָר") מיט דער „אויסגעבענקטער געליבטער אייביק טרייער כלה", האָט ער מיט זיין אויסדרוקסרייכן ממזרישן פּנים אויסגעבעטלט ביים תפיסה־וועכטער אַ דערלויבעניש אַ קוש טאָן דער „כלה" און כאַטש איין טאָפּ טאָן („פּאָשטשופּאַטש") איר דעקאָלטירטן פולן בוזעם...

דער וועכטער איז פאַרגאַנגען אין געלעכטער, אַנקוקנדיק מאַקסעס מי־מיק מיט זיינע גלאַנציקע אויגעלעך. מאַקס האָט פלינק אויסגענוצט די מינוט, געקושט די „כלה" און ס'צעטעלע אַריינגעשטופּט צווישן אירע ברוסטן, אין אָפּענעם דעקאָלט...

צו אַלעמענס צופרידנקייט, איז גיך געקומען אַ תשובה, אַז די ידיעה האָט דערגרייכט דעם ציל און געראַטעוועט נישט איינעם, נאָר אַ גאַנצע גרופּע מענטשן פון אַרעסט און אומגליק. מאַקס אַנזען איז שטאַרק געשטיגן. ער איז דעמאָלט געוואָרן דער „העלד פון טאָג" צווישן די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע.

צו אַלעמענס באַדויערן איז מאַקס, סוף כל סוף, מיאוס דורכגעפאַלן ביים רייניקן דעם וואַש־צימער פון קאָרידאָר, בעת ער האָט קונציק אַרויס־געצויגן דעם טייסטער פון קעשענע ביי אַן עלטערן טורמע־וועכטער, וואָס האָט אויף אים אַכטונג געגעבן, אַן אומגליקלעכער „נאָסטאַלגישער פּאַך־אַטאַק"...

נאָך דער מעשה האָט מען אים אַוועקגענומען פון קאַמער, און מאַקס איז פאַרשוואונדן, ווי אין וואַסער אַריין אים מער נישט צו טרעפן.

זאָלן די פּאָר שורות פאַרצייכנט ווערן צו זיין זכות...

* * *

„פון טאַרבע און פון טורמע איז קיינער נישט זיכער", אַזוי זאָגט אַן אַלטער יידישער שפּרוך, וואָס קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין טור־מע גופא: — אָט איז באַשעדיקט געוואָרן אונדזער פּערזענלעכער „קרע־דיט" און „אָנזען" אין געוויסע בירגערלעך־באַלעבאַטישע קרייזן אין קאָוו־נע נאָכן אָפּזיצן די ערשטע דריי חדשים אין דער „געלער תפיסה". די „געלע" פלעגט שטענדיק אָנוואַרפן אַן אימה אויפן ליטווישן קליין־ און מיטל־בירגער, באַזונדערס אויף די יידישע.

אַזאַ ווי איך, האָב געהאַט פריינטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען און חבר־שאַפט מיט שול־ און פאַרטיי־חברים, קינדער פון יידישע גבירים אין ליטע, בתוכם מיין משפחה, מיט וועלכער מען פלעגט זיך באַגעגענען אויף פאַ־מיליערע שמחות, יום־טוב באַזוכן, אָדער ביי טרויער־פאַלן.

מיט אַ באַזונדערער רוגזא און קעלט, האָט מען מיך מקבל פנים גע־ווען, נאָך מיין ערשטער באַפרייאונג פון טורמע, אין דער סביבה פון רייכן קאָוונער יידן, דעם אַקטיוון עסקן און מנהיג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין קאָוונע ה׳ טש.

טש. איז פּערזענלעך געווען זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, מיט פאַר־שטענדניש פאַר דער יוגנט, פאַר דער שטורמישער צייט. ער איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון „לינקע אידייען", באַזונדערס פון לינקן אַרבעטער־ציוניזם, פון באָראָכאָוויזם.

אונדזערע פּערזענלעכע וויכוחים זענען געווען שאַרפע, אָבער זיי האָבן געטראָגן אַ געניוג קולטורעלן כאַראַקטער און נישט געשטערט אָדער פאַר־טונקלט אונדזער פּערזענלעכע פריינטשאַפט.

מענטשן פון טש—עס שניט פלעגן קוקן אויף אַזעלכע ווי אני הקטן, ווי אויף פאַרפירטע שאָף, וואָס וועלן חוזר בתשובה זיין, חתונה האָבן, ווערן באַזינט און מיושבדיק. קודם כל זאָרגן פאַר זיך אַליין, און דערנאָך פאַרן כלל און „פאַר גאָר דער וועלט". אַזעלכע היימען ווי פון ה׳ טש. זענען געווען אָפן פאַר די פאַרפירטע לינקע יידישע סטודענטן, סעמינאַ־ריסטן, באַאַמטע, וכדומה. נאָך אַלעמען פלעגן זיך אומעטום געפינען דער־וואַקסענע מיידלעך, האַרציקע יידישע טעכטער, וואָס האָבן געדאַרפט חתונה האָבן...

גאָר שלעכט אזי געוואָרן מיין מעמד אין די אויגן פון אַ רייכער
יידישער משפחה אין ווילקאָמיר, נאָכן אָפּזיצן דעם ערשטן טערמין אין
טורמע. כ׳פלעג דאָרטן קומען צופאָרן באַזוכן מ׳יין פערזענלעך נאָענטע
פריינדן, זייער שיינע טאָכטער. בדרך כלל זענען די דערמאָנטע מענטשן
געווען גענוג קולטורעל צו אונטערשיידן אַ „פּאָליטישן“ פון אַ „קרימינעלן“
אַרעסטאַנט, אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט דיר די תפיסה „געשטעמפּלט“
און „פּאַרפלעקט“ ביזן קריגן דעם צונאָמען „אַרעסטאַנט“. ביי די מער
פּאַנאַטישע קליינבירגער ביסטו שוין געוואָרן אַ „קאַטאָרזשניק“, אשר לא
יבא בקהלם...

איצט שטעלט אייך פאָר די משונהדיקע שפּיל פון דעם גורל פון
מענטשן: — ערב יום־כיפּור 1924, איז מיר, אַלס דעזשורנעם, אויסגעקו־
מען צו באַגלייטן די זופּ־פּאַרטיילער אין צוויי טורמע־קאָרידאָרן. צו מיין
טיפסטער איבערראַשונג, האָב איך אין אַ צעל, צווישן קרימינעלע פאַר־
ברעכער, געפונען זיצן, דעם ציוניסטישן עסקן פון קאָוונע, מיין פריער
דערמאָנטן פריינט ה׳ טש. בכבודו ובעצמו... נישט ווייניקער איבערראַשט
און דערשיטערט איז געוואָרן ה׳ טש., כ׳האָב נאָר באַוויזן אַ מורמל טאָן
ווי צו זיך: — „מאָרגן אין מנין“.

מ׳אָרגן איז געווען יום־כיפּור, ווען די פרומע גלחישע מאַכט אין ליטע
האָט דערלויבט מאַכן מנינים פאַר יידישע אַרעסטירטע אין די תפיסות.

נאָך אַ ביטערער אַמפּעריי און „אידעאָלאָגישן“ וויכוח מיטן קאַמער־
קאָמיטעט, האָט מען מיר דערלויבט באַזוכן דעם מנין (מיטצוטראָגן בריוו
אין די שיך).

אין דער צעל וואו מען האָט געדאַוונט, האָב איך זיך פּאָרזיכטיק
צוגעשאַרט צום ה׳ טש., וואָס איז געשטאַנען איינגעוויקלט אין טלית און
ביטער געוויינט איבער אַ מחזור.

בלחש האָט ער מ׳יר דערציילט זיין ביטערע געשיכטע, ווי שונאים,
אָדער קאָנקורענטן האָבן אים געשטרויכלט און פאַרפּלאָנטערט אין אַ נישט
כשרער קאָמערציעלער טראַנזאַקציע. די גלחישע רעאַקציע האָט זיך אָן
דעם אָנגעכאַפּט ווי אָן אַ טייערער מציאה, מבזה צו זיין די יידישע גע־
זעלשאַפטלעכקייט, און פאַרשפּאַרט דעם ה׳ טש. אין דער „געלער“ תפיסה

ביזן משפט, באַגלײטנדיק דעם ענין מיט אַ שרײַאיקער שנאת־ישראל־העצע אין זײער גלחישער „פרעסע" און פאַרבאָרגן דעם פאַקט, אַז שווערע באַשולדיקטע אין ענלעכע ענינים פלעגט מען באַפרײַען אויף קויציע, באַזונדערס איבער יום־טובים, בעת אים האָט מען נישט באַפרײַט, כאָטש מען האָט געוואָלט ערב זײַן, אַז ער וועט נישט אַנטלויפן פון משפט, מיט אַ גרויסער סומע געלט.

— „ווי גליקלעך דו ביסט, מײַן יונגער פרײַנד", האָט ער בלחש געזאָגט, שאָקלענדיק זיך איבערן מחזור, — „וואָס דו זיצסט לשם שמים, פאַר אַן אידייע, און נישט אַזוי מיאוס פאַרפּלאָנטערט ווי איך, אין עסקים מיט חזיר־האָר וכדומה"...

כ'האָב אים געטרייסט און געענטפערט, אַז „גליקלעך בין איך גראַד נישט" אָבער...

פריער, סוף דעם זעלבן זומער, קורץ פאַר מײַן צווייטן אַרעסט אין 1924, בין איך דערשיטערט געוואָרן פון אַ ידיעה, אַז דער פּראָקוראָר פון ווילקאָמיר האָט באַפוילן צו אַרעסטירן דעם פאָטער פון מײַן חברטע, דעם פריער דערמאָנטן גביר, דעם שטילסטן און אָרנטלעכסטן פון אַלע סוחרים, דעם בכבודיקן עלטערן יידן מיט דער ווײַסער באָרד ה' ב.

ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז די ידיעה איז אַן אמתע, אָבער ס'איז געווען אַ ביטערער פאַקט: מען האָט אין זײַן געשעפט געפונען אַ פאָר פּעק געגנבעטע וואָל, וואָס ער האָט געקויפט אין קאָוונע, נישט וויסנדיק, נישט האָבנדיק דעם מינדסטן חשד, אַז דאָס איז גנבה... לויט זײַנע רייד, וואָס איז דורכויס געווען צו גלויבן, איז די קניה אַפילו נישט געווען קיין מציאה — — — און דער שטילער גוטער ייד, האָט אויך געמוזט טרינקען פונעם ביטערן אַרעסטאַנטן־בעכער, אויסגעשטעלט ווערן אויף בזיונות און לעסטערונג אויף אַלס ייד, ווי די ליטווינער וואָלטן געווען כולם צדיקים וטהורים. כ'האָב געטרייסט ביידע בכבודיקע משפחות פון מײַנע גוטע נאָענטע פרײַנט מיטן דערמאָנטן אַלט־יידישן שפּרוך: „פון טאָרבע און פון טורמע איז קײנער נישט זיכער", אָבער מיטן סוף פסוק האָב איך זיך טועה געווען, צו דער „טאָרבע" זענען זיי נישט דערגאַנגען, ווײַל די ליטווישע נאַציס האָבן זיי אומגעבראַכט.

דער אויפשטאַנד

די נגישות און ברוטאַלע באַהאַנדלונג פון די קרימינעלע אַרעסטאַנטן אין דער „געלער" תפיסה, האָט די מענטשן געטריבן צו יאוש. מיט דער צייט איז ביי זיי אָנגעקוואָלן אַ פאַרביטערטע שנאה כלפי דער אַדמי־ניסטראַציע. אַ שנאה, וואָס האָט געמוזט טרייבן צו מעשים, ביז צום אויפשטאַנד דעם 24טן יוני 1924.

די באַציאונג צו די פּאָליטישע געפאַנגענע וואָלט נישט געווען בע־סער, ווען נישט די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע און אייזערנע דיסציפּלין צווישן די אַרעסטירטע, צוזאַמען מיט דער גרויסער מאָראַלישער שטיצע פון דרויסן, וואָס האָט באַוואויגן די טורמע־אַדמיניסטראַציע, זיך צו באַ־גיין און באַציען אַנדערש כלפי זיי, מענטשלעכער, פאָרזיכטיקער, מיט מער איינזען ווי כלפי קרימינעלע.

די קרימינעלע פאַרזינדיקטע, אין דער מינדסטער קלייניקייט כלפי די תפיסה־תקנות, פלעגט מען אָפּט שלאָגן ביזן פאַרלירן דאָס באַוואוסט־זיין. דאָס עסן איז געווען קוים צו דערהאַלטן די נשמה, שפּאַצירן אין דרויסן האָט מען זיי דערמאָלט דערלויבט נאָר פיר מאָל אַ וואָך, צו 15 מינוט אין מעת לעת. די אומפליייט און אומזויכט האָבן געפרעסן זייערע לייבער, ביז, ביז די אַרעסטאַנטן פון דער פינפטער אָפּטיילונג, האָבן אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד, אָרגאַניזירט צו דער אַקציע זענען געווען בסך־הכל אַ הויפן מענטשן, אָבער זיי האָבן געוואוסט, אַז ווען „די שעה וועט שלאָגן" זענען אַלע מיט זיי, אַלע קרימינעלע אַרעסטאַנטן.

יענער טאָג איז אויסגעפאַלן זונטיק.

בעת מען האָט געפירט אַ גרופּע קרימינעלע, דאַוונען אין תפיסה־קלויסטער, האָבן זיי באַפאַלן דעם וועכטער, אים פלינק פאַרשטאָפּט ס׳מויל, פאַרדרייט די הענט אויף הינטן און צוגענומען זיין רעוואָלווער מיט די קוילן. מיטן געלאָדענעם רעוואָלווער האָבן זיי גיך אַנטוואָפנט די איבע־

ריקע באַגלייטער, זיי אויך פאַרשטאָפּט די מיילער, געבונדן און פאַר־שפּאַרט אין אַ געעפּנטער צעל. אַזוי האָט מען פאַרנומען און פאַרשפּאַרט די וועכטער מיט די „קאַליפאַקטאָרן״ פון די קאָרידאָרן, אַזוי שטאָק נאָך שטאָק, פליגל נאָך פליגל, אָפּהיטנדיק אינסטינקטיוו אַ טויטע שטילקייט. די „באַפרייטע״ האָבן באַוויזן אויפצומאַכן אַ שיינע ביסל צעלן, אַרויס־צולאָזן הונדערטער אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן חוץ מיטן פאַרנומענעם גע־ווער, זיך באַוואָפנט, מיט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזן.

זיי האָבן פלינק אָפּגעהאַקט די טעלעפאָן־דראָטן פון דרויסן און דער־קלערט אַן „אַמנעסטיע״ פאַר אַלע אַרעסטירטע פון דער „געלער״ טורמע.

אַ טייל אָנפירער פון אויפשטאַנד האָבן אָנגעטאָן די אוניפאָרמען פון די פאַרשפאַרטע תפיסה־וועכטער. אָפּצונאַרן די דרויסנדיקע וואַך, זענען זיי אַרויס אין הויף און דורך אַ גוט געשיקטן מאַנעוור, אַנטוואָפנט די שומרים פון געווער־אַרסענאַל, באַזעצט די ביוראָען, פאַרשפאַרט אַלע אַד־מיניסטראַציע־מענטשן אין די קאַרצער־קעלערן, מען זאָל נישט הערן זייער שרייען און קלאַפּן, ביז מען האָט אויפגעפּראַלט די דרויסנדיקע טויערן, און וואָסערע 150 באַוואָפנטע אַרעסטאַנטן, זענען אָן אַ פּלאַן, אָן די מינדסטע פאַרזיכט־מיטלען אַרויס אין גאַס, אין דער פרייער גאַס, וואָס זיי האָבן יאָרן נישט געזען.

בעת די ערשטע גרופּע איז אַרויס אין גאַס, האָט אַ צווייטע גרופּע שווער געאַרבעט אַראָפּצונעמען די קייטן פון די פיס פון די „באַפרייטע״ געפערלעכע פאַרברעכער. אַ ווייטערדיקע גרופּע האָט זיך געלאָזט צו די שפּייז־סקלאַדעס און אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז יעדע מינוט איז טייער, אַז אָט, אָט, וועט עמעצן געלינגען צוזאַמען געבן דער מאַכט וואָס דאָ קומט איצט פאָר...

בעת מעשה, זענען מיר, ווי תמיד, געזעסן פאַרשפאַרטע אין אונדזער צעל, נישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר הינטערן וואַנט, פון יענער זייט טיר. ס׳איז אויך נישט געווען צו וויסן, צי בכוונה אָדער צופעליק האָט מען נישט אויפגעשלאָסן אונדזער אייזערנע טיר מיר זאָלן אויך געניסן פון דער „אַמנעסטיע״, ווי ס׳האָבן גענאָסן די פאַרשפאַרטע פון ס׳רוב קאַמערן, בתוכם קאַמערן מיט פּאָליטישע געפאַנגענע, וואָס זיי האָבן יאָ אויפגעמאַכט.

די באַפרייטע, פאַרשיכורטע פון „נצחון", זענען זיך נישט צעלאָפן אין גאַס. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און אַ פּאָר פון זיי האָבן פון שמחה געגומען זינגען און טאַנצן, אַזוי אַז אַ צופעליק פאַרבייגייענדיקער פּאָליציאַנט האָט באַמערקט די הלולה און גענומען שיסן אין דער לופט צו אַלאַרמירן הילף; די „באַפרייטע" האָבן פאַרגעסן, אַז זיי טראָגן אַרעסטאַנטן־קליידער, וואָס וועט זיי באַלד „פאַרשיטן" אין גאַס, אַ פשיטא זיך צו האַלטן צוזאַמען עטלעכע צענדליק מענטשן. אַ פּאָר שפּאַן פונעם צענטער פון שטאָט...

אַז די „בעלי שמחה" האָבן דערהערט שיסן, זענען זיי גאָר צעטומלט געוואָרן און די עטלעכע באַוואָפנטע פון זיי האָבן אויפגעמאַכט אַ פייער אָן אַ ציל, אָן אַ חשבון, זיי האָבן ווילד געשאָסן אין דער לופט און אויף די ווענט פון דער טורמע.

איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק אין דרויסן אַרום דער „געלער". גיך זענען אָנגעלאָפן אויטאָמאָבילן מיט פּאָליציי, מיליטער מיט קוילנוואַרפער און האַנט־גראַנאַטן, אויפגעמאַכט אַ גרויזאַמען פייער אויפן תפיסה־הויף, אין אַלע פענצטער, וואו ס'האָבן זיך געטומלט מער ווי טויזנט שוצלאָזע, מענער, פרויען, אַפילו יוגנטלעכע, וועלכע האָבן בדרך כלל נישט געוואוסט, פאַרוואָס, ווי אַזוי, און אין וועמענס זכות מען האָט זיי „באַפרייט", אַרויסגעלאָזן פון די קאַמערן.

דער גאַנצער שטאָט־טייל, וואו ס'האָט זיך געפונען די טורמע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „שלאַכטפעלד", די קאַנאָנאַדע האָט אָנגעוואָרפן אָן אימה אויף די ווייטסטע קוואַרטאַלן פון שטאָט. די „שמחה" איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען די פייערלעשער פון גראַדנער גאַס, און פון די פאַרשטעט האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב זיך לאָזן צו „הילף" מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ, מיט אַ קלינגערײַ און טומל.

נישט טויט, נישט לעבעדיק, האָבן מיר זיך געוואָרפן אויף דער ערד, נישט געקאָנט אַפילו אַ קוק טאָן אין אַ פענצטער, ווייל אין די פענצטער זענען געפלויגן קוילן. די קוילן האָבן דערלאַנגט אין די אַנטקעגנדיקע ווענט. עס האָט זיך געשאָטן דער טינק, דער שטויב, רויך און ריח פון פולווער האָט געשטיקט און געוואָרגן, און יענער טאָג איז באַזונדערס גע־

װען הײס. עס האָבן זיך צונױפגעמישט אימהדיק פֿאַרצװײפֿלטע געשרײען פֿון די אַרעסטירטע מיטן דונער פֿון די האַנט־גראַנאַטן און שטעפּערײ פֿון די קױלנװאַרפֿער, צוזאַמען מיט דער שנײדיקער פֿײפֿערײ פֿון די ביקסן־קױלן. אַזױ במשך פֿון 3־4 שעה אָן אױפֿהער. ביז דער באַװאָפֿנטער כוח האָט „געזיגט" נישט װיסנדיק קעגן װעמען און צוריק „דעראָבערט" די מאַכט אין דער „געלער" פֿעסטונג פֿון ליטע. דעראָבערט אַ „מאַכט", װאָס האָט בכלל נישט עקזיסטירט, װײל קײנער פֿון די באַפֿרײטע אַרעסטאַנטן האָט אַפֿילו נישט געחלומט פֿון „איבערנעמען" אָדער „האַלטן" די מאַכט אין טורמע. די אַרעסטאַנטן, װאָס זענען אַנטלאָפֿן אין דרױסן, האָבן מיט־געטראָגן מיט זיך די עטלעכע פֿאַרכאַפּטע נאַגאַנען, װידער דאָס פֿאַר־כאַפּטע געװער פֿון אױפֿגעבראָכענעם אַרסענאַל, האָבן צו גאָרנישט גע־נוצט, ערשטנס זענען נישט געװען קײן קױלן, װאָס זענען גאָר געלעגן פֿאַרקלאַפּט אין אַ זײַטיק קעמערל פֿון אַרסענאַל, והשנית, האָבן ס'רוב פֿון די „זיגער" נישט געװאוסט װי מען באַגײט זיך מיט אַ ביקס אָדער אױטאָמאַטישן קלײן־געװער. פּאַקטיש האָט כמעט װי קײנער פֿון די אַרעס־טאַנטן נישט געשאָסן, נאָכדעם, װי די פּאָליצײ איז אַרײַן אין הױף. דער װאָס האָט יאָ געהאַט אַ שטיקל געװער אין האַנט, האָט עס באַלד אַװעק־געװאָרפֿן, אַ יעדערער האָט עס געטאָן מחמת אינסטינקט און זעלבסטשוץ־געפֿיל, נישט צו װערן געכאַפּט מיט — — — נישט געלאָדן געװער אין האַנט, נאָר געצײלטע פֿאַרצװײפֿלטע קרימינעלע האָבן צוריקגעשאָסן דאָ און דאָרטן, אָט סתם אַזױ, נישט צילנדיק; זײ האָבן אױסגעשאָסן די פּאָר קױלן און אַװעקגעװאָרפֿן די „כלי".

מען דאַרף צוגעבן, אַז במשך פֿון דער גאַנצער אַקציע, האָבן די באַ־װאָפֿנטע אַרעסטאַנטן, צװישן זײ נישט װײניק באַנדיטן, נישט פּאַרװאונ־דעט, נישט ערנסט געשלאָגן קײן אײנעם פֿון די טורמע־װעכטער, נישט קײנעם פֿון דער אַרמיניסטראַציע, אַפֿילו נישט קײנעם פֿון די צעשראָקענע פֿאַרשפּאַרטע אינקװיזיטאָרן, װאָס זענען געלעגן שטיל, רעזיגנירט, װי געבונדענע הינט, אין עטלעכע קאַרצער־צעלן, אין קעלער. זײ זענען גע־לעגן מיט פֿאַרשטאָפּטע, פֿאַרבונדענע מײלער. אמת: ביטערע „נאַסע" קלעפּ האָבן באַקומען די „קאַליפֿאַקטאָרן". זײ האָבן באַקומען די קלעפּ

נ ע כ ט ן

אין קאָנסעקווענץ פון אַלטע פערזענלעכע חשבונות מיט די אָדער יענע קרימינעלע שותפים, נאָך פון דער פריי. די „באַפרייטע" האָבן נישט פאַרגאָסן קיין טראָפּן מענטשלעך בלוט, אויסער די פּאָר פריער דערמאָנטע „קאָליפּאַקטאָרן", צעשלאָגענע דורך זייערע „פריינט".

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אַלע אַרעסטירטע זענען ווידער געלעגן פאַרשפּאַרט און פאַרריגלט אין די צעלן, אַ טייל פון זיי געשמידטע אין קייטן, אָדער געבונדן מיט שטריק ווי שחיטה־בהמות, מוראדיק צעממיתטע.

ס'איז שטיל געוועזן ביז האַלבע נאַכט. און מיר זענען נאָך אַלץ געלעגן פאַרשפּאַרטע אָן עסן, אָן אַ טראָפּן וואַסער, מיט אַן איבערפּולטער פּאַראַשע... נישט וויסנדיק קיין פּרטים וואָס דאָ האָט פּאַסירט. מיר זענען אַזוי געלעגן ביז פאַרטאָג, ווען די תליונים פון זשוואַלגיבע, צוזאַמען מיט אָנגעשיכורטע זעלנער, זשאַנדאַרן און תפיסה־וועכטער, האָבן געווילדעוועט אין די צעלן, איבער די שוצלאָזע, האַלב פאַרחלשטע טויט־צעשראָקענע אַרעסטאַנטן, אָן חילוק אומשולדיקע פּאָליטישע, וואָס האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן חלק אין דער שפּיל, אָדער קרימינעלע אָנטיילנעמער אין דער „אַמנעסטיע".

אַ סך יאָרן זענען אַוועק זינט יענעם אימה־טאָג אין קאָוונער „געלער" תפיסה. יאָרן מיט מלחמות, מיט הריגות, פייער און וואַסער, פּאָגראָמען און שחיטות. יאָרן פון דעסטרוקציע פון חורבן, ביזן פאַרניכטן אונדזער יידיש פאָלק אין יענעם וועלט־טייל, בעת דער בלוטיקער שוואַרצער האַקנקרעציקער מגיפה אין אייראָפּע. פונדעסטוועגן גרויליט דיר אויף זיך צו דערמאָנען די אימה פון יענער נאַכט אין דער צענטראַלער תפיסה אין קאָוונע, אין דער הויפּטשטאָט פון דער „פרייער" ליטווישער רעפּובליק. די יללות און גוואַלטן, די דומפּע שיסעריי אין די קאַרצערס, וואו מען האָט לעבעדיקע מענטשן שעהן לאַנג געפּאַסעוועט דאָס לייב, איבערגעבראָכן רוקנס, העגט מיט פּיס...

מיט אונדז אין קאַמער איז געזעסן אַ פאַרזינדיקטער געוועזענער גלח, וואָס האָט מוחל געווען די כהונה, אַראָפּגעוואָרפן די סוטאַנע, אויסגעטאָן דעם צלם און אַוועק צום פאָלק פריידיקן „אחוה" און „גלייכהייט", ווי אַן אוראַלטער קריסט ערגעץ אין מדבר יהודה, — זע איך אים ביז היינט

אין דמיון, ווי ער שטייט אויף די קני ביי דער טיר, בוקט זיך און האַקט מיטן צעביילטן שטערן די פּאָדלאָגע, צלמט זיך, וויינט און שטאַמלט: —

„דאָמינוס וואָביסקום — דאָמינוס" — — —
„פּולקים קרישטשאָנעס, — פּולקים" — — —
„יעזו־קריסטוס — מאַריאַ" — — —

ווער ס׳האָט איבערגעלעבט יענע גרויל און שוידער־נאַכט, האָט זיך יאָרן שפּעטער נישט געוואונדערט צו הערן, אַז ס׳האָבן זיך געפונען אַ סך, מאַסן „גוטע שטילע" ליטווינער, וואָס זענען געווען תּליונים און קרעמאַ־טאָריע־הייצער ביי היטלערן, צו העלפן פאַרניכטן די יידן פון ליטע.

צווישן די אינקוויזירטע, זענען, ווייזט אויס, נישט געווען קיין יידן, ווייל צווישן די קרימינעלע זענען בדרך כלל געווען געציילטע „בני דת משה". פון די גרויליקע געוויינען האָבן מיר נאָר געהערט ליטוויש לשון: „דיעוואַס, יעזו, קריסטוס", „דיעוואַס, קריסטוס, העלף, ראַטעווע"!

ליטע איז דעמאָלט געווען גלחיש, פרום, זייער גאָטספאַרכטיק, „גאָט — דיעוואַס, יעזו־קריסטוס" איז יענע שוידער־נאַכט געווען טויב, מאַכט־לאָז אַנטקעגן די פרומע ליטווישע „רעפּובליקאַנער", וואָס האָבן געפּראַ־וועט אַזאַ באַרטאָלאָמייאוס־נאַכט, אַזאַ אָריגינעל־ליטוויטש־הוגענאָטיש זשוואַלגיבע הלולה.

חוץ צוויי פאַרמשפּטע אויף אייביקער תּפיסה, איז דעמאָלט קיינער פון די פּאָליטישע געפאַנגענע נישט אַנטלאָפן. קיינער האָט זיך בכלל נישט גערירט פון די קאַמערן אַרויסצוגיין, ווייל די בריחה איז אין יענעם מאָ־מענט געווען אַ לייכטזיניקער אומזין און זיכערער דורכפאַל. אַן אויסדרוק פון טיפסטער פאַרצווייפלונג פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדער ווילן צו לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען ווי זיי האָבן געלעבט.

אָבער, די טורמע־אַדמיניסטראַציע, בעיקר די זשוואַלגיבע, האָבן נישט געקאָנט אויסלאָזן אַזאַ געלעגנהייט נישט צו מאַכן אַ שטיקל חשבון מיט די פּאָליטישע, זיי נישט צו אינקוויזירן און פייניקן.

ווי ווילדע חיות האָבן זיי זיך קודם כל אַריינגעריסן אין די פּאָלי־טישע צעלן, וואָס זענען פריער, דורך די אַרעסטאַנטן אויפגעמאַכט גע־

ווארן, דערנאך אין די צעלן ווי אונדזערע, וואס זענען די גאנצע צייט געווען פארריגלט, פארשלאסן. זייערע צעווילדעוועטע פרצופים האבן דא נישט באגעגנט צעווארפענע צעבראכענע „בינטלעך" מענטשן, ווי אין די קרימינעלע צעלן, נאר צענויפגעשלאסענע מענטשן־וועגט, וואס האבן זיך געהאלטן געשלאסן צוזאמען, אקסל ביי אקסל אנטשלאסן, קאלט, גרייט צו א ווידערשטאנד ביז צום סוף, אויף לעבן אדער טויט. לכתחילה האבן זיך ביי זיי ארפגעלאזן די הענט, אבער — — — כדי נישט אוועקצוגיין מיט גארנישט, האבן זיי זיך געווארפן — — — ברעכן, רייסן, פארניכטן אלץ, וואס ס'האט זיך געפונען אין צעל: די נארעס, די בענק און טישן, די פאר ביכער, די שטיקלעך באקליידונג און שטרוי־זעק, אפילו די פולע פאראשעס מיטן צוואה זענען נישט געבליבן גאנץ. אזוי ביז — ביז זיי האבן געשטילט זייער מערדעריש בלוט און פארניכטונג־דורשט און אוועק „באקרוינטע", באגלייט פון אונדזערע איראנישע בליקן. כמעט דאס זעלבע בילד האט זיך איבערגעחזרט אין אלע פאליטישע קאמערן, וואו די מענער זענען געזעסן, חוץ געציילטע פאלן פון באפאלן און שלאגן דא און דארטן. אבער מיט דעם האט זיך דער „עסק" נישט פארענדיקט פאר די פאליטישע. מען האט אונדז באשטראפט מיט „כל הנערים" אויף א גאנצער וואך קארצער־רעזשים, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין געבן יעדן צווייטן טאג א שטיקל טרוקן ברויט מיט וואסער, צו פארווערן גיין זיך ארומוואשן, שוין אפגערעדט פון טעגלעכן שפאציר, פון גיין אין באד, און אויפן פערזענלעכן באדארף, איינמאל אין מעת לעת באגינען. מען האט אונדז, ווי אלעמען, אפגענומען דאס רעכט פון שרייבן און קריגן א בריוו, צוזאמען מיט די וועכנטלעכע זעאונגען במשך פונעם גאנצן חודש, א הייסער שטיקנדיקער זומער־חודש.

נאכן אויפשטאנד האט די אדמיניסטראציע פרובירט צונישט מאכן די דערגרייכטע, אויסגעקעמפטע פארלייכטערונגען פון די פאליטישע אין קאוונער טורמע. ס'האט זיך זיי געגלוסט ניוועלירן דעם לעבן־סטאנדארט און לעבן־ניוואָ פון פארשפארטן פאליטישן געפאנגענעם — צו דעם סטאנדארט פון קרימינעלע פארברעכער, אבער זיי האבן זיך באזינט, דערמאנענדיק זיך דעם שטורעם, די אבסטרוקציעס, די הונגער־שטרייקן

מיטן אייזערנעם ווילן און דיסציפלין פון די פּאָליטישע. זיי האָבן זיך אויך דערמאָנט דעם רעש אין אויסלאַנד, מיט דער גרויסער שטילער מאָראַלישער הילף, וואָס די פּאָליטישע האָבן נישט אויפגעהערט באַקומען פון דרויסן. זיי האָבן צוריקגעקערט דעם סטאַטוס־קוואָ די פּאָליטישע און — אין אַ געוויסער מאָס אויסגעבעסערט דעם גרויל־רעזשים כלפּי די קרימינעלע, ווייל דער „ריח נחוח" פון קאָוונער תפיסה האָט שוין דעמאָלט גענומען שלאָגן, אויסער די גרענעצן פון ליטע, וואו מען האָט שווער געגלויבט, אַז אַזוינס קאָן פאָרקומען אין אַזאַ קליין, יונג מדינהלע, אַ מיטגליד אין „פעלקער־בונד", מיט אַ גאָטספאָרכטיקער גלחישער רעגירונג...

גאַלין

סוף סעפּטעמבער 1924 האָב איך דורכגעמאַכט אַ שווערע אינקווי־זיציע־נאַכט אין דער קאָוונער „זשוואַלגיבע״ (געסטאַפּאָ) אויף מישקו גאַס. די אינקוויזיטאָרן זענען געווען ביידע שפּיצן פון ליטווישן געסטאַפּאָ — ראַטשיס און ספּירידאָנאָוו. ביידע פלעגן אויספאָרשן זייערע קרבנות אין מיטן נאַכט, אין אַ האַלב טונקעלן צימער מיט פאַרשלאָגענע דאָפּלטע פענצטער, מען זאָל חלילה נישט הערן אין גאַס אַ געשריי פון אַ געפּיי־ניקטן. ווייזט אויס, אַז ביידע פּייניקער האָבן געוואָלט איך זאָל שרייען פון ווייטיק, כדי מיך מבזה זיין פאַר די יונגע קיילער, וואָס האָבן זיי באַדינט, אָדער זיי האָבן זיך ביי זיי געלערנט די געסטאַפּאָ־מלאכה.

יענע נאַכט איז גראָד דער ברוט ספּירידאָנאָוו געווען איינגעהאַלטן אין באַצוג צו מיר, בעת ראַטשיס, דער מיטן אינטעליגענטן אויסזען, האָט געווילדעוועט, זיך געריסן און געברילט מיט אַ שוים אויף די ליפּן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז מיטן „מאַסאַזשירן״ מיין פּלייצע מיט זיין גומענער נאַהייקע, וועט ער אַרויסקריגן פון מיין מויל „סודות״ מיט נעי־מען פון פּאַרטיי־חברים, פון באַקאַנטע קאָמוניסטן, אַפילו פון יידישן נאַ־ציאָנאַל־ראַט, וכדומה. דאָס „מאַסאַזשירן״ מיט אַ גומענער נאַהייקע איז אויך געמאַכט געוואָרן אויף אַן „אָריגינעלן״ אופן: די יונגע קיילער, די באַהעלפער פון די אינקוויזיטאָרן, פלעגן דיר הינטערווילעכץ אַ כאַפּ טאָן פאַרן קאָפּ, פאַרשטאָפּן דאָס מויל, פאַרדרייען די הענט און דעם קאָפּ אַריינשטופּן אין דער אָפענער טירל פון — — — אויוון אין אַש...

לכתחילה האָב איך מוראדיק געליטן פון די קלעפּ, זיך געביסן די ליפּן ביז בלוט, כדי נישט צו פאַרלירן נישט אַ געשריי, נישט דעם מוט און איבערמענטשלעכע געדולד, אָבער ביסלעכווייז, נאָך אַזאַ צוויי־שעה־דיקער „אויספאָרשונג״, פלעג איך ווערן ווי פאַרגליווערט, פאַרטויבט און גלייכגילטיק כלפּי די אינקוויזיטאָרן, פון גאָרנישט, פון קיינעם נישט גע־

טראַכט, נאָר צוגעשפּיצט דעם גאַנצן באַוואוסטזײַן, מיט אַלע איבערלעבטע מאָראַלישע קרעפטן, ביזן לעצטן טראָפּן װילן אױף אײן פּינטל: — נישט פאַרלירן אַ װאָרט, נישט אַרויסברענגען אַפילו דעם אומשולדיקסטן מענטש־לעכן נאָמען. די דאָזיקע עצה האָב איך באַקומען פון געניטע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, װאָס זענען נישט אײנמאָל געפּייניקט געװאָרן אין דער „זשװאָלגיבע״. זײער עצה האָט מיר גוט געדינט, באַזונדערס װען מען איז ערשט אין די צװאַנציקער, יונג, מיט געזונטע נערװן, בײַ די פולע קרעפטן.

נאָך אַזאַ „אויספאָרשונג״ פלעגט מען דעם געפּײניקטן אַרײַנװאַרפן אין אַ קלײן צימערל, ער זאָל אַביסל קומען צו זיך, און װאַרטן ביז אין דער פרי, ביז עס װעלן קומען די זשאַנדאַרן אים צו נעמען צוזאַמען מיט נאָך פון זײַנס גלײַכן צוריקפירן אין תּפיסה, װאַרטן אויף אַ װײַטערדיקער „באַהאַנדלונג״.

אַזוי בין איך יענע נאַכט אַרײַנגעפאַלן אין יענעם „זשװאָלגיבע״־צימערל, און געפילט אויף דער פּלײצע, צוזאַמען מיט די װאונדן, די שפּיציקע, שטעכעדיקע חזיר־אויגן פון די אינקװיזיטאָרן. איך האָב זיך נאָך װי נישט איז געהאַלטן אויף די פיס, אָבער װי נאָר כ׳האָב דערהערט דעם קלאַפּ אין טיר און קלאַנג פון שליסל, האָב איך נישט װעלנדיק גע־קניט און צוזאַמענגעבראָכן אין חלשות, װי צו פאַלן מיטן פּנים עמעצן אין שויס, װאָרום דאָס צימערל איז געװען לאַנג און שמאָל, מיט בענק פון בײדע זײַטן װענט, װאו עס זענען געזעסן מענטשן נאָך און פאַר דער אויס־פאָרשונג, אויסגעמישט, נישט איזאָלירט. דעמאָלט איז די אינקװיזיציע־טעכניק אין ליטע נאָך נישט געװען אַזוי ראַפינירט, װי שפּעטער, בײַ זײַע־רע היטלעריסטישע קאָלעגן.

כ׳בין געװען באַטויבט און געפילט װי מײַן גאַנצער קערפּער װאָלט זײַן אײן גרויסע פײַערדיקע װאונד. אַ װײַלע שפּעטער בין איך געקומען צו זיך און געפילט װי עמעצער גלעט מיר דעם קאָפּ און װײזט זײַן שכן אַרויסגעריסענע האָר פון מײַן דעמאָלט נאָך פײַן פאַרװאַקסענעם פּליך... כ׳האָב זיך פאַרשעמט פאַר מײַן שװאַכקײט און זיך אויפגעשטעלט װאַק־לענדיק און זיך אַנטשולדיקט פאַר דעם, װאָס האָט מיר געגלעט, בעת מײַן קאָפּ איז געלעגן אין זײַן שויס. אין צימערל איז געװען טונקל, נישט צו

זען גוט קאַלירן אָדער שטריכן פון אַ מענטשלעכן געזיכט, דערפאַר האָב איך געהערט אַ ווייכע סאַמעטענע, אַ מעלאָדישע שטים, וואָס האָט גע־רעדט אַ ליטעראַרישן רוסיש:

—„אויספּאַקאַיטיעס, מאַלאָדאַי טשעלאָוויעק, אוספּאַקאַיטיעס טאָוואַ־רישטש״. (באַרואיקט זיך יונגערמאַן, באַרואיקט זיך חבר).

—„ווסיאָ פּראָידיאָט״ — אַלץ וועט פאַרביי; „אוספּאַקאַיטיעס״ — באַרואיקט זיך.

די מענטשן האָבן זיך צונויפגעדריקט און געמאַכט פאַר מיר פּלאַץ זיך צוצוזעצן. אין אַזעלכע מקומות, ביי אַזעלכע אומשטענדן, איז די אחוה, די ברידערלעכקייט מיט דער פריינטשאַפט גרויס און רירנדיק. דער מענטש האָט מיר דערלאַנגט אַ בלעכן טעפּעלע וואַסער, כ׳האָב פאַרזיכטיק אָפּ־געווישט מיינע צעביסענע ליפּן און אַ זופּ געטאָן. דערנאָך האָט ער מיר אַריינגעשטופּט אין מויל אַ צוקערל.

— „גאַלין״! — האָט אַ קיילער אַ געשריי געטאָן אין דער אויפגע־פּראַלטער טיר.

ס׳איז שוין געווען געוווינגט ליכטיק צו זען פאַר די אויגן אויפשטיין אַ הויכן געשטאַלטיקן שיינעם מאַן, גוט אָנגעטאָן, אין אַ פיינעם שוואַרצן מאַנטל מיט אַ האַרטן הוט — אַ „קאַטעלאַק״ אין האַנט. זיין פּנים איז געווען קיילעכדיק פיין געבויט. זיין קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט בלאָנדע צוגעקעמטע האָר, אָבער ס׳איז נאָך געווען צו ווייניק ליכט צו זען יענעם פאַרטאָג זיינע מילדע גרוי־בלוילעכע אויגן.

— „דאָ״ — האָט ער געזאָגט און איז מלכותדיק שטאָלץ אַרויס פון צימערל, איינגעבויגן דעם קאָפּ, וואָס איז געווען העכער ווי דער ביישטידל פון טיר. אַז ער איז אַרויס, איז ווי ליידיק געוואָרן אין צימערל.

ער איז אַוועק. ס׳איז מיר געוואָרן גערוים צו זיצן און איך האָב גע־קענט פאַרזיכטיק פאַנאַנדערקלייבן די געזיכט־שטריכן מיטן אויסזען פון מיינע אחים לצרה, די פּאָליטישע אַרעסטירטע, פאַרשפּאַרט דאָ אין צי־מערל: — אַ פּאָר סטודענטן, אַן אייזנבאַנער אין פולער אוניפאָרם, אַ לע־רער, אַ פּאָר באַאַמטע און מיין נאָענטער שכן, וואָס איז געזעסן איינגע־בויגן, צוזאַמענגעבראָכן און געהאַלטן דעם קאָפּ אין די דלאָניעס פון די

הענט, זיך לייכט צוגעשאָקלט. אויף זיינע קני איז געלעגן אַ פלאַט־אַפּי־צירן־היטל באַזוימט מיט גאָלדענעם גאַלון, מיט אַ שיין אויסגעצאַצקעטן אַנקער אין דער קאָקאַרדע. ער איז געווען געקליידט אין פלאַט־אוניפאָרם מיט שליפעס מיט גאָלד אויסגענייטע שטרייפן ארום. די מאַנקעטן פון די אַרבל פונעם גראַנאַטענעם מונדיר זענען אויך געווען אַרומגענומען מיט עטלעכע גאָלדענע גאַלון־סטענגעס אויסגעשלייפטע, איבערגעפלאָכטענע. ליידער געדענק איך נישט געננוי זיין נאָמען: מיטשמאַן נאָוויצקיס, אָדער גאַליצקיס, אַ ליטווישער האַנדלס־פלאָט אָפּיציר פון מעמלער פּאָרט, אַרעס־טירט צוזאַמען מיט גאַלינען, באַשולדיקטע אין שפּיאָנאַזש לטובת ראַטנ־רוסלאַנד.

יאָ, גאַלין איז געווען אַ רוס, אַ תושב פון דער דייטש־ליטווישער האַפן־שטאָט מעמעל אויפן באַלטישן ים און ס׳איז נישט זיכער צי גאַלין איז טאַקע געווען זיין אמתער נאָמען, אָבער אַזוי האָט ער געהייסן אָפּי־ציעל לויט זיינע דאָקומענטן, לויט דעם נאָמען האָט מען אים געמשפּט.

אַ צוויי טעג שפּעטער זענען מיר געלעגן אין דער „פּערעסילנער״ אָפּטיילונג פון דער טרויעריק באַרימטער „געלער״ טורמע. מיר האָבן זיך באַגעגנט ווי „אַלטע באַקאַנטע״ פון דער „זשוואַלגיבע״ און זיך באַפריינ־דעט ווי שכנים אויף די שמוציקע פּאַרוואַנצעוועטע נאַרעס.

דער פלאָט־אָפּיציר האָט מ׳יר בלחש דערציילט, אַז ער ווייס אסור נישט וואָס מען וויל פון זיין לעבן. די איינציקע שולד, וואָס ער פילט איז זיין באַקאַנטשאַפט מיט גאַלינען, אַ פיינער איידעלער מענטש, אַן אמתער אַריסטאָקראַט, מיט וועמען ער פלעגט זיך באַגעגענען אין מעמעל אין אַ קאַפע און פריינטלעך שמועסן וועגן אומשולדיקע ענינים פון טאָגטעגלעכן גאַנג. גאַלין איז געווען באַקאַנט ווי אַ שיפס־אַגענט, אַ זשורנאַליסט און אַן עקספּעדיטאָר. אַ גוטער ברודער מיט אַלעמען, אַ מענטש מיט אַן אָפן האַרץ און אָפענע הענט. ביי אים פלעגט מען קריגן אַ גמילת חסד, ער פלעגט קיינמאָל נישט דריקן און נישט מאָנען ס׳געלט צוריקקערן אין באַ־שטימטן טערמין. ער פלעגט זיינע ידידים מכבד זיין מיט אַ צובייס און אַ טרונק, שפּילן אין קאָרטן און דערביי רעדן און אַרומרעדן וועגן אַלץ מיט אַלעמען אין דער וועלט. גאַלין פלעגט זיין אָנגענומען אין די שענסטע הייז

מען, באַזונדערס וואו ס׳זענען דאָ דערוואַקסענע טעכטער, ווייל ער איז געווען אַ בחור׳, אַ נישט חתונה־געהאַטער, און נישט איין מיידל האָט פון אים געחלומט. פלוצים אַרעסטירט מען אים ווי אַ געפערלעכן שפּיאָן, מען אַרעסטירט מיך אויך ווי זיינעם אַ — באַהעלפער...

— „איך האָב אַ פרוי מיט צוויי קינדער. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געפירט אַ רואיק גליקלעך לעבן אינעם שויס פון מיין משפחה. איך פלעג ווי אַ מ׳טשמאַן אַריין און אַרויספירן שיפן אין פּאָרט. טאַמסאַ (הער) גאַלין, אַזאַ ליבער מענטש, האָט זיך אינטערעסירט מיט מיר און מיין משפחה, מיט מיין אַרבעט. איך פלעג אים שטענדיק גערנ־וויליק דערציילן וועגן די אַריין און אַרויסגעפירטע שיפן, נישט חלומענ־דיק אַפילו, אַז מיינע נאַאיווע רייד קאָנען מיט עפּעס שעדיקן ליטע, און אַז מיינע שמועסן מיט גאַלינען זענען „שפּיאָנאַזש״, „פּאַראַט״, וכדומה. וואַ־רום די שיפן פאָרן דאָך נישט געהיים, אַלע זעען זייער אָנקום און צוריק־גיין אין ים, און זיינע פראַגן וועגן טאָנאַזש, וועגן כאַראַקטער פון די לאַדונגען, זענען מיר געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, — גאַלין איז דאָך געווען באַקאַנט ווי אַ זשורנאַליסט און עקספּעדיטאָר. אַ מענטש, וואָס ציט פּרנסה פון פּאָרט, פון ים־קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט, און אָט אַזאַ אומגליק, אַזאַ בראָך, גאָט מיין גאָט, יעזוס קריסטוס״!

בעת משפטים איבער פּאָליטישע אַרעסטירטע, פלעגן זיך שלעפּן אָן אַ סוף, האָט מען גאַלינען מיטן פּלאָט־אָפיציר געמשפּט איינס־צוויי, בסך הכל נאָך עטלעכע וואָכן זיצן. דעם פּלאָט־אָפיציר האָט מען צוגעפּסקנט 12 יאָר קאַטאָרגע און גאַלינען — פאַרמשפּט צום טויט.

דער דראַסטישער, גיכער אורטייל האָט אונדז אַלעמען דערשיטערט, ווייל ער איז געקומען אומדערוואַרט. ס׳האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַטאַלער טעות און דאָס געריכט וועטביידן באַ־פרייען, גאַלינען מיטן מיטשמאַן. ווי׳ קומען אַזעלכע שטילע ליבע מענטשן צו שפּיאָנאַזש? מעגלעך, אַז מיר זענען געווען צו נאַאיוו, אָדער די אילוזיע פון זייער אומשולד האָט זיך ביי אונדז געשאַפן פונעם פאַקט, וואָס ביידע זענען ביזן מ׳שפּט געזעסן צוזאַמען מיט אונדז, וועלכע זענען נישט געווען פאַררעכנט פאַר אַזעלכע „שווערע, געפערלעכע פאַרברעכער״. מען האָט

זיי נישט איזאָלירט, נישט געהאַלטן אונטער אַ שטרענגער אויג אין די איינצל־קאַמערן, ווי מען האָט זיך געפירט אַפילו מיט לייכטערע באַשול־דיקטע. ווייזט אויס, אַז גערעכט איז געווען דער קאָמוניסט (אַ געוועזענער גלח), וואָס איז געזעסן צוזאַמען מיט אונדז. ער האָט געטענהט, אַז מען האָט בעיקר נאָכגעפאָלגט גאַלינען, און בכוונה תחילה אים מיטן מיטש־מאַן פאַרשפּאַרט צוזאַמען מיט אונדז. מיט אונדז זענען זיכער געזעסן פּראָ־וואָקאַטאָרן, וואָס האָבן געדינט אין דער זשוואַלגיבע און דורך זייער הילף האָט מען געוואָלט דערגיין צי זיי האָבן באַקאַנטע, אָדער עפּעס אַ פּיצל שייכות צו די אַרעסטירטע, וויכטיקע קאָמוניסטן, אָדער — צי גאַלין גיט עפּעס איבער אין דרויסן מיט דער הילף פון די קאָמוניסטן, אפשר וועלן זיי אַנטאַפּן אַ פאָדעם צו געפינען נייע קרבנות.

אונדז, נאָך נישט געניטע יונגע „מומחים און מבינים” אין פּאָליטישע אינטערנאַציאָנאַלע ענינים, איז בכלל דעמאָלט שווער געווען תופס צו זיין — וואָס קאָן מען אויסשפּיאָנירן אין אַזאַ אָפּגעריסענעם קליינעם פּאָרט ווי מעמעל, וואָס זאָל שטעלן אין סכנה די זיכערקייט פון ליטע? — וואָס פאַר אַ גוואַלדאָוונע סודות קאָנען זיין פאַרבונדן מיטן מאָגערן ליטווישן עקספּאָרט פון חזיר־האָר, וואָל, אייער אָדער האָלץ, וואָס זאָל אַזוינס אָנ־גיין און אינטערעסירן דעם ראַטנפאַרבאַנד? אַ טראַטווע האָלץ מער אָדער ווייניקער, אַ פּאָר קעסטלעך אייער מער אָדער ווייניקער? ווידער דער אימפּאָרט דורכן פּאָרט פון מעמעל איז אויך געווען אַ מיזעראַבלער, דאָס ביסל אייזן, מאַשינען, אינסטרומענטן, וכדומה, געווער און אַמוניציע? — וויפיל געווער מיט אַמוניציע ליטע זאָל נישט ברענגען פון אויסלאַנד, שטעלט זי נאָך נישט אין סכנה דעם ראַטנפאַרבאַנד, אויב יאָ, קאָן די סאָוועטישע אויסשפּיר־דינסט איר אַרבעט מאַכן בעסער און עפעקטיווער אין די גרויסע רוישיקע אַרויספיר־פּאָרטן, וואו דער אויסשפּירער וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, ווי אין דעם קליינטשיקן מעמעלער פּאָרט.

„ובכן”, האָבן מיר צווישן זיך געשמועסט, „מוז גאַלין זיין אַ חשובער קאָמוניסט, וואָס אַרבעט אין דער ליטווישער קאָמוניסטישער קאָנספּיראַ־ציע, און די „זשוואַלגיבע” וויל אים אָפּראַמען פון וועג אונטערן אויסרייד פון „שפּיאָנאַזש”. אגב פלעגט דעמאָלט די ליטווישע געסטאַפּאָ שטילער־

הייט דערשיסן פון הינטערן פלייצע פּאָליטישע טוער, כדי שפּעטער זיך צו פאַרענטפערן, אַז זיי האָבן דעם קרבן אַרעסטירט און בעת ער האָט פּרובירט צו אַנטלויפן איז ער, נישט וועלנדיק, דערשאָסן געוואָרן.

ס'איז פאַר אונדז נישט געווען קיין ספק, אַז גאַלין איז יאָ געווען אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט צווישן די באַלטישע קאָמוניסטן. מיר האָבן עס געלערנט פון שטומען כבוד, וואָס די אַרעסטירטע קאָמוניסטישע גדולים האָבן אים אויסגעטיילט און זיך באַמיט צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי קענען אים נישט, ווייסן נישט ווער ער איז, קיינמאָל נישט צו רעדן מיט אים אַ וואָרט. בקיצור, מיר האָבן דאָך געהאַט גענוג באַווייזן, אויב נישט פאַקטישע איז אינטואיטיווע, אַז די ברוטאַלע „זשוואַלגיבע״ איז פריער געלונגען צו פאַנגען אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, און דערנאָך אַרויסקריגן אַ לעגאַלן מאָרד־אורטייל נישט פאַרן חטא פון „שפּיאָנירן פאַר אַ פרעמדער מדינה, איינצושטעלן די זיכערקייט פון ליטע״, נאָר פשוט דערמאָרדן פאַר קאָמוניסטיש־פּאָליטישער טעטיקייט, ווייל ווען דאָ וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַ וויכטיקער פּערזאָן, וואָלט זיי אים שטילערהייט דערשאָסן הינטן אין קאָפּ, אין אַ פינצטערן ווינקל, וחסל. דעריבער האָט דעמאָלט דער אורטייל געמאַכט אַזאַ טיפן דערשיטערנדיקן רושם אויף אַלע לינקע פּאָליטישע אַרעסטירטע פון דער „געלער״ קאָוונער תפיסה, וואָס איז געווען אַ „וועלט״ פאַר זיך.

גלייכצייטיק האָבן מיר אויך געלערנט, אַז אויף גאַלינען האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן, אויב ער האָט ווירקלעך מיט עפּעס יאָ געהאַט צו טאָן מיטן געהיימען סאָוועטישן אויסלענדישע אינטעלידזשענס־דינסט.

דער מענטש האָט געהאַט די וואונדערלעכע פעאיקייט באַליבט און באַפריינדעט צו ווערן מיט אַלעמען, אַפילו אין טורמע. ער פלעגט דערציילן פאַרשיידענע מעשיות און פּאַסירונגען פון זיין לעבן, נישט פאַרלירנדיק דאָס מינדסטע וואונק וועגן זיין פּערזענלעכקייט, פאַך און פרנסה, שוין אָפּגערעדט וועגן זיין משפחה, וכדומה, בעת דער מיטשמאַן האָט נישט אויפגעהערט רעדן, פּלאַפּלען און דערציילן פון אַלץ און אַלעמען, נאַאיווע אומשולדיקע רייד, פּאַסירונגען, משפחה־ענינים, אַרבעט, פאַרבינדונגען, אא״וו. דעם מיטשמאַנס רייד האָבן נאָר איבערצייגט זיין פשטות

און פערזענלעכע נאַאיווע פרימיטיווקייט. ער האָט קיינמאָל נישט פאַר־באָרגן זיינע באַציאונגען און באַקאַנטשאַפט מיט גאַלינען, ווי אַזוי ער פלעגט אים נאַאיוו, אָן שום כוונות אינפאָרמירן וועגן דעם גאַנג, וועגן די מענטשן, עסקים און נאַוויגאַציע פון איינציקן „ליטווישן" ים־פאָרט מעמעל.

בעת מען האָט באַלד נאָכן גזר דין גאַלינען איזאָלירט און פון גע־ריכט דירעקט אַריינגעזעצט אין „טויטן־קאַמער", האָט מען דעם מיטשמאַן צוריקגעבראַכט צו אונדז, אינגאַנצן אַ צעבראָכענעם מענטשן.

* * *

נאָכן משפט זענען די שטענדיק טומלדיקע איבערפולטע „פּאָליטישע" קאַמערן, ווי פאַרשטומט געוואָרן. די אַטמאָספער איז געוואָרן דריקנדיק געדיכט, ווי איינגעהילט אין עפּעס אַ מיסטעריעזער דערוואַרטונג. מען האָט זיך באַמיט אַפילו צו רעדן שטיל, בלחש, און ביי יעדער געלעגנהייט זיך צוגנבענען צום פאַרקראַטעטן פענצטער, כאַפּן אַ באַלכסונדיקן קוק אין דערנעבנדיקן פליגל, וואו מען פלעגט אונטער אַ שווערער שמירה האַלטן די יעניקע, וואָס האָבן דערוואַרט דעם טויט.

מיר האָבן עטלעכע מאָל געזען גאַלינען אַרויסקוקן דורכן פענצטערל צווישן די גראַטעס פון „טויטן צעל". מיר פלעגן פון ווייטן זען מטושטש זיין פּנים, אָדער זיינע הענט, ווי זיי רעדן פלינק אין דער אוניווערסאַלער פינגער־שפּראַך פון אַלע תפיסות. מיר פלעגן אים זען שפּאַצירן די אָפּי־ציעלע האַלבע „אויסגאַנג"־שעה אַ יעדן טאָג, איינער אַליין אין הויף, בעת יעדער ווינקל איז געווען באַוואַכט פון באַוואָפנטע וועכטער. אַפילו נאָכן פּסק־דין האָט ער נישט פאַרלוירן זיין שטעל, זיין אויסזען, תמיד ראַזירט, אָנגעטאָן אין שוואַרצן מאַנטל, מיט דער רונדער האַרטער הוט אויפן קאָפּ, נאָר די שווערע קייטן צוגעשמידטע צו זיינע פיס ביי די קנעכלעך, צוגע־בונדן פון אויבן צום הויזן־גאַרטל, פלעגן ביים שפּאַציר אויסקלינגען די מיסטישע מעלאָדיע פון טויט, פון הילפלאָזיקייט פונעם פאַרשפאַרטן יחיד, אָט דאָ אין דעם געלן שטיינערנעם קאַסטן, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער אַרום און אַרום.

יענע וואָך האָבן מיר פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט מיט דער אָפּאַטיע

פונעם פֿאַרמשפּטן אַרעסטאַנט, וואָס איז משלים מיט זיין גורל, נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, געדולדיק צו ציילן טעג, וואָכן און חדשים, — אַנדערע חדשים און יאָרן ביזן אָפּלויף פֿון דער שטראָף־צייט. מען פֿלעגט זיך וואַרפֿן אויף די האַרטע געלעגערס, זיך אויפֿכאַפּן אין מיטן נאַכט פֿון אומרואיקן שלאָף, חלילה נישט צו פֿאַרשלאָפֿן צו זען אָדער הערן גאַלינס לעצטן גאַנג אין לעבן — צו דער תליה, אָדער צו דער „וואַנט". די עקזעקוציעס פֿלעגן די ליטווינער אין יענער צייט שטענדיק אויספֿירן באַגינען, פֿאַר זון־אויפֿגאַנג.

עס דערמאָנט זיך ווי איך בין געווען אַ דעזשורנער אין תּפֿיסה־קיך, אַ ר ע כ ט, וואָס די פּאָליטישע אַרעסטירטע פֿון דער „געלער" תּפֿיסה האָבן אויסגעקעמפֿט נאָך אַ ביטערן גערangל און הונגער־שטרייק. דאָס רעכט משתּף צו זיין יעדן טאָג אַן אַרעסטאַנט אין קיך אַכטונג צו געבן מען זאָל נישט באַגנבֿענען די מאָגערע שפּייז־ראַציעס, און נאָכן קיך־דינסט אַנטיילנעמען אין פֿאַנאַנדערפֿירן די קעסלען ביים איבערגעבן זיי אין די צעלן. דאָ פֿלעגט דער דעזשורנער אַכטונג געבן, אַז אין די לאַנגע טונקעלע קאָרידאָרן זאָלן די וועכטער מיט זייערע משרתים פֿון צווישן די קרימינעלע אַרעסטאַנטן, נישט אַרויסגנבֿענען די פּיצלעך פֿלייש עס צו פֿאַרטיילן די יחסנים, די יעניקע, וואָס זייערע קרובֿים פֿון דרויסן, באַצאָלן גוט פֿאַר „ס פּ ע צ י ע ל ע ר באַהאַנדלונג" די אייגענע.

מיט ציטער און האַרץ־קלאַפּן בין איך צוגעקומען צו גאַלינס איינצל־קאַמער, אים דערלאַנגען דאָס קעסעלע שפּייז מיט דער שטיק שוואַרץ־ברויט.

אָט מאַכט זיך אויף די שווערע, מיט אייזן באַשלאָגענע טיר, אָט שטייט פֿאַר מיר זיין מלכותדיקע פֿיגור מיט די שווערע קייטן אויף די פֿיס צוגעבונדן צום הויזן־גאַרטל, עס זאָל זיך נישט שלעפּן אויף דער ערד. גאַלין פֿאַרלירט נישט דעם שטענדיקן שמייכל, און פֿאַרלירט בלחש צוויי ווערטער: — „פּאָסליע זאַווטראַ", איבערמאָרגן. איבערמאָרגן ענדיקט זיך פֿאַר אים אַלץ.

כ'האָב זיין „פּאָסליע זאַווטראַ" געבראַכט אין מיין קאַמער, וואָס האָט אַלעמען אַ טרייסל געטאָן, כאָטש מען האָט עס דערוואַרט יעדן טאָג,

יעדע שעה. אַ טויטע שטילקייט איז אַלעמען באַפאַלן. מען האָט איבער־געריסן דאָס עסן, וואָס האָט זיך נאָך דער ידיעה געשטעלט יעדערן קאַ־פויר אין האַלדז. מען האָט זיך שטום אויסגעזעצט, נידערגעשלאָגענע, אויף דער ערד, ווי צו „שבעה“, כאָטש דערמאָרדן פּאָליצייאיש „כדת וכדין“ פּאָליטישע אַרעסטירטע איז דעמאָלט נישט געווען קיין זעלטנהייט אין ליטע. זיכער נישט אין דער איבערפולטער „געלער“ תפיסה, וואו דער טויט מיטן פסק־דין „אייביקע“ זענען תמיד געהאַנגען אין דער לופט.

די וואונדערלעכע אינערלעכע טורמע־„פּאָסט“ האָט דעם „איבער־מאָרגן“ בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער די צענדליקער פול־געפּראָפּטע קאַ־מערן מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט די טורמע־אַדמיניסטראַציע אַננעמען אַלע מיטלען, אָט די אויסטערלישע „בליץ־פּאָסט“ צו פּאַראַליזירן און ס׳פלעגט איר קיינמאָל נישט געלינגען. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט זי דערקלערן „אויסנאַם־צושטאַנד“ אינעם תפיסה־שטח, אָפּצושניידן יעדע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, אַפילו אָפּצושניידן די לעגאַלע געזעצלעכע וועכנטלעכע באַזוכן פון קרובים צו די אַרעסטירטע.

די אַנטוישטע, פאַרביטערטע באַזוכער פלעגן נאַטירלעך באַלד דער־ציילן אין שטאָט, אַז „עפּעס מאַכט זיך דאָרטן אין דער „געלער“, אָדער אַז „עפּעס האָט זיך שוין געמאַכט און ס׳איז פריילעך“...

* * *

אין דער „פּאָסליע זאַווטראַ“ נאַכט, האָט קיינער פון די „פּאָליטישע“ נישט צוגעמאַכט קיין אויג. מען האָט אָפּגעוואַרט דעם פאַרטאָג אויפצוכאַפּן אַ יעדן רויש, צו הערן דעם געבראַזג פון די באַשמידטע טירן, דעם שווערן הילוך פון זשאַנדאַרן מיטן צאַרטן טויט־קלאַנג פון קאַנדאַלן צוגעשמידטע צו לעבעדיקע פיס, וואָס וועלן זיך באַלד אָפּקילן אין דער קאַלטער האַרבסט־טיקער נאַכט...

דער נאָמען „גאַלין“ איז געהאַנגען אין דער לופט, ביז ער האָט אויס־געפילט דעם תפיסה־חלל. „גאַלין“ איז געווען די טעמע פון יעדן געשפּרעך.

„גאַלין" איז געלעגן ביי יעדן אויפן שפּיץ צונג, — דאָס אַלץ אַדאַנק דעם טיפן רושם, וואָס זיין אַנוועזנהייט און האַלטונג האָט געמאַכט אויף די „איינוואוינער" פון דער „פּערעסילנער" קאַמ'ער. זיין האַלטונג און באַציאונג צו די אַרעסטירטע מכל המינים, וואָס האָבן זיך געפונען עטלעכע מעת לעת אין זיין מחיצה. זיין רואיקייט, שטאָלץ און זעלבסטווירדע, האָט נישט ווייניק באַצויבערט אַפילו די הינטיש בייזע שליסל־האַלטער, מיט די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן זיך אויך באַצויגן צו אים בכבוד, כאָטש דער תליה־צייכן איז שוין געווען צוגעקלעפּט צו זיין שטערן. אין דער גרויער אומעטיקייט און מאָנאָטאָנער תפיסה־אַטמאָספער, איז זיין נאָמען און האַלטונג צוזאַמען מ'ט דער באַשולדיקונג באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן ווי אַ לעגענדע אין צענדליקער ווערסיעס און פאַנטאַסטישע גוזמאות. דערייבער איז געווען נאַטירלעך אַז זיין גורל האָט געהאַלטן געשפּאַנט די איבערפולטע תפיסה נישט צו לאָזן קיינעם פאַרשלאָפן זיין לעצטן וועג, לעצטע שעה און לעצטן גאַנג צום טויט.

אין דער אמתן פלעגט בדרך כלל יעדע עקזעקוציע שטעלן די תפיסה אויף די פיס אויפרודערן, איינברעכן דעם מאָנאָטאָנעם דיסציפּלינירטן, אויפגעצוואונגענעם לעבנס־גאַנג, ווען מען פלעגט האַלטן ביים עקזעקוטירן אַ קרימינעלן פאַרברעכער אָדער רוצח. די תפיסה פלעגט זיך דענערווירן, אַריינפאַלן אין אַ שפּאַנונג, אַ פשיטא ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ „פּאָליטישן" און ווער רעדט נאָך וועגן אַזאַ לעגענדאַר געוואָרענער פּערזאָן ווי גאַלין.

— — — אָט שטייען מיר אין דער פינצטער. אין דרויסן איז אַ געדיכטער נעפּל, אַ נאַסקייט, די צייַנער קלאַפּן פון קעלט. די שפּאַנונג שטייגט. אָט דערהערן מיר דעם שווערן שטיוול־גאַנג פון די זשאַנדאַרן. אָט הערן מיר ווי ס'פּראַלן זיך אויף אייזערנע טירן. די טויטע שטילקייט, דער פאַרכאַפּטער אָטעם פאַרוואַנדלט זיך אין אַזאַ דממה דקה, אַזוי ביז מען דערהערט קוים, קוים, דעם שטילן קלאַנג פון גאַלינס קייטן. מיר הערן אַ רגע אויף צו אָטעמען, חלילה נישט אויסצולאָזן ס'מינדסטע גערויש, אַזוי ביז מען דערהערט אַ טענאָר־שטימע:

„אי עטאָ בודיעט" — — —

„און דאָס וועט זיין שוין"...

פון דער פינצטערניש הילכט אַרויס דער ניגון פון „אינטערנאַציאָ־נאַל" געזאַנג. לכתחילה איינציק, איינשטימיק, פּאַריתומט, ביז דעם ניגון כאַפּט־אויף איין צעל, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ גאַנצער פליגל, ביז די גאַנ־צע תפיסה זינגט מיט...

די בייזע תפיסה־וועכטער מיט די זשאַנדאַרן ווערן נערוועז. אין אַט אַזעלכע אומשטענדן האָבן זיי פּיינט טומל, וואָס קען זיך חלילה אַרויס־גיסן אין גאַס, איבער די הויכע געלע מויערן, — פּאַלן שאָסן, באַגלייט מיט געשרייען, ס'העלפט נישט! די תפיסה זינגט דעם אינטערנאַציאָנאַל, שטאַרקער, העכער, העכער, צו באַגלייטן גאַלינען אויף יענער וועלט...

דאָס וואָס האָט דערשיטערט אונדז, די עטלעכע געציילטע יידן פון תפיסה־צעל, יענעם פאַרטאָג, איז געווען צו זען דאָס בילד, ווי עטלעכע עלטערע קאָמוניסטן שטייען אויף די קני מיט געבויגענע קעפּ, און וואַרפן אָן אויפהער מיט צווי פינגער צלמים: צום שטערן, צו די אַקסלען, צום בויך; מיר יידן האָבן דאָ געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל און זיי האָבן זיך געצלמט...

דעם אמת געזאָגט, האָט זיך דאָס צלמען פון די פּאָר עלטערע ליט־ווישע אַרבעטער־קאָמוניסטן, אויסגעדריקט, אין יענעם מאָמענט, מער מענטשלעכס, מער טראַגישן מיטגעפיל ווי דאָס געזאַנג פון יענע קריסטן אין אונדזער צעל, וואָס האָבן זיך נישט געצלמט, אָבער דעמאָלט, האָבן מיר געציטערט פאַר זיך אַליין, חליה נישט צולאָזן אַזאַ „מוראדיק אפיקורסישן" געדאַנק, וואָס מיר האָבן פאַרטריבן פונעם באַוואוסטזיין מיט אַלע אינערלעכע קרעפטן זיך צו „טרייסטן", אַז דאָס איז נאָר אַן אויס־דרוק פון עמאָציאָנעלער אויפרודערונג, בקיצור: אַן „עמאָציאָנעלער אָפּ־נויג"...

ווי ס'זאָל נישט זיין, איז גאַלין אַוועק אין דער אייביקייט מוטיק און שטאָלץ, ווי ס'האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ רוסישן קאָמוניסט פון יאָר 1924.

שפּעטער איז פאַר אונדז, יידישע אַרעסטירטע, געווען משונהדיק דער פאַקט, וואָס די זעלביקע ליטווישע קאָמוניסטן האָבן נישט רעאַגירט מיט אַ וואָרט, בעת זיי האָבן געזען זייערע אַלטע חברים זיך צלמען, בעת מיר

האָבן געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". דערפאַר האָבן זיי אַ פּאָר וואָכן שפּעטער פאַראורטיילט און פאַרדאַמט אַ יידישן קאָמוניסט פון אונדזער קאַמ׳עו׳, אַ בעקער־אַרבעטער, וואָס איז אַוועק צו „כל נדרי" אין דעם תפיסה־מגין און נישט געגומען ביים „קאַמער־קאָמיטעט" די נייטיקע דער־לויבעניש. גיין צו „כל נדרי" אָן רשות איז געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַן ערנסטער אָפּנויג, אַזאַ „סענטימענטאַלער קליינבירגערלעכער שלוקערץ".

דער בעקער־אַרבעטער האָט געהאַט זיינע פּערזענלעכע מאָטיוון צו גיין יענעם אָוונט „דאַוונען", נאָר כדי זיך צו טרעפן מיטן חזן, וואָס קומט פון דרויסן, אים בעטן בעל פּה, איבערצוגעבן אַ נייטיקע ידיעה אין זיין היים. דער חזן איז געווען זיינער אַ ווייטער קרוב. דער חזן איז יעדעס מאָל אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ „לעבעדיקער פּאָסט־קאַסטן", ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט.

דאָס איז די געשיכטע פון אַן עד ראיה, וואָס האָט געזען גאַלינס לעצטן וועג, זיין מוטיקן קרבן פאַרן ראַטנפאַרבאַנד. צי געדענקט נאָך ווער אין ליטע זיין נאָמען?

אויף די נאַרעס

מײנע חברים, װאָס זענען לעבן געבליבן, און די װאָס זענען שוין נישטאָ, פון דער 89טער קאַמער פון דער צענטראַלער ליטװישער תפיסה אין קאָװנע, אין יאָר 1924.

װאָס גרױזאַמער דער טאָג איז געװען, אַלץ ענגער און פעסטער האָט מען זיך געטוליעט און געדריקט אײנער צום צװײטן, אין די אָװנטן, אויף די נאַרעס, װאו ס'האָט זיך קאָנצענטרירט אַן עולם ומלואו, אַ גאַנץ לעבן. אַלע האָבן זיך צונױפגעדריקט, אַלע 40 מאַן פון דער שטײנערנער קאַסטן, װערנדיק אײן גוף, אײן נשמה מיט אײן האַרץ.

ס'איז געװען קאַלט. ס'האָט געשנײט. ס'איז געװען טויט שטיל אינעם לעבעדיקן קבר, אויפן ברעג פון ליטװישן ניעמאַן. ס'האָט זיך געגלוסט צו הערן װי דער שניי פאַלט.

װען נישט װען ברעכט דורך די שטילקײט אַ שװינדזיכטיקער הוסט, אָדער אַ צאַרט־צעשאָטענער קלאַנג פון קײטן, צוגעשמידטע צו לעבעדיקע מענטשלעכע גלידער.

40 פאָר אויגן גליען אין דער געדיכטער טונקלקײט, 40 פאָר אויגן פון לעבעדיקע מענטשן.

שאַ, שטיל! — איטשקע, זאָל אים די ערד זײן גרינג, האַלט נישט אויס. ער שפרינגט אַראָפּ פון דער נאַרע, לויפט הין און צוריק צװישן די שמאָלע דורכגענג, ער לויפט און ציט די פינגער ביז זײ קנאַקן. אַ פאַר־ביטערטער איז ער געװען, אַ גאַליקער, כסדר געװאָרטשעט:

— „אַזאַ הינטיש לעבן, אַזאַ". אַ שטיקל צײט שפּעטער, האָט ער פאַרשפּאַרט דעם תליון אַן אַרבעט און איבערגעלאָזן אַ פּיצל צעטעלע: — „אַ באַלעבאָס איבער מײן לעבן, בין איך אַלײן". איטשקע האָט זיך אויפ־געהאַנגען אין אַ שטאַל, ערגעץ אין אַ פאַרװאָרפן, פאַרשימלט שטעטל, װאו מען האָט אים פאַרטריבן אַן אַ טערמין, אָן אַ פאַרװאָס, נאָכן אָפּזיצן 16

חדשים אין דער „געלער“ אָן אַ משפּט. ווער ווייסט צי ס׳איז נאָך געבליבן אַ סימן פון זיין ווילד באַוואַקסענעם קבר, ביים פּאַרקאַן. דער קבר פון אַ 23־יאָריקן יידישן סטודענט, אַ עילוי און אַ מורד, אַ בן־יחיד, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אויסראָטן אַלע עוולות פון אונדזער וועלט.

ביסלעכווייז וואַכט אויף דער ריז יאָנאַס. ער גיט אַ טרייסל זיין צעפּאַטלטע קוטשמע פלאַקס אויפן קאָפּ, גיט אַ פּאָר פינטל מיט צוויי גרויסע בלויע קינדערשע אויגן און ברומט אַרויס:

— „דאָוואָלנאָ, רעביאַטאַ, דוראַקאַ וואַליאַט — גענוג, חברה, זיך מאַכן נאַריש, גענוג“.

יאָנאַס ציט אויס אַ פּאָר אייזערנע הענט, ווי אַרומצונעמ׳ען די גאַנצע וועלט.

— „עך, רעביאַטאַ — אָי, חברה“!

„קכי, קכי, קכי“, הוסט אויס סטעפּאַנאָוויטשאַס זיינע שווינדזיכטיקע לונגען. שוין ס׳פינפטע יאָר ווי ער פאַרברענגט אָט דאָ אינעם לעבעדיקן קבר. סטעפּאַנאָוויטשאַס האָט אַ טבע צו שפּייען אין אויפגעמאַכטן פענצטער. ער שפּייט אין ווייסן שניי אַריין, דאָס פענצטער איז אָפן אַפילו אין דער קאַלטער שנייאיקער נאַכט, ווען נישט, וואָלט מען דערשטיקט געוואָרן. קיין פעניצילין אָדער סטעפּטאָמיצין איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אויף דער וועלט, אַ פּשיטא אין ליטע,וואו מען האָט נאָך נישט געוואוסט, אָדער נישט געבריוכט פנעומאָטאָראַקס פאַר לונגען־קראַנקע, אַזעלכע ווי סטעפּאַנאָוויטשאַס פלעגן זיך ענדיקן מיטן אויסשפּייען ס׳לעצט פיצל לונג.

גיט אַ טרייסל זיין בלאָנדן קאָפּ דער ענערגישער „זשמאָגוס“ גלאָוואַצקיס. „בסך הכל“, זאָגט ער, דאַרף ער נאָך זיצן נישט מער ווי „פיר וואָכן מיט נאָך פערצן יאָר“. בעת גלאָוואַצקי פלעגט זיך אַ הייב טאָן פון דער נאַרע, פלעגט איבער דער קאַמער ווי אַ ווייע טאָן דופט פון גרינע פעלדער. ס׳פלעגט זיך דערהערן דער רויש פון ליטווישן נאָדל־וואַלד. גלאָוואַצקיס פאַרציט אַזאַ אומעטיקע „דאַינע“ (פאָלקס־ליד), וואָס ער האָט אויסגעלערנט פון אַ שניטער פון זיין טאַטנס פעלדער, און די גאַנצע קאַמער, אַלע האַלטן מיט.

ווי אַ שרעטל קוועקזילבער, שפּרינגט ארום ראַפּאַלקע דער בעקער,

זאָל אים די ערד זיין גרינג, ראַפאַלקע פלעגט נאָכמאַכן אַ בויד־טענצערין אָט דאָ אין דער צעל, אין דער קאַלטער שנייאיקער נאַכט — — — אַ גאַנצער באַטאַליאָן ליטווישע זעלנער האָבן שפּעטער זיין קבר אויסגעטרעטן, אויסגעטאָפּטשעט, אויסגעגלייכט מיט דער ערד. מען זאָל זיין גוף נישט געפינען. דערנאָך האָבן די זעלנער יאַרנלאַנג, בלחש דערציילט זייערע נאָענטן, ווי אַ יידיש בחורל, האָט אַ שפּיי געטאָן אין פּרצוף אַריין דעם אָפיציר, וואָס האָט אים געוואָלט פאַרבינדן די אויגן פאַר דער עקזעקוציע, אויפן גרינעם באַרג. זיין מוט, זיין האַלטונג האָט נישט צורו געלאָזט יענע זעלנער, די פויערישע זין, וואָס האָבן אים דערשאָסן. זיין זכרון האָט אויך אָנגעוואָרפן נישט ווייניק אימה אויף די פּראָפעסיאָנעלע אינקוויזיטאָרן, וואָס האָבן חדשים לאַנג געברילט פון אַנגסטן און אומרואיקן שלאָף (אַזוי האָט מען דערציילט פון מויל צו אויער). אָט שפּרינגט ראַפאַלקע פון נאַרע צו נאַרע משמח צו זיין די פאַראומערטע.

ראַפאַלקע האָט אויסגעלערנט וויצן, דעם דרוקער, צובינדן צו אַ פאָדעם אַ פּיצעלע האָלץ, עס אַריינלייגן אין אַ ליידיקער שאַכטל פון שוועבעלעך און ציען פאַרן פאָדעם, אַזוי אַז ס׳פּיצל האָלץ קראַצט, ווי אַ מייזל גריזשעט. האָט ער מיטן חבר וויץ „אינסטאַלירט" אַזאַ „מאַכעריי" אינעם צוקאָפּנס פון יוזשיקס געלעגער, הינטער דער נאַרע.

יוזשיק איז געווען אַ טיפּישער ביכער־וואָרעם. ער פלעגט זיך כסדר גריבלען אין אַ ביכל, אַ שטיקל צייטונג, טייטלען מיטן פינגער פון וואָרט צו וואָרט, לייענען בקול, פּסוק נאָך פּסוק, מיט גרויס הנאה. אָט דאָ אין דער צעל האָט יוזשיק אויסגעלערנט דעם „סוד" פון די „שוואַרצע פינטעלעך" און איז דערפון געווען גליקלעך, אָבער ראַפאַלקע מיטן חבר וויץ האָבן געשטערט. זיי פלעגן ציען ס׳פאָדעם, און יוזשיקן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ מייזל גריזשעט זיין באַהאַלטענע גראַמאַטיק, צוקאָפּנס, הינטערן שטרוי־זאַק...

„איך אויך", האָט אויסגערופן אַן 18־יאָריקע שטימע פון אַ בחור. ליידער האָב איך פאַרגעסן זיין נאָמען, אָבער ס׳געדענקט זיך זיין לענגלעך בלאַס פּנים מיט די ברוינע אויגן און קורץ געשוירענעם קאָפּ. ער איז געווען אַ יתום, אויפגעהאָדעוועט אין אַ יתומים־היים און געהערט צו אַן

אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. מען האָט אים גע־כאַפּט קלעפּנדיק פּראָקלאַמאַציעס, געבראַכט אין זשוואָלגיבע „אויסצו־פאָרשן". דאָרטן האָט מען אים געפּייניקט, מיט נאָדלען אונטער די נעגל. פּרובירט אַרויסצוטרייבן פון אים דעם „באָלשעוויק", וואָס האָט שוין נישט געפונען קיין פּאַסיקערן אָרט וואו זיך אויסצובאַהאַלטן, דווקא אונטער די נעגל...

„איך אויך, כ'וויל אויך ציען פּאַרן פּאָדעם"...

איז יוזשיק אויפגעשפּרונגען זיך צו וואַרפן אויפן חבר וויץ... אַזוי האָבן אַלע אָפּגעלעבט, אויסגעגלייכט די איינגעלעגענע ביינער צו ווערן אַלערט. אָבער, אַז דער רואיקער ס.ר. פּאָוקטשיס האָט דערשמעקט ווי עס נעמט זיך „עפּעס" מאַכן, האָט ער בקול רם אַ זאָג געטאָן:

—„נו, ברידער — בראַליאַי, לאָמיר ממשיך זיין די געשיכטע פון נעכטן":

— — — „דאָס איז געווען נאָכן שטרייק פון די פּאַראָבקעס אין ווילקאָווישקער ראַיאָן, אַך איז דאָס געווען אַ שטרייק! אַ וואָך פאַרן גראָבן די קאַרטאָפל זאָגן מיר צו די פּריצים: — פּאָנאַי, באַסטאַ! — ווערט פאַרפוילט מיט אייערע קאַרטאָפל צוזאַמען, גייט און גראָבט זיי אַליין אַרויס אומזיסט פון דער ערד, וואָס? שיקט אייערע זין און טעכטער גראָבן אומזיסט קאַרטאָפל, וואָס? הינטישע זי'ן זענען מיר, וואָס? ערגער ווי הינטישע זין, פאַר אייערע הינט זאָרגט איר, איר גיט זיי אַ בודע מיט עסן, ווען זיי בילן יאָ, און בילן נישט, פאַר אונדז זאָרגט איר גאָרנישט"...

„אַ וויץ צו מאַכן: די רויטע אַרמיי שטייט אין אַליטוס פון איין זייט, פון דער צווייטער זייט זאָגט מ'ען, אַז זיי האָבן שוין פאַרנומען שאַוליס (שאַוול) און אָט שטייען זייערע אַוואַנגאַרדן 10־12 קילאָמעטער פון סו־באַלק, זיי שטראָמען פון גאַרדינאַס (גראָדנע) דורך די אויגוסטאָוואָער וועל־דער, זיי שטראָמען ווי אַ ים".

האָבן מיר געוואָרפן די אַרבעט, אויפגעריכט אַ קאָמיטעטאַס, אָוועק־געפּאַטשט אין שטאָט, זיך פאַרבונדן מיט די פּאַרטייען, אַפילו מיט די יידישע באָראָכאָוויסטאַס פון ווילקאָווישקי.

— — — — — — — — — — — — — — —

„שפעטער, יעזו־קריסטוס! זיצן מיר אַלע אין איין קאַמער ווי היינט, און וואַרטן אויפן „שלעדאָוואַטעל״ (אויספאָרשער) דעם הינטישן זון. זיצן מיר, וואַרטן און וואַרטן און געפינען צווישן אונדז מיטעקן. — מיטעק! הינטל דו איינער, ווי קומסטו אַהער? תכשיט דו איינער, אַנשטאָט צו גיין אין „מאַגילקע״־שול, זיצסטו אין טורמע, די נאָז וויש אָפּ״.

— „זידל זיך נישט, דיעדאַס״, רופט זיך אָפּ דער 17־יאָריקער מי־טעק, — „כ׳בין געקומען צום טאַטן, דער טאַטע זיצט דאָ, זיץ איך אויך״. — — —

„דריי האָט מען דעמאָלט פאַרמ׳שפּט צום טויט, מאַריאַ, הייליקע מוטער! באַשיץ זייערע נשמות, דריי, — אַך, זייט מיר מוחל, צלמט ער זיך איבער „פון געוואוינטשאַפט״.

איינער פון די דריי איז געווען מיטעק. קיין דאָקומענטן האָט ער נישט געהאַט, האָט מ׳ען איבערגעשאַצט זיין עלטער מיט אַ פּאָר יאָר מער און פאַרמשפט ווי אַ דערוואַקסענעם.

בייגן זיך די קעפּ ביי די עלטערע, די ייִנגערע אויף דער נאַרע זיצן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, מיט פייער אין די אויגן. פּאַוקטשיסן פאַרפּעלט אָטעם, שלעפּט ער אַרויס פון אונטערן שטרוי־זאַק אַ ליידיקע צעביסענע פּייקע, שטעקט איר אַריין צווישן די געלע צוגעפּוילטע ציינער און נעמט פּיפּקען בקול. מ׳וטנע טרערן טריפן פון זיינע אויסגעלאָשענע גרויע אויגן אַראָפּצו, און קייקלען זיך אין דער בלאָנדער אויסגעצופּטער פּויערישער באָרד אַריין.

— „נו״, זאָגן די יונגע אין איין אָטעם — „וואָס ווייטער״?

פּאַוקטשיס קאָן נישט ממשיך זיין. גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, און אַרגוס, זאָל אים גרינג זיין די ערד, די ערד וואָס ער האָט מיט זיינע אבות אבותיו געזעטיקט מיט זיין שווייס, בלוט און פּראַצע. אַרגוס דער־ציילט ווייטער: — ווי ס׳וואָלט זיין היינט, זענען מיר דעמאָלט געזעסן אויף אונדזערע נאַרעס אין אַן אַנדער טורמע, און באַשלאָסן: — מיטעקן גיבן מיר נישט אַרויס, מעג עס אונדז קאָסטן דאָס לעבן. מיטעק איז גע־לעגן אין אַ ווינקל מיטן בייכל אַראָפּ, געבאָמבלט מיט זיינע באָרוועסע פיס, צוגעפּייפט ווי נישט אים, דעם „שטשעניאַק״ מיינט מען עס, האָט

מען באַשלאָסן, באַשלאָאָאָ — — — רייסט איבער אַרגוס מ׳יט אַ טיפן זיפץ, ביז יודקאַ כאַפּט אונטער:

— „יאָ, פּונקט ווי היינט וואָלט עס געווען, אַ יונגער־שטרייק! (יודקאַ האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן דעם „ה״) האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט מיט דער גאַנצער תפיסה, מיט אַלע צעלן, צוזאַמען מיט די קרימינעלע, וואָס האָבן זיך אין דעם פאַל סאָלידאַריזירט מיט אונדז״.

בסך הכל זענען נאָך געבליבן געציילטע טעג, מיר האָבן נישט געוואוסט דעם דאַטום פון קריטישן טאָג.

האָבן מיר מיטעקן קודם כל איבערגעלייגט אין אַ ווינקל אויף דער לעצטער נאַרע, ווייטלעך פון דער טיר, מען זאָל אים פלוצים נישט איבערפאַלן און פאַרנעמען, מיר האָבן אים פאַרשטעלט ווי מיט אַ וואַנט, אַלע האָבן מיר.

אויף מאָרגן באַגינען איז די תפיסה אויפגעשטאַנען מיטן „אינטערנאַציאָנאַל״. די געבראַכטע „קאַווע״ האָבן אַלע קאַמערן אויסגעגאָסן אויף דער ערד, און דאָס ברויט געוואָרפן דורך די פענצטער אין הויף אַרויס.

צו מיטיק האָט מען געבראַכט זעלנער, אַ סך זעלנער, זיי אויסגעשטעלט ווי סטראַשידלעס אין די קאָרידאָרן. מען האָט מורא געהאַט צו „איינקוואַרטירן״ די זעלנער אין די קאַמערן גופא, זיי זאָלן זיך נישט פאַרבינדן, נישט רעדן מיט אונדז און דערוויסן, וואָס דאָ קומט פאָר, פאַר וואָס מיר שטרייקן, נאָך אַלעמען זענען די זעלנער די זעלבע פויערישע זין ווי מיר זענען, זיי קענען זיך חלילה „אָנשטעקן״...

מיר האָבן געהונגערט 11 מעת לעת, האָבן מיר; מיר האָבן געפאָדערט אָפּשאַפן דעם טויט, האָבן מיר; מיר האָבן געפאָדערט איבערצולאָזן מיטעקן מיט אונדז, האָבן מיר.

עטלעכע מאָל האָבן די וועכטער פּרובירט זיך אַריינברעכן אין קאַמער, אַרויסנעמען מ׳יטעקן, (וואָס זיי האָבן באַלד נאָכן משפט נישט איזאָלירט צוליב אַ פאַרזען). האָט זיך אַ טייל פון אונדז צעלייגט אויף דער ערד ביי דער טיר, בעת אַ צווייטער טייל איז געשטאַנען הינטער אונדז געאָרעמט, איינגעפלאָכטן איינער אין צווייטן צונויפגעקניפּט ווי אַ וואַנט. מיר האָבן גענומען שרייען, האָבן מיר, — שרייען מיט די לעצטע כוחות.

נאָך אונדז האָט געגומען שרייען איין קאָרידאָר נאָכן צווייטן, ביז די גאַנ־צע טורמע האָט געשריען, האָט זי. זענען זיך צונויפגעלאָפן מאַסן מענטשן פון גאַס אַרום דער טורמע. די גאַנצע שטאָט איז געקומען צום טויער פון טורמע, קרובים מיט פריינט זענען געקומען, עלטערן און פרויען, אַלע צאַרגיקע, אויפגעשטורעמטע, אָבער דאָס מיליטער האָט זיי פאַרשטעלט דעם צוטריט, אויסגעשטעלט קעגן זיי געלאָדענע ביקסן מיט אָנגעצוי־גענע באַגנעטן.

אַזוי האָבן מיר געשריען איינמאָל און נאָכאַמאָל. מיר האָבן געשריען און אָפּגעשריען, מיטעקן נישט אויסגעליפערט, ביז — ביז מיר זענען גע־בליבן אָן אַ טראָפּן קרעפטן, געלעגן ווי טויטע. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די קלעפּ, נישט די קאַרצערס, וואו מען האָט פאַרשלעפּט די „קאַמער־עלטס־טע״. מיר האָבן זיך געהאַלטן אייזן, האָבן מיר זיך געהאַלטן...

סוף עלפטן מעת לעת, האָט שוין קיינער נישט געקענט שרייען. ס׳איז שטיל געוואָרן, שטיל ווי אויף אַ בית הקברות — זיך אויסגעלאָזן די כוחות.

דערווייל איז פאַוקטשיס געקומען צו זיך און איבערגענומען דאָס וואָרט פון צעחושטן יודקאָ.

— — — „אין דרויסן האָט במילא געהערשט אויסנאַם־צושטאַנד. די רעגירונג האָט נאָר דערמאָנט די בירגער, אַז זי וועט דערשיסן אַ יעדערן וואָס וועט וואַגן זיך דערנענטערן צו דער טורמע. זי האָט פונדעסטוועגן געציטערט, די גלחישע רעגירונג.

ביז ער איז געקומען, דער הינטישער זון, דער פּראָקוראָר, געקומען מיט זיין הינטישן וואָרט, צוגעזאָגט, אַז מען וועט שוין מיטעקן נישט שיסן. מען וועט אַלע דריי נישט שיסן. האָט מען איבערגעריסן דעם הונ־גער־שטרייק נאָך 11 מעת לעת פאַסטן.

מיטעקן האָבן מיר נישט געלאָזט פאַרהונגערן בעתן הונגער־שטרייק. ר׳איז דאָך געווען אַ יינגל, הויט מיט ביינער. מיר האָבן אים שטילערהייט צוגעקאָרמעט מיט שטיקלעך צוקער, וואָס מיר האָבן שטענדיק געהאַט אין זאַפּאַס און עס אָפּגעהיט ווי אַן אוצר. אַ שטיקעלע צוקער פלעגט ראַ־טעווען אַ מענטשן אין קאַרצער פון צוזאַמענברוך; אַ שטיקעלע צוקער

פלעגט אָפּהיטן ס׳לעצטע טראָפּעלע כוח, דאָס שטיקעלע צוקער. די ערש־טע טעג האָט מיטעק שטיל געוויינט, געכליפּעט, פּרעסן גיט אים, „פּרעסן מאַמוליו״! גיב עפּעס אַ קיי, מאַמוליו, אַ ביסן ברויט, כאָטש אַ בולבינקע גיב מאַמיטע!

נאָכן הונגער־שטרייק איז געשען דאָס אומגליק, מען האָט אונדז אָפּ־גענאַרט, מיאוס פאַרפירט האָט מען אונדז!

איין פרימאָרגן איז מען געקומען נעמען מיטעקן צום דאָקטער, בעת די אַנדערע צוויי האָט מען איינציקווייז אַרויסגערופן אין קאַנצעלאַריע, מכלומרשט אונטערצושרייבן פּאַפּירן, עפּעס פּאַפּירן.

וואַרטן מיר ביז מיטיק, ביז נאַכט, וואַרטן מיר ביז מאָרגן, וואַרטן מיר אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, אפשר ליגט ער אין שפּיטאָל? אַזוי ביז, ביז די גאַנצע טורמע שרייט און זעצט אין די טירן, אין די ווענט, מען ברעכט בענק מיט נאַרעס, מ׳ען שרייט און מען פאָדערט: „די דריי, די דריי, קערט צוריק די דריי, מיטעקן, מיטעקן קערט צוריק, ליגנער, שווינדלער״!

דאָס מאָל האָט מען אַלע קאָרידאָרן פול געמאַכט נישט מיט זעלנער, נאָר מיט ציווילע „שאַוליסטן״ (שיסער), מיט יונקערס פון די אָפיצירן־ממזרים, אַז אַלע קאָרידאָרן זענען פול געווען מיט אָט די כאַליערעס, האָט אויסגעסקריפּעט אַ שיכורער קול פון אַ זונה שלעפּער:

— „וואָס ברילט איר, פויערים, וואָס רודערט איר, יאָלדן, מ׳האָט זיי נאָך נעכטן דערשאָסן. וואָס ברילט איר, וואָס״?

„די ידיעה איז געפאַלן ווי אַ טויט־קלאַפּ. ס׳איז געווען נאָך אַלעמען״.

— — — אַזוי איז יענעם אָוונט שטום געבליבן זיצן דער מענטשן־קנויל אויף די נאַרעס. מען איז אַזוי שטום געזעסן פאַרזונקען יעדערער אין זיינע מחשבות, עמאַציאָנירט, דערשיטערט נאָך אַזאַ וואָרן סיפּור המעשה שהיה. מען איז געזעסן ביז האַלבע נאַכט, חוץ איטשקען, וואָס איז געלאָפן הין און צוריק פון איין שמאָלן דורכגאַנג צום צווייטן, אַזוי ביז ער איז שטיין געבליבן און היסטעריש אויסגעשריען:

— „זעט, זעט! אין טויטן־קאַמער איז ווידער ליכטיק — — — נאָך אַ לעבן״!

איז דער מענטשן־קנויל אויפגעטרייסלט געוואָרן, כאָטש נישט צום ערשטן מאָל האָט מען דאָ געזען ליכט פאַרטאָג אין „טויטן־קאַמער".

אַלע האָבן זיך גענומען דריקן דורך די שמאָלע דורכגענג צום פענצ־טער און איבערגעחזרט:

— „ליכטיק, ווידער ליכט, די בשורה פון טויט, ליכטיק".

מיר זענען געשטאַנען פאַרגליווערטע מיט צוגעשפּיצטע בליקן, קאָנ־צענטרירטע מיט אַלע חושים צום טויט־שיין. ס'איז געווען שטיל, טויט־שטיל אַזוי לאַנג ביז מען האָט דערהערט ווי די וועכטער נעמען אַרומגיין אין קאָרידאָר אויף די שפּיץ פינגער. דערנאָך האָט מען געהערט ווי אין דרויסן צום טויער איז צוגעפאָרן אַ וואָגן. דעמאָלט זענען די גאַסן אַרום קאָוונער טורמע נאָך נישט געווען גלאַט געפּלאַסטערט. זיי זענען געווען פּשוט ברוקירט מיט האַלב־רונדע שטיינער, און אַז אַ וואָגן פלעגט פאָרן, פלעגט מען אים הערן פון מרחקים.

נאָכער האָבן ריטמיש געקלונגען זעלנערישע טריט איבערן תפיסה־הויף:

איינס, צוויי; איינס, צוויי; איינס —

— „סטאָק — שטיין", האָט אויסגעשריען אַ יונקערשע שטים.

— „באַאַאַ—ד—טראַך", זענען די זעלנער שטיין געבליבן.

אַ בראַזג פון צעבראָכענע שויבן און אַ ווילד פאַרצווייפלטער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון טויטן־קאַמער:

— „ראַטויטשע בראַטשע", ראַטעוועט ברידער, „ספּאַסאַיטע טאָוואַ־רישטשי" — ראַטעוועט חברים — ראַטעוועט!

דער יאָמערדיקער געשריי האָט אויפגעוועקט און געשטעלט אויף די פיס די גאַנצע תפיסה.

אין דער שטיל האָט מען געהערט ווי נישט באַשוכטע פיס פּאַטשן איבער שמוציקע דילן, ווי כאַאָטיש אָן ריטם האָבן זילבעריק געקלונגען קייטן פון צענדליקער לעבנס.

— „ראַטויטשע! יאַ וצאַליע ניע וויניען". — ראַטעוועט! כ'בין אין גאַנצן אומשולדיק, האָט אויף פּויליש לשון געיאָמערט די שטים: — „מאַ־אַ־מאַ!

נעכטן

יאָ, אים האָט אויך אַ מוטער געבוירן, מאַמע!

ערגעץ פון ווייטן האָט פאַרצווייפלט געגודיעט אַ פאַריתומט קלויס־טער־גלעקל. אין דער אַנטקעגנדיקער קאַמער האָט אויפגעבליצט אַ ליכט, צו זען ווי שאָטנס פון קרימינעלע שטייען אויף די קני, אויף די נאַרעס. זיי שטייען אין אַ שטילער תפילה און וואַרפן פלינק צלמס פון קאָפּ צו בויך און אַקסל אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

— — — „מיטעק מאַנאַ, מיטאַקאַס בראַנגאַי, וואַיקיאַליס מאַנאַ!

— מיטעק מיינער, מיטעק טייערינקער, קינדעלע מיינער", האָט שטיל געכליפּעט אַ שאָטן פון אַן איינגעבראָכענעם בן אדם אין אַרעסטאַנטן־קליידער. ער איז געשטאַנען אויף די קני אין אַ ווינקל נאַרע פון אונדזער קאַמער, זיך געצלמט — אַ פאָטערס האַרץ איז פאַרגאַנגען אין צער, בעת אונדז האָט געגליוועט דאָס בלוט.

אַ תמצית פון „אויף די נאַרעס" איז בשעתו פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „אַרבעטער צייטונג", נומער 47, פון 25טן נאָוועמבער 1927, אין וואַרשע — פוילן.

פערטער טייל

אַראָפּגעפאַלענע בלעטער

באַראַכאָוו און די ליטווינער

מאַריאַמפּאָל, סוף האַרבסט 1919.

קומענדיק אַהיים, האָט מיר דערציילט אַביסל דערשראָקן מיין באַלע־באָס ר׳ שמואל יענקל שטוקאַראָוויטש, אַז עס האָט אים באַזוכט עפּעס אַ ליטווישער „קנעפּל״, וואָס האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַ באַראַכאָוויסט, וועלכער זאָל וואוינען ערגעץ דאָ אין דער פּאָליציי־גאַסל; ער וויל זיך זען מיט אים וועגן אַ געוויסן ענין. ר׳ שמואל יענקל, אַ גוטהאַרציקער שטי־לער ייד, אַ שניידער, האָט זיך ווייניק פאַנאַנדערגעקליבן אין „קנעפּלעך״. אַ „קנעפּל״ האָט דעמאָלט געמיינט שררה, שררה איז רעגירונג, און רע־גירונג איז פּאָליציי, וואָס האָט פון שטענדיק געהאַלטן אין שרעק, באַזונ־דערס דאָס קליינבירגערטום פון יענע געגנטן.

ר׳ שמואל יענקל איז געווען איינער פון די גוטע שניידער פון מאַ־ריאַמפּאָל, וואָס האָט באַקליידט נישט נאָר די „שענסטע מענטשן״ פון שטאָט, יידן ווי ליטווינער, נאָר אויך אַ סך פּריצים פון די אַרומיקע גוט־באַזיצן. די פּריצים פלעגן זיך „שפּיגלען און פּאַראַדירן״ אין זיינע בעקע־שעס און סטאָן־רעק, אין זיינע מונדירן און שינעלן (אַזוי פלעגט מען טענהן אין שטאָט). ר׳ שמואל יענקל האָט געקענט ס׳רוב יידישע ווי נישט־יידישע תושבים פון מאַריאַמפּאָל, און ער האָט געוואוסט אַז דער „קנעפּל״, וואָס האָט היינט געזוכט דעם באַראַכאָוויסט, איז אַן אַדוואָקאַט. לויט זיין שכל הישרדיקן פּירוש איז „אַן אַדוואָקאַט פאַרבונדן מיטן גע־ריכט, געריכט איז משפּט, און משפּט האָט צו טאָן מיט חד־גדיא״ (תּפיסה). אַזוי ווי ר׳ שמואל יענקלען איז געווען באַוואוסט, אַז איך פאַרנעם זיך גישט מיט צו־„גלאַטע״ עסקים, האָט ער אַ הייב געטאָן מיט די פּלייצעס און געענטפערט דעם פרעמדן: אַז „ראשית, ווייסט ער בכלל נישט, וואָס עס מיינט באַראַכאָוויזם, און אַזאַ נאָמען ווי „באַראַכאָוויסט״ הערט ער ס׳ערשטע מאָל; והשנית, קען ער אַלע תושבים פון דער פּאָליציי־גאַסל,

נישטאָ צווישן זיי נישט איינער אַזאַ פרעמדער". ער האָט פאַרשוויגן מיין קיום.

בדרך כלל האָב איך באַאָבאַכט דער שטילער, פרידלעכער שניי־דער־משפחה שטוקאַראָוויטש אין מאַריאַמפּאָל. איך האָב דעמאָלט זיך געלערנט ביי זיי שניידעריי. איך האָב געזוכט ברויט. איך פלעג מאַכן די פּרעס־אייזנס, אָפּגעהיט ס'זאָל קיינמאָל נישט פעלן אין זיי קיין קוילן, רייניקן דאָס אַש, זיי פיין אויסבלאָזן, צולייגן האָלץ און טאָרף אין גרויסן קאַכל־אויוון. איך פלעג נייען קנעפּ, „ריגעווען" אַ קלאַפּע, ציען פּאַס־טריגעס, אַריינשטעלן לאַטעס אין די אונטערשטע טיילן פון די פּריצישע הויזן, אָדער אויסגעריבענע אַרבל. איך בין דערגאַנגען צו דער מדרגה פון קענען שטעפּן אויף דער מאַשין. איך בין געווען זייער צופרידן, ווייל אַט בין איך אַן אמתער אַרבעטער. איך פאַרדין עטלעכע מאַרק אַ וואָך, און לויט דער פאָדערונג פון די עלטערע אַרבעטער, פלעג איך קריגן דאָס געלט פאַרן אויספּרעסן און אויספּוצן אַ פּאָר הויזן אָדער רעקל פון אַ „קונד". שמואל יענקל איז בדרך כלל געווען צופרידן פון מיין „דינסט", מחוץ מיין זיך אַרומרייסן און זיך אַרומקריגן מיט ביידע פּאָר־אַרבעטער, אַזעלכע צוויי טייערע געזעלן מיט „גאָלדענע הענט" ווי סאָנע און לייבל, ביידע בונדיסטן — אַקעגן מיר, דעם איינציקן פּועלי־ציוניסט, די „מינ־דערהייט" אין יענעם וואַרשטאַט.

איך האָב געוואוינט אין זיין הילצערנער הויז, אין אַן אייבערשטיבל, צוזאַמען מיט אַ גרופּע עלטערע גימנאַזיסטן פון „בולאַטס" גימנאַזיע — מיינע פערזענלעכע חברים. (בולאַט איז בשעתו געווען אַ דעפּוטאַט אין דער רוסישער דומע, — אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער געווען אַ ס. ד. עסקן און דירעקטאָר פון דער דערמאָנטער גימנאַזיע אין מאַריאַמפּאָל). איך האָב זיך געלערנט מיט מיינע שכנים צוזאַמען, אָנצוהאַלטן די ידיעות פון לעצטן קלאַס גימנאַזיע, כדי זיך שפּעטער עקזאַמינירן, צו קריגן אַ מאַטורע־שיין. אַזוינס איז געווען משונהדיק, נישט צו באַנעמען: — ווי קומט אַ שניידער־לערניונג צו דרעשן לאַטיין מיט מאַטעמאַטיק, לערנען פיזיק מיט ליטווישע „ליטעראַטור"? נאָך משונהדיקער איז געווען, וואָס איך פלעג לערנען מיט שמואל יענקלס אייניקלעך רוסישע גראַמאַטיק,

דייטש און חשבון. איך פלעג זיי, די גימנאַזיסטקעס, העלפן מאַכן די „אוראָקן" (עטלעכע מאָל אַ וואָך) און מיטן „שכר לימוד" געדעקט מיין דירה־געלט. חוץ דעם פלעגט נאָך אַזאַ שניידער־לערניונג זיין אַ לערער אין דער אָרטיקער יידיש־וועלטלעכער אָוונט־שול, האַלטן „דרשות", טאָן פּאַרטיי־אַרבעט, זיך אַרומרייסן מיט די כלי־קודש, און צו זייער שטוינען האָט מען מיך נאָך געוויילט אין ועד הקהילה אַלס ראַטמאַן — — —
ביז אין אַ שיינעם טאָג וואַרף איך אַוועק די נאָדל מיטן פּאָדעם מיטן פּרעס־אייזן מיט מיין גאַנצער שניידערישער קאַריערע — און נעם אָן דעם פּאָסטן פון אַ בוכהאַלטער, פריער אין „סאָדע וואַסער" סינדיקאַט, דערנאָך ביי די ליטווישע ברידער טשעמאַרקאַ, וואָס האָבן געהאַלטן רעסטאָראַנען, און אַ פאַבריק פון בראַנפן, ספּירט מיט ליקער. ווי זאָל אַ שטעטלדיקער שניידער פאַרשטיין אַזאַ משונהדיקן טיפ? אמת, די מענטשן האָבן איבער־געלעבט אַ וועלט־מלחמה, אַ רעוואָלוציע, גירושים מיט דער עטאַבלירונג פון דער ליטווישער מדינה, פּאַסירונגען וואָס האָבן געענוג טיף און ברייט אויפגעטרייסלט ס'לעבן פון אַ שטעטל, אָבער מעשה ניסים זענען די שטור־רעמס ווי פאַרבייגעגאַנגען דער שטילער מאַריאַמפּאָל, וואו יידן האָבן פאַרגעזעצט זייער לעבן ווי פריער, וואָס איז נאָר אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער פּליטים־פאַרפלייצונג פון ווילנער און סובאַלקער געגנטן. א"פי רוב יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן מיטגעבראַכט אומרו, אימפּעט, דראַנג מיט כלערליי „אידייעס", בעיקר די פּאַרטייען, („אי, די פּאַרטייען! אי די פּאַריינען מיט אַלע שלעק" — פלעגט ר' שמואל יענקל כסדר צו־קרעכצן). שמואל יענקלס איינציקער זון, אברהם, דער פאָטער פון מיינע תלמידות, איז אויך געווען אַ שניידער, אַ ייד אַ משכיל, אַ באַלעזענער אינטעליגענטער יונגער מענטש.

אברהם פלעגט זיך באַמיען אויפצוקלערן זיין קלוגן אַלטן פאָטער, אַז די וועלט „שטייט נישט", „די וועלט דרייט זיך", אַלץ אַנטוויקלט זיך. — „אָט איז ניקאָלאַיקע דער צורר ישראל מער נישטאָ, ווערלוקע (וויל־העלם קיסר) איז געפלויגן פון בענקל, אין רוסלאַנד ברענט אַ רעוואָלוציע, אין דייטשלאַנד איז אויך אַ רעוואָלוציע, די ענגלענדער גיבן אַוועק די יידן פּאַלעסטינע ־ ארץ־ישראל, צו שאַפן אַ יידישע מלוכה, די אַרבעטאַרער

און געזעלן זענען שוין מער נישט וואָס געווען" — — — לײדער איז אברהמס מי געווען אומזיסט. ס׳איז אים נישט געלונגען „באַוואוסטזיניק" צו מאַכן זיין אַלטן פאָטער, מיט דער אַלטער מוטער, נעשי; אברהמס תורה איז ביי זיי געווען אַזוי משונהדיק ווי מיינע „דרכים", און די אַלטע מוטער פלעגט אין דער שטיל אויסוויינען אירע גוטע שרה־בת־טובימדיקע אויגן. ווער ווייסט צי איר בן־יחיד „איז מיט אַלעמען, אַ טאַטע פון קינ־דער רעדט אַזעלכע משונהדיקע רייד, ווער ווייסט"?

בקיצור, אַז איך האָב דערהערט, אַז אַ „קנעפל" זוכט דאָ אַרום אַ באַראַכאָוויסט, האָב איך אויפגעראַמט מיין ווינקל אין דער אייבערשטיבל און געקלערט, אַז מען דאַרף גיין נעכטיקן ביי אַ חבר.

יענעם אָוונט האָב איך געהאַט אַ „שילער־קרייז" — גימנאַזיסטן מיט גימנאַזיסטקעס פון בולאַטס גימנאַזיע. נאָכן „קרייז" האָב איך די גאָר נאָענטע חברים דערציילט די מעשה מיטן „קנעפל", און געבעטן איינעם פון זיי מיך מיטנעמען צו זיך אויף נאַכטלעגער. מאָרגן וועט זיך אפשר אויפקלערן די זאַך. ווייל איך האָב אַ חשד, אַז ביים ערשטן מאַי אַרעסט איז אפשר חשוד געוואָרן ביי דער פּאָליציי מיין „געמלאַכהטער" פּאַס. מעגלעך, אַז זיי האָבן עפּעס דערטאַפּט, און מען וויל „זיך זען" מיט מיר.

הייבט זיך אויף יודל סטאַקליצקי (שפּעטער איינער פון די שפּיצן פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי) און דערציילט, אַז דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליציי, דאָס מוז זיין דער אַדוואָקאַט מאַרקאָוסקאַס, דער סיים־דעפּוטאַט, וואָס האָט זיך מיט אַ פּאָר טעג פריער געווענדעט וועגן זעלבן ענין צו זיינער אַ באַקאַנטער משפּחה. „ס׳איז נישטאָ קיין סכנה, כ׳קען רואיק גיין שלאָפן אין דער היים, ער וועט מיר מאָרגן העלפן אויפ־קלערן דעם ענין.

מאָרגן אָוונט האָב איך אָנגעקלאַפּט ביים אַדוואָקאַט מאַרקאָוסקאַס אין טיר. ער אַליין האָט מיר אויפגעמאַכט און העפלעך אַריינגעפירט אין זיין געראַמען קאַבינעט און געפרעגט: — „מיט וואָס קען איך דינען אַדער העלפן דעם יונגן מאַן"?

ווי צוטרוילעך ס׳איז געווען זיין אויסזען און באַנעמונג, האָב איך נישט געוואָלט ענטפערן דירעקט, נאָר פאָרזיכטיק אין אַ פאָלקסטימלעך

ליטוויש לשון געענטפערט, אַז „איך בין אַ תושב פון דער פּאָליציי־געסל, און דער שניידער שטוקאַראָוויטש האָט מיר דערציילט, אַז איר זוכט אַרום אַ באַראַכאָוויסט. היות ווי איר זענט אַן אַדוואָקאַט, וואָס פּירט, לויט מיינע ידיעות, פּאָליטישע פּראָצעסן, אפשר נייטיקט איר זיך אין אַזאַ עדות אָדער „מומחה", בין איך גרייט אייך צו העלפן".

מאַרקאָוסקאַס האָט מיר באַדאַנקט, געבעטן זיצן און מכבד געווען מיט אַ ציגאַרעט. אַזוי אַנצינדנדיק די שוועבעלע, האָט ער געענטפערט, אַז ער זוכט טאַקע אַרום אַ באַראַכאָוויסט — אַ פּועלי־ציוניסט, עס האָט אָבער גאָרנישט צו טאָן מיט משפטים אָדער יורידישע עקספּערטיזעס און זיכער נישט מיט פּאָליציי. ער פאַרשטייט מיין קווענקלען זיך, וויסנדיק, אַז די פּועלי־ציוניסטן אין ליטע זענען נישט אויפן גוטן אויג ביי דער איצטיקער מאַכט פון ליטע. ער פרעגט זיך נאָך און מען מיידט אויס אים צו ענטפערן. זיכער מיידט מען אויס אים צוזויפּצופירן מיט אַזאַ באַראַכאָוויסט. ער קען די געבענטשטע יידישע סאָלידאַריטעט... ער וועט מיר זייער, זייער דאַנקבאַר זיין אויב איך וועל אים צוזויפּירן מיט — — מיר. זיינער אַ גוטער פריינט האָט אים דערציילט וועגן מיר.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך ביידע צעשמייכלט, האָב איך אים גע־פרעגט צי איך מעג קומען צו אים זאָלבענאַנד. ער איז מסכים געווען, און דעם צווייטן אָוונט האָב איך אים באַזוכט צוזאַמען מיט אַן „אָנפירנ־דיקן" פון ווילקאָווישקי.

מאַרקאָוסקאַס האָט אַ צייט לאַנג געלעבט אין פּעטראָגראַד, וואו ער האָט געהייסן מאַרקאָווסקי. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, אַ מחבר פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דער אַגראַר־רעפאָרם אין רוסלאַנד. ער איז דאָרטן געווען אַ מקורב צו די ס.ר. קרייזן. איצט איז ער אַ סיים־דעפּוטאַט אין ליטע, אַ מיטגליד פון דער ס. ד. פראַקציע.

ביי דער צווייטער באַגעגעניש האָבן מיר געשמועסט אין רוסיש און איך האָב אים דריסט דערציילט וועגן אונדזער באַוועגונג אין ליטע. נאָכ־דעם האָט ער אונדז דערקלערט, אַז ער איז געווען פערזענלעך באַפריינדעט מיט באַראַכאָוון און איז געוואָרן זיינער אַן אָנהענגער. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט באַראַכאָוון אין קיעוו, אין 1917,

בעת דעם צוזאַמענפאַר פון די „אונטערדריקטע פעלקער״, וואו באַראַכאָוו האָט זיך באַפריינדעט מיט דער ליטווישער דעלעגאַציע.

מאַרקאָווסקי האָט אונדז מיט באַגייסטערונג דערציילט ווי אַזוי ב. באַראַכאָוו האָט געהאָלפן די ליטווינער זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון דער קאָמפּליצירטער נאַציאָנאַל־ליטווישער פראַגע. די ליטווישע נאַציאָנאַליסטן אין יענער צייט, האָבן אַליין געווי נישט געוואוסט ווי פּרעציז צו פאַר־מולירן זייער נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, זייענדיק שוין אויף דער שוועל פון דער זעלבסטשטענדיקייט. ב. באַראַכאָוו האָט זיך דעמאָלט דאָרטן באַ־געגנט מיט די נאַציאָנאַלע גדולים פון ליטע, אַזעלכע ווי: פּראָפעסאָר וואָלדעמאַראַס, שפּעטער מיניסטער פּרעזידענט, דער בייזער גייסט פון דער ליטווישער רעאַקציע, אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ פאַשיסטישן דיקטאַטאָר. גאַלוואַנאַווסקי — שפּעטער גאַלוואַנאַוסקאַס, פון די ערשטע מיניסטער־פּרעזידענטן, אַ מער ליבעראַלער אין באַציאונג צום יידישן מיעוט און נאַציאָנאַל פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע; פּראָפעסאָר סמעטאָנאַס — דער פּרעזידענט פון ליטע (געוואָרן אַ פּליט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך גענומען ס׳לעבן אין אַמעריקע). צוזאַמען מיט זיי זענען געווען אין קיעוו פּערזענלעכקייטן פון אַ קלענערן קאַליבער, ראַדיקאַלן, ס.ר. און ס.ד. מענטשן, אַזעלכע ווי מאַרקאָווסקי, אָדער דער דומע־דעפּוטאַט בולאַט, אַלע צוזאַמען האָבן געוואוסט ווי צו קעמפן און זיך ראַנגלען מיט דער צאַרישער מאַכט פאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט, אָבער זייערע השגות זענען געווען זייער שמאָלע. אַנדערע האָבן געפאָדערט אַ ברייטע נאַציאָ־נאַלע אויטאָנאָמיע אינעם שטח פון ליטע, בעת דער וועלט־מלחמה האָבן געוויסע ליטוויש־רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע קרייזן געוואָלט קרוינען איבער זיך אַ קיסר, — אַ דייטשישן קאַטוילישן פּרינץ, כדי ליטע זאָל ווערן פעדעראַטיוו אָנגעשלאָסן אָן דייטשלאַנד. זיי, די רעאַקציאָנערן, זע־נען אַפילו גרייט געווען צוריקצוצאָלן דייטשלאַנד פאַר אַזאַ „חסד״ מיט מאָביליזירן ליטווישע לעגיאָנען צו הילף דער דייטשישער אַרמיי (בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה). דערוויל ברעכט אויס די פעברואַר־רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד און צעדרייט זיי אַלע פּלענער. די רעוואָלוציע האָט מיטאַמאָל אַנטפּלעקט ברייטע האָריזאָנטן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג,

ביז זעלבסטבאַשטימונג פון די אונטערדריקטע פעלקער פון פריערדיקן צאַרישן רוסלאַנד. אַט קומט פאַר דער אַזוי פיל צוזאַגנדיקער פעלקער־קאָנגרעס אין קיעוו אין 1917. די ליטווישע דעלעגאַציע דרייט זיך אַרום אַ צעטומלטע און זוכט ווי צו קריסטאַליזירן איר נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. עס לאָזט זיך שווער, מחמת דעם קלאַסן־צוזאַמענשטעל פון דער דעלעגאַ־ציע. און אַט באַגעגענען זיי דאָרטן דעם „אָריגינעלן" יידישן יונגנמאַן, דעם טיפּזיניקן מענטשן, וואָס האָט אונדז, ליטווינער, אַרויסגעשלעפּט אויף דער ליכט פונעם פאַרפּלאָנטערטן וואַלד אַרויס — די נאַציאָנאַלע פּראַגע".

אויף די ערשטע שמועסן מיט באָראָכאָוון האָבן אים די ליטווינער איבערגעגעבן דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער ליטווישער נאַציאָנאַלער געזעל־שאַפטלעכקייט, וואו ס'האָבן נישט געפעלט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, מאָנאַרכיסטישע פּראָ־דייטשישע, אַפילו פּאָלאָניסטישע סימפּאַטיעס מצד די רעכטע, און פּערסאָנעל אויטאָנאָמיסטישע אָדער „פעדעראַטיווע" מיי־נונגען מצד די לינקע און ליבעראַלע קרייזן.

נאָכן אויסהערן די רייד, דערציילט מאַרקאַווסקי: — „האָט דער יונ־גערמאַן באָראָכאָוו אונדז טיף אַריינגעקוקט ביז אין דער נשמה אַריין, און לייכט איראָניש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: — עטאָ וסיאָ? דאָס איז אַלץ? מער פאַרנעמען נישט אייערע ליטווישע מוחות"?

די ליטווינער האָבן אים אָנגעקוקט, און צו זייער שטוינען האָבן זיי פון אים, דעם יידן, דערהערט אַזעלכע דרייסטע און קלאָרע דיבו־רים, וואָס זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט צו הערן פון ד"ר באַסאַנאַווי־טשאַסן אַליין. (באַסאַנאַוויטשאַס איז געווען איינער פון די בעסטע ליבע־ראַלע נאַציאָנאַל־ליטווישע געלערנטע, דענקער, אגב אַן אוהב ישראל).

ב. באָראָכאָוו האָט פאַר די ליטווינער אַנאַליזירט זייער נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די פּראָ־מאָנאַרכיסטישע ווי די פּאָלאָניסטישע מיינונגען כאַראַקטעריזירן דעם קאָנסערוואַטיוו־רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון אַזעלכע אידייען־טרעגער, בעת די מעסיקע און די לינקע סאָציאַליסטישע ליטווישע קרייזן האַלטן זיך ביי אויטאָנאָמיסטישע אָדער פעדעראַטיווע געדאַנקען. באָראָכאָוו האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט צו זאָגן,

אַז אַזעלכע מײנונגען בכלל, ד ר י ק ן אַ ו י ס ד אָ ס נ י ש ט ג ל ו י ב ן אי ן ד י אײ ג ע נ ע כ ו ח ו ת...

די ליטװינער האָבן לאַנג דיסקוטירט מיט באַראַכאָװן, שאַרף און פּרײנטלעך. באַזונדערס נאָכן באַקענען זיך מיט זײן אַרבעט „די קלאַסן־מאָמענטן און די נאַציאָנאַלע פראַגע״, װאָס האָט זײער פּאַראינטערעסירט די ס.ד. און ס.ר. מענטשן פון דער דעלעגאַציע. באַראַכאָװס רײד און אויפקלערן די נאַציאָנאַלע פראַגע, האָט טיף געװירקט אויף אַלעמען. זײנע רײד האָבן באַלויכטן, געמוטיקט און „ליכטיק געמאַכט אין די מוחות״.

נאָך די שמועסן מיט באַראַכאָװן, אויפן פּלענום, האָבן די ליטװינער גערעדט װעגן „זעלבסטשטענדיקײט, אומאָפּהענגיקײט״, װאָס מיר רופן הײנט: נאַציאָנאַל טעריטאָריעלע סואװערעניטעט, אָן אײגענע מדינה. נאָך מער, באַראַכאָװ האָט אויך פאַרבונדן און באַקענט די ליטװישע דע־לעגאַטן מיט אַנדערע „לײבן״ און „בערן״ פון קאָנגרעס. זײן אײנפלוס אויף די ליטװינער איז געװען עפעקטיװ און װאָגיק.

איצט, יאָרן שפּעטער, טראַכטן מיר, אַז זיכער האָט באַראַכאָװס פאַרבינדונג און אײנפלוס אויף די ליטװישע גדולים אויפן פעלקער־קאָנ־גרעס אין קיעװ, געהאַט אַ השפעה אויף די יעניקע ליטװישע שטאַטסמע־נער, װאָס האָבן שפּעטער, אין דער ליטװישער קאָנסטיטוציע, פאַראַנקערט ס פּ ע צ י ע ל ע פּאַראַגראַפן, װאָס זאָלן „פאַרזיכערן״ די ײדישע װי די נישט־ײדישע מיעוטים אין דער זעלבסטשטענדיקער ליטע, די נאַציאָנאַל פּערסאָנעלע אויטאָנאָמיע.

לײדער װערט דער דערמאָנטער פאַקט װעגן באַראַכאָװס באַגעגענען זיך מיט די ליטװינער אין קיעװ, אין 1917, אויפן פעלקער־קאָנגרעס, כמעט װי נישט דערמאָנט דורך די יעניקע, װאָס האָבן ביז איצט באַשריבן די קורצינקע „גאָלדענע״ אויטאָנאָמיע־תקופה פון די ײדן אין ליטע.

* * *

אונדזערע פאַרבינדונגען מיט ליטװישן אַדװאָקאַט און סײם־דעפּוטאַט מאַרקאַוסקאַס, זענען ענגער געװאָרן. מיר האָבן זיך גענומען די דרײסט־

קייט אים פּאַרצולייגן, עפנטלעך אַנטיילצונעמען אין די אזכרה־אָוונטן צום דריטן יאָרצייט נאָך בער באָראָכאָוו, וואָס מיר אָרדענען איין אין מאַרץ־אַפּריל און אין דער אַרומיקער געגנט. מיר האָבן אים געבעטן זיינע רייד און מיינונג וועגן באָראָכאָוון צו דערציילן בפני עם ועדה, און אים געזאָגט פאָרויס, מיט וואָס דאָס שמעקט, מחמת אונדזער האַלב־לעגאַליטעט; מיר דערשיינען פאַר דער עפנטלעכקייט נישט ווי „פּועלי ציון״, אָדער ווי באָראָכאָוויסטן, נאָר ווי „אַרבעטער־פראַקציע נומער 7״ — לויט אונדזער נאָמען צו די וואַלן אין די מוניציפּאַליטעטן און קהילות. מיר האָבן אים אויך דערקלערט, אַז די פּאָליציי האַלט אייניקע פון אונדז „אויפן אויג״, און — — — אַזאַ אַרויסטריט וועט אים משמעות נישט צוגעבן כוח אין דער ליטווישער נישט־יידישער עפנטלעכקייט.

מאַרקאַוסקאַס האָט אונדז אויפמערקזאַם אויסגעהערט, אַ ווײַלע געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך קווענקלען, אָבער ער האָט באַלד קאַטעגאָריש געענטפערט: — „ס׳איז מיר קלאָר, מיט וואָס דאָס שמעקט, אָבער מיר, ליטווישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, זענען נישט קיין פּחדנים. ווער רעדט נאָך, אַז בער באָראָכאָוו האָט ביי אונדז פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן. איך נעם אָן אייער וואונטש און וועל רעדן עפנטלעך וועגן אים, נישט נאָר פאַר יידן, נאָר אויך פאַר ליטווינער. מיט גרויס באַפרידיקונג האָבן מיר די ידיעה באַלד איבערגעגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין קאָוונע.

ליידער איז דער צ.ק. אין זיינע ערשטע צוויי יאָר (20 ־ 1919) נאָך נישט געווען גענוג שטאַרק. מיר פלעגן קריגן פון צ.ק. (אין יענער צייט) אַ מיזעראַבלע הילף און נאָך ווייניקער — אינסטרוקציעס. דעריבער איז ביי אונדז די שמחה געווען אַ דאָפּלטע צו באַקומען פון צ.ק. אַ באַלדיקן צוזאָג צו שיקן אויף אַזאַ באָראָכאָוו־אָוונט אַ „צענטראַלן חבר״, אַ פּליט פון ווילנע, דעם חבר גרשון. (ד״ר גרשון גרשוני, מיטגליד פון ועד הפּועל פון הסתדרות און צ.ק. פון אחדות עבודה ־ פּועלי־ציון אין ישראל, געפינט זיך איצט אין תל־אביב).

מיר האָבן געדונגען דעם גרעסטן זאַל פון שטאָט, וויסנדיק אַז אַזאַ פייערונג, מיטן אָנטייל פון אַזאַ איבעראַשנדיקן נישט־יידישן רעדנער, וועט נישט איבערלאָזן „אַ קינד אין וויג״. מיר האָבן אַפילו געדונגען די

אַרטיקע כלי־זמר, אַזאַ „אָרקעסטער" צו שפּילן די „שבועה" און שאָפּענס טרויער־מאַרש (ס'איז שוין איינמאָל געווען אַ „טרויער־מאַרש")... מיר האָבן צעקלעפּט גרויסע פּלאַקאַטן (אייגנהענטיק געשריבענע) און אָט קומט דער 17טער דעצעמבער, ס'איז שוין נאָך מיטיק און מיר ציטערן: דער „צענטראַלער חבר" איז נאָך נישטאָ. אָבער פּאַרנאַכט, אַז די פּערדן־באַן האָט געבראַכט דעם חבר גרשון פון קאָוונע, איז אונדזער התלהבות געווען אין לשער, ווייל מיר האָבן שוין געצומען צווייפלען אין זיין קומען. מיר האָבן שוין אַן אַנדערש מאָל געהאַט ביטערע אַנטוישונגען אין דעם פּרט מיט... סקאַנדאַלן פון עולם, ווען מען פלעגט צוזאָגן אַ גרויסן רעדנער און דערנאָך געגעבן אַן אַרטיקן שטאַמלער...

ווי געזאָגט, זענען באמת יענעם אָוונט געקומען מאַסן מענטשן בתוכם נישט־יידן. נישט ווייניק זענען געבליבן אין דרויסן און געטומלט אונטער די פענצטער אין דער קעלט. מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט, פון מעגאַפאָנען האָט מען ביי אונדז דעמאָלט אַפילו נישט געקענט חלומען.

ביז וואָס ווען, האָט די „מוזיק" געשפּילט, דער צימבל איז געווען גאָר גראַנד... דער עולם האָט זיך צעוואַרעמט, אויפגעכאַפּט די ניגונים און מיטגעזונגען מיט דער „מוזיק".

מיט ציטער האָב איך געעפנט די פייערונג, לייענענדיק מיינע רייד פון אַ העפט. דערנאָך האָט דער עולם אויסגעהערט שטייענדיג שאָפּענס טרויער־מאַרש (וואָס איז באמת געווען אַ טרויער צו הערן)... חבר גרשון האָט, אין זיין עלעגאַנטן, שיינעם גראַדנער יידיש, כאַראַקטעריזירט באַ־ראַכאָווס לעבן און שאַפן.

די שפּאַנונג האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט בעת דער סיים־דעפּוטאַט מאַרקאָוסקאַס, „דער באַרימטער ליטווישער אַדוואָקאַט", האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדעט אין ליטוויש: „חברים און בירגער". דער עולם האָט אים שטורמיש מקבל פנים געווען מיט אַפּלאָדיסמענטן. מאַרקאָוסקאַס האָט זיכער אַזאַ וואַרעמע און דאַנקבאַרע אויפנאַמע פון מאַסן יידן געהערט צום ערשטן מאָל אין לעבן. ער איז געווען גערירט און פון ליטוויש אַריבער צו רוסיש, רואיק, זאַכלעך, אָבער מיט האַרץ דער־ציילט אין פּשוטע ווערטער אַלץ, וואָס ער האָט פריער אונדז איבערגע־

געבן וועגן באַראַכאָווס ראָל אויפן פעלקער־קאָנגרעס אין קיעוו. זיין וואַגיקע הילף די ליטווישע דעלעגאַטן ביים קריסטאַליזירן די ליטווישע נאַציאָנאַלע פראַגע און פאָדערונגען, ווי אַזוי באַראַכאָוו האָט געדולדיק, ווי אַ לערער אויסגעהערט און דערנאָך אויפגעקלערט „פאַרשיידענע פאָרמען פון נאַציאָנאַליזם".

„לכתחילה", האָט מאַרקאָוסקאַס דערציילט, „האָט באַראַכאָוו דער ייד, נישט געמאַכט אויף זיי, די נישט־יידן, דעם געהעריקן רושם. אפשר מחמת זיין שטימע? אָבער ביסלעכווייז איז דער אינטערעס צו זיינע רייד געשטיגן מער און מער. באַראַכאָוו איז אַריין אין „טראַנס" און אויב איר ווילט, האָט ער מיט אַ געוויסער התלהבות אויפגעוויזן, אונדז ליטווינער, די מעגלעכקייט און גינסטיקייט פון קיום פון אַ ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ק ע ר פרייער ליטווישער רעפובליק. באַזונדערס שטאַרק האָט באַראַכאָוו געווירקט אויף די סאָציאַליסטן פון דער ליטווישער דעלעגאַציע. זיינע אָריגינעלע געדאַנקען און בקיאות אין דער שווערער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, האָט אונדז אַלעמען אַנטציקט, — „נישט ווייניקער ווי פוילע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט זאָלט איר, ליטווינער, פאָדערן פון פעלקער־קאָנגרעס" — האָט באַראַכאָוו געטענהט, עס כסדר איבערגעחזרט און פאַרענדיקט האָט ער זיינע רייד „אַז מיר דאַרפן זאָרגן, אַז באַראַכאָווס ווערק, זיינע גייסטיקע שאַפונגען, זאָלן אויך געבראַכט ווערן צום ליטווישן אַרבעטער־פאָלק".

נאָטירלעך האָט מען זיין אויפטריט אויפגענומען מיט שטורמישן ביי־פאַל, באַזונדערס ווען ער האָט צוגעזאָגט אין סוף פון זיינע רייד צו טאָן אַלץ פאַר יידיש־ליטווישער אַרבעטער־צוזאַמענאַרבעט, אָנהייבנדיק אָט שוין דאָ, אין מאַריאַמפּאָל...

דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש: אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, האָט זיך די „זשוואַלגיבע" פון קאָוונע געלאָזט אין פּראָווינץ פּאָגראָמירן די אַרבעטער־באַוועגונג, די קלובן און פאַריינען, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג צוריק מיט גרויס ליבע און מי אויפגעשטעלט געוואָרן. די זשוואַלגיבע האָט נישט דורכגעלאָזן מאַריאַמפּאָל, וואו זי האָט ברוטאַל באַפאַלן די אַרבעטער־אַנשטאַלטן, בתוכם דעם קלוב פון פועלי־ציון. שפּעטער, אין

מיטן נאַכט, באַפאַלן די אַרבעטער־היימען און מיטגענומען מיט זיך פיל פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע עסקנים זיי צו פייניקן און פאַרשפּאַרן אין תּפיסה.

פונדעסטוועגן זענען די קערנער פון די לינקע אַרבעטער־פּאַרטייען געבליבן גאַנץ. די קערנער און צעלן האָבן זיך נאָך מער קאָנספּירירט און נישט אויפגעהערט ווייטער צו ווירקן, צו טאָן און צוריקשטעלן דאָס צעבראָכענע — אַזוי אויך די פּועלי־ציון.

אני הקטן בין יענע נאַכט ניצול געוואָרן פון אַרעסט און אינקוויזיציע. איך האָב זיך אַרויסגעקליבן פון מאַריאַמפּאָל און זיך באַהאַלטן אין אַ הויך־געלאָדענעם שליטן מיט זעק מעל, וואו חברים מיט ידידים, מיט דער הילף פון אייגענע פורמאַנעס, האָבן מיך ווי „איינגעמויערט" אין יענעם שליטן. אַ מעת לעת שפּעטער בין איך טויט הונגעריק, האַלב פאַרפרוירן, ווייס ווי אַ מילנער, — אָנגעקומען אין קאָוונע, און פאַרלאָזן אויף אייביק די גוט ליבע ג ע ו ע ז ע נ ע עיר ואם בישראל מאַריאַמפּאָל אין ליטע.

* * *

באַמערקונג צום קאַפּיטל „באַראַכאָוו און די ליטווינער":

אַ גרויסן טייל פּרטים וועגן באַראַכאָווס באַגעגענישן מיט די ליטווינער האָב איך פאַרעפנטלעכט אין וואַרשע, אין „אַרבעטער צייטונג", נומער 13, דאַטירט דעם 30.3.28. די איבעריקע פּרטים האָב איך געפונען נאָטירט אין בלעטלעך, וואָס זענען אַמאָל געווען אַזאַ „טאָג־בוך". באַזונדערס, וועגן דער פייערונג פון באַראַכאָווס יאָרצייט דעם 17טן דעצעמבער 1920 אין מאַריאַמפּאָל. אין די געפונענע נאָטיצן איז פאַרצייכנט, אַז אויף מאָרגן, נאָך דער פייערונג אין מאַריאַמפּאָל, זענען מיר געפאָרן אויף אַזאַ באַראַכאָוו־פייערונג איינגעאָרדנט פון די פּועלי־ציון אין שטעטל קאַלוואַריע („מיר": — איך מיטן חבר גרשוני). אין קאַלוואַריע האָבן מיר צו אונדזער פאַרוואונדערונג געפונען צוויי יידישע לערער, פּליטים פון וויל־

נע, די ברידער קאָפּיליאָוויטש, איינער פון זיי, לייזער, איז אַריבער צו וואוינען אין קאָוונע, וואו ער האָט מיטגעהאָלפן, ווי אַ לערער, בויען די יידישע וועלטלעכע שולן.

ל. קאָפּיליאָוויטש איז געווען אַ זעלטענער שפּראַכן־קענער. צווישן אַנדערע האָט ער געקענט עטליכע אינדישע דיאַלעקטן און יאַפּאַניש.

ל. ק. איז ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אַוועק אין לינקן עקס־טרעמיזם. ער האָט רעדאַגירט די פּאָפּולערע יידישע טאָג־צייטונג „פאָלקס־בלאַט", וואָס איז אַרונטערגעפאַלן דער יעווסעקישער השפעה, נאָכדעם ווי די פריערדיקע רעדאַקטאָרן יודל מאַרק און ד"ר מענדל סודאַרסקי ז"ל האָבן אויסגעוואַנדערט קיין צפון־אַמעריקע. — הנ"ל.

די קאָנפערענץ אונטער פלאַמען

זומער 1920, איז פאָרגעקומען די ערשטע אָרדנטלעכע קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין ליטע. די קאָנפערענץ איז נישט לעגאַליזירט געוואָרן, מחמת דעם מצב פון דער פאַרטיי, וואָס איז געווען האַלב אָדער אַ „פערטל" לעגאַל שוין ביי איר גרינדונג אין דער ניי־עטאַבלירטער ליטווישער מדינה, און מחמת אַ טייל דעלעגאַטן, וואָס זענען געווען אויף דער „שוואַרצער ליסטע" פון דער „זשוואַלגיבע" (פאָליטישע פאָליציי — פּראָטאָטיפּ פון געסטאַפּאָ), וועלכע האָט אויסגעקוקט זיי צו אַרעסטירן.

איך האָב דעמאָלט געלעבט אין מאַריאַמפּאָל און געווען פאַרטאָן אי־בערן קאָפּ אין דער פאַרטיי און אין אייניקע ניי־געשאַפענע געזעלשאַפט־לעכע אַנשטאַלטן. מחוץ דעם האָט מען געדאַרפט אַרבעטן צו פאַרדינען דאָס טעגלעכע ברויט און פון יענע מיזעראַבלע פאַרדינסטן, אָפּרייסן פרו־טות צו קענען לערנען און קויפן די נייטיקע ביכער.

די הכנות צו דער קאָנפערענץ זענען שטאַרק איבערגעטריבן געוואָרן. מ'עט האָט אַזוינס דורכגעמאַכט צום ערשטן מאָל אין לעבן. אַ קלייניקייט? — אַ לאַנד־קאָנפערנץ!

די שטימונג איז געווען געשפּאַנט און געהויבן. דער באַוואוסטזיין, אַז די קאָנפערענץ וועט זיין אומלעגאַל, האָט געשאַפן אַרום דער געשעע־ניש אַ ראָמאַנטיש־מיסטעריעזע שטימונג. די חברים האָבן געשמייעט און געפיבערט. מען איז נישט געגאַנגען רואיק, נאָר געלאָפן, זיך געאיילט; מ'האָט נישט גערעדט ווי געוויינלעך, נאָר זיך געסודעט. מען האָט גע־שפּילט אַזויפיל קאָנספּיראַציע, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט נישט נאָר געוואוסט פון דער קאָנפערענץ, נאָר אויך געוואוסט די נעמען פון די אַר־טיקע דעלעגאַטן, וואָס קלייבן זיך קיין קאָוונע אויפן וויכטיקן „סיעזד" (צוזאַמענפאָר)...

קיין דירעקטע באַן פון מאַריאַמפּאָל קיין קאָוונע איז נאָך דעמאָלט

נישט געווען, אַ צווישן־שטאָטישע אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע זיכער נישט. פלעגט מען זיך שלעפּן שעהן לאַנג מיט אַ פערדן־קאַנקע קיין ווילקאָווישקי און פון דאָרט מיט דער באַן קיין קאָוונע. אַזוי ווי מ׳ר האָבן נישט געהאַט בדעה פאַרנומען צו ווערן פון דער פּאָליציי אונטערוועגס קיין קאָוונע, האָבן מיר באַשלאָסן אויסצומיידן די קאַנקע מיט דער באַן צוזאַמען, וואו ס׳איז געווען לייכט אַריינצופאַלן אין די פּאָליצייאישע הענט. מיר האָבן אָפּגערעדט צו פאָרן איינציקווייז, מיט די לאַסט־וועגענער, וואָס קאָמוני־קירן זיך צווישן מאַריאַמפּאָל און קאָוונע.

מיט נישט ווייניק מי האָט מען געפּועלט ביי די בעלי־עגלות זיי זאָלן מיטנעמען איינציקווייז די דעלעגאַטן, ווי בלינדע פּאַסאַזשירן און זיי צו אויסהיטן פון „בייזע אויגן״. צו זייער שבח זאָל געזאָגט ווערן, אַז די פּשוטע יידישע גוטע פאָלקס־מענטשן, האָבן מ׳יך באַהאַנדלט ווי אַ בן־מלך במשך פון דער 16־שעהדיקער נסיעה מיט אַלע „פּערעסיאַדקעס״, אין אַ שווער געלאָדענעם סקריפּענדיקן און טרייסלענדיקן וואָגן. צענדליקער מאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אָנצוטרינקען און געבן עסן די פערד, פאַר־ריכטן אַ לייצע, אַ שלייע, אַ פּאָסטראָנעק, אויסגלייכן אַ כאָמוט, אָנ־שמירן אַן אַקס, צופּעסטיקן, „צוקלינעוועןן״ אַ רייף, וכדומה. געפאָרן איז מען אין קאַראַוואַנען, און ביי יעדן אָפּשטעל, זיך צונויפגעקומען אין רעד־לעך — באַלעגאָלעס מיט געהילפן, אָנטרייבער מיט באַגלייטער. מ׳פלעגט עפּעס „נעמען אין מויל״, עס אַראָפּשווענקען מיט שטאַרקן קאָרן־בראָנפן, מחיה נפשות. די פלאַש משקה איז בדרך כלל געווען אַ קאָלעקטיווער נכס, וואָס פלעגט גיין פון מויל צו מויל, אָפּווישנדיק ס׳העלדזל מיט דער דלאָ־ניע פון דער האַנט אָדער מיט אַ פּאָלע פון דער סערמיגע. מען פלעגט געבן אַ זופּ מיט אַ קרעכץ, אַ קראַקע „ההאַ״! און פאַרבייסן מיט „דאָרע קישקע״ (וואורשט). נאַטירלעך פלעגט מען מיר אויך מכבד זיין מיט אַזאַ טרונק און מיט אַן אָפּגעביסענעם נאַפּל פון אַ וואורשט, דערביי מיך גע־מונטערט און „געטרייסט״ מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע און דערציילט כלער־ליי מעשיות וועגן פּאָליטישער קאָנטראַבאַנדע און בלינדע פּאַסאַזשירן אין „פינפטן״ יאָר, וואָס מען פלעגט „שוואַרצן״ איבער די גרענעצן, פון שיר־ווינט אָדער וועדזשבאָלאָווע (ווירבאַלן) קיין דייטשלאַנד. די „בלינדע פּאַ־

סאַזשירן״, פלעגן קומען פון גאַנץ „ראַסיי״, נישט זעלטן פאַרקליידט פאַר פרויען, „קראַנקע״, „גלחים״, וכדומה. (אגב דאַרף מען צוגעבן, אַז אין יענער צייט פלעגט נישט איין היגע סאָוועטישע פערזענלעכקייט פאַרן אינקאָגניטאָ קיין אויסלאַנד און שוואַרצן די דערמאָנטע גרענעצן מיט דער הילף און פאַרמיטלונג פון פועלי־ציון חברים, שלא על מנת לקבל פרס).

ס׳איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי מען פלעגט אויסזען נאָך אַזאַ נסיעה אין אַ פול געלאָדענעם וואָגן מעל במשך פון 3 - 4 מעת לעת און מער, אָבער ס׳איז נישט געווען זיך צו באַקלאָגן און האָבן קיין טענות צו קיינעם; צייט איז געווען גענוג, מען האָט חלילה גאָרנישט פאַרשפּע־טיקט...

די פאַרטיי האָט דעמאָלט לעגאַליזירט אירע לאָקאַלן, ווי „אַרבעטער היימען״, וואָס „פאַרשפּרייטן קולטור״ און „פאַרווייַלן״ דעם עולם. די „אַרבעטער היימען״ האָבן געררוישט און געווימלט טאָג און נאַכט, דאָרטן פלעגן עסן און נעכטיקן אויף האַרטע בענק געסט פון דער פּראָווינץ, היימ־לאָזע און אַרבעטסלאָזע, דורכרייזנדיקע און חברים פּליטים פון ווילנע, גראָדנע און סובאַלק, ביז מען פלעגט זיך „איינאָרדענען״, געפינען אַ בעט, אָדער צימערל „זאָלבעפערט״, אפילו ביים עסן פלעגט מען דיסקוטירן בקולי קולות, מיט פולע מיילער שפּייז, און פאַרגעסן דעם קוים לעגאַלן סטאַטוס פון לאָקאַל.

ווייל אין קאָוונער אַרבעטער היים האָט געהערשט אַן אָנסופיקער יריד, און אַ סך מענטשן פלעגן כסדר אַריין און אַרויסגיין, האָט מען באַשלאָסן דאָרטן, אין אַ זייטיקן צימער, אָפּצוהאַלטן די קאָנפערענץ. דער צימער האָט געהאַט אַ מעלה: דורך אַ פענצטער האָט מען געקענט אַראָפּשפּרינגען אויף אַ דאַך פון אַ פאַרוואַרלאָזטן הויף און פון דאָרטן אין דער רוישי־קער „יאַטקעווער גאַס״, וואָס איז שטענדיק פול געווען מיט געזונטע איי־זערנע יידישע טרעגער, אַ סך פון זיי מאנשי שלומנו, אָרגאַניזירטע אין אַ פאַריין, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון פועלי־ציון. די פּאָליציי פלעגט בדרך כלל אויסמיידן אַזאַ גאַס, סיידן זיי האָבן געמוזט. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָרטן וועט שוין אַן „אונדזעריקער״ נישט גיין לאיבוד, פאַר דעם וועט שוין זאָרגן שלמה דימענט, דער פועלי־ציוניסטי־

פועלי־ציון חברים אין מאַריאַמפּאָל אין 1920. אין דער צווייטער שורה אין מיטן (דער 4ער פון רעכטס צו לינקס) דער מחבר ל. חיין־שמעוני.

שער פאַרזיצער פון „טראַנספּאָרט־פאַריין" (אַ טרעגער האָט ביי אונדז געהייסן אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער). יאָ, די עיקר דאגה איז געווען ווי צו באַוואָרענען די אומלעגאַלע דעלגאַטן, וואָס ווערן געזוכט פון דער פּאָליציי, באַזונדערס חברים פון ווילקאָווישקער ראַיאָן, אַנטיילנעמער אין די לאַנג פאַרגעקומענע אומרוען פון די פּאַראַבקעס. באַזונדערס שטאַרק האָט די פּאָליציי דעמאָלט געזוכט דעם קאָפּ פון פּועלי־ציון אין ליטע, אפרים ברוקער, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ריכטיקער געזאָגט: — אויפגעהאַלטן אין קאָוונע, אין דער דירה פון חבר גפן, אין דער פאַרשטאָט קאַרמעליטע. אפרים האָט זיך געלאָזט וואַקסן אַ געדיכטע באָרד, אַ וואָלד, מיט אַ פּאָר פריצישע וואָנצעס, וואָס האָבן ווי אַ קאַרניז פאַרשטעלט דאָס מויל; דיקע ברילן־גלעזער האָבן פאַרשטעלט די אויגן, און אַ ווייכער קאַפּעליוש זיין כאַראַקטעריסטישן שטערן. גפן איז געווען כשר וישר. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז ביי אַזאַ פרידלעכן בירגער, זאָל זיך אויפהאַלטן אַ מענטש, שטרענג געזוכט פון דער פּאָליציי, מיט אַ הויכער געלט־פּרעמיע פאַר זיין קאָפּ...

נאָך געציילטע פּאַרטיי־חברים האָבן געוואוסט, אַז אפרים ברוקער האַלט זיך אויף אין קאָוונע. אַלע זענען געווען „זיכער", אַז ער זיצט גאָר אין דייטשלאַנד, אין אַ שטעטל נאָענט צו דער גרענעץ. נאָך מער: — ס'רוב פון די חברים וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן משונהדיקן „טיפּ" מיט דער באָרד און אויסטערלישע אויגן־גלעזער, האָבן זיך ערשט אויף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ דערוואוסט, אַז דאָס איז דער לעגענדאַרער פּועלי־ציון מנהיג אין ליטע — און לעטלאַנד. בשעתו האָבן זיך דאָס ביסל חברים פון לעטלאַנד, הויפּטזעכלעך פון ריגע, קאָאָרדינירט מיט די פּועלי־ציון פון ליטע צו דערשיינען ווי איין פּאַרטיי, די „ליטוויש־לעטישע פּועלי־ציון". די דאָזיקע פּאַרטיי האָט צו דער קאָנפערענץ געציילט 2000 חברים. ס'איז כמעט נישט געווען קיין „גרענעץ־פראַגע" פאַר אַן אונדזעריקן. ווער רעדט נאָך, אַז זשאַגער, וואו פּועלי־ציון האָט געהאַט אַ פיינע אָרגאַניזאַציע, האָט געשניטן די ליטוויש־לעטישע גרענעץ. די דאָרטיקע פּאָליציי פון ביידע זייטן, האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט פּאַספּאָרטן, וואָרום אויסגעהאַלטן זיך, האָבן זיי פונעם רעגולערן וואַכער־געלט פון די זשאַגערער

יידן, וואָס האָבן זיך געאָגראַפיש געטיילט אין בירגער פון צוויי מדינות. קאָנקרעט: איין ברודער פון זעלבן פאָטער איז געווען אַ ליטווישער בירגער, דער צווייטער — אַ לעטישער.

דער שלום־אַפּמאַך האָט אַזוי אַרום אינעם זעלבן ענגן תחום געשפּאָלטן יידישע משפּחות, וואָס האָבן געהערט צו צוויי נאַציאָנאַליטעטן; דער געאָגראַפישער מהלך פוןביידע נאַציאָנאַליטעטן האָט געציילט אַ פּאָר מינוטן גאַנג, ווי עס זענען איצט אַלט און ניי ירושלים, אָבער אין זשאַגער איז נישט געווען קיין שטעכעדיקע דראָט־פאַרצוימונגען, נישט קיין „מאַנדלבוים־טויער", נישט קיין „שלום־מאַכער" פון די פאַרייניקטע פעלקער", אַזוינס איז דעמאָלט פאַר פּועלי־ציון געווען, ווי אויף דער האַנט...

און לאָמיר דערמאָנען, אַז די לעטישע פּועלי־ציון חברים האָבן דעמאָלט געהאַט אַ זעלטענעם מנהיג אין דער פּערזאָן פון אַ פרוי: — די ענערגישע און באַקאַנטע לערערין דבורה טאַראַנט, וואָס פלעגט אין אירע וויכוחים מיטן לעטישן „בונד", כאַראַקטעריזירן דאָס שטעטל זשאַגער, ווי דעם אויסדרוק, ווי די באַרעכטיקונג פון אַ ל ו ע ל ט ל ע כ ן כאַראַקטער פון יידישן פאָלק; די „אַלוועלטלעכקייט", וואָס די „בונדיסטן" האָבן נישט אָנערקענט און באַקעמפט.

ווי געזאָגט, האָט ערב דער קאָנפערענץ, געהערשט אין דער „אַרבעטער היים" אַ גוטע געהויבענע שטימונג. דעלעגאַטן פון צענדליקער פונקטן פון ליטע מיט געסט פון ריגע, האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט יום־טוב אין האַרצן, זשומענדיק ווי בינען. ס'האָבן זיך אָפּגעזוכט „פינאַנציסטן" (פון וועלכע ס'האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט טעווקע ברוידע, פון וויקאָווישקי, אַ זון פון אַ רייכן יידן. טעווקע און זיין שוועסטער סלאַווע זענען געווען אין דער ווילקאָווישקער דעלעגאַציע) די „פינאַנציסטן" פלעגן מכבד זיין מיט אַ גוטן טרונק און צובייס. טעווקע (ברוידע) האָט געטיילט דעם עולם גוטע ציגאַרעטן פון זיין פאָטערס פאַבריק, און ווער עס האָט דעמאָלט געזען דעם מונטערן עולם מיט דער טיפער קעגנזייטיקער פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט, וואָלט זיכער אָפּגעפרעגט די פּראַשפּרייטע מיינונג, די אויסטראַכטעניש, אַז די „ליטוואַקעס" זענען קאַלט און

שטרענג. אין אַט דער סביבה האָט איר געזען דאָס אומגעקערטע: מען פלעגט זיך אַרומנעמען ביים ערשטן צוזאַמענטרעף, אַפילו זיך צעקושן ווי „גויים״. מען האָט אַלעמען באַזאָרגט מיט נאַכטלעגערס און עסן ביי די קאָוונער, צווישן איין זיצונג און דער צווייטער, ווען די „קאָמיסיעס״ פלעגן זיך „דערהרגענען״ פאַר יעדער „קוצו של יוד״ אין דעם אָדער יענעם סטי־ליזירן אַ רעזאָלוציע, פלעגט מען אַרומפירן די „פּראָווינציאַלן״ און ווייזן „ס׳גרויס־שטאָטישע וואונדער״ פון קאָוונע, די צייטווייליקע הויפּטשטאָט פון ליטע (ביז מען וועט באַפרייען ווילנע פון פּוילישן עול)...

די קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן, נישט ווי ס׳פּירט זיך, אין אָוונט, נאָר אין אַ באַגינען, מיט אַ שטיל־שטילן געזאַנג פון דער „שבועה״, וואָס האָט אין יענער אַטמאָספער געקלונגען ווי אַ באַהאַרצטע תפילה. די אַרבעטער היים איז געווען באַוואַכט פון דרויסן מיט „פּאַטרולן״, וואָס זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די טרעגער — פּאַרטיי־חברים, און מיט אייניקע יוגנטלעכע שליחים.

דער סדר־היום האָט אַרומגענומען די פּונקטן: „די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די לאַגע אין ליטע״, „פּאַלעסטינע און די פינפטע לאַנד־קאָנפע־רענץ״, אָרטיקע אַרבעט, שולן, קולטור, פּראָפּ. באַוועגונג, וכדומה.

די ראשי המדברים זענען געווען אפרים ברוקער, דער שטרענגער מקפּיד איבער יעדער „מאַקסיסטישן אות״. (ברוקער איז שפּעטער אַוועק פון פּועלי־ציון אין דער ק.פּ.ד. בערלין). דער נייער געהיימענישפולער חבר נתן פינטשוק, וואָס איז פאַר אונדז געווען אַ שטיק רעטעניש. נתן פינ־טשוק איז געקומען קיין ליטע מיטן פליטים־שטראָם, לויט זיינע רייד, — פון ראַטנרוסלאַנד. אַנטקעגן אפרים ברוקערן, דעם ברייט־פּלייציקן ליט־וואַק, האָט ער אויסגעזען ווי אַ קינד. יונג, מיט אַ מילדן איידעלן פּנים, באַפּוצט מיט אַ בלאָנדן חזניש בערדל. נתן פינטשוק איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער רעדנער, באַלאָדן מיט נישט ווייניק ידיעות. (שפּעטער איז ער געוויילט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דער א״י־קאָמיסיע צוזאַמען מיט נחמן סירקין און מיט ח׳ נחום ניר, וואָס האָבן באַזוכט ארץ־ישראל בעת דער תל־חי - יוסף טרומפּעלדאָר עפּאָפּייע אין 1921). נתן איז געווען אַ פּייערדיקער „פּאַלעסטינעץ״, אַ מענטש כסדר אין באַוועגונג, אומרואיק

שאַרף און היציק. אַ שטיק קוועקזילבער, בעת ברוקער איז געווען רואיק, שווער־באַוועגלעך, אויסערלעך פלעגמאַטיש, אָבער שטענדיק גרייט אָפצושלאָגן אַ קעגנער מיט אַן אייז־קאַלטער שטרענג לאָגישער אַרגומענטאַציע.

ברוקער, מיט זיינע אָנהענגער, האָבן געפאָדערט לייגן דעם טראָפ פון דער פאַרטיי־אַרבעט אויף די טאָגטעגלעכע נויטן, ראַנגלענישן, פאָדערונגען און קאַמפן פון די „רעוואָלוציאָנערע יידישע און נישט־יידישע מאַסן", זיך דורכויס, אָדער אינגאַנצן, אָריענטירן אויף דער אָט באַלדיקער „קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, וואָס קלאַפט אין טיר פון ליטע", זיך צו האַלטן רעזערווירט אין דער פאַלעסטינע־אַרבעט, וואָס מען דאַרף חלילה נישט נעגירן, חלילה! אָבער, אָבער — — — בעת נתן פינטשוק מיט זיינע אָנהענגער, די גרעסטע מערהייט דעלעגאַטן, ואני בתוכם, האָבן געפאָדערט זיך צו קאָנצענטרירן מער ווי ביז איצט אויף דער פאַלעסטינע־אַרבעט, עס צו פאַרבינדן מיט די טאָגטעגלעכע ראַנגלענישן און קאַמפן פון די יידישע מאַסן אויף אַלע שטחים, נישט צו פאַרמינערן, נאָר פאַרשטאַרקן די אַרבעט אין דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, ווי צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, וואָס האָט אָן אויפהער געשטראָמט אין קאָוונע פון אַלע טיילן לאַנד. ס'איז נאָך געווען אַ „דריטער כוח", אין דער פערזאָן פון שלמה שערצמאַן, אַ חבר פון פוילן, וואָס האָט געאַנקערט אין ליטע. ש. שערצמאַן האָט אָן אויפהער ציטירט באָראָכאָוון, לאָגיש, געדולדיק זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער באָדן ברענט אונטער די יידישע פיס, אָט שוין נאָך דער וועלט־מלחמה, די חורבות זענען נאָך נישט רעסטאַווירט און אייראָפע ווערט צוריק פאַרזייט מיט מינעס... רדיפות, אַנטיסעמיטיזם מיט פאָגראָמען אויף די געליטענע יידן, וואָס האָבן מער געליטן ווי די נישט־יידן פון דער מלחמה־אימה. יידן ווערן געצוואונגען, יידן מוזן ווייטער וואַנדערן, עמיגרירן, כדי „נישט צעריבן צו ווערן אויף שטויב און אַש", האָט אונדז „באָראָכאָוו געלערנט אַזוי און אַזוי, ווי ס'ווערט געזאָגט דאָ און דאָרטן, מוזן מיר שאַפן די סטראַטעגישע באַזע אין פאַלעסטינע, די אייגענע טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע, צו פאַרוואַנדלען דאָס יידישע פאָלק אין אַ שאַפנדיקן נאָרמאַלן קאָלעקטיוו, צו ווערן אַ פאָלק מיט פעל־

קער גלייך, זיך נאָרמאַליזירן״, אא״וו. שלמה שערצמאַן וואָלט געדעט אַן אויפהערן, ווען נישט דער אכזר, דער פּאָרזיצער... אויף וויפיל עס געדענקט זיך, האָט מען דעמאָלט כמעט ווי נישט גערעדט וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע, נישט וועגן אַלגעמיינעם ציוניזם, נישט וועגן צעירי ציון. מען האָט יאָ גערעדט און געפאָדערט מער ממשותדיקע אַקטיווע אַרבעט פאַרן פּ״אַפּ (פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד), מער ממשותדיקע הילף יענע אַרבעטער, וואָס ווילן ״עמיגרירן״ קיין פּאַלעסטינע (ארץ ישראל פלעגט זעלטן דערמאָנט ווערן, נישט צו ווערן אויסמיידן די אַראַבישע תושבים, די מערהייט פון א״י).

דאָס אינטערעסאַנטע און אָריגינעלע אין יענע וויכוחים איז געווען די פאָדערונג פון אַ ״נאַציאָנאַל פּערסאָנעלער אַרבעטער־אויטאָנאָמיע״, מיט יידישע אַרבעטער־ראַטן, וואָס זאָלן ווירקן אין יידישן לעבן. אָט די דאָזיקע פאָדערונג איז געווען אַן אַלטערנאַטיווע, אַנשטאָט די קהילות. די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין ליטע דאַרפן האָבן גרייט אַלע כלים און אַנשטאַלטן איבערצונעמען די מאַכט אין יידישן לעבן אין יעדן פאַל, נישט צו ווערן אַ יעווסעקציע. (דאָס איז דאָך געווען אין 1920!).

עס זענען נישט געווען קיין חילוקי־דעות אַרום דער שפּראַכן־פראַגע, וועלטלעכע שולן, קולטור און פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, אָבער אַז מען איז געקומען צום פּונקט וועלט־קאָנפערענץ, האָט זיך די לופט אָנגעוואַרעמט. דער ״אַוואַנגאַרד״ פון ווין, מיט אַלעקסאַנדער סערפּאָווס פייערדיקע אַרטיקלען, האָבן באַצייטנס צוגעגרייט די אַטמאָספער צו דעם פּונקט. דאָס איז געווען די א יי נ צ י ק ע ליטעראַטור, וואָס מיר פלעגן דעמאָלט קריגן בשפע פון אויסלאַנד, נישט האָבנדיק קיין צורת אות פון אַנדערשוואו. אַלע האָבן געוואָלט וויסן וואָס עס טוט ״פּועלי־ציון אין פּאַלעסטינע״, פאַרוואָס זענען זיי העברעאיסטן? וואָס זענען זייערע באַציאונגען מיטן ״בורזשואַזן ציוניזם״. אַנדערע האָבן דערמאָנט די פּועלי־ציון פון אייראָפּע, זייער אָנטייל אין ציוניסטישן קאָנגרעס, בעת פון די דעלעגאַטן אין ליטע איז נישט איין־איינציקער געווען פאַרן אָנטייל אין קאָנגרעס.

עס האָט געהערשט אַ פאַרבאָרגענע אַלגעמיינע צופרידנקייט מיטן קיום פון פּ.אַ.פּ. ווי אַן אַלטערנאַטיווע אנשטאָט די אַלגעמיינע פאָנדן. די

ליטווישע פועלי־ציון פלעגן דעמאָלט אָפט איינאָרדענען געלט־זאַמלונגען מיט באַשטייערונגען פאַרן פּ.אַ.פּ. די געלטער פלעגט מען איבערגעבן פינ־טשוקן, דעם שטענדיקן וואַנדערער, ער זאָל עס באַזאָרגן וואו און ווען מען דאַרף, אין בערלין. לײדער האָבן מיר זיך צו־שפּעט דערוואוסט, אַז אונדזערע געלטער פאַרן פּ.אַ.פּ. האָט פינטשוק קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן „וואו און ווען" מען האָט באַדאַרפט אָפּגעבן, ווי מיר האָבן געפאָדערט פון אים. מחמת נאַאיוויטעט און גרענעצלאָזן גלויבן אין דער נאמנות פון אַזאַ צ. ק. מיטגליד, איז דעמאָלט קיינעם נישט אייגעפאַלן צו פאָדערן פון אים קבלות אָדער אַ חשבון פונעם געלט. בעת איך האָב אַמאָל אַזוינס ברמז דערמאָנט, איז מען געווען גרייט מיך קורע כדג זיין...

די וויכוחים האָבן געגליט, די היץ איז געשטיגן און דעם האַרמידער מיט די קולות האָט מען זיכער געקאָנט הערן עטלעכע גאַסן ווייטער. מען האָט פאַרגעסן די סכנה פון אַ פּאָליצײ־איבערפאַל. אַלע האָבן געגרונטע־וועט צו זוכן ממשותדיקע וועגן און מיטלען ווי צו רעאַליזירן די אידייען, ווי צו דערנענטערן דעם „קץ"... דערביי ווילן מיר איבערחזרן, אַז די ליט־ווישע פועלי־ציון זענען געווען זייער אָרעם אין באָראָכאָוויסטישער, אַפילו אין סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און אין אינטעלעקטועלע קרעפטן. דער גרעסטער טייל דעלעגאַטן זענען געווען נייע אין דער פּאַרטיי, ווי ס׳רוב חברים. זייער אָנשלוס אָן דער באַוועגונג איז מער געווען סטיכיש, אינס־טינקטיוו, ווי באַוואוסטזיניק געטריבן פון אידייאיש־קלאָרע איבערצייגונ־גען. מען האָט, ווי יידישע אַרבעטער און יוגנט פון אַ וואָרצלדיקער יידי־שער סביבה, דעם פועלי־ציוניזם מער געפילט בלב־ונפש, ווי שכלדיק באַ־נומען מיטן קאָפּ. דעריבער האָט מען דעמאָלט געטאַפּט און געזוכט אי־דייאישן אויסדרוק, ווי אין אַ נעפּל. אַפילו דאָס רוב פון אונדזערע „מנהיגים" זענען דעמאָלט אויך נישט געווען קיין איבעריקע ידענים פון דער באָראָכאָוויסטישער טעאָריע און לערע, ווי פון דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק. דער סינטעז צווישן אַרבעטער־ציוניזם מיטן מאַרקסיזם, האָט מען געפילט עמאָציאָנעל און דערווייל געזוכט די טעאָרעטישע באַגרינ־דונגען.

די עיקר־ידיעות און וויסן זענען איצט געווען אין ליטע, ווי פריער

מ. ערעם

אין סובאַלק, פון דער תורה שבעל פה, וואָס קען זיין זייער עלאַסטיש ביז צו פאַרדרייען עיקרים... אַזוי אַז נישט ווייניק דעלעגאַטן האָבן געשוויגן, זיך באַנוגנט מיט אויסהערן מיט יראת הכבוד די „מומחים", אָפּצולאַגערן די אויפגענומענע ידיעות, ערגעץ אין אונטערבאַוואוסטזיין, כדי עס שפּעטער אַליין אין דער שטיל, איבערטראַכטן און פאַרדייען — — — אָבער אַז עס פלעגט אויסברעכן אַ טומל, האָט זיך קיינער פון די שווייגער נישט אָפּגעהאַלטן פונעם אָנטייל אין טומל, ווי זיי פלעגן זיך אָפּהאַלטן פון ריידן, מחמת — — — מען זאָל חלילה שפּעטער נישט דערציילן אין די געבורט־שטעטלעך, פון וואַנען זיי זענען אַהער געקומען, אַז זיי זענען געזעסן אויף דער קאָנפערענץ און געשוויגן, נישט וויסנדיק גאָרנישט, ווי העגער אין „בני אדם"...

מיטאַמאָל: — פון גאַס דערטראָגט זיך אַ געדעמפּטער טומל. אונדזערע פאַטרולן פאַלן אַריין נישט טויט, נישט לעבעדיק — „עס ברענט!"

נישט ווייט פלאַקערט אַ שריפה, אָט, אָט, עטלעכע הייזער ווייטער פון דער „אַרבעטער היים"...

דער פאָרזיצער איז געווען גרייט צו ממיתן, מיט זיינע צאָרנדיקע אויגן, די שלעכטע בשורה־ברענגער.

— „און אַז עס ברענט, איז מה רעש? וואָס האָט עס צו טאָן מיט אונדז"?

אַ פּאַטש אין טיש און מען דעבאַטירט ווייטער, אָבער אַביסל צעטומלטע, פילנדיק דעם מיין פון אַ שריפה אין יענע יאָרן, אין יידישע שטעט און שטעטלעך, געבויטע פון הילצערנע הייזער, מיט שטרוי אָדער שינדל־דעכער, מיט איין־איינציקן ברונעם אין מאַרק־פּלאַץ...

די פליסיקייט פון די אַרגומענטן ביי די רעדנער, איז געשעדיקט. מען פאַרהאַקט זיך, מען פילט אַרויס איגערלעכן אומרו, אַזוי, שוין אָן דער פריערדיקער התלהבות. די דעבאַטע קלעפּט זיך שוואַך, ביז — ביז: עס פאַלט אַריין די פרעבליסטין פון ערשטן יידישן קינדערגאָרטן אין קאָוונע, וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פון דער „אַרבעטער היים".

— „ראַטעוועט, חברים, די קינדער, עס ברענט! וואָס זיצט איר דאָ און וואַרט ביז די פלאַמען וועלן נעמען שלאָגן אין די פענצטער"?

איך, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר חברים, זענען אַרויסגעלאָפן מיט דער פּרעבליסטין. מיר העלפן אַרויספירן די קינדער פון דער געפערלעכער סביבה. מיר האָבן אויסגעראַמט דעם קינדערגאָרטן, אַלץ, מיטן ביסל אָרעמקייט און „מעבל" אַרויסגעטראָגן אין גאַס און זיך צוריקגעקערט צו דער קאָנפערענץ, בעת אפרים ברוקער האָט געלייענט זיין קאָ־רעפעראַט וועגן דער „פּאַלעסטינע־אַרבעט — און די נאָענטסטע וועלט־קאָנפערנץ". נאָכדעם ווי מען האָט פאַרענדיקט די פּרשה „אָריענטאַציע" אויפן „רע־וואָלוציאָנערן מזרח, וואו ס'איז אויפגעגאַנגען די זון פון באַפרייאונג פון דער מענטשהייט".

אין צימער איז געווען שטיקנדיק. די ווענט האָבן באַקומען אַ משונהדיקן קופּער־קאָליר, ס'איז געווען מיטיק־צייט, און ס'האָט אויסגעזען ווי פאַרנאַכט, אָדער ווי בעת אַ ליקוי חמה. אָט דערפילט מען רויך אין צימער — — — פונדעסטוועגן, ווי אַ ביישפּיל פון דער דעמאָלטיקער דיסציפּלין, האָט זיך קיינער נישט גערירט פון אָרט, ביז ס'איז געקומען אַ קיידאַנער חבר (אַהרן מערלינסקי) צו וואָרענען, אַז „די פּאָליציי שפּאַרט אָפּ די גאַס, פירט אַרויס די אומלעגאַלע מענטשן"...

מען האָט באַלד באַזייטיקט די גאַר איינגעשטעלטע אין סכנה אַרעס־טירט צו ווערן, בעת די איבעריקע זענען געבליבן זיצן און אָפּגעוואָרט מיט האַרצציטערניש די ידיעה, אַז די אַנטרונענע זענען אָנגעקומען בשלום אין זייער אָרט. מיר האָבן מורא געהאַט מען זאָל זיי נישט כאַפּן אין גאַס, צו הילף די פייערלעשער, וואָס זענען נישט געווען גענוג געניט און גענוג געשולט. זיי האָבן אויך נישט געהאַט גענוג לעש־מכשירים, פלעגן זיי דעמאָלט, אין ערנסטע פאַלן, קריגן הילף פון דער פּאָליציי און מיליטער. די זעלנער און פּאָליציאַנטן פלעגן זיך מיאוסן מיט אַזאַ מין „ציווילער" מלאכה, און איידער וואָס ווען — כאַפּן צעשראָקענע דורכגייער, אַלט און יונג, זיי זאָלן פּאָמפּען ס'וואַסער און אַרויסטראָגן די מטלטלים פון איינגעשטעלטע דירות, נאָענט צום פייער. דעמאָלט זענען נישט געווען אין קאָוונע קיין הידראַנטן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין קאַנאַליזאַציע, נישט קיין וואַסער־לייטונג. פלעגט מען, אין פאַל פון אַ שריפה, אויך ברענגען וואַסער מיט עמערס, מחוץ די פעסער. עס פלעגן אויך פעלן

קישקעס צו לעשן אַזאַ גרויסע שריפה, ווי ס׳האָט געווילדעוועט אין קאָוונע אין דער געגנט פון דער וויליע, וואָס האָט אָפּגעטיילט קאָוונע פון סלאָ־באָדקע.

קאָוונע האָט יענעם זומער 1920, איבערגעלעבט איינע פון די גרוי־זאַמסטע שריפות אין דער געשיכטע פון דער שטאָט אין די לעצטע פּאָר יאָרהונדערטער. אויף וויפיל עס געדענקט זיך זענען דעמאָלט אַוועק מיטן פייער צענדליקער עטלעכע שטאָקיקע הייזער, מיט אַ סך קלענער היל־צערנע הייזקעס מיט שינדל־דעכער. טויזנטער מענטשן זענען מיטאַמאָל געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַ העמד אויפן לייב, באַזונדערס יידן תושבים פון יענער געגנט, וואָס האָבן באַוויזן זיך קוים צו שטעלן אויף די פיס נאָכן צוריקקער פון מלחמה־גירוש, פון טיף רוסלאַנד. די פּאַניק איז געווען גרויס, אַ האַלבע שטאָט האָט זיך געפּאַקט צו לויפן אין צווייטן טייל, פון יענער זייט ניעמאַן. דער רויך מיט די פלאַמען האָבן געשלאָגן צום הימל און פאַרטונקלט די זון.

די מאַכט האָט זיך לכתחילה פאַרלוירן. גנבים און מאַראָדערן זענען אַרויס פון זייערע לעכער צו רויבן און גנבענען. פאַרווילדעוועטע צעטומל־טע מענטשן האָבן באַזעצט די קאַנקעס און געצאָלט הויכע פרייזן פאַר וועגעלעך און דראָזשקעס. מוטער האָבן געזוכט קינדער און להיפּוך, צו דעם איז צוגעקומען די שווערע דעפּרעסיע פון די געליטענע בירגער, וואָס זענען דעמאָלט בכלל נישט געווען סטראַכירט, אָדער פאַרזיכערט קעגן שריפות, ווי היינטיקע צייטן, „פייער־קאַסע״ (אַסעקוראַציע) פלעגט מען צאָלן נאָר פאַר הייזער, נישט פאַר מטלטלים.

אין אַט דער אַטמאָספער, אין דעם כאַאָס, האָט געקלעקט נערוון מיט ענערגיע, ביי די קאָוונער חברים צו געפינען אַ פּלאַץ וואו צו פאַרענדיקן די קאָנפערענץ, און בעיקר ווי צו געפינען די צעשפּרייטע פּראָווינציעלע דעלעגאַטן פונעם תוהו ובוהו אַרויס, אַלעמען אַריבערצוברענגען אויף דעם נייעם אָרט, כדי ביז פינצטער פאַרענדיקן און שליסן דעם צוזאַמענפאָר — אויפן „גרינעם באַרג״ (דער דערמאָנטער אָרט איז היינט פאַרשאָלטן, ווי אַ פּריער געוועזענער עקזעקוציע־פּלאַץ פון די ליטווישע פאַשיסטן, שפּע־טער פון די דייטשישע נאַצי־רוצחים).

אַן עפּיזאָד פון יענע טעג: בעת מיר האָבן אין איילעניש פאַרלאָזן די „אַרבעטער היים", האָבן מיר זיך באַמיט אַרויסצוטראָגן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען און איבערלאָזן אין אַ וויטן הויף, אונטער די פענצטער פון אַן אייגענעם מענטשן. נאָכדעם, אַזוי גייענדיק דורך הינ־טערוועגן צום באַשטימטן אָרט צו דער קאָנפערענץ, רייסט זיך אַרויס אַ חבר מיט אַ געשריי, באשר עס דוכט זיך אים, אַז „באַראַכאָוו איז פאַר־בליבן אין אַרבעטער היים" — און דער חבר איז נישט געוואָרן פון אונ־טער די הענט אַרויס. ערשט אַ פּאָר שעה שפּעטער, האָבן אים די קאָוונער אָפּגעזוכט, מיט — — — באַראַכאָווס פּאָרטרעט, וואָס ער האָט „גערא־טעוועט" מעשׂי ניסים איז יענער ווינקל פון מאַפּו־גאַס 9, וואו עס האָט זיך געפונען די אַרבעטער היים, אַרויס גאַנץ, נישט אַוועק מיטן פייער... אין דעם ווינקל איז געלונגען צו לאָקאַליזירן די שריפה און נישט דער־לאָזן איר זיך אַריבערוואַרפן ווייטער, וואָס וואָלט באַדראָט חרוב צו מאַכן דעם העמאָלטיקן צענטער פון קאָוונע).

דער „גרינער באַרג" איז ווייט נישט געווען קיין אידעאַלער אָרט פאַר אַן אומלעגאַלן צוזאַמענפאָר. ס'איז אָבער נישט געווען קיין ברירה! מען האָט צונויפגעבראַכט ליידיקע פלעשער, קאָנסערוון, בלעכלעך, קעסט־לעך מיט קוישלען, וכדומה, כדי פאַרבייגייער זאָלן מיינען, אַז דאָ פּראַ־וועט מען אַ פּיק־ניק, עפּעס אַ לוסטיקע הפקר־חברה, בעת פון ווייטן — ברענט...

עס האָט זיך געמאַכט, אַז בעת דער סאַמע איינגעשטעלטער, אפרים ברוקער, האָט גערעדט, האָבן זיך פון ווייטן באַוויזן עטלעכע זעלנער. ברוקער האָט גערעדט זיצנדיק אויף אַ פעסטן צווייג פון אַן אַלטן נידע־ריקן דעמב, בעת מיר זענען געזעסן אַרום, פון אונטן, אויפן גראָז. איך געדענק, ווי מיר איז איינגעפאַלן, אים, בליץ־שנעל אַראָפּצושלעפּן פאַר די פיס אויף דער ערד, די סאָלדאַטן זאָלן נישט זען זיין פּנים... ווער ווייסט ווער זיי זענען? — האָבן מיר אים אויסגעדרייט מיטן רוקן אַרויף און מעשׂה קונדס געגומען שמייסן און קאַטעווען, אַזוי צו פאַרבאָרגן זיין גע־זיכט מיט דער באָרד — אַ וואַלד.

די זעלנער האָבן זיך דערנענטערט און געזען, אַז דאָ פאַרווילט זיך

עפּעס אַ חברותא „לעבע־יונגען", האָבן זיי זיך אויסגעשפּיגן און אַוועק זייער וועג צו די קאַזאַרמעס, וואָס האָבן זיך געפונען, ווייטלעך, אויפן גרינעם באַרג, אַרום דעם פינפטן פאָרט פון קאָוונער חרובער פעסטונג.

ס'האָט זיך אָנגערוקט דער בין השמשות, גרויסע שאָטנס האָבן זיך צעלייגט צווישן די אַלטע ביימער. דער הימל איז געוואָרן רויט, אָנגע־גליט פון דער שוין צאַנקענדיקער שריפה, אַלץ האָט גענומען קריגן אַן אויסטערלישן אויסזען, ווי פון קופער־קאָליר.

אָט איז שקיעה, אַלץ פלאַמט צוזאַמען מיט אונדזערע פנימער, אַלע זענען באַהערשט פון אַן אינערלעכער התלהבות און ערנסט, פון אַ נעילה־שטימונג. מען רעדט קורץ און אָפּגעהאַקט. מען ווילט אַ דעלעגאַציע צו דער פינפטער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון. מען שטימט אָפּ נישט באַאַרבעטע, נישט סטיליסטיש־געפוצטע טעזיסן, אַנשטאָט רעזאָלוציעס, עס איבערצוגעבן דעם צ.ק. צו באַאַרבעטן. אָט דאָ, אין דער הויך געשפּאַנ־טער אַטמאָספער, נאָך אַזאַ לאַנגען אויפגערעגטן טאָג, האָט זיך אויסקריס־טאַליזירט דאָס אידעאָלאָגישע פנים פון פועלי־ציון אין ליטע, וואָס האָט זיך געשטעלט „אויפן באָדן פון דעם לינקן פליגל פון דער רוסלענדישער ברודער־פאַרטיי" (דעמאָלט זענען פאַר א ו נ ד ז, די י.ק.פּ. און י.ס.ד. פועלי־ציון אין רוסלאַנד געווען איין פאַרטיי מיט צוויי פליגלען)... צו געבן דירעקטיוון דער דעלעגאַציע פון ליטע צו ווירקן און האַנדלען אין ד ע ר אָנגעצייכנטער לינקער ריכטונג. דאָ איז אויך אָנגענומען געוואָרן דער פריער אויסגעאַרבעטער „אָרגאַניזאַציע־פּראָגראַם" פון דער פאַרטיי.

שוין אין דער פינצטער איז געזאָגט געוואָרן דאָס „שלוס־וואָרט". אַ פרייד און באַגייסטערונג האָט אַלעמען באַהערשט. מען איז געווען גליק־לעך, וואָס אַלץ איז אַראָפּ בשלום, און פון דער טיף אַרויס, האָט זיך ביי אַלעמען אַרויסגעזונגען די „שבועה". נאָך דער שבועה האָט זיך געבעטן מיט עפּעס „ממשותדיקס" אויסצודריקן די אָפּלאָדונג פון דער שפּאַנונג, צוזאַמען מיט די אָנגעזאַמלטע עמאָציעס פון גאַנצן טאָג. ס'איז באמת געווען אַ גרויסער טאָג! האָט מען זיך גענומען קוליען און קייקלען אינעם פייכט־געוואָרענעם גראָז. מען האָט זיך אַרומגענומען און געזעגנט מיט די געסט. אַנדערע האָבן זיך גאָר געקושט, ווי מחותנים נאָך אַ צופרידענער

חתונה... צענדליקער קרעפטיקע, געזונטע יונגע הענט, האָבן געהויבן אין דער לופטן די עלטערע חברים.

אַ טייל פון אונדז האָבן נאָך זוכה געווען דעם זעלבן אָוונט געכאַפּט צו ווערן פון מיליטער אויף צוואַנג־אַרבעט, צו הילף ביים ליקווידירן די שריפה. ואני הקטן האָב אָפּגעשוויצט אַ גאַנצע נאַכט, צום פּאָמפּען, אָדער שלעפּן עמערס וואַסער אונטער דער בייטש און ניבול־פּה פון אַ באַליי־דיקטן זעלנער, אַ קאַוואַלעריסט. אַזוי ביז טאָג, ביז כ׳האָב זיך אַוועקגע־דרייט, און פאַרשוואונדן אויף יאַנאָווער גאַס אָפּצונעמען מיין פּעקל, וואָס כ׳האָב געלאָזן ביי עלטערן פון אַ חבר. כ׳האָב ליידער דאָס הויז נישט געפונען. זי איז אַוועק אין פלאַמען צוזאַמען מיטן האָב־און־גוטס פון אַ שטילער יידישער משפּחה, די משפּחה פון חבר...

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט יענער גרויסער טאָג פאַר די פּועלי־ציון אין ליטע, זומער 1920.

אויף יאַנאָווער גאַס

א נשמה־ליכט די אומגעקומענע לעקטאָרן און תלמידים פון ערשטן יידיש־וועלטלעכן לערער־סעמינאַר אין קאָוונע.

ווי דורך אַ נעפּל זע איך אין זכרון דעם גרעסערן הילצערנעם בנין אויף יאַנאָווער גאַס אין קאָוונע. אַ בנין מיט אַ גאַנעק, מיט טרעפּלעך, פאַררוקט אין אַ רחבותדיקן הויף, נישט ווייט פונעם בריק, אַריבערגע־וואָרפן איבער דער שטראָמענדיקער ווילי קיין סלאָבאָדקע, וואָס איז גע־ווען באַרימט אין דער יידישער וועלט מיט דער ישיבה פון די „מוסרני־קעס", וועלכע האָט געליפערט רבנים, דיינים, מורי הוראות און ראשי־ישיבות פאַר אַלע תפוצות. סלאָבאָדקע מיט איר האַרעפּאַשנעם פאָלקס־טימלעכן ישוב; סלאָבאָדקע — דאָס יידישע שטעטל, אָדער פאַרשטאָט פון קאָוונע, מיט די גרויסע ביר־ברויערייען פון די וואָלפּס. דאָס איינציקע יידישע שטעטל אין אַ קאַטוילישער מדינה, וואו, צו דער שטאָלץ פון אירע תושבים, איז נישט געווען קיין קלויסטער און נישט קיין גויישע שיכו־רים... און צום סוף — סלאָבאָדקע, איינער פון די מאַסן־קברים פון די ליטווישע יידן, וואו מען האָט אויסגעמאָרדעט און פאַרברענט לעבעדי־קערהייט אַ טיף־פאַרוואָרצלטן טייל פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט געלעבט אויף דער ליטווישער ערד אַ כ ט ה ו נ ד ע ר ט יאָר צייט.

אין דעם גרויסן הילצערנעם בנין אויף יאַנאָווער גאַס אין קאָוונע, מיט דריי און אַ האַלבן צענדליק יאָר צוריק, האָט זיך געפונען דער ערש־טער און לעצטער וו ע ל ט ל ע כ ע ר יידישער לערער־סעמינאַר אין ליטע, וואָס האָט זיך גערופן, מחמת לעגאַליטעט, „יידישע לערער־קורסן".

מיט צער און טיפן ווייטיק, דערמאָנסטו זיך אָן יענער פּעדאַגאָגי־שער לערן־אינסטיטוציע, וואָס איז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט און איבערגעלאָזן בסך הכל אַ פּאָר לעבן־געבליבענע יחידים. אַלע, אַלץ און

אַלעמען פון יענעם בלומיקן עולם איז אומגעבראַכט געוואָרן און איז פאַרשוואונדן, ווער ווייסט וואו זייער אַש איז פאַרשפּרייט?...

דעמאָלט, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, איז געווען די ערשטע „גאָלדענע האָניק־תקופה" פון דער נאָרוואָס עטאַבלירטער ליטווישער רעפּובליק. דאָס איז געווען די „האָניק"־תקופה פון דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער יידישער אויטאָנאָמיע אין ליטע, מיט וועלכער אַלע יידן אין דער וועלט האָבן זיך געצירט און געגרויסט. שוין אָפּגערעדט פון אונדזערע „גלותיסטן" פון אַלע וואַריאַציעס: אַ יידישער רעכטלעך־אָנערקענטער מיניסטעריום, אַ יידישער נאַציאָנאַל־ראַט און נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג — מלוכהשאַפטלעך אָנערקענטע קערפּערשאַפטן, אין אַ געוויסער מאָס יורידיש פאַראַנקערטע אין דער ליטווישער קאָנסטיטוציע. אַן אויטאָנאָמער יידישער סאַניטאַר־מעדיצינישער וועזן, אַן אויטאָנאָמער יידישער שולוועזן פון אַלע עיקר־אידייאישע קאָלירן פון ברוינזנדיקן, שפּרודלדיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, מלוכהשאַפטלעך אנערקענטע יידישע קהילות, יידישע בענק, „הויכע קורסן", דראַמאַטישע סטודיעס, לערער־סעמינאַרן. די ערשטע רעכטלעך־אָנערקענטע יידישע שול פאַר קראַנקנשוועסטער, דעמאָלט די איינציקע אין דער יידישער וועלט... יידישע לערער, געלערנטע און פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אינזשינערן אויף הויכע מלוכה־פּאָסטנס. יידישע אָפיצירן אין דער ליטווישער אַרמיי, יידישע מלוכה־באַאַמטע, „אָרט" און „אָזע" און — — — וואוילע, האַרציקע 140־150 טויזנט יידן מיט אַ יוגנט — אַ צירונג, וואָס האָט נישט געליטן און נישט געוואוסט פון די מינדסטע אַסימילאַציע־קאָמפּלעקסן. אַלץ און אַלע דורכויס האָבן זיך אויסגעלעבט און געווירקט אין יידיש. געלערנט און שטודירט העברעאיש מיט אירע אַלטע און נייע ליטעראַטורן, אין העברעאישע פאָלקס־שולן און גימנאַזיעס — — — איז פון דעם אַלעמען פאַרבליבן איין מאַסן־קבר מיט זכרונות, וואָס ברענען ווי פייער...

* * *

דאָס וואָס אין פוילן אין געווען ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) און איז היינט אין אַ פאָר לענדער אין דרום־אַמעריקע

צוויש״א (צענטראַלע וועלטלעכע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע), איז דעמאָלט געווען אין ליטע די האַלב־לעגאַלע „קולטור־ליגע״, וואָס האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך די בעסטע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון ליטווישן יידנטום, אָנגעשפּאַרט אויף די צוויי עקזיסטירנדיקע אומלעגאַלע לינקע אַרבעטער־פּאַרטייען — די לינקע פּועלי־ציון און יידסעקציע, צוזאַמען מיט אומפּאַרטייאישע און נישט ווייניק פאָלקיסטישע עלעמענטן. די ליט־ווישע יידן זענען דעמאָלט אין זייער גרעסטן טייל אָקאָרשט צוריקגעקו־מען פון גלות, פון טיף רוסלאַנד, נאָכדעם ווי זיי זענען ברוטאַל פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען, בעת דער ערשטער וועלט־־מלחמה, דורך ני־קאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן, דעם צאַרס פעטער ימח שמו וזכרו.

אין ליטע איז דעמאָלט געווען סאָציאַלער פרילינג, ווי אור־מעטום אין מזרח־איירָאָפּע אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן. די רוסישע רעוואָלוציע, דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם אין דייטשן־לאַנד, מיט די נאַציאָנאַלע תחיה פון פוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד, האָבן צע־בראָכן אַ סך פאַרעלטערטע ווערטן און באַגריפן. נאָך אַלע ביטערע, גרוי־ליקע ליידן פון דער ערשטער מלחמה־תקופה, און באַלד נאָך איר, האָבן די יידישע פאָלקס־מאַסן רעוואָלטירט „ככל הגויים״, אינערהאַלב זייער אייגענעם יידישן לעבן. דער ציוניזם, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַר־בעטער־פּאַרטייען, רעכטע און לינקע צוזאַמען מיטן „החלוץ״ האָבן אַריינ־געבראַכט נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן שוואונג, באַגייסטערונג און האָפענונגען אינעם יידישן פאָלק בכלל, בעת די יידישע וועלטלעכע שול, האָט פּאַראַלעל מיטן ציוניסטישן אויפשוואונג, אַריינגעבראַכט „ליכט און וויסן״, מיט דער מאָדערנער קולטור אין דער אויסגעפּראַצעוועטער, געליטענער, סאָציאַל און מלחמה־מידער יידישער אַרבעטער און פאָלקס־מאַסע. די יידישע וועלטלעכע שול האָט איינגעבראָכן דעם פאַרעלטערטן קאָנטשיק און דרדקי־מלמד־חדר, וואו ס׳האָט געהערשט אַ דומפּיקער אַגרע־סיווער, פאַטאַליסטישער און קלעריקאַלער גייסט. די יידישע וועלט־לעכע שולן האָבן געבראַכט ליכט און פרייד און דערהויבן דעם אַרבע־טער און פאָלקס־מענטשן, נישט נאָר כלפּי חוץ, נאָר כלפּי זיך אַליין, אין די אייגענע אויגן און סביבה, אין דער אייגענער היים, משפּחה און גרויער

אומעטיקער שטעטל אָדער פאַרשטאָט פון גרעסערן ישוב. די יידישע וועלטלעכע שול האָט אויך געבראַכט רעוואָלוציע אינעם אַלטן חדר־סיסטעם, וואָס האָט שוין נישט געקאָנט ווייטער בלייבן אין אַלטן שימל, ביים קאַנטשיק, ביי דער צעפּאַטלטער מלמדישער באָרד. אין ליטע איז דעמאָלט פּאַראַלעל מיט די מאָדערנע „קולטור־ליגע״־שולן, פּאַראַלעל מיט די מאָדערנע העברעאישע תרבות־שולן און גימנאַזיעס, אויך אויפגעקומען דער מ אָ ד ע ר נ י ז י ר ט ע ר אגודיסטישער שול־וועזן „יבנה״, וואָס האָט דורך אַן א ו י ס ע ר ל ע כ ע ר רעפאָרמע, גענומען ראַטעווען די חדר־אידייע פון אונטערגאַנג.

אונטער דער השפּעה פון דער וועלטלעכער שול, איז פון דעם אַלטן חדר ווייניק געבליבן צוליב נאָך אַ סיבה: — דער חדר האָט זיך נישט געקענט אַרויסברעכן פון דער אויטאָנאָמער ראַם. ער האָט געוואָלט געניסן פון די סובסידיעס פון די יידישע אויטאָנאָמע קוואַלן, און האָט זיך געמוזט צופּאַסן צום לעבן און צו די אַלגעמיינע שול־געזעצן פון דער ליטווישער מדינה.

ווי בלומען אין פרילינג, זענען דעמאָלט געוואַקסן די יידישע וועלטלעכע שולן אין ליטע, און ווען מיר גיבן היינט אַ טראַכט ווי אַזוי זיי זענען אויפגעבויט געוואָרן דעמאָלט, קאָנען מיר אָסור פאַרשטיין, ווייל מיר האָבן דעמאָלט אין ליטע נישט געהאַט נישט קיין דירות, נישט קיין אינוואַנטאַר, נישט קיין יידישע לערנביכער, נישט קיין מיטלען און דער עיקר: מיר האָבן נישט געהאַט די ל ע ר ע ר, און אַפילו באַוואוסטזיניק נישט געוואוסט ווי ג״יין הייבט אָן די מלאכה. דערפאַר איז דער אייזערנער ווילן און טיפער גלויבן מיטן אידעאַליזם ביי די גרינדער און בויער פון דער וועלטלעכער שול געוועזן אַ סך איבער דער מאָס, — אַ ווילן וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון דער אינערלעכער יידישער היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכער באַדערפעניש; פונעם לעבנס־דראַנג פונעם פאָלק. פּרעציזער: פונעם פּראָדוקטיוון, פונעם ברויזנדיקן און שאַפנדיקן טייל פון פאָלק און פונעם טיפן באַגער צו לערנען, צו וויסן, און בעיקר, צ ו ע נ ד ע ר ן י ע נ ע ל ע ב נ ס ־ ש י ט ה, וואָס האָט געבראַכט די וועלט־מלחמה, די פּאָגראָמען, גירושים און שחיטות. צו ענדערן דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר אין

זייערע לענדער. דער עיקר קוואַל פון אַלע אומגליקן און צרות, מיט דער הימלשרייענדיקער נישט־גלייכהייט און נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציעס.

באַלאָדן מיטן אוצר אידעאַליזם, באַזירט אויף די נויטן פון דער פאָלקס־מאַסע, האָבן זיך יידישע בחורים און מיידלעך פון דער פאָלקס־אינטעליגענץ, סטודענטן, גימנאַזיסטן, משכילים־אויטאָדידאַקטן, וכדומה — מיט שטורעם געוואָרפן בויען דעם וועלטלעכן שול־וועזן. די ציוניסטישע־געשטימטע קרייזן האָבן געבויט די „תרבות״־שול־נעץ און געטאָן דאָס ביסל ציוניסטישע אַרבעט, ווי זאַמלען אויף די נאַציאָנאַלע פאָנדן, וכדומה. דאָס זענען דאָך געווען די שווערע טעג נאָך תל־חי, נאָך דער טרומפּעל־דאָר־עפּאָפּייע, וואָס האָט וועמען באַגייסטערט און דערהויבן, און וועמען — — —גייסטיק דערדריקט, ווייל דעמאָלט זענען נאָך די רעאַלע עליה־מעגלעכקייטן געווען זייער, זייער מיזעראַבלע... און די ליטווישן יידן, נאָכן דערמאָנטן גירוש, זענען געווען צעבראָכן און האָבן געלעכצט נאָך אַ טראָפּן מנוחה און רעקאָנסטרוקציע. די לינקע פּועלי־ציון האָבן געטאָן זייערס: אויפקלערונג, „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד״, וויכוחים פאַר און נאָך דער באַרימטער ווינער וועלט־קאָנפערענץ, וואָס האָט געשפּאָלטן די פּועלי־ציון־מחנה אויף לינקע און רעכטע, און באַזונדערע וויכוחים וועגן — — — בילדן יידישע אַרבעטער־ראַטן, אנשטאָט די רעליגיעזע קהילות...

אַלע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן געשטיצט די יידישע וועלט־לעכע שול־באַוועגונג אין ליטע. די שול־טוער, צוזאַמען מיט די לערער און עלטערן, פלעגן נישט איין מאָל „פאַרכאַפּן״ דירות אויף כוח, אָדער דורכ־קומען מיט דער אָזער יענער שול צו שטעלן אין רשות פון דער „קולטור־ליגע״ שול־בנינים אויף די נאָכמיטיק און אָוונט־שעהן. פון קאַסטנס האָט מען „פאַבריצירט״ בענק מיט שאַפעס, פון ברעטלעך מיט בלעכלעך — שול־מכשירים, מען האָט אַליין געשריבן לערנביכלעך מיט „קאָנספּעקטן״, וואָס פלעגן שאַפּיראָגראַפירט ווערן. מען האָט געלערנט פאַר ליכטלעך מיט קאַניצלעך, און די „לערער״ — נישט נאָר זיי פלעגן נישט באַקומען קיין געהאַלט, (די ערשטע תקופה), נאָר פון זייערע אָרעמע פּרוטות פלעגן זיי געבן צושטייער אויסצוהאַלטן די ערשטע שולן און צוגעהונגערט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט...

אַלץ איז דעמאָלט געווען אין טראַנס פון התלהבות און התמדה, באַ־הויכט מיטן טיפן ווילן צו לערנען, אָנצוזאָגן דאָס וואָס מען האָט פאַר־פעלט אין די גירוש־ און מלחמה־יאָרן. דער בראשית פון וועלטלעכן שול־ווען אין ליטע איז אויך געווען אַ שטיק מאַרטיראָלאָגיע, וואָרום ווער האָט נישט אויסגעלאַכט די „משוגעים" — אַפילו די פּאָטענציעלע פּריינט מיטן רוב פון דעם ביסל יידישע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ, וואָס האָט לכתחילה נישט געגלויבט אין גאַנצן „עסק", און בדרך כלל געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויפן דלת העם, זיי האָבן נישט געגלויבט אינעם „מאשפות ירים אביון".

די בירגערלעכע ציוניסטן האָבן דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן קוואַליפיצירט ווי ציוניסטישע „כפירה". ז'י קלעריקאַלן — ווי „בעזבאָזש־ניקעס", די צעירי ציון־צ.ס. האָבן גוט געוואוסט פונעם גערמאַנגל מצד די לינקע פּועלי־ציון אין דער וועלטלעכער שול־באַוועגונג, אַריינצוברענ־גען דאָרטן דורך זייערע לערער, עלטערן און שול־טוער די באַראָכאָוויס־טישע אידייאישע ווערטן, פלעגן זיי פאַרשרייען די שולן ווי „נעסטן פון צו־להכעיס יידישיזם". („בונד" און רעכטע פּועלי־ציון האָבן שוין נישט עקזיסטירט אין ליטע אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן). געוויסע מענטשן פלעגן זיך גאָרנישט איבלען צו געברויכן פשוטע מלשינות אין די הויכע פענצ־טער — עט: „קאָמוניסטישער קאָמופלאַזש"...

ליטע איז דעמאָלט געווען אין קריגס־צושטאַנד מיט פּוילן (ביז 1938) אַזוי, אַז דער גייסטיקער קוואַל פון די יידן אין פּוילן איז פאַר ליטע גע־ווען געשלאָסן. בהדרגה איז ליטע פאַרפלייצט געוואָרן מיט יידישע פּליי־טים פון ווילנער געגנט, פון די פּוילישע קרעסן, אַפילו פון אוקראַינע — בתוכם יידישע שרייבער, פּראָפעסיאָנעלע לערער, קינסטלער און געזעל־שאַפטלעכע שול־טוער, וואָס האָבן זיך געוואָרפן צו הילף די ראשונים פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. זיי האָבן געהאָלפן מיט זייער נסיון צו גע־שטאַלטיקן די שול און איר פאַרפעסטיקן מיט געהויבענע, געניטע קרעפטן פון אינעווייניק, בעת די אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס זענען געוואַקסן צו־זאַמען מיט דער שול־באַוועגונג און געוואונען באַדייטנדיקע פּאָזיציעס אין די וועדי־הקהילות, שטאָט־ראַטן און נאַציאָנאַל־ראַט — האָבן געזאָרגט

צו העלפן פּאַרפּעסטיקן די שולן פון דרויסן מיטן דערווערבן מאַטעריעלע מיטלען דורך סובסידיעס. די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן נאָך אַ שווערן גראַנגל אויסגעקעמפט פּאָליטישע רעכט און אַן אָפיציעלע אָנער־קענונג פון דער וועלטלעכער שול־ריכטונג אין ליטע. מיט דעם זענען די שולן איינגעשלאָסן געוואָרן רעכטלעך אין דער יידיש־מלוכהשאַפטלעך אויטאָנאָמער שול־נעץ און באַקומען די געהעריקע פינאַנצירונג, הן פון די קהילות און שטאָט־ראַטן הן פון „דזשאָינט", וואָס האָט דעמאָלט געווירקט אין ליטע. (דוכט מיר אויך פון „פּיפּל רעליף" אין אַמעריקע). די וועלט־לעכע שולן זענען פון „דע־פאַקטאָ" אָנערקענט געוואָרן „דע־יורע" און זוכה געווען אויפצובויען יידיש־וועלטלעכע גימנאַזיעס מיט מלוכה־רעכט, אין די גרעסערע שטעט פון לאַנד.

* * *

די „קולטור־ליגע" האָט די גאַנצע צייט געשטרעבט צו האָבן אייגענע געשולטע, קוואַליפיצירטע לערער, מענטשן אויסגעוואַקסענע פון דער אייגענער יידיש־פאָלקסטימלעכער סביבה, פונעם אייגענעם לעבן. נישט קיין גאַסטראַליאָרן און נישט קיין צופעליקע, צייטווייליקע פרנסה־זוכעו׳, וואָס פאַרלאָזן די שול־פּאָסטנס ביי דער ערשטער געלעגנהייט. — האָט מען גענומען פּלאַנירן אַ לערער־סעמינאַר אין פולן פאַרנעם, וואָס זאָל אויסשמידן און אויסבילדן אייגענע לערער, דערצויגענע און באַהויכטע מיט דער אָנגענומענער אלגעמיינער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט גייסטיק אין דער בשותפותדיקער שול־אַרבעט פון אַלע ריכטונגען, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער קולטור־ליגע.

די יידישע ווי די נישט־יידישע רעאַקציע האָט געוואוסט, אַז אַזאַ לערער־סעמינאַר וועט זיין מער ווי אַ באַסטיאָן פאַר דער יידיש־וועלט־לעכער שול אין ליטע — האָבן זיי בפרהסיה און שטילערהייט געשטערט. די געהעריקע לעגאַליזאַציע איז נישט געגעבן געוואָרן, אָבער מען האָט זיך „אַן עצה געגעבן" און לעגאַליזירט קאָנצענטרירטע צוויי־יאָריקע „לע־רער־קורסן" מיט אַ פולן סעמינאַר־פּראָגראַם, וואָס גיט די אַביטוריענטן פולע רעכט צו ווערן מלוכה־אָנערקענטע לערער אין די גרונט־שולן פון

ליטע, נאָכדעם ווי זיי האַלטן אויס די עקזאַמענעס, וואו עס נעמט אָנטייל אַ פאָרשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום און זייערע לערער־דיפּלאָמען ווערן באַשטעטיקט פון דער רעגירונג. וכך היה, וואָרום דער נאָמען איז וויכטיק? סעמינאַר צי קורסן?

די טעכניש־פאַכמענישע מלאכה פון אויפבויען דעם סעמינאַר (פאַר־דאָן, „קורסן״), האָט איבערגענומען דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג ד״ר ש. לעווין ז״ל. נאָך שווערע זוכענישן איז אים געלונגען צו געפינען אַ גרויסע הילצערנע חורבה אויף יאַנאָווער גאַס, וואָס איז איבערגעבויט און צוגע־פּאַסט געוואָרן פאַר דעם ציל, און אין 1922 האָט מען מכריז געווען אויף דער רעגיסטראַציע פון קורסאַנטן, וואָס דאַרפן האָבן, חוץ דעם אינערלעכן ווילן און אידעאַל צו ווערן יידישע לערער, — נישט ווייניקער ווי זעקס קלאַסן מיטלשול־בילדונג, כדי צוגעלאָזן צו ווערן צו די איינטריט־עקזאַ־מענעס. עס האָבן זיך פאַרשריבן נישט ווייניק קאַנדידאַטן, וואָס האָבן אַפילו געהאַט מאַטורע־שיינען. זיי האָבן דעם סעמינאַר אויסגעקליבן אנ־שטאָט אוניווערזיטעט, און נאָך גרינטלעכע פּרואוון זענען באַשטעטיקט געוואָרן קנאַפּע 30 בחורים מיט מיידלעך אויף די ערשטע פולע צוויי שטודיום־יאָרן. אַלס דירעקטאָר און מחנך, ווי אַלס לעקטאָר פון פּעדאַגאָ־גיק, מעטאָדיק און דידאַקטיק, איז באַשטימט געוואָרן ד״ר ש. לעווין. אַלס לעקטאָר פון פּסיכאָלאָגיע פּראָפעסאָר ד״ר לאַזערסאָן (שפּעטער דאָצענט אין ליטווישן אוניווערזיטעט, פאַרפייניקט און אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס), וועלט־געשיכטע און נאַטור־וויסנשאַפט — די וועלט־באַרימטע יידישע פּעדאַגאָגין העלענאַ כאַצקעלעס, וואָס איז פאַקטיש געווען די נשמה פון סעמינאַר. יידישע ליטעראַטור און געשיכטע האָט געלערנט דער באַ־קאַנטער פילאָלאָג און שריפטשטעלער ז. קאַלמאַנאָוויטש (שפּעטער איז ער געווען אין דירעקטאָריום פון ייוו״אָ אין ווילנע — געקרוינט געוואָרן ווי דער „קדוש״ נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן אים אומגעבראַכט אין עסט־לאַנד). ז. קאַלמאַנאָוויטש האָט אויך געלערנט די יידישע שפּראַך און איר גראַמאַטיק. אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע האָט מיט אונדז געלערנט דער דע־מאָלטיקער מיליטער־דאָקטאָר לאַזאַר פינקלשטיין (דער „קדוש פון ווילנע״ אומגעקומען אין ווילנער געטאָ), מאַטעמאַטיק און איר מעטאָדיק — ד״ר

פרומקין (פון קיעוו), פיזיק און כעמיע — דער באַקאַנטער מחבר פון שול־ביכער ד״ר ה. יאָפּע; דייטש, רוסיש און וועלט־ליטעראַטור — פּרוי מיקור־ניס; מוזיק און געזאַנג — דער קאָמפּאָזיטאָר זיידמאַן; צייכענען, מאָלן און קלעפּן — דער קינסטלער קאַגאַנאָוויטש; ספּאָרט און גימנאַסטיק — דער ווילנער לערער שאַפּאָשניק; גערטנעריי, בינענצוכט און געאָלאָגיע — אַגראָנאָם לאַפּקעס. נאַטירלעך זענען געווען לעקטאָרן פאַר דער ליטווישער שפּראַך, איר מעטאָדיק, ליטווישע געשיכטע און געאָגראַפיע, האַנט־אַרבעט, געזעלשאַפטלעכן וויסן, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וועלט־געאָגראַפיע, אא״וו.

ביסלעכווייז איז אַרום סעמינאַר אויסגעוואַקסן אַ געזעלשאַפטלעכע פּעריפעריע און גוטע סביבה פון דער שענסטער און בעסטער יידישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ פון קאָוונע, וואָס האָבן אַלזייטיק געהאָלפן דעם סעמינאַר. דאָס זענען געווען פּערזענלעכקייטן: ווי דער איצטיקער כנסת־דעפּוטאַט משה ערעם, דעמאָלט אויך אַ לערער און דערנאָך דירעק־טאָר פון דער ערשטער יידיש־וועלטלעכער מיטלשול אין קאָוונע (משה ערעם האָט זיך לאַנג נישט „געוואַרעמט״ אין קאָוונע. מען האָט אים פון דאָרטן פּאָליציייאיש דעפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד). דער אינזשינער אַב־ראַמסאָן, פון ליטווישן פינאַנץ־מיניסטעריום, די כעמיקער, די זעלטענע מענטשן ד״ר מאַטעס און זיין פרוי, דער ווילנער פּעדאַגאָג גיטעליס, די ווילנער קאַפּיליאָוויטשעס אא״וו, אא״וו.

דער דערמאָנטער בוקעט לעקטאָרן און פּערזאָנען קענען עדות זאָגן פון דעם הויכן סטאַנדאַרט פון די „קורסן״־סעמינאַר, מיט דער הויכער יידיש־וויסנשאַפטלעכער און פּעדאַגאָגישער אַטמאָספער, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען און שטודירט די ע ר ש ט ע פאַר צענדליק דיפּלאָמירטע יידיש־וועלטלעכע שול־לערער. די ליטווינער וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך ווען זייערע מלוכה־סעמינאַרן וואָלטן באַזעסן כאָטש אַ העלפט פון אַזאַ לעקטאָרן־קאָלעגיום, פון אַזאַ אַקאַדעמישן סטאַנדאַרט און גלאַנץ... ביס־לעכווייז זענען „געוואָרן״ ערשטקלאַסיקע און עקספּערימענטאַלע מכשירים, ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ ווינקל ווי אַ כעמיש־פיזיקאַלישע לאַבאָראַטאָריע, מיט פיינע עלעקטרישע עקספּערימענטאַלע מכשירים, אַ פּוס־האַרמאָניע צו

שטודירן מוזיק און געזאַנג (חוץ דעם קלאַוויר פון דער „אַרבעטער־קינד״, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין אונדזער רשות), ספּאָרט־מכשירים, אַר־בעט־כלים און ווערקצייג, וכדומה.

געלערנט און שטודירט האָט מען נישט אויף „טרוקן״ פון ביכער אין עטלעכע שפּראַכן (יידישע לערנביכער פאַר אַלע פאַכן איז נאָך דעמאָלט געווען אַ חלום), געלערנט האָט מען לויט דעם עקספּערימענטאַלן מעטאָד און קאָמפּלעקס־סיסטעם. מיר פלעגן לערנען באָטאַניק און נאַטור־וויסנ־שאַפט אין אַ גרויסן גאָרטן, וואָס איז געשטעלט געוואָרן צו אונדזער רשות פון אַ געוועזענעם ס. ס. טוער שויבאַל. אינעם גרויסן גאָרטן האָבן מיר אַליין באַאַרבעט פּאַרזיי־ און פלאַנץ־שטחים, וואו מיר האָבן געזייט און געפלאַנצט כסדר צו באָאָבאַכטן און שטודירן די אַנטוויקלונג און וואוקס פון די צמחים. מיר האָבן שטודירט לאַנדקענטעניש באַגלייט דורך לאַנגע עקסקורסיעס אין שטעט, דערפער, פעלדער און וואַלד. מיר האָבן אַפילו באַזוכט די ברעגן פון באַלטישן ים, אין פאַלאַנגען, און באַזוכט ריגע מיט אירע שולן, מוזעאומס און קולטור־אַנשטאַלטן. מיר האָבן געלערנט אַנאַ־טאָמיע און נאַטור־וויסנשאַפט מאַכנדיק דיסעקציעס אויף קערפּערס פון בעלי־חי. מיר האָבן געלערנט געשיכטע אין מוזעאומס. באַזונדערס האָט אונדז דעמאָלט געלאָקט דער פּעדאַגאָגישער „קאָמפּלעקס־מעטאָד״, דהיינו: מיר פלעגן נעמען אַ טעמע ווי „האָלץ״, אָדער „אייזן״, „קופּער״, „שטיין״, וכדומה, וואָס מיר פלעגן אַלזייטיק באַאַרבעטן ווי האָלץ אין דער נאַטור, — דער בוים; האָלץ אין דער ווירטשאַפט — פעלדער, הייזער־בוי, שיפן, באַנען, מעבל, האָלץ אין דער געאָגראַפיע און אינדוסטריע, אַלץ וואָס מען מאַכט און מען קען מאַכן פון האָלץ, האָלץ־וועלדער, דזשונגלען אא״וו. אייזן: וואו מען געפינט און ווי מען פּראָדוצירט אייזן, וואָס מען מאַכט פון אייזן, די ראָל פון אייזן אין דער ווירטשאַפט, אינדוסטריע, אין לעבן, אא״וו. מיר פלעגן שטודירן מאַטעמאַטיק אַנשוילעך, באַגלייט מיט לייזן אויפגאַבן, סטאַטיסטישע אַרבעטן, אָדער פאַרבינדן מיט וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן שוין אין שייכות מיטן לימוד פון פיזיק, כעמיע און עלעק־טריציטעט.

געאָגראַפיע און געשיכטע זענען אויך נישט געווען קיין טרוקענער

לימוד, נאָר באַגלייט מיט צייכענען קאָלירטע מאַפּעס, קאַרטאָגראַפיע־אויסמעסטונגען און שטודירן אַרכיוואַרע דאָקומענטן, אאַ״וו.

אַזוי ווי אַלע קורסאַנטן האָבן געהאַט מיטל־בילדונג, האָט מען זיך געקענט אָפּגעבן מיט העכערע שטודיומס, מיט דער מ ע ט אָ ד י ק פון לערנען (אין רוסיש: „פּרעפּאָדאַוואַט״) און נישט ווייניק מיט דידאַקטיק. עס זענען פאַר אונדז געשטאַנען אָפן די וועלטלעכע שולן, וואו מיר פלעגן פריער בייזיין לעקציעס פון געניטע לערער און דערנאָך אַליין פּראַקטיצירן ווי לעקטאָרן, אונטער דער שאַרפער אויג פון אונדזער מחנך און פּעדאַגאָג ד״ר ש. לעווין, אָדער דער האַרציקער העלענאַ כאַצקעלעס.

די קורסאַנטן מיט די לעקטאָרן האָבן זיך ביסלעכווייז דערנענטערט. טיף און מענטשלעך איינגעלעבט אין איין קאָלעקטיוו ווי אַ משפּחה, ווי אַ גוט צוזאַמענגעזונגענער פּעדאַגאָגישער כאָר. כאָטש עס פלעגן לכתחילה נישט פעלן קיין מיספאַרשטענדענישן בין אדם לחברו. דער הויכער אינטעלעקטועלער גראַד און קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש האָט אָפּגעהיט די קוים זעענדיקע דיסטאַנץ צווישן דערוואַקסענע שילער און לערער. צווישן די געשאַפענע „לעקטאָרן־ראַט״ און „שילער־ראַט״, וואָס האָבן בשותפות, בראש מיט ד״ר ש. לעווין, אָנגעפירט מיטן אינערלעכן לעבן פון אַנשטאַלט, און איבער אַלץ האָט געווייעט די טיף־מוטערלעכע גוטסקייט פון העלענאַ כאַצקעלעס. איר איידלקייט און טאַקט, איר מענטשלעכקייט און אינטעליגענץ האָט דעם קאָלעקטיוו ווי געהאַלטן איינגעשלייערט אין אַן אינטעלעקטועלן טול.

געציילטע פון שטודירנדיקן עולם האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו קריגן שטיצע פון זייערע היימען. מיר פלעגן פאַרדינען אונדזער ברויט פון געבן אונטעררריכט אָפּגעשטאַנענע קינדער, און פון אַרבעט ווי גאַנצע אָדער טיילווייזע באַאַמטע. זיך רעכענענדיק מיט די קורסאַנטן פלעגן זיך די רעגולערע לימודים אָנהייבן אין די פריאיקע נאָכמיטיק־שעהן ביז שפּעט אין טיפן אָוונט, אַפילו ביז חצות... נישט תמיד און נישט אַלע פלעגן זיך קענען דערלויבן עסן פרישטיק אַלע טאָג, מיטיקן פלעגן מיר קריגן פאַר פּרוטות אין דער „אַרבעטער־קיך״ און דער שענסטער און חברישסטער מאָמענט פון טאָג איז געווען דער ב ש ו ת פ ו ת ד י ק ע ר אָוונט־מאָל־

צייט אין סעמינאַר גופא, אויף די צונויפגערוקטע לערן־טישן צוזאַמען מיט די לעקטאָרן.

דאָס עסן פלעגן מיר ברענגען פון דער „אַרבעטער־קיך" און עס אַליין סערווירן און שפּעטער אַליין וואַשן ס'געשיר, אַ יעדער גרופּע לויט דער ריי, ווי ס'פירט זיך היינט אין די קיבוצים פון ישראל. די אָוונט־מאָלצייטן פלעגן זיין באַגלייט מיט פאָלקסטימלעכן וואָרצלדיקן הומאָר און ליצנות, פרייז', געזאַנג און אָפט מיט ערנסטע שמועסן און זעלבסטקריטיק. אָט־די בשותפותדיקע טעגלעכע מאָלציייטן זענען געווען אויסגערעכנט ווי אַ טייל פונעם דערציערישן פּראָגראַם, וואו עס האָט זיך אַליין, אומזיכטבאַר געלערנט.

נאַטירלעך! מיר זענען געווען יונגע לעבעדיקע מענטשן, אָנגעהעריקע צו די צוויי עקזיסטירנדיקע יידישע אומלעגאַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אין ליטע, „לינקע פּועלי־ציון" און „יידסעקציע". מיר פלעגן אין דער פרייער צייט, אין ליכט פון פאַרשיידענע פּאַסירונגען, פירן צווישן זיך פאַרביטערטע און העפטיקע דיסקוסיעס, אָבער חבריש, אָן גאַל, און נישט זעלטן פלעגן מיר איינאָרדענען, אָדער אַליין אָנטיילנעמען, אין עפנטלעכע וויכוחים מחוץ די ווענט פון סעמינאַר.

אונדזערע „חברה" זענען געווען באַקאַנט אין דער קאָוונער געזעל־שאַפט. מיר האָבן געהאַט אינערלעכע קרייזן, אַפילו אַ דראַמאַטישן קרייז און אַ רעדאַקציע, וואָס פלעגן ווירקן און אויפטרעטן אין זאַל פון סעמי־נאַר פאַר אַן עולם נאָענטע, — לערער, שול און געזעלשאַפטלעכע טוער — אונדזערע פריינט, אַזוינס פלעגט מען מאַכן חנוכה, פּורים, אָדער ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

עס דערמאָנט זיך אַזאַ שפּראַך־דעבאַטע, אַ „גענעראַל־שלאַכט" אין דער לינקער יידישער קאָוונע אין יאָר 1923, מיט אַ פאַרצויגענער „פאָר־שפּיל" אין לערער־סעמינאַר. מיר, די לינקע פּועלי־ציון, האָבן געפאָדערט דאָס איינשליסן העברעאיש אין לערן־פּראָגראַם. מיר האָבן געטענהט: ווי אַזוי קען אַ יידישער לערער לערנען ליטעראַטור נישט קענענדיק העב־רעאיש? למען האמת, חוץ אייניקע מיידלעך האָבן אַלע געקענט העברע־

איש, אָבער געהאַנדלט האָט זיך וועגן פּרינציפּ. דער וויכוח האָט זיך פון סעמינאַר אַרויסגעקייקלט אין דרויסן, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויסערלעכן גערעַנגל, ביז מיר האָבן איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכע „גע־נעראַל־שלאַכט" אין דרויסן, אין זאַל פון דער „אָרט"־שול, וואו ס'האָבן חוץ מענטשן פון סעמינאַר, אָנטיילגענומען פּערזענלעכקייטן פון דרויסן, ווער „פּאַר" און ווער „קעגן" לערנען העברעאיש בכלל אין דער וועלטלע־כער שול פון ליטע, שוין אָפּגערעדט אין דער מיטלשול און לערער־סע־מינאַר. עס דערמאָנט זיך דער משונהדיקער „אַנטי"־אַרגומענט פון אַ מענטש מיט ערודיציע און הויכער בילדונג, אַ יידסעק, דער אינזשינער אַבראַמסאָן, וואָס האָט געטענהט, אַז „העברעאיש איז בכלל נישט קיין שפּראַך, נאָר עפּעס אַן אַרכאַאיש רודימענט אין דער יידישער קולטור". אַבראַמסאָן האָט זיין טענה אילוסטרירט מיט אַ פּסוק פון תהילים און נעמלעך: — „אנא בכח, גדולת ימינך, תתיר צרורה, קבל רינת עמך"... וואָס לייענט זיך אין יידישער איבערזעצונג: — „נעם מיט קראַפט, די גדולה פון דיין רעכטער האַנט, בינד אָפּ דאָס פּעקל, נעם אויף דאָס געזאַנג פון דיין פאָלק"...

— „נו"?, האָט דער קאָמוניסטישער למדן געדונערט, — „אַ וואָרט קלעפּט זיך נישט צו אַ וואָרט. ס'האָט נישט קיין זין און קיין טעם" — און „דאָס זאָלן מיר לערנען אין אונדזערע שולן אונדזערע קינדער?"...

איך דערמאָן זיך די שניידיקע תשובה פון משה ערעם און די תשובה פונעם שרייבער פון די שורות, וואָס האָבן געבראַכט שטיקער פייערדיקע סאָציאַלע תוכחה און נבואה פון ישעיהו, ירמיהו, עמוס, יואל, מיט דער בלומיקער פּאָעזיע פון שיר השירים, מיט ראיות פון מאָריס ווינטשעווסקי, אַהרן ליבערמאַן, וכדומה, וואָס האָבן אין העברעאיש סאָציאַל געפּיי־ערט נישט ערגער ווי אין יידיש, אַ פּשיטא חיים נחמן ביאַליק, ברענער, גנעסין, אאַ"וו. (ווי משונהדיק עס קלינגט היינט צו דערציילן פון ישראל, וואו קאַרל מאַרקס, לענין, באַראַכאָוו, פּלעכאַנאָוו אאַ"וו. ווערן שטודירט אין העברעאיש, ישראל מיט דער גרויסער ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער און דאָס גאַנצע מדינה־לעבן אין העברעאיש)...

די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ „מאַט", און — — — ביידע צדדים האָבן זיך געפילט ווי „זיגער"...

די קורסאַנטן פלעגן אויך געניסן פון לעקציעס פון אויסערלעכע געסט און באַזוכער. אין קאָוונע האָבן דעמאָלט געוואוינט פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, וואָס האָט געזאָלט איבערנעמען אַ קאַטעדרע פאַר יידישע געשיכטע אין ליטווישן אוניווערזיטעט. אַרום דער קאַטעדרע האָט געקערט וועלטן דער יידישער געלערנטער נחום שטיף, וואָס האָט אויך געוואוינט אין קאָוונע אין יענער תקופה. די ליטווישע מאַכט האָט שפּעטער געפּסלט דובנאָווס קאַנדידאַטור, ווייל, ווייל ער האָט נישט געקענט צושטעלן אַ מאַטורע־שיין... און פון דער קאַטעדרע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם... אין קאָוונע האָט זיך דעמאָלט געפונען בן־אדיר, די ווילנער קאַפּעליאָווי־טשעס, דער פּעדאַגאָג גיטעליס. אַ געוויסע צייט האָט פאַרבראַכט אין קאָוונע מאַרק שאַגאַל. מיר האָבן געהאָלפן אויסשטעלן זיינע כישוף־בילדער אין די צימערן פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. די אַרטיקע „פאָלקיסטן" האָבן מאָראַליש געהאָלפן שטיצן דעם סעמינאַר. דעמאָלט האָבן אין קאָוונע געוואוינט דער אַדוואָקאַט טשערניכאָוו און יודל מאַרק, און וואו זענען די קאָוונער „פאָלקיסטן" פון יענער תקופה? — דער סיים־דעפּוטאַט אַדוואָ־קאַט עוזר פינקלשטיין און זיין ברודער ד"ר לאַזאַר פינקלשטיין, ד"ר מענדל סודאַרסקי און נאָך טייערע מענטשן און טייערע יידן פון זייער שניט.

יודל מאַרק האָט אַרויסגעגעבן זיין יידישע גראַמאַטיק. ער איז גע־ווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, דערנאָך דירעק־טאָר פון דער יידיש־וועלטלעכער גימנאַזיע אין ווילקאָמיר, און נאָך שפּע־טער, ביז זיין אַרויספאָרן קיין אַמעריקע, דער רעדאַקטאָר פון דער טעג־לעכער „פאָלקסבלאַט". די „פאָלקיסטן" האָבן אין ליטע לכתחילה געהאַט אַ סך נחת, ווייל זיי זענען דאָך געווען פייערדיקע „אויטאָנאָמיסטן", וואָס האָט געדאַרפט באַזירן זייער „גלותיזם"־טעאָריע. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דער נחת פון דער נאַציאָנאַל פּערסאָנעלער אויטאָנאָמיע אין לי־טע; אין 1924 איז אַלץ געלעגן צעטרעטן און צעבראָכן און פונעם פּרעכ־טיקן אויטאָנאָמען בנין זענען נאָר געבליבן קלעריקאַל־רעליגיעזע מאַכט־

לאַזע „ועדי הקהילות״, וואָס פלעגן געווײלט ווערן דורך מתפללים פון די קלויזן און שולן, ווײל אַזוי האָבן די ליטווישע גלחיש־פּאַשיסטישע הערשער געמיינט צו געשטאַלטן אַ יידיש לעבן אין ליטע...

יאָ, נישט צו פאַרגעסן איז געווען דער אונטעריכט פון יידישן גע־לערנטן ז. קאַלמאַנאָוויטש, וואָס האָט אונדז געלערנט יידישע שפּראַך, יידישע ליטעראַטור און געשיכטע. זײנע לעקציעס זענען געווען דער היפּך פון יעדער סיטעמאַטישקייט, ווארום דער מענטש איז געווען מלא וגדוש מיט וויסן, איבערפולט ווי אַ פאַרשטאָפּטער קוואַל, און אַז ער פלעגט אונטעררייכטן, איז זיין לערע געפּלאָסן און געשפּרודלט ווי אַ „מעין המתגבר״. ער פלעגט זיך אָפּרייסן פון דער קאַטעדרע, אַ שאַר טאָן די נאָטיץ־פּאַפּירן און ווי ער איז נישט געווען אַ „כבד פה״, פלעגט ער שפּרודלען און שיטן מיט פּערל, אַוועקשווימענדיק געדאַנקלעך אין די עולמות העליונים... בדרך כלל, ביים מאַנגל אין יידישע לערנביכער, פלעגן מיר אַלע לעקציעס לכתחילה פאַרשרייבן און שפּעטער דעם מאַטעריאַל סיטעמאַטיזירן, אָבער אַזוינס איז נישט מעגלעך געווען ביי קאַלמאַנאָ־וויטשן, ווייל מיר פלעגן מיטגעריסן ווערן מיט אים און צוזאַמען אַוועק־שווימען אין ברייטן טיפן ים פון זיינע ידיעות, ביז צו פאַרגעסן וואו מ׳יר האַלטן, און איגנאָרירן דעם קלונג, אַז די שעה איז אַוועק און אַ צווייטער לעקטאָר זיצט און וואַרט... און שלינגט די ידיעות און חידושים צוזאַמען מיט אונדז... איך בין געווען זיינער אַ שכן. ער האָט געוואוינט אויפן „פיש־מאַרק״, און איך, אַנהייב בריק־גאַס, ביי דער שטראָמיקער ווילִיע, פלעגן מיר אָפט גיין צוזאַמען אַהיים, באַגלייט פון נאָך קורסאַנטן, און ממשיך געווען דעם שמועס אונטערוועגס, אָדער אין די פרייטיק פאַרנאַכטן און שבתים זיך אַוועקלאָזן אויף לאַנגע שפּאַצירן ביי די ברעגעס פון דער ווילִיע, אָדער פון יענער זייט ניעמאַן, וואו מאַפּו האָט וויזיאָנירט זיינע ארץ־ישראלדיקע ווערק. צייטנווייז פלעגט ער מיטנעמען זיין בן־יחידל, שלומקע (היינט אַ לערער אין ישראל) און דערציילן פון א. מאַפּו, פון מיצקעוויטשן, פון לעווינזאָנען און שקיעה־צייט פלעגן מיר זיך שיפן מיט שבתי צבי איבערן ים התיכון קיין ארץ־ישראל און — — — נישט פאַר־געסן די פראַנקיסטן, שלומה מולכו — — — און צייטנווייז פלעגט ער

מיר דערציילן מיט ווייטיק ווי אַזוי די יעווסעקציע האָט ביי אים אָוועקגענומען זיין גראַמאַטיק — אַן אַרבעט פון גרינטלעכן שטודיום במשך פון יאָרן, אַוועקגענומען דעם טייערן כתב־יד, נישט צוריקגעקערט.

קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך נאָך געהאַט דעם זכות צו זיין גאַסט אין ווילנע, וואו ער האָט מיר פאָרגעשטעלט די אוצרות פון ייוו״אָ און פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק. כ׳האָב נאָך געהאַט די זכיה צו מאַכן מיט אים אַ קורצן שפּאַצירעלע אין דער כרמל־שטאָט, און געענדיקט.

פונקט דער היפּוך איז אין זיינע לעקציעס געווען ד״ר שמואל לעווין: שטרענג סיסטעמאַטיש ווי אַ געאָמעטרישע פאָרמולע, טרוקן, אָבער קריסטאָל־קלאָר. זיין געדאַנק און אונטערריכט איז שטענדיק געווען צוגעשפּיצט צו פּעדאַגאָגישן תכלית. ווידער פּראָפעסאָר לאַזערסאָן — וואָס האָט אונדז אַריינגעפירט אין וואַלד פון דער פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע, איז שוין גאָרנישט געווען טרוקן, כאָטש זיין אונטעריכט איז אויך געווען דורכויס סיסטעמאַטיש. ער פלעגט „דערלאַנגען" פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס, אַזוי ווי קאַנט, שפּינאָזאַ און שאָפּענהויער, אָדער יום, לוק, וכדומה. ער פלעגט מייסטערהאַפט אַריינראַמען זייערע פילאָזאָפיעס, געשיכטלעך, אין די תקופות פון זייער לעבן אוןווירקן. ער פלעגט רעטאָריש מחיה זיין יענע תקופות, וואָס פלעגן דעם האַרבן לימוד באַלעבן. שוין אָפּגערעדט פונעם אונטערריכט וועגן שפּעטערדיקע פילאָזאָפן, פּסיכאָלאָגן און פּעדאַגאָגן, ווי אַ ספּענסער, פּעסטאַלאָצי אָדער די שיטה פון מאָנטעסאָרי. אַ סך יאָרן שפּעטער פלעגט זיך נאָך געדענקען אויף אויסנווייניק שטיקער פון פּעסטאַלאָצים דיאַלאָגיק. פּראָפעסאָר לאַזערסאָן האָט אונטערריכטעט אין זיין אייגנאַרטיקן „יידיש", וואָס איז געווען אַ מין „קאָנגרעס־דייטש" און אָפט אַרויסרופן אַ סך הייטערקייט ביי די צוהערער.

העלענאַ כאַצקעלעס פלעגט אירע לעקציעס באַהויכן מיט איר איידלקייט און פּאָפּולערקייט, וואָס פלעגט זיך גיסן פון איר מויל ווי מוזיק. ווידער ד״ר פרומקין, דער מאַטעמאַטיקער, איז געווען מלא וגדוש מיט יידישן הומאָר און וויסן. ד״ר פרומקין איז באַלד געוואָרן „חבר" מיט אַלעמען, בעת ד״ר ח. יאָפּע פלעגט היטן דיסטאַנץ. די קריסטלעכע לעק־

טאָרין פון דער ליטווישער שפּראַך, געשיכטע און ליטעראַטור איז געווען אַ מענטש פון דער ס.ר. פּאַרטיי, אַן אַקאַדעמיקערין, פאַרליבט ביז איבער די אויערן אין איר פויערישער ליטע, וואָס האָט זיך אַקאָרשט באַפרייט. איר צוגאַנג, שפּראַך און סטיל איז געווען דאָס זעלבע ווי פון היינטיקע פּאַטריאָטן אין ישראל. עס דערמאָנט זיך אירע דערציילונגען ווי די צאַרישע מאַכט האָט פאַרבאָטן דעם געברויך פון דער ליטווישער שפּראַך, פאַרבאָטן צו דרוקן אַפילו תפילה־ביכער אין ליטוויש. ס׳איז דעמאָלט אויפגעקומען אַ גאַנצע „באַוועגונג״ שפּראַך־קעמפער, און ביכער־טרעגער (באַקאַנטע אונטערן נאָמען „קניגאַנאָשי״).

די ליטווינער האָבן אויפגעשטעלט אַ ליטווישע דרוקעריי אין מזרח־פּרייסן, אין טילזיט, וואו זיי פלעגן דרוקן זייערע תפילה־ביכער אין ליטוויש, און די „קניגאַנאָשיס״ פלעגן זיי שפּעטער אַריינברענגען איבער דער גרענעץ קיין ליטע. נישט איינער פון זיי האָט דערפאַר באַצאָלט מיט קאַטאָרגע און לאַנגע יאָרן גירוש אין סיביר. דער ליטווישער בעל־דיקדוק און שרייבער יאַבלאָקאַוסקאַס, כמעט אַ יחיד אין זיין דור, פלעגט זיך אונטערשרייבן מיט 7 - 8 פּסעוודאָנימען, כדי „די וועלט״ זאָל זען, אַז ליטע פאַרמאָגט אייגענע שרייבער — — — מיר האָבן איר ליב געהאַט, און נישט איינער פון אונדז איז אין דער שטיל געווען פאַרליבט אין איר. זי איז געווען אַ הויך־שלאַנקע מיט בלויע אויגן, רויטע באַקן ווי צייטיקע עפּל — — — אַ הדרת פּנים.

בקיצור, ס׳איז געווען אַן אַנסאַמבל דורכגעוועבט מיט ליבע צום פאָלק, צום קינד, צו דער שול, איבערפולט מיט באַוואוסטזיניקן אידעאַליזם, ווארום אַנדערש וואָלט מען נישט געקענט זיך מתגבר זיין אויף די גרויסע שוועריקייטן פון סיסטעמאַטישער, העכערער קאָנצענטרירטער פּעדאַגאָגישער בילדונג מיט זייער ווייניק לערנביכער אין עטלעכע שפּראַכן, און נאָך ווייניקער אין יידיש, אַן אַ יידישער טערמינאָלאָגיע, און מיט זייער אַ שוואַכער טראַדיציע. לויטן גאַנג און אַטמאָספער פון יענער רעוואָלוציאָנער אַנגעגליטער צייט, האָט מען דאָך אויסגעמיטן די „אַלטע ווערטן״ און טראַדיציעס; מיר האָבן זיך געריסן צו עפּעס נ י י ע ס; מיר האָבן דאָך געלעבט אויפן סאַמען ראַנד פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז דע־

מאָלט געווען אין סאַמע ברען, און אויף — — — דער דייטשישער גרע־נעץ, וואו די רעוואָלוציע האָט שוין געצאַנקט. — — —

איך האָב דאָ נישט דערמאָנט אונדזערע שוועריקייטן ביים לערנען מוזיק און געזאַנג, צייכענען, מאָלן און קלעפּן ווי — — — וויסנשאַפט־לעכע דיסציפּלינען, אונטערריכטעט נישט פון פאַכלייט, נאָר פון קינסט־לער, מיט קאַפּריזן און „שיטות".

איך האָב נישט דערמאָנט אַ קוריאָז, וואָס איז כדאַי צו דערמאָנען: דאָס ליטווישע געזעץ האָט געפאָדערט פון ענלעכע אַנשטאַלטן צוואַנגס־אונטערריכט פון — — — „רעליגיע", האָט מען זיך איבער דעם אויך מתגבר געווען, און ד"ר ש. לעווין, דער אַרכי־אַטעאיסט, איז אָפיציעל געווען אונדזער לעקטאָר פון „דת" און „שולחן ערוך". אויף אונדזערע דיפּלאָמען האָט ער געחתמעט די מיינונגען, כמעט אַלעמען באַצייכנט: רעליגיע — „צופרידנשטעלנדיק". זעלטן ווער ס'האָט באַקומען די מיי־נונג: „גוט" אָדער „כמעט גוט". נאַטירלעך, האָט מען נישט געווידמעט דעם דערמאָנטן פאַך נישט איין שעה אין ביידע יאָרן שטודיום...

ס'איז היינט משונהדיק ביז אומגלויבלעכקייט, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געגרייט צו ווערן יידישע לערער און חוץ יידישע שפּראַך, ליטעראַ־טור און געשיכטע, אַלץ געלערנט פון פרעמדע, רוסישע און דייטשישע מקורות. ליטוויש איז דעמאָלט געווען נאָך אָרעמער ווי יידיש, דער דלות אַליין. נאַטירלעך האָבן אונדז גוט געדינט אונדזערע קענטעניש אין העב־רעאיש, אָבער צו לערנען כעמיע, פיזיק, מאַטעמאַטיק, וכדומה, האָט דער־מאָלט העברעאיש זייער ווייניק געדינט. דערפאַר האָבן אונדזערע לעק־טאָרן אַלץ געקענט. אַלע, מענטשן מיט הויכער בילדונג, אַקאַדעמיקער פון די גרעסטע אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטן, — דער קאָלעקטיוויזם צווישן די תלמידים און רביים האָט אין דעם פּרט באַוויזן וואונדער.

אין יוני 1924 האָט דער סעמינאַר צוגעטראָגן דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין ליטע די ערשטע מתנה — דעם ערשטן אַרויסלאָז פון אַ פּאָר צענדליק אייגענע יידישע לערער.

* * *

צענדליקער יאָרן זענען אַוועק. דאָס ליטווישע יידנטום איז מער נישטאָ. ס'איז פון זיי געבליבן איין דיקער באַנד „פנקס ליטע" מיט אַ פּאָר מאַסן־קברים...

בעת מיר פאַרענדיקן די דאָזיקע שורות, ווייסן מיר נאָר, אַז פונעם דערמאָנטן לערער־סעמינאַר איז נאָכן חורבן געבליבן אין קאָוונע די ווייסע ציטעריקע טויב, אונדזער פּעדאַגאָגישע מוטער העלענאַ כאַצקעלעס, וואָס האָט פּרובירט אויף די יידישע חורבות און יידישן אַש עפּעס צוריקצובויען, אָבער מיר ווייסן נישט צי אויף איר טרוקענעם מאַנדל־שטעקן איז אויפגעגאַנגען אַ פּיצל בלימל...

פאַר די געציילטע פּאָר לעבן־געבליבענע פון יענעם עולם שטייט זי, אונדזער פּעדאַגאָגישע מוטער, ווי רחל אמנו און וויינט בלחש אויס דעם פסוק: „קול ברמה נשמע, רחל מבכה בניה, מאנה להנחם — — — מאנה להנחם" — — — בניה אינם.

קדיש

דער ווינטער 1922 איז געווען זייער אַ שווערער אין ליטע. פּרעסט, שניי־שטורעמס און אַרבעטסלאָזיקייט. אין די אָרעמע היימען פון סלאָבאָדקע איז נישט געווען קיין האָלץ צו הייצן די אויוונס, די ביטערע קעלטן האָבן דערגאַנצט די ליידן פון די אַרבעטסלאָזע. אין אַזאַ פראָסטיק־אומעטיקן שבת האָט די פּאַרטיי פּועלי־ציון גערופן אַ פּאַרטיי־באַראַטונג אונטערצוציען סך־הכלען, און בעיקר אָנצוצייכענען אַ ווייטערדיקן פּלאַן נישט נאָר פאַר אינערלעכער פּאַרטיי־אַרבעט, נאָר אויך ווי דרינגענדיק צו אָרגאַניזירן אַן אַקציע פאַר די אַרבעטסלאָזע. צו אַזאַ פּאַרטיי־באַראַטונג זענען געקומען דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז שוין אין 1922 איז פּועלי־ציון אין ליטע געווען האַלב אָדער דריי פערטל אומלעגאַל און זיך פּאַרטייאיש אויסגעלעבט אין כלערליי מאַסקירטע געזעלשאַפטן, אָדער קאָאָפּעראַטיוון, ווי אין אַזאַ געזעלשאַפט „אַרבעטער היים“, אין דער „קולטור־ליגע“, אינעם קאָאָפּעראַטיוו „האַמער“, וכדומה.

צווישן די דעלעגאַטן פון דער ווייטער פּראָווינץ האָט זיך געפונען דער חבר ווערבאַלאָוו פון קרעטינגען, אַ פּרעכטיק שטעטל, אַביסל „פאַרדייטשט“, נישט ווייט פון קוראָרט פּאַלאַנגען, אויפן ברעג פון באַלטישן ים. אַזאַ שוואַרצלעכער, תמיד בייזער אומרואיקער ים. ווערבאַלאָוו איז געווען דער קאָפּ פון דער אָרטיקער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט אַ שיינעם קלוב — דער קולטור־צענטער פאַר אַ סך יוגנטלעכע און דערוואַקסענע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן.

די פּועלי־ציון אין קרעטינגען האָבן אויך געשאַפן אַן אייגענעם פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו פון בערשטער — אַ שטיק „פינאַנציעלער“ און „ווירטשאַפטלעכער“ אָנשפּאַר פון דער אָרגאַניזאַציע. ווערבאַלאָוו איז געווען אַ בחור אַן אַטלעט, הויך ווי אַ דעמב, ברייט, שטאַרק, גרויסע מילדע בלויע אויגן, אַ בלאָנדע טשופּרינע ווי אַ שטיק ליטוויש וואַלד, אַ קינדערשער

שמייכל האָט תמיד געדרוט אויף זיין גוטמוטיקן אָפענעם פּנים, ס'איז נישט געווען דער עול און פאַרגעב, וואָס זאָל אים זיין צו שווער! אַזאַ ווערבאַלאָוו איז געווען די טרייקייט און מסירת נפש אַליין. ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלעבט אין דער פּאַרטיי־אַטמאָספער, ער האָט געלעבט און געאָטעמט מיט פּועלי־ציון, ווייניק חברים מחוץ קרעטינגען האָבן געוואוסט ווי אַזאַ מענטשן אַפּצושאַצן, וואָרום ער איז געווען אַן איינגעהאַלטענער, אַביסל אַ שעמעוודיקער און אַ כבד־פּה. נאַטירלעך, האָט ער זיך „פאַרלוירן" צווישן די „צענטראַלע" חברים פון קאָוונע, שוין מחמת „גליק" צו זיין אין זייער מחיצה, זיי צו זען פּנים אל פּנים, צו הערן זייער לעבעדיק וואָרט, אָט די וואָס מען סודעט זיך וועגן זיי, אָט די וואָס די צייטונגען דערמאָנען זייע־רע נעמען, קטונתי!

דערפאַר האָט אים געוואוסט צו שעצן אַ יעדער, וואָס האָט געהאַט די געלעגנהייט אים נאָענטער צו קענען, אויסצוהערן גאַנצע נעכט זיינע טענות, פּלענער, חלומות און האָפענונגען, אַלץ אַזוי שווער, ממש מיט יסורים אַרויסצוברענגען אין „דרויסן" אין קורצע שווערע זאַצן, ממעמקים! וואו טרעפט מען, און וואו זעט מען גאָר היינט אַזעלכע אידעאַלע — אי־דעאַליסטישע טיפּן?

דאָרטן, אין זיין היים קרעטינגען, האָב איך געקאַנט זען און פילן מיט וויפיל כבוד און ליבשאַפט „עמך" האָט אַרומגערינגלט דעם יונגן עסקן, בסך הכל עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט. אַלס פּאַרטיי־„פירער", האָט ער געמוזט אַליין פאַרשפּרייטן די לעגאַלע „אַרבעטער צייטונג" און אומלעגאַלע אויפרופן, ראַמען דעם קלוב, זאַמלען פּאַרטיי־שטייער און צאָלן דירה־געלט און על פּי רוב צוצולייגן די פעליקע סומע פון דער אייגענער מאָגערער קעשענע. חוץ דעם האָט ער געמוזט אַליין מחבר זיין אַרטיקלען און אויפרופן, אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען, „פאַרטרעטן" די פּאַרטיי אין דרויסן און — — — אויסהאַלטן זיך מיט אַן אַלטער שטרענגער מאַמע, וואָס האָט עפּעס כסדר צוגעברומט און געזאָגט תחינות, און באַוויינט דעם איינציקן זון, וואָס איז „אַראָפּ פון גלייכן וועג" און זיך געלאָזט „פאַרפירן פון די ציעניסטן און ציציליסטלעך"...

בעת איך האָב באַזוכט קרעטינגען פאַרן דערמאָנטן פּאַרטיי־ראַט, האָט

ער זיך פאַרטרויט, אַז ער איז פאַרוויקלט אין אַ טראַגישן ראָמאַן מיט אַ פּאַרטיי־חברטע. אייגנטלעך איז נישט געווען קיין שום מניעהביידע זאָלן חתונה האָבן, אָבער — — — „די פּאַרטיי איז פריער און פאַר יעדער פּערזענלעכן ענין, מחמת די פּאַרטיי האָט נאָך נישט לעת עתה קיין אַנדער אַקטיוויסט, וואָס זאָל איבערנעמען אַ טייל פון זיינע פונקציעס און געזעלשאַפטלעכע זאָרגן״.

„ווי קען איך איצט חתונה האָבן? ס׳וועט זיין נישט קיין קלענער שטער פאַר דער איינגעפּעדעמטער פּאַרטיי־אַרבעט״, האָט זיך ווערבאַלאָוו פאַרטרויט פאַר מיר, בעת מיר זענען ביידע געלעגן אין זיין בעט אונטער דער וואַרעמער מאַמישער פּערענע. אין דרויסן האָט געבערענט אַ פראָסט.

די אַלטע מאַמע איז אים גאָר דערגאַנגען די יאָרן. — „שלעפּט זיך אַרום אַזאַ יונג מיט אַ מויד, די גאַנצע שטאָט רעדט, ווי איז מיר און וויינד״...

איין מאָל האָט די אַלטע אָפּגעוואַרט דער מיידל, און „געכאַפּט״ אַ שטיקל שמועס מיט איר. „ביז היינט״ ווייסט קיינער נישט, וואָס ביידע האָבן גערעדט, נאָר אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט זיך דאָס מיידל אָנגעטאָן אַ כוח און פאַרלאָזט דאָס שטעטל און זיך באַזעצט אין קאָוונע. וואו זי האָט זיך גיך אַקלימאַטיזירט. מיט אונדזער הילף האָט זי באַקומען אַ „פּאָסטן״ אין אַ קאָנפעקציע־שניידעריי, אַ קאָוונער חברטע האָט זיך געטיילט מיט איר מיטן צימער. אַ סטודענטקע, האָט וואָלונטירט איר צו געבן אומזיסטע „אוראָקן״, און ס׳איז איר געווען וואויל ווי די וועלט. געווען איז זי אַ געשטאַלטיקע פון הויכן וואוקס, אַ בלאָנדע ווי ווערבאַלאָוו, מיט אַ רונדן צעשמייכלטן פּנים, עפּעס נישט פון אַ יידישן אויסזען. גערעדט האָט זי ווי אַלע באַלטישע יידן אַ יידיש צוגעמישט מיט דייטש, און מחמת ענטוזיאַזם פון אַלע „גרויסשטעטישע״ נייאיקייטן פלעגט זי שטענדיק אויסרופן: — „אַך, ווי הערלעך״! האָבן איר חברה אַ נאָמען געגעבן די „הערלעכע פריילן״, וואָס האָט זיך צו איר גיך צוגעקלעפּט. לכתחילה פלעגן מיר נישט וואָגן אין איר אַנוועזנהייט דערמאָנען דעם צונאָמען, אָבער ביסלעכווייז, ווען מיר זענען געוואָרן מיט איר היימיש, ריכטיקער געזאָגט, ווען זי איז געוואָרן היימיש מיט אונדז, האָבן מיר כמעט

פאַרגעסן איר אמתן נאָמען, און איר גערופן נישט אַנדערש ווי „הערלעכע פריילן". זי האָט זיך אַביסל געבייזערט און משלים געווען זעענדיק, אַז חברה זענען מיטן צונאָמען גאָרנישט אויסן. למשל, איינער פון אונדזערי־קע האָט געהאַט אַ פיינעם פליך, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „פּראַ־זשעקטאָר", ביז צו פאַרגעסן, אַז ער הייסט לייבל...

אַז דאָס „הערלעכע פריילן" האָט געוואוינט אין קאָוונע, האָט ווערבאַ־לאָוו, נאַטירליך מקדים געווען די נסיעה צום פאַרטיי־ראַט אויף אַ פּאָר טעג, צו זיין מיט איר און פאַרברענגען צוזאַמען, אָן פחד פאַר דער מאַמעס בייזן קוק. אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם צימער, וואו זיך צו טרעפן מיט אים, פלעגן זיי פאַרברענגען אין גאַס. ער פלעגט איר אָפּ־וואַרטן אין גאַס ווען זי פלעגט גיין פון דער אַרבעט, זיי פלעגן ביידע גיין עסן אין דער ביליקער „אַרבעטער קיך" אויף מאַפּו־גאַס, און נאָכדעם ווי צוויי קינדער זיך געהאַלטן פאַר די הענט, שפּאַצירט ביז האַלבער נאַכט ביי די פאַרפרוירענע ברעגעס פון ניעמאַן, אָדער פון דער ווילִיע, נישט פילנדיק פון גליק די ביטערע קעלט.

נאָכדעם פלעגט ער איר אָפּפירן, ווייט ערגעץ אויפן גרינעם באַרג, אין איר בשותפותדיקן צימער, און ממש פאַרטאָג קומען צו מיר שלאָפן, אַ האַלב פאַרפרוירענער, אָבער איבערגליקלעכער, ביזן טראַגישן פּריטיק, ווען ס'האָט זיך געדאַרפט אויפמאַכן דער פאַרטיי־ראַט, ווען איך בין גע־קומען אַהיים און אים געפונען ליגן אין הויכן פיבער. ער האָט געלאַכט אויפן קול, זיך געריבן די הענט, באַגלייטנדיק דעם ווילדן געלעכטער מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער פלאַפּלעריי פון היץ.

דעמאָלט פלעגט מען צו אַ קראַנקן נישט ברענגען באַלד קיין דאָק־טער. פריער פלעגט מען היילן מיט היימישע מיטלען, מיט שוויצן, מיט הייסן „רומיאַנעק"־טיי, מיט „וואַרעניעס" וכדומה. אַזוי האָבן מיר אים געהיילט וואָסערע צוויי טעג, ביז כ'האָב דערזען וואונדן אויף זיינע פינ־גער. איך האָב אַלאַרמירט חברים און געבראַכט דאָס „הערלעכע פריילן" — זיין ליבע חברטע, אָבער מחמת איינגעבוירענער קליינשטעטלדיקער נאַאי־וויטעט און צניעות, פלעגט זי נישט וועלן בלייבן אַליין מיט אים, בעת איך פלעג אַוועקגיין צו מיין אַרבעט.

איך בין דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון סאַניטאַר־מעדיצינישן אַמט ביים יידישן נצאַיאָנאַל־ראַט אין ליטע. כ׳האָב געהאַט באַקאַנטע דאָק־טוירים, און כ׳האָב מחמת מיין אַמט געהאַט „פּראָטעקציע״ אין יידישן שפּיטאָל, וואו ס׳איז געווען שווער צו קריגן אַ בעט אין יענעם שווערן ווינטער. במשך פון איין טאָג איז מיר געלונגען צו ברענגען אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אים באַלד אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל, וואָס איז געווען נאָענט צו מיין דירה.

ביז היינט גייט מיר דורך אַ שוידער, ווען איך דערמאָן זיך זיינע שרעקלעכע יסורים. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט געכאַפּט די „הישפּאַנקע״, די „שפּאַנישע״ קרענק, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין דער הונגעריקער מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע. די „שפּאַנישע״ קרענק האָט דעמאָלט אָפּגעשיקט אויף יענער וועלט מער מענטשן ווי די ערשטע וועלט־מלחמה.

ווערבאלאָוו איז כמעט די גאַנצע צייט געלעגן אין אַ צושטאַנד פון דעליריום, אָבער זיין שמייכל האָט אים נישט פאַרלאָזן, נישט אויף אַ רגע. און ווי נאָר ער פלעגט אַ ווײַלע קומען צו זיך, האָט ער גערעדט נאָר פון דער פּאַרטיי־אַרבעט אין קרעטינגען, וואָס ליידט זיכער מחמת זיין אָפּ־וועזנהייט...

אַז זיין מצב האָט זיך פאַרערגערט, האָבן מיר אַרויסגערופן זיין מר־טעו׳, וואָס האָט געטענהט, אַז אינעם גאַנצן אומגליק בין איך שולדיק, ווייל מיך האָט זי געקענט פון מיינע באַזוכן אין איר היים. ביז היינט שטייט זי פאַר מיר, פאַר מיינע אויגן, אַ הויכע אין אַ פאַטשיילע, די ליפּן זאָגן אָן אויפהער תחינות מיט תפילות און איר גאַנץ וועזן וויינט, ס׳געוויין פון אַ יידישער מאַמע, וואָס זעט ווי אין איינציקער זון שטאַרבט אָפּ, נישט ווי אַלע מענטשן, נאָר גלידערווייז. אָט: פינגער נאָך פינגער פון די פיס; אָט ליגט דער גאַנצער פוס געליימט; אָט הייבט זיך אָן מיט די פינגער פון אַ האַנט...

אין איינעם אַזאַ גרויען פאַרנאַכט איז ער צו זיך געקומען. כ׳האָב אים פאַרזיכטיק פאַרקאָמט די בלאָנדע שייגעצוואַטע טשופּרינע. ער האָט

זיך פרובירט אויפהייבן און צוריקגעפאַלן. געזאָגט: אַי! — און אַוועק אין דער אייביקייט.

צו דער לוויה זענען געקומען אַלע קאָוונער חברים. כ׳געדענק ווי מען האָט געזוכט אַ פּאָר בלומען, אויסגעניטשטערט אַלע בלומען־געשעפטן און נישט באַקומען. די שפּעקטן זענען געווען געשלאָסן אין די פּראַסטיקע טעג. האָט מען זיין אָרון אייגנעהילט אין דער פּאַרטיי־פאָן, וואָס האָט רויט געפלאַמט אין דער ווייסער שניי־זאַווערוכע, מיט דער גאָלדענער איבערשריפט: — „פּועלי ציון קאָוונע״, ווי זי וואָלט אַראָפּגעוויינט אין דער ווייסקייט אַרום. דערווייל האָבן חברים געבראַכט פון ערגעץ אַ גריך־געפלאָכטענע גירלאַנדע פון יונגע יעגלינע־צווייגן, וואָס אַ חברטע האָט אויסגערונדיקט אין אַ גרויסן קראַנץ.

אָט קומען די „חברה קדישא״ — די פּשוטע בייזלעכע חסד־של־אמת יידן, וואָס האָבן, נאָך אַלעמען, געטאָן על פּי רוב זייער נישט דאַנקבאַרע אַרבעט פון מצווה וועגן. אַפילו דער „טרונק״ נאָך דער לוויה איז אויך געווען אַ מצווה.

אין קאָוונע זענען די „חברה־קדישא״־יידן געווען נישט באַליבט, אַפילו פאַרהאַסט, באַזונדערס ביי די אַרבעטער, וואָס האָבן אין זיי, דווקא אין זיי, געזען די פאַרקערפּערונג פון דער יידישער קלעריקאַלער רעאַקציע. ס׳ווייזט אויס, אַז דער האַס האָט געהאַט אַ סאָציאַלן יסוד, מחמת דאָס שטענדיקע דינגעניש ארום קבורה־געלט, וואָס פלעגט שווער טרעפן הויפּט־זעכלעך די שוואַכגעשטעלטע, באַזונדערס די יעניקע, וואָס האָבן אַלץ אויס־געגעבן און זיך נאָך פאַרבאָרגט און פאַרמשכנט צו דעקן די האַנאָראַרן פון דאָקטוירים, רפואות, פלעגע, וכדומה; ווער רעדט נאָך, ווען דער „בעל דבר״ איז געווען דער שפּייזער פון דער משפּחה. אָט שטייען די פאַר־יתומטע קרובים דערשיטערטע פונעם אומגליק. דער מת ליגט פאַר זייערע אויגן אויף די פּאָר שטרוי, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער דעקע, צו־קאָפּנס וויינען צוויי ליכט אין די שבתדיקע לייכטער. די משפּחה זיצט אַרום, דער טרויער איז דאָ אַזוי ממשותדיק, דערדריקנדיק ביז יאוש... און אונטער די פּלייצעס פון די אבלים, גייט אָן אַ דינגעניש נישט מיט די פּשוטע, עמך־דיקע „חברא־קדישא״־יידן, וואָס טוען זייער מצווה־אַרבעט,

נאָר מיט זייערע גבאים, די שטייניקע יוסטע באַלעבאַטישע טיפּן, זיי זעט נישט דער עולם, דער עולם זעט נאָר די „חברה־קדישא״־יידן און צו זיי לאָזט מען אויס דעם כעס...

אַז „חברה קדישא״ האָט דערזען די רויטע פאָן, איז געוואָרן „לעבע־דיק״. אַ פּאָר חברה־קדישא־יידן האָבן זיך געלאָזט אָן שהיות אַראָפּרייסן די פאָן פונעם אָרון, און, נאַטירליך, האָבן זיי באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד, פּריער אַ „רעטאָרישער״, דראָאונגען, זידלערייען מיט קללות, דערנאָך, אַז איינער אַ גבאי האָט בקולי קולות געגומען שרייען „פּאָליציי — קאַראַול״, האָט זיך פאַרוויקלט אַ געשלעג, ביז מען האָט די „חברה קדישא״ פאַר־טריבן פון גאַס. איצט שטעלט אייך פאָר, אַז אין מיטן דער וואַקכאַנאַליע שטייט די פרומע מאַמע, זי רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, וואַרפט זיך אויף דער ערד, און — — — ווערבאַלאָוס חברטע, דאָס „הערלעכע פּריילן״ הערט נישט אויף צו חלשן — און דאָס אַלץ אונטער די פענצטער פון איבערפולטן שפּיטאָל, וואו די קראַנקע, וואָס האָבן זיך דערוואוסט, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן, האָבן רעאַגירט אויף זייער שטייגער. פאַרגעסט נישט, אַז דער שפּיטאָל איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער, וואו ס׳האָבן זיך געפונען הויפּטזעכלעך קראַנקע אַרבעטער און שוואַכגעשטעלטע פאָלקס־מענטשן, קליינהענדלער, מאַרק־מענטשן, וכדומה, וואָס האָבן פיינט גע־האַט חברה־קדישא, ווי די גאַס האָט זיי פיינט געהאַט.

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז אין יאָר 1922, אין אַזאַ ליטע, וואָס ליגט אַזוי נאָענט צו די סאָוועטישע גרענעצן, איז די אַטמאָספער געווען רעוואָלוציאָנער עלעקטריזירט, דער כבוד פון דער רויטער פאָן איז געשטאַנען גאָר הויך און אַרבעטער — אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־מענטשן, האָבן אין אַזאַ אַטמאָספער נישט געוואָלט לאָזן זיך טעראָריזירן פון חברה־קדישא. האָבן זיך באַלד אויף אָן אָרט געפונען מענטשן פונעם עולם, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען אַליין צו טאָן דעם נפטר „זיין רעכט״. די לוויה איז אַוועק און מען האָט געטראָגן דעם אָרון אויף די אַקסל קילאָמעטערס ווייט פונעם שפּיטאָל ביזן בית הקברות, פון דער שלאָס־גאַס צום ווילקאָ־מירער שאָסיי, לענג אויס דער גרויס־ווילנער געדיכטער האַנדלס־גאַס, וואו מען האָט געשלאָסן אַלע געשעפטן, ווי ס׳האָט זיך געפירט אין אַזעלכע

פאַלן. מ׳יט צער און בושה דערמאָן איך זיך, ווי קיינעם איז דעמאָלט נישט איינגעפאַלן אַריינצוזעצן די מוטער מיט דער צעבראָכענער מיידל אין אַ שליטן, זיי זאָלן נישט דאַרפן גיין אַזאַ ווייטן מהלך צופוס. דער שניי־פאַל איז געשטיגן און פאַרדעקט דעם אָרון, מיט דער רויטער פאָן, מיט דער גאַנצער טרויער־פּראָצעסיע אין ווייסע, דיקע פוכיקע תכריכים...

שעהן האָט זיך די לוויה געצויגן און פון יעדן ווינקל גאַס זענען צו־געקומען נייע באַגלייטער. דער „טרעגער פאַריין", וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פועלי־ציוניסטישער, האָט פאָרויס געשיקט זיין פאָרזיצער שלמה דימאַנט, צונויפנעמען אַלע מיטגלידער פון די ראָגעס, פון די טויערן און טיי־הייזער, שמוליק מיט ביינאַרטן (ביידע אומגעקומען אין פראַנקרייך, אין לאַגער דראַנסי, אומגעבראַכט דורך די נאַציס, י״ש), האָבן אויסגע־לײדיקט אַלע וואַרשטאַטן פון יאַטקעווער, יאַנאָיוער און גראָדנער גאַסן.

אויפן בית הקברות זענען מיר געווען אַליין מיטן מת, אָן דער „חברה קדישא", אָבער די מתנדבים פון עולם מיט דער הילף פון די קברנים, האָבן דעם נפטר געבראַכט צו קבורה, און די רעדעס מיט דער „שבועה" האָט מען פאַרענדיקט אין דער פינצטער, אין אָוונט.

בעת די לוויה האָט זיך געריסט, האָט זיך די מוטער ווי באַרואיקט. מעגלעך, אַז זי איז באַווירקט געוואָרן פון דעם ים פאַרשנייטע קעפּ, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דעם אָרון. די מוטער איז געגאַנגען פאַרשטיינערט אָן אַ טרער, אָן אַ שלוכץ. זי האָט איר רואיקייט אויסגעהאַלטן ביז דעם לעצטן סטראָף פון דער „שבועה". ווידער די חברטע פון נפטר, האָט געריסן וועלטן און איר מוראדיקער געוויין האָט פאַרהילכט די סביבה. נאָך אַלעמען, ווען דער עולם, אבלדיק און פאַרפרוירן, האָט זיך געלאָזט צום טויער פון בית עולם, האָט זיך די מוטער אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ לעטאַרגיע, זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פאַטשיילע, פאַרבראָכן די הענט, זיי אי פּצוהייבן אין דער הויך איבערן קאָפּ, און אויסגעבראָכן אין אַ ביטערן געוויין, אַ געוויין פון אַ צעבראָכענער, פון אַן עלנטער אַלטער מוטער, וואָס האָט פאַרלוירן איר איינציקן זון און איינציקן שפּייזער. זי האָט ווידער גענומען רייסן הויפן גרויע האָר פון קאָפּ (אין ליטע האָט מען

נישט שטאַרק געהאַלטן פון שייטלען) און זיך געוואָרפן אויף דער ערד, אין שניי...

פאַרלוירענע און צערודערטע פון גאַנצן טאָג און פון דעם אומגליק, זענען מיר געשטאַנען אַרום איר אַפּהענטיק, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, ביז דער אַלטיטשקער גוטמוטיקער קברן האָט זיך אַריינגעמישט און אָנגעהויבן מיט איר איינטענהן:

— „אשה, אשה! גענוג צו רייסן, אשה, איצט גיי זאָגן „צדוק הדין". איצט גייען מיר דאַוונען מעריב, הייבט זיך אויף אשה, נעמט זיך צונויף, נו, לאָמיר גיין"...

זענען מיר דרייסטער געוואָרן, גענומען די אַלטע אונטער די הענט, זי אויפגעהויבן, אַרומגערייניקט דעם שניי, זי איינגעהילט אין דער פאַטשיילע און אַריינגעבראַכט אין תפילה־שטיבל פון בית־עולם. לכתחילה איז אַלץ אַוועק כשורה, ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיט דעם ענדיקן מיר דעם שווערן טאָג. ס'האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַנדערש. די אַלטע האָט זיך פאַרריכט די האָר, אַנגעטאָן דאָס טיכל אויפן קאָפּ, אָפּגעווישט ס'פּנים מיטן אַרבל, און מיט צעבראָכן געלאָסן קול זיך אָפּגערופן: — „איר זענט יידן, זענט איר, ניין? איך בין אַ וויסטע אלמנה. זיין טאַטע איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען 6 יאָר, נישטאָ קיין איינציקער קרוב אַ מאַנסביל אַט דאָ אויפן גוטן אָרט, אויב איר וועט דאָ נישט בלייבן און דאַוונען מעריב און זאָגן קדיש" — — — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ דערשטיקט באַגייט געוויין, — „וועל איך אייך קיינעם, קיינמאָל נישט מוחל זיין, קיינמאָל נישט, נאָך מיר וועט שוין קיינער נישט זאָגן קדיש, ווי איז מיר, ווי און ווינד, נאָך אים, נאָך אים..."

היינט איז שווער צו פאַרשטיין די צעטומלונג, די פאַרלוירנקייט, וואָס די דאָזיקע ווענדונג פון אַ מאַמען האָט דאָ אַריינגעטראָגן צווישן אונדז, אַטעאיסטן, פרייזיניקע סאָציאַליסטן, מאַרקסיסטן, לינקע פועלי־ציוניסטן, וואָס האָבן לאַנג געענדיקט אונדזערע חשבונות מיטן סידור און מיט דער רעליגיע, און דאָ זעט מען נישט, נישט איין איינציקן עלטערן יידן אויף אַ רפואה, אַפילו דער אַלטיטשקער קברן איז אַנטרונען, און נישט געוואָרן, און אַט נאָך אַזאַ טאָג, נאָך אַזאַ קבורה, נאָך אַזעלכע פּ"יער־

דיקע רעדעס, און נאָך דער „שבועה״־געזאַנג, ווען זיך שטעלן יונגע פייער־דיקע פּועלי־ציוניסטן — לינקע — דאַוונען מעריב!

לכתחילה זענען מיר אַלע געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, נישט געוואַגט קוקן איינער אויפן צווייטן (אוי, ווי מיר זענען מקנא געווען יע־נע, וואָס זענען באַצייטנס אַוועק!) אָבער מיר קענען דאָך נישט איבערלאָזן די מוטער אין אַזאַ מעמד, ווי קענען מיר איר אַזוי מצער זיין? ווי קענען מיר איר לאָזן אַזוי, אָן אַ טראָפּן טרייסט, און דאָס „הערלעכע פריילן״, וואָס צוויי חברטעס האַלטן איר אונטער די אָרעמס?

יאָ, דוד סמאָליאַקאָוו, דער האַרציקער פאָלקס־מענטש, אונדזער על־טערער חבר, איז ווייזט אויס געווען בעסער, ווייכער, מענטשלעכער, גע־ניטער און געוואַגטער פון אונדז (וואו זענען דיינע ביינער אָדער דיין אַש, דודל?)... ער איז געווען געבירטיק אַ סלאָבאָדקער, ער איז אויסגעוואַקסן אונטער אַ שינדל־דאַך אין אַ הילצערנער הייזקע, ביי אַזאַ מוטער אַן אלמנה, וואָס שטייט דאָ פאַר אונדזערע אויגן ווי אַ פאַרוואורף. ער, דודל, דער שכן פון דער ישבה פון די באַרימטע מוסרניקעס, האָט אַ רגע צורו געלאָזט די „מאַרקסיסטישע דאָגמע״. ער איז אָן לאַנגע שהיות צו צום עמודל, אָנגעצונדן צוויי שטיקלעך ליכט, וואָס האָבן אויפגעפלאַמט און באַלויכטן דעם איבערשריפט איבערן עמוד „מה נורא המקום הזה״ און פאַרצויגן דעם „והוא רחום״.

מיר האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן אין האַלבן חושך, די שטיקלעך ליכט האָבן געפלעמלט און געטריפט, פון די מיילער האָט גע־שלאָגן אַ ווייסער דאַמף, שאָטנס, ווי מתים־סילועטן, האָבן געטאַנצט אויף די ווענט, מען האָט געמורמלט בציבור, זיך קוים צוגעשאָקלט, מיט די אויגן צו דער ערד...

איז אויסגעפאַלן אויף מיין גורל צו זאָגן דעם ערשטן, משמעות אויך דעם לעצטן קדיש, נאָך אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר, כאָטש מיינע על־טערן, וואָס זענען דורך די נאַציס אומגעקומען אָט דאָ נישט ווייט פון קאָוונער בית־עולם, אויפן גרינעם באַרג, האָבן נ אָ ך ד ע מ אָ ל ט ג ע ל ע ב ט. ס׳איז געווען איבער מיינע קרעפטן אריבערצוטראָגן דעם טיפן צער פון דער יידישער מאַמע, וואָס האָט איר טרייסט געזוכט אין איר אמונה. זי האָט אונדזערע געמיטער צעבראָכן: יתגדל ויתקדש!

(ס ו ף).

ביכער פון לייבל חיין־שמעוני

דערשינען אין בוענאָס איירעס:

„באַרג אַרויף" — דערציילונגען.

„טאָג־איין, טאָג־אויס" — ראָמאַן פון ארץ־ישראלדיקן לעבן.

„אונטערוועגס" — דערציילונגען.

דאָס בוך האָט באַקומען די „לייב־האָפּער"־פּרעמיע פונעם קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

די אַלע ביכער זענען אויספאַרקויפט.

דריי דערציילונגען לייבל חיין־שמעוניס זענען אויך פאַרעפּנטלעכט געוואָרן אין שפּאַניש אינעם בוך „איזראַעל פּאַר דענטראָ", אַרויסגעגעבן פונעם פאַרלאַג „קאַנדעלאַבראָ".

אינהאַלט

פון סובאַלקער לאַנדסלייט־פאַריין אין בוענאָס איירעס — 3
ל. חיין־שמעוני — ביאָגראַפישע שטריכן — 7
פון מחבר — 13

ערשטער טייל: אין אָנהויב

באַגינען — 19
טויבן — 26
זאַלץ — 40
דאָס היטל — 65
די ערדציטערניש — 84
פאַרברענטע יאָרן — 113
דער קורצער פרילינג — 145

צווייטער טייל: ליטע (1925 - 1920)

בראשית... — 189
אַ בנין אויף זאַמד — 216
וויכוחים — 230
אינעם „האָניק"־פעריאָד — 235
„אינטערמעצאָ" — 244
אַקאָרדן — 250
סמאָלע — 255
די „פרידמאַנאַדע" — 270
באַרג אַראָפּ — 282
צום סוף — 302

דריטער טייל: ליטווישע תפיסות

אין אַרעסט־הויז — 315
אין דער מיליטערישער תפיסה — 319
אין זשוואַלגיבע — 322
אין דער איבערגאַנגס־תפיסה (די „פּערעסילנע") — 326

אין דער צענטראַלער — „געלער" טורמע — — — — — — — — — 331
אין קאַמער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 335
מענטשן און פאַרבינדונגען — — — — — — — — — — — — — — 346
דער אויפשטאַנד — — — — — — — — — — — — — — — — 355
גאַלין — 363
אויף די נאַרעס — — — — — — — — — — — — — — — — 376

פערטער טייל: אָראָפּגעפאַלענע בלעטער

באַראַכאָוו און די ליטווינער — — — — — — — — — — — — — 389
די קאָנפערענץ אונטער פלאַמען — — — — — — — — — — — — 402
אויף יאַנאָווער גאַס — — — — — — — — — — — — — — — 417
קדיש — 436

Este libro se terminó de imprimir el 30 de junio 1959, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes 1976, Buenos Aires